STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03434

OYF DRAY KONTINENTN

B. Demblin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. דעמבלין

אויף דריי קאָנטינענטן

ב. דעמבלין

אויף דריי קאָנטינענטן

געקליבענע נאָוועלן

פֿאַרלאַג

מענדעלע־פאַנד
בײַ דער געזעלשאַפֿט פֿאַר קולטור און הילף
מעקסיקע

מעקסיקע, 1963

DEMBLIN

DE TRES CONTINENTES

●

Copyright 1963
By Beniamin Teitelbaum
New York, N. Y.

EDICION DEL FONDO MENDELSON
DE LA SOCIEDAD PRO CULTURA Y AYUDA,
A. C.

MEXICO, D. F.
1963

אַ רעפּיודזשי אין ניי-ענגלאַנד

(ראָמאַן)

קאַפּיטל איינס

דער צוג פֿון ניו־יאָרק קיין באָסטאָן איז ראַפּטום אָנגעלאָפֿן אויף דעם קליינעם סטאַנציעלע, זיך אָפּגעשטעלט און אַ צענטליק מענטשן זענען אויסגעשטיגן פֿון די וואַגאָנעס, צווישן זיי — די דאָקטאָרין העלענאַ ק. זיידנער, אַ מיידל פֿון אַ יאָר זעקס, זיבן און צוואַנציק.

זי האָט געטראָגן שיך מיט נידעריקע קלעצלעך, אַ ווײַס בליוזקעלע מיט אַרבל ביז די געלענקען, אַ שוואַרצע ספּודניצע שיער נישט ביז אירע קנעכלען. אַרום איר האַלדז איז געהאַנגען אַ דין קייטעלע מיט אַ גאָלדן מגן־דודל. אויפֿן קאָפּ, איבער דעם שווערן קאָקס האָר, טונקל שאַטינע, איז איר געזעסן אַ ווייכער כאַקי־הוט, מיט אַ העלפֿט פֿון געשטעפּטן ראַנד פֿאַרבויגן אַרויף, איבערן לינקן אויג. אויפֿן אָרעם, חוץ דעם שוואַרץ־ליאַקיר־טן האַנטבייטל, איז איר געהאַנגען אַ רעגן־מאַנטל, אַן אָפּגעבליאַקעוועטער ווי דער קאַפּעליוש.

דער קאָנדוקטאָר האָט אַראָפּגעשטעלט אירע צוויי וואַליזעס אויף דער פּלאַטפֿאָרם, געטאָן אַ פֿאָך צום מאַשיניסט, אַ סימן אַז ער קען שוין פֿאָרן און אַליין, מיטן פֿוסגבענקעלע אין האַנט, איז ער צוריק אַרײַן אין וואַגאָן.

ס'איז איצט געווען שפּעט אין יולי, נאָך האַלבן טאָג. די זון האָט געבלענדט און געבריט. דאָס מיידל, ווישנדיק מיט אַ טיכעלע דעם שווייס פֿון שטערן, פֿון געזיכט, האָט געקוקט אויף דער פּרעמדקייט אַרום זיך. די עטלעכע אויסגעשטיגענע פּאַסאַזשירן זענען גיך געהאַט אַוועק, דער צוג האָט זיך דערווייטערט. די קנוילן רויך פֿון לאָקאָמאָטיוו האָבן זיך געשפּרייט איבערן קאָפּ, זיך צעגאַנגען, זיך אויפֿגעלייזט אין דער בלויער, פֿון היץ ציטערנדיקער לופֿט. פּלוצים און אומבאַמערקט איז לעבן איר אויסגעוואַקסן אַ מאַן אין אַ צעקנייטשט, בלוי העמדל, אַן אַ היטל אויפֿן צעקודלטן קאָפּ:

— טאַקסי?

— יעס, פּליז.

דער מאַן האָט גענומען די צוויי וואַליזעס, זי איז אים נאָכגעגאַנגען צום אויטאָ, אײַנגעזעסן און די טאַקסי האָט געריירט.

ב. דעמבלין

ווי ווייל א קליין שטעטעלע נאר מיט וואסערע צוועלף, פופצן טויזנט איינוואוינער, איז דאך דאס „היי־היל" דער זיץ פון קאונטי, און אין „מיין־סטריט" איז שטענדיק רוישיק, פול מיט אנגעפארענע מאשינען פון די ארומיקע שטעטלעך און פארמס און אויף די טראטוארן ווימלען מענטשן. איצט אבער, אין דער בלענדעניש פון דער נאכמיטאג־זון, אין דער גליַ־איקער יולי־היץ, איז די ברייטע גאס געווען ליידיק, אן איין דורכגייער, אן איין קאר ביַי די זיַיטן פון וועג. די וויקלדעכלעך איבער די שויפענצ־טער פון די קראמען אין ביידע זיַיטן גאס זענען געהאנגען אראפגעלאז־טע. ווי מידע לעדענדלעך איבער דרימלענדיקע אויגן, גליַיך אלע קרעמער דא וואלטן איצט געשלאפן א נאכמיטאג־שלאף.

די טאקסי איז פארביַיגעפארן א קליין סקווערל. ס'איז דא געשטא־נען א בראנזענער מאנומענט מיט צוויי זעלנער־פיגורן אין קאנפעדעראט־קעס אויף זייערע קעפ. איינער פון די זעלנער, מיט דער ביקס געשטרעקט האט געוואכט איבער זיַין חבר, א פארוואונדעטן לעבן זיינע פיס, די ביקס שוין אוועקגעפאלן, די האנט אויף דער ברוסט, א געלעכערטע, א טויטלעך פארוואונדעטע.

נאך א צען מינוט פארן איבער שטילע רעזידענץ־גאסן, צווישן רייען צעוואקסענע ביימער, ווי אין קילע שאטנדיקע אליען, האט זיך די טאקסי אפגעשטעלט ביַים טירל פון א נידעריק איַיזערנער צוים — א שווארצע, א גלאנציק געפארבטע. דאס הויז אין מיטן גערטל, א ניים נאך, פון גע־טשעשעטן גאלדגרויען שטיין, איז געווען ווייך ארומגעשאטנט פון די צע־וואקסענע קליאנען (מייפלביימער). איבער דער גרינער לאנקע האט זיך געשלענגלט א וויַיס סטעזשקעלע פון איַיזערנעם טירל צו דער הויזטער, א ברייטע, א וויַיס געפארבטע, מיט צוויי טונקל־גרינע ציפרעסן־ביימלעך, ווי צוויי שומרים אין אירע ביידע זיַיטן.

זי האט געעפנט דאס טירל און מיט די וואליזעס גענומען גיין איבער דעם שטעגעלע צום טירבריקל מיט די פיר טרעפ ארויף. גייענדיק האט זי געקוקט ארום זיך, געהארכט די שטילקייט, געשניפט די לופט, אזא ריינע, א זיס שמעקעדיקע:

— וואס פאר א געבענטשטע רו, וואס פאר א געזיכערטקייט דא הויערט איבער די געמיטלעכע היַיזלעך, איבער די בלומען־גערטלעך, איבער די אראפגעלאזטע, שיין פארביקע זונדעכלעך פאר די צעעפנטע פענצטער.

די דאקטארין האט געגאפט, נישט געגלייבט די אייגענע אויגן:

— איז היַינט בלויז אין אייראפע דער זומער פון ניַינצן אכט און דרייסיק? איז דא, אין אמעריקע, אן אנדער יארהונדערט? ווייסט מען דא גארנישט, אז היטלער האט שוין פארכאפט עסטרייך, אז באלד וועט ער פארנעמען די סודעטן! אז טויזנטער און טויזנטער יידן אין דייטש־

א רעפּיודזשי אין נײַ־ענגלאַנד

לאַנד, אין עסטרײַך, אין טשעכאָסלאָוואַקיע זענען פאַגראָמירט, באַרויבט, אַז פ׳ל פון זיי באַגייען זעלבסטמאָרד! ווייסט מען דאָ גאָרנישט פון דעם אַלעם?

זי האָט אונטערגעהויבן דעם קלאַפּער, אַ מעשענער, אַ בלישטשעדיק גלאַנציקער, געטאָן מיט אים אַ קלאַפּ אין טיר און געוואַרט מיט אָנגע־שפּיצטע אויערן. אַ הינטל האָט זיך אינעווייניק צעבילט און אַ פרויען־שטים, אַ ווייך אָנגענעמע, האָט זיך צעשריגן אויף דעם הינטל:

— זײַ שטיל!

דאָס הינטל אָבער האָט, זעט אויס, נישט געהערט דער פרוים שרײַען, נאָר בילנדיק איז עס געלאָפן פאָרויס אירע שווער שאַרענדיקע טריט און נאָך איידער די פרוי האָט רעכט געעפנט די טיר, האָט דאָס כלבל, אַ זילבער גרויער פאָקסטעריער, מיט געדיכטע פורהענגלעך האָר פאַר זײַנע אויגן און אַ פירעקיק בערדל אַרום זײַן מאָרדעלע, ווי בײַ אַן אַלטן זיידן, געטאָן אַ שפּרונג גלײַך אויפן גאַסט.

— דו קליינער אויסוווּרף! האָט די דינסט, אַ הויכע, דיקע נעגערין, אין אַ העל גרינעם כאַלאַט, גוטמוטיק און מיט ליבשאַפט זיך כלומרשט געבייזערט אויפן הינטל, גיך עס געטאָן אַ כאַפּ און אַ שלײַדער הינטער זיך, צוריק אין שטוב אַרײַן און פאַר איר, דעם גאַסט, זייער ערנסט זיך אַנטשולדיקט:

— ס׳קיוז מי, דער הונט שור איז איבערגעפירט, דערבײַ האָבן אירע שוואַרצאַפּלען אין די גרויסע, בליאַנקע ווײַסלען זיך געגליטשט הין און צוריק, געפאָרשט דעם גאַסט, זי אָפּגעמאָסטן: — איי׳ל בעט דו ביזט די רעפּיו־דזשי־דאָקטאָרין? און, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט שוין אַ ברייטער שמייכל זיך צעלייגט אויף איר רונדן, שאָקאָלאַד־ברוינעם געזיכט: — מיי, מיי, די גאַנצע שטאָט דערוואַרט דאָך דיך מיט אומגעדולד! אַ פריידיקע האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט צו איינער פון די שטייענ־דיקע וואַליזעס.

— די גאַנצע שטאָט? האָט דאָס מיידל שמייכלענדיק געהויבן די אַקסלען און געוואָלט נעמען די צווייטע וואַליזע.

— אָ, נאָ, האָט די נעגערין, שוין אין טיפן ערנסט, געוויגט איר קאָפּ אויף ניין. — נאָ מעם! נישט דאָ, נישט בײַ אונדז אין ניו־ענגלאַנד! דאָ טראָגט נישט אַ דאָקטאָר זײַן באַגאַזש. — און זייער איידל, האָט זי אַרויסגענומען די וואַליזע פון דעם מיידלס האַנט.

ווי נאָר די דינסט האָט אין קאָרידאָר אַוועקגעשטעלט די וואַליזעס, צוגענומען בײַם גאַסט דעם מאַנטל, דעם הוט און איר אַרײַנגעוויזן אין דער עסשטוב, אין דער פראָנט־סאַליע, איז זי שוין צו צום טעלעפאָן אָנ־קלינגען דער „מעדעם” אין סטאָר, איר אָנזאָגן די פריידיקע נײַעס.

ב. דעמבלין

די דאָקטאָרין האָט זיך דערווײַל אַרומגעקוקט. ס'איז דאָ, אין דער עסשטוב, געשטאַנען אַ גרויסער, שווערער טיש מיט אַכט געבעטע שטולן מיט הויכע אָנלען־ווענטלעך. אַ ריזיקער קרעדענץ פֿול מיט געשליפֿן גלאָז־וואַרג, מיט פֿאַרצעלײַענע סערוויזן, מיט קליאַשן און אַלערליי באָקאַלן אויף הויכע, שלאַנקע פֿיסלעך. רעכטס, צווישן צוויי פֿענצטער, פֿאַרטונקלטע הינטער די אַראָפּגעלאָזענע זונדעכלעך, זענען געהאָנגען צוויי פֿאַרגרעסערטע פּאָרטרעטן אין ברייטע, אָפּגעגילדטע ראַמען. איין פּאָרטרעט — פֿון אַן אַלטן ייִדן מיט אַ ווײַסער באָרד און אַ סאַמעטן קאַפּל אויפֿן קאָפּ. דער צווייטער — פֿון אַן אַלטיטשקער פֿרוי אין אַ קאָפּקע מיט אַ הויכן טשיפּיק איבער איר שמאָלן, געראונצלטן שטערנדל.

אַ טיפֿער זיפֿץ האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דעם מיידלס האַרץ. אויך בײַ זײַ אין דער היים, אין ברעסלוי, זענען געהאָנגען אַזעלכע צוויי פּאָרטרעטן פֿון איר זיידן און באָבען, דער מוטערס עלטערן. וווּ זענען זיי איצט די פּאָרטרעטן? די עלטערן? זענען זיי נאָך אין ברעסלוי? האָבן שוין די היטלער־יונגען זיי אַרויסגעטריבן פֿון דער היים?

זי איז אַרײַן אין פֿראָנט־סאַליע, אַ זאַל מיט פֿענצטער אין אַלע דרײַ זײַטן און נאָך אַ ריזיק, האַלב רונד ווינער פֿענצטער אין סאַמע מיטן. אויך דאָ איז געווען האַלב טונקל און שטיל. די טריט אירע זענען פֿאַרלוירן געוואָרן אין טיף פּליושענעם, כינעזישן טעפּיך, אַ גאָלדיק געלער מיט פֿאַרביקע קווייטן אין זײַן מיטן, אין די פֿיר ווינקלען. קאַווע־טישלעך מיט מאַרמאָר־פּלאַטן זענען געשטאַנען לענג־אויס די ווייך געבעטע שטולן, די ווייכע קאַנאַפּעס, אַלע איבערגעצויגענע מיט פֿײַנע בראָקאַטן אין גרין, אין באָרדאָ, אין גאָלדיקן געל.

לעבן איינער פֿון די קאַנאַפּעס איז זי געבליבן שטיין. אין מיטן וואַנט, איבערגעצויגן מיט העל גרינע זיידטאַפּעטן, פֿול מיט פֿלי̇ענדיקע פֿייגל, מיטביימער, מיט פֿאַרליבטע פּאָרלעך אין אַלטאַנקעלעך, זענען געהאָנגען פּנים צו פּנים צוויי פֿאָטאָגראַפֿיעס, ווײַזט אויס פֿון אַ שוועסטער מיט אַ ברודער, ביידע אין די סטודענטישע, ברייט געפֿאַלבטע, שוואַרצע גראַדויר־סוטאַנעס מיט די פֿירעקיקע הוטן אויף זייערע קעפּ און אַ נאָכהענגענדיקן טראָלד אויף אַ זײַט פֿון זייערע געזיכטער.

ווי די צוויי פֿאָטאָגראַפֿיעס האָבן געהײַטערט איר געמיט, זי געוואָרעמט און דערמאָנט אָן איר אייגענעם ברודער און שוועסטערל אין ברעסלוי, אַזוי האָט די באַצירונג אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט זי דערדריקט, באַליידיקט איר סאַמע וועזן!

צוויי סקולפּטורלעך זענען דאָרט געהאָנגען אין ביידע זײַטן פֿון אַן איידל געשליפֿענעם שפּיגל, שוואַרץ ליאַקירטע סקולפּטורלעך. איינס פֿון אַ פֿאַריזער אַפּאַש אין געפּאַסטע הויזן, אין אַ הפֿקרדיק צעקנעפּלטן רעקל.

אַ רעפּיודזשי אין נײַ־ענגלאַנד

אויף זײַן קאָפּ צעפּלאָשעטע קודלעס איז אים זײַטיקלעך, אַזוי ווויליונ־געריש פאַררוקט אָן אַ זײַט, געזעסן אַ צעקנייטשטער קאַשקעט מיט אַ צע־בויגענעם דאַשעק איבער די גנביש פאַרזשמורעטע אויגן. אַרום האַלדז — דאָס אייביק רויטע אַפּאַשן־טיכל מיטן קנופּ אונטער דער מאָרדע.

די צווייטע פיגורקע איז געווען פון זײַן דאַמע, אַ פּאַריזער אַפּאַשן־נקבֿה. דער דעקאָלט איז בײַ איר געווען אַזוי טיף, אַז די צוויי בריסטן, פולע, גרויסע, זענען איר ביז דער העלפט געווען אין דרויסן, אַנטבלויזט און דאָס קליידל אירס — אַזוי אויסגעפּאַסט, אַז דער הינטער־חלק אירער אַ ברייטער, אַ גרויסער, האָט זיך דורכגעזען, ווי נאַקעט, מיט אַלע זײַנע בייגן און קאָנטורן.

— פוי, ווי וווּלגאַר, — האָט זיך אינסטינקטיוו דער אויסדרוק אַ ריס געג־טאָן פון צווישן אירע ליפּן. — מיט אַזאַ שמוץ, באַצירט מען אַזאַ פײַן־איינ־געאָרדנט הויז!

גראָד אין דער רגע האָט זיך אין דער ברייטער ראַם פון טיר, צווישן די פאַרנומענע פּאָרטיערן, זומערדיק דורכזיכטיקע, אַרײַנגעוויזן די מאַדאַם פון הויז, די מר״ס קאופמאַן, די פרוי פון פּרעזידענט פון דער ייִדישער קאָמיוניטי אין „היי־היל״.

דורך דעם אומגעריכטן דערזען זי, האָט די דאָקטאָרין אַ ציטער געטאָן, אַ צאַפּל אַזאַ, וואָס, נאָך מער ווי איבעררעשונג, איז דאָס געווען שרעק: האָט נישט אַ מאָל די פרוי געהערט וואָס זי האָט דאָ געזאָגט וועגן די סקולפּטורלעך?

ווי זי, אַזוי איז אויך די אַרײַנגעקומענע פרוי געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט. אַ רגע האָבן די צוויי פרויען אָפּגעמאָסטן איינע די אַנדע־רע און דער דמיון בײַ ביידע האָט געאַרבעט, אונטערגעצויגן סך־הכלען...

די מר״ס קאופמאַן איז, זעט אויס, געווען אַנטוישט: אָט דאָס איז זי? אויף אַזאַ יפה־פיה וועט איר סעמעלע זיך אומקוקן? ווײַל דאָס מיידל איז איר פאַרגעקומען ייִנגער פון די זעקס, זיבן און צוואַנציק יאָר, וואָס זי ווייסט, אַז יענע דאַרף אַלט זײַן, איז די אַנטוישונג אין דער מר״ס קאופמאַן געווען גרעסער, שאַרפער. אַ יונג מיידל זאָל זיך קליידן אַזוי אַלט מאָדיש? אַ שוואַרצע, וואָלענע ספּודניצע אין אַזאַ היץ? שיך אויף נידעריקע קלעצ־לעך? און אַזאַ קאָקס האָר אויפן קאָפּ? פאַר וואָס נעמט זי נישט אַ באָיש־באָרב!

אין דער איינער רגע האָט די מר״ס קאופמאַן אויך געזען, אַז דאָס מיידל האָט נישט קיין שטויבעלע פודער, קיין לעק רוזש אויף איר פּנים און צו וואָס האָט זי זיך אָנגעהאָנגען אַ קייטעלע מיט אַ מגן־דודל אויפן האַלדז? אַז די שיקסעס טראָגן צלמלעך, מוז זי זיי נאָכטאָן מיט אַ מגן־דוד?

ב. דעמבלין

דערפאַר אָבער איז די דאָקטאָרין נישט געווען אַנטוישט אין דער מר"ס קאופמאַן. פאַרקערט, די פרוי אין דעם געבלימטן קלייד מיט דעם בלויען שטרויענעם היטעלע, אַ באַצירטס מיט בינטלעך העל רויטע ווייַנשלען, די פרוי איז איר שטאַרק געפעלן. אויך איר מוטער איז אַזאַ ברונעטקע, אויך ביי דער מוטער זילבערן זיך שוין פעדעם אין אירע האָר. בלויז אין די אויגן שיידט זיך די פרוי אונטער פון איר מוטער. זי, דאָ, האָט גרינע, שמאָל פאַרזשמורעטע אויגן, בייזלעכע, און איר מוטערס אויגן זענען ברייט אָפענע, לאַכעדיקע, גוטמוטיקע, ברוינע אויגן.

זי האָט גענומען אַנטקעגנגיין דער פרוי צו דער טיר. אַבי נאָר זי זעט איין, אַז יענע האָט נישט געהערט איר אויסדרוק וועגן דער העסלעכקייט פון די אַפּאַשן־פיגורקעס, איז פון איר אַוועק דער צענער, דער צאַפּל און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט האָט זי באַגריסט די אַרייַנגעקומענע פרוי:

— מר"ס קאופמאַן?

— דאָקטאָר זיידנער? האָט די פרוי גענומען איר אויסגעשטרעקטע האַנט. — מ'קוקט דאָך אייַך אַזוי אויס! אַלץ איז דאָך פאַר אייַך אָנגעגרייט. אַ הערלעכע וווינונג, טייַער מעבל. „די מיין טינג", נאָר נישט געזאָרגט!

אויסער איר אַלטמאָדישקייט אין קליידן זיך, געפעלט איר דאָס מיידל גאַנץ וואויל פאַר איר סעמעלען און ווי אַ מאַמע האָט זי שוין גענומען זאָרגן, פלאַטערן:

— איר מוזט דאָך געווים זיין הונגעריק?

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, האָט דאָס מיידל שמייכלענדיק געשאָקלט מיט איר קאָפּ אויף ניין.

— שור? — האָט די מר"ס קאופמאַן געפאָרשט דעם מיידלס בליק, צי זי נאַרט זי נישט.

— ערנסט, האָט די דאָקטאָרין איר פאַרזיכערט און דערבייַ איר אַ גלעט געטאָן אויפן אַקסל, ווי זי פלעגט עס טאָן אויס ליבשאַפט צו דער מוטער: — ערנסט, ווי זי איז נישט הונגעריק!

— אָלרייט, האָט די מר"ס קאופמאַן אַ זאָג געטאָן און געכאַפּט אַ קוק אויף איר געלענק־זייגערל: „עני־האַו" (סיוווי) עסן מיר זעקס אַ זייגער „סאַפּער". „די מיין טינג" נאָר נישט זאָרגן. אין דער פרי נאָך האָט זי פאַרבעטן, אַ גאַנצע רייַ פריינד אויף באַלד נאָך „סאַפּער". „די מיין טינג" איז, זי זאָל זיך באַקענען מיט מענטשן. אַ דאָקטאָר מוז זיין אין „טירקולייישאָן"!

— אַ דאַנק, איז די דאָקטאָרין געווען גערירט, — אַ דאַנק! איר

זענט אזוי גוט צו מיר, זי ווייסט נישט פאר וואס מענטשן זאלן זײַן אזוי גוט צו איר, טאן פאר איר אזוי פיל!

— וואס הייסט פאר וואס? האט די מר"ם קאופמאן אנגעשטעלט א פאר פארשערישע אויגן אויף דעם מיידל. וואס איז דער מער מיט איר? מאכט זי זיך נאר אזוי? אדער איז זי טאקע אזא נארישע יעקעכע? היט־לער מיינט דען נאר זי? האט די מר"ם קאופמאן זי געפרעגט און באלד זיך אליין געענטפערט: — ער מיינט דאך אלע יידן! אויך אונדז אין אמעריקע מיינט ער דאך. די דײַטשן אין יארקוויל הייבן דאך שוין אויף די קעפ. זיי טראגן ברוינע העמדלעך מיט סוואסטיקעס אויף די ארעמס, שרײַען „הייל־היטלער". זי וויל נישט ברענגען איר מויל צום בייזן, נאר זאל, חלילה, ווײַטער אזוי גיין, וועט נאך היטלער זײַן אין אמעריקע אויך!

— דאס איז ריכטיק, האט די דאקטארין זיך געבראכן די הענט און טרויעריק געשאקלט מיט איר קאפ, — יא, לײדער, לײדער איז דאס זייער ריכטיק!

קאַפּיטל צוויי

פֿאַר נײַנצן אַכט און דרייסיק, איידער היטלער האָט פֿאַרכאַפּט עסטרײַך און דער גרויסער ייִדישער חורבן אויף יענער זייט ים האָט זיך אָנגעהויבן, זענען שטעטלעך ווי „היי־היל" מיט קליינע ייִדישע יִשובים, געווען אָפּגעזונדערטע אינדזעלעך מיט ווייניק בריקלעך צום הויפּטלאַנד. זיי זענען טאַקע געווען אויף די שליאַכן צווישן גרויסע, ייִדישע צענטערס, אָבער די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס זענען זיי פֿאַרבײַגעגאַנגען, זיי נישט באַרירט. אין די דעמאָלסטיקע, באַגרענעצטע פֿאָנד־זאַמלונגען צו לינדערן ייִדישע נויטן, האָט נישט געלוינט זיי אַרײַנצונעמען אין קאָן. דער צושטײַער, וואָס וואָלט פֿון אַזעלכע קהילות געקומען, וואָלט נישט באַרעכטיקט די הוצאות פֿון שיקן צו זיי מענטשן צו מינטערן, וועקן און אָרגאַניזירן.

זענען דאַמאָלט אַזעלכע ייִדישע געמיינדעס געווען פֿאַרטאָן נאָר אין זייער אייגן געמיינדע־לעבן, אין אויפֿהאַלטן, אויב נישט קיין שול, איז כאָטש דעם חלום פֿון האָבן אַ שול, אויב מ'איז נישט בכּוח צו לערנען די קינדער עפּעס ייִדישקייט, איז כאָטש רעדן וועגן דער נייטיקייט, זיך אַמפּערן, זוכן מיטלען און וועגן יאָ צו קענען זיי עפּעס לערנען.

און היי־היל איז געווען אייגס פֿון אָט די שטעטלעך. אין די צוואַנציקער יאָרן, מיט וואָסערע צען יאָר איידער דאָס אומגליק אין אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן, איז דאָרט קיין סימן פֿון אַ שול נישט געווען. שפּעטער, אַראָפּצונעמען פֿון זיך די בושה פֿאַר די קריסטלעכע שכנים, האָבן די אַכצן־צוואָנציק ייִדישע משפּחות אָפּגעקויפֿט אין אַ זײַטיק געסל פֿון „מיין־סטריט" אַן אַלטע הייזקע מיט אַ וועראַנדע בײַם אײַנגאַנג, אָנגעקלאַפּט איבערן דעכל פֿון דער וועראַנדע אַ מגן־דוד, אויפֿגעהאַנגען אַ שילדל: „ק"ק שערי שמים בהיי־היל", צענומען אינעווייניק די ווענט פֿון די קלענערע צימערן, די פֿראָנטשטוב זאָל זײַן גרעסער, אַרײַנגעשטעלט אַן ארון־קודש מיט אַ ספֿר־תּורה, אַן עמודל מיט אַ ששה נרות, אויפֿגעהאָנגען איבער דעם אַ „שויתי", אוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב אַן אַלטן טיש פֿאַר אַ שולחן, געקויפֿט עטלעכע טוץ אויפֿלייגשטולן און שוין איז געווען אַ שול צום דאַוונען!

אַ רעפּיודזשי אין ניי־ענגלאַנד

עס רעדט זיך נאָר אַזוי דאַווענען. בלויז ראש־השנה און יום־כּפּור זע־נען די ייִדן פון היי־היל געקומען מיט ווייבער און קינדער אין שולכל דאַווענען. אַ גאַנץ יאָר — אין די שבתים ווי אין דער וואָכן — זענען די טירן פון דער שול „שערי שמים" געווען גענוי אַזוי פאַרשלאָסן, ווי עס זענען געווען פאַרהאַקט די שערי שמים, די טויערן פון די הימלען פאַר ייִדישע טרערן און פאַר ייִדישע פּיין און יסורים.

שפּעטער אָבער, אַז די ייִדישע געמיינדע איז געוואַקסן. פון אַכצן־צוואַנציק זענען שוין געווען איבער פערציק ייִדישע משפחות, איז דאָס קהילה־לעבן געשטיגן. קיין מנין צום דאַווענען אַפילו אין אַ „שבת־מבר־כים" איז נאָך אַלץ נישט געווען, אָבער אַמפּערן און אַרומרייסן זיך איז שוין יאָ געווען איבער וואָס.

קודם האָבן ייִדן זיך געשפּאָלטן אין גרופּעס, געוואָרן באַזונדערע צד־דים. איין צד האָט געוואָלט די „שערי־שמים" אין היי־היל זאָל ווערן אַ קאָנסערוואַטיווע קאָנגרעגיישאָן. אַז מ'קען נישט אַריבער, האָבן זיי גע־טענהט, מוז מען אַרונטער. אַז ייִדן קענען נישט, צוליב ביזנעס, קומען אין שול פרייטיק פאַר נאַכט צו קבלת־שבת, זאָל מען זיך כאָטש צוזאַ־מענקומען נאָכן פאַרמאַכן די סטאָרס, נאָכן האָבן אָפּגעגעסן „סאַפּער" און דעמאָלט האָבן „סערוויסעס". אַ ביסל ייִדישקייט איז דאָך בעסער איי־דער גאָרנישט קיין ייִדישקייט.

האָט אָבער דער אַנדערער צד געזאָגט: לאָ מיט אַן אַלף! די שול „שערי־שמים" איז געגרינדעט געוואָרן ווי אַן אָרטאָדאָקסישע שול, וועט זי פאַרבלייבן אַן אָרטאָדאָקסישע שול! זייערע טאַטעס און זיידעס זע־נען געווען אָרטאָדאָקסישע ייִדן, וועלן זיי אויך זיין אָרטאָדאָקסישע ייִדן און צו קבלת־שבת מוזן ייִדן קומען פרייטיק פאַר נאַכט, אַז נישט איז מען מחלל דעם שבת!

האָבן די ערשטע געזאָגט: אדרבה, קומט! איר שטייט דאָך אָבער פרייטיק ביז שפּעט אין שבת אַריין אין די „סטאָרס" איז דאָס ביי אייך נישט קיין חילול־שבת?

האָבן די צווייטע געענטפערט: אמת ס'איז טאַקע חילול שבת, מ'באַ־גייט אָבער נישט נאָך אַן עבירה מיטן איינפירן נייע וועגן און, דער עיקר, מיטן וועלן אָפּנאַרן דעם רבונו־של־עולם, וואָס פון איין זייט איז מען מחלל דעם שבת דורך אָפן האַלטן די „סטאָרס" און, פון דער אַנדערער זייט, גייט מען אים אונטערקויפן מיטן מקדש זיין דעם שבת מיט פראַווען פאַר אים „סערוויסעס".

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אַ דריטער צד, וואָס האָט געטענהט: גוט, לאָמיר זאָגן די ייִדן פון היי־היל וועלן זיך צוזאַמענקומען נאָך סאַפּער אין שול אַריין צו „סערוויסעס", ווער אָבער וועט די „סערוויסעס" אָנ־

ב. דעמבלין

פירן? דער אלטער רעווערענד? ערשטנס, פארט ער נישט שבת און גיין אהיים פון שול איז פאר אים צו ווייט. צווייטנס, א פרומער ייד ווי ער, וועט פלוצים נעמען אנפירן „סערוויסעס"? און ווער וועט דאס וועלן הערן זיינע „סערוויסעס"?

האבן יידן זיך געאמפערט און דאס שולכל איז זיך געשטאנען פארמאכט. ערשט נאך דעם ווי די יידישע קאמיוניטי האט שוין געציילט איבער פערציק משפחות, ס'איז געגרינדעט געווארן א מענס־קלוב, א „סיסטערהוד" אזוי אז דער עולם איז שוין געווען צו גרויס צו קענען אפהאלטן די קאמיוניטי־מיטינגען אלע צוויי וואכן ביי עמעצן אנדערש אין הויז, האט מען געמוזט אויך אין מיטן יאר זיך צונויפקומען יעדן צווייטן זונטיק אין שול.

געווײנלעך האבן די נעשעפטסטיילן פון די מיטינגען, דאס ארומרעדן די נויטן פון דער קהילה, נישט לאנג געדויערט. איידער מ'האט זיך אומגעקוקט האבן שוין די פרויען פון דער „סיסטערהוד" זיך געפארעט אין קיך, פארבריט קאווע, פארפארעט טיי, געשטעלט צום טיש א קוכן, קיכעלעך, וואס צו יעדן מיטינג האט אן אנדערע פון זיי געבאקן. ערשט נאך דעם איבערבייס, האט זיך אנגעהויבן דער וויכטיקער טייל פון מיטינג, די „סאשל־ענטערטיינמענט", דאס צוזאמענדיקע פארברענגען, די פרויען — ביים שפילן „מאדזשאנג", „בינגא", די מענער און אויך טייל ווייבער — ביי א פינאקל, א פויקערל.

דער קארטנשפיל און די „מאדזשאנגס" זענען נישט, חלילה, געווען ווייל יידן האבן געוואלט געווינען געלט. פארקערט, יעדער איינער האט זיך געזעצט צום קארטנטישל בפירוש צו פארלירן און דאס — פון מצווה וועגן. ווארעם פון דעם געווינעכץ אין שול האט קיינער נישט גענומען פאר זיך קיין איין סענט. אלץ איז געגאנגען אין דער „קאמיוניטי־באנק", א מין צוגאב־הכנסה צו די מיטגליד־צאלונגען, וואס האבן נישט געקלעקט אויסצוהאלטן די שול, ווייל גראד צוליבן נישט דאווענען אין איר, איז שווערער נאך זי אויסצוהאלטן. אז מ'דאוונט אין א שול פאלט אריין פון א „מלא" פון א „מי־שברך", א מאל פון א שמחה. אבער אז מע דאוונט נישט, פון וואס זאל אריינפאלן? און צאלן דעם מארטגעדזש מוז מען און אויפהאלטן דעם רעווערענד אויך, דערצו נאך דארף מען אן אוצר פאר די דורכגייענדיקע משולחים און גלאט ארעמעלייט.

און גראד די מחנות ארעמע־לייט און משולחים, זענען כסדר געוואקסן. פון וואנען נעמען זיך ביי יידן אין אמעריקע אזוי פיל מדינהגייערס? יעדן טאג קומט אן אנדערער מיט „קרעדענשלס פון אן אינסטיטושאן", א ברודיקער בריוובויגן מיט סטעמפלען און אונטערשריפטן פון עפעס א ישיבה, א מושב־זקנים, א בית־יתומים, וואס אלע זענען זיי אין

אַ רעפּיודזשי אין ניי־ענגלאַנד

ארץ־ישראל, נאָר זייערע אָפּיסעס געפינען זיך אויף דער איסט־סאַיד אין ניו־יאָרק און אַלע ווינטשן זיי אַן אַ פולן קאָפּ, זאָגן צו דעם גאַנצן גן־עדן פאַר יעדן טאָלער, וואָס מע באַשטייערט זיך צו זייער הייליקער אַרבעט אין דער „עיר הקדושה ירושלים".

אַנדערע פון די משולחים פּראָווען נישט קיין אָנשטעלן מיט „קרעדענ־שלס". זיי זענען נעבעך מודה, אַז זיי גייען פאַר זיך אַליין, פאַר אַן אייגענעם בית־יתומים. וואָסי? אייגענע זיבן קינדער, וואָס האָבן נעבעך נישט קיין מאַמע, זענען נישט קיין יתומים?

פריִער, איידער מ'האָט דאָ איַינגעפירט די „קאָמיוניטי־באַנק", פלעגן די ייִדן אַרומקריכן איבער דער שטאָט און ווי אַ טיר אין אַ קראָם, אין אַ ייִדי־שער וואוינונג, אַהין האָבן זיי אַריַינמאַרשירט מיטן פאַרפּעצטן ברייוובויגן אין האַנט. ניט איינער פון זיי האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ קריסטלעך הויז. ס'איז איינפאַך געווען אַ חרפּה און אַ בושה פאַר די שכנים. וואָרעם ווי וויל יעדער ייִדישער קרעמער, ווי נאָר אַזאַ אָרעמאַן האָט זיך באַוויזן אויף זיין שוועל, האָט ער אים גליַיך אַנטקעגנגעטראָגן דעם קוואָדער, צי דעם האַלבן טאָלער, האָבן דאָך די קריסטלעכע קונים ציַיט געהאַט אויסצודרייען די קעפּ און גאַפן. קיין מאָל פריִער האָבן זיי נישט געהאַט געזען ייִדן מיט אַזוינע לאַנגע אָון, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיַין, פאַרקאָלטנטע בערד. און בכלל האָבן די קריסטן זיך געוואונדערט. ביי ווי גייען נישט קיין אָרע־מע־לייט איבער די היַיזער.

איצט אָבער, זינט הייַ־היל האָט איַינגעפירט אַ קאָמיוניטי־באַנק, איז אויס מיט די ייִדנס דראַלעווען איבער דער שטאָט, מיט זייער גיין איבער די סטאָרס. קומט אַ משולח, אָדער אַזוי אַן אָרעמאַן, ווייסט ער שוין אַז ער דאַרף גיין צום רעווערענד. ער, דער רעווערענד, קען זיך בעסער אויס אין די נעמען פון די אַלע אינסטיטוציעס. ער ווייסט שוין וועמען צו געבן צוויי טאָלער, וועמען אַ פינפערל און וועמען אַ גאַנץ צענערל. ער קען אויך בעסער האַלטן אַן אויג אויף יענע חברה־לייַט, וואָס קומען צו אָפט. דער עיקר אָבער וואָס ביַי אים פילן זיך די ייִדן אין דער היים. אַ מאָל איז זיך געווען אַ גאָטס־רחמנות אויף זיי. די מערסטע זענען דאָך פרומע ייִדן, פלעגן זיי דאָ אָפּדאַרן די טעג, דערהאַלטן די נשמה מיט וועלשענע ניס און אַ גלאָז וואַסער אין וועלכער שטוב. קיין שטיקל ברויט האָבן זיי דאָ ביַי קיינעם נישט געוואָלט אָנרירן. גוייִש ברויט, געבאַקן אין פענדלעך, אונ־טערגעשמירטע מיט פעטס, ווייסן זיי וואָסער פעטס דאָס איז? און חלה פון דעם פאַרקנעטעכץ האָבן דען די בעקער גענומען? היַינט אָבער האָבן די ייִדן אַ „פּיקניק". די קאָמיוניטי גיט דעם רעווערענד עקסטרע פופצן טאָלער אַ וואָך, די משולחים זאָלן דאָרטן קענען עסן אַ מאָלצייט, האָבן

ב. דעמבלין

נאכטלעגער און, אויב וועלכער פון זיי פאלט אריין אהער שפעט אין א פרייטיק, זאל ער אויך קענען ביים רעווערענד האלטן שבת.

וואלט שוין אלץ געווען גוט, זענען אבער צו די שטענדיקע אמפערנישן וועגן יא־אדער נישט־האבן „פרייטיק־צו־נאכטיקע־סערוויסן", נאך צוגעקומען נייע, וויכטיקערע אמפערנישן.

ס'יידישע יונגווארג וואקסט אונטער. יענע פון זיי, וואס פארן אוועק אין קאלעדזשעס, זענען טאקע דארטן אין געפאר, די אבער וואס זענען אין הייהיל זענען געוויס אין געפאר. זיי גייען אין קריסטלעכן קאמיוניטי־צענטער. דערווייל איז נאך, חלילה, גארנישט געשען. זאל אבער ווייטער אזוי גיין, וועלן די זין אנהייבן אהיימקומען מיט שיקסלעך און די טעכטער — מיט שקאצים. צו דעם נאך ווערן זיי מיט יעדן טאג אלץ מער פארגוי־אישט, אז קיין צלם פאר אן אלף קענען זיי דאך נישט! יענע פון זיי, וואס זענען נאך קליינערהייט געגאנגען צום רעווערענד לערנען א ביסל „היברו", ווילן אויך נישט מער גיין צו אים. ער איז צו אלט, זאגן זיי, די ציין אין מויל שאקלען זיך אים. איז ווידער די געמיינדע אין א פאר־לעגנהייט. וואס זאלן זיי טאן פריער? זאמלען א פאנד אויף א מער לייטיש שולכל מיט אן אודיטאריום, ס'יונגווארג זאל נישט דארפן גיין אין קריסטלעכן צענטער? אדער פריער ארויפברענגען א יונגן ראביי ער זאל מיט די „באיעס" שפילן בייזבאל, מיט די מיידלעך — פינג־פאנג און, פאר אין וועגס, זיי צוציען צו יידישקייט, לערנען מיט זיי דאווענען, זאגן קדיש, מאכן א ברכה איבער דער תורה. איז אבער א צרה, א יונגער ראביי וועט נישט אננעמען קיין שטעלע אין אזא שולכל, וואס האט אפילו נישט קיין באזונדער „סטאדי" פאר אים, דערצו נאך נעמט אזא ראביי צען טויזנט א יאר! פאר ווייניקער ווי פינף און זיבעציק הונדערט דאלער מעג מען פארגעסן עמעצן צו קריגן. ווי קען זיך אזא קליינע קאמיוניטי דאס אונטערנעמען?

זענען אזוי די אמפערנישן אנגעגאנגען ביז אין יענעם פאטאלן יאר ניינצן אכט און דרייסיק. אלע טאג זענען די אמעריקאנער צייטונגען ארויס מיט ריזיקע קעפ וועגן פאגראמען אויף יידן אין דייטשלאנד, אין עסטרייך, אין די טשעכישע סודעטן, וועגן אונטערגעצונדענע שולן און סינאגאגעס, וועגן טויזנטער יידן, וואס באגייען זעלבסטמארד, וועגן צענדליקער טוי־זנטער ארויסגעטריבענע, נאקעטע, בארוועטע, וואס וואלגערן זיך אין די האפנס, שלעפן זיך אין אלטע, געלעכערטע שיפלעך איבערן דוניי, איבער די אפענע ימען, קלאפן אין די טויערן פון לענדער און פעלקער, זוכן רעטונג, אנטרינונג, אבער די וועלט איז פאר זיי פארמאכט, פארהאמערט!

ווי וויל די טויערן פון אונדזער אמעריקע זענען אויך געווען פארשלאסן פאר די געפלאגטע, זענען דאך הונדערטער פון זיי, דורך אלערליי וועגן

און אומוועגן, דאָך אַרײַנגעקומען און די אַמעריקאַנער רעגירונג איז געווען גרייט אַרײַנצולאָזן מער, אויב נאָר די יידישע קאָמיוניטיס איבערן לאַנד וועלן די נײַ־געקומענע אַרײַנגעמען צו זיך, זיי באַזאָרגן מיט אַ וווינונג, מיט אַרבעט, גאַראַנטירן אַז קיינער פֿון זיי, אַ קראַנקער צי אַ שוואַכער, וועט נישט פֿאַלן צו לאַסט אויף קיין שטאַט, אויף קיין עפֿנטלעכער צדקה און הילפֿס־אינסטיטוציעס.

דערנסטמאָל האָבן די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אַלאַרמירט הונדערטער יידישע קהילות איבערן לאַנד און אַפֿילו די קלענסטע פֿון זיי האָבן געעפֿנט זייערע הערצער און קעשענעס, פֿונאַנדערגעשפּרייט זייערע אָרעמס, ווי נאָר יידן, ברידער, קענען דאָס, און שוין איז יעדער געמיינדע געווען גרייט אַרײַנצונעמען צו זיך ווער איין געפּלאָגטן יידן און ווער — צוויי, ווער — פֿינף און ווער — צען און מער.

אָט דעמאָלט האָבן זיך דאָס די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין ניו־יאָרק אויך דערמאָנט אָן דער קליינער, נײַ־ענגלענדער יידישער קהילה „הייהיל”, אַ שטעטל אויפֿן שליאַך צווישן באָסטאָן און ניו־יאָרק און, ווי יעדער אַנדערע יידישע געמיינדע, האָט אויך הײַ־היל אַוועקגערוקט אָן אַ זײַט די אייגענע נויטן און שוין גענומען זאָרגן אַרײַנצונעמען צו זיך כאָטש איין געפּלאָגטן יידן, באַזאָרגן ווייניקסטנס איין געראַטעוועטן רעפּיודזשי מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, מיט אַ בגד אויפֿן לײַב און אַ שטיקל ברויט אין מויל אַרײַן.

— טס'אָלרײַט, האָבן די יידן פֿון הײַ־היל, בײַ זייער קאָמיוניטי מיטינג, געשטאַרקט איינער דעם אַנדערן. — זאָל נאָר דער רעפּיודזשי קומען, ער וועט צווישן אונדז ג־שט פֿאַרלוירן ווערן!

— איף וואָרסט, קאָמס טו וואָרסט. (אויב, הייסט עס, קיין אַנדער עצה וועט נישט זײַן) האָט מר״ס אייכנבוים זיך אָנגערופֿן מיט אַן אָנצוהערנדיק שמייכעלע, — וועט אים דער פּרעזידענט אַרײַננעמען פֿאַר אַ קלערק אין זײַן פּרוכט־און גרינס־מאַרקעט. נישט אַזוי מ״ר קאָופּמאַן?

— וואָס עפּעס גראָד דער פּרעזידענט? האָט זיך מר״ס גאָלדשטיין אַרײַנגעמישט. מ״ר מייער קען אויך „יוזן” (נוצן) אַ קלערק אין זײַן דעפּאַרטמענט־סטאָר. דערבײַ האָט זי געוואָרפֿן אַ שמייכלדיק קוקעלע אין דער זײַט פֿון פֿאַרגווייִשטן, אַריסטאָקראַטיש אויסזעענדיקן יונגנמאַן: — „וואַט דו יו סיי?” (ווי מיינט איר?) מ״ר מייער?”

— זאָל נאָר דער רעפּיודזשי קומען, האָבן סײַ דער פּרעזידענט און סײַ מ״ר מייער, אייננצײַטיק זיך אָנגערופֿן — ער וועט דאָ נישט פֿאַרלוירן גיין.

קאַפּיטל דריי

יענעם זונטיק, צום „עקסטרע ספּעשל־מיטינג״, זענען ביידע זײַטן פֿון דער גאַס אַרום שולכל געווען פֿאַרשטעלט מיט קאַרס. אַלע ייִדן פֿון „היי־היל״ זענען זיך צונויפֿגעפֿאָרן, אַפּילו אַ טייל פֿון אונטערגעוואַקסענעם יונג־וואַרג איז מיטגעקומען צו דעם מיטינג.

אין לויף פֿון דער וואָך האָט ניו־יאָרק צוויי מאָל געהאַט געקלונגען אויפֿן טעלעפֿאָן צו מ״ר קאַופֿמאַן, דעם קאָמיוניטי־פּרעזידענט. פֿון ניו־יאָרקער אָפּיס האָט מען אים געלאָזט וויסן, אַז זיי ווילן דאָרט, זײַן קאָמיוניטי, היי־היל, זאָל אַדאָפּטירן אַ יידישע דאָקטאָרין, אַ מיידל פון אַ יאָר זעקס־זיבן און צוואַנציק. זי האָט שטודירט אין היידלבערג, נאָר צוליב היטלערן, האָט זי געמוזט אוועק פֿון דאָרט ענדיקן איר מעדיצינישן קורס אין דער פּאַריזער סאָרבאָנע. נאָך דעם האָט זי צוויי יאָר געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל אין לאָנ־דאָן. דים עקזאַמען צו מעגן פּראַקטיצירן אין אַמעריקע האָט זי דורכ־געמאַכט דאָ, אין זייער סטייט.

דערווײַל האָט נאָך מ״ר קאַופֿמאַן גאָרנישט געהאַט צוגעזאָגט. דער קאָמיוניטי־־מיטינג, האָט ער זיי געלאָזט וויסן, וועט אַלץ דעצידירן. איז ער דאָס איצט געשטאַנען אויבן אָן טיש, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער מאַן אין די פֿופֿציקער. דער פּליך זײַנער, אַרומגערעמט מיט אַ שמאָל פֿרענזע־לע גרוילעך שוואַרצע האָר, האָט געגלאַנצט אונטער די פֿאַרנאַכטיקע זונ־שטראַלן, אַרײַנגעפֿאַלענע דורכן אייבערשטן פֿענצטער, איבער די קעפּ פֿון זיצנדיקן עולם, גלײַך צו אים, אויף זײַן פּליך אַרויף.

אַ בלאַסער, מיט אַ רונדיק, פֿעטלעך פּנים, אין אַ טונקל בלויען אָנצוג, מיט אַ פֿײַערדיק רויטן שניפּס איבערן ווײַס בלאַנקענדיקן העמד, איז ער געשטאַנען אָן ערנסטער, געהאַלטן דאָס האַלצערנע פֿאָרזיץ־העמערל מיט דער גאַנצער אחריות פֿאַר דעם, וואָס זײַן קאָמיוניטי דאַרף דאָ באַלד באַשליסן.

ענדלעך, אַז די לעצט געקומענע, ביי דער טיר דאָרטן, האָבן זיך אײַנ־געזעצט און דאָס רוקן און סקריפּען פֿון די אויפֿלייגשטולן האָט אויפֿגע־הערט, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן העמערל אין טיש:

אַ רעפּיודזשי אין נײַ־ענגלאַנד

— לײדיס און דזשענטלמען, איך דערקלער דעם עקסטרע ספּעשל־מיטינג פֿון דער „הײ־היל" דזשויִש־קאָמיוניטי געזעצלעך דערעפֿנט!

דער עולם, נײַגעריק צו הערן דעם באַריכט וועגן רעפּיודזשי, וואָס ניו־יאָרק וויל אַהער שיקן, איז געבליבן שטיל — איין שטיק געהער.

מיט אַן אומזיכער קול האָט דער פּרעזידענט אָנגעהויבן זײַן באַריכט. אַז דער עולם וועט זײַן אומצופֿרידן פֿון דעם, וואָס ניו־יאָרק פֿאַרלאַנגט, דאָס האָט ער געוווּסט, האָט ער, דעריבער, געצײלט זײַנע ווערטער, ווי ער וואָלט זיי פֿריִער געוואָלט אַרומבעטן, ווײכער מאַכן אַ ביסל דעם האַרבן ווילן פֿון ניו־יאָרק, דער מיטינג זאָל זיך נישט צעשטורעמען:

— מײַנע שוועסטער און ברידער, לײדער האָב איך נישט קיין גוטע נײעס פֿאַר אײַך. זיי ווילן אונדז נישט שיקן קיין מאַן און נישט קיין פֿאַמיליע. ניו־יאָרק באַשטײט דערויף אַז נאָר אַ מײדל, אַ דאָקטאָרין, זאָל אונדזער קאָמיוניטי אויפֿנעמען. „וואַט'ז יור פּלעזשור"? (וואָס איז אײַער מיינונג?).

— אַ דאָקטאָרין? און נאָך אַ מײדל דערצו? איז געוואָרן אַ גערעדערײַ, אַ גערודער.

— מ"ר פּרעזידענט! האָט זיך דערהערט אַ ווײַבעריש קולכל און שוין איז פֿון צווישן עולם געווען אַרויסגעהויבן אַ שמאָל הענטל מיט רויט געפֿאַרבטע נעגל מיט אַ גרינעם עסמעראַלד אין גאָלדענעם בראַנזלעט אַרום דעם דינעם געלענקל.

— יעס, מר"ס אײכנבוים, האָט דער פּרעזידענט איר געגעבן דאָס וואָרט.

די מר"ס אײכנבוים, די פּרעזידענטין פֿון דער „סיסטערהוד", די אײגנטימערין פֿון צירונג־און בריליאַנטן־געשעפֿט אין שטאָט, כאָטש שוין אַ באָבע פֿון דערוואַקסענע אײניקלעך, האָט זיך שטענדיק געפּוצט ווי אַ יונג מײדעלע. איצט אָבער, אין דעם יאָר, וואָס זי האָט באַגראָבן דעם מאַן און איז געוואָרן אַ יונג אַלמנהלע, ווײסט זי שוין גאָרנישט וואָס מיט זיך צו טאָן. די נעגל ליאַקירט זי אויף דעם שרײַענדיקסטן רויט. די ברעמען האָט זי אויסגעצופּט אויף צוויי שמאָלע, דינע בויגנדלעך. די האָר האָט זי אָפּגעפֿאַרבט אויף אַ שאַטין ברוין, דערבײַ האָט זי אַ שטרײַף פֿון די האָר געלאָזט פֿאַרבן אויף גאָלדיק בלאָנד און דאָס פּונקט איבער איר לינקן אויג, דערצו נאָך האָט זי אָנגעהויבן טראָגן אַ ברוסטן־האַלטער מיט צוויי שפּיצן, וואָס שטעכן יעדן אין די אויגן, ווי זי וואָלט געווען אַן אַכצניאָריקע קאָקאָטין אין אַ נאַכט־קאַבאַרעט. און טאָמער איז דאָס ווייניק, האָט זי נאָך אָנגעהויבן פֿאָרן קיין באָסטאָן נעמען שוועדישע מאַסאַזשן, אַרונטערציִען די לויז געוואָרענע הויטן אונטערן גאָמבעלע, אַרויף צו די האָר, אַז קיין קנײטשעלע זאָל זיך נישט זען אויף איר אויסגעשמינקט פּנימל,

ב. דעמבלין

אויף איר נידעריק שטערנדל, דערצו נאָך, כאָטש ס'איז נאָך נישט אריבער דאָס יאָר, אז זי האָט באַגראָבן דעם מאַן, לויפֿט זי שוין אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק צו די גראָסזינגערס אין ניו־יאָרק־סטייט, זוכן אין זייער האָטעל דאָרטן אַ פֿרישן העכט...

— אַ מיידל? האָט די מר"ם אייכנבוים, שטייענדיק שוין צווישן זיצנ־דיקן עולם, איבערגעפֿרעגט דעם פּרעזידענט. — וואָס טויג אונדז דאָ אַ מיידל? אַ מיידל דאַרף דאָך חתונה האָבן, מיט וועמען קען זי דאָ, אין היי־היל, חתונה האָבן?

— שור, האָבן ווײַבער אויף די הינטערשטע בענקלעך בייז געמורמלט.

— חתונה האָבן וויל זי דאָך אַליין, צו וואָס דאַרף זי דאָ קאָנקורענטקעס?

דעם אמת געזאָגט, די מר"ם אייכנבוים, דער קאָכלעפֿל אין שטאָט, האָט גראָד איצט נישט אין זין געהאַט זיך. ווי קען זי זײַן אַ מיידלס קאָנ־קורעטקע? און וועמען איז דאָ, אין היי־היל, אויסצוקאָנקורירן? גע־טראַכט האָט זי גאָר וועגן דער מיס ווײדנפֿעלד, די מילינערין אין שטאָט.

מיט צען אָדער צוועלף יאָר צוריק איז די מיס ווײדנפֿעלד געקומען אין היי־היל. זי איז שוין דעמאָלט געווען אין די צוואָנציקער. וואָס איז דאָ פֿון איר געוואָרן? געמיינט זי וועט אַרײַנקריגן דעם יונגן לעם מייער, איז זי נעבעך געבליבן ביים מיינען.

די מיס ווײדנפֿעלד, עטלעכע שטולן אוועק פֿון דער מר"ם אייכנבוים, אַ הויכע, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, דורכגעזילבערט שוין מיט גרוי, זי האָט גלייך פֿאַרשטאַנען דער מר"ם אייכנבוימס הינטערגעדאַנקעלעך. פֿאַר־שווייגן איר טויג נישט. יעדער איינער דאָ ווייסט, אַז דער קאָכלעפֿל האָט זי אין זינען. נישט פֿאַרשווייגן — טויג אויך נישט, האָט זי אויפֿגעהויבן די האַנט:

— מ"ר פּרעזידענט!

— יעס, מיס ווײדנפֿעלד.

— איך זע נישט, האָט זי, שטייענדיק שוין, אָנגעהויבן רעדן און דערביי געוואָרפֿן אַ רוגזהדיק בליקעלע צו דער מר"ם אייכנבוים, — איך זע נישט פֿאַר וואָס די קאָמיוניטי דאַרף זיך מישן אין עמעצנס לעבן, צי איינער איז „סינגל" אָדער פֿאַרהייראַט, אַ מאַן צי אַ פֿרוי און וואָס זאָרגט זיך אַזוי די מר"ם אייכנבוים, וואָס די רעפּיודזשי איז נאָך אַ מיידל. די דאָק־טאָרין קומט דען אָהער מר"ם אייכנבוים זאָל זי חתונה מאַכן? זי אַליין איז נישט קעגן ברענגען די רעפּיודזשי, ווײַל יענע איז נאָך אַ מיידל, נאָר ווײַל זי איז אַ דאָקטאָרין. אין שטאָט זענען דאָ צוויי דאָקטוירים,ביידע קריסטן, ביידע דאָ געבוירענע. וואָס וועלן זיי זאָגן אַז מיר, די ייִדישע קאָמיוניטי, וועט דאָ נעמען באַזעצן אַ ייִדישן דאָקטאָר, דערצו נאָך אַ פֿרוי און אַ רעפּיודזשי!

אַ רעפּיודזשי אין ניי־ענגלאַנד

געוויינלעך טרעפֿט עס זעלטן, אַז דער יונגער לעם מייער, זאָל זיך מישן אין דעם, וואָס אַ קאָמיוניטי־מיטינג פֿאַרהאַנדלט. וואָס אַ שטייגער גייט אים אָן צי דער רעווערענד וועט קריגן נאָך אַ פֿינפֿערל אויף זײַן וועכנט־לעבן געהאַלט, אָדער וואָס דאַרף אים אָנגיין, צי די קאָמיוניטי וועט פֿריִער בויען אַ צענטער, אָדער פֿריִער אַראָפּברענגען אַ ראַביי? ער ווייסט דאָך אַז זיי וועלן נישט טאָן דאָס און נישט דאָס! ווו וועט אַזאַ קליינע קאָ־מיוניטי נעמען געלט אויף דעם? דערצו איז נישט ער און נישט זײַנע צוויי עלטערע שוועסטער טראַכטן גאָר צו האָבן אייגענע פֿאַמיליעס, זיי זאָלן אַ מאָל דאַרפֿן אַ ראַבײַ אָדער אַ צענטער. ער באַלאַנגט צו דער קאָנ־גרעגיישאָן ווי די קריסטן באַלאַנגען צו זייער טשוירטש. ער קומט צו די מיטינגען שפּילן אַ פּינאָקל, טרינקען אַ טעפּל קאַווע. נאָך אַלעמען זענען זיי אַ פֿײַנע גרופּע, די ייִדן אין היי־היל. נאָר די אַגנעס ווײדנפֿעלד! זי „שור" האָט חוצפּה! אַלײַן דאָ אַ פֿרעמדע, געקומען פֿון ברוקלין, זיך אַרײַנגעריסן אין אַ צווייטנס ביזנעס, וואָרנט זי נאָך אַנדערע קעגן קאָנ־קורענץ!

ווען זי, די מיס ווײדנפֿעלד, איז געקומען אין היי־היל, האָט זי זיך געעפֿנט אַן „עקסקלוסיוון" מילינערי־שאָפּ, בלויז פֿאַר רײַכע לײדיס. נאָר אַז די לײדיס זענען וויַיטער געפֿאָרן קיין באָסטאָן נאָך זייערע היט ווי זיי פֿאָרן אהין נאָך קליידער, שיך, אונטערוועש, איז זי געוואָרן אויס „עקס־קלוסיוו", אָנגעשטעלט אַ פֿולע סטאָר מיט שטייהענגערס, אַלע באַהאָנגען מיט פּאָפּולער געפּרײַזטע היט, געגנוי ווי בײַ אים, אין דעפּאַרטמענט־סטאָר פֿון „מייער און מייער". אים האָט דאָס נישט געאַרט. אַמעריקע איז אַ פֿרײַ לאַנד. אַז בײַ „מייער און מייער" קריגט מען פֿון אַ שפּילקע ביזן פֿײַנסטן אָנטועכץ פֿאַר דער גאַנצער פֿאַמיליע, פֿון אַ שרײַפּל ביז דעם פֿײַנ־סטן מעבל, מיינט דאָס נאָך נישט, אַז ער האָט אַ רעכט עמעצן צו פֿאַרביטן זיך צו עפֿענען אַ שיכסטאָר, אַ געשעפֿט פֿון קליידער, פֿון לאָמפּן, צי גאָר פֿון צירונג ווי די אייכנבוימס.

אויך צו איר, דער מיס ווײדנפֿעלד, האָט ער גאָרנישט פֿאַר וואָס זי איז נישט געבליבן בלויז בײַ איר מילינערי, נאָר אַרײַנגענומען אַלץ מער און מער אַרטיקלען ביז זי האָט שוין באַלד איר אייגנס אַ קליין דעפּאַרט־מענט־סטאָרקע. עס פֿאַרדריסט אים בלויז, ווײַל זי האָט דאָס געטאָן נישט צוליב ביזנעס, נאָר בלויז אים צו ערגערן, אים צו רייצן! און מיט אַלץ אַזוי! זינט זי האָט זיך דאָ באַזעצט איז זי נאָר אים אין וועג!

ווי נאָר זי איז אַהערגעקומען און זיך דערוווּסט, אַז ער איז נישט פֿאַר־הייראַט, האָט זי שוין אָנגעהויבן אים „וועמפּן", וואַרפֿן צו אים אויגן. איז דאָס געווים איר רעכט. זי איז אַ פֿרוי און קיינער קען זי פֿאַר דעם נישט באַשולדיקן. פֿאַרקערט, עס איז זײַן שולד, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אַרײַנ־

ציִען אין איר נעץ, זי געגומען קיין באָסטאָן אויף „וויקענדס”. געווים איז איר שטאָלץ פאַרוואונדיקט. זי דאַרף אָבער פאַר דעם זיך אַליין באַשולדיקן. איז עס זײַן שולד, וואָס זי האָט אים מער אָפּגעשטויסן ווי צוגעצויגן? ווי נאָר זי האָט זיך מיט אים באַקאַנט, האָט זי שוין נישט געהאַט קיין געדולד, שוין געוואָלט אים באַזיצן און „עקסקלוסיוו”! בלויז זי אַליין. און ער האָט גראָד פײַנט אַזאַ איבערגעאײַלטקייט. האָט זיך אַלץ צווישן זיי געענדיקט און ער מײַדט זי אויס. אויך איצט ביי דעם מיטינג וואָלט זי אים נישט אָנגעגאַנגען. רעדט זי אָבער וועגן קאָנקורענץ, וועגן גויִים און ייִדן. דאָס קען ער שוין נישט פאַרטראָגן! זיי אַלע, די צוגעפּאַרענע, מעגן, אויב זיי ווילן, זיך פילן געפאַלן קעגן די צוויי קריסט־לעכע דאָקטוירים. ער אָבער איז דאָ נישט קיין צוגעפּאָרענער. ער איז אַ גלײַכער אַמעריקאַנער מיט האַארד דזשייסאָן און טאָם קימבי. זײַן זיידע, דער אַלטער עוזר מייער, האָט שוין אין 1848 געגרינדעט אין היי־היל דעם דעפּאַרטמענט־סטאָר „מייער און מייער” און דענסטמאָל זענען נאָך דאָ נישט געווען נישט די דזשייסאָנס און נישט די קימבים!

— מ”ר פּרעזידענט! — האָט ער זיך געטאָן אַ שטעל אויף אַ בייזער, אַ דענערווירטער.

דער עולם, נישט געווינט לעפּלי מייער זאָל אַ מאָל אָנטיילנעמען אין מיטינג־פאַרהאַנדלונגען, האָט מיט נײַגיר אויסגעדרייט די קעפּ אַהינטער, צו דעם ווינקעלע, ווו ער זיצט שטענדיק אַ שטילער, פּיפּקעט זײַן ליולקעלע, גלײַך ער וואָלט גאָר דאָ נישט געווען. אַ נײַער לעם מייער איז איצט פאַר זיי געשטאַנען: ער האָט גאָרנישט געוואַרט דער פאָרזיצער זאָל אים געבן דאָס וואָרט, נאָר גלײַך גענומען רעדן:

— לײדיס און דזשענטלמען! איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָ גייט אָן! לויט דער לעצטער רעדנערין קען מען מיינען, אַז מיר זענען אין פּוילן צי גאָר אין רומעניע. איך וואונדער זיך אויף מיס ווײדנפעלד. זי איז דאָך אַן אַמעריקאַנערין, דאָ געבוירן און אויך איר אַלע זענט דאָך „סיטיזנס”, וואָס זשע האָט איר אַזוי מורא פאַר די גויִים? ווער, צום טײַיל, זענען ז'אָס דזשייסאָן און קימבי, זיי זאָלן אונדז פאַרביטן אַראָפּצוברענגען אין היי־היל אַ ייִדישן דאָקטאָר? און אַז דער דאָקטאָר איז אַ פרוי, איז וואָס? און אַז אַ רעפּיודזשי, איז וואָס? לײדיס און דזשענטלמען, איך זאָג, אַז פרויען דאַרפן זיך שעמען צו זײַן קעגן אַ פרוי, אַ ייִדישע דאָקטאָרין! מ”ר פּרעזידענט, איך שלאָג פאָר אונדזער קאָמיוניטי זאָל גלײַך מאַכן די נייטיקע אַראַנזשירונגען, די דאָקטאָרין זאָל קומען אַהער וואָס גיכער. „נע־ווער־מאַינד” (זאָל אײַך נישט אַרן) דזשייסאָן און קימבי. זיי לאָזט צו מיר. איך האָב מיט זיי געשפּילט באָל, געגאַנגען מיט זיי אין סקול, וועל איך זיי שוין „הענדלען”.

אַ רעפּיודזשי אין ניי־ענגלאַנד

צווישן עולם איז אַנגעשטאַנען אַ געפּאַטשעריי:

— ריכטיק, מ״ר מייער! ריכטיק ווי גאָלד!

אויך די מ״רס קאַופמאַן, דעם פּרעזידענטס ווייב, האָט געפּאַטשט און געשריגן: „ריכטיק!״

די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געשטאַנען און גערעדט, איז די מר״ס קאַופמאַן געזעסן אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אים און געשלונגען זײַן יעדער וואָרט, כאָטש צופרידענער וואָלט זי געווען ווען ער וואָלט זײַן קעגן ברענגען די יונגע דאָקטאָרין אין הײַ־היל, נישט חלילה ווײַל זי איז קעגן דעם געפּלאָגטן מיידל. אדרבה, זי מיינט אַז מען דאַרף די יונגע דאָקטאָרין יאָ דאָ באַזעצן. איר שמעקט אָבער נישט וואָס אויך לעם מייער וויל דאָס. זי איז אוודאי נישט קיין אויסנאַם. ווי אַלע יִדישע פרויען אין הײַ־היל, האָט זי אויך אַ סימפּאַטיע פאַר דעם יונגן מייער, נישט בלויז ווײַל ער איז אַ שיינער מאַנספּאַרשוין און אַ קאָמפּלימענט פון אים איז אויך בײַ איר זייער אָנגעלייגט. דאָס אַלץ מעג זיך זײַן אמת, דאָך ווינטשט זי אים אַל דאָס בייז!

אַליין אַ מאַמע פון אַן אונטערגעוואַקסענער טאָכטער, קען זי אים נישט פאַרגעבן זײַן „אַפּעיר״ מיט דער מ״ס ווײַדנפעלד. אַרומגעפירט זיך מיט אַ מיידל אַזאַ צײַט, זי אויסגענוצט און צום סוף זי אַוועקגוואָרפן. איז אפשר מיינט ער זיך, אַז די רעפּיודזשי־דאָקטאָרין וועט אים זײַן אַן אַנדער מיס ווײַדנפעלד? מאַכט ער אַ טעות! „יוראָפּישע״ מיידלעך האָבן מער שכל...

צו דער מיס ווײַדנפעלד האָט זי גראָד גאָרנישט פאַר איר זײַן קעגן דעם רעפּיודזשי־מיידל. אַליין נאָך אַלץ פאַרליבט, וויל זי נישט לעם מייער זאָל גלײַך האָבן אַן אַנדערע צו וועמען צו וואַרפן אויגן. זי פאַרשטייט אָבער נישט דעם קאָכלעפל די מר״ס אייכנבוים. פאַר וואָס איז זי קעגן דער יונגער דאָקטאָרין? אפשר וויל זי, דאָס יונגע אַלמנהלע, אַליין אָנ־הייבן צו „וועמפּן״ דעם יונגן מייער?...

וואָס אַן אמת, זי אַליין, די מר״ס קאַופמאַן, ווען אפילו זי זאָל נישט האָבן קיין אינטערעס, וואָלט זי אויך געשטימט מ׳זאָל דאָס מיידל דאָ באַ־זעצן. זי האָט אָבער יאָ אַן אינטערעס אין דער דאָקטאָרינס קומען. לעם מייער איז געווים פאַראינטערעסירט אין נאָך אַן אַפּערעלע. זי אָבער מיינט ביזנעס. איר סעמעלע, כאָטש ער איז אויף גאַנצע זעקס אָדער גאָר אַכט יאָר יִנגער פון לעם מייער, איז ער אויך שוין באַלד דרײַסיק. און זײַן שטענדיק האָבן אַרום זיך שיקסעס לאָזט זי נישט רוען. זי איז דאָך אַ מאַמע! אמת, סעמעלע איז אין קיין קאָלעדזש נישט געגאַנגען, ער איז אָבער דער גאַנצער „מענעדזשער״ אין די ביזנעס. זאָל זיך נאָר די רע־פּיודזשי־דאָקטאָרין באַזעצן אין הײַ־היל, וועט שוין אַלץ גוט זײַן. אַז אַ מיידל האָט געקענט אַנטלויפן פון היטלערן, אויסשטודירן אויף דאָקטאָר

ב. דעמבלין

אין „פּעריז״, אָנשפּאַרן אין לאָנדאָן, פון דאָרטן זיך דערשלאָגן קיין אַמע־ריקע, איז זי אַלרייט! אַז אַזאַ מיידל וועט וואַרפן אַן אייגל אויף סעמעלען, וועט ער זיך שוין פון אירע הענט נישט אַרויסדרייען! און מיט אַזאַ אייי־נער וועט סעמעלע נישט קענען פּראַוון זײַנע שטיק ווי ער פּראַוועט מיט זײַנע שיקסעס. אַ יִידיש מיידל, נאָך פון „יוראָפּ״ דערצו, האָט איר קאָפּ אויפן ריכטיקן אָרט...

— מ״ר פּרעזידענט, האָט זי זיך געווענדט צום מאַן מיט אַן אויפגע־הויבענער האַנט.

— יעס, מר״ס קאַופמאַן.

— לײדיס און דזשענטלמען, האָט זי, נישט אויפהייבנדיק זיך, גענומען רעדן צום עולם אַרום. — אַלע ווייסן, אַז איך בין נישט קיין רעדנערין און איך האַלט נישט קיין „ספּיטשעס״. הײַנט אָבער איז עפּעס אַנדערש. איך וויל נאָר מ׳זאָל מיר געבן צו פאַרשטיין פאַר וואָס פרויען זאָלן נישט קענען אַ פּרוי? פרויען זענען דאָך הײַנט גלײַך מיט מענער!

— אַט אַ באָי! (דאָס הייסט גערעדט) האָבן מענער מיט חוזק־שמייכע־לעך איר אונטערגעגעבן מוט. — אַט אַזוי מר״ס קאַופמאַן!

— אָרדער פּליז! האָט דער פּרעזידענט, אַנקוועטשנדיק פון ווײַב, געטאָן אַ קלאַפּ מיטן העמערל אין טיש.

— נעווער־מאַינד, (עס מאַכט נישט אויס) האָט די מר״ס קאַופמאַן, בייזלעך שוין, געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט צו די מענער מיט די חוזק־שמייכעלעך. — איך דאַרף זיך מיט סיינעם נישט פאַרהערן. איך זאָג, אַז פרויען זענען הײַנט גלײַך מיט די מענער און ייִדן אין אַמעריקע זענען גלײַכע סיטיזנס מיט די גויִים. מיר דאַרפן פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבן, נאָר ברענגען דאָס מיידל קיין הייההיל. זי וועט דאָ זײַן אַלרײַט!

ס׳איז ווידער געוואָרן אַ געפּאַטשעריי, אַפילו די מר״ס אייכנבוים האָט איצט געפּאַטשט בראַוואָ, צי ווײַל זי האָט אײַנגעזען איר טעות, צי ווײַל זי אַליין האָט שטענדיק האַלט צו ווײַזן די מענער זייער פּלאַץ, צי נאָר ווײַל זי האָט מיט דעם שטאַרקן פּאַטשן געוואָלט אָפּחוזקן פון דער מר״ס קאַופ־מאַן, וואָס זי רעדט נאָך אַלץ ביי די מיטינגען ייִדיש, ווײַל זי קען נישט, לויט איר, אַרויסרעדן קיין רעכט ענגליש וואָרט. סײַ־ווי, זי האָט געפּאַטשט און געשריגן:

— ריכטיק, מר״ס קאַופמאַן! ריכטיי ווי גאָלד!

די איינציקע וואָס האָט נישט געפּאַטשט, וואָס איז די גאַנצע צײַט גע־זעסן שטיל, דערשלאָגן, איז געווען די מים ווײַדנפעלד. באַטש קיינער האָט דאָס נישט געזאָגט און, איר נישט ווי צו טאָן, נישט געקוקט אין איר זײַט, האָבן דאָך אַלע געוווּסט, וואָס איר טרויעריק שווײַגן מיינט. אויך לעם מייער האָט דאָס גוט געוווּסט.

קאַפּיטל פיר

ווי ווײַל די מר"ס אייכנבוים האָט ערשט נעכטן זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט קעגן באַזעצן די רעפּיודזשי־דאָקטאָרין אין הײַ־היל, אַזוי איז זי שוין אויף צו מאָרגנס נאָכן מיטינג געווען „ביזי" מיט דעם מיידלס קומען.

באַלד אין דער פרי, ווי נאָר זי האָט געהאַט געעפנט די קראָם, ארויסגענומען פון דער אייזערנער קאַסע די פאַרביקע קעסטעלעך, פּליושענע און לעדערנע מיט אַלערליי צירונג און זיי אויסגעשטעלט אויף די ווײַסע, אַטלאַס נעדעקטע טרעפּלעך אין שויפענצטער, איז זי שוין געזעסן בײַם טעלעפאָן און געקלונגען צו די קאָמיטע־פרויען פון דער „סיסטערהוד":

— מר"ס גאָלדשטיין ? האָט זי אַרײַנגערעדט אין טעלעפאָן־טרײַבל און דערבײַ געהאַלטן אַן אויג אויפן נעגער־מיידל וואָס האָט זיך געפּאָרעט זינטערן גלעזערנעם לאָדנטיש, ביי די אויפרוקשויבן פון די שענקלעך, זיי געוואשן, גערוימט. — מר"ס גאָלדשטיין ? אונדזער „סיסטערהוד" האָט זיך אונטערגענומען „עי ביעג טינג" (אַ גרויסע זאַך !). פאַר אַ פּראָסט מיידל איז גענוג אַ „בעדרום". אָבער פאַר אַ דאָקטאָרין מוז מען האָבן אַ שיינע וווינונג, נאָך מיט אַן אָפיס און לײַטישע „פוירניטשור" (מעבל).

— סאָ ווהאַט ! (איז וואָס ?) האָט די מר"ס גאָלדשטיין פון יענער זײַט טעלעפאָן זי געפּרוווט אראָפּפּלאַטשן. — דער ניו־יאָרק־אָפיס לײַט דאָך איר פינף הונדערט דאָלער !

— „ביג־שפּיעל !" האָט די מר"ס אייכנבוים, דורך אַ הייב מיט אירע נאַקעטע, אויסדרעקאָלטירטע אַקסלען מבטל געמאַכט די גאַנצע ניו־יאָרקער הילף. — פינף הונדערט שמאָליאַרעס ! אַ סך קען מען מיט דעם אויפטאָן ! ס'עט איר נישט קלעקן אַפילו אויף די אַלערליי מעדיצינישע טרײַבלעך, שערעלעך, צווענגעלעך און וואָס נאָך דאַרט אַ דאָקטאָר דאַרף האָבן.

אין דער אמתן, ווען אַפילו די רעפּיודזשי־דאָקטאָרין זאָל געווען קריגן צו לײַען צען מאָל צו פינף הונדערט דאָלער, וואָלט אויך די „סיסטערהוד" און מיט איר אַלע ייִדן אין שטעטל, געווען „ביזי" מיטן העלפן איר איינאָרדנען זיך. יעדער ייִדיש האַרץ איז געווען צעווייטיקט, פול מיט רחמנות צו

ב. דעמבלין

די געפּײַניקטע און געטריבענע שוועסטער און ברידער אויף יענער זייט ים, וואָס טאָג נאָך טאָג, דורך ראַדיאָ און דורך די ריזיקע צייטונגסקעפּ האָבן זיך געטראָגן זייערע ווײ־געשרייען, די וויסטע און פֿינצטערע בשורות פֿון עסטרײַך, פֿון דײַטשלאַנד, פֿון טשעכיען.

פֿריִער, כּל־זמן מ׳האָט זיך נאָך געאַמפּערט — יאָ ברענגען צי נישט ברענגען — האָט נאָך דער געזאַנג אַזוי און דער צווייטער אַנו׳ערש. אָבער ווי נאָר דער „קאָמיוניטי־מיטינג” האָט באַשלאָסן די דאָקטאָרין צו אַדאָפּטירן, האָט דאָס אַמפּערניש אויפֿגעהערט און יעדע ייִדישע פֿרוי האָט שוין געוואָרט מיט אומגעדולד, מיט דער גאַנצער וואַרעמקייט פֿון איר מוטערלעך האַרץ, אויפֿצונעמען דאָס געפּלאָגטע מיידל, זי צו צוטוליען צו זיך, היילן אירע וווּנדן, לינדערן אירע ווייטיקן.

קודם האָט די מר״ס אייכנבוים באַשטימט אַ קאָמיטע פֿון דער „סיסטערהוד” מיט זיך אַליין ווי די פּרעזידענטין, די מר״ס קאָופֿמאַן וויצע־פּרעזידענטין און די מר״ס גאָלדשטיין — סעקרעטאַרין. זיי, אָט די דרײַ אָנגעזעענע דאַמען אין שטאָט, האָבן זיך באַלד גענומען זוכן אַ פּאַסיקע וווינונג, וואָס אין אַ שטעטל ווי היי־היל האָט עס געטײַנט אָפּדינגען אַ הויז.

איז אָבער גלײַך אויפֿגעקומען אַ שוועריקייט. די דאָקטאָרין האָט דאָך נישט קיין קאַר, און באַסעס, חוץ דעם סקולבאַס פֿאַר קינדער, זענען אין היי־היל נישטאָ. מוז דאָך דאָס הויז, פֿון איין זײַט, זיין נאָענט צום צענטער, פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער, איז נישט פּאַסיק עס זאָל זײַן לעבן „מיין־סטריט”. אַ דאָקטאָרשע אָפּים דאַרף זיין „רעזידענשל”!

דערנאָך, אַז מ׳האָט שוין מיט מזל געהאַט אָפּגעדונגען ביי די קלאַרק־יורשים זייער פֿאַטערס הויז, אַן אַלט, האָלצערן געבײַ מיט הויכע פענצטער און געשניצטע געזימסלעך איבער זיי, וואָס הײַנט בויט מען גאָרניט אַזעלכע, אַ הויז וואָס איז געשטאַנען פֿאַרשלאָסן זינט דער אַלטער טימאָטי קלאַרק איז געשטאָרבן, שוין וואָסערע פֿינף יאָר, וואָס די ווײַסע פֿאַרב דערויף איז שוין געוואָרן גרוי, געפּלאַצט און זיך געשיילט פֿון די ברעטער ווי אַ קראַנק געוואָרענע הויט, האָט זיך איצט, נאָכן איבערנעמען דאָס הויז, ערשט אָנגעהויבן דאָס אמתע פֿאַרניש מיטן אויספֿאַרבן די שטיבן, סקאָ׳אָבען די דילן, וואַשן די שויבן, אויפֿהענגען פֿורהאַנגען, אַריינשטעלן מעבל!

איז אָבער דאָ, ביים אַרײַנשטעלן פֿאַר דער רעפֿיודזשי־דאָקטאָרין דאָס מעבל, אָנגעשטאַנען צווישן די ווײַבער אַ גרויס אַמפּערניש, אַ קידער־ווידער.

יעדע איינע פֿון די ייִדישע משפּחות האָט זיך שוין געהאַט ווויל אַרויפֿגעאַרבעט אין היי־היל. מ׳האָט שוין געוווינט אין רחבֿותדיקע הײַזער מיט נײַ מעבל, מיט ווייכע דיוואַנעס פֿון וואַנט צו וואַנט. און אַזוי ווי פֿאַרקויפֿן דאָס אַלטע מעבל איז אין שטעטלעך ווי היי־היל נישטאָ צו וועמען און אַרויסוואַרפֿן עס איז אי אַ שאָד, אי מ׳דאַרף נאָך שוין באַצאָלן דעם שטאָ־

אַ רעפּיודזשי אין נײַ־ענגלאַנד

טישן סאַניטאַר־דעפּאַרטמענט פֿאַרן שיקן טראָקס די אַרויסגעוואָרפֿענע שטיקער צוצונעמען און זיי אוועקפֿירן אָפּצוואַרפֿן ערגעץ אויף די הינטערשטאַטישע מיסטן, זענען בײַ אַלעמען די קעלערס און גאַראַדזשעס געווען פֿול מיט אַלטע קאַנאַפּעס און ווייכע שטולן, מיט קאָמאָדעס און שענקלעך, מיט טישן און אַלערלײַ קיכזאַכן.

האָבן דאָס איצט אַלע, בײַם אײַנאָרדנען אַ היים פֿאַר דעם רעפּיודזשימיידל, געוואָלט אויסנוצן די זעלטענע געלעגנהײַט אי פּטור צו ווערן פֿון אַ ביסל גראַטעס, אויסליידיקן דעם קעלער, דעם גאַראַדזש, אי נאָך האָבן אַ מצווה אויך! דערצו נאָך, דאָס וואַרעמע געפֿיל, וואָס מ׳וועט האָבן וויסנדיק אַז מ׳האָט עפּעס בײַגעשטײַערט! און יעדער מאָל, ווען נאָר מ׳וועט קומען צו דער דאָקטאָרין צו גאַסט, וועט מען קענען זיך מיט פֿרייען מיט איר:

„אַ יאָ ס׳איז פֿײַנע פֿורניטשור? דאָס איז דאָך פֿון אונדזער אייגן הויז גענומען און עס אַהער אַרײַנגעשטעלט"!

אָט צוליב דעם האָבן די דרײַ קאָמיטע־לײדיס בײצײַטנס שוין זיך גענומען ווערטלען און זיך אַרײַנזאָגן איינע דער אַנדערער:

— מר״ס קאַופֿמאַן! וואַט׳ס מעטער וויט יו? (וואָס איז דער מער מיט אײַך?) האָט די מר״ס אייכנבוים אויפֿגעהויבן איר דין קווייטשיק קולכל, אַזש די אָדערן אין האַלדז זענען איר אויפֿגעלאָפֿן, געוואָרן בלוי, — די אַלטע שטולן ווילט איר אַרײַנשטעלן אין אַ דאָקטאָרס אויפֿנעם־צימער? דער פֿליוש בײַ די אָרעמהאַלטערס איז דאָך שוואַרץ, אויסגעריבן! די זיצקישנס זענען דאָך אײַנגעפֿאַלענע גריבער!

— ווער עס רעדט! האָט די מר״ס קאַופֿמאַן זיך אָנגעצונדן צונטער רויט. — מר״ס אייכנבוים, מיר קען מ׳דאָך נישט דערציילן קיין מעשׂיות! איך האָב דאָך געזען אײַער שיינע „פֿורניטשור", וואָס איר ווילט דאָ אַרײַנשטעלן! אויף מײַן מיסטקאַסטן וואָלט איך דאָך אַזוינס נישט אַרויפֿגעלאָזט!

פֿונדעסטוועגן, נאָכן גאַנצן אַמפּערניש, האָבן די ווײַבער זיך אויסגעגליכן, זיך אײַנגעטיילט מיט דער מיצווה פֿון העלפֿן אַן אָרעם, געפּלאָגט מיידל. אַז מר״ס קאַופֿמאַן האָט אויסגעפֿירט מ׳זאָל אַרײַנשטעלן צו דער דאָקטאָרין איר קאַנאַפּע מיט די צוויי ווייכע שטולן, אַלע מיט באָרדאָ־פֿליוש איבערגעצויגן, האָט מר״ס גאָלדשטיין געפּועלט מ׳זאָל נעמען בײַ איר דאָס בעט און אַ שענקל מיט אַ שפּיגל איבער דעם און בײַ דער מר״ס אייכנבוים האָט מען גענומען איר קיכטיש מיט פֿיר שטולן.

די ווינציקער וויכטיקע „סיסטערהוד־מעמבערס" האָבן צוגעטראָגן ווער אַ לײַלעך, ווער עטלעכע טעפּלעך, ווער אַ ביסל אַלט געשיר און ווער אַן אויסגעריבענע בעטדעקע, ווער עטלעכע געלאַטעטע ציכן, ווער אַ וואָלענע סאָלדרע אויף צודעקן זיך, ווער פֿורהענגלעך אין קיך אַרײַן און ווער גאַרדי־

ב. דעמבלין

נען פֿאַר די שטובן ,וואָס צוליב די הויכע און ברייטע פֿענצטער זענען די פֿורהאַנגען געווען קורץ און שמאָל, אַזוי אַז די אונטערשטע שויבן זענען געבליבן נאַקעט, אָפּגעדעקט.

איצט, אַז די וווינונג איז געווען אויפֿגערוימט, אין אײַזקאַסטן איז געלעגן אײַז, און אַ פֿלאַש מילך איז געשטאַנען אָנגעגרייט און פּוטער אויך און אין ברויטקעסטל איז געווען ברויט און זעמל, האָבן די קאָמיטע־ווײַבער, וואָס אָט ערשט האָבן זיי זיך געקריגט, זיך שטעכעלירט, אויפֿגעוואָרפֿן איינע דער אַנדערער אַלערליי בייזקייטן, זיך ארומגענומען, זיך צעקושט, געוווּנטשן איינע דער אַנדערער צו האָבן נחת פֿון דעם געפּלאָגטן מיידל, וואָס מוז נעבעך זײַן אַ יתומה אוין:

— מ'זאָל נאָך דערלעבן זי צו פֿירן מיט מזל צו דער חופּה, האָט די מר"ם אייכנבוים, געווונטשן די קאָמיטע־ווײַבער, דערבײַ, ווינקנדיק מיט אַן אייגל צו דער מר"ם גאָלדשטיין, האָט זי צוגעגעבן:

— אפֿשר מיט סעמעלען? מר"ם קאופֿמאַן! ס'איז שוין לאַנג צייט סעם זאָל זיך „סעטלען", זיך אויפֿהערן ארומוואַלגערן מיט די שיקסעס.

ווי וויל דאָס זאָגעלע האָט דער מר"ם קאופֿמאַן געטאָן אַ ברען און זי האָט שטאַרק חשק געהאַט דער מר"ם אייכנבוים אריבערצופֿאָרן זי זאָל זי האָבן צו געדענקען פֿאַרן שטעכעלירן זי, אַז סעם וואַלגערט זיך מיט שיקסעס, האָט זי דאָך דאָס ברענעניש אַרונטערגעשלונגען און פֿרום געענטפֿערט:

— אמן, מערטשעשעם בײַ אײַערע אייניקלעך! אַ צוריקשטעבעלע דער מר"ם אייכנבוים, וואָס פֿאַרגעסט, אַז זי איז אַ באָבע, און פּאַראַדירט ארום מיט די צוויי שפּיציק אָנגעשטעלטע בריסטלעך, איינס אויף רעכטס און איינס אויף לינקס, ווי זי וואָלט נאָך געווען אַ יונג מיידעלע פֿון זעכצן יאָר.

קאַפּיטל פינף

יענעם טאָג זענען לכּבֿוד דעם גאַסט מ״ר קאָופמאַן און דער זון סעם אהיימגעקומען פון די ביזנעס פריִער ווי געוויינלעך. אָבער איידער נאָך זיי זענען אַרײַנגעקומען האָט די מר״ס קאָופמאַן זיך שוין געקליגט צו זעצן די דאָקטאָרין צום טיש לינקס פון מאַן, אַנטקעגן סעמען. יונגע מענטשן, זאָלן זיי זיך נענטער באַקענען. האָבן זיי זיך אָבער כּמעט ווי נישט באַקענט. באַקענט בײַ זײַן אַרײַנקומען האָבן זיי זיך גראָד יאָ, נאָר בײַם טיש האָט ער, סעם, זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף דעם מיידל. עפּעס האָט זי אים געערגערט, געווען אויף זײַנע נערוון.

ראָזאַלינד, די נעגער־דינסט, אין העל גרינעם כאַלאַט, האָט אויף אַ גרויסן פּולימעסאָק אַרײַנגעבראַכט אין עסשטוב דעם ראָאַסט, אַן אויסגעבראָטענעם קנויל פלייש, אַרומגענומען מיט שטריקלעך, ער זאָל נישט אײַנטרוקענען אין אויוון בעתן בראָטן. לעבן פּולימעסאָק מיטן ראָאַסט, האָט זי אויפן ווײַס געדעקטן טיש אַוועקגעשטעלט אַ טיפן טעלער מיט פעט אויסגעבראָטענע קאַרטאָפלעך, אַ וואַזע מיט סאָוס, זויערע אוגערקעלעך, לענגלעך צעפּערטלטע, אַ גרינעם סאַלאַט מיט רעדער טאָמאַטן.

די מוטער האָט גענומען שנײַדן פון ראָאַסט דיקע, רונדע פּריטשן. די רויט בלוטיקע זאַפטן זענען איר גערונען איבער מעסער־גאָפּל. די פּאַרע, אַ שמעקעדיקע, האָט זיך געהויבן, זיך געקרויזט אַרויף, אין דער הויך. דער שאַרפער ריח פון געבראָטנס, דורכגענומען מיט ציבעלע, מיט פעפער און קנאָבל האָט געקיצלט די נאָזלעכער, געשטאַרקט דעם אַפּעטיט, אַזש דאָס מויל האָט אים געוואַסערט, נעמט גאָר דער גרינהאָרן און לאָזט זיך אַרײַן אין אַ שמועס מיטן פאָטער וועגן „יוראָפּ״, וועגן די דײַטשן, וואָס אַלץ זיי צעטוען דאָרט מיט די ייִדן.

און וואָס צו דערציילן איז דאָך געווען! איבערן דונאַי האָבן זיך דערנאָכמאָל געטראָגן צעלעכצטע שיפלעך מיט ייִדן, וואָס די היטלער־יונגען האָבן געהאַט אַרויסגעטריבן פון עסטרײַך און קיין לאַנד האָט זיי, די נאַקעטע, באַרויבטע קרבנות, נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן צו זיך. דערצו נאָך האָבן די צײַטונגען אין ריזיקע קעפּ געברענגט די נײַעס, אַז די דײַטשן האָבן

ב. דעמבלין

אין ווין ארעסטירט צוואַנציק טויזנט יִדן, וואָס פּיל פּון זיי זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד!

די דאָקטאָרין, וואָס אַן אמת, האָט זיך געמיט נישט צו רעדן דער־וועגן. דאָס האָט זי דער פּאָטער אַרײַנגעצווינגען אין דעם גרויליקן שמועס. סײַ־ווי איז שוין דאָס עסן געווען פֿאַרשטערט. די מוטער האָט געהעשעט, געספּאַזמירט. די דאָקטאָרין האָט זיך געווישט די אויגן, אויך דעם פּאָ־טער זענען די טרערן געראָנען איבער די באַקן, האָט ער, סעם, אָפּגערוקט דעם טעלער, פֿאַררייכערט אַ ציגאַרעט און איז אַוועק פֿון טיש.

ערשט שפּעטער, אין פֿראָנטשטוב שוין, ער, זיצנדיק אויף איין קאַנאַפּע און זי, די דאָקטאָרין — אַנטקעגן אים אויף דער צווייטער, האָט ער זיך גענומען אומקוקן אויף איר, איז דאָס אָבער געווען פֿון סעמעלעס מין אומ־קוקן זיך, וואָס שוין פֿון זײַן ערשטן בליק זענען איר די בלוטן אָנגעלאָפֿן אין פּנים אַרײַן.

ווי אַלע יונגע פֿרויען, ווען זיי דערפֿילן אויף זיך די דורכדרינגענדיקע אויגן פֿון אַ מאַן און זיי נעמען אינסטינקטיוו זיך קורטשען, וואָס גיבער צו אַנטרינען פֿון יענעמס בליק, אַזוי האָט איצט די דאָקטאָרין גענומען שרומפּן אין זיך אַרײַן, נערוועז געטאַפּט די קנעפּלעך פֿון דער בליוזקע, צי זי איז געהעריק פֿאַרקנעפּלט, געצויגן נידעריקער אַראָפּ די ספּודניצע, וואָס טיפֿער צו פֿאַרדעקן פֿון זײַנע וווּלגאַרע אויגן די קני אירע. יונג מיידלשע, שיין געפֿאָרעמטע.

די מוטער, ווי פֿאַרטאָן זי איז געווען מיטן אַרײַנבריינגען אין פֿראָנט־שטוב און צעשטעלן אויף די קאַווע־שעלעך קליאַשן מיט פּרוכט, געשליפֿן גלאָזוואַרג, אָנגעפֿילטע מיט אַלערליי געשיילטע ניס, מיט טיטלען און פֿײַגן, קעסטלעך שאָקאָלאַד און טעצלעך מיט קיכלעך, דער כּיבוד פֿאַר די, וואָס דאַרפֿן זיך באַלד צוזאַמענקומען אויף דער „פּאַרטי" לכּבוד דעם גאַסט, האָט זי דאָך, אין איר נאַנצער פֿאַרטועדקייט, באַמערקט די פֿאַרשעמונג, וואָס איר סעמעלע האָט דאָ אָנגעיאָגט אין דעם מיידלס געזיכט.

זײַטיקלעך האָט זי בייז אָפּגעמאָסטן דעם יונג. ווען די דאָקטאָרין איז דאָ נישטאָ, וואָלט זי דעם זינדל אַראָפּגעלאָזט צוויי פּעטש פֿאַר דעם. זי האָט דאָך דאָס פֿאַרויסגעזען און מיט אים וועגן דעם גערעדט, אים גע־בעטן: סעם, עס גייט דאָ קומען אַ ייִדיש מיידל, „באַהייווו־זיך" (פֿיר זיך אויף לייטיש), זי איז אַ פֿײַן קינד. איך וועל זי אפֿשר וועלן פֿאַר אַ שנור.

— מאַ, האָט ער איר געלאַכט אין פּנים אַרײַן: — ווילסט מיך שוין ווי־דער חתונה מאַכן?

שטאָט ס׳זאָל דעם יונג אַרן, וואָס די מוטער האָט אים אַזוי בייז, אַזוי פֿילדײַטיק דורכגענומען מיט אירע אויגן און ער זאָל ווערן אַ ביסל באַ־שיידענער, אײַנגעהאַלטענער, איז ער גאָר געוואָרן נאָך דרייסטער און זיך

אַ רעפּיודזשי אין ניו־ענגלאַנד

איבערגעזעצט אויף דער צווייטער קאַנאַפּע, אַקסל צו אַקסל לעבן דער דאָקטאָרין.

אַזאַ איז ער שוין, סעמעלע! אַז ער קוקט זיך נישט אום אויף אַ מיידל, איז דאָס פאַר אים זייער נאַטירלעך. אָבער אַז דאָס זעלבע מיידל, דערצו נאָך די, אַ גרינהאָרן, זאָל זיך נישט אומקוקן אויף אים, גאָר זײַן פּאָרטאָן אין אַ „לײַף"־מאַגאַזין, דאָס האָט אים זייער נישט געשמעקט. צו אַזעל־כעס איז ער, סעם קאַופמאַן, נישט צוגעווינט.

— עי סיגאַרעט? האָט ער איר אונטערגעטראָגן דאָס פּעקל פּאַפּיראָסן און דערבײַ, פון די אויגן־ווינקלען, אויף ס׳ניי געוואָרפן אַ באַגערנדיקן בליק אויף איר בוזעם, אויף אירע פולע היפטן.

שטאָט אויף דעם פּעקל ציגאַרעטן, האָט די דאָקטאָרין אַנגעשטעלט איר בליק גלײַך אים אין די אויגן אַרײַן. דאָס איז אָבער נישט געווען שוין מער דער פריִערדיק דערשראָקענער בליק פון אַ פאַרשעמט מיידל, וואָס זוכט צו אַנטרינען מיט איר ביסל ווײַבלעכקייט פון אַן אדורכדרינגענדיקן ווול־גאַרן מאַן. דאָס איז געווען יענער מעסט־אָפּ, וואָס עס גיבן צו מאָל דרייס־טע פרויען צו אַ געמיינעם צעלאָזענעם יונג.

אַז דער יונג איז צעלאָזן און געמיין, דאָס האָט זי געזען פון זײַן זיכערן גאַנג, פון זײַן אָנטאָן זיך. ווי אַלע פון דעם מין מענער, מיינט אויך דער יונג, אַז זײַנע ציגײַנער־אויגן, די שמאָלע באַקנבערד, די געזונטע, רויטלע־כע פאַרב אין זײַן געזיכט און, די הויפּטזאַך, דאָס זײַן איבער זעקס פוס הויך, אַז דאָס איז אַלץ וואָס ער דאַרף צו קענען זײַן דער האַר און געביטער איבער דעם גאַנצן ווײַבלעכן מין. אַז די פרוי איז פאַר אים בלויז ווײַבע־ריש מין, זעט זי אויך פון זײַן קער און ריד. פאַר אים, ווי פאַר אַלע פון זײַן טיפּ־מענער, עקסיסטירט דאָך נישט די פרוי ווי אַ מענטש, גאָר בלויז ווי אַ בעט־קאָמפּאַניאָן פאַר זײַן פאַרגעניגן וועגן. ווער זי אַזאַ איינעם באַהאַנדלען ערנסט? ווי אירם גלײַכן? אַזאַ יונג מוז אַ פרוי ווײַזן זײַן אָרט!

— אַ דאַנק, זי רייכערט נישט.

— וו־אַ־אַ־ס? קיינע „ווײַסעס"? (זינדיקײַטן) האָט ער, מיט פרע־כער אָנצוהערעניש איר געשמייכלט אין די אויגן אַרײַן. — פריִער, בײַם טיש, האָט זי געזאָגט: ליקער טרינקט זי נישט. איצט — קיין ציגאַרעטן רייכערט זי נישט, וואָס זשע טוען יאָ די „יוראָפּישע" מיידלעך? גייען אין סינאַגאָג? אין טשווירטש?

— ער דאַרף זיך נישט זאָרגן, האָט זי מיט פלומרשטער צווײדײַטיקייט אים באַרויִקט. — די מיידלעך אין „יוראָפּ" האָבן זייערע „ווײַסעס" גענוי ווי די מיידלעך אין אַמעריקע. אויך זי האָט אירע „ווייסעס", האָט זי בכיוון אונטערגעשטראָכן דאָס דאָזיקע וואָרט.

ב. דעמבלין

— דאַמס ד'באַי! האָט ער, פֿון גרויס צופֿרידנקייט, זיך אַליין געטאָן אַ פּאַטש אין קני. — ער האָט ליב מיידלעך מיט „ווײַסעס". אַ פֿרוי הײַנט איז גלײַך מיטן מאַן. דערבײַ, אַ שטאַרק פֿאַראינטריגירטער שוין, האָט ער זיך צוגערוקט נענטער צו איר. — און וואָס פֿאַר אַ „ווײַסעס" אַ שטייגער, זענען אירע?

— זי האָט גראַד נישט ליב צו רעדן וועגן אירע „ווײַסעס", האָט זי גערעדט צו אים פֿלומרשט זייער ערנסט, נאָר אַזוי ווי ער וויל דאָס שטאַרק וויסן, זאָגט זי אים. זי היילט קראַנקע.

— אָ, זי מאַכט שפּאַס פֿון אים? האָט ער זײַטיקלעך געוואָרפֿן אַזאַ שאַרף פֿרעגנדיק בליקעלע אויף איר.

— נאָ, האָט זי נאָך אַלץ פֿלומרשט ערנסט אים באַרויִקט. — קיין שפּאַס נישט. זי האָט אַנדערע „ווײַסעס" אויך.

— אינטערעסאַנט, האָט ער אַ זאָג געטאָן, פֿלומרשט אויך ערנסט און אויף ס'נײַ פֿאַררייכערט אַ ציגאַרעט. ס'הײַסט אויב ווילצלען זיך, קען ער זיך אויך ווילצלען. — איז וואָס פֿאַר אַ „ווײַסעס" קען אַזאַ מיידל ווי זי האָבן?

— אָ, ער מעג זיכער זײַן, זי האָט גענוג „ווײַסעס", האָט זי נאָך אַלץ געפּרוּווט אים אָנצײַען.

— צום ביישפּיל? האָט ער זי נישט אָפּגעלאָזט.

— זי לייענט ביכער, שפּילט פּיאַנאָ, טעניס, גייט צו קאָנצערטן. „ביי די ווייי" (אַגבֿ), האָט זי גיך געטאָן אַ פֿיר אַראָפּ דעם געשפּרעך פֿון די זינלאָזיקייטן: — קומט דאָ, אין שטאָט אַ מאָל פֿאַר אַ קאָנצערט?

— אין דעם העק? (ווילדערניש) האָט ער זיך אַ קרום געטאָן מיט ביטול אויף דער שטאָט און דערבײַ אַרויסגעלאָזט אַ וואָלקנרויך פֿון טיף פֿאַרצויגענעם ציגאַרעט. — אין באָסטאָן קומען פֿאַר סימפֿאָנישע קאָנצערטן, אָבער דאָ?

— גייט ער אַ מאָל צו אַזאַ קאָנצערט?

ס'טירגלעקל אין קאָרידאָר האָט זיך צעקלונגען ווי ס'וואָלט דאָ געברענט. די דאָקטאָרין, אַ דערשראָקענע, האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ.

— ס'איז גאָרנישט, האָט מ"ר קאָופֿמאַן — פֿון טיש אוועקגייענדיק אין עסשטוב — זי באַרויִקט — דאָס איז מר"ס אייכנבוים, אונדזער „סיסטערהוד"-פּרעזידענטין. זי נוצט נישט דעם טירקלאַפּער. דאָס איז צו שטיל פֿאַר איר.

— אָ, זי איז „עי־קערעקטער"! (שוין איין מאָל אַ טיפּ) האָט סעם צוגעהאָלפֿן דעם פֿאָטער כאַראַקטעריזירן די מר"ס אייכנבוים.

אַ נײַגעריקע האָט די דאָקטאָרין געהאַלטן איר בליק געווענדט צו דער טיר, ווו צווישן די צענומענע פּאָרטיערן, העל גרינע, זומערדיק לײַכטע,

אויף דריי קאָנטינענטן

האָט זיך אַרײַנגעוויזן אַן אָנגעשמינקט פּנים פֿון אַ ווײַבל און באַלד הינטער איר — די מר"ס קאופֿמאַן:

— באַקענט זיך, דאָס איז אונדזער גאַסט, ד"ר העלענאַ זײַדנער, האָט די מר"ס קאופֿמאַן געוויזן אויפֿן מיידל און באַלד אומגעקערט איר האַנט צו דער אַרײַנגעקומענער: — און דאָס איז אונדזער „סיסטערהוד"־פּרעזי־דענטין, מר"ס אייכנבוים.

די מר"ס אייכנבוים האָט דערלאַנגט דער גאַסט די האַנט כאַטש אויף איר אויסגעליאַלקעוועט פּנימל האָט זיך באַוויזן אַ מינע ווי זי וואָלט דאָ איינגעשלונגען אַ וואָרעם. אירע ווײַבעריש שלויע אויגן, גרינלעך גרויע, האָבן געשטויגט: אָט דאָס איז זי? אַזוי זעט אויס אַ דאָקטאָרין פֿון „פּעריז"? פֿון לאָנדאָן?

ווי די „סיסטערהוד־פּרעזידענטין" זי, אַזוי האָט די דאָקטאָרין צוריק אָפּ־געמאָסטן די פּרעזידענטין, אָפּגעמאָסטן זי פֿון איר נאַסלעך גלאַנציק, אויס־געלעקלט קעפּל ביז די שפּיצן פֿון אירע שיכלעך, וואָס זענען גאָר קיין שיכלעך נישט, נאָר בלויז דינע זוילעכלעך מיט שמאָלע רימענטלעך אַרום אירע טענצלדיקע פֿיסלעך. נאָר אין אַמעריקע איז אַזוינס מעגלעך! אַן עלטערע פֿרוי זאָל זיך קליידן אַזוי פֿאַרשײַט! מיט אַזאַ טיפֿן דעקאָלט! זאָל זיך לאָזן אַזעלכע לאַנגע, שרײַיִק רויטע נעגל! זיך פֿאַרבן די האָר אויף ברוין און נאָך לאָזן אַ גאָלדיק בלאָנדן שטרײַף איבערן לינקן אויג! אַ גאַסנ־פֿרוי אין פּאַריז דערלויבט זיך דאָך נישט אַזוינס!

— זייער צופֿרידן אײַך צו קענען, האָבן די צוויי ווײַבער איינצײַטיק אָפּגעמאָלט דעם קאָנווענציאָנעלן ליגן און זיך גלײַך, אָפּגעקערט איינע פֿון דער אַנדערער. קלאָר — דער גאַסט איז נישט געפֿעלן דער פּרעזידענטין און די פּרעזידענטין האָט נישט אויסגענומען בײַם גאַסט!

באַלד נאָך מר"ס אייכנבוים, האָבן זיך אָנגעהויבן יאָווען די אַנדערע פֿאַרבעטענע געסט. אַלע ווײַל האָט זיך אין דרויסן, הינטער די אָפֿענע, זומערדיק צעפּראַלטע פֿענצטער אָפּגעשטעלט אַן אַנדער קאַר. צום ערשטן זענען געקומען די גרינבערגס, דערנאָך די גאָלדשטיינס, די וואַלדמאַנס, די סאָלאָמאָנס. די פֿישביינס. איידער מ'האָט זיך אומגעדרייט זענען די שטובן שוין געווען פֿול מיטן רויך פֿון ציגאַרן און ציגאַרעטן, מיט גערעדערײַ און געטומל.

אין איין זײַט פֿון דער גרויסער פֿראָנטשטוב זענען געזעסן די ווײַבער אין אַ באַזונדער קרענצל און שטילערהייט באַרעדט דעם גאַסט: „אַזוי זעען אויס „יוראָפּישע" מיידלעך? נאָך דערצו אַ דאָקטאָרין? אַ באָבע פֿון אַ הײַנטיק קליין שטעטל אין פּוילן, קליידט זיך דאָך מאָדישער פֿון איר"!

אין דער אַנדערער זײַט סאַליע, אַרום דער קאַנאַפּע מיט דער דאָקטאָ־

ב. דעמבלין

רין, זענען געזעסן די מענער. ערנסטע, מיט צער אין די אויגן, האט אלע מאל אן אנדערער זי געפרעגט:

— זענען דא א סך רעפיודזשים אין „פעריז״? אין לאנדאן? זענען אויך דא דײַטשישע רעפיודזשים צווישן די יידן? און ווי מיינט זי, וועט טאקע היטלער פארפירן א קריג? איצט? אז ער האט שוין עסטרײַך, אז מ׳לאזט אים נעמען די סודעטן?

— לײדער, לײדער, האט די דאקטארין זיך געבראכן די הענט. לײדער מיינט נישט היטלער נאר די סודעטן און עסטרײַך. און וועגן דײַטשישע־רעפיודזשים, זאל אמעריקע זיך נישט נארן. דײַטשן פארלאזן נישט זייער פאטערלאנד. די זענען אלע צופרידן מיט זייער פירער.

ראזאלינד, די נעגער־דינסט, האט סערווירט קאווע אין קליינע, פאר־צעלײַענע שעלעכלעך, רויט פינקלענדיקן טיי אין דינע געפינגערטע גלעזער, ארײַנגעשטעלטע אין זילבערנע טיישאלן, פיין געהאמערטע, מיט שלאנקע, אוואל געפארעמטע אויערלעך.

— ווו איז לעם מייער? האט די מר״ס אייכנבוים, מיטן שעלעכל קאווע אין הענטל, זיך פלוצים געכאפט, אז דער יונגער קאוואליער, נאך וועמענס א קאמפלימענט זי גייט לעצטנס אויס, איז נאך אלץ נישט געקומען.

די ווײַבער, ווער מיט א גלאז טיי בײַם מויל, ווער מיט א שאקאלאדקע אזוי עלעגאנט צווישן די מאניקירטע פינגער, האבן זיך איבערגעקוקט איינע דער אנדערער, זיך איבערגעווונקען: „נו, וואס זאגט מען נישט צו דער אלמנהלע? ווער עס ליגט איר אין זינען?״

די מר״ס קאופמאן האט זיך נישט געמאכט הערן, וואס די מר״ס אייכנ־בוים פרעגט דארטן. זי האט גראד יא אײַנגעלאדן דעם מ״ר מייער. נאר בײַ טאג, ווי נאר זי האט באקענט דאס מיידל און זי האט אנגעהויבן טראכטן אז די דאקטארין געפעלט איר פאר סעמעלען, האט זי שוין בא־דויערט דאס האבן פארבעטן דעם לעם מייער און געהאפט אז ער וועט הײַנט צו דער „פארטי״ נישט קומען. צוויי קעץ אין איין זאק איז נישט גוט. זי זעט דאך, אז סעם איז אין דעם מיידל פאראינטערעסירט. דער בעסטער סימן איז זייער פרײַערדיק ארײַנזאגן זיך איינע דעם אנדערן. ווי גייט דאס ווערטל אין דער אלטער היים? „ווער עס ליבט זיך, בײַסט זיך״.

פון קארידאר האט זיך דערטראגן א קלאפ אין טיר און באלד נאך איינעו. מר״ס קאופמאן, אין מיטן ארומשמײַען צווישן די געסט, זען יע־דער זאל עפעס נעמען צו דערכאפן זיך ס׳הארץ, האט אויסגעדרייט דעם קאפ: דאס איז געווים ער, לעם מייער! דער טײַוול האט אים דאך אנגע־טראגן! זי האט געטאן א שוועב אין קארידאר ארײַן:

— מ״ר מייער! האט זי אים באגעגנט מיט א שמײַכל, ווי זי וואלט דעם גאנצן אוונט געווארט נאר אויף אים, — וואס אזוי שפעט?

אַ רעפּיזאָדזשי אין ניו־ענגלאַנד

— האָו דו יו דו ? מ"ר מייער, האָט דער עולם אים געגריסט פֿון אַלע זײַטן.

— האָו איז עווערי־באָדי ? האָט ער אַלעמען צוריקגעגריסט פֿאַכנדיק מיט דער האַנט. באַלד האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער קאַנאַפּע:

— היי סעם !

— היי לעס, האָט אים סעם געענטפֿערט און אים געוויזן אויף דעם מיידל לעבן זיך:

— באַקען זיך מיט אונדזער גאַסט!

לעס מייער האָט זיך פֿאַרנייגט, די דאָקטאָרין האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט, אַ ווײַסע, אַן אויסגעאייִדלטע.

— איך הער די פּרווילײַן דאָקטאָר רעדט אַ פּליסיקן ענגליש, האָט ער איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט אין דײַטש.

— אָ, דער הער מייער שפּריכט דויטש ? האָט זי מיט פֿריידיקער איבעררעשונג אויפֿגעלויכטן, ווי זי וואָלט דאָ אומגעריכט באַגעגנט אַ נאָענטן און טײַערן פֿריינד. — ביטע, זיצן זי, האָט זי אים געוויזן אויף דער קאַנאַפּע רעכטס פֿון זיך און גאָר פֿאַרגעסן, אַז סעם זיצט לעבן איר לינקס. נישט בלויז וואָס דער הער מייער רעדט דויטש, איר פֿרייד מיט אים איז אויך געשטיגן צוליב דעם, וואָס די שטאָט, פֿון וואַנען זי קומט, איז אים אַזוי נאָענט:

— ברעסלאַו, האָט ער ווי געצערטלט דעם נאָמען. — ברעסלאַו, פֿון דאָרט איז דאָך זײַן „גראָספֿאָטער זעליק" געקומען נאָך ניו־ענגלאַנד און, ווייסט זי ווען דאָס איז געווען ? נאָך פֿאַר 1848, „ווען זאָ פֿיל דויטשן האָבן געלאָזן דאָס פֿאַטערלאַנד און געקומען נאָך אַמעריקע פֿרייהייט זוכן !"

— לײדער, לײדער זענען הײַנט אַנדערע דײַטשן, האָט זי מיט באַדויער געפּרוּווט אָפּקילן זײַן באַגײַסטערונג איבער די דײַטשן. די הײַנטיקע דײַטשן האָבן גאַנץ געערן די „היטלער־פֿרײַהײַט".

— מ"ר מייער, האָט מ"ר גרינבערג אומגעריכט זיך אַרײַנגעמישט אין זייער געשפּרעך, איר קומט אונדז אַ „רעפּאָרט" וועגן אײַער קאָנפֿערענץ מיט די דאָקטוירים.

דעם מ"ר גרינבערג האָט עס פּשוט געהויבן, די דאָקטאָרין זאָל וויסן וועער אייגנטלעך עס האָט געפּועלט, אַז דער קאָונטי־האָספּיטאַל זאָל זי אַזוי גיך אָננעמען אויפֿן סטעף. נאָך בײַם קאָמיוניטי־מיטינג, ווען דער לעס מייער האָט זיך מיט אַזאַ זיכערקייט געטאָן אַ שטעל אויף: „וועמען ? די דאָקטוירים דזשייסאָן און קימבי ? זיי לאָזט צו אים, ער וועט זיי שוין ענדלען !" נאָך דאַן האָט ער, מ"ר גרינבערג, געחלשט אַרײַנצוּוואַרפֿן אַ ווערטעלע: „געוויס, אויף פּיסק־מלאָכה, איז יעדער אַ בריה" !

די ייִדן אין היי־היל שטייט עס געוויס נישט אָן, אויך דער מ"ר קאַופֿמאַן

ב. דעמבלין

מאַכט זיך נישט ווימנדיק. ווי פּאַסט עס אים ? ער איז דאָך עפּעס פּרע־זידענט פֿון דער ייִדישער קאָמיוניטי ! דאָך ווייסן אַלע אַז פּועלן עפּעס בײַם גאָווערנאָר, קען נאָר ער, האַרי גרינבערג. דאָס ווייסט אויך וויל דער ניו־יאָרקער אַפּיס. זיי ווייסן, אַז ער מיטן גאָווערנאָר זענען ווי צוויי פֿינגער פֿון איין האַנט, קלאַפּן איינער דעם אַנדערן אין פּלייצע, רופֿן זיך בײַ די ערשטע נעמען, דער גאָווערנאָר אים — הערי און ער דעם גאָווער־נאָר — באָב. וועמען, וועמען, די פּאָליטישנס וועט קיינער נישט גענאַרן. לעם מייער מעג זיך טאַקע האַלטן גרויס ! אַ קלייניקייט ? זיין גראָספּאָטער „זעליק" מיט דער גראָסמוטער „שמייליק" האָבן נאָך אין 1848 פּאַרלייגט דאָ, אין היי־היל, זייער דעפּאַרטמענט־סטאָר „מייער און מייער". ווייסן אָבער די פּאָליטישנס אַז ביז ער, האַרי גרינבערג, האָט נישט אַריבערגע־ברענגט אַהער זײַן „דרעס־פֿעקטאָרי" פֿון ניו־יאָרק, האָט קיין פֿרוי אין גאַנצן סטייט נישט געהאַט וווּ צו פּאָרדינען אַ סענט ! ערשט זינט ער האָט אַרײַנגעברענגט „אינדוסטרי" אין דעם סטייט, גייען פֿינף הונדערט פֿרויען און אויך מענער אַהיים יעדער וואָך מיט „פּיידע". וואָלט ער איצט שטאַרק געוואָלט די דאָקטאָריז זאָל דאָס וויסן ! זאָל ער זיך נישט האַלטן אַזוי גרויס, דער לעם מייער:

— מ"ר מייער, איר זענט אונדז שולדיק אַ „רעפּאָרט" וועגן אײַער קאָנפֿערענץ מיט די דאָקטוירים דזשייסאָן און קימבי.

— אַלץ איז „אָ־קעי" האָט מ"ר מייער געפּרוּווט אויף גיך אָפּפּטרן דעם „רעפּאָרט" די דאָקטוירים האָבן גאָרנישט קעגן. זיי גיבן אַליין צו, אַז ווען זיי האָבן אַפּילו עפּעס קעגן, וואָלט זיי אויך נישט געהאָלפֿן. ניו־יאָרק, זעט אויס, האָט געצויגן דראָטן צום גאָווערנאָר אין סטייט.

— דאָקטוירים ? האָט די דאָקטאָרין אָנגעשטעלט אַ פֿרעגענדיקן בליק דאָ צו מ"ר גרינבערג, דאָ צום יונגן לעם מייער און באַלד צו אַלעמען אַרום. האָבן דען די דאָקטוירים עפּעס צו טאָן מיט איר ? אַלץ איז דאָך דער־ליידיקט. נאָך בײַ איר נעמען דעם סטייט עקזאַמען איז שוין געווען דער ענטפֿער פֿון האָספּיטאַל אַז זי איז אַקצעפּטירט, אַז זי קען אָנהייבן אַמטירן ווי נאָר זי באַזעצט זיך דאָ אין שטאָט.

— דאָס איז ריכטיק, האָט מ"ר מייער באַשטעטיקט אירע רייד, גענוי אַזוי האָבן ד"ר דזשייסאָן און קימבי אים אינפֿאָרמירט.

מ"ר גרינבערג האָט געשמייכלט, אַזוי צווויידײַטיק געשמייכלט: ווי שיין לעם מייער דרייט זיך דאָ אַרום: „ניו־יאָרק האָט געצויגן דראָטן... ווי ער האָט געחלשט די דאָקטאָרין זאָל וויסן, אַז נישט „ניו־יאָרק". נאָר דאָס האָט ער געצויגן פֿאַר איר די דראָטן בײַם גאָווערנאָר, האָט ער דאָך אויס באַשיידנקייט אַ זאָג געטאָן:

— אַלץ דער דזשווינט !

אויף דריי קאָנטינענטן

— „עי וואָנדערפֿול אָרגאַניזיישאָן!״ האָט די מר״ס אייכנבוים מיטן טעפּעלע קאַווע בײַ די אַנגערויטיקטע ליפּעלעך גלײַך אים צוגעבאָמקעט, דערבײַ, פֿון גרויס אַנטציקונג, האָט זי געוויגט איר אויסגעלעקלט קעפּל און די נאָכהענגענדיקע אויערינגען מיט די גרינע עמעראַלד־שטיינער האָבן זיך מיטגעוויגט מיט אירע אויערן, ווי אויך זיי וואָלטן צוגעבאָמקעט, אַז דער דזשוינט איז „עי וואָנדערפֿול אָרגאַניזיישאָן״.

דער איינציקער וואָס האָט נישט קיין אָנטייל גענומען אין דעם גאַנצן געשפּרעך, איז געווען סעם קאַופֿמאַן. ווי ער איז פֿריִער געווען באַרעדעוור־דיק און מאַנצבילש דרייסט, אַזוי איז ער איצט, ווי נאָר לעסלי מייער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער דאָקטאָרין, געוואָרן שטיל, ווי ער וואָלט מיט איין מאָל פאַרלוירן דאָס לשון. כּלומרשט האָט ער זיך אײַנגעהערט אין זייער שמועס, דאָ אויף דײַטש, וואָס ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט, דאָ אויף ענגליש און דאָ שוין ווידער אויף דײַטש, אין דער אמתן האָט ער גאָרנישט געהערט, ער האָט נאָר געזען, אַז ער איז דאָ איצט אַן איבעריקער, אַז מיט זײַן זיצן דאָ מאַכט ער זיי ענג און גאָך ענגער אים אַליין, ענג אין האַלדז צום דערשטיקט ווערן. אָ, ווען ער קען דאָ אומגעזען אַרויספֿאַר־לוירן ווערן פֿון דעם געטומל, פֿון דעם גערעדערײַ!

צי לעס מייער און די דאָקטאָרין האָבן אים געזען זיך אויפֿהייבן און אַרויסגיין פֿון דער שטוב, דאָס ווייסט ער נישט, זי אָבער, די מוטער, האָט דאָס גוט צוגעזען! איר האַרץ האָט זיך געקורטשעט אין ווייטיק צוזעענדיק, ווי סעמעלע זיצט ווי אַ שטומער און אָט הייבט ער זיך גאָר אויף פֿון דער קאַנאַפּע און ווערט פֿאַרלוירן צו זיך אין צימער אַרײַן!

כאָטש ווען מ׳פֿרעגט זי, האָט עס איר ערגעץ־ווו הנאה געטאָן: גוט אַזוי! איצט זעט ער שוין, סעמעלע, ווי גערעכט די מאַמע איז געווען. זי האָט דאָך אים קוים אײַנגעהאַלטן אין הײַ־סקול. אַז זי פֿלעגט אים וואָרענען: גערעדנק, סעם, אָן אַ קאָלעדזש־עדיוקיישאָן וועט קיין לײַטיש־מיידל זיך אויף דיר נישט וועלן אומקוקן, האָט ער זיך אויסגעלאַכט, געמיינט, אַז אַלע מיידלעך זענען ווי זײַנע שיקסעס — אַבי אַ פּאָר הויזן. איצט האָט ער זײַן באַצאָלונג!

פֿונדעסטוועגן איז זי דאָך אַ מאַמע, האָט זי געוואָלט פֿאַרדעקן, קיינער זאָל זיך נישט כאַפּן, אַז דער זון איז אַזוי פֿאַרשעמט אַרויספֿאַרלוירן גע־וואָרן פֿון שטוב, האָט זי גיך גענומען אַרומשמײַען צווישן דעם עולם מיט אַ קליאַש פּרוכט אין איין האַנט און אַ געשליפֿן טעצל מיט ניס און נאַשע־רייען אין דער אַנדערער:

— מר״ס גאָלדשטיין, איר פֿאַרזוכט דאָך גאָרנישט. מ״ר וואַלדמאַן, אַ „דײַט״ (אַ טייטל) אַ פֿײַג? ענד יו, מ״ר מייער? האָט זי צוגעטראָגן

ב. דעמבלין

דעם קליאַש פּרוכט האַרט צו זײַן געזיכט, אויבן אויף מיט אַ שמייכעלע, נאָר הינטערן שמייכעלע האָט געשפּראָצט די רוגזה: דער טײַוול האָט אים דאָ אַנגעטראָגן! אויך איר, דער דאָקטאָרין, האָט זי מיטן דערלאַנגען איר אַ פּרוכט, מיטגעשיקט אין געדאַנק אַ שטאָך: דער גרינהאָרן! וואָס האַלט זי זיך אַזוי אין גרויסן קעגן סעמען? זי מיינט, אַז זי האָט שוין געפּאַקט לעם מייערן? נישקשה, זי וועט גיך אויסגעפינען אַז לעם מייער איז נישט אַזאַ לייכט פייגעלע צום כאַפּן! זי קען נאָך בײַ אים האָבן דעם אייגענעם סוף, וואָס די מים ווײדנפעלד האָט געהאַט.

דאָס אויסשיסן איר גאַנצע רוגזה איז ערשט געשען בײַם אונטערטראָגן דעם קליאַש מיט פּרוכט דער מ״רס אייכנבוים אונטערן נעזל. די צוויי ווײַבער האָבן זיך גוט געקענט און נאָך בעסער זיך פאַרשטאַנען. כאָטש אויבן אויף איז מ׳זיך געווען טשוטשעלע־מוטשעלע, האָט דאָך די מר״ס קאָופמאַן נישט געקענט פאַרטראָגן דעם דוך פון דער מר״ס אייכנבוים. אַ פרוי זאָל אַזוי נישט האָבן קיין בושה! דער זון אירער איז דאָך שוין באַלד אין איין עלטער מיט לעם מייערן, וואָס־זשע דרייט זי זיך אַזוי אויפן קאָרעק אַרום אים? זי מיינט, זי איז נאָך אַ יונג מיידעלע, מאַכט פאַר אים הנדע־לעך און צעגייט פון גליק אַז ער וואַרפט איר צו אַ „העלאָ״.

פונקט אַזוי האָט די מר״ס אייכנבוים פאַרטראָגן די מר״ס קאָופמאַן. ווער, ווער — זי, די מר״ס אייכנבוים, האָט פאַרשטאַנען פאַר וואָס זי, די מר״ס קאָופמאַן, צערייסט זיך אַזוי רעם ספּאָדעק מ׳זאָל ברענגען דאָס מיידל קיין היי־היל. אַנדערע האָבן טאַקע געמיינט, אַז זי האָט אין זין דעם וויל־זיין פון דער דאָקטאָרין. זי אָבער, די מר״ס אייכנבוים, האָט גלײַך פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז „טאָכטער, דיך שטראָף איך און שנור, דיך מיין איך״. זי האָט דאָך גאָר אין זין געהאַט סעמעלען! אויסצוהיטן ס׳זינדל זאָל איר נישט חתונה האָבן מיט ווּעלכער שיקסע. האָט זי איצט אירס. אַ מצוה אויף איר וואָס דער גרינהאָרן וויל זיך אַפילו נישט אומקוקן אויפן זינדל. זי איז נישט קיין נאַר, די גרינע! דער דעפּאַרטמענט־סטאָר פון „מייער און מייער״ איז מער „באַרגיין״ (מציאה) ווי סעמס חלק אין פאָטערס פּרוכט־און גרינס־סטאָר...

— אפשר אַ „פּיטש״, מר״ס אייכנבוים? האָט די מר״ס קאָופמאַן איר אונטערגעטראָגן דעם קליאַש מיט פרוכט און געשמייכלט צו איר אַזוי זיס, כאָטש אין האַרץ האָט זי איר געווונטשן אַל דאָס בייז׳

— מיר דאַרף מען דערלאַנגען? מר״ס קאָופמאַן! איך טרעף דען נישט אַליין צו נעמען וואָס איך וויל?

— ענד האַו, (נאָך ווי!) האָט מר״ס קאָופמאַן זיך נישט אײַנגעהאַלטן צו געבן איר אַן אָפענעם שטאָך.

קאפיטל זעקס

שפעט נאָך האַלבער נאַכט האָט דער קאַראַוואַן מאַשינען, איינע הינטער דער אַנדערער, אַוועקגערירט פון די קאַופמאַנס הויז. דאָס האָט זי, די מר"ס קאַופמאַן, אַזוי אויסמאַנעווירט, אַז דער גאַנצער עולם זאָל פון דער „פּאַרטי" פאָרן אָפּפירן דעם גאַסט אַהיים. אין דעם הויז, וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַר איר.

אָנהייב אָוונט איז גראָד איר פּלאַן געווען אַן אַנדערער. אָנהייב אָוונט האָט זי גאָר געטראַכט, אַז נאָך דער „פּאַרטי", ווען אַלע וועלן זיך צעגיין אַהיים, וועט סעם אָפּפירן די דאָקטאָרין אין זיין „שעווי". זאָלן נאָר די צוויי לײַט זײַן צוזאַמען. אַז יונגע מענטשן זענען צוזאַמען, דערצו נאָך אין אָוונט, אַליין אין אַ קאַר, דערנענטערט מען זיך און אַז יונגע מענטשן דערנענטערן זיך, ווערט אַ שידוך.

ערשט שפּעטער, אַז לעם מייער האָט זיך, אומגעריכט־שוין, אָנגעטראָגן און זי האָט געזען ווי ער און די דאָקטאָרין זענען אַזוי פאַרקאָכט, אַז זי קוקט זיך שוין גאָרנישט אום אויף סעמען, אַז דער יונג, אַ פאַרביטערטער, האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון דער „פּאַרטי" און זיך פאַרמאַכט איינער אַליין ביי זיך אין צימער, האָט שוין איר פריִערדיקער פּלאַן אין גאַנצן נישט גע־טויגט. לעם מייער קען נאָך פאַרבעטן די דאָקטאָרין אין זײַן קאַר און זי אַליין אָפּפירן אַהיים. האָט זי דאָס, כלומרשט אויס כבוד צום גאַסט, פאַר־געלייגט, אַז דער גאַנצער עולם זאָל באַגלייטן דאָס מיידל אין איר נײַער היים אַרײַן. זי האָט בלויז נאָך געדאַרפט אַרײַנלאָקן דעם זון ער זאָל וועלן מיטפאָרן. האָט איר קעפּעלע אויך דאָ זיך נישט פאַרלוירן. אומשולדיק כלומרשט האָט זי אָנגעקלאַפּט אין סעמס טיר און, אויף דער שוועל, אײַנ־געטענהעט מיט אים: ער ווייסט דאָך, אַז דעם פאָטער איז שווער צו פירן די מאַשין בײַ נאַכט. מוז ער דאָך איבערנעמען דעם „קאַדילאַק".

נאָך דעם, אַז אַלץ האָט זיך איר אַזוי פײַן אויסגעלייגט, איז שוין נישט שווער געווען דאָס מאַנעווירן זי זאָל האָבן די צוויי לײַט צוזאַמען. גאַנץ איינפאַך, ווען דער עולם האָט זיך קלומפּנווייז גענומען אַרויסשטופּן פון צעליכטיקטן הויז אין טונקעלן דרויסן אַרײַן, האָט זי גאַנץ אומשולדיק גע־

ב. דעמבלין

נומען די דאָקטאָרין אונטערן אָרעם און זי אַרײַנגעשיבט אין „קאַדילאַק״, אויפֿן פֿראַנטזיץ, לעבן סעמען.

צי דאָס האָט לעם מייערן געשמעקט? מסתמא נישט. צי די דאָקטאָרין האָט זיך געכאַפּט אויף דעם? זיכער יאָ! עס אַרט זי אָבער נישט, דער מר"ס קאָופמאַן. אַרויסקריגן סעמען פֿון הויז, ער זאָל נישט זיצן אַליין אין שטוב פֿאַרביטערט, בעת אין דרויסן רוישט מיט געלעכטער, מיט גערעדעריי, מיט פֿאָרן, איז פֿאַר איר, דער מאַמען געווען וויכטיקער ווי זייער יאָ אָדער נישט ווײסן. דער עיקר: די דאָקטאָרין זיצט לעבן סעמען און נישט לעבן לעם מייער!

די אויטאָס, איינע הינטער דער אַנדערער, ווי צו אַ חתונה, האָבן געצויגן איבער די שפּעט נאַכטיקע, אײַנגעשלאָפֿענע געסלעך, שטילע, שוואַך באַלויכטענע. בלויז אין די גאַסן־ווינקלען האָט דאָס עלעקטרישע ליכט פֿון שטייענדיקן לאָמפּ זיך דורכגעזייט דורכן געדיכטן בלעטער־געפֿלעכט פֿון די ברייט צעוואָקסענעביימער און זיך צעשפּריצט איבערן שוואַרצן אַספֿאַלט, אויף די דעכלעך פֿון די דורכלויפֿנדיקע מאַשינען אין דראָבנע, גאָלדענע פֿלעקן, וואָס האָבן זיך געוויגט און געציטערט בײַם מינדסטן בלאָז פֿון אַ ווינטל.

בײַם דורכצײַען דורכן שטעטל, פֿון ווײַכן מערבֿ־קוואַרטל, וווּ די קאָופֿמאַן־רעזידענץ איז געשטאַנען, צום אָרעמען מזרח־טייל, וווּ דאָס הויז פֿאַר דער דאָקטאָרין איז געווען, איז דער קאַראַוואַן מאַשינען אַרײַן אין „מיין־סטריט״. די גאַס דאָ האָט געבלענדט מיט ליכט. די עלעקטרישע לאָמפּן, צו פֿינף אין אַ קלומפּער, געדיכט צעשטעלט אויף ביידע זײַטן טראָטואַרן, האָבן איצט באַלויכטן אַ פּוסטע גאַס, אַ לאַנגע, אַ ברייטע, אַ ברייטע, מיט רייען סטאָרס פֿאַרמאַכטע, די שויפֿענצטער — אויסגעלאָשענע. בלויז אין דראָגסטאָר, אויפֿן ראָג „מיין און בראָאַד״, האָט נאָך געזשומעט מיט גערייד און געלעכטער פֿון יונגוואַרג, וואָס זענען געזעסן אַרום די רונדע, ווייס מאַרמאָרענע טישלעך, געשטאַנען האַלב אָנגעשפּאַרט אָן די „דריישטולן״ בײַם בופֿעטטיש, געזופּט דורך אַ שטרוי אָן אייזקרים־סאָדע, געטרונקען אַ „קאָוק״ אַ היים טעפּעלע שאָקאָלאַד, געכראָמשקעט אַ צוגעברוינט שטיקל טאָוסט.

געהייסן האָט עס אַז מיטן אָפּפֿירן דעם גאַסט איז מען אויסן איר צו־צוטיילן כּבֿוד. אין דער אמתן איז דאָס נאָר געווען דער נײַגער בײַ די מענער צו זען, וואָס די „סיסטערהוד״ האָט דאָ אויפֿגעטאָן אַזעלכעס. וואָכן שוין ווי די מר"ס אייכנבוים האָט אַלעמען פֿאַררוישט די קעפּ, אַז זי מיט איר קאָמיטע, האָבן צוגעגרייט פֿאַר דער רעפֿיודזשי אַ היים מעג נאָר „די קווין אָף ענגלאַנד״ זיך אַהין אַרײַנציִען. און כּדי אַלעמען דאָס איצט צו באַווײַזן, איז זי, די מר"ס אייכנבוים, געלאָפֿן פֿאָרויס אין איר נײַעם ביויִק, אַזוי אַז איידער נאָך דער קאַראַוואַן מאַשינען איז אָנגעקומען, איז זי שוין

אויף דריי קאָנטינענטן

געהאַט אַרויסגעשפּרונגען פֿון איר קאַר, אויפֿגעשלאָסן די טיר פֿון פֿאַר־שטאַרבענעם טימאָטי קלאַרקס אַלט, אָפּגעלאָזן הויז, אויפֿגעדרייט די עלעק־טרע און געשטאַנען גרייט אויף דער באַלויכטענער וועראַנדע און, מיטן זשעסט פֿון אַ ברייטהאַרציקער באַלעבאָסטע, פֿאַרבעטן די אײַנגעלאַדענע געסט אין איר הויז און הויף אַרײַן:

— לײדיס ענד דזשענטלמען, יו אַר וועלקאָם!

דער עולם, אַ נײַגעריקער, איז איר נאָכגעגאַנגען איבער די צעליכטיקטע שטובן, וואָס יאָרן שוין ווי זיי שטייען שטילע, אויסגעליידיקטע פֿון אַ מענטשלעך קול, פֿון אַ לעבעדיקן אָטעם. נאָך אַ לאַנגער ווײַל שטום זיך אַרומקוקן האָבן אייניקע געקראָגן לשון:

— איט שורלי איז עי דזשאַב. (ס'איז געווים אַן אויפּטו) האָט מ"ר וואַלדמאַן געוויגט דעם קאָפּ אין באַוווּנדערונג.

— די קאָמיטע האָט שור אַלץ אין זינען געהאַט, האָט מ"ר גאָלדשטיין געמאַכט אַ קאָמפּלימענט דער מר"ס אייכנבוים און דערבײַ געשענקט אַ שמייכל דעם אייגענעם ווײַב, אויך אַ „קאָמיטע־ליידי".

— מיך אַרט נישט וואָס איר וועט זאָגן, האָט מ"ר פֿישביין געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, ס'איז טאַקע אַ פֿיינער דזשאַב. אַזוי אַלץ צו געדענקען! עפֿענען די עלעקטרע, דעם גאַז, אַפֿילו אַ טעלעפֿאָן שוין אַרײַנ־געשטעלט!

— ווי דען? האָט די מר"ס אייכנבוים אַ זאָג געטאָן און דערבײַ אין אַ פֿרעג־זשעסט, צענומען אירע הענט, קלומפּערענדיקע אַרום די געלענקן מיט אַ לויזן, גאָלדענעם בראַנזעלעט, באַהאָנגען מיט אַלערליי שמוקשטיק־לעך אויף איין האַנט און אַ בלישטשעדיק גאָלדן זייגערל מיט דימענטלעך אויף דער אַנדערער. ווי דען? אָן אַ טעלעפֿאָן? ווי קען אַ דאָקטאַר זײַן אָן אַ טעלעפֿאָן? דערבײַ האָט זי ניט פֿאַרגעסן צו וואַרפֿן אַ חוזק־אייגל זײַטיקלעך צו דעם רעפּיודזשי־מיידל, ווי איינער רעדט: אויך מיר אַ דאָקטאָרין! אַ באַבעצע ביסטו!

ווי גיך דער עולם איז דאָ געקומען, אַזוי נאָך גיכער איז מען אײַנגעזעסן אין די מאַשינען און זיך צעפֿאָרן אַהיים, אין אַלע זײַטן פֿון דער שטאָט. געבליבן דאָ איז די דאָקטאָרין איינע אַליין אויף דער באַלויכטענער וועראַנ־דע. זי איז געשטאַנען אָנגעלענט מיט אַן אַקסל אָן איינעם פֿון די רונדע סלופּעס, ווייס געפֿאַרבטע, געהאַלטן פֿאַרלייגט די אָרעמס איבער דער ברוסט און אַזוי באַנג נאָכגעקוקט די אַוועקפֿאָרנדיקע אויטאָס, וואָס מער ווי זייער־ערע הינטערשטע ליכטער, רויט פֿלעמלדיקע, האָט זי נישט געזען. אָ, ווי זי וואָלט איצט געוואָלט וויסן וועלכע פֿון די רויטע פֿלעמלעך, וואָס ווינקען אַזוי רופֿנדיק צו איר, זענען פֿון מ"ר מייערס קאַר. זי האָט נאָך געזען דעם גלאַנץ אין זײַנע אויגן בײַם דריקן איר האַנט פֿאַרן געזעגענען. אינסטינק־

ב. דעמבלין

טיוו האָט זי צוגעלייגט די האַנטפּלאַך צו איר געזיכט, שטאַרקער צו פילן די וואַרעמקייט פון זיין האַטדרוק, א וואַרעמקייט וואָס ריזלט נאָך אונטער איר הויט. וואָס פאַר א דזשענטלמען! מיט פאַרדרוס האָט זי געטראַכט וועגן דער מר״ס קאַופמאַן. אָ, זי איז שלוי! ווי געשיקט זי האָט דאָס מאַנעווורירט ביים ארויסגאַנג פון הויז אריינצושיבן זי אין זייער קאַר, לעבן איר זון. וואָס איז איר אזוי שטאַרק אָנגעגאַנגען זי זאָל פאָרן אין זייער קאַר און נישט מיט מ״ר מייער?

ביסלעכווייז זענען איר די קאָרס פאַרשוואונדן פון אויג. אויך די הינ־טערשטע פון דעם אויטאָ־קאַראַוואַן האָט זיך אריינגעדרייט אין אַן אַנדער גאַס. די רויטע פלעמלעך האָבן צו איר א לעצטן בלינצל געטאָן און שוין, אוים, פינצטער!

אַן אומעט, א בענקשאַפט האָט זי אַרומגענומען, גענאָגט איר האַרץ. א פּאָר שעה נאָר איז זי געווען מיט די מענטשן, איצט איז זי ווידער אליין, אליין מיט זיך. זי האָט פאַרהויבן דעם בליק. אזא אומענדלעכער הימל! אזוי פיל שטערן! און זי — אליין, אליין אין א פרעמד, שטיל, איינגע־שלאָפן געסל. ריטמיש טראָגט זיך אין דער שטילקייט דער געקלאַפּ פון אייזערנע רעדער אָן שטאָלענע רעלסן. ערגעץ דאָ ציט א באַן דורך דער פינצטערניש פון דער נאַכט. דער לאָקאָמאָטיוו פייפט אזוי פאַרבענקט, ווי איר האַרץ בענקט. און אָט גייט דאָס געפייף אוים פון געהער, ווי דאָס רויטע פלעמל פון אויטאָ איז איר אויסגעגאַנגען פון פאַרן אויג.

זי איז אריין אין הויז. ערשט איצט האָט זי געזען ווו זי איז דאָ, וווּהין מ׳האָט זי געברענגט. פריער, ווען די מר״ס אייכנבוים האָט דאָ אַרומגע־רוישט, אַרומגעלאָפן איבער די צימערן א צעיאָכמערטע, געפירט אַלעמען פון שטוב צו שטוב, זיי געוויזן וואָס זי, די „סיסטערהוד־פּרעזידענטין", האָט דאָ אַלץ אויפגעטאָן, איז זי, די דאָקטאָרין, געשטאַנען אין א ווינקל א שטילע, א פאַרשעמטע, געפילט צו אַנטלויפן, צו אַנטרינען פון דעם מיט־לייד, פון דעם רחמנות, וואָס יעדער האָט איר מיט אזא גרייטקייט אונטער־געטראָגן. האָט עמעץ פון די אַלע גוטע מענטשן געטראַכט ווי ביטער עס איז צו זיין דער אָביעקט פאַר רחמנות, ווי אומגעהויער שווער עס איז צו זיין א נעמער. און זי איז דאָך געוואָרן א נעמערין! גאָט! ווען און ווי אזוי איז דאָס געשען?

זי איז אריין אין פראָנטשטוב, א באַלויכטענע פון א פינף לעמפּל־קלומפּער פון סופיט אַראָפּ. דער דיל דאָ, פון אַלטע, ברייטע ברעטער, ערטערווייז גריבערדיק איינגעבויגן, מיט אָפּגעבראָכענע שפּליטערס צווישן די שפּאַלטן, איז געווען באַדעקט מיט ציינטונגען, וואָס עמעץ, נאָכן וואַשן, האָט דעם דיל פאַרשפּרייט. ביי איין וואַנט איז דאָ געשטאַנען א רויטע פּליר־שענע קאַנאַפּע און אַנטקעגן, ביי דער צווייטער וואַנט — צוויי געבעטע

ב. דעמבלין

שטולן. די פֿענצטער — הויכע, ברייטע, זענען געווען פֿארהאנגען מיט פֿארהאנגען, וואָס אַלע זענען זיי געווען צו קורץ און צו שמאָל.

אין דערנעבנדיקן צימער, מיט צוויי פֿענצטער צום פֿראָנט, איז געשטאַנען אַן אַלטע ביורקע מיט אַ האַלב רונד וויקלדעכל, אַן אָפּיסשטול, דער טעלעפֿאָן. אין שלאָפֿשטוב — אַ ריזיק בעט, אין סיד — אַ ווײַס טישל מיט פיר שטולן. אין אײַזקאַסטן, אויפֿן בלאָק אײַז, אַן ארומגעדעקטער מיט צעווייקט צייטונגס־פּאַפּיר, איז געשטאַנען אַ גלעזערן טעצל מיט אַ שטיקל פּוטער, אַ פֿלעשל מילך און אַ ברויטל מיט עטלעכע זעמל אין ברויטקעסטל.

זי האָט געקוקט און געגאַפֿט:

— די מענטשן האָבן דאָך גאָרנישט פֿארזען, גאָרנישט פֿארגעסן!

אַ קלומפּ טרערן איז איר אָנגעלאָפֿן אין קעל. פֿאַר וואָס קומט דאָס איר? ווער זענען די מענטשן צו איר, וואָס זיי טוען דאָס אַלץ? טוען זיי דאָס פֿאַר איר בלויז, ווײַל זיי זענען ייִדן און זי איז אויך אַ ייִדישע? איז די רעליגיע אַליין גענוג אַזוי צוזאַמענצובינדן מענטשן? זענען דאָך דאָ אַזויפֿיל פֿעלקער, וואָס אַלע געהערן זיי צו איין רעליגיע, טוען זיי איינע פֿאַר די אַנדערע, וואָס עס טוען די ייִדן פֿון אַמעריקע, פֿון ענגלאַנד, פֿון פֿראַנקרײַך, פֿאַר די ייִדן אין דײַטשלאַנד, אין עסטרײַך, אין פּוילן? מוז דאָך דאָ זײַן עפּעס וואָס איז מער ווי רעליגיע. וואָס זשע איז דאָס? איז עס דער געמיינזאַמער גורל פֿון ווערן פֿארפֿאָלגט דורך יאָרהונדערטער, דורך יאָרטויזנטער? און וואָס, אויב די פֿארפֿאָלגונגען אויף די ייִדן זאָלן אויפֿהערן? וואָלטן דאַן ייִדן זיך מער גאָרנישט אָנגעהערט איינער מיטן אַנדערן? און וואָס אַ שטייגער ווען דער היטלער קומט נישט, ווען די פֿארפֿאָלגונגען אויף ייִדן וואָלטן אויפֿגעהערט, וואָלטן די ייִדן פֿון דײַטשלאַנד און עסטרײַך, פֿון פֿראַנקרײַך און פּוילן, זיך אויסגעמישט מיט די דײַטשן, מיט די פֿראַנצויזן, מיט די פּאָליאַקן? וואָלט זי, אַ שטייגער, געקענט זײַן אַ דײַטשקע? דאָס מיינט דאָך אויך באַלאַנגען צו דער היטלער־יוגנט, שרײַען זיג, הײַל! זינגען דאָס האָרסט־וועסל ליד: „ווען יודיש בלוט פֿון מעסער רינט!" זי האָט אויפֿגעשוידערט. אינסטינקטיוו האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון איר קעל אַ געשריי: ניין, ניין!

קאַפּיטל זיבן

ס'איז שוין געווען שפּעט אין פרימאָרגן ווען זי האָט געעפנט די אויגן. אין דרויסן האָבן די פייגל אָפּגעגעבן קאָנצערט. אויפן דיל, אין דער נאַכטיק טונקעלער שטוב, הינטער די פאַרמאַכטע לאָדן, זענען געלעגן בינטלעך זונפלעקן, אַרײַנגפאַלענע דורך די צעלעכצטע לאָדן, דורך די האַרצפאָרמיקע אויסשניטן וואָס אין זיי. מיט יעדן בייג און ציטער פון די בלעטער אויפן בוים הינטער די פענצטער, האָבן די ליכטפלעקן אויפן דיל מיטגעטאַנצט און זיך מיטגעוויגט ווי גאָלדענע פלאַטערלעך וואָלטן אין דער טונקל דאָ ארומגעשוועבט.

זי איז אַראָפּ פון בעט, אָנגעשטעקט אַ פּאָר ווייכע לעטשלעך אויף די באָרוועסע פיס, אָנגעצויגן אויף די באָרדאָ קאָלירטע פּידזשאַמעס אַ בלוי און ווײַס געשלעקלטן שלאָפראָק. דער קאָפּ האָר — ברוינלעך ווי רייפע קאַשטאַנעס, איז איר געווען צעוואָרפן. צעשפּרייט איבער דער פּלייצע ווי אַ געדיכטער פאַרהאַנג אַראָפּ איבער די היפּטן.

זי האָט געעפנט די לאָדן. אַ שטראָם זונליכט, געפלעקט דורך די בלעטער־שאָטנס פון די ביימער, האָט פאַרפלייצט די שטובן. זי איז געשטאַנען אין מיטן צימער, געקוקט אַרום זיך: וואָס הייבט זי דאָ אָן פריער צו טאָן?

די פינף הונדערט דאָלער, וואָס דער דזשווינט האָט איר אויסגעליִען, זענען שוין באַלד צעקראָכן און וואָס האָט זי? קיין טיש אויף אונטערצוזוכן אַ קראַנקן האָט זי נישט, קיין פלאָוראָחקאָפּ דורכצולויכטן אַ פּאַציענט האָט זי אוודאי נישט! אויב די דאָקטוירים דאָ האָבן מאָדערן אײַנגעשטעלטע קאַבינעטן, איז זי אַ פאַרלוירענע! וועלכער משוגענער וועט וועלן קומען צו איר, אויב ער קען ניין צו אַ דאָקטאָר, וואָס האָט די נײַסטע מאַשינען, וואָס די מעדיצין פאַרמאָגט.

ווי מאָדנע דער מענטש איז. דער אייגענער אַרום קען הײַנט אויף אים ווירקן אַזוי און מאָרגן גאָר אַנדערש. הײַנט קען יעדער קלייניקײַט אים דערפרייען און מאָרגן זאָלן די זעלבע זאַכן אים דערנערווירן, אויפרעגן אים.

נעכטן אָוונט, נאָך דעם ווי דער עולם מיט דער מר"ם אייכנבוים זענען אוועק און זי איז געבליבן אַליין מיט זיך, האָט יעדע זאַך דאָ אין די צי־

אויף דריי קאָנטינענטן

מערן ארויסגערופֿן אין איר פֿרייד, באַוווּנדערונג, אין אַלץ דאָ האָט זי זע־זען הוילע גוטסקייט פֿון די מענטשן, זייער גרייטקייט צו העלפֿן אַן אַנדער מענטשן אָן שום אייגננוצן, אָן מינדסטן סימן פֿון עגאָיזם. און איצט אָט שטייט זי אין מיטן שטוב, קוקט אויף די זעלבע זאַכן און יעדע קלייניקייט איריטירט זי, רעגט זי אויף.

די זעלבע רויט פּליושענע קאַנאַפּע מיט די אייגענע געבעטע שטולן זעט זי איצט ווי זי האָט זיי געזען נעכטן. זיי זענען איבער נאַכט נישט פֿאַר־ענדערט געוואָרן. נעכטן איז דער פּליוש בײַ די אָרעמהאַלטערס געווען אויס־געריבן, שוואַרץ און ברודיק, די זיצקישנס אײַנגעפֿאַלן, מיט גריבער און געגנוי אַזוי זענען זיי הײַנט, און דאָך! ווי אַנדערש דאָס אַלץ ווירקט איצט אויף איר.

נעכטן אָוונט, אַרומגייענדיק איבער די שטובן, זעענדיס דעם אָנגעשטעל פֿון די פֿאַרשידענע מעבלשטיקער, האָט זי געטראַכט וועגן די מענטשן דאָ מיט פֿרייד און באַוווּנדערט זייער געדענקען אַלצדינג, וואָס אַ הויז דאַרף. און איצט? איצט שטייט זי אַ פֿאַרבליפֿטע איבער דעם עגאָיזם, איבער דער היפּאָקריטישקייט פֿון די זעלביקע מענטשן.

אויב נישט צוליב זייער עגאָיזם, צוליב וואָס זשע האָבן די ווײַבער גע־לאָזט אָנשלעפֿן אַהער אַזוי פֿיל טישן און טישעלעך, שטולן און בענקלעך, אַ ריזיקע קרעדענץ און אַלערליי שאַפֿקעס מיט און אָן שפּיגלען איבער זיי? האָבן זיי דאָס געטאָן בלויז און נאָר כּדי צו העלפֿן איר? צו מאַכן איר באַקוועם? אָדער זיי האָבן דאָס געטאָן צוליב זייער אייגענער באַקוועמ־לעכקייט? צו באַפֿרײַען זיך פֿון די אַלע גראַטעס און שמאַטעס, וואָס שטייען זיי אין וועג און דערבײַ נאָך גילטן ווי גוטסטוער. ווי ווילטעטיקע מענ־טשן, וואָס האָבן נאָר און בלויז אין זינען יענעמס באַקוועמלעכקייט.

אויב זיי וואָלטן אויף איין רגע נאָר געטראַכט וועגן איר באַקוועמ־לעכקייט, וואָלטן זיי דאָך זיך אַליין געדאַרפֿט געווען פֿרעגן צו וואָס עס טויג איר, אַ מיידל אַליין, אַ קרעדענץ, ברייט איבער אַ האַלבער וואַנט פֿון שטוב, וואָס נאָר אַ משפּחה מיט ווינציקסטנס אַכט אָדער צען קינדער קען אַזאַ נוצן. און דאָס ברייטע בעט? און די אַלע טישן און טישעלעך? איז זיי נאָר־נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז אויף מעבל פֿאַלט שטויב און זי האָט נאָך נישט קיין דינסט, ווי יעדע איינע פֿון זיי דאָ האָט, נאָר אַליין וועט זי דאָס דאַרפֿן שטויבן און רייניקן און, וואָס נאָך ערגער, אַז מיט דעם אָנשטעלן ביי איר מעבלשטיקער פֿון אַזוי פֿיל מענטשן, צווינגען זיי אַרויף אויף איר אַ שולד־געפֿיל, אַ דאַנקבאַרקייט צו די מענטשן פֿאַר עפּעס, וואָס נישט נאָר דאַרף זי עס נישט, נאָר עס איז נאָך אַ לאַסט אויף איר און נאָך אַ גרעסערע לאַסט וועט דאָך זײַן אויף איר דאָס אַרויפֿגעצוווּנגענע געפֿיל פֿון שולדיקייט. צו די אַלע ווײַבער! צו דער — פֿאַרן בעט, צו יענער — פֿאַרן צעפּאָרענעם

ב. דעמבלין

טיש מיט שטולן, צו א דריטער פֿאַר דער ברודיקער, אײַנגעפֿאַלענער־קאַנאַפּע. און זאָגן, אַז זי דאַרף נישט די מעבלשטיקער טאָר זי דאָך נישט אַוז אַרויס־שטעלן עפּעס פֿון דעם באַלאַסט טאָר זי געווים נישט. ווי דערלויבט זי זיך אַרויסצוואַרפֿן יענעמס אייגנטום? וואָס? עס שטייט איר אפשר נישט אַן דאָס מעבל?

דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען. א צעטומלטע האָט זי געטאָן א לויף און באַלד צוריק געבליבן שטיין, דרייענדיק דעם קאָפּ אין אַלע זײַטן. זי האָט גאָרנישט געדענקט אַז א טעלעפֿאָן איז שוין דאַ אַרײַנגעשטעלט, אויך נישט ווו ער געפֿינט זיך.

ערשט איצט, נאָכן אַרומקוקן זיך אין אַלע זײַטן, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דאָס קלינגען קומט פֿון צימערל לעבן דער פֿראָנטשטוב, וואָס די ווייבער האָבן אָפּגעקליבן פֿאַר איר קאַבינעט. זי האָט גיך געכאַפּט דאָס טרײַבל צום אויער:

— העלאָ!

— דאָקטאָר זײַדנער? האָט א מענערשטים, א טיף ברוסטיקע, געפֿרעגט פֿון יענער זײַט.

— יעס, זי איז ד״ר זײַדנער, האָט זי מיט גרויס נייגיר פֿאַרצויגן דעם שטערן, נישט וויסנדיק ווער דאָ קלינגט.

— איך בין ד״ר דזשייסאָן, האָט די שטים זיך פֿאָרגעשטעלט, ד״ר האָארד ק. דזשייסאָן, א קאָלעגע און א שכן אירס, נישט קיין זייער נאָנטער שכן. זײַן אָפּיס און היים איז אין דער אַנדערער זײַט שטאָט, אין וועס־טערן־פּערטל און זי איז אין איסטערן־טייל, אָבער צו ווייט איז עס נישט, אין גאַנצן וואָסערע פֿופֿצן מינוט פֿאָרן מיט א קאַר. ער קלינגט, זי צו באַגריסן און ווינטשן איר גליק צו איר באַזעצן זיך אין דער שטאָט. פֿאַר איין וועגס וויל ער איר זאָגן זי זאָל זיך נישט זאָרגן, זי איז דאָ צווישן גוטע פֿריינד.

זייער גערירט און מיט א ציטערדיקע שטים האָט זי אים געענטפֿערט:

— א דאַנק. א דאַנק אײַך ד״ר דזשייסאָן. עס איז אַזוי פֿײַן פֿון אים זיך צו נעמען די מי איר צו קלינגען, נאָך דערצו באַלד, דעם ערשטן טאָג פֿון איר זײַן דאָ, זי שאַצט דאָס אָפּ, זי שאַצט דאָס זייער שטאַרק אָפּ!

— אָ, דאָס איז א קלייניקייט, האָט ער געפּרוּווט מינימיזירן זײַן קלינגען צו איר. די וויכטיקסטע זאַך, אויף וויפֿל ער ווייסט, דאַרף זי דאָך שוין דעם פֿופֿצנטן, אָנהייבן אירע וויזיטן אין האָספּיטאַל. האָט זי קאָמוניקאַציע אַהין? אַן אייגענע קאַר? אָדער וועט זי עמעצן פֿון די ייִדישע פֿריינד נעמען אַהין און ברענגען זי צוריק?

— לײַדער, לײַדער האָט זי דאָס אַלץ נישט, נישט קיין אייגענע קאַר און אויך נישט קיינעם וואָס זאָל זי נעמען אַהין. גייען דען נישט קיין באַסעס?

— צו זײַן באַדויערן! אין דער שטאָט זענען קיין באָסעס, אויסער פאַר די שולקינדער, נישטאָ. אויב זי וויל וועט ער זי דערוויַיל מיטנעמען אין די פרימאָרגנס און זי ברענגען מיט זיך צוריק. זי דאַרף אָבער זיין גרייט, נישט שפּעטער ווי האַלב נאָך זיבן. זאָל זי וואַרטן אויף אים אין דרויסן, אָבער נישט שפּעטער ווי זיבן דרייסיק. אַכט אַ זייגער מוז ער שוין זײַן אין „וואָרד".

— אַ דאַנק ד"ר, אַ גרויסן דאַנק! ס'איז ווירקלעך מער ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט. וועט דאָס אים נישט זײַן צו שווער?

— אָ, דאָס איז אַ קלייניקייט. די וויכטיקסטע זאַך, ווי גייט איר דאָ אין דעם אײַנאָרדנען זיך?

— פרעגט נישט. ד"ר, ס'איז אַזוי שווער! זי דאַרף דאָך אָנהייבן פון גאָרנישט. נישט זי האָט אַ פלאָוראָסקאָפּ, נישט קיין אויפליגטיש צו עקזאַ־מינירן אַ פּאַציענט.

— אַן עקזאַמיניר־טיש איז נישט קיין גרויסע זאַך, זי וועט זיך דאָס קענען גיך אײַנשאַפן, האָט ער זי באַרויִקט. און אַ פלאָורסקאָפּ? צו וואָס דאַרף זי דאָס? נישט ער און נישט ד"ר קימבי האָבן נישט אַזעלכע מאַשי־נען. וויכטיקער פאַר איר איז זיך צו באַקענען מיט מענטשן. מיט ד"ר קימבי וועט זי זיך טרעפן אין האָספּיטאַל. ער וואָלט זי אָבער וועלן פאָר־שטעלן פאַר מ"ר ווילקאָקס, עדיטאָר און אַרויסגעבער פון „היי־היל־סטאַר".

— אָ, ד"ר טײַערער, איר זענט אַזוי גוט צו מיר. מוז דאָס זײַן שוין? געוויס וועט זי זיך וועלן טרעפן מיט מענטשן. פריִער אָבער וויל זי זיך באַ־קענען מיט קאָלעגן, מיט אים אַליין. מיט ד"ר קימבי, מיט אַנדערע דאָק־טוירים פון האָספּיטאַל. ער פאַרשטייט דאָך, נישט לאַנג אין אַמעריקע, איז זי פריִער פאַר אַלץ פאַראינטערעסירט אין איר פּראָפעסיע, אין זען ווי דאָ זעט אויס אַ מעדיצינישער קאַבינעט. און טאַקע זיך באַקענען וואָס פריִער מיט אים אַליין, אַזאַ פיינער מענטש און, ווי זי האָט שוין געהערט, אַן ערשט־קלאַסיקער דאָקטאָר.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, האָט ער אַרײַנגעלאַכט אין טרײַבל. ער האָט זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט אייראָפּעער זאָל קענען מאַכן אַזעלכע קאָמפּלימענטן.

— נישט קיין קאָמפּלימענטן, ד"ר דזשייסאָן; זי מיינט דאָס זייער ערנסט.

— ביטע זייער,ער וועט גערן קומען מיט דער קאַר און זי נעמען אין זײַן אָפּיס אַרײַן.

דאָס טירגלעקל האָט זיך צעקלונגען.

— אַנטשולדיקט, ד"ר, קען זי שפּעטער אים צוריקרופן? עמעץ קלינגט בײַ דער טיר. זי מוז גיין עפענען.

זי האָט אויפֿגעהאָנגען דאָס טרײַבל און זיך געטאָן אַ לאָז צו דער טיר. אַ ייִנגל איז געשטאַנען אין דער טיר־עפֿענונג מיט אַ בוקעט בלומען, אַרומגעוויקלטע אין אַ דין, גרין דורכזיכטיק פּאַפּיר:

— איז דאָס ד״ר ווײַדנערס אָפֿיס?

— יעס, דאָ איז ד״ר ווײַדנער.

דאָס ייִנגל האָט פֿאַרדעכטיק געקוקט דאָ אויף איר, דאָ אין די צימערן. עפּעס האָט זיך אים נישט געגלייבט אַז ער איז בײַ דער ריכטיקער טיר. נישט ער זעט דאָ אַ שילדל און דער אַרײַנגאַנג זעט אים אויך נישט אויס ווי צו אַ דאָקטאָר. ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען און דאָך איר דערלאַנגט דעם בוקעט. זי האָט אים אַרײַנגעשטופּט אַ מטבע אין האַנט און גיך, אַן אומגעדולדיקע שוין, פֿאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

ווער האָט איר דאָ געקענט שיקן בלומען? זי האָט אויפֿגעוויקלט דאָס פּאַפּיר. זעקס גרויסע כריזאַנטעמען, צאַרט ווײַסע, האָבן איר אַ לויכט געטאָן אין די אויגן. זי האָט אַרויסגעצויגן דאָס קאַרטעלע פֿון קאָנווערטל:

צו ד״ר העלענאַ ווײַדנער,

אַלע בעסטע ווּנטשן פאַר אַ לאַנג און גליקלעך

זײַן מיט אונדז, אין אונדזער קאָמיוניטי אין

היי־היל

לעסלי ב. מייער

אַ זוניקער שמייכל האָט אויפֿגעלויכטן אויף איר געזיכט. זי האָט צוגענענט די בלומען, צאַרט זיי געשמעקט. אַ פֿרייד און אַ שרעק האָבן אײנצײַטיק אויפֿגעטויכט אין איר האַרץ. נעכטן, בײַם אַוועקגיין, האָט ער איר וואַרעם געדריקט די האַנט, אָבער זי נישט געפֿרעגט צי זי וויל ער זאָל זיך טרעפֿן מיט איר. מײנען די בלומען, אַז ער איז גרייט פֿאַר דעם? איז זי אָבער גרייט? שוין? נאָך איידער זי האָט זיך דאָ רעכט אַרומגעקוקט?

קאַפּיטל אַכט

יאָרן לאַנג האָבן מ״ר און מר״ס קאָופמאַן זיך אַרומגעוואָרפן מיטן זון:

— ער איז דאָך אין גאַנצן ווי דו! הויך ווי דו, שוואַרץ ווי דו און איַינגעשפּאַרט ווי דו.

— אָבער דער מאַמעס ברען, האָט מ״ר קאָופמאַן זיך געריַיצט מיט איר. — מ׳זאָגט, קינדער, געראָטן אין דער מוטערס ברידער און ס׳איז אמת. ער איז דאָך אין גאַנצן ווי דיַינע בראָטאָקעס, זייער יוכע!

ביידע זענען אייגנטלעך גערעכט געווען. ווי מ״ר קאָופמאַן, אַזוי איז סעם, דער זון, אויסגעוואַקסן הויך, שלאַנק, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר. אָבער דאָ האָט אויפגעהערט זייער ענלעכקייט. ווי וויַיל דער זון האָט אויך געהאַט שוואַרצע אויגן, האָבן זיי אָבער נישט געהאַט דעם פאָטערס שעמעוודי־קייט, די קינדישע פאַרקלערטקייט, וואָס אין זיַין בליק. אין דעם יונגס שוואַרצע קוקערס האָט געגליט דער מאַמעס דרייסטקייט, איר זיכערקייט אין זיך. און וויַיל ער האָט אַזוי שטאַרק אַריַינגעראָטן אין ביידע, איז זייער כּלומרשט וואָרפן זיך מיט אים, גאָר געוואָרן אַ שפּיל, אַ מין אַרויסוויַיזן אים ליבשאַפט.

אין איר גרעסטער בייזקייט צוליב זיינע שלעכטע אויפפירערישן, פלעגט די מאַמע אים טאָן אַ ריס ביַי דער קוטשמע האָר:

— דער גאַנצער טאַטע!

אַזוי אויך דער פאָטער. אַז ער האָט געוואָלט אַרויסוויַיזן זיין אומצו־פרידנקייט מיטן יינגלס ווילדקייטן, האָט ער אים אַ שטופּ געטאָן, כּלומרשט אים אָפּצושטויסן פון זיך:

— גיי, ביסט די גאַנצע מאַמע!

און סעמעלע האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס דער סאָרט שטראָף מיינט, איז ער מיט יעדן טאָג געוואַקסן חוצפּהדיקער, ווילדער, איַינגעשפּאַרטער.

גאַנץ אָפט האָט ער געפּלעגט שפּילן „הוקי״ מיט דער סקול, נישט אַריַינ־געוויזן זיך אין קלאַס טעג גאַנצע, נאָר זיך אַרומגעשפּילט מיט קעץ, מיט הינט, געגנבעט ביַי דער מאַמע ניקלס, דיַימס, וואָס ער האָט געזאַמלט צו קע־נען גיין אין פּראָספּעקט־פּאַרק רייטן אויף פערד. אָפט איז ער פון דאָרט

ב. דעמבלין

אהיימגעקומען ערשט פֿאַר נאַכט, געריייניקט דאָרט די שטאַלן, באַדינט די פֿערד און פֿאַר דעם געקראָגן נאָך אַ שעה צו רײַטן.

שפּעטער, ער איז נאָך קיין דרײַצן יאָר אַפֿילו נישט אַלט געווען, האָט זיך שוין אָנגעהויבן ביי אים די סדרה מיידן. ווי וואויל ער איז ניט געווען דער איינציקער אין גאַס, נאָר שטענדיק אַרומגערינגלט מיט אַ „גענגבאַנדע", האָבן דאָך אַלע מיידן געקלעפּט נאָר אין סעמעלען, געקוקט אים אין מויל אַרײַן און וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען געזעץ.

טאַמער איז זיי פֿריִער געווען ווייניק דאָס כּלומרשטע וואָרפֿן זיך מיטן זון צוליב זײַן נישט וועלן גיין אין סקול, איז זיי איצט צוגעקומען נאָך אַ וואָרפֿעניש צוליב זיין אַרומשלעפּן זיך מיט מיידן:

— וואָס קען שוין גוט זײַן, אַז ער גערעכט אַרײַן אין טאַטן!

— פֿייגעלע! האָט מ"ר קאָופמאַן, אַ צופֿרידן שמייכלענדיקער איבער דעם קאָמפּלימענט, געפּרוּווט אַפּלייקענען דעם עפּיטעט, — ווער נאָך אויסער דו, האָט זיך אומגעקוקט אויף מיר?

זי האָט געשמייכלט, זי ווייסט דאָך ווי אמת דאָס איז. ער, היימי, איז טאַקע געווען אַ שטילער „באַי". דאָס איז איד אומרו, די יוכע פֿון אירע ברידערלעך, וואָס זיצט אין סעמען. ווייניק האָבן זיי, די ברידער אירע, אָנגעבראָיעט אין דער אַלטער היים! וויפֿל מיידן זיי האָבן דאָרטן צורעכט געמאַכט, איידער זיי האָבן זיך געסטאַטקעוועט, געוואָרן שטיקלעך לייט! צוליב אים, סעמען, האָט זי זיך דאָך געריסן אַרויס פֿון ברוקלין. אַז סעמעלע וועט נישט האָבן אַרום זיך די גענגס פֿון יונגען און מיידן, וועט ער זיך בעסער לערנען, וועט ער ענדיקן הײַ־סקול און אפֿשר אויך אַרײַן אין קאָלעדזש. אַז זי האָט נישט קיין צרות פֿון די ייִנגערע, סײַ אירווינג און סײַ מיימי לערנען זיך גוט, פֿאַר וואָס זאָל סעם זײַן אַן אויסנאַם?

איז ער אָבער יאָ געווען אַן אויסנאַם. אויך דאָ, אין הײַ־היל, איז איר אָנגעקומען שווער דאָס אײַנהאַלטן אים אין קלאַס, ער זאָל כאָטש ענדיקן הײַ־סקול. אויך דאָ האָט ער געהאַט הינט און קעץ און ערשט דאָ איז ער געריטן אויף פֿערד! און, וואָס נאָך ערגער, שטאָט מיט ייִדישע מיידלעך, ווי אין ברוקלין, איז ער דאָ אַרומגערינגלט מיט אַ כאַפּטע שיקסעס.

האָט זיך דאָ אויף ס'ניי אָנגעהויבן דאָס כּלומרשטע אַרומוואָרפֿעניש מיטן זון:

— פּונקט ווי דו, האָט די מר"ס קאָופֿמאַן געהאַט טענות צום מאַן, — דו האָסט זיך געוואָלט לערנען?

— און ווען ער וויל יאָ? האָט דער מאַן זי צוריקגעפֿרעגט, — וואָלט ער דען געקענט אײַנזיצן אין קלאַס? דו האָסט זיצפֿלייש? אַזוי האָט ער, דײַן זונדל!

— פֿאַר וואָס זשע זיצן די ייִנגערע יאָ אײַן אין סקול?

אַ רעפּיודזשי אין ניו־ענגלאַנד

— ווײַל זיי גערעכטן נישט אין דער מאַמען!

— וואָס זשע וועט זײַן? האָט זי שוין ערנסט זיך געבראָכן די הענט.

— וואָס מאַכסטו אַזאַ טראַגעדיע? ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז יעדער אײנער מוז גיין אין קאַלעדזש?

אַ צײַט לאַנג, נאָכן האָבן זיך אריבערגעקליבן פֿון ברוקלין אין „היי־היל״ איז נאָך אַלץ דער מאַמען געגאַנגען אין לעבן, וואָס סעמעלע גייט נישט אין קאַלעדזש. איין טרייסט כאָטש האָט זי געהאַט: די צוויי ייִנגערע זונען יאָ אַרײַן אין קאַלעדזשעס, אווירווינג אין קאָרנעל אויף אינזשינירינג און די טאָכטער, מימי, — אין קווינס־קאַלעדזש אויף „טיטשינג״ (אַ לערערין).

אַ טרייסט איז איר אויך געווען וואָס סעם, ווי נאָר ער איז אַרויס פֿון הײַ־סקול, האָט ער זיך אויפגעהערט אָפּצוגעבן מיט קעץ און הינט. חוץ פּלאָסי, דאָס גרויע הינטל מיט דער באָרד פֿון אַן אַלטן זיידן, האָט ער מערנישט קיין חיות אַרום זיך. אויף פֿערד, וואָס אַן אמת, רײַט ער נאָך אַלץ, דאָס שטערט אים אָבער נישט אַזוי גוט זיך אויסצוטויגן אין די ביזנעס, בעסער נאָך פֿון פֿאָטער. דער גאַנצער מאַרקעט ליגט דאָך אויף זײַן קאָפּ. איר הארץ קוועלט אָן, ווען נאָר זי קומט אַרײַן אין מאַרקעט און זעט סעמעלען אַרומהאָווען אין ווייסן כאַלאַט, אָדער זיצן אין אָפֿיסל, אין ווינקל דאָרטן, אויבן, הינטער דער אַרומגעצוימטער שויבנוואַנט און פֿון דאָרטן האַלטן אַן אויג אויף די גאַנצע ביזנעס, וויסן וואָס עס טוט זיך אין פֿליישאָפּטייל, אין שפּײַז־און מילך־דעפּאַרטמענט, אַרום די טישן מיט פֿרוכט און גרינסן, בײַ די קיך־און טואַלעט־אַרטיקלען, אין דער בעקערײַ בײַם געבעקס און זיסוואַרגן, אומעטום איז דאָך דאָ זײַן קאָפּ און זײַן אויג!

וואָלט דאָך שוין אַלץ געדאַרפֿט זײַן גוט, איז זי ערשט געווען פֿול מיט שרעק, מיט אומרו. וואָס וועט זי טאָן טאָמער, חלילה, נעמט דער יונג און האָט חתונה מיט וועלכער פֿון זײַנע שיקסעס?

אָט צוליב דעם האָט זי זיך אַזוי פֿאַרלייגט, אַז די קאָמיוניטי זאָל אַראָפּ־ברענגען די רעפּיודזשי־דאָקטאָרין קיין „היי־היל״. און זי זעט איין, אַז זי איז געווען גערעכט! אַ מאַמעס האַרץ דערפֿילט שטענדיק ווען עס רוקט זיך אָן אַ צרה אויף אירם אַ קינד. האָט זי געוואָלט דער צרה פֿאַרלויפֿן דעם וועג. און זי פֿרייט זיך נאָך, וואָס אין יענעם פֿאַרנאַכט, ווי נאָר סעם איז אַהיים־געקומען פֿון די ביזנעס און זי האָט אים באַקענט מיט דעם מיידל, זענען שוין די צוויי לײַט נישט אָפּגעטראָטן איינער פֿון אַנדערן. ער האָט זיך אַפֿילו אויף אַ ווײַל פֿאַרלוירן, אָפּגערוקט זיך צוליב לעם מייערן, אָבער נישקשה, איר סעמעלע לאָזט זיך נישט אַזוי גיך פֿאַרטרײַבן.

ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז דער יונג זאָל אַזוי ווערן פֿאַרקאָכט אין דער דאָקטאָרין? גראָד איר נישט פֿאַרבן און נישט שמינקען זיך, איר נישט

ב. דעמבלין

גיין געשווירן אין א „באיש־בארב", איר טראָגן קלײדער לענגער און ברייטער ווי עס טראָגן די אַמעריקאַנער מיידלעך, אַז גראָד דאָס אַלץ, וואָס האָט זי, דער מאַמען, געאַרט און געערגערט און בײַ זיער מר"ס אײַכנבוים אַרויס־גערופן אַזאַ דערווידער צו דעם מיידל, אַז דאָס אַלץ זאָל גאָר סעמעלען גע־פעלן, זאָל גאָר אַפּעלירן צו אים. כאָטש אַז מען וויל, איז דאָס גאָרנישט קיין וווּנדער. דער יונג האָט דאָך קיין מאָל פריִער נישט געזען קיין מיידל מיט אירע אײַנענע ברעמען, מיט אומליאַקירטע נעגל, מיט אַזאַ קאָפּ האָר, וואָס אַז זי צעלאָזט זיי, איז ווי אַ כוואַליע וואָלט פאַרפלייצט אירע אַקסלען, אירע פלייצעס ביז איבער דער טאַליע. אַפילו זי, אַליין אַ פרוי, זעט אויך איצט אײַן די שיינקייט פון דעם מיידל. די מויד, זעט אויס, ווייסט שוין גאָך וואָס זי טוט. זי קעמט עקסטרע אירע האָר אַרויף, מ'זאָל קענען זען די שיינקייט פון איר האָלדז!

ער אַליין, סעם, קען זיך נאָך אַלץ נישט שענקען פאַר וואָס ער האָט יענעם אַנהייב אָוונט אַזוי נישט שיין זיך אויפגעפירט אין דער אַנוועזנהייט פון דער דאָקטאָרין. עפּעס האָט ער זיך גאָר פאַרלוירן. עפּעס איז אין אים אַנגעשטאַנען אַ געפּעכט, אַ געראַנגל פון ווידעראַנאַנדיקע כוחות, וואָס פריִער האָט ער זיי גאָרנישט געאַנט, נישט געוווּסט אַז זיי שלומערן גאָר אין אים.

פון איין זײַט האָט דער שטענדיק דרייסטער סעם, פייגעלע קאַופמאַנס זינדל, גענומען אַרומשמעקן אין דער דאָקטאָרין די „זי", די פרוי און דאָ זענען דאָך פאַר אים קיין פאַרהוילנקייטן נישטאָ! ווי וויל זי איז געווען אָנגעטאָן אין קלײדער, נישט אויסגעפּאַסטע ווי עס טראָגן מיידלעך, וואָס ווילן ווײַזן זייערע פיגורן, רייצן מענער, נאָר פאַרקערט, געווען אָנגעטאָן אין אַ ברייט געפאַלבעטער ספּודניצע שיער נישט ביז די קנעכלען פון אירע פיס און אַ בליוזע מיט אַרבל ביז די געלענקען, האָט דאָך זיין ניוך, סעמעלעס שאַרפער, מאַנצבילשער ניוך, דאָך געשניפּט די שטײַפקייט פון אירע בריסטן, די פולקייט פון אירע היפטן, די געטאָקטקייט פון אירע שענקלען, פון אירע שיינע שלאַנקע פיס.

פון דער צווייטער זײַט אָבער האָט די דאָקטאָרין אַרויסגערופן אין אים דעם פאָטערס שעמעוודיקייט, די געהאַמעוועטע אײַנגעהאַלטנקייט זײַנע, אַלץ איינגעשאַפּטן וואָס פריִער האָט ער פון זיי גאָרנישט געוווּסט, נישט געאַנט אפילו, אַז ער האָט אַזעלכע אייגנשאַפטן, פאַרדרענגטע, פאַרדעקטע פון דער תאווה און דעם ברען, וואָס ער האָט גערירשנט פון דער מאַמען.

אָט, די צוויי כוחות האָבן דאָס אָנגעהויבן זיך ראַנגלען אין אים, ווי נאָר ער האָט זיך באַקענט מיט דער דאָקטאָרין. בעת דער שטענדיק וואַגנ־דיקער יונג אין אים, האָט אים גערופּעט, געשטופּט און געטריבן אים צו

זיין אָנגרײַפֿעריש, וואָס גיכעו׳ זי צו באַזיצן, שוין אַ צי טאָן איר קאָפּ צו זײַן ברוסט אַזן אָפּפּרעסן איר אַ קוש גלײַך אויף איר מויל, אַזוי האָט דער אַנדערער, דער שעמעוודיקער סעם, וואָס האָט אַזוי אומגעריכט אויפֿגעוואַכט און אויפֿגעטײַעט אין אים, אים צוריקגעהאַלטן, געלײמט זײַן ווילן, געהאַמעוועט אַפֿילו זײַן רעדן צו איר.

דעריבער, צוליב דעם געראַנגל אין אים, איז זײַן ערשטער שמועס מיט איר געווען אַזאַ נאַרישער, מיט אַזעלכע אומזיניקע חכמהלעך, מיט צווייִדײַטיקע אָנצוהערענישן וועגן „ווײַסעס”, וועגן הפֿקרדיקייטן, וואָס ער האָט נאָך אפֿשר נישט געגאָסן פֿון אַזעלכע, נישט געהערט נאָך פֿון זיי.

געוויס וואָלט ער גיך געווען זיך געפֿונען און וואָלט געווען גענומען רעדן צו איר אַנדערש, נישט אַזוי קלוגעטשקע, נישט אַזוי פֿון אויבן אַראָפּ, ווי ער איז דאָס געוואוינט אין די באַציִונגען מיט זיינע שיקסלעך. איז אָנגעקומען לעם מייער און ער האָט זיך מיט איין מאָל פֿאַרלוירן, זיך דערפֿילט איבעריק, אַ געפֿיל וואָס איז אים ביז דעם אָוונט געווען פֿרעמד, עפּעס וואָס ער האָט קיין מאָל פֿריִער נישט געהאַט איבערגעלעבט אַזעלכעס!

און פֿון וואַנען זאָל אים אַזוינס געווען זיין באַקאַנט! ער האָט דאָך קיין מאָל פֿריִער נישט געהאַט געוווּסט וואָס עס מיינט אַזוינס קעמפֿן פֿאַר דער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַ מיידל. די מיידלעך און שיקסעס זענען דאָך אים שטענדיק געפֿאַלן אַזוי נאָכגיביק אין זײַנע אָרעמס. און אַפֿילו דאָ, ווען נישט די פּלוצים אָנגעשטאַנענע פֿאַרלוירנקייט אין אים, וואָלט ער אַזוי לייכט געווען אויפֿגעגעבן דעם פֿאַרמעסט? אַ פֿאַרמעסט — מיט וועמען? מיט לעם מייערן? „צ׳אָלרייט, מיט אים קען ער, סעם קאַופֿמאַן, צו יעדער צײַט זיך פֿאַרמעסטן”!

קאַפּיטל ניין

אויף מאָרגן, נאָכן צושיקן דער דאָקטאָרין די בלומען, האָט לעם מייער געקלונגען צו איר אויפן טעלעפאָן.

ס׳איז נאָך געווען פריי אין האַלבן טאָג. ער איז סיי געזעסן און סיי געלעגן אין דער אויסבייגשטול, אַ ווייך געבעטע, מיט רויטן לעדער איבערגעצויגן. די פיס זיינע, אין געלעכלטע זומערשיך, האָבן באַקוועם גערוט אויפן ביוראָטיש. ער האָט געהאַלטן דעם טעלעפאָן ביים אויער, גערעדט צו איר דורך דער טרובקע, נאָר זיינע בליקן זענען געשוועמען דורך די ברייטע שויבן פון זיין אָפיס אַראָפ צום אונטערשטן שטאָק, אויף די הונדערטער מענטשן, מענער, פרויען, קינדער, אַלע ווימלענדיק אין דעם גרויסן דעפּאַרטמענט־סטאָר פון „מייער און מייער".

— העלאָ, דאָקטאָר.

ווי וויל זי האָט קיין מאָל פריער נישט געהערט זיין שטים דורכן טעלעפאָן, האָט זי דאָך גלייך דערקענט ווער עס רעדט:

— העלאָ מ"ר מייער! אַ דאַנק פאַר די בלומען. זיי זענען ווירקלעך אַנטציקנדיק. עס איז אַזוי פיין פון אים, צו געדענקען אַן איינזאַם מיידל, אַ רעפיודזשי אין דער פרעמד.

— קאָם, קאָם דאָקטאָר, האָט ער אויף גיך זי אַרויסגענומען פון דעם זעלבסט־באַדויער. — זי טרייבט אַ ביסל איבער. זי איז נישט אַזאַ איינזאַם מיידל און געוויס איז די רעפיודזשי נישט אין דער פרעמד. פאַרקערט, זי איז אין אַ פיינער, יידישער קאָמיוניטי און זי וועט זיך דאָ געוויס זייער גוט פילן. אָט האָט זי שוין אַ באַוויז. דעם צווייטן טאָג אַז זי איז דאָ און ער קלינגט שוין צו איר, אפשר וויל זי ערגעץ אַרויספאָרן? זיך באַקענען מיט דער געגנט אַרום? זי דאַרף וויסן, ניו־ענגלאַנד איז העררלעך שיין, פול מיט היסטאָרישע פּלעצער. אויב זי וויל, וועט ער מיט פאַרגעניגן אַריבערקומען צו איר איידער ס׳ווערט טונקל און זי נעמען אין זיין קאַר אויף אַ „רייד". זי האָט דאָך זיכער באַמערקט? זיינע איז אַ ספּאָרט אויטאָ, אַן אָפענער אָלדסמאָביל. אין די הייסע יולי־אָוונטן איז אַ פאַרגעניגן צו פאָרן אין אים.

אַ רעפּיודזשי אין ניו־ענגלאַנד

— אַ דאַנק אײַך, אַ דאַנק אײַך, האָט זי זייער צופרידן אַרײַנגעשמייכלט אין טעלעפאָן־טרײַבל. געווים וואָלט זי דאָס וועלן. זי האָט דאָך אָבער נאָך רעכט זיך נישט אויסגעפּאַקט. אויסער דעם, ד״ר דזשייסאָן, ער קען דאָך אים זיכער, האָט זי גערופן אויפן טעלעפאָן אַז מאָרגן זיבן דרײַסיק אין דער פרי, קומט ער מיט זײַן קאַר זי נעמען אין האָספּיטאַל. ער פאַרשטייט דאָך, זי מוז זיך דאָך זען מיטן סופּעראינטענדענט, איבערנעמען איר „וואָרד״ (אָפּטייל).

— אָ, האָארד דזשייסאָן ? געווים קען ער אים ! און אין געדאַנק האָט ער צוגעגעבן: „נאָך ווי ! אַזוי, דזשייסאָנען פאַרווילט זיך שוין אַ נײַע אוואַנ־טורע ! פּאַס אויף, האָארד, קענסט נאָך דאָ האָבן אַ טרויעריקע דערפאַרונג...״

— אַזוי, האָארד דזשייסאָן ? האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט דעם נאָמען. — ווען זאָגט זי קומט ער ?

— מאָרגן האַלב נאָך זיבן אין דער פרי. איז עס נישט פײַן פון אים ? זי האָט דאָך נישט קיין קאַר און באָסעס. זאָגט ער, גייען דאָ נישט. ער האָט זיך אַליין פאַרגעלייגט צו נעמען זי יעדן אין דער פרי אין האָספּיטאַל און ברענגען זי אַהיים, ווען ער פאָרט צוריק אַרום עלף אַ זייגער. איז ער נישט אַ דזשענטלמען ? '

— געווים, האָארד איז אַ פײַנער יונג, אַלע מאָל געווען ! האָט ער איר פאַרזיכערט און דערבײַ סאַרקאַסטיש געשמייכלט אין טעלעפאָן־טרײַבל אַרײַן. מיט איין מאָל איז דאָ אויסגערונען פון אים די רו, די שפּילעוודיקייט פון דעם געשפּרעך מיט איר. עס האָט אים שוין געהויבן צו טאָן עפּעס, וואָס זאָל צעשטערן דזשייסאָנס טרעפעניש מיט איר. ער וואָלט גאָר אַליין גע־דאַרפט זי נעמען יעדן טאָג אין האָספּיטאַל און, אין אַ שעה אַנדערהאַלבן אַרום, קומען זי צוריק אַהיימנעמען. וואָס אָבער וועט זי טראַכטן ? און וואָס וועט דאָס שטעטל זאָגן ? וועגן זיך אַרט אים נישט. אויף אים קענען זיי רעדן וואָס נאָר זיי ווילן. אָבער זי ? אַ דאָקטאָר ! דערצו נאָך אַ פרוי, זי מוז האָבן אַ גוטן נאָמען אין דער קאָמיוניטי. אַז זי וועט פאָרן מיט דזשייסאָנען, וועט קיינעם גאָרנישט אײַנפאַלן. ביידע זענען דאָקטוי־רים. דזשייסאָן פאָרט דאָך יעדן טאָג אין האָספּיטאַל אַרײַן, זי האָט נאָך נישט קיין קאַר, פאַר וואָס זשע זאָל ער זי נישט מיטנעמען אין זיין אויטאָ ? אַפילו נעלי, דזשייסאָנס ווײַב, וועט דאָ גאָרנישט קענען האָבן קעגן.

— דאָס איז אַ פײַנע אַראַנזשירונג, האָט ער איראָניש געזאָגט און געווען שטאַרק צופרידן, וואָס זי קען נישט זען דורכן טעלעפאָן דעם סאַרקאַזם אויף זײַן געזיכט. — און וואָס קלײַבט זי זיך צו טאָן שבת אָוונט ? וויל זי אפשר פאָרן מיט אים זען אַ טעאַטער פאָרשטעלונג אין באָסטאָן ?

— אָ, דאָס וואָלט געווען זייער פײַן. אָבער, מיינט ער נישט אַז דאָס איז אַביסל צו פרי ? שוין גיין אין טעאַטער צוזאַמען ? זי איז דאָך ערשט

געקומען. דערצו נאָך האָבן עטלעכע פֿאַמיליעס זי פֿאַרבעטן צו זיך אויף דעם שבת־אָוונט און זי האָט אַלעמען אָפּגעזאָגט. וואָס וועלן זיי טראַכטן אויב זי וועט מיט אים גיין אין טעאַטער? ער ווייסט דאָך, „ווי־היל" איז אַ קליין שטעטל און ווײַבער האָבן גרויסע מײַלער.

— איז אַפֿשר קומעדיקן שבת־אָוונט?

— אַזוי לאַנג אין פֿאָרויס זיך באַשטעלן? איז נישט גלײַכער אָפּלייגן אָס באַשטעלן זיך אויף קומעדיקער וואָך?

די צווייטע וואָך האָט ער ווידער טעלעפֿאָנירט צו איר.

— העלאָ, דאָקטאָר!

— אָ, העלאָ מ"ר מייער! ס'איז אַזוי גוט צו הערן זײַן שטים.

— אויך ער איז צופֿרידן ווידער צו רעדן מיט איר. ווי האָט מען זי אויפֿגענומען אין האָספּיטאַל?

— זייער פֿײַן. דער סופּעראינטענדענט, ד"ר סמיט, זעט אויס צו זײַן אַ פֿײַנער מענטש, אָבער אַ ביסל מאָדנע. אַלט, טויבלעך שוין, אָבער קאָ־עקט. זי איז בלויז אומצופֿרידן, וואָס איר איז צוגעשריבן געוואָרן דער פֿרויען־וואָרד. זי איז נישט בלויז אַ פֿרויען־דאָקטאָרין.

— און ווי גייט עס איר אין אָפֿיס? ווײַזן זיך שוין פּאַציענטן?

— דערווײַל נאָך קיינער נישט. זי ווייסט טאַקע נישט וואָס עס וועט זײַן, וואָס זי זאָל וועגן דעם טאָן?

— זאָל זי נאָר נישט ווערן אַנטוישט. זי מוז געדענקען, אַ דאָקטאָר איז דאָך נישט קיין קרעמער, אַבי ער האָט נאָר אַן אָפֿענע טיר, קומט מען צו אים קויפֿן. אַ דאָקטאָר דאַרף פֿריִער האָבן אַ נאָמען, געווינען צו זיך צוטרוי.

— געוויס ווייסט זי דאָס, אָבער פֿרײַנד, באַקאַנטע?

— ער פֿאַרשטייט דאָס. זי טאָר אָבער אויף דעם צו פֿיל נישט בויען. קיינער מאַכט נישט קיין לעבן פֿון פֿרײַנד, פֿון באַקאַנטע. איר צוקונפֿט, ווי די צוקונפֿט פֿון יעדן איינעם, ליגט צווישן דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג.

— זי ווייסט דאָס, אָבער דערווײַל?

דער „דערווײַל" האָט זיך בײַ איר אַרויסגעכאַפּט נישט ווילנדיק און זי האָט גלײַך געהאַט פֿאַרדרוס, דאָס באַדויערט: צו וואָס לאָזן אַ פֿרעמדן מענטשן וויסן וועגן אירע קוועלענישן, אירע שוועריקייטן, וואָס קען ער איר העלפֿן?

אויך ער, אויף יענער זײַט טעלעפֿאָן־פֿאַרבינדונג, איז געהאַט געבליבן שטיל, פֿאַרטראַכט. ער וואָלט איר גערן געהאָלפֿן און ער קען דאָס גאַנץ לײַכט אויך, אָבער ווי קען ער איר פֿאָרלייגן הילף? דאָס וואָלט געווען זייער נישט טאַקטיש פֿון אים. געדאַרפֿט געווען טראַכטן וועגן דעם פֿריִער. איידער זי איז נאָך געקומען האָט די קאָמיוניטי געדאַרפֿט האָבן געשאַפֿן אַ פֿאָנד אויף צו העלפֿן איר ביז זי וועט זיך שטעלן אויף די אייגענע פֿיס. האָט מען

אויף דריי קאָנטינענטן

דאָס נישט געטאָן, ווי זשע קען ער, פּריוואַט, זי פֿרעגן וואָס קוועלט זי? וואָס וועט זי טראַכטן, ווען ער, אַ מאַן, זאָל אַזוי אָפֿן אונטערקומען איר, אַ יונגער פֿרוי, מיט געלט? ווי וויניק ער קען זי, האָט ער דאָך שוין איינגעזען, אַז זי איז אַ שטאָלצער מענטש. וועט ער מוזן וואַרטן, עס וועט זיך נאָך אונטערריקן אַ פּאַסיקע־געלעגנהייט פֿאַר דעם, דערווייל מוז ער זיך מאַכן נישט וויסן און נישט פֿאַרשטיין.

— זי דאַרף זיך נישט אַזוי פֿיל זאָרגן, האָט ער געפּרוּווט אויפֿהייטערן אַ ביסל איר געמיט. — זי וועט זען, אַלע שוועריקייטן וועלן אַריבער, פֿאַרציענטן וועלן קומען, דערווייל דאַרף זי לעבן, נישט אַזוי? איז וואָס זשע האָט זי דעצידירט? ער וויל אָנקלינגען קיין באָסטאָן נאָך טעאַטער־בילעטן אויף שבת־אָוונט.

— אָ, מ"ר מייער, האָט זי זיך פֿאַרטרויט אין אים אויפֿריכטיק, אָן באַהעלטעלעך. — ווען ער ווייסט ווי זי וואָלט דאָס וועלן! צו איר גרויס פֿאַרדרוס אָבער, האָט זי געמוזט, נאָך לעצטע וואָך, זיך אַנגאַזשירן אויף דעם אָוונט.

לויט דעם טאָן אין איר שטים, האָט ער אַרויסגעפֿילט נישט נאָר דעם פֿאַרדרוס אירן, דעם אומווילן, וואָס זי האָט פֿאַר יענער באַגעגעניש, נאָר אויך מיט וועמען די טרעפֿונג אירע גייט זיין.

— אַזוי, זי גייט, הייסט עס פֿאַרברענגען דעם אָוונט מיט סעם קאַופֿמאַן? דאָס איז פֿיין, אַמתדיק פֿיין! סעם איז אַ פֿיינער יונג, זייער אַ פֿיינער יונג...

ער האָט גערעדט מיט איר אין טעלעפֿאָן, אָבער זיין דמיון האָט זי געזען אַ שוועבנדיקע איבער די קעפּ פֿון דעם ווימלענדיקן עולם אין סטאָר דאָ. איר געזיכט אַזוי בלאַס און צאַרט, איר האַלדז — אַזוי שלאַנק און שיין, אירע אויגן — אַזעלכע מאַט פֿאַרהויכטע, אַזעלכע טיף טרויעריקע.

— אַזוי, אַזוי, ער האָט באַלד געוווּסט, אַז זי וועט האָבן דערפֿאָלג אין „היי־היל", האָט ער נאָך אַלץ זיך געמיט אָנצוהאַלטן דעם אָנשטעל פֿון צופֿרידנקייט, וואָס זי גייט זיך טרעפֿן מיט סעם קאַופֿמאַן, — זי מעג זיין גאַנץ זיכער, אַז זי וועט דעם אָוונט גוט פֿאַרברענגען. מיידלעך לאַנגווייליקן זיך נישט מיט סעמען. אָ! סעם ווייסט גוט ווי אונטערצוהאַלטן אַ מיידל...

זי האָט געשוויגן, פֿאַרשטאַנען דאָס אָנצוהערעניש זיינס און געשוויגן. ניין, דער אָנשטעל זיינער פֿון צופֿרידנקייט האָט זי נישט גענאַרט, גאָרנישט פֿאַרהוילן פֿאַר איר, פֿאַרקערט, דורך דער געצוווּנגענער פֿריידיקייט זיינער, האָט זי גוט אָפּגעפֿילט זיין געמיט, דעם אָנשטעל זיינעם, דאָס זוכן זיינס צו פֿאַרהוילן ווי געטראָפֿן ער איז, ווי אים טוט וויי איר האָבן זיך באַשטעלט מיט דעם יונגן מ"ר קאַופֿמאַן.

ווי וואויל זי האָט געהאַט קרענקונג וואָס נישט ווילנדיק האָט זי אים

ב. דעמבלין

פֿאַרשאַפֿט אַזאַ אַנטוישונג, אַזאַ פֿאַרדרוס, וואָס זי קען נישט האָבן דאָס פֿאַרגעניגן פֿון ליבערשט פֿאַרברענגען דעם אָוונט מיט אים, אַנשטאָט מיט דעם סעמען, האָט זי דאָך, אין דער זעלבער צײַט, זיך געפֿילט אויפֿגעהײַטערט איבער דעם אײפֿערזיכט זײַנעם. אָ, ווי זיס עס איז פֿאַר אַ פֿרוי דאָס געפֿיל פֿון וויסן אַז אַ מאַן און גראָד דער מאַן, וואָס גייט זי שטאַרק אָן, איז אַזוי אײפֿערזיכטיק אויף אירס אַ טראָט מיט אַן אַנדערן. איז טאַקע גוט, וואָס ער ווייסט נישט און זי וועט טאַקע זען ער זאָל זיך נישט דערוויסן, ווי דער־ווידער איר איז דער בלויזער געדאַנק פֿון דאַרפֿן זיך טרעפֿן מיט דעם סעמען, אָפּגערעדט שוין פֿון פֿאַרברענגען מיט אים אַן אָוונט. כאָטש געוואָלט וואָלט זי יאָ ער זאָל וויסן אַז ווי פּײַנלעך דאָס איז איר געווען, האָט זי דאָך די באַ־שטעלונג מיט אים געמוזט מאַכן. ער, לעם מייער, געבוירן און דערצויגן דאָ, אין דעם קלײנעם שטעטל, קען זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן ווי ביטער עס איז דעם גרויסשטאָטישן מענטשן, נאָך דערצו אַ פֿרוי, אַרײַנצופֿאַלן אין אַזאַ „העק", אין אַזאַ קלײנעם און ענגן אַרום, וווּ יעדער איינער האַלט דיך אויפֿן אויג, פֿאָלגט נאָך דײַן יעדן קער און ריר. אָט האָט קיינער אים, לעם מייערן, נישט געזאָגט און אים גאָרנישט דערציילט און דאָך ווייסט ער, אַז זי דאַרף זיך שבת אָוונט טרעפֿן מיט סעם קאַופֿמאַן!

— אַזוי גאָר? האָט זי, אין איר באַטריבטקייט, געפּרוווט מיט אַ גע־לעכטערל הײַטערן זײַן געמיט: — אײפֿערזיכטיק גאָר?

— אפֿשר יאָ? האָט ער אויך געפּרוווט אָנהאַלטן דעם לייכטן טאָן.

— אינטערעסאַנט, האָט זי נאָך אַלץ געלאַכט און באַלד געוואָרן ערנסט:

— מוז עס דען זײַן נאָר די וואָך? קען עס נישט זײַן קומעדיקן שבת?

— עס קען, האָט ער גערן אָנגענומען איר אָפּלייג.

— איז גוט, וועט זי וואַרטן אויף אים קומעדיקן שבת אָוונט און ביז דאַן: — אַדיע!

— אַדיע, האָט ער, אַ צופֿרידענער זי צוריקגעזעגנט און אויפֿגעהאָנגען דעם טעלעפֿאָן.

קאַפּיטל צען

פינקטלעך זיבן דרײַסיק אין דער פרי איז דאָקטאָרין העלענאַ זײַדנער אַרויסגעקומען פון איר הויז. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווײַס פּיקעי קליידל, אַ ווייס פּיקעי קאַפּעליוש, ווײַסע זומער שיכלעך. דער ראַנד פון הוט — חנעוודיק אַרויפגעבויגן איבערן לינקן שטערן־ווינקל. אויפן אָרעם, אַריבער דעם ווײַסן, שיטער געשטריקטן הענטשקעלע, איז איר געהאָנגען אַ שוואַרץ ליאַקירטער האַנט בײַטל, אַ צוגעפּאַסטער צום שוואַרץ ליאַקירטן רימענטל אַרום איר טאַליע.

זי האָט אַראָפּגעשטעלט אויפן דיל פון דער ווערענדע דאָס קליינע וואַ־ליזקעלע, אַ שוואַרץ לעדערנס מיט אַלערליי דאָקטאָר־מכשירים און גענומען וואַרטן אויף דעם ד״ר דזשייסאָן.

ס׳איז געווען סוף־יולי. כאָטש נאָך אַזוי פרי אין מאָרגן, האָט דאָך די זון שוין געהאַט זיך אַרויסגעהויבן פון האָריזאָנט, פון אַהינטער די דעכער און זיך גערוקט אַלץ ווײַטער אין מיטן הימל אַרײַן. ווי וויל ס׳האָט גע־בלענדט מיט ליכט און די היץ האָט שטאַרק געפּאַרעט, איז דאָ, אין דעם זײַטיקן געסעלע, אַ שטילס, מיט שיטער צעוואָרפענע הײַזקעס, געווען שאָ־טנדיק קיל. זעלטן אַ זונשטראַל זאָל זיך דאָ דורכרײַסן דורך דעם געדיכטן צווייגן־געפלעכט פון די ברייט צעוואַקסענעביימער, אַלטע דיקשטאַמיקע אולמס, וואָס זענען געוואַקסן לענג אויסביידע זײַטן וועג.

די דאָקטאָרין האָט געכאַפּט אַ קוק אויף איר גאָלדענעם זייגערל. ער האָט שוין דאָ געדאַרפט זײַן, דער דאָקטאָר דזשייסאָן. זי האָט פאַרהויבן דעם בליק אַרויף צום בוים, וואָס האָט לעבן איר פענצטער. ס׳אַ געפלי־ערײַ, ס׳אַ אומרו! פון גרויען באַגין אָן, שפּילט זיך דאָרט אָפּ אַ קאָנצערט, אַזאַ רײַכ־שטימיקער, אַ גאַנצער אָרקעסטער! טייל פון די פייגל זינגען בלויז אויף דרײַ טענער, אַנדערע אויף פינף און נאָך אַנדערע אויף מער, איינפאַך זיי צו באַוווּנדערן!

אַ בלויע מאַשין מיט אַ זאַמדקאָלירן דעכל איז צוגעפאָרן און זיך אָפּ־געשטעלט. פון דער געעפנטער טיר איז אַרויס אַ מאַן אָן אַ הוט, העכער פון מיטלען וווּקס. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ ווייס לײַנענעם אָנצוג, אין

ב. דעמבלין

ווײַסע שיך אויף די פֿיס. ער האָט געמאַכט אַ טראָט נענטער צו דער וועראַנדע:

— ד״ר זײַדנער? האָט ער פֿרענגדיק זי באַגריסט מיט אַ נייג פֿון זײַן קאָפּ.

— ד״ר דזשייסאָן? האָט זי אים צוריקגעגריסט און אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

— זיך פֿאַרשפּעטיקט, האָט ער, האַלטנדיק איר הענטל, שולדיקלעך געשמייכלט. זי איז אים געפֿעלן, די יונגע דאָקטאָרין. אָרעמלעך אָנגעטאָן אָבער מיט געשמאַק. די אַמעריקאַנער פֿלעפּערקעס מעגן זיך פֿאַרקוקן אויף איר. זיי וואָלטן נאָר געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון זיך, פֿאַרווישן זייער יעדן פֿרוי־ענשטריך און זי? ווײַל נישט אין קיין ענג געפּאַסט קלייד איז דאָך אַזוי ווײַבלעך שאַרמאַנט!

— ער דאַרף זיך אַנטשולדיקן. געזאָלט דאָ זײַן נאָך מיט פֿופֿצן מינוט פֿריִער, האָט אַן אומגעריכטער טעלעפֿאָן־רוף אים פֿאַרהאַלטן. זי ווייסט דאָך, אַזאַ איז דער גורל פֿון דאָקטאָר, קיין מאָל נישט דער האַר איבער זײַן צײַט.

— זי ווייסט דאָס און ער דאַרף זיך נישט ערגערן. זי האָט זיך נישט געלאַנגווײַליקט, זיך דערווײַל צוגעהערט צו אַ קאָנצערט. ס׳איז דאָך דאָ אַן אמת פֿאַרגעניגן. אין ערגעץ האָט זי נישט געזען אַזוי פֿיל פֿאַרשידנאַרטיקע פֿייגל און נישט געהערט אַזאַ רײַך געזאַנג!

— אַ יעס, האָט ער אויך פֿאַרהויבן דעם קאָפּ צום בוים, — בײַ אונדז אין ניו־ענגלאַנד זענען דאָ זייער פֿיל זעלטענע פֿייגל, וואָס אין אַנדערע געגנטן זעט מען זיי נישט. די מערסטע פֿון זיי ווינטערן אין אונדזערע דרום־שטאַטן, אַנדערע פֿליִען אַוועק אַזוי ווײַט ווי דרום־אַמעריקע, אַפֿריקע. פֿאַראַן דאָ עטלעכע טיפּן ווונדערלעכע קאַנאַריקעס, פֿון טיף געל, ביז ברוינלעך גרוי מיט געפֿלעקטע פֿליגל, אַלע זענען זיי ווונדערלעכע זינגערס. זאָל זי זיך אויפֿמערקזאַם צוהערן. פֿאַראַן דאָ אויך אַ פֿויגל, וואָס געהער צום בלויען שוואַלבטיפּ. דאָס איז אַ גרויסער חבֿרה־מאַן, אַ ביסל קלענער פֿון אַ טויב. אויפֿן קאָפּ האָט ער אַ שפּיציק היטעלע, די פֿליגל און ברעגעס פֿון זײַן עק זענען בײַ אים פֿון אַ הערלעכן ראָיאַל בלוי. דאָס מערקווירדיק־סטע אָבער פֿון דעם פֿויגל איז, וואָס אונטער די בלויע, האָט ער אַ שיכט ווײַסע פֿעדערן, וואָס אין געפֿלי, ווען דער עק און פֿליגל זענען בײַ אים פֿונאַנדערגעשפּרייט, זעט ער אויס ווי אַ האַלב רונדער, ווײַסער פֿעכער, טראָגט זיך אין דער לופֿטן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן געלענק־זייגערל:

— שפּעט! מ׳דאַרף פֿאָרן.

אויף דריי קאָנטינענטן

— איך בין גרייט, האָט זי געשמייכלט און גענומען דאָס דאָקטאָר־וואָ־ליזקעלע פֿון דיל.

ער האָט פֿאַר איר געעפֿנט די טיר פֿון קאַר און אַליין, דורך דער צווייטער טיר זיך אַרונטערגעשלייכט צום רעדל, לעבן איר. דער מאָטאָר האָט זיך צערווישט, נאָר ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון ברוסטן־קעשענקעלע אַ קליין ליולקעלע, עס אָנגעשטאָפּט מיט גאָלדיק ברוינעם טיטון, אַ פֿיינער, אַ שמעקענדיקער, גענומען דאָס פּײַקעלע צווישן די ציין, דאָס צינדמאַשינקעלע אין האַנט און זיך געווענדט צו איר:

— מעג איך ?

— מיט פֿאַרגעניגן, האָט זי אים געשענקט אַ שמייכל.

איידער אָבער ער האָט פֿאַררייכערט, האָט ער איר דערלאַנגט אַן אָנגעהויבן פּעקל ציגאַרעטן.

— אַ דאַנק, און זי האָט געוויגט איר קאָפּ אין דער ברייט, — זי רייכערט נישט.

— הם ? האָט ער אַ פֿרעגנדיקן ברום געטאָן, ווי ער וואָלט געווען איבערראַשט.

— האַלט זיך נישט צוריק, האָט זי אים געמוטיקט, — זאָגט, אַלט־פֿרענקיש.

ער האָט פֿאַררייכערט, געפּיפּקעט אַ ווײַל, דער טיטון זאָל זיך בעסער צעברענען, דערבײַ, צווישן איין צי און דעם אַנדערן, געוויגט דעם קאָפּ אויף ניין:

— ער רופֿט דאָס נישט אַלטפֿרענקיש. פֿאַרקערט, לויט אים, איז זי ווי פֿרויען דאַרפֿן זײַן.

— ווי אַזוי דאַרפֿן, לויט אים, פֿרויען זײַן! איז זי שוין געוואָרן שטאַרק פֿאַראינטערעסירט צו דערגיין.

ער האָט געלאָזט די מאַשין אין גאַנג, געשוויגן אַ ווײַל און דערנאָך זי צוריקגעפֿרעגט:

— ווי אַזוי ? גענוי ווי זי איז ! איינפֿאַך אין האַלטונג, איינפֿאַך אין אָנטאָן און, דאָס וויכטיקסטע, נישט אימיטירן דעם מאַן, אָט טאַקע ווי זי אימיטירט נישט דעם מאַן, זוכט נישט צו פֿאַרווישן איר ווײַבלעכקייט.

— אינטערעסאַנט, האָט זי גערעדט מער צו זיך איידער צו אים. — פֿון איין זײַט ווילט איר, מענער, די פֿרויען זאָלן זײַן מאָדערן, נישט צוריקגעשטאַנען, פֿון דער אַנדערער זײַט ווילט איר זיי זאָלן בלײַבן ווײַבער, ווייך, נאָכגיביק.

— קאָ־אָ־רע־עקט ! — האָט ער מיט פֿיל איינשטימיקייט געצויגן דאָס וואָרט. — זיי דאַרפֿן זײַן בלויז וואָס זיי זענען — פֿרויען !

אַ שטילקייט איז אָנגעשטאַנען צווישן זיי. דאָס ליולקעלע, מיט אַ

ב. דעמבלין

גלײַך פֿייעראײַנגל אין קעפּל, איז אים געזעסן אין מוילווינקל, צווישן די ציין, ווײַסע, מענלעך שטאַרקע. ער געפֿעלט איר דער ד"ר דזשייסאָן. די שלייפֿן אין די שטערנווינקלען זילבערן אים שוין, אָבער דער קאָפּ האָר, ווייך געפּאַ־ליעטע, מיט אַ שאַרפֿן שרונט אין דער זײַט, איז נאָך בײַ אים גערדיכט און שוואַרץ גלאַנציק. די אויגן, בלויע, פֿינקלען מיט ענערגיע, מיט אומרו, מיט אַזאַ רייצנדיקער יוגנטלעכקייט.

ער האָט געטריבן די מאַשין גיך, אין געאײַל, אַנצוויאָגן די פֿאַרלוירענע צײַט. דער געלבלעך גרויער בעטאָנוועג, מיט ווײַסע פּאַסן אין מיטן, איז אים כּסדר געלאָפֿן אַנטקעגן אַרונטער די רעדער. אין ביידע זײַטן וועג האָבן ביימער זיך געדרייט אין אַ געווירבל, קי זענען געלעגן אויף די לאַנ־קעס און מעלה־גרהט, אַנדערע זענען אַרומגעגאַנגען און פֿיל געצופּט די גראָזן. זי האָט געקוקט דורך דער פֿראַנט שויב, דורך די געעפֿנטע זײַטן, וואָס דערוואַרט זי דאָ, אין דער נייער וועלט, צווישן די פֿרעמדע מענטשן?

— אַ יעס, האָט ער פּלוצעם איבערגעריסן דאָס שווײַגן. — זי דאַרף וויסן, אַז דער סופּעראינטענדענט פֿון האָספּיטאַל איז „עי קוויר מען", אַ מאָדנער מענטש. די וויכטיקסטע זאַך, זי מוז געדענקען, אַז זײַן נאָמען איז סמײַט, ד"ר מייקל ד. סמײַט, נישט סמיט. זאָל זי גאָט אויסהיטן פֿון מאַכן דעם טעות. ער ווערט ווילד צוליב דעם, אַז מ'קען אים נאָך דעם גאַרנישט איבערבעטן. אַזוי איז ער אַ פֿײַנער מאַן. אַן אַלטער שוין, טויב אויפֿן רעכטן אויער, אָבער אַ פֿײַנער מאַן. אַז זי וועט נאָר וויסן ווי זיך מיט אים אומצוגיין, וועט ער זײַן גוט צו איר און זי פֿײַן באַהאַנדלען. ער קען איר זייער פֿיל העלפֿן אין איר עטאַבלירן זיך דאָ. זי פֿאַרשטייט, ווען, צום בײַ־שפּיל, ער, דזשייסאָן אָדער קימבי, זאָלן וועלן איר רעקאָמענדירן אַ פּאַציענט וואָס זיי וואָלטן גערן געטאָן, ווײַל זיי האָבן צו פֿיל פּראַקטיק און מוזן צוליב דעם צו שווער אַרבעטן, קענען זיי דאָס נישט טאָן. דער פּאַציענט וועט זיך דאָך וווּנדערן: וואָס עפּעס שיקן זיי אים צו אַן אַנדער דאָקטאָר? ד"ר סמײַט אָבער, דער סופּעראינטענדענט פֿון האָספּיטאַל, האָט נישט קיין אייגענע פּראַקטיק. אַז ער רעקאָמענדירט צו אַ פּאַציענט אַ דאָקטאָר, גייט מען. פֿיל מענטשן פֿון די שטעטלעך אַרום קומען טאָקע צו אים, ער זאָל זיי רעקאָ־מענדירן אַ דאָקטאָר. אויב נאָר זי וועט וויסן ווי זיך אומצוגיין מיט דעם אַלטן, קען ער פֿאַר איר פֿיל טאָן, זייער פֿיל!

זי האָט געשמײכלט מיט יענעם כּלומרשט נישט־פֿאַרשטייענדיקן שמײ־כעלע:

— וואָס אַ שטייגער, לויט אים, מיינט דאָס וויסן ווי זיך מיט דעם אַלטן אומצוגיין?

ער האָט אויף אַ רגע אָפּגעקערט דעם קאָפּ פֿון רעדל און זי אָפּגעמאָסטן אַזוי פֿרעגענדיק: איז זי אַזוי נאַיִוו אָדער זי מאַכט זיך נישט וויסנדיק?

אַ רעפּיודזשי אין ניו־ענגלאַנד

— קאָם אָן! האָט ער מיט אַ געלעכטערל אַוועקגעמאַכט איר אָנשטעל פון נישט־פאַרשטיין. זי קען מענער. אַן אַלטער נאַר, וועט ער זײַן גליק־לעך, אַז זי וועט אים שענקען אַ שמײכל. פון אירם אַ גלעט וועט ער צע־שמאָלצן ווערן אין גליק און טאָן פאַר איר, וואָס נאָר זי וועט וועלן.

מיט איין מאָל איז די לייכט־שמייכלדיקייט אויסגערונען פון אירע אויגן. אָן ערנסטע שוין, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אַ מאָדנע וועלט! ביידע דאַכט זיך זענען דאָך גלײַך פרײַ, פונדעסט־וועגן דאַרף די פרוי נאָך אַלץ צאָלן פאַר אַ ליאַדע קליינינקייט, וואָס דער מאַן קריגט עס אַזוי נאַטירלעך, אָן שום געצאָלט.

ער האָט אַרויסגענומען פון מוילווינקל דאָס ליולקעלע, אַ סימן אַז אויך ער איז ערנסט. ווידער האָט ער אָפּגעקערט דעם בליק פון דער פּראָנטשויב און זיך געווענדט צו איר:

— זי האָט אַ טעות. אויך מענער צאָלן פאַר קליינינקייטן און אָפט נאָך טײַערער פון דער פרוי. האָט זי נישט געהערט פון אַמעריקאַנער ווערטל? „נאַטינג פאָר נאָטינג"! ווייסט זי? האָט ער זי געפרעגט שיער נישט מיט געבייזער, — ווען אַ מאַן אויף איר אָרט, וואָלט איצט וועלן אָנקומען פאַר אַ וויזיטינג־דאָקטאָר אין דעם האָספּיטאַל, וואָלט ער זיך געדאַרפט בייגן און חנפענען ווער ווייסט פאַר וויפל פּאָליטישנס! אָט זענען ער, דזשייסאָן און קימבי, דאָ געבוירן, דאָ געגאַנגען אין סקול, פונדעסטוועגן האָט זיי לאַנג, גאַנץ לאַנג געדויערט ביז זיי האָבן זיך דאָ עטאַבלירט, ביז זיי האָבן געקראָגן אַ פּראַקטיק פון פּאַציענטן.

— געוויס ווייסט זי דאָס און זי רערוואַרט גענוג שווערקייטן.

— און דאָך, איז ער מיט איין מאָל צוריק איבעו געגאַנגען פון ערנסטן צום לײַכטן טאָן, — און דאָך דאַרף זי נישט פאַרצווייפלען, נישט זאָרגן, אויך ער און קימבי וועלן איר צו העלפן אין איר עטאַבלירן זיך מיט וואָס נאָר זיי וועלן קענען.

— אַ דאַנק אײַך, דאָס איז געוויס זייער פײַן פון אים און פון ד"ר קימבי. זי וואָלט זיך טאַקע מיט אים געוואָלט באַקענען.

— זי וועט אים דאָ טרעפן, אין האָספּיטאַל.

די מאַשין איז געבליבן שטיין פאַר אַ גרויסן, רויטן, ציגלגעבײַ. דער אַרײַנגאַנג, צווישן די צוויי פליגלען, איז געווען אַ ברייטער, מיט אַ ריי מאַר־מאָרטרעפּ אַרויף צו צוויי שווערע גלאָזטירן. ער האָט אַ שטופּ געטאָן אַ האַלבע טיר, זי אַרײַנגעלאָזט פאַרויס אין אַ ברייטן, ציכטיק ריינעם קאָרידאָר. לינקס, אויף דער שוועל פון אָפיס, איז ער געבליבן שטיין מיט איר, געגריסט די צוויי פרויען אינעווייניק, בײַ זייערע ביוראָטישן און, פון דער טיר, אַ רוף געטאָן הויך, אין ווײַטן עק אַרײַן, צום סופּעראינטענדענט, וואָס איז געזעסן בײַ זיין ביוראָטיש, אַן אַרײַנגעטאָענער אין לייענען אַ פּאַפּיר דורך אַ פּאַר־

גרעסער־גלאָז, וואָס ער האָט פּאַוואָליע געפֿירט איבער די געדרוקטע שורות.

— ד״ר סמיט! איך האָב אײַך געבראַנגט אונדזער רעפּיודזשי. אָט איז זי, האָט ער געוויזן מיט דער האַנט אויפֿן גאַסט לעבן זיך, — ד״ר העלענאַ זײַדנער.

די צוויי פֿרויען האָבן אַ שאָקל געטאָן מיט זייערע קעפּ צו איר:

— גוד מאָרנינג ד״ר, נײַס מיטינג יו (צופֿרידן זיך מיט אײַך צו באַקענען)!

— גוד מאָרנינג, האָט די דאָקטאָרין זיי צוריקגעגריסט.

דער אַלטער, מיט אַ הערטרובקעלע אין רעכטן אויער, האָט אויפֿגעהויבן די אויגן פֿון פּאַפּיר, געקוקט אַ ווײַל ווי צעטומלט אריבער די אייגענע שפּאַקולן און, צום סוף, אַ מאַך געטאָן מיט דער אַלטער ציטערדיקער האַנט צו ד״ר דזשייסאָן, וואָס האָט זיך געאײַלט אַרויף אין „וואָרד״, צו די קראַנקע:

— טהענק יו, האָארד, און שוין האָט ער זיך געווענדט צום גאַסט:

— קאָם אין. און נאָך איידער די דאָקטאָרין איז צוגעקומען האָט ער איר גענומען אַנטקעגנגיין מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט: — ווי האָט ער געזאָגט איז אײַער נאָמען?

— ד״ר העלענאַ ק. זײַדנער, האָט זי אים געשריגן אין אויער אַרײַן.

— דאָס איז פֿײַן, האָט ער געשמייכלט צו איר מיט די אַלטע פֿאַרטרערטע אויגן, — דאָס איז פֿײַן און, נישט אַרויסלאָזנדיק איר האַנט פֿון זײַנער, אַ קאַלטע, ביינעריקע האַנט, אַ געדרונצלטע, איז ער מיט איר צוריקגעגאַנגען צו זיין ביוראָטיש, זיך אַוועקגעזעצט און איר אָנגעוויזן אויף דער שטול לעבן זײַנער. — זעצט זיך!

זי האָט געקוקט אויף דעם מאַן, אַ הויכער, אַ גלײַכער, זיכער שוין ווײַט אין די זיבעציקער און ווייל נאָך אַלץ זײַן אַ קאַוואַליער. דזשייסאָן איז גערעכט: אַ פֿרויענגלעט קען דעם אַלטן אָפּקויפֿן. אינטערעסאַנט: זענען פֿרויען אין זייערע עלטערע יאָרן אויך אַזוי הונגעריק נאָך אַ באַריר פֿון אַ יונגן־מאַן? איר איז געקומען אויפֿן זינען די מר״ס אייכנבוים. אויף וויפֿל איז זי דען יִנגער פֿון דעם ד״ר סמיט? וואָרפֿט זי דען נישט אויגן צו לעם מייער!

בײַם צוריקפֿאָרן, נאָכן פֿאַררייכערן דאָס ליולקעלע, האָט ד״ר דזשייסאָן זי געפֿרעגט:

— וועל? ווי האָט זי זיך געספּראַוועט מיט דעם אַלטן?

— קיין שוועריקייטן. ער איז טאַקע „קוויר״, היפּש קרום, אָבער מ׳קען מיט אים אויסקומען. זי איז נאָר נישט צופֿרידן, וואָס דער אַלטער האָט איר צוגעשריבן בלויז די פֿרויען־אָפּטייל, גלײַך זי וואָלט געווען נאָר אַ פֿרויען־דאָקטאָרין.

ד״ר דזשייסאָן האָט געפּיפּקעט די ליולקע, געלאָזט קײַקעלעך רויך

דורך דער נאָז, פֿון צווישן די ציין, ענג פֿאַרשלאָסענע, ווײַס בלאַנקענדיקע. דער שמייכל האָט געשפּילט אין זײַנע אויגן, בלויע ווי דער הימל איבער זייערע קעפּ. ער איז נאָך אַלץ נישט געווען זיכער צי זי איז טאַקע נאַיִוו אָדער זי מאַכט זיך נאָר אַזוי. ווידער האָט ער אויף אַ סעקונדע אָפּגעקערט דעם בליק פֿון דער פֿראַנטשויב און זיך געווענדט צו איר:

— זי ווייסט נישט אַז דאָס, וואָס זי איז אַ פֿרוי איז איר גאַנץ גליק. ווען אַ שטייגער זי איז אַ מאַן, וואָלט איר דען געהאָלפֿן די דראַטצײַעניש פֿון די יידישע פּאָליטישנס? דאָס באַמיִען זיך פֿון מ"ר גרינבערג אין סטייט, אין דער קאָונטי? זאָל זי דאָס וויסן, מ'האָט זי דאָ אָנגענומען אויפֿן סטאַף, ווײַל דער האָספּיטאַל נייטיקט זיך אין אַ פֿרוי־דאָקטאָר. זי פֿאַרשטייט? די ניו־ענגלענדער זענען מערסטנס פֿרומע, גאָטספֿאַרכטיקע לײַט, די פֿרויען — נאָך מער פֿון די מענער און זיי, די פֿרויען, ווילן גערנער באַהאַנדלט ווערן פֿון אַ פֿרוי־דאָקטאָר, איידער פֿון אַ דאָקטאָר אַ מאַן.

— אַזוי? האָט זי כּלומרשט זיך געוואונדערט. — מיינט דאָס, אַז ער און ד"ר קימבי האָבן נישט קיין פֿרויען־פּאַציענטקעס?

ער האָט געשמייכלט אין ליולקעלע אַרײַין. זי איז שוין גאָרנישט קיין נאַר, די רעפּיודזשי! מיט אָט דעם כּלומרשט נאַיִוון פֿרעגעלע, האָט זי צו נישט געמאַכט די גאַנצע מעשה זײַנע וועגן דער פֿרומקייט פֿון די ניו־ענגלענדער ווײַבער.

— צי זיי האָבן פֿרויען־פּאַציענטינס? מער ווי מענער? ערשטנס, ווייסט זי דאָך אַז פֿרויען האָבן זיך ליב צו דאָקטאָרן מער פֿון מענער. צווייטנס, אַז קיין פֿרוי־דאָקטאָרין איז נישטאָ, מוזן זיי דאָך אָנקומען צו אַ מאַן־דאָקטאָר. נאָר שטעלט זי זיך פֿאָר, וואָס דאָ וועט זיך טאָן, ווען די ניו־ענגלענדער ווײַבער וועלן זיך דערוויסן, אַז ס'איז דאָ אַ פֿרוי־דאָקטאָר?

זי האָט זײַטיקלעך געוואָרפֿן אַ בליק אויף אים: חוזקט ער? מיינט ער דאָס ערנסט?

— אויב אַזוי, דענקט ער, אַז זי וועט האָבן בלויז פֿרויען־פּאַציענטן?

— פֿאַרקערט, איז ער שוין איצט געווען ערנסט, — אין דעם זין וועט זי, אַ פֿרוי־דאָקטאָרין, זײַן אין אַ גינסטיקערע פּאָזיציע פֿון אים און פֿון ד"ר קימבי. אַ סך מענער וועלן גערנער זיך לאָזן באַהאַנדלען פֿון אַ פֿרוי־דאָקטאָר. זי פֿאַרשטייט דאָך, מענער זענען נישט ווייניקער „קוויר" פֿון פֿרויען. צו פֿילן אויף זייער לײַב אַ פֿרויענהאַנט, וועלן מענער גיין אַפֿילו צום טײַוול. זי ווייסט דאָך, האָט ער געטאָן צו איר אַ ווונק, דאָס גיט דעם מאַן „עי טריל", אַן איבערלעבעניש.

די מאַשין איז צוגעפֿאָרן צו איר הויז, זיך אָפּגעשטעלט. זי איז אַרויף דער וועראַנדע און ער באַלד נאָך איר. זי האָט אויפֿגעשלאָסן די טיר

ב. דעמבלין

און איז געבליבן שטיין אין דער עפּענונג, ווי זי וואָלט פֿאַרגעפּילט, אַז ער וועט וועלן מיט איר אַרײַן אינעווייניק און זי האָט אים שוין פֿאַרשטעלט דעם וועג אין הויז אַרײַן.

— קען ער נישט אַ קוק טאָן ווי איר אָפּיס זעט אויס?

— פּליז, דאָקטאָר, האָט זי זיך געבעטן בײַ איט, נישט איצט, איר אָפּיס איז נאָך ווײַט, זייער ווײַט פֿון זײַן „פּרעזענטאַבל".

קאפיטל עלף

מר"ס קאופמאן איז נישט פון די מענטשן, וואס גיבן גלייך אויף ווען עפעס גיט זיך זיי נישט איין.

אז אויף דער „פארטי" לכבוד דער דאקטארינס קומען האט זיך איר נישט איינגעגעבן, וואס זי האט געוואלט, דאס איז איר קלאר. זי האט אפילו גע־מיינט, אז איינס מיטן דריטן איז נישט קיין מחותן. איר איז גארנישט איינ־געפאלן, אז עס קען עפעס שאטן אויב לעם מייער וועט אויך זיין אויף דעם אוונט. ווען דאס וואלט איר געווען געקומען אויפן זינען, וואלט זי אים נישט געווען פארבעטן, כאטש איינלאדן האט זי אים גראד יא געמוזט. זי האט אבער געהאפט, אז ער וועט נישט קומען, נאר ווען אפילו יא, איז עס אויך נישט קיין מעלעיער.

ערשטנס, נעמט סעם מער אוים ביי מיידלעך איידער לעם מייער. דערצו איז ער יינגער און, ווען מ'פרעגט זי, אויך שענער פון לעסלין. צווייטנס, זינט ער, לעסלי, האט זיך אזוי אפגעבריט מיט דער מים ווײדנפעלד, טראכט ער נישט וועגן חתונה האבן. אין דער פאמיליע מייער איז דאס נישט קיין נאווינע. די צוויי עלטערע שוועסטער זיינע זענען אויך פארזעסן. און איר האט דאך גיט געקענט איינפאלן אז די רעפיודזשי־דאקטארין וועט זיך אזוי ארומכאפן מיט לעם מייער. עפעס א קלייניקייט, זיי זענען דאך שמעלקע שעבעשמעלקע! קו, פערד, בייטש־שטעקעלע! זיין זיידע „זעליג" און איר באבע שמייליק קומעןביידע פון ברעסלאו! דערצו נאך רעדט זי „דאאטש" און ער רעדט „דאאטש", דארף מען נאך נענטערע מחותנים?

אן אנדערע אויף איר ארט וואלט זיכער געזאגט: מילא, פארפאלן. זי האט געטאן אירס. נישט אזוי אבער טוט מר"ס קאופמאן. זי געהער נישט צו די מאמעס, וואס גיבן גלייך אויף. דערצו נאך איצט, ווען די מורא אז סעמעלע, וואס ווערט שוין באלד דרייסיק, קען נעמען און חתונה האבן מיט ווּעלכער פון זיינע שיקסלעך. ווען נישט די מורא, וואלט זי זיך געווען אזוי צעריסן דעם ספאדעק, די קאמיוניטי זאל ארצפברענגען די רעפיודזשי? דערצו נאך ווען זי איז גארנישט געווען זיכער צי דאס וועט זיין א פאסיקער שידוך מיט סעמען.

ב. דעמבלין

ווען זי האָט זיך אײַנגעשטעלט מ'זאָל די גרינע יאָ ברענגען, האָט זי בלויז געהאָפֿט דאָס מײדל זאָל זײַן לײַטיש געגוג, סעם זאָל זיך וועלן אויף איר אומקוקן. איצט אָבער, אַז די דאָקטאָרין איז געקומען און זי האָט אײַנגעזען אַז זי איז אַ פֿײַנע ייִדישע טאָכטער און גאָרנישט קיין מיִאוסע אויך און, וואָס נאָך מער, סעם ווײַזט גאָר אַרויס אַ סך אינטערעס צו איר, וועט זי זיך רעכענען מיט דעם, וואָס לעם מייער האָט גערעדט צו איר, געמאַכט איר אַ קאָמפּלימענט? און דאָס נאָך ווען זי זעט, ווי איר דאַכט זיך, אַז נישט בלויז דאָס מײדל אויף אים, נאָר אויך סעם אויף איר האָט געמאַכט אַ גוטן „אימפּרעשאָן". און ס'איז דען אַ ווונדער? אַ באַי קאָנעהאָרע, ווי אַ שיינער בוים, איבער זעקס פֿוס הויך און אַזאַ „פּוירסאָנאַליטי"! די ווײַבער ווערן דאָך די כּפּרה פֿאַר אים!

וואָס אַן אמת, געטראַכט האָט זי אַז צו פֿיל זיך מישן דאַרף זי נישט. זי האָט צונויפֿגעפֿירט די צוויי לײַט? זי האָט געזען די דאָקטאָרין זאָל יענעם אָוונט, בײַם אָפּפֿירן זי אין איר הויז אַרײַן, זיצן לעבן סעמען אין פֿאַמיליע-קאַדילאַק? איז געגוג! ווײַטער זאָלן זיי זיך שוין אַליין שלאָגן קאָפּ אָן קישן! יונגע מענטשן, וועלן זיי שוין געפֿינען אײנער דעם אַנדערן.

איז אָבער אַוועק איין וואָך און עס גייט אַ צווייטע וואָך און זי זעט אַלץ נישט סעם זאָל צו איר קלינגען, ער זאָל זי נעמען אויף אַ „רײַד" אין זײַן „שעווי", און זומער איז, און די אָוונטן זענען הייסע, פֿאַרנע. וואָלט זי געזען, אַז דעם יונג אַרט עס נישט, איז, מילאָ, זי האָט געטאָן אירס.

זעט זי אָבער, אַז זינט יענעם אָוונט איז סעם ניט דער אײגענער. גייט אַרום פֿאַרצוקט, פֿאַרזויערט. מיט איר, דער מאַמען, מײַדט ער אין גאַנצן אויס זיך צו טרעפֿן. אויך דעם פֿאָטער קוקט ער נישט אין די אויגן אַרײַן און טאָמער, חלילה, כאַפּט מען זיך אַרויס מיט אַ וואָרט, מיט אַ באַמערקונג וועגן דער רעפּיודזשי, אַז זי איז אַ פֿײַן מײדל, אַן אײדל קינד, צינדט ער זיך גלײַך אָן:

— וואָס האָט מען אַזוינס געזען אין איר?

ס'קען זײַן, ווען ער, סעם, איז נישט אַזוי סענסיטיוו, וואָלט ער נישט געווען ביי זיך אַזוי אַראָפּגעפֿאַלן וואָס זי איז אַ דאָקטאָרין און ער איז אַפֿילו אין קיין קאָלעדזש נישט געגאַנגען. לויט איר, דער מאַמען, איז דאָס געווים די אורזאַך, וואָס סעמעלע האָט נישט קיין „נוירוו„ קיין דרייסטקייט זי צו רופֿן אויפֿן טעלעפֿאָן און מאַכן מיט איר אַ „דײַט" צו אַ טאַנץ, אָדער אַזוי מיט איר פֿאָרן ערגעץ אין דער קאַר.

אַזוי זענען דאָך מענער קלוג און קלוג, נאָר אַז עס קומט צו עפּעס האָבן זיי גאָרנישט קיין שׂכל! זיי מיינען אַז זיי פֿאַרשטייען די פֿרוי, אָבער עס הייבט זיך נישט אָן! זיי פֿאַרשטייען די פֿרוי ווי זיי פֿאַרשטייען די קאַץ! זיי מיינען אַז אַ מײדל בלאָזט זיך, הייסט עס זי בראָקט זיך, זי וויל נישט. זיי

וויסן נישט אַז דאָס איז אַזאַ חנדל ווײַל זי וויל מ'זאָל זי בעטן. וואָס מער מ'בעט זי אַלץ געשמאַקער איז איר דער „דײַט" און אַלץ טײַערער ווערט איר דער באָי.

אָט, צוליב דעם האָט זי, די מר"ס קאַופמאַן, אָפּגעפּאַסט בײַ זיך נאָך אַ מאָל צונויפצוברענגען די צוויי לייט. צונויפפאָרן אַ באָי מיט אַ מיידל איז ווי פאַרזייען אַ בוים. אַז מ'וויל דאָס יונגע ביימעלע זאָל זיך אָננעמען, עס זאָל נישט אומגעוואָרפן ווערן פון ווינט, נאָך איידער עס האָט געלאָזט וואָרצלען אין דער ערד, מוז מען עס היטן, אַרומשטעלן עס מיט דרענגלעך. מוז זי, די מאַמע, זיין אויף אַ ווײַל אַזאַ דרענגל, אונטערצושפּאַרן דאָס יונגע ביסעלע קאַנטשאַפט צווישן די צוויי קינדער, עס זאָל ניט איבערגעריסן ווערן נאָך איידער עס האָט זיך רעכט אָנגעהויבן. אַז זי וועט זיי נאָך אַ מאָל צונויפברענגען בײַ איר אין הויז, וועלן זיי שוין נאָך דעם זיך טרעפן, גיין צוזאַמען צו אַ טאַנץ, אַרויספאָרן אַ ביסל אין דער קאַר, דערנאָך, דערנאָך איז דאָך דאָ אַ גרויסער גאָט.

זי האָט געשמייכלט צו זיך אַליין, די מר"ס קאַופמאַן. זי טראַכט שוין וועגן „דערנאָך" און דערווײַל קומט איר אָן שווער דאָס נאָך אַ מאָל צונויפברענגען זיי. שוין עטלעכע מאָל אַז זי האָט פאַרבעטן די דאָקטאָרין אויף נאַכטמאָל און יענע דרייט זיך אַלץ אַרויס. יעדער מאָל האָט זי אַן אַנדער אויסרייד.

וואָס אַן אמת, ס'ווערט איר שוין אויפפאַלנד. פאַר וואָס זאָל אַ מיידל נישט וועלן קומען אין אַ הויז, ווו מ'נעמט זי אויף מיט אָפענע אָרעמס? מ'קען זאָגן, ווײַל זי שטויסט זיך אָן וועגן סעמען, שעמט זי זיך צו קומען. זי וויל דאָך אָבער נישט קומען אויך צו די גאָלדשטיינס, צו די וואַלדמאַנס, צו קיינעם נישט!

זי, די מר"ס קאַופמאַן, קומט גראָד יאָ צום מיידל און די מר"ס אייכנבוים קומט אַהין נאָך אָפטער, דעסטגלײַכן אַנדערע פרויען פון דער „סיסטערהוד". איר דאַכט זיך אַפילו, אַז די דאָקטאָרין זעט גאָרנישט גערן, וואָס די ווײַבער קומען צו איר אַזוי אָפט. איז, ערשטנס קען זײַן, אַז זי האָט אַ טעות, אַז איר דאַכט זיך נאָר און ווען יאָ, מיינט דאָס מיידל געוויס די מר"ס אייכנבוים און קיין וווּנדער איז עס נישט. אַ האַרץ פילט אַ האַרץ. די מר"ס אייכנבוים האָט ליב די דאָקטאָרין ווי אַ געשוויר הינטערן אָרעם. גענוי אַזוי האָט די דאָקטאָרין ליב די מר"ס אייכנבוים. אָבער ווי קומט זי, די מר"ס קאַופמאַן, דאָ אַרײַן אין מיטן? פאַר וואָס זאָל די דאָקטאָרין נישט וועלן זי זאָל קומען צו איר? זי איז דאָך צו דעם מיידל בעסער נאָך ווי אַן אייגענע מאַמע. וועט אַ מאַמע זיך רעכענען מיט דעם, וואָס אַ קינד וויל נישט? רעכנט זי זיך טאַקע נישט און קומט יאָ צו איר. ווער האָט דאָס אַ האַרץ אַראָפּצוברענגען אַ פרעמד מיידל אין שטאָט אַרײַן, זי אַרײַנוואַרפן איינע

ב. דעמבלין

אַליין אין אַ גאַנץ הויז און זיך נישט אומקוקן, נישט אינטערעסירן זיך ווי עס גייט איר דאָ, מאַכט זי עפּעס פּראָגרעס? ווײַזט זיך אַרײַן אַ „פּיישנט"? האָט זי שוין אַ „סיין", עפּעס אַ שטיקל שילדל, מ'זאָל זען אַז אין דעם הויז איז דאָ אַ דאָקטאָר.

וויפֿל מאָל זי איז דאָרטן געווען אין די לעצטע עטלעכע וואָכן און זיך געפֿרעגט: „נו, מ'קען איר שוין ווינטשן מזל־טוב? שוין געווען אַ פּאַציענט? האָט זי אַלץ געהערט דעם אייגענעם ענטפֿער:

— קיינער האָט נאָך דאָ די טיר נישט געעפֿנט.

דאָס לעצטע מאָל אָבער האָט איר די דאָקטאָרין אָקעגנגעטראָגן צוויי פּאַפּירענע דאָלער:

— זי זעט? נאָר וואָס איז געווען אַ פּאַציענט, אַן עלטערער מאַן, וואָס די פֿרוי האָט אים געברענגט אין אַ קאַר.

פֿון גרויס פֿרייד האָט זי, די מר"ס קאַופֿמאַן, אַרומגעכאַפּט די דאָקטאָרין און איר אַ קוש געטאָן:

— סי? זעסט? נאָר נישט פֿאַרלירן די האָפֿענונג!

שפּעטער, אַז זי, די דאָקטאָרין, האָט וועגן דעם איבערגעטראַכט, האָט זי אײַנגעזען, אַז די מר"ס קאַופֿמאַן האָט זיך געפֿרייט נישט אַזוי צוליבן פּאַציענט ווי איבער דעם, וואָס איצט האָט זי זיך נישט געקענט מער אַרויסדרייען פֿון קומען צו איר אויף „סאַפּער", וואָרעם ווי נאָר די מר"ס קאַופֿמאַן האָט זיך מיט איר אַרומגעכאַפּט צו געבן איר אַ קוש, האָט זי געדענקט אין דער זעלבער רגע אַ זאָג צו טאָן:

— די „אָקײַזשאָן" מוז מען „סעלעברייטן"! (די געשעעניש מוז מען פֿײַערן!) און, נאָך איידער זי, די דאָקטאָרין, האָט צײַט געהאַט אויסצוטראַכטן עפּעס אַן אורזאַך פֿאַר נישט קומען, איז די מר"ס קאַופֿמאַן איר שוין פֿאַרלאָפֿן דעם וועג: — און איך נעם נישט קיין „נאָ" פֿאַר קיין ענטפֿער! דעם פֿרײַטיק־צו־נאַכטס מוז זי קומען! זי וועט אָנגרייטן געפֿילטע פֿיש. מ"ר קאַופֿמאַן וועט מאַכן קידוש און מ'וועט „סעלעברייטן".

צו וואָס זאָל זי לייקענען? דער פֿרײַטיק־צו־נאַכטיקער־צונויפֿקום האָט טאַקע געטאָן דעם „טריק" (די קונץ) און זי ווייסט פֿאַר וואָס! דאָס איז געווען ווײַל לעם מייער איז נישט געווען דערבײַ. אַז לעסלי איז גאָרנישט געווען, האָט זיך סעם נישט געפֿילט אַזוי אָראָפּגעפֿאַלן און ס'איז געווען „אַ פּלעזשער" צו זען ווי די צוויי קינדער האָבן פֿאַרברענגט. זיי האָבן געשטיפּט און געלאַכט. זיי האָבן אַפֿילו גערעדט וועגן „בוקס" (ביכער), ס'אָלרייט! מ'קען זיך אויף סעמען פֿאַרלאָזן. ער קוקט אַ מאָל אַרײַן אין אַ ביכל אויך!

נאָכן „סאַפּער" האָט סעם זי אָפּגעפֿירט אין זײַן „שעווי" אַהיים און איז געקומען צוריק גאָר שפּעט. ער האָט געמיינט אַז קיינער הערט אים נישט אַרײַנקומען, זי אָבער, די מאַמע איז געלעגן אויף, נישט ווײַל זי האָט זיך

געזאָרגט, וואָס ער קומט נישט אַזוי גיך צוריק. פאַרקערט, ס'האָט איר הנאה געטאָן, וואָס די קינדער פאַרברענגען דאָרט צוזאַמען. איר אונטער־שטעלן אַ „פּאָדפּאָרע" האָט געהאָלפן, איצט וועלן זיי זיך שוין אָפּטער טרעפן. זי קען זיך פאַרלאָזן אויף סעמעלען. ער ווייסט ווי זיך אומצוגיין מיט מייד־לעך. און אויף איר, דער דאָקטאָרין, קען זי, זעט אויס, זיך אויך פאַרלאָזן. זי וועט שוין וויסן ווי צו נעמען סעמעלען אין די הענט אַריין. ווען, אַ שטייגער, זי נעמט נישט איר היימי אין אירע הענט אַריין, וואָס וואָלט פון אים געוואָרן? גאָרנישט!

וואָס איז ער דען געווען ווען זי האָט זיך באַקאָנט מיט אים? אַ קלערק אין אַ ברוקלין פּרוכט־און גרינס־מאַרקעט. נאָך דער חתונה האָט זי זיך פאַרלייגט: היימי, דאָס איז נישט קיין לעבן! מיט די פאַרדינסטן וועט מען נישט קענען אויפברענגען קיין פאַמיליע!

פּופּצן יאָר האָט זי אַזוי אַריינגערעדט אין אים, ביז ער האָט ענדלעך איינגעזען אַז זי איז גערעכט, אַז זיי מוזן אַוועק פון ניו־יאָרק. ער זאָגט טאַקע, ווען נישט זי, פּיי, וואָלט ער נאָך היינט געווען אַ קלערק ערגעץ דאָרטן אין ברוקלין. היינט אָבער? אָן איר שאָדן, אויף אַלע אירע ליבע געזאָגט געוואָרן!

זי האָט זיך צוגערוקט צום מאַן. ער איז געלעגן אין ברעג פון ברייטן בעט, מיטן פּנים אַרויף, צום סופיט. אין דער נאַכטיקער שטילקייט האָט זיין שווער אָטעמען זיך געהערט שאַרף, מיט אַ כּסדרדיקן פּפּ, פּפּ, פּפּ, ווי ער וואָלט געבלאָזן דעם רויך פון אַ ציגאַרעט. זי האָט אים אַרומגענומען, זיך געטוליעט צו אים און איינגעשלאָפן אַ באַרויִקטע, ווי שטענדיק מענטשן, וואָס פילן אַז זיי האָבן דערגרייכט וואָס זיי האָבן געוואָלט.

קאַפּיטל צוועלף

ווי וויל סעם קאָופמאַן איז געקומען אויף זיין ראַנדעוווּ מיט דער רע־פּיודזשי־דאָקטאָרין גוטע פּופצן, צוואַנציק מינוט פריִער פאַר דער אָפּגע־רעדטער צייט, האָט ער דאָך זי שוין געטראָפן וואַרטן דרויסן, אויף דער וועראַנדע.

געמיינט האָט ער, אַז דאָס איז די דייטשישע־פּינקטלעכקייט אין איר. ער האָט געהערט, אַז דייטשן זענען פּינקטלעך, אָבער אַז אַ דייטשישע דאַמע זאָל זיין אַ פערטל שעה פריִער־נאָך פון קאַוואַליער, דאָס האָט ער נישט געהערט, דאָס איז דאָך שוין מער ווי פּינקטלעכקייט! ער האָט בלויז נישט געוווּסט, אַז דאָס איז ביי דער דאָקטאָרין געווען אַן אויסגערעכנטער שריט, אַז גע־ווינלעך איז זי ווי אַלע פרויען, וואָס האָט אויך האָלד דער קאַוואַליער זאָל וואַרטן אויף איר און נישט זי אויף אים.

נאָך לעצטע וואָך, נאָך זיין אָפּפירן זי אַהיים פון דעם פּריוואַטיק־צונאַכטיקן מאָלצייט ביי זיי אין הויז און צוליב דעם גרויסאַרטיקן אויפנעם פאַר איר, האָט זי נישט געקענט שוין מער אָפּשטופּן דעם ראַנדעוווּ מיט עפּעס אַ וויי־טערדיקן אויסרייד, האָט זי דאַן שוין געהאַט אָפּגעפּאַסט ביי זיך נישט צו לאָזן דעם סעם קאָופמאַן וואַרטן אויף איר, נאָר פאַרקערט, זי זאָל וואַרטן אויף אים און די הויפּטזאַך, נישט אין הויז.

ווי ווייניק זי האָט נאָך דעם יונגן מ"ר קאָופמאַן געקענט, האָט זי דאָך שוין געהאַט איינגעזען, אַז עס וועט זיין בעסער פאַר איר אויסצומיידן דאָס זיין מיט אים אַליין אין אַ שטוב. נישט ווייל זי האָט זיך געשראָקן פאַר אים. מענטשן מעגן מיינען, אַז זי איז זייער ווייבלעך און נאָכגיביק, אָן כוח זיך קעגנצושטעלן אַ מאַן. זי אָבער ווייסט בעסער. נישטאָ דער מאַן, וואָס זאָל זי קענען איבערוועלטיקן, אויב זי וויל אים נישט לעבן זיך. און גראָד פון דעם סעם קאָופמאַן וויל זי זיין וואָס ווייטער!

געוויס וואָלט עס געווען פאַר איר געזונטער און בעסער באַלד נישט אָנצוהייבן מיט אַזאַ איינעם, נישט אַריינצולאָזן זיך אין קיין שום באַציִונגען מיט אים. קען זי אָבער דאָס נישט אויסמיידן. דאָס וואָלט געמיינט אַ ריס נישט בלויז מיט די קאָופמאַנס, נאָר מיט דער גאַנצער יידישער קאָמיוניטי.

אַ רעפּיזאָדישע אין ניי־ענגלאַנד

האָט זי נישט קיין האַרץ דערצו און זי טאָר דאָס אויך נישט טאָן. נישט בלויז וואָס די קאָופּמאַנס זענען אַזוי גוט צו איר, האָבן זי אַזוי גרויסאַרטיק אויפֿגענומען, נאָר ווײַל אין דער ווײַסטער העצע, וואָס די מר"ס אײַכנבוים האָט דאָ, אין דעם שטעטל, פֿאַרפֿירט קעגן איר, איז די מר"ס קאָופּמאַן איר וויכטיקסטער אָנהאַלט דאָ. געוויס ווייסט זי, אַז די מר"ס קאָופּמאַן פּאַרטיידיקט זי, נישט אויס איבערגעגעבנקייט צו איר, נאָר זי האָט גאָר אין זין דעם זון און ווי נאָר זי וועט זיך אַרומזען, אַז איר גיט זיך נישט אײַן דורכצופֿירן וואָס זי וויל, וועט די גאַנצע געטרײַשאַפֿט אירע אויסרינען און זי וועט מיטהעלפֿן דער מר"ס אײַכנבוים אין דעם ווײַסן, ביטערן קריג, וואָס יענע און אַנדערע ווײַבער דאָ פֿירן אָן קעגן איר.

סעם קאָופּמאַן אָבער האָט נישט געוווּסט די אורזאַך פֿון איר נישט אַרײַנבעטן אים אין הויז פּריוואַט בײַ נאַכט, ווען ער האָט זי אָפּגעבראַכט אַהיים און אויך נישט פֿון איר איצטיקן וואַרטן אויף אים דרויסן, אויף דער וועראַנדע און ער האָט גאָרנישט געטראַכט דערפֿון אויך. די אומרו, דאָס אומגעדולדיקע וואַרטן אַ גאַנצע וואָך אויף דעם ווידערטרעפֿן זיך מיט איר, האָבן אים פֿון גאָרנישט געלאָזט טראַכטן. עס האָט נאָך קיין מאָל פֿריִער נישט געהאַט געטראָפֿן בײַ אים, ער זאָל זיך באַקענען מיט אַ מיידל, זי האָבן מיט זיך אין קאַר, שטיין דערנאָך מיט איר אין אַ זומערדיקער נאַכט אויף איר וועראַנדע און זי אַפֿילו נישט אָנרירן!

נאָך יענעם נאַרישן געשפּרעך, וואָס ער האָט אַזוי קלוגעטשקע געהאַט פֿאַרפֿירט מיט איר בײַ זיי אין הויז, דעם ערשטן אָוונט נאָך איר אָנקומען, האָט ער אײַנגעזען אַז די מוטער איז גערעכט. די דאָקטאָרין איז נישט נאָך איינע פֿון זײַנע שיקסלעך. מיט איר דאַרף ער זיך טאַקע „באַהייוון", זיך אויפֿפֿירן ווי אַ דזשענטלמאַן. האָט ער בײַם געזעגענען, פּריוואַט בײַ נאַכט, בלויז איר געדריקט די האַנט און געווען גליקלעך, ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט זייער גוט פֿאַרבראַכט דעם אָוונט, אַז עס איז איר זייער אָנגענעם צו קומען צו זיי אין הויז, אַז זי האָט זייער האָלד זײַן פֿאָטער פֿאַר זײַן געלאַסנקייט, פֿאַר זײַן רעדן אַזוי שטיל, אַזוי פֿײַן.

געוויס וואָלט ער געווען צופֿרידענער ווען זי מאַכט דעם קאָמפּלימענט אים, נישט אויפֿן אַדרעס פֿון זײַן פֿאָטער. פֿונדעסטוועגן האָט ער כּלומרשט גליקלעך געשמייכלט און געשמייכלט האָט ער, וואָס זי ווייסט נישט, אַז דער פֿאָטער זײַנער איז גראָד נישט קיין שטילער און געלאַסענער, אַז דאָס איז בלויז ווײַל די „מאָם" איז דאָ דערבײַ. זי ווייסט נישט, אַז ווען די מוטער איז דאָ, האָט דער „פּאָפּ" אין אַלגעמיין נישט דעם מינדסטן שאַנס געהערט צו ווערן.

סײַ ווי, נאָך דעם פּריוואַטיק אָוונט, איז סעם געווען געשפּאַנט דעם גאַנצן

ב. דעמבלין

טאָג, פֿול מיט דערוואַרטונג אויף דעם שבת־צונאַכטיק ווידערטרעפֿן זיך מיט איר.

ווי ווויל דער פּרוכט־און שפּייז־מאַרקעט איז שבת פֿאַר נאַכט פֿול נאָך מיט קונים און אויסטאָן דעם ווײַסן כאַלאַט אוועקצוגיין קען ער ערשט נאָכן אַרײַננעמען דאָס לייזעכץ פֿון אַלע קאַסירשעס, נאָכן אויספֿילן די געהעריקע צעטעלעך און אַרײַנשיבן דאָס גאַנצע זעקל געלט מיטן באַנקביכל, דורכן דרויסנדיקן, רונד מעשענעם טירל, אין דער אײַזערנער קאַסע פֿון באַנק, האָט ער דאָך היינט דאָס אַלץ איבערגעלאָזט צום פֿאָטער און אַליין איז ער באַ־צײַטנס אַוועק אַהיים זיך אָפּרוען, נעמען אַ שפּריץ, זיך אָנטאָן ווי געהעריק.

ער האָט געוואָלט קומען צו דער דאָקטאָרין וואָס פֿריִער, וואַרטן אויף איר אין פֿראָנטשטוב, פֿאַרברענגען מיט איר אַ ביסל אויף דער סאָפֿע... ווײַטער טראַכטן האָט ער שוין נישט געוואָלט. דער צוויק אין האַרץ איז געווען זיס, עפּעס גאַרנישט ווי ביים גרייטן זיך אויף אַ ראַנדעוווּ מיט וועלכן שיקסל.

ס'איז נאָך געווען פֿרי אין פֿאַרנאַכט. אַן אויסגערוטער, אַ פֿריש־איבער־געטוענער אין אַ לייכט זומערדיקן, העל גרויען אָנצוג און אַ ווייכן פּאַנאַ־מע־הוט אויפֿן קאָפּ, איז ער געזעסן אין זײַן אָפֿענער ספּאָרט־„שעווי", אַ שפּיגלדיק גלאַנציקע אין טיפֿן ווײַנקאָליר. פּאַוואָליע האָט ער געקערעוועט מיטן רעדל, אַרײַנגעדרייט די מאַשין אין דעם זײַטיקן געסל. פֿון ווײַטנס נאָך האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט זי, די דאָקטאָרין, שטיין אויף דער ווע־ראַנדע. ער האָט זיך גוט אײַנגעקוקט דורך דער שאָטנדיקער טונקלקייט פֿון די צעוואַקסענע ביימער. יאָ, עס איז זי, אין אַ בלוי געבלימלט קליידל, אין אַ ברייטן שטרויהוט און אַ שטרויענער האַנטטאַש אויפֿן אָרעם.

אינסטינקטיוו האָט זיך זײַן פֿוס אונטערגעהויבן פֿון טרעטער און די מאַשין האָט גענומען גיין לאַנגזאַמער, אײַנגעהאַלטענער. עפּעס האָט אים אַרומגענומען אַזאַ שווער געפֿיל פֿון אַנטוישונג, באַליידיקונג, געפֿאַלנקייט. זאָל ער אויסדרייען די קאַר און פֿאָרן צוריק? זיך גאַרנישט ווײַזן פֿאַר איר? טאָמער אָבער איז איר וואַרטן אויף אים דרויסן, נישט, ווײַל זי וויל אויסמײַדן צו האָבן אים אין הויז, נאָר ווײַל אויך זי איז אומרויִק, אויך זי איז פֿול מיט דערוואַרטונג אויף זייער הײַנטיקן טרעפֿן זיך?

זיין פֿוס האָט ווידער אַ דריק געטאָן אויפֿן געזטרעטער. די מאַשין האָט גענומען לויפֿן גיכער און, נאָך איידער די קאַר האָט זיך דערנענטערט צו איר הויז, האָט ער אַ פֿאָך געטאָן מיט דער האַנט צו איר:

— העלאָ דאָקטאָר!

— אָ, העלאָ מ"ר קאַופֿמאַן.

— איך האָף, כ'בין נישט שפּעט, האָט ער זיך געמאַכט נישט וויסן ווי שפּעט עס איז און אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר.

זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויף איר געלענק־זייגערל:

— פֿאַרקערט, ער איז פּופּצן מינוט צו פֿרי.

— איז זי דאָך נאָך פֿריִער פֿון אים, האָט ער שמייכלענדיק געקוקט איר אין די אויגן, אַן אַנצוהערעניש אַז ער פֿאַרשטייט, אַז נישט צופּעליק וואַרט זי אים אָפּ אויף דער וועראַנדע.

— ריכטיק, זי איז אַרויסגעקומען צו פֿרי, האָט זי זיך געמאַכט נישט פֿאַרשטיין זײַן אַנצוהערעניש. — עס איז בײַ איר אַ געוווינהייט, נישט צו לאָזן וואַרטן אויף איר.

— קיינעם נישט? האָט ער ווידער מיט אַנצוהערעניש זי געפֿרעגט.

— ניין, זי קען דאָס נישט זאָגן. ס'טרעפֿט אַ מאָל אַז זי פֿאַרשפּעטיקט און מען וואַרט אויף איר. זי באַמיט זיך אָבער דאָס זאָל נישט טרעפֿן.

— איז, ווי מיינט זי? פֿאָרן שוין? אָדער זי וויל נאָך דאָ פֿאַרברענגען אַ ביסל אין הויז. צייט איז דאָך דאָ גענוג!

— ניין, בעסער פֿאָרן שוין.

ער האָט געעפֿנט די טיר פֿון דער קאַר. זי איז אײַנגעזעסן אין פֿראָנטזיץ, לעבן אים. די מאַשין האָט גערירט. כאָטש דאָס געפֿיל פֿון אַנטוישונג, פֿון געפֿאַלנקייט האָט נאָך אַלץ געגריזשעט, גענאָגט אים, ווי אַ וואָרעם וואָלט אין אים געזעסן, האָט ער דאָך נישט געלאָזט די אָנגעשטאַנענע שטילקייט זאָל צווישן זיי ווערן שווערער, דריקנדיקער. אויף אַ רגע האָט ער צוגענומען דעם בליק פֿון וועג און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר:

— ווי האָט זי פֿאַרברענגט די וואָך? ווי אַזוי האָט מען זי דאָרט אויפֿגענומען אין האָספּיטאַל?

— פֿײַן, זייער פֿײַן, זי האָט זיך גאָרנישט וואָס צו באַקלאָגן. דער סטעף איז זייער גוט צו איר און אַזוי איז אויך דער סופּעראינטענדענט, ד"ר סמײַט.

— ער הערט אַז ד"ר דזשייסאָן איז איר שאָפֿער? ער איז אַ פֿײַנער מאַן, האַארד דזשייסאָן.

— אָ, יעס, האָט זי דאָס גלײַך באַשטעטיקט. — ער איז אַן עכטער דזשענטלמען.

די קאַר איז אַריין אין מיין־סטריט. ס'האָט נאָך דאָ געררוישט מיט אָנגעפּאַרענע מאַשינען, מיט ביזנעס און וואָך. אַ פֿײַכט פֿאַרנע היץ האָט דאָ געהויערט איבער די דעכער, איבער די טראָטוארן מיט די גזעמלען מענטשן, האָוועדיקע, אײַלענדיקע אַרײַן און אַרויס פֿון די קראָמען, פֿון די באַרן און רעסטאָראַנען.

ער האָט ווידער פֿאַרקערעוועט אין אַ זײַטיקער גאַס אַרײַן, צווישן רייען ביימער, אין שאָטנדיקער קילקייט, אין פֿאַרנאַכטיקער שטילקייט:

— ווי מיינט זי, פֿאָרן פֿריִער עסן?

— ווי ער וויל.

ב. דעמבלין

— איז זי נישט הונגעריק ?
— נישט זייער.
— ער וואָלט איצט איינגעשלונגען אַן אָקס.
— דאָס איז נאַטירלעך. ער אַרבעט דאָך שווער.
— נישט אַזוי שווער ווי אָנגעשטרענגט.

ער איז אַראָפּ מיט דער קאַר פון וועג, זיך פאַרקירעוועט אויף אַ שוואַרץ גלאַנציקן, אַספאַלטירטן פּלאַץ, פול מיט שטייענדיקע מאַשינען.

— דאָס איז אַ באַרימטער רעסטאָראַן, האָט ער איר געוויזן אויף דעם רויטן ציגל־געביי, אַ פאַרשאָטנטער צווישן ביימער, שיער ניט פאַרשטעלט פון די אייגענע זון דעכלעך, טונקל גרינע, מיט אַ ווייסן מאָנאָגראַם, ווי אַ פאַמי־ליע־הערב אויף יעדן פון זיי. ווי אַראָפּגעלאָזטע ווייעס איבער דרימלענדיקע אויגן, האָבן די דעכלעך פאַרשטעלט די פיל פענצטער, די שפּיזיקע שטראַלן פון דער פאַרנאַכטיקער, רויט פאַרגייענדיקער זון, זאָלן זיך נישט אַריינ־שטעכן אין די אַלט פּריצישע זאַלן, שטיל אָנגעהויכטע, די ווענט זייערע באַהאָנגענע מיט אויסגעשטאָפּטע קאַטשקעס און פאַזאַנען, מיט קעפּ פון הירשן און בערן, מיט אַלערליי פיש, פאַרמומיעזירטע, גלאַנציק פאַרטרו־קנטע.

— דאָ סערווירט מען די פיינסטע סטייקס, די פרישסטע קראַבס און אויסטערס. עסט זי די זאַכן ?

— פאַר וואָס נישט ?

— דאָס איז גוט ! זיין מאַמע און פּאָפּ וועלן דאָס נישט פאַרזוכן ווען זיי גייען אויס פון הונגער.

— אירע עלטערן עסן אויך נישט קיין קראַבס און אויסטערס.

זיי זענען צוגעקומען צום איינגאַנג. דער הויפּטקעלנער, אין אַ שוואַרצן פראַק, אין אַ שטייף געפּרעסט, ווייס העמד מיט אַ שוואַרץ שלייפעלע אין קאָלנער, האָט זיך פאַרנייגט פאַר זיי און שוין זיי איבערגעגעבן צו איינעם פון די פיל אונטערקעלנער, וואָס האָט זיי געפירט פאַרביי טישלעך, באַזעצטע מיט געסט.

טיף אין זאַל, לעבן אַן אָפן פענצטער אַרויס אין גאָרטן, האָט דער קעלנער זיי אַ ווייז געטאָן אויף אַ ווייס גדעקט טישל פאַר צוויי, אונטער־גערוקט די שטולן, צום ערשט דער לידי, דערנאָך דעם הער, אוועקגעלייגט די צוויי שפּייזמעניוס, איינעם לעבן איר, איינעם לעבן אים און אַליין זיך געשטעלט אַן אַ זייט, וואַרטן אויף זייער באַשטעל.

סעם האָט געעפנט די שפּייזקאַרטע, אַ קוק געטאָן און באַלד זיך גע־ווענדעט צו איר:

— וואָס וועט זי טרינקען ?
— בלויז אַ קליין גלעזל ווייסן וויין, אָבער טרוקענעם, פראַנצויזישן.

אַ רעפּיודזשי אין ניי־ענגלאַנד

זי האָט נאָר באַשטעלט אַ האַלבן קראַב, אַ סאַלאַט, רויע פּרוכט פאַר דעזערט און אַ שוואַרצע קאַווע. ער האָט נאָך געגעסן אַ דיקן, רויט זאַפּטיקן ביפסטייק, מיט פאַרברוינטע שניצלעך קאַרטאָפל, אויסגעזאַפּטענע אין אויל. נאָך דעם האָט ער אַרויסגענומען פון ברוסטן־קעשענקעלע אַ ציגאַר און מיט אַ שמייכל זי געפרעגט:

— מעג ער? אַז זי רייכערט נישט, דאָס ווייסט ער דאָך שוין.

— פליז, ער קען רייכערן וויפל נאָר ער וויל.

זיי זענען צוריק אַריין אין קאַר. ער האָט געהאַלטן ס'רעדל און געקוקט אויף איר. ס'איז געווען אַ בליק פון אַ נישט דערוואַקסן יינגל אויף אַ ריי־פער פרוי, אַ בליק פול מיט פאַרשטיקטן באַגער, מיט אונטערדריקטן נישט־וואַגן:

— ווו וואָלטן זי איצט וועלן גיין? ער ווייסט שוין, אַז זי האָט ליב קאָנצערטן. איז אָבער זומער און קיין קאָנצערטן קומען איצט אין באָס־טאָן נישט פאָר. ער קען זי נעמען צו אַ טאַנץ. האָט זי ליב טאַנצן? פיליייכט זען אַ מוווי?

— געוויס. ס'איז אָבער צו היים צו טאַנצן. צו קיין פילם האָט זי אויך נישט קיין באַגער.

— אפשר באָולינג.

— יעס, גלייכער באָולינג.

סעם קאופמאַן האָט נישט געוווסט אַז דער דאָקטאָרינס פאָרציען באָור־לינג, וואָס איז אויך אַ צו אָנגעשטרענגטע פאַרוויילונג פאַר אַזאַ פאַרנע הייסן אָוונט, איז געווען בלויז ווייל ביי באָולינג וועט זי נישט דאַרפן זיצן מיט אים אין אַ טונקעלן זאַל, אַ שטול לעבן אַ שטול און זיך פאַרשפּאָרן דאָס אומאָנגענעמע געפיל פון דאַרפן זיך אַמפּערן מיט אים, ביים צוריק־ציען איר האַנט, וואָס ער וועט זיכער זוכן צו האַלטן אין זיינער, אָדער, וואָס נאָך ערגער, ביים טאַנצן, צו דאַרפן פילן זיין אָרעם אַרום איר טאַליע, צו דאַרפן אַריינאָטעמען אין זיך דעם שווייס זיינעם, אַזאַ שווערער, אַזאַ אַפּשטויסנדיקער!

נאָכן צוריקברענגען זי אַהיים, אויף איר וועראַנדע שוין, האַלטנדיק איר האַנט אין זיינער ביים געזעגענען זיך, האָט ער זי געפרעגט:

— האָט זי גוט פאַרברענגט דעם אָוונט?

— פיין, האָט זי געשמייכלט כלומרשט זייער צופרידן, און זי דאַנקט אים פאַר לייסטן איר געזעלשאַפט.

זי — אים האָט פאַרשפּאָרט דאָס צו פרעגן. ס'איז איר געווען קלאָר: ער פאָרט אַוועק אַנטוישט, שטאַרק אַנטוישט.

קאַפּיטל דרייצן

ווי וואויל די רעפּיודזשי־דאָקטאָרין האָט זיך ניט באַקלאָגט, האָט דאָך ד״ר דזשייסאָן געאַנט, אַז מאַטעריעל איז זי שטאַרק געקוועלט. ער האָט דאָס אויך געזען אין איר קליידונג. זי האָט זיך טאַקע אָנגעטאָן נעט, זויבער. דאָס איז אָבער געווען אַ מין ריטמיש איבערבײַטן דרײַ אָרעמלעכע גאַרדעראָבעס. איין טאָג — דאָס ווײַסע פּיקעי קליידל, דעם צווייטן — דאָס בלוי געבלימלטע קלייד, דעם דריטן — אַ ווײַסע בליוזע מיט אַ שוואַרצער סקוירט (ספּודניצע) אַ וואָלענע, כאָטש ס׳איז געווען זומער און מערדער־לעך הייס. קלאָר, אַז מער ווי דאָס האָט זי נישט געהאַט.

ער האָט געוווּסט מיט וועלכע מיטלען זי איז געקומען אין הייי־היל. אים איז אויך געווען קלאָר, אַז וואָלט זי זיך באַקלאָגט, אָדער געגעבן אָנ־צוהערן ווי געקוועלט זי איז, וואָלט זיכער די ייִדישע קאָמיוניטי, אָדער עמעץ פֿון אירע מיטגלידער, איר געהאָלפֿן, ווייניקסטנס איר אויסגעליִען אַ סומע געלט. איז זי אָבער אַזאַ שטאָלצע, אַזאַ ווירדיק־צוריקגעהאַלטע־נע, אַז זי וועט קיינעם נישט לאָזן וויסן פֿון איר געדריקטקייט.

די איינציקע הילף, וואָס זי קוקט יאָ אויס, איז מ׳זאָל איר העלפֿן זיך שטעלן אויף די אייגענע פֿיס. דאָס מיינט דאָך העלפֿן איר זיך דערווערבן אַ נאָכפֿאָלגערשאַפֿט פֿון פּאַציענטן. דאָס איז אָבער אַ שווערע זאַך און עס מאַכט זיך נישט אַזוי גיך. אָט איז זי שוין עטלעכע וואָכן פֿאַרבונדן מיטן קאַונטי־האָספּיטאַל, אָבער ער צווייפֿלט שטאַרק צי זי האָט שוין גע־האַט איין פּאַציענט, וואָס זאָל איר האָבן באַצאָלט פֿאַר אַ וויזיט. און קיין וווּנדער איז דאָך דאָס נישט. פֿון וואַנען זאָלן פּאַציענטן קומען צו איר? קיינער קען זי דאָך נישט. אָט איז ער דאָ געבוירן און דערצויגן, דאָך האָט אים געדויערט יאָרן ביז ער האָט געקראָגן עפּעס אַ שטיקל נאָמען. ווי זשע קען זי, אַ פֿרעמדע, אַ רעפּיודזשי, דערוואַרטן דאָ באַקאַנט צו ווערן אַזוי גיך?

טראַכטנדיק בסדר מיט וואָס ער קען איר העלפֿן, איז אים איין מאָל אײַנגעפֿאַלן צו זען קריגן פֿאַר איר אַ ביסל „פּובליסיטי״ אין „סטאַר־העַ־ראָלד״. „אַ רײַט־אָפּ״, אַ באַשרײַבונג וועגן איר לויפֿן פֿון היטלערן, וועגן

איר דערשלאָגן זיך קיין אַמעריקע, איצט איר באַזעצן זיך אין הײַ־היל, אַזאַ באַשרײַבונג וואָלט זיכער „געטאָן דעם טריק".

ער האָט וועגן דעם איבערגערעדט מיט טאָם קימבי. טאָם דענקט אויך, אַז דאָס איז אַ גוטער אײַנפאַל, אָבער מיטצוהעלפן אין דעם, ווײַזט ער נישט אַרויס קיין שום פאַראינטערעסירטקייט. ער גיט גאָר אים אָנצוהערן אַז אויך ער, דזשייסאָן, וואָלט נישט געווען אַזוי פאַראינטערעסירט, ווען די רעפּיודזשי־דאָקטאָרין וואָלט נישט זײַן אַזאַ יונגע, שיינע פרוי, וואָס ער האָט זי מיט זיך אין קאַר יעדן פרימאָרגן פון דער וואָך. קען זײַן אַז דאָס איז ריכטיק. די לײַדן פון מענטש ווערן אונדז נאָענט, ווען דער לײַדנ־דיקער זעלבסט איז אונדז נאָענט און, צו וואָס זאָל ער לייקענען? זינט ער האָט די דאָקטאָרין באַקענט, איז זי אים נאָענט געוואָרן און זײַן פרײַנד־שאַפט צו איר שטײַגט מיט יעדן טאָג. איז ער אַליין אַריבער צו דזשיימס ווילקאָקס, עדיטאָר־אַרויסגעבער פון „סטאַר־העראָלד".

— ווהיי גאָט? האָט דזשיימס זיך גלײַך אָנגעכאַפּט. — פאַר וואָס נישט? דאָס דאַרף געוויס זײַן אינטערעסאַנטער לייענשטאָף. זאָל זי אַרײַנקומען. ער וועט גערן האָבן אַן אינטערוויו מיט איר.

וואָכן זענען אַוועק און זי, די דאָקטאָרין, האָט זיך אַלץ געקרימט:

— ווי קומט „פּובליסיטי" צו מעדיצין?

ער האָט געפּיפּקעט דאָס ליולקעלע און געשמייכלט:

— די אייראָפּייער פאַרשטייען נאָך אַלץ נישט די מאַכט פון פּובליסיטי. עס איז ריכטיק, מיט דער הילף פון פּובליסיטי ווערן אין אַמעריקע פאַר־קויפט פיל אומנייטיקע און אויך שעדלעכע זאַכן. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז ס'איז אַ פאַרברעך דורך פּובליסיטי צו ברענגען צום פּובליקום אַרטיק־לען, וואָס זענען נייטיק. ער זעט נישט פאַר וואָס אַ באַשרײַבונג וועגן איר אין „סטאַר־העראָלד" זאָל זי מאַכן פאַר אַן ערגערן דאָקטאָר. און אויב צוליב דער באַשרײַבונג וועלן מענטשן אָנהייבן קומען צו איר, מיינט דאָס, אַז זי נאַרט זיי מיט עפּעס אָפּ? אַז זי גיט נישט דעם פּאַציענט די מעדי־ציניש ע הילף וואָס אים נייטיק איז?

נאָך דעם גאַנצן אַרגומענטירן, האָט זי נאָך אַלץ אָפּגעלייגט דאָס אַרײַנ־גיין מיט אים אין „סטאַר־העראָלד" ביז, איין מאָל, אויפן וועג צוריק, פון האָספּיטאַל, איז ער, נישט הערנדיק זי מער, צוגעפאָרן אויף בראָאַד־סטריט און מיט איר אַרײַן אין רעדאַקציע.

דאָס איז געווען אַ גרויסע קראָם מיט אַ טיר אין נאָך אַ גרעסער הינ־טערגעוועלב אַרײַן. פאַרשטויבטע שנורן מיט עלעקטרישע לעמפּלעך, אונ־טער גרין געפאַרבטע, בלעכענע שײַנדלעך, זענען געהאַנגען אין גלײַכע רייען אַראָפּ פון די סופיטן — הויכע, לאַנג שוין נישט־געפאַרבטע. די לופט דאָ איז געווען שווער, געדיכט, פול מיטן ריח פון דרוק פאַרב, פון בלײַ,

פֿון שפּינגעוועב. דער טיקטאַק פֿון זאַצמאַשין אין הינטערגעוועלב, פֿון די שרייבמאַשינקעס אַרום, האָט פֿאַררוישט די אויערן.

פּאַוואַליע, קערעווענדיק די טריט צווישן צעשטעלטע ביוראָטישלעך, פֿאַרבײַ מענטשן פֿאַרטוענע איבער די שרייבמאַשינקעס, איז ד״ר דזשייסאָן געגאַנגען מיט איר אַרויף, צום לעצטן פֿון די פֿענצטער, וואָס אַלע זענען זיי געווען הויכע, די אונטערשטע העלפֿטן זייערע פֿאַרשמירט מיט שוואַרץ גלאַנציקער פֿאַרב. דאָרט, אויבן אָן, הינטער אַ גרויסן ביוראָטיש, פֿאַרלייגט מיט פּאַפּירן, מיט צײַטונגען, איז געזעסן אַ ברייט צעוואַקסענער מאַן, מיט אַ געפּאָלבט פֿליישיק געזיכט, קרענקלעך בלאַס. אויף זײַן שטערן, איבער די אויגן, קורציכטיקע, געשיצטע הינטער דיקע ברילן מיט שוואַרצע ראַמ־לעך און האַלאַבליעס אַרום די אויערן, איז אים געריטן אַ גרויסער דאַשעק פֿון גרינעם צעלאָלאַיד, אַ גלאַנציק דורכזיכטיקער. דער קאָלנער פֿון ווײַסן העמד — צעקנעפּלט, די אַרבל פֿאַרשאַרצט, איז ער געזעסן איבער אַ בייגעלע פּאַפּיר, אַ פֿאַרטוענער אין שרײַבן, נאָר די האָר זיינע, שיטערע, ווייכע, האָבן פֿאַר זיך אַליין, ווי גאָרנישט אָנגעהערנדיק זיך מיט אים, זיך געוויגט און געפֿלאַטערט אין ווינט פֿון עלעקטרישן בלאָזער, וואָס אויף דער וואַנט, היג־טער אים.

— היי, דאָק! האָט דער מאַן, דערזעענדיק די געסט, זיי געגרי־סט פֿון ווײַטנס.

— היי, דזשים! האָט ד״ר דזשייסאָן צוריקגעפּאַכעט מיט דער האַנט.

— כ׳האָב דיר געבראַכט אונדזער געשעצטע רעפּיודזשי און, צוקומענדיק צום ביוראָטיש, האָט ער, ווײַזנדיק אויפֿן מאַן, זיך געווענדט צו איר: — און דאָ איז אונדזער עדיטאָר און טשיף (הויפּט־רעדאַקטאָר), מ״ר דזשיימס ווילקאָקס.

— זייער צופֿרידן מיט אײַך זיך צו באַקענען, האָט זי אויסגעשטרעקט צו אים איר הענטל, אין דעם ווײַסן געשטריקטן הענטשקעלע.

— אויך ער איז צופֿרידן זיך צו טרעפֿן מיט איר, האָט ער גענומען איר האַנט אין זײַנער און מיטן בליק זיי געוויזן אויף די צוויי שטולן לעבן ביוראָטיש: — זיצט. און אַליין אויך זיך צוריקגעזעצט אין דער ברייטער שטול. — ווי ער הערט, איז זי שוין אויפֿן מעדיצ־ינישן סטאַף פֿון האָספּיטאַל און זי האָט שוין אַן אייגענעם אָפֿיס?

זי האָט געשמייכלט:

— צײַטונגס־מענטשן ווייסן פֿון אַלץ, איידער נאָך עמעץ לאָזט עס זיי וויסן.

— נישט אַלץ, האָט ער צוריקגעשמייכלט, וויגנדיק זיך הין און צוריק אין דער ברייטער אויסבייגשטול, אַ קוויטשעדיק סקריפּענדיקע אונטער זײַן שווערן קערפּער. — אָט ווייסט ער נישט ווי עס גייט איר דאָ אין „היי־היל״.

— שווערלעך, אָבער זי באַקלאָגט זיך נישט, האָט זי אים געענטפֿערט און דערביי אַזוי אומרויִק, נערוועז זיך געשפּילט מיט דעם שלאָס פֿון האַנט בייטל, אים געעפֿנט און אים צוגעמאַכט, געעפֿנט און צוגעמאַכט און יע־דער קנאַק פֿון איר שלאָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן וואַזשלדיקן סקריפּ פֿון זיין שטול. — ניין, זי באַקלאָגט זיך נישט. היי־היל האָט זי אויפֿ־גענומען מיט אָפֿענע אָרעמס. זי בעט אים טאָקע איר דערלויבן דורך זיין צייטונג צו דאַנקען אַמעריקע. דאָס גאָט געבענטשטע לאַנד, פֿאַרן אַריינ־לאָזן זי אַהער. זי וויל אויך דאַנקען דעם סטייט פֿאַרן צולאָזן זי צום סטייט־עקזאַמען, וואָס דערמעגלעכט איר צו פּראַקטיצירן איר פּראָפֿעסיע. זי איז אויך שולדיק אַ דאַנק דעם קאַונטי־האָספּיטאַל און זיין סופּעראינ־טענדענט, דעם ליבן ד"ר סמיט, אויך דעם גאַנצן סטאַף, די שטאָט היי־היל און גאַנץ באַזונדער דעם טייערן קאָלעגע און פֿריינד, וואָס זיצט דאָ לעבן איר, ד"ר דזשייסאָן, וואָס שענקט איר זיין צייט און זיין פֿאַראינטערעסי־רונג אַזוי ברייטהאַרציק, אַזוי פֿריי.

—אַ דאַנק אייך, אַ דאַנק אייך, האָט ד"ר דזשייסאָן, אַ פֿאַררויטלטער, גע־שמייכלט וואָס זי רימט אים אַזוי, — זי דאַרף נישט איבערטרייבן, ער טוט בלויז זיין מענטשלעכע פֿליכט.

— אָ, האָאַרד איז אַ גוד־באַי, שטענדיק געווען, האָט מ"ר ווילקאָקס איינגעשטימט מיט איר לויבן דעם דאָקטאָר און איר אונטערגעטראָגן זיין פּעקל ציגאַרעטן.

— אַזוי ? זי רייכערט נישט ? מעג ער ?

— געוויס, פֿאַר וואָס זיך שטערן.

ער האָט אַרויסגעצויגן אַ ציגאַרעט פֿון פּעקל, אים אַריינגעזעצט צווישן די ליפּן, דיקע שווערע. ד"ר דזשייסאָן האָט אים צוגעטייגט דאָס פֿלעמל פֿון זיין צינדמאַשינקעלע, אַליין אויך פֿאַררייכערט אויף ס'ניי זיין ליולקעלע און, צווישן איין צי פֿון ציגאַרעט און דעם אַנדערן, האָט מ"ר ווילקאָקס זי געפֿרעגט:

— און וואָס דערציילט זי פֿון יענער זייט ?

— דעם אמת געזאָגט, ווייסט זי נישט פֿון וואָס אָנצוהייבן. ער איז דאָך אַ צייטונגסמאַן, ווייסט ער געוויס פֿון די קעפּ אין זיין אייגענער צייַ־טונג. וואָס די היטלערלייט טוען מיט די יידן אין עסטרייך, אין דייטשלאַנד, אין טשעכאָסלאָוואַקיע. ער ווייסט דאָך אויך, אַז זיי קלייבן זיך אַרויס־צוטרייבן די פֿרעמדע יידן פֿון דייטשלאַנד. אויב זי מעג, וואָלט זי וועלן אים דערציילן ווער עס זענען די פֿרעמדע יידן, וואָס זיי ווילן אַרויסטרייבן.

— ביטע זייער, ער וויל אַלץ וויסן.

— ווער די פֿרעמדע יידן אין דייטשלאַנד זענען, האָט זי מיט אַ טיפֿן זיפֿץ איבערגעחזרט. — ער ווייסט דאָך זיכער, אַז אין ניינצן פֿופֿצן האָט

ב. דעמבלין

דײַטשלאַנד, דעמאָלט נאָך נישט היטלערס, נאָר קייזער ווילהעלמס דײַטש־לאַנד, אַרויסגעטריבן די רוסן פֿון פּוילן און אַליין אָקופּירט דאָס פּוילישע לאַנד.

— טעג בלויז נאָכן אָנקומען פֿון דער דײַטשישער אַרמיי, איז שוין אין פּוילן אָנגעשטאַנען אַ שרעקלעכער הונגער. מיט דער באַרימטער דייטשי־שער פּינקטלעכקייט, האָט קייזער ווילהעלמס אַרמיי קאָנפֿיסקירט אין דעם אָקופּירטן לאַנד יעדער פֿונט קאַרטאָפֿל, יעדער קערנדל תּבֿואה, יעדער קו און פֿערד. זיי האָבן פֿאַרנומען און אַרויסגעפֿירט פֿון די פֿאַבריקן און וואַרשטאַטן יעדער מאַשין און טראַנסמיסיע, יעדער ראָד און וואַלץ, אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געקענט באַוועגן אין אַן אינדוסטריעלער אונטערנע־מונג. זיי האָבן אַראָפּגענומען פֿון אַלע הײַזער די קליאַמקעס פֿון די טירן, מעשענע צי אײַזערנע, די קופּערנע טעפּ און פֿאַנען פֿון די קיכן אַרויס, די מעשענע שבת־לײַכטער פֿון די ייִדישע שטובן, די קאַנדעליאַברעס פֿון סי־נאַגאָגעס און קירכעס, פֿון די לאָקאַלן, פּריוואַטע און עפֿנטלעכע, אַלץ, יע־דער שטיקל בראָנז און שטאָל, יעדער שטיקל קופּער און מעש, אַלץ האָבן זיי פֿאַרנומען אין פּוילן און דאָס אַרויסגעפֿירט צו זיך, אין קייזערלעכן דייטשלאַנד.

איז אַ וווּנדער, אַז עס האָט באַלד אויסגעבראָכן אַ הונגער אין פּוילן? אַז אויסער קליינע גרופּעס שפּעקולאַנטן, האָט די גאַנצע באַפֿעלקערונג, אין די שטעט און אַפֿילו אין די דערפֿער, שרעקלעך געהונגערט! הונדערטער טויזנטער זענען דאָך געלעגן געשוואָלענע פֿון אונטערדערנערונג. צענדלי־קער טויזנטער זענען געשטאָרבן פֿון בויך־און פֿלעקן־טיפֿוס. קינדער און אַלטע לייט זענען געפֿאַלן אין די גאַסן און נישט געווען ווער עס זאָל האָבן זיי צו געבן אַ שטיקל ברויט.

אין יענער צייט האָבן די דײַטשן צעהאַנגען אין אַלע שטעט פֿון פּוילן גרויסע אַפֿישן מיט אַ ווענדונג צו דער יונגער מענער־באַפֿעלקערונג, זיי זאָלן זיך פֿאַרשרײַבן אויף אַרבעט אין די דײַטשישע קוילן־און אייזנערץ־שאַכטן, אין די געווער־פֿאַבריקן און מיליטערישע באַקלייד־וואַרשטאַטן.

ווי אַן אָנרעג צו די יונגע מענער, זיי זאָלן זיך וואָס מער פֿאַרשרײַבן, האָבן די דײַטשן אין זייערע אַפֿישן צוגעזאָגט אויסער הויכע לוינען, גוט עסן נאָך אַ צולאָג, אַן אָנצוהערעניש אַז דײַטשלאַנד איז פֿול מיט יונגע שיינע פֿרוי־ען, וואָס זייערע געליבטע און מענער זענען אויף די פֿראָנטן...

— יעס, דזשענטלמען, האָט זיך איר קול געגומען ברעכן ווי אין גע־וויין, — שוין דעמאָלט אין ערשטן וועלטקריג, נאָך אונטער קייזער וויל־העלם, האָבן שוין די דײַטשן געטריבן פּראָסטיטוציע מיט זייערע טעכטער, מיט זייערע פֿרויען, אַלץ פֿאַרן הייליקן פֿאָטערלאַנד! פֿאַרן זיג פֿון קריג!

— ווי די ייִדישע און פּוילישע פֿרויען, די מאַמעס און ווײַבער, געליב־

טע און שוועסטער, האָבן נישט געוואָלט זייערע זין, מענער, ברידער און געליבטע זאָלן אויסוואַנדערן קיין דײַטשלאַנד, האָט עס נישט געהאָלפֿן. דער הונגער אין פּוילן און דער אויסזיכט אויף גענוג עסן אין דײַטשלאַנד, איז געווען שטאַרקער און צענדליקער טויזנטער יונגע ייִדן און פּאָליאַקן האָבן זיך פֿאַרשריבן צו פֿאָרן אַרבעטן פֿאַר די דײַטשן.

— אויך איר פֿאָטער אַ שנײַדער־אַרבעטער אין לאָדזש, אַ מאַן פֿון אַ פֿרוי און אַ פֿאָטער פֿון צוויי קינדער, וואָס זי, די עלטסטע, איז דעמאָלט אַלט געווען זעקס יאָר און אַ ברודערל פֿון צוויי יאָר — אויך ער, איר פֿאָטער, האָט נישט געקענט מער אויסהאַלטן, נישט געקענט מער צוזען די נויט אין זייער אָרעמער שטוב, די געשוואָלנקייט צוליבן הונגער פֿון איר, זײַן זעקסיאָריק טעכטערל און די ראַכיטישקייט פֿון זײַן קליין זונעלע, איר צווייִיאָריקן ברודערל און אויך ער האָט זיך רעגיסטרירט אויף אַרבעט אין אַ דײַטשישער קוילנשאַכטע.

— ביז נײַנצן זיבעצן איז ער דאָרטן געווען אַליין. יעדן אָפּגעשפּאָרטן פֿעניג האָט ער געשיקט אַהיים, צו דערהאַלטן בײַם לעבן ווײַב און קינדער. ערשט נאָך נײַנצן זיבעצן, פֿאַרן צוזאַמענבראָך פֿון דער דײַטשישער אַרמיי אויף די פֿראָנטן, האָט ער אַריבערגענומען די פֿאַמיליע צו זיך אין דײַטשלאַנד.

— אָבער זייערע לײַדן אין דײַטשלאַנד האָבן נישט אויפֿגעהערט מיטן אָפּשטעלן זיך פֿון קריג. אויך נאָכן קריג, ווי ווײַל די מוטער און אַפֿילו זי, אַ יונג קינד נאָך, האָבן געהאָלפֿן דעם פֿאָטער אין שנײַדערײַ, געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט בײַם לאַטען און פֿאַרריכטן וואָס נאָר זיי האָבן געקראָגן, איז דאָך אין דער ווייסטער אינפֿלאַציע־צײַט נישט געווען גענוג ברויט אין שטוב.

— ערשט שפּעטער, ווען די לאַגע אין לאַנד איז געוואָרן מער סטאַביל, דער פֿאָטער האָט געעפֿנט אין ברעסלאַו אַ שנײַדער־ווערקשטעל און, ווײַל אַ גוטער פֿאַכמאַן, זיך דערוואָרבן אַ נאָמען און אַ קליענטעלע צווישן רײַכערע קלאַסן איינוווינער, איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין זייער היים געוואָרן בע־סער, די קינדער האָבן געקענט גיין רעגולער אין שול, זי האָט געענדיקט גימנאַזיע און איז אָנגעקומען אויפֿן היידלבערגער אוניווערסיטעט שטודירן מעדיצין.

— איז געקומען היטלער! נישט היידלבערג האָט זי געענדיקט, נאָר די סאָרבאָן אין פּאַריז. פֿון היידלבערג האָבן די היטלער־יונגען זי פֿאַר־טריבן, מיט שטעקנס זי פֿאַרטריבן, איצט גייען זיי פֿאַרטרײַבן אירע עלטערן פֿון דײַטשלאַנד. איר פֿאָטער און צענדליקער טויזנטער ווי ער, זענען דאָס די פֿרעמדע, די „פּאָלנישע יודען”!

זי האָט זיך אויסגעווישט די אויגן, געווען אַ ווײַל שטיל און באַלד, מיט

ב. דעמבלין

אויסגעשטרעקטע הענט געפֿרעגט מער זיך איידער די צוויי מענטשן לעבן איר:

— ווּוהין זאָלן די ייִדן גיין? אַלע לענדער זענען דאָך פֿאַר זיי פֿאַרמאַכט. בלויז איינצלנע ווי זי, איז נאָך לאַנגען וואָגלען דערלויבט געוואָרן אַרײַנצוקומען אין אַמעריקע, איז זי טאַקע דאַנקבאַר דעם גאָט געבענטשטן לאַנד פֿאַר אַרײַנלאָזן זי, אָבער וואָס זאָלן טאָן אירע עלטערן? וואָס זאָלן טאָן די אַלע הונדערטער טויזנטער ייִדן? ווּוהין זאָלן זיי גיין?

זי איז געבליבן שטיל. דאָס ליוּלקעלע בײַ ד"ר דזשייסאָן אין מויל־ווינקל, איז געווען טויט, אויסגעלאָשן. מ"ר דזשיימס ווילקאָקס, דער רע־דאַקטאָר־אַרויסגעבער פֿון „סטאַר־העראַלד". איז געזעסן מיט אַ פֿאַרזונקענעם קאָפּ. די עלענבויגנס — אויפֿן ביוראָטיש, די אָרעמס אויפֿגעשטעלט, זיין ברייט געזיכט פֿאַרגראָבן אין זײַנע נאָך ברייטערע האַנט־פֿלאַכן. געזען האָט מען נאָר זיינע שיטערע צעפּלאָשעטע האָר אויפֿן האַלב נאַקעטן שיידל, פֿליִענדיקע האָר, פֿלאַטערנדיקע אין ווינט פֿון עלעקטרישן בלאָזער, האָבן זיי דערמאָנט די שוואַכע, קרענקלעכע גרעזער פֿון אַ זאַמדיק שטיקל פֿעלד אין אַ שטורעמדיקן געוויטער.

איז אַזאַ שטורעמדיק געוויטער איצט אָנגעגאַנגען אין מוח פֿון מ"ר דזשיימס ווילקאָקס? האָט ער איצט ערשט, אַרײַנקוקנדיק טיף אין זיך, אײַנגעזען אַז ער שטייט אויף איין ברעט מיט היטלערס און קייזער ווילהעלמס דײַטשן? געוויס, ער טרײַבט נישט די ייִדן פֿון היי־היל, אָבער שטילערהייט, אין געזעלשאַפֿט פֿון אייגענע, נאָך אַזעלכע ווי ער, רעדט ער זיך אַראָפּ פֿון האַרץ: איר ווילט וויסן ווער עס האָט געלט אין היי־היל? גייט אַרויס אויף „מיין־סטריט"! ווער האָט דאָרט די פֿײַנע צירונג־און דימענט־סטאָר? אַן אייכנבוים! ווער האָט דעם גרעסטן שפּײַזמאַרקעט? אַ קאַופֿמאַן! ווער איז דער אייגנטימער פֿון דער גרעסטער פֿעקטאָרי אין דער קאַונטי? אַ גרינבערג! און ווער האָט דעם גרעסטן דעפּאַרטמענט־סטאָר? „מייער און מייער"!

אַ היפּשע ווײַל ערשט, נאָך דער רעפּיוּדזשיס ענדיקן איר דערציילן, האָט דזשיימס ווילקאָקס אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט דאָ צוריקגעקומען פֿון אַ פֿאַרטראַכטקייט, פֿון אַ וועלט, וואָס ער־גער־ווּ האָט ער זי געזען, אָבער נישט אַרײַנגעקוקט געגוג טיף אין איר צו זען איר ווירקלעכקייט. איצט ערשט האָט ער זי דערזען.

— איטס אַ שיים! (ס'אַ שאַנדע) האָט ד"ר דזשייסאָן געזאָגט און אַרויסגענומען דאָס ליוּלקעלע פֿון מויל.

— יעס, איטס אַ שיים, האָט דזשיימס ווילקאָקס טרויעריק געשאָקלט מיט זיין גרויסן, שווערן קאָפּ, — עי דעמנד־שיים!

קאַפּיטל פערצן

לעסלים זיידע, דער אַלטער עוזר מייער, האָט אויסגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד פאַר 1848, איידער די אומרועו האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן. ווען ער איז אַוועק פון ברעסלאַו, איז ער נאָך קיין גאַנצע אַכצן יאָר נישט אַלט געווען.

אָנגעקומען מיט דער שיף איז ער אין באָסטאָן, צו דער מוטערס אַ ברודער, נאָר דער אָנקל האָט אים געראָטן נישט צו בלייבן אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער זיך פון דאָרט אַרויסגעלאָזט איבער די ניו־ענגלענדער פאַרמס מיט אַ פּאַק גאַלאַנטעריי־סחורות אויפן רוקן.

וואָס האָט ער נישט געטראָגן אין דעם פּאַק? חוץ אַ סידורל מיט אַ פּאָר תּפילין צום דאַווגען, אַ רייפּטל יידיש ברויט מיט אַ שטיקל קעז זיך צו דערכאַפּן ס׳האַרץ, האָט ער אין דעם פּאַק געהאַט אויף צו פאַרקויפן פאַרביקע קאַפּטיכלעך, האָרנאַדלען, קעמעלעך, שנירלעך קרעלן, שיכבענדלעך, זאָקן, שפּילצייג פאַר קינדער און פאַר די מאַנצביל־פאַרמער ליולקעלעך, ביטעלעך אויף קליינגעלט, טאַבאַקערקעס און פּעקלעך טאַבאַק צום קייען, צום רייכערן, צום שניפן.

אַזוי קריכנדיק מיטן פּאַק איבער די וועגן, פון פאַרם צו פאַרם, האָט ער זיך דערשלאָגן צו דעם שטעטעלע הייי־היל. מאָלט אייך, די שטאָט איז דענסטמאָל נישט געווען וואָס היינט. אויפן גאַסנווינקל פון מיין און בראָאַד־סטריטס, דער טיימססקוועד פון הייי־היל, איז נאָך דעמאָלט געשטאַנען די קירכע פון דער פּרעסביטעריאַנער געמיינדע, אַ קליין, גרוי געפאַרבט, האָלצערן קירכעלע. דער וועטעראַן־סקוועד מיטן בראָנז־מאָנומענט פון די צוויי סאָלדאַטן פון בירגערקריג, ווו היינט שטייען דער סיטי־האָל, דאָס קאַונטי־קאָורט הויז, דער פּלאַץ איז נאָך דעמאָלט געווען אַ טייל פון אַלטן קלאַרקס פאַרם.

שיינע עטלעכע יאָר האָט געדויערט ביז עוזר מייער האָט אַראָפּגעברענגט פון ברעסלאַו זיין קוזינע, רחל שאָנגעזיכט, מיט איר חתונה געהאַט און זיך גענומען בויען אַ היים אין הייי־היל. דעמאָלט האָט ער זיך אויך

ב. דעמבלין

דערשלאָגן צו א פערד און וועגעלע און אויפגעהערט שלעפּן דעם פּאַק סחורה אויף זיינע פּלייצעס.

מיטן פאַרגרעסערן דעם אויסוואַל פון סחורות, וואָס עוזר מייער האָט איצט געפירט אין וואָגן, איז אויך פאַרגרעסערט געוואָרן זיין באַגאַזש פון יידישקייט. חוץ דאָס סידורל מיט די תפילין, האָט ער אויך געהאַט א טלית. אָן איינגעהילטער, ווי א באַוויבטער שוין, אין טלית און תפילין, איז ער יעדן באַגין געשטאַנען און געדאַוונט, א מאָל אין א זייטיק שטיבל ביי א פאַרמער אין הויז, אָפטער אָבער אין „באַרן", וווּ פון איין זייט איז געווען דער שטאַל פאַר די פערד, אין דער אַנדערער זייט, דער שטאַל פאַר די קי, איבערן קאָפּ א בוידעם מיט היי און פאַר אים, אין אָפּגעצווימטן ווינקל, איז אין ווייכן היי געלעגן א קליין קעלבעלע, צו יונג נאָך צו קענען מיטקריכן מיט דער מוטער איבער די באַרגיקע און טאַליקע פעלדער און צופּן גראָז אויף דער לאָנקע.

נאָך יאָרן אַזוי נע־ונדעווען מיטן פערד און וועגעלע הינטערוועגנס, נישט שלאָפן אין קיין מענטשלעך בעט, נישט האָבן גאַנצע וואָכן קיין וואַ־רעם מאָלצייט, נאָר עסן פון זאַק אַרויס דעם פאַרדאַרטן פּענעץ ברויט מיט קעז אויף אָנבייסן, דאָס שטיקל קאַלט קעלבערינס, אָדער א פּאָלקעלע פון אויסגעזאָטן עוף, וואָס רחל, דאָס ווייב זיינס, האָט אים מיטגעגעבן אויף נאָכטמאָל, ערשט נאָך יאָרן אַזוי זיך שלעפּן איבער די ניו־ענגלאַנד־פאַרמס, האָט עוזר מייער ענדלעך זיך געעפנט א קראָם אין היי־היל.

ער איז שוין דענסטמאָל געווען א פאַמיליע־מאַן, געהאַט א טאָכטער אסתר, א זון יוסף און נאָך א זון אהרון, לעפּלים פאָטער. און ווי עס איז אים געווען באַשערט צו זיין דער ערשטער ייִד, אויפצושטעלן זיך א היים אין היי־היל, אַזוי איז אויך אויף זיין גורל אויסגעפאַלן צו זיין דער ערשטער ייִד צו פאַרלייגן דאָרט א ייִדישן בית־עולם

נאָך איידער זיין בת־יחידה, דאָס עלטסטע מיידעלע, אסתר, איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, איז זי שוין אים אוועקגעשטאָרבן און געגנוי ווי א מאָל אונדזער אַלטער זיידע אברהם איז געקומען צו די קינדער פון חת און געבעטן ביי עפרון דעם חתי, אים צו פאַרקויפן א שטיקל פעלד, ער זאָל קע־נען באַגראָבן זיין מת, אונדזער באָבע שׂרה, אַזוי איז היינט דער אַלטער עוזר מייער געגאַנגען צו דער פּרעסביטעריאַנער עדה און געבעטן ביי דזשאָרדזש ווילקאָקס, זייער גבאי, דער זיידע פון היינטיקן דזשאָרדזש וויל־קאָקס, דער עדיטאָר אין טשיעף פון „סטאַר־העראָלד" אין היי־היל, ער זאָל אים פאַרקויפן א שטיקל פעלד אין ווייטסטן ווינקל פון זייער בית־עולם, ער זאָל קענען דאָרטן מקבר זיין דאָס מת, זיין טעכטערל אסתר.

מער קיין קינדער האָט שוין זיין ווייב רחל נישט געהאַט, נאָכן

אַ רעפּיודזשי אין ניו־ענגלאַנד

געבוירן אים דעם צווייטן זון אהרון, איז איר טראַכט פאַרשלאָסן געוואָרן און שוין געבליבן פאַרשלאָסן אויף אַלע אירע טעג.

עס איז דענסטמאָל געווען שווער צו זײַן אַ ייִד אין אַ קליין שטעטעלע פון ניו־ענגלאַנד. וואָרעם חוץ אים זענען מער קיין ייִדן נישט געווען ווײַט, ווײַט אַרום הײַ־היל. האָט ער נישט געקענט דאַווענען בציבור אַפילו נישט שבת, נישט געקענט עולה זײַן צו דער תורה און קיין שוחט איז אויך נישט געווען און ער האָט געמוזט, כאָטש איין מאָל אין צוויי וואָכן זיך אַריבער־כאַפּן קיין באָסטאָן, ברענגען פון דאָרט אַ שטיקל כשר פלייש, אַ כשר גע־שאָכטן עוף. און קיין מלמד פאַר די ייִנגלעך איז דאָך אין הײַ־היל אוודאי נישט געווען און עוזר מייער איז געווען זייער אַ פרומער און גאָטספאַרכ־טיקער ייִד און ער האָט באַגערט זײַנע צוויי זין, יוסף און אהרון, זאָלן אויס־וואַקסן ייִדן, פרומע און גאָטספאַרכטיקע ווי ער. האָט ער אַראָפּגעברענגט פון באָסטאָן אַן אַלטן מאַן מיטן נאָמען שלמה, ר״ שלמה גאָרין, אַן אַמאָלי־קער סופר אין פוילן, אײַנגעריכט פאַר אים אַ שטיבל בײַ זיך אין הויז, אײַנגעקויפט ספרים און אים אָנגעזעצט ער זאָל זײַן אַ רבי צו זיינע צוויי ייִנגלעך.

די הוצאה אויף דעם איז אוודאי געווען גרויס, אָבער ר׳ עוזר מייער האָט געהאַט בטחון אין גאָט, וואָס פאַרלאָזט נישט אַ ווערעמל אונטער דער ערד, וועט ער געוויס נישט פאַרלאָזן אויך אים, אַ ייִד וואָס מיט זיך צו דערציִען זײַנע קינדער, זיי זאָלן נישט אָפּווייכן פון גאָטס וועג. און גאָט האָט אים געהאָלפן און ער האָט מצליח געווען ווי נאָר ער האָט זיך געקערט און געווענדט. חוץ דעם הויז, וואָס ער האָט געוווינט אין דעם און געהאַט דערין זײַן קראָם האָט ער אויך אָפּגעקויפט די הײַזער, וואָס אין זײַנע ביידע זײַטן, מיט די פּלעצער אַרום איז דאָס אַ גוטע העלפט פון דער הײַנטיקער מיין־סטריט.

אָבער אין רעכטן מיטן פון זײַן שטײַגן און וואַקסן אין רײַכטום, אין אַנ־זען, איז אים ווידער געשען אַן אומגליק. ווידער האָט אים גאָט געשטראָפט און בײַ אים צוגענומען זיין עלטער ייִנגל, פאַר בר־מצוה נאָך!

נאָכן פאַרלירן דאָס איינציקע טעכטערל זײַנס, האָט דער טויט פון דעם ייִנגל שוין גאָר דעם פאָטער צעבראָכן. מיט איין מאָל האָט דער ר׳ עוזר מייער אײַנגעזען אַז זײַן משנה־מקום זײַן פון ברעסלאַו קיין הײַ־היל, זײַן איבערלאָזן דײַטשלאַנד און זיך אַריבערקלײַבן קיין אַמעריקע ווי אַ סגולה, דער פאַמיליע־בוים מייער זאָל דאָ, אין נײַעם לאַנד זיך ברייט צעבליִען, האָט נישט געהאָלפן. דער שטאַם איז אויך דאָ געבליבן אָן וואָרצלען. גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער משפּחה. זײַן פאָטער איז געבליבן איינער פון אכט קינדער. ער, ר׳ עוזר, — איינער פון זעקס, איצט איז אהרון געבליבן ביי אים איינער פון דרײַ!

ב. דעמבלין

איז ער גלײַך נאָכן אויפשטײן פון שבעה געפאָרן קײן באָסטאָן, גע־האַלטן דאָרטן שבת, געדאַוונט אין שול מיט מנין, עולה געווען צו דער תּורה און מנדר געווען אַ גרויסע סומע געלט אויף דער שול, דער אייבער־שטער זאָל זיך מרחם זײַן אויף זײַן הויז, ער זאָל שוין נישט וויסן מער פון קײן צער און, ווי אַ סגולה, דער מלאך־המות זאָל שוין נישט האָבן מער קײן שליטה איבער אים, האָט ער צוגעזעצט דעם ייִנגל נאָך אַ נאָמען, חיים, וואָס דאָס מיינט לעבן און טאַקע שוין געהייסן דעם שמש מאַכן דעם ייִנגל אַ מי שברך אויפן נײַעם נאָמען — חיים־אהרון בן צבי־עוזר לאריכת ימים ושנים, ס׳הייסט אויף לאַנגע טעג און יאָרן!

ייִדן אין שול האָבן דעם אַלטן עוזר מייער געראָטן זיך צו באַוואָרענען מיט נאָך אַ סגולה, חוץ צוזעצן דעם ייִנגל נאָך אַ נאָמען, היות דער מלאך־המות האָט נעבעך גרויס שליטה איבער די קינדער פון דער פאַמיליע מייער, זאָל ר׳ עוזר מאַכן דאָס ייִנגל פאַר אויס קינד. נאָר אַזוי ווי מ׳קען דאָך ניט אונטעראײַלן דעם ייִנגלס בר־מצוה, ווען ער וועט ווערן אַ ייִד פאַר זיך, זאָל ער, דער פאָטער, שוין איצט אַרײַננעמען דעם קלײנעם פאַר אַ שותּף אין זײַנע ביזנעס און אַזוי ווי קינדער פירן דאָך נישט קײן מסחר און דאָס ייִנגל איז אַ סוחר, איז דעריבער קלאָר, אַפילו פאַרן מלאך־המות, אַז חיים־אהרון איז נישט מער קײן קינד און ער קען שוין איבער דעם ייִנגל קײן שליטה נישט האָבן!

דער אַלטער עוזר מייער האָט אַפילו געשמייכלט, געקוקט מיט זײַנע שלוּיע אויגן אַזוי פאַרשעריש אויף „די פאָלנישע יודען". עפּעס האָט זיך אים נישט געגלייבט אין אַזעלכע סגולות. אַזוי לײַכט זאָל דער מלאך־המות זיך לאָזן צעטומלען? אָראָפּגעפירט ווערן פון וועג? עפּעס האָט זיך אים דאָס נישט געלייגט אויפן שׂכל, אָבער אַז אַ מענטש טרינקט זיך, כאַפּט ער זיך אָן אַ שטרוי. אָט גלייבט ער נישט אַזוי שטאַרק אין דער סגולה פון צוזעצן אַ נאָמען און ער איז גיך געלאָפן דאָס טאָן! האָט ער זיך אײַנגעהערט אין דער עצה און באַלד נאָך שבת, ווי נאָר ער האָט זיך בשלום אומגעקערט אהיים פון באָסטאָן, האָט ער געלאָזט מאַכן אַ נײַע שילד, איבער דער גאַנצער לענג פון הויז און מיט ריזיקע שריפט, רויטע, אויפגעמאָלט: „דזשענעראַל דריי־גודס בײַ איזי ענד הײמי מייער". אַז שוין יאָ צעטומלען דעם מלאך־המות, האָט ער אויסגעלאָזט דעם נאָמען אהרון, איצט קען שוין קײן ספק נישט זײַן אַז אהרון איז נישט מער קײן קינד, נאָר אַ דערוואַקסע־נער מענטש — חיים! היימי מייער!

וואָס קומט אָבער דערויס? קײן פיל נחת איז אים אַפילו פון דעם איינעם זון נישט באַשערט געווען. קײן בנין עדי־עד, ווי ער האָט געהאָפט, האָט ער מיט זײַן איינציקן זון חיים, דאָ נישט אויפגעשטעלט. דער פאַמי־

ליע־שטאָם מייער, איז דאָ, אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן נאָך מער אײַנגעוואָרצלט געוואָרן.

ווי רחל אים, אַזוי האָט אויך חיימס ווייב, פֿרידאַ, געבוירן דרײַ קינדער, צוויי טעכטער, פֿלאָרענס און הילדאַ און, מיט יאָרן שפּעטער — אויך אַ זון, וואָס ער, דער זיידע, איז באַשטאַנען דערויף, מ׳זאָל דעם קינד אַ נאָמען געבן אליעזר, וואָס דער טײַטש דערפֿון איז: גאָט איז זיין הילף. ווי ווייל ער האָט נישט געגלייבט, דער אַלטער עוזר מייער, האָט ער דאָך געהאָפֿט, אַז דער נאָמען אליעזר וועט זיין אַ סגולה, דאָס קינד זאָל זיך גרינג כּאָווען און האָבן לאַנגע יאָרן, כאָטש די עלטערן האָבן באַלד דעם נאָמען אליעזר איבערגעדרייט און גערופֿן דאָס קינד לעסלי.

ווי דאָס ייִנגל איז אַרײַנגעראָטן אין דער משפּחה, דער עיקר אין דער מוטער, געהאַט איר שיין געטאָקט נעזל, איר גאָמבעלע מיט אַ חן־גריבל אין מיטן און אירע גרויסע, ברוין וואַרעמען אויגן, אַזוי זענען די צוויי טעכטער געווען עפּעס ווי צוויי פֿרעמדע געוויקסן, בייז און ביטער און שטענדיק קריגעריש!

קעפּ האָבן גראָד די צוויי מיידלעך געהאַט גוטע, שאַרפֿע, מאַנצבילשע קעפּ, אָבער וואָס טויג אַ מיידל אַ שאַרפֿער קאָפּ? איר איז גאָר נייטיק שיינקייט, חן און דאָס האָט קיין איינע פֿון די צוויי מיידלעך נישט געהאַט.

ביידע זענען געווען גרין, גלײַך די גאַל וואָלט זיך זיי צעגאָסן הינטער זייערע הויטן. אויגן האָבן זיי געהאַט שמאָלע, גרויע און שאַרפֿע ווי בליי־ציקע מעסערס. די ליפּן זענען ביי זיי געווען דין און דער שניט פֿון זייערע מײַלער — שיער נישט פֿון אויער צו אויער, דערצו — האָר, בלוי אַזש פֿון שוואַרצקייט און גלײַך און האַרט, ווי די האָר פֿון פֿערדישע עקן, נאָר איבער אַלץ — מײַלער!

איידער נאָך די מיידלעך זענען רעכט אויפֿגעוואַקסן, האָבן זיי שוין גע־האַט געשאַפֿן אַרום זיך אַ גיהינום, זיך אַרײַנגעדרייט אין אַ פֿאַרכּישופֿטן קרייז. ווייל די שאַרפֿקייט, דאָס אַרײַנזאָגן יעדן, האָט זיי איזאָלירט, אָפּגע־פֿרעמדט פֿון אַלץ און אַלעמען, האָט גראָד די איזאָלירטקייט נאָך מער אין זיי געשטייגערט די שאַרפֿקייט, די בייזקייט און האַס און אַזוי אָן אַ סוף, אָן אַן ענד!

וואָלטן זיי נישט געהאַט אַזעלכע שאַרפֿע קעפּ און נישט געווען קיין מבֿינים אויף זיך, וואָלט דאָס אומגליק נישט געווען נאָך אַזוי גרויס. וואָרעם ווי האָס איז אַ צעשטערער־כּוח, איז אָבער זעלבסטהאַס נאָך מער צעשטערע־ריש, ווייל ער צעשטערט אויך דעם האַסער. און בײַ די צוויי מיידלעך איז מיט יעדן בליק אין שפּיגל דער האַס צו זיך אַליין אַלץ מער געשטיגן. נאָך יונגערהייט האָבן זיי אײַנגעזען אַז נישט נאָר זייערע שאַרפֿע מײַלער, זייער

ב. דעמבלין

נישט קענען אויסקומען מיט קיינעם, נאָר אויך זייער אויסזען שרעקט אָפּ, טרײַבט יעדן פֿון זיי אַוועק.

מער נאָך ווי זיך אַליין האָבן זיי געהאַסט די נאָנטע, די פֿאַמיליע, דעם פֿאָטער, וואָס ווי ניט ענלעך, זעט מען דאָך, אַז זיי געראָטן אַרײַן אין אים. זיי האָבן אויך געהאַסט דאָס איינציקע ברודערל, וואָס איז אַזוי געטאַקט שיין, וואָס אַלע האָבן אים אַזוי ליב, אָבער מער פֿון אַלעמען האָבן זיי געהאַסט די מוטער, נישט בלויז מיט גיפֿט, דער האַס צו איר האָט אויך שלאַנגיש געסיקעט מיט קנאה: פֿאַר וואָס איז זי אַזוי שיין, אַזוי ווייבלעך ווייך און זיי — אַזוי העסלעך, אַזוי קנאָכיק האַרט און פֿאַר וואָס קומט דער מוטער אַזוי פֿאַרערט צו ווערן פֿון יעדן מאַן, וואָס זעט זי, אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט פֿון פֿאָטער און אויף זיי קוקט זיך קיין באַי נישט אום!

ווי ווײַל מ'האָט די צוויי שוועסטער פֿון קאַלעדזש נישט אַרויסגעוואָרפֿן, האָבן זיי קוים אויסגעהאַלטן די ערשטע צוויי יאָר און זענען אַליין פֿון דאָרט אַוועק. דאָס האָט זיי שוין אין גאַנצן איזאָלירט, אָפּגעריסן זיי פֿון יעדער פֿאַרבינדונג מיט מענטשן. נאָר וואָלטן זיי כאָטש געקענט פֿאַרטראָגן איינע דער אַנדערער. איז אויך דאָס קנאַפּע ביסל גליק זיי נישט געווען באַשערט. דעם דוך האָט איינע פֿון דער אַנדערער ניט געקענט פֿאַרטראָגן און געגווי אַזוי האָבן זיי נישט געקענט פֿאַרטראָגן זיך אַליין.

דאָס דאָזיקע גיהנום האָט פֿאַרקירצט די יאָרן פֿון אַלטן עוזר מייער און באַלד אויך פֿון זײַן ווייב רחל. אין אַ קורצער צײַט זענען זיי אַוועק פֿון דער וועלט גיך און שטיל, עפּעס ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט פֿאַרשפּאָרן דעם צער און ווייט״ק, וואָס די צוויי טעכטער האָבן פֿאַרשאַפֿט דעם פֿאָטער זייערן און די מוטער מיט זייער פּלוצעמדיק איבעררײַסן זייער לערנען אין קאָלעדזש און זיך אין גאַנצן אָפּזונדערן פֿון דער וועלט.

די עלטערע, פֿלאָרענס, האָט זיך אַרומגערינגלט מיט שטײַגן און שטײַגלעך, וואָס אין יעדן פֿון זיי איז געווען אַן אַנדער סאָרט פֿאַרביקער פֿויגל, גרויסע און קליינע, קאַנאַריקלעך און פּאַראַקיזן און פּאַפּוגײַען אַזעלכע ריזיקע, בייז וואָרטשענדיקע. דערצו נאָך — באַסיינען מיט עקזאָטישע פֿישלעך, מיט קליינע, שווימענדיקע און אַרומקריכענדיקע טשערעפּאַכעס, מיט שליִמאַקעס, וואָס שטעקן אַזוי חנעוודיק קלוג אַרויס די קעפּלעך פֿון אונטער זייערע האַרטע גאָלדיק ברוינע פּאַנצערלעך, אַזעלכע פֿײַן פֿאַרמירטע, גלאַטע און דין און איידל געריפּטע.

די ייִנגערע, הילדאַ, האָט זיך אַרײַנגעטאָן אין הינט. אַז דאָס מיידל האָט נישט אַרום זיך צוואָנציק הינט, האָט זי נישט קיין איינעם. דאָס אויסטערלישסטע דערפֿון — מיט איינעם פֿון די הינט שלאָפֿט זי! דאָס איז אַ „דזשערמאַן־שעפּערד״, אַ העל ברוינער מיט אַ ווייסן שטרײַף איבער זײַן לענגלעך פּנים, אַ הונט — אַ טיגער! קלוג, דורכדרינגנדיק מיט זײַנע אויגן,

די אויערן — אויפגעשטעלט, וואָך צום מינדסטן הויך פון איר אָטעם, צום מינדסטן פּינטל פון איר אויג. פון דעם הונט — דזשאָרדזש איז זיין נאָמען — שיידט זי זיך נישט און ווי צו דעם, וואָס וואָלט געפּרוווט זיך דערנענטערן צו איר, זיין האַרנטע, וואָס אויף איר קוקט ער נישט מיט הינטישער הכנעה, נאָר מיט יענעם בליק אין זיינע גרויסע ברוינע אויגן, וואָס נאָר פאַרליבטע האָבן אַזאַ, ווען זיי קוקן אויף זייערע אויסדערוויילטע.

פריער, ווען די צוויי שוועסטער האָבן נאָך געוווינט ביי די עלטערן אין הויז, זענען זייערע קאָלעקציעס פון פּאַפּוגייען, פייגל און פיש ביי איינער און הינט ביי דער אַנדערער, נאָך געווען קליין, באַגרענעצט. ווי נאָר אָבער די עלטערן זענען געשטאָרבן און דער ברודער האָט זיך אויך אַרויסגעצויגן, פאַרנעמען זיי אַליין דאָס גאַנצע ריזיקע הויז, אַ פּאַלאַץ אַ גאַנצער און זייערע קאָלעקציעס זענען זיך צעוואָקסן אין אַ זאָאָלאָגישן מוזיי. אין רעכטן פליגל פון דעם הויז, מיט דער זוניקער מענאַזשעריע אונטער אַ גלעזערנעם דאַך, געפינען זיך פלאָרענסעס פייגל און פיש. אין לינקן פליגל, מיט דער הינטערשטער זוניקער טעראַסע און אַרומגעצוימטן גאָרטן, וווינט הילדאַ מיט אירע סטאַדעס הינט.

אַ גליק נאָך, וואָס דער מייער־עסטייט איז אָפּגעזונדערט, ווייט פון שטאָט, ווייט פון שכנים, ווען נישט וואָלטן זיך דאָ אָפּגעשפּילט ווילסטע סצענעס צוליב דעם שטענדיקן געבילעריי פון די הינט, צוליב דעם געצוויטשעריי און געזונגעריי פון די פייגל. און טאָמער וואָלט עמעצן איינגעפאַלן צוצוקומען נאָענט צום איינגאַנג, וואָס הינטער די הויכע שטאַבעס פון אייזערנעם צוים, אַ גלאַנציק שוואַרץ געפאַרבטער, וואָלט ער גלייך געהערט די זייער „פריינדלעכע" באַגריסונג פון די בייז אָנגעכמורעטע פּאַפּוגייען:

— אוועק פון מיין טיר)! דאָס איינציקע וואָס פראַם מיי דאָר! (אוועק פון מיין טיר), דאָס איינציקע וואָס זיי הערן פון זייער האַרנטע, פלאָרענס מייער.

אין די שפּעטערע יאָרן פון זייער פאַרזיצן, האָבן זיך ביי די צוויי שוועסטער אויפגעוועקט אויך אַנדערע דראַנגען. פלאָרענס, די עלטערע, אין די פופציקער שוין, גרוי, דאָס פּנים איינגעפאַלן, די באַקן־קנאָכנס — שאַרף, דער קין — שפּיציק, זי האָט צו אירע קאָלעקציעס פון פיש און פייגל, אויך אָנגעהויבן זאַמלען דעם „קריסטשיען־סייענס מאָניטאָר". גאַנצע בערג מיט דער דאָזיקער צייטונג ליגן ביי איר אויפן פייער־קאַמין, אויפן קלאַוויר, וואָס שטענדיק ברענען די צוויי ליכט אין די לייכטערס אין זיינע ביידע עקן. אויך אויף די שטולן אין איר שלאָפשטוב, אויף די קאָוועטישלעך אין דער סאַליע, וווּ קיינער קומט נישט און קיינער ווערט דאָרט מער נישט אויפגענומען, אומעטום, וווּ נאָר מ'גייט, ליגן שטויסן מיט דער צייטונג. די שוואַרצע זשעראַלדין, וואָס האָט נאָך דאָ געדינט ווען מ"ר און מר"ס מייער האָבן געלעבט, זי ברומט און צאָרנט אויף דער האַרינטע, יעדער מאָל וואָס זי נעמט זיך

ב. דעמבלין

רוימען די צימערן:

— שי איז קרייזי! (זי איז משוגע) מײַן גאָט, ווי דאָס מיידל איז פֿאַר־רוקט! וואָס טויגן איר אַזויפֿיל אַלטע „פּייפּערס״?

די ייִנגערע ווידער, הילדאַ, איז שיכּור אין גאַנצן נאָך סקולפּטורן און פֿונקט ווי זי געדענקט נישט אַרײַנצולאָזן אין איר הינט־סטאַדע קיין איין צווײַג, אַזוי יאָגט זי זיך בלויז נאָך פֿיגורן פֿון מענער, נאַקעטע, יונגע מענער און וואָס שאַרפֿער דער קינסטלער האָט אין דעם סקולפּטור אַרויסגעבראַכט די מענלעכע נאַקעטקייט, דעם עראָטישן רייץ, אַלץ גרעסער און שטאַרקער איז בײַ איר דער באַגער צו דעם. איר גאַנץ געלט, וואָס זי קריגט יעדן חודש פֿון געבליבענעם עסטייט, פֿון דעפּאַרטמענט־סטאָר, גיט זי אויס אויף די פֿי־גורן. ס'טרעפֿט אַז זי לאָזט די סטאַדע הינט אויף די הענט פֿון אירע צוויי דינסטן און אַליין פּאַטשט זי וואָכן לאַנג אַרום איבער די גאַסן פֿון ניו־יאָרק און באָסטאָן זוכן אין די אַנטיק־געשעפֿטן נאָך און נאָך פֿיגורן.

איין מאָל האָט זי געבראַכט פֿון ניו־יאָרק אַ האַלצשניצונג, אַ פּרימיטיוו פֿון אַן אַלטן אַפֿריקאַנער קינסטלער, אַ פֿיגור פֿון אַ נעגער־יונגלינג אין דער דערוואַכונג פֿון זיין מענלעכקייט. ווען פֿילים, די שוואַרצע דינסט אירע, וואָס זי האַלט בלויז אויף קאָכן פֿאַר איר און רייניקן די צימערן, איז אַרײַנ־געקומען אין דעם סקולפּטור־מוזיי אַרומצושטויבן איר האַרינטעס קאָלעקציע און זי האָט דערזען די האַלצפֿיגור, ווי דאָס שוואַרצע ייִנגל קוקט מיט פֿרייד אויף זיין אויפֿגעשפּילטן אָרגאַן, האָט זי פֿון איבעררײַשענדיקער דערשטוי־נונג, געטאָן אַ פּאַטש מיט די הענט און אַרויסגעלאָזט פֿון זיך אַ ווילדן קוויטש:

-- דזשיזוס קרײַסט! וואָס האָט זי דאָ געבראַכט!

אין איר גאַנצער אויפֿגערייסלטקייט האָט זי, די דינסט, דאָך געדענקט זיך אַרומצוקוקן צו די „מעם״, די האַרינטע אירע, איז נישטאָ אַרום. געזען, אַז יענע, צוגלייך מיט מערין, דאָס אַנדערע נעגער־מיידל, וואָס העלפֿט איר אין אויפֿפּאַסן אויף די הינט, זענען ביידע, מיט די טשאַטעס הינט ערגעץ־ווײַט צווישן דיביימער, איז זי אַרײַנגעלאָפֿן אין אַנדערן טייל פֿון הויז און אַריינגערופֿן אַהער זשעראַלדין:

— דיד יו עווער? (וואָלסטו זיך דאָס געקענט פֿאַרשטעלן?) האָט פֿילים נאָך אַלץ אין דערשראָקענער שטוינונג געוויזן דער פֿריינדין אויף דער האַלצ־פֿיגור.

— שי שור איז דעספּעריט פֿאַר עי מען! (זי גייט אויס נאָך אַ מאַן) האָט די עלטערע זשעראַלדין שמייכלדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ענד שי איז קרייזי טו! (און זי איז משוגע פֿאַר אַ צולאָג) האָט די ייִנגערע פֿילים צוגעגעבן. — שי שור איז. (זי איז געוויס) האָבן ביידע פֿרויען אײַנגעשטימט.

קאַפּיטל פופצן

דרײַ און צוואַנציק יאָר איז לעסלי מייער אַלט געווען ווען דער פּאָטער איז אים געשטאָרבן. דאָס איז געשען אין אַ פרימאָרגן און גאָר אומגע־ריכט. ער איז געזעסן בײַ זײַן ביוראָטיש מיטן טעלעפאָן בײַם אויער, פאַר־טאָן אין אַ ביזנעס־טראַנזאַקציע מיט אַ ניו־יאָרקער דרעסהויז. פּלוצעם האָט ער דערפילט אַ קלעם אין ברוסט. ער האָט זיך געכאַפּט בײַם האַרץ און גלײַך האָט אים פאַרפעלט אָטעם. דער קאָפּ איז אים געפאַלן אַהינטער, אויפן אָנ־לענווענטל פון שטול. פּרענצים היגינס, זײַן סעקרעטאַרין, איז צוגעלאָפן צו אים מיט אַ גלאָז וואַסער, אים געמינערט, געשאָקלט אים:

— מ״ר מייער, מ״ר מייער!

— ס׳איז געוואָרן אַ טומל, עמעץ האָט גערופן אויפן טעלעפאָן אַ דאָק־טאָר, נאָר איידער דער דאָקטאָר איז געקומען, איז שוין דער פאָטער נישט געווען!

לעסלי האָט נאָך דענצמאָל געהאַט בלויז איין יאָר צו ענדיקן האַרוואַרד, וואָס דער פאָטער און אויך דער זיידע האָבן נישט געוואָלט. פון הײַ־סקול האָבן זיי געוואָלט ער זאָל אַרײַן אין אַ ביזנעס־קאָלעדזש, זיך צוגרייטן אי־בערצונעמען דעם דעפּאַרטמענט־סטאָר, אַכטונג געבן אויף די אינוועסטירונ־גען אין ריעל־עסטייט, אין וואָל־סטריט. אָן אים, לעסלין, וואָס וועט פון דעם פאַרמעגן ווערן?

איז אָבער לעסלים קאָפּ נישט געלעגן אין ביזנעס. אים איז פאַרגעקומען ווילד, דאָס שטענדיקע טראַכטן וועגן איין זאַך: זײַן קאָנקורענץ־פּעזיק! פאַרגרעסערן די ביזנעס! און דאָס האָט דאָך דער פאָטער אייביק געטאָן. זינט ער געדענקט זיך האָט ער סײַ פון זיידן און סײַ פון פאָטער געהערט איין און די זעלבע פילאָסאָפיע: „אַ ביזנעס, אַז זי גייט נישט אַרויף, גייט זי אַראָפּ״! וואָס דער שלום פון דעם איז: שטענדיק וואַך זײַן, שטענדיק פּלאַ־נירן, שטענדיק טראַכטן וועגן אויסברייטערן, וועגן אַרײַננעמען אין סטאָר אַלץ נײַע און נײַע אַרטיקלען.

די פילאָסאָפיע מעג זיך זײַן אַ ריכטיקע. פּראָגרעס, אַנטוויקלונג איז טאָקע דער מאָטאָ פון לעבן. אינטערעסירט אים אָבער נישט דער מאָטאָ

ב. דעמבלין

און אויך נישט דער פּראָגרעס. אים אַרט נישט, אויב מ׳וועט פֿאַרקויפֿן ווייניקער הויזן, ווייניקער קיכגעשיר און ווייניקער מעבל. געוויס זענען דאָס אַלץ זייער וויכטיקע אַרטיקלען פֿאַר דעם מין מענטש, ער זאָל קענען פֿירן אַ ציוויליזירט לעבן. אָבער מוז ער, לעסלי מייער, זיין דער הענדלער? מוז ער צוליב דעם אויפֿגעבן זיינע אַספּיראַציעס? פֿעלן הענדלער אויף דער וועלט אָן אים?

לעסלי מייערס וועלט איז גאָר געווען אַן אַנדערע. נאָך אַלס קליין יינגל איז שוין זיין קאָפּ געווען פֿאַרנומען נישט מיט האַנדלען, קויפֿן און פֿאַרקויפֿן, נאָר גאָר מיט שפּראַך, מיט ווערטער. ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אָפֿענע אויערן. אַז ער האָט עמעצן געהערט רעדן, עפּעס זאָגן, אַפֿילו די באַנאַלסטע רייד פֿון וועלכן דינסטמיידל אין קיך, האָט ער אין געדאַנק באַלד געפּרוּווט איבערשטעלן די ווערטער, נוצן שטאָט זיי, אַנדערע און אַלץ מיט איין ציל: צו זען צי מ׳קען נישט זאָגן דאָס אייגענע מיט ווייניקער ווערטער, אויף אַ קירצערן אופֿן.

און טאַקע צוליב שפּראַך, צוליב זיינע קאָמפּאָזיציעס, האָט ער נאָך אין הײַ־סקול געקראָגן דעם נאָמען פֿון אַ גוטן סטודענט, געקראָגן אַפֿילו אויס־צייכענונגען.

געמיינט האָט ער, אַז ער וועט זיין אַ שרייבער, אַ פּאָעט. ווען ער איז אָבער עלטער געוואָרן האָט ער אײַנגעזען אַז צו זיין אַ פּאָעט איז נישט גענוג בלויז דאָס טראַכטן וועגן ווערטער, וועגן איבערשטעלן זיי אין קירצערע זאַצן. שפּעטער, אין האַרוואַרד שוין, אויף די לעקציעס וועגן ליטעראַטור, וועגן שפּראַך, האָט ער געזען אויף קלאָר אַז קיין שרײַבער וועט ער נישט זיין, אַז צו זיין אַ פּאָעט דאַרף מען קענען, נישט בלויז טראַכטן וועגן ווערטער, נאָר אויך זיי פֿאַרוועגדן אין געדאַנקען, אין אייגענע געזעענע בילדער און אימאַזשן.

זיינע לערער, דער פּראָפֿעסאָר פֿון ענגליש, פֿון ליטעראַטור,ביידע האָבן אים געראָטן זיך ווידמען דעם שטודיום פֿון דער ענגלישער שפּראַך, זיך גרייטן אויף אַ פּראָפֿעסאָר איבער דעם קענגשטאַנד.

ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אָנגעהויבן שרײַבן די טעזע פֿאַר זיין דאָק־טאָראַט און געשריבן האָט ער אויף אַ טעמע, וואָס לאַנג פֿריִער האָט זי שוין געהאַט פֿאַרכאַפּט זיין געדאַנק, דאָס איז געווען: וואָלט וויטמאַן און די אַמעריקאַנער פּריירי. ער האָט געזאָלט, נאָכן פֿאַרענדיקן האַרוואַרד, אויס־ברייטערן די טעמע, פֿאַרטיפֿן זי אין אַן ערנסטן שטודיום, אַ בוך נישט נאָר וועגן דער ווירקונג פֿון דער פּריירי אויפֿן פּאָעט וויטמאַן, נאָר אויך אַנאַלי־זירן דעם איינפֿלוס, וואָס די פּריירי־ווירקונג האָט — דורך וואָלט וויטמאַ־נען — אויסגעאיבט אויף דער ליטעראַטור אין אַמעריקע און נישט בלויז אין אַמעריקע.

איז געקומען דאָס אומגליק.

געמיינט האָט ער, ער רייסט איבער דאָס לערנען בלויז אויף אַ ווײַל. ער גייט בלויז אַרײַן זען וואָס אין די ביזנעס טוט זיך און באַלד וועט ער זיך צוריק אומקערן אין האַרוואַרד ענדיקן זײַן שטודיום, זיין טעזע. נו, עס איז שוין איבער דרײַצן יאָר אַוועק. ער איז דענצמאָל געווען דרײַ און צוואָנציק, איצט איז ער שוין זעקס און דרײַסיק און — ער האָט שוין אויפֿגעהערט צו מיינען.

אין די ערשטע יאָרן נאָכן אומגליק האָט ער נאָך אַלץ געטראַכט, אַז ער וועט דאָך זיך אַרויסרײַסן פֿון דעם זינלאָזן אַוועקגעבן טעג און יאָרן אויף עפּעס, וואָס נישט עס אינטערעסירט אים און נישט ער וויל עס און — געבליבן בײַם טראַכטן.

נישט וויניק איז אים די מוטער אין דעם שולדיק. פֿרויען זענען געוואַלטיק פּראַקטישע מענטשן. די פּראַקטישקייט לאָזט זיי נישט פֿליִען, האַלט זיי שטענדיק האַרט בײַ דער ערד. אַפֿילו יענע פֿון זיי, וואָס מיינען, אַ' זיי טראָגן זיך אין דער לופֿטן, פֿויזען אויך אין דער ערדישער בלאָטע.

ווי לאַנג דער פֿאָטער האָט געלעבט און זי, די מוטער, האָט געוווּסט, אַז די ביזנעס זענען אין גוטע הענט, דענצמאָל האָט זי פֿאַנטאַזירט, געטרוימט וועגן אַקאַדעמישע קאַריערעס פֿאַר איר לעסלין, דעמאָלט האָט איר זייער געשמייכלט דער געדאַנק פֿון האָבן אַ זון אַ פּראָפֿעסאָר אין האַרוואַרד. איצט אָבער, אַז דער פֿאָטער איז מער נישטאָ און זי האָט מורא טאָמער פֿאַלן די סטאַקס אין וואָל־סטריט און זי וועט ניט וויסן ווען און וואָס צו פֿאַרקויפֿן, איצט זענען די ביזנעס געוואָרן בײַ איר וויכטיקער פֿון אַלע זײַנע אַקאַדעמישע אַספּיראַציעס, פֿון איר אייגענעם טרוים צו האָבן אַ זון אַ פּראָפֿעסאָר אין האַרוואַרד.

געוויס, ווי אַ קלוגע פֿרוי, אַ געבילדעטע פֿיל מער פֿון פֿאָטער, האָט זי געוווּסט וואָס עס מיינט פֿאַר אַ יונגן מענטש דאָס איבערלעבן גרויסע, טיפֿע אַנטוישונגען און זי האָט זיך טאַקע געהיט פֿון גראָב צעשטערן זײַנע בענקעניש, זײַנע שטרעבונגען. ס'איז נאָר אויף אַ ווײַל, האָט זי אים פֿאַרזיכערט. בלויז אַ יאָר, אפֿשר צוויי, מ'וועט דורך דער צייט פֿאָרמירן אַן אַקציען־געזעלשאַפֿט, אַרויסלאָזן אַקציעס, אויסוויילן אַ דירעקטאָרן־באָרד און ער וועט זיך קענען פֿרײַ צוריקגיין אין האַרוואַרד לערנען, צוריק אָנהייבן דאָרט, וווּ ער איז פֿאַר דער קורצער צײַט געבליבן שטיין.

זענען די יאָרן געגאַנגען און נישט מ'האָט געגרינדעט אַן אַקציען־געזעלשאַפֿט, נישט קיין דירעקטאָרן־באָרד, גאָרנישט פֿון דעם איז געשען, געשען איז יאָ, — די מוטער איז אים אויך געשטאָרבן און מיט איר, איז שוין אָפּגעשטאָרבן אין אים יעדער דראַנג, יעדער ווײַטערדיקער באַגער צו לערנען, צו אַ פּראָפֿעסור אין האַרוואַרד, אָט דער פֿאַרלאַנג, וואָס האָט אים אַזוי פֿיל

ב. דעמבלין

יאָרן געלאָקט, געוווּנקען צו אים מיט טויזנטער גלוסטפֿייערלעך, דער פֿאַר־
לאַנג איז אין אים אָפּגעטייט געוואָרן און, ווי יעדער טויט, וואָס אַ מענטש
לעבט דורך, האָט אויך דער טויט פֿון זײַן חלום, פֿון זײַנע שטרעבונגען,
פֿאַרטיפֿערט אין אים די אַפּאַטיע, אָנגעיאָגט אין אים אַ לאַנגווײַל, וואָס
ביידע פֿרעסן זיי אים, פֿאַרצערן אים, ווי זשאַווער פֿאַרצערט אײַזן. עס
טרעפֿט נאָך, פֿלוצעם צינדט זיך אָן אין אים איינס פֿון יענע גלוסטפֿײַערלעך:
אפֿשר דאָך זיך אַרויסרײַסן? צוריק אָנהייבן? באַלד אָבער לעשט זיך דאָס
פֿײַערל אויס, די אַפּאַטיע שלינגט אים צוריק אײַן: צו שפּעט!

צומאָל רעוואָלטירט ער: וואָס הייסט צו שפּעט? עלטערע פֿון אים האָבן
זיך אַרויסגעריסן פֿון ביזנעס־געווירבל, איבערגעלאָזט אַלץ און אַלעמען, זע־
נען אַפֿילו אַוועק אין אַ פֿרעמד לאַנד, אַלץ כּדי צו קענען טאָן דאָס, וואָס
האָט פֿאַר זיי אַ זין, אַ ווערט. האָט נישט טשאַרלס סטריקלאַנד, סאָמערסעט
מאָהאָמס העלד, אין זײַן בוך „די מון ענד סיקס פּענס", איבערגעלאָזט אַ
ווײַב מיט דערוואַקסענע קינדער אין אַ פּיל, פּיל אומזיכערן, פֿינאַנציעלן צו־
שטאַנד, ווי ער קען איבערלאָזן זײַנע צוויי האַלב „פֿאַרזוקטע" שוועסטער,
און איז אַוועק אין אַן אַנדער לאַנד ווערן אַ מאָלער, אַ קינסטלער. און
טשאַרלס סטריקלאַנד איז געווען פֿיל עלטער פֿון אים און קיינער קען נישט
זאָגן, אַז טשאַרלס סטריקלאַנד איז אַן אויסגעטראַכטער מענטש, די וויזיע
פֿון אַ פּאָעט. יעדער ווייסט אַז דורך טשאַרלס סטריקלאַנד האָט סאָמער־
סעט מאָהאָם געשילדערט דאָס לעבן פֿון פּאָול גאָגען, וואָס האָט טאַקע
איבערגעלאָזט אַלץ און אַלעמען צו קענען מאָלן, טאָן דאָס, וואָס האָט פֿאַר
אים אַ זין און אַ ווערט!

טאָן וואָס האָט אַ זין און אַ ווערט! דאָ ליגט דאָך דער אונטערשיד
צווישן אים און טשאַרלס סטריקלאַנד. יענער איז געווען אַ קינסטלער, די
נעבליטן אין אים האָבן געשטורעמט, געראַנגלט, געטריבן אים צו מאָלן,
אַרויסצוברענגען פֿון זיך זעונגען, געדאַנקען, האָט ער געהאַט כּוח זיך אַרויס־
צורײַסן פֿון דעם אַרום, אָבער ער? אַלץ איז דאָך אין אים טויט, אויסגע־
לאָשן און אַליין איז ער פֿאַרזונקען אין אַפּאַטיע, אַפּאַטיע צו אַלץ און
אַלעמען!

ווען ער איז געווען אַ סטודענט אין האַרוואַרד, האָט נישט איין מיידל
געהאַט אַן אויג אויף אים. אין איינער, פּאַטרישאַ לעווין, איז ער געווען פֿאַר־
אינטערעסירט, אפֿשר אויך פֿאַרליבט, געזאָלט, נאָכן ענדיקן האַרוואַרד, חתונה
האָבן מיט איר. פּאַטרישאַ איז געווען גרייט באַלד, נישט אָפּצולייגן. איר
האָט נישט געאַרט וואָס באַלד קען קומען אַ בייבי, דייפּערס, (ווינדעלעך) אַ
קינדער־וועגעלע. ער אָבער האָט געטראַכט פֿריִער וועגן זײַן שטודיום. זענען
די יאָרן געגאַנגען, פּאַטרישאַ האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט און ער?

יאָ, שפּעטער, נאָכן האָבן שוין אַריבערגעשפּאַנט די דרײַסיק, האָט ער

אויף דריי קאָנטינענטן

זיך ווידער פֿאַרפֿלאָנטערט מיט אַ מיידל, די מיס וווייַדנפֿעלד. עס האָט זיך אָבער נישט געקלעפּט. זי איז אַפֿילו אַ פֿײַן מיידל, געקומען איינע אַליין קיין הײַ־היל פֿון ניו־יאָרק, זיך דאָ עטאַבלירט אַ שיין מילינערי־(הוטן) ביזנעסל. שוין נישט קיין יונגע, אָבער דאָך אויף פֿיר יאָר יינגער פֿון אים און אַ גאַנץ שיינע אויך. איז ער מיט איר אַרומגעגאַנגען, זי גענומען קיין באָסטאָן צו קאָנצערטן, צו טעאַטער־פֿאַרשטעלונגען, זען אַ גוטן פֿילם, אָבער וואָס לענגער ער האָט זיך מיט איר געקענט, אַלץ ווייניקער האָט ער געקענט מיט איר אויסקומען. ווייניק געבילדעט, אַפֿילו קיין הײַ־סקול נישט געענדיקט, האָט ער נישט געהאַט מיט איר וועגן וואָס צו רעדן. ער האָט געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון די ביזנעס און זי האָט נאָר גערעדט וועגן אירע ביזנעס.

געוויס, זי איז אַ קלוג מיידל, ווי נאָר זי האָט אײַנגעזען, אַז דאָס רעגט אים, האָט זי אויפֿגעהערט, אָבער שווײַגן, ווען דו גייסט מיט אַ מענטשן, רעגט דיך נאָך מער אויף! און עס מאַכט דיך בייז אויך. פֿאַר וואָס האָט זי נישט קיין רוקנביין? פֿאַר וואָס טרעט זי אָפּ, ווי נאָר זי זעט אַז עפּעס אַרט דיך. געוויס פֿאַרשטייט ער זי און ער האָט מיטלייד מיט איר, עס איז דאָך נישט איר שולד. דאָס איז דער שיקזאַל פֿון דער פֿרוי. אויב זי וויל אײַנהאַלטן דעם מאַן, וואָס זי האָט ליב, מוז זי אים נאָכגעבן, אונטערדריקן איר ווילן, איר פּערזענלעכקייט. און געוואַרט האָט דאָס אים נאָך מערער ווייל קיין מאָל פֿריִער, אין זיינע באַציִונגען מיט מיידלעך, איז צו אַזעלכעס נישט געקומען. איז עס דאָך זײַן שולד, צוליב אים דריקט אַ מענטש אונטער דעם אייגענעם ווילן, רעגט עס אים, איז ער צוליב דעם שטענדיק געשפּאַנט, האָט ער אין גאַנצן איבערגעריסן מיט איר.

געמיינט האָט ער, די באַציִונג צו אַ פֿרוי וועט אים אַרויסנעמען פֿון דער אַפּאַטיע. ס'איז אָבער נישט געווען אַזוי. ס'האָט אים גאָר אַרייננגע־וואָרפֿן אין אַ פֿאַרכישופֿטן קרייז. פֿון איין זײַט — געשטײַגערט אין אים די נעפּאַלנקייט, דעם מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס. ווען ער וואָלט נישט געווען קיין דורכפֿאַל אין לעבן, וואָלט ער זיך דאָך נישט געפֿילט געפֿאַלן, וואָלט ער דאָך געקענט אויסקומען מיט דער מיס ווײַדנפֿעלד. פֿון דער אַנ־דערער זײַט ווידער, בײַצוקומען די נעפּאַלנקייט, זי צו פֿאַרדעקן, איז אין אים אויפֿגעקומען די נייגונג צו סנאָביזם, צו בלאָזן פֿון זיך, דער קאָמפּלעקס פֿון גרויסהאַלטערײַ!

קיין מאָל פֿריִער איז אים נישט איינגעפֿאַלן, אַז עמעץ איגנאָרירט אים. ער האָט קיין מאָל נישט געוואַרט מ'זאָל אים פֿריִער גריסן. ער איז געווען איינפֿאַך, אָן קאָמפּלעקסן, געגריסט אַ פֿרײַנד ווען ער האָט אים געטראָפֿן: היי דאָדלי! היי האַרד! היי קימבי! הײַנט וואַרט ער מ'זאָל אים פֿריִער גריסן, ווען נישט איז ער זיכער, אַז יענער האַלט זיך גרויס קעגן אים, מײַדט ער גלײַך יענעם אויס. און זיי זענען דאָך אַלע געוואַקסן צוזאַמען. ביז

ב. דעמבלין

יעדער פֿון זיי האָט זיך פֿאַרנומען אויף זיין פּראָפֿעסיע, זענען זיי דאָך געגאַנגען אין דער זעלבער סקול, אין זעלבן קאָלעדזש, געזעסן אין די זעלבע קלאַסן. ער קען אָבער נישט פֿאַרגעסן, אַז יעדער איינער פֿון זיי האָט דער־גרייכט זיינס און ער — נישט! דאַדלי איז איינער פֿון די וויכטיקסטע יוריסטן אין סטייט. דזשייסאָן און קימבי זענען דערפֿאָלגרייכע דאָקטוירים. דזשאָרדזש ווילקאָקס איז נאָך ביים פּאַטערס לעבן געוואָרן „עדיטאָר־און־טשיף" פֿון „סטאַר־העראָלד", אַפֿילו געוואונען אַ פּוליצער פּאַר זיינס אַן עדי־טאָריעל, נאָר ער, לעם מייער, איז ניט דערגאַנגען, דורכגעפֿאַלן, געוואָרן אַ הענדלער פֿון וויבערישע אונטערהויזן, פֿון קיכגעשיר, פֿון זייף און שו־וואַקס!

געוויס, ביי קיינעם פֿון די פֿריינד איז ער נישט קיין דורכפֿאַל, פֿאַרקערט, ער איז אַ סוקסעס! אַ רייכער מאַן און אויב נאָר עם טרעפֿט, אַז אים געלינגט נישט פֿריִער זיך אַוועקצודרייען, יענעם אויסצומיידן, באַגריסט מען אים:

— העלאָ לעם! דו ווייזסט זיך נישט. קומסט נישט אין קלוב, קלינגסט נישט אָן.

ער באַלאַנגט מיט זיי אין די זעלבע קלובן פֿון טעניס, פֿון פֿישפֿאַנג, אין זעלבן יאַכטקלוב, אָבער ער מיידט זיי אויס. זיי מיינען געוויס ער איז אַ סנאָב ווייל ער איז רייכער פֿון זיי. ער אָבער ווייסט בעסער. גאַנץ איינפֿאַך, ער קען זיך נישט צונויפֿקומען מיט זיי. אַז ער איז נישט מיט זיי, פֿאַר־געסט ער נאָך אַ מאָל זיין דורכפֿאַל, זיין נישט האָבן דערגרייכט די אַספּי־ראַציעס, וואָס האָבן אים, דורך די שענסטע יאָרן פֿון זיין לעבן, געלאָקט, גערייצט זיין פֿאַנטאַזיע, געוואונקען צו אים מיט טויזנטער געלוסט־פֿייערלעך.

צוליבן נישט קומען אין קלוב, האָט ער שוין יאָרן לאַנג נישט געהאַלטן קיין טעניס־ראַקעט אין האַנט. שווימען קען ער גיין אַליין. ער מיידט בלויז אויס דעם ים־ברעג, ווו זיי קומען. אויך אַרויספֿאָרן אין זיין יאַכטשיפֿל קען ער אַליין. געוויס, פֿריילעכער איז צו זיין מיט דיין שיפֿל אין אַ פֿלאָטילע. מ'באַטייליקט זיך אין געיעגן, מ'כאַפּט זיך אַריין צו יענעם אין שיפֿל, יענער צו דיר. זינט אָבער ער מיידט אַלעמען אויס, פֿאַרברענגט ער זיינע וויקענדס, אויך פֿיל פֿון די אָוונטן, אַליין, איינער אַליין אין אַ גאַנצער יאַכטשיף. ער כאַפּט פֿיש, בראָט זיי, צומאָל קאָכט ער אין קיך פֿון יאַכט אַ גאַנץ מיטאָג פֿאַר זיך אַליין. ער האָט געשיר, אַן איינפֿריר־קאַסטן, סטייקס. געלעגערס זענען דאָ אין דער קאַבינע פֿאַר פֿיר מענטשן, אָבער ער איז אַליין, איינער אַליין אין דער גאַנצער יאַכטשיף!

דאָס איז אין זומער. ווינטער פֿאַרברענגט ער דאַכט זיך נישט אַליין און דאָך איז ער אויך אַליין. אין קאָנצערטזאַל זענען דאָ טויזנטער מענטשן, אָבער ער איז אַליין, אַזוי אויך אין טעאַטער, אין מוווי־הויז. ער פֿאַרטרייבט דאָרט אויף עטלעכע שעה די לאַנגווייל, אָבער די אַפּאַטיע טרעט אים אויך דאָרט נישט אָפּ, זי זיצט אין אים, זייגט אויס פֿון אים יעדן טראָפּן ענער־

אויף דריי קאָנטינענטן

גיע, צעפּרעסט אים די באַוועג־נעלענקען ווי ראַסט צעפּרעסט דאָס אײַזן.

גאָט מײַנער! וואָס פאַר א טראַגעדיע עס איז באַפאַלן די פאַמיליע! דער ייִדע, עוזר מייער, האָט געמיינט אַז ער אַנטלויפט פון שיקזאַל. אין ברעסלאַו האָט זיך די פאַמיליע מייער געהאַלטן אויף א האָר. פון זעקס קינדער אין הויז, איז נאָר ער, דער ייִדע עוזר, געבליבן לעבן. איז ער געלאָפן קיין אַמעריקע. אין נײַעם לאַנד וועט דער אַלמעכטיקער גאָט העלפן און די פאַמיליע מייער וועט גערייען. האָט אויך אַמעריקע נישט געהאָלפן. פון דרײַ קינדער בײַם ייִדע עוזר, איז בלויז איין זון, דער פאַטער זײַנער, געבליבן. און אַז בײַם פאַטער זענען שוין אַלע דרײַ קינדער יאָ אויסגע־וואַקסן, זענען ביידע שוועסטערן פאַרזעסן און, צו דעם נאָך, זיך איזאָלירט פון דער וועלט. היסטערישע, האַלב פאַרריקטע, האָדעוועט איינע פיש און פייגל און די אַנדערע פירט זיך אַרום מיט סטאַדעס הינט, פאַרשווענדט יעדן דאָלאַר פון אירע חודשלעכע סובסידיעס אויף קויפן סקולפּטורן, וואָס זי נעמט אָן פאַר גרויסע קונסט, ווען אין דער אמתן זענען זיי גאָר וווּלגאַרע אימיטאַציעס פון סקולפּטור.

געבליבן איז ער אַליין און אַלע האָבן געהאָפט און זענען געווען זיכער, אַז פון אים, פון לעסלין, וועט אויסוואַקסן דער ברייטשטאַמיקער בוים פון דער פאַמיליע מייער אין אַמעריקע. איז אויך ער שוין באַלד ווי די שוועסטער איזאָלירט, אָפּגעריסן פון פרײַנד, פון נאָנטע, מיט דעם איינעם אונטערשיד, וואָס ער האָט נאָך נישט קיין „האָבים", וואָס אַנשטאָט מיט הינט, אָדער מיט פייגל און פיש, פאַרברענגט ער זײַן צײַט, נאָך די ביזנעס, מיט זיך אַליין, רעדט צו זיך, איז מיט זיך.

און ער האָט דאָך דאָס נישט געוואָלט. ער האָט זיך דאָך געשראָקן פאַר דער איזאָלאַציע, פאַר דעם אַליין אַרײַנטרײַבן זיך אין אָפּגעזונדערטקייט און דאָך איז עס געשען. א דינער פאָדעם נאָר פאַרבינדט אים נאָך מיט דער וועלט און אָט דעם פאָדעם היט ער, דער איינציקער פאָדעם זאָל נישט איבער־געריסן ווערן.

ווי א פרומער ייִד לאָזט נישט דורך איין דאַווענען, אַזוי לאָזט ער נישט דורך קיין איין מיטינג, קיין איין צונויפקום פון דער ייִדישער קאָמיוניטי אין הײַ־היל. א שטילער, א שווײַגנדיקער זיצט ער אין זײַן ווינקעלע און וואַרט איבער דעם געשעפטלעכן טייל פון מיטינג, צו קענען באַלד דערנאָך, נעמען א האַנט אין א פּאָוקערל, אין א פינאַקל, צו קענען טרינקען א טעפּעלע קאַווע צוזאַמען מיט מענטשן.

פאַרלאָזט אים אויך דאָ נישט די זשאַוועך־פּרעסנדיקע אַפּאַטיע, טרעט אויך דאָ נישט אָפּ פון אים אויף א מינוט דער לאַנגווייל.

אַז וואָס צו רעדן מיט די גלויבנס־ברידער, די ייִדישע אײַנוווינער פון הײַ־היל, האָט ער נישט. נישט ווײַל ער האַלט זיך גרויס קעגן זיי. גאָט

ב. דעמבלין

באהיט! דאָס איז בלויז, ווײַל זיי רעדן נאָר וועגן זייערע ביזנעס און ער וויל אנטלויפֿן פֿון ביזנעס. גאָט! ווי מיד ער איז פֿון די ביזנעס, ווי טויט מיד!

ער איז געזעסן אין שיפֿל. דער הימל איז טיף און טיף איז דער ים. דאָס שיפֿל וויגט זיך, בייגט זיך. די כוואַליעס, לײַכטע, ווייכע, גלעטן די זײַטן פֿון שיפֿל, צערטלען עס, קושן עס און ארום איז נאַכטיקע פֿינצטערניש. רויטע פֿלעמלעך, ווי שפּריצלעך פֿײַער, בלינצלען, ווינקען פֿון דער ארומיקער פֿינצטערניש ארויס. ווי בײַ אים, אזוי זענען אויך בײַ די אַלע פֿאַראנקערטע שיפֿלעך די בלענדנדיקע פֿראָנטליכטער טויט, פֿאַרלאָשן. בלויז די רויטע געפֿאַר־סיגנאַלן וואָרענען, אלאַרמירן: פֿאָרזיכטיק! די וואַסערן זענען שוואַרץ, דער אָפּגרונט — טיף!

ער האָט געפּיפּקעט דאָס ליולקעלע, געגאַפּיעט אין די שוואַרצע טיפֿע־נישן.

קאַפּיטל זעכצן

די ייִדן אין היי־היל זענען יענעם שבת אין דער פֿרי, בײַם עפֿענען דעם „סטאַר־הערעלד", געוואָרן פֿאַרבליפֿט. זיי האָבן נישט געגלייבט די אייגענע אויגן. חוץ דעם בילד פֿון רעפּיודזשי־מיידל, איז איבער דרײַ קאָלום פֿון דער צײַטונג געווען אַ קאָפּ אין גרויסן שריפֿט: „וועלקאָם ד"ר העלענאַ ק. זײַדנער"! און באַלד אַן אונטערקאָפּ אין קלענערן שריפֿט: „שטודירט אין היידלבערג, דײַטשלאַנד, אַנטלאָפֿן פֿון היטלערן קיין פֿראַנקרײַך, געענדיקט מעד־צין אין פּאַריזער סאָרבאָן, פּראַקטיצירט אין לאָנדאָן, איצט — מיט אונדז אין היי־היל"! אונטער די קעפּ איז ערשט געגאַנגען אַ באַשרײַבונג אויף אַ פֿערטל זײַט פֿון בלאַט.

סעם קאָופֿמאַן האָט דאָס געזען באַגין נאָך, בײַם אויפֿהייבן פֿון גראָז די צײַטונג, וואָס אַ ייִנגל וואַרפֿט יעדן פֿרימאָרגן אַריבערן צוים פֿון גערטל. שטענדיק, איידער ער זיצט אײַן אין קאַר פֿאָרן עפֿענען דעם מאַרקעט, כאַפּט ער אַ קוק אויף די נײַעס, טוט אַ לייען אין די אינעווייניקסטע זייטן און לאָזט דאָס בלאַט אויף די טרעפּ. הײַנט אָבער איז ער געבליבן שטיין מיט דער געעפֿנטער צײַטונג פֿאַר די אויגן אַ פֿאַרגאַפֿטער, אַ געפּלעפֿטער.

ניין, דאָס איז נישט געווען בלויז איבערראַשונג, פֿריידיקע צי אַנטוישנ־דיקע. בײַם דערזען דער דאָקטאָרינס בילד און נאָך מער די קעפּ מיט דער באַשרײַבונג, האָט אים עפּעס געטאָן אַ צוויק בײַם האַרץ און אויפֿגעראָיעט אין אים אַ ווייטיקדיק נאָגעניש, אַזאַ באַנג געפֿיל, אַן איבערלעבונג, וואָס אַ מענטש האָט ווען ער כאַפּט זיך פּלוצעם, אַז ער פֿאַרלירט עפּעס, וואָס קען מיט גאָרנישט פֿאַרביטן ווערן און ערשט איצט דערפֿילט ער דעם נאָגנדיקן ווייטיק נישט בלויז איבער דעם פֿאַרלוסט, נאָר מער נאָך וואָס ער האָט פֿריִער גאָרנישט געוווּסט ווי טײַער דאָס איז אים און דורך דעם נישט וויסן האָט ער אפֿשר אַליין זיך גורם געווען דעם פֿאַרלוסט.

שטאָט אוועקצולייגן די צײַטונג אויף די טרעפּ, ווי ער טוט דאָס יעדן אין דער פֿרי און פֿאָרן אין מאַרקעט אַרײַן, איז ער מיטן בלאַט אין האַנט צוריק אַרײַן אין הויז צום פֿאָטער, וואָס איז נאָך געשטאַנען אין באַדצימער

ב. דעמבלין

אין די פּיזשאַמעס, אין מיטן אײַנזײפֿן מיט אַ בערשטעלע דאָס פּנים צום ראַזירן זיך.

— וואָס זאָגסטו צו דעם? פּאַפּ.

דער פֿאָטער האָט אָפּגעקערט די אויגן פֿון שפּיגל, געטאָן אַ קוק אין בלאַט און באַלד אויפֿן זון:

— וואָס איז דאָ צו זאָגן? זי איז אָלרײַט! זי איז נישט ווי די אַמאָ־ליקע גרינע.

פֿון פֿאָטער איז סעם מיט דער צײַטונג אַרײַן אין קיך צו דער מוטער. נאָכן סערווירן אָנבײַסן דעם זון, גרייט זי דעם פֿרישטיק אויך פֿאַרן מאַן. זי, די מר״ס קאַופֿמאַן, איז נישט ווי די הײַנטיקע ווײַבער, וואָס כאַליען אין די בעטן ביז שפּעט אין טאָג אַרײַן און לאָזן די מענער גיין צו ביזנעס אָן אַ טעפּעלע קאַווע. זאָל זי לאָזן די צוויי מאַנצבילן אירע אַוועקגיין אומגעגעסן, וועלן זײ שוין אָפּקומען מיט גאָרנישט ביזן האַלבן טאָג צו „לאָנטש" און גראָד איז הײַנט שבת און שבת איז אין מאַרקעט אַ שווערער טאָג. אַרט עס זי נישט, דער מר״ס קאַופֿמאַן וואָס איידער די שוואַרצע קומט, איז זי אַליין די שוואַרצע.

— וואָס זאָגסטו צו דעם? מאַ, האָט דער זון איר אונטערגעטראָגן די צײַטונג.

מיטן בלאַט אין די הענט איז די מוטער צוגעגאַנגען נענטער צום טיש, צו האָבן מער ליכט:

— אוי, כ׳נעם מיר ס׳לעבן! ס׳איז דאָך די דאָקטאָרין!

— וועמ דען האָסטו געמיינט איז דאָס? איך?

וואָס דער אונטערקאָפּ אין בלאַט האָט געזאָגט, וואָלט איר געדויערט לאַנג איבערצוליייענען, אָבער דעם „וועלקאָם ד״ר העלענאַ ק. זײַדנער" איבער דעם בילד, דאָס האָט זי גלײַך איבערגעלייענט. זי האָט געשוויגן, זיך אַ וויש געטאָן מיט דער האַנטפֿלאַך איבער די ליפּן, ווי זי וואָלט געפּרוּווט אַוועק־צווישן די אָנגעשטאַנענע טרוקנקייט אין מויל, אַזאַ איבלדיקע טרוקנקייט, אַזאַ ביטערע.

אויך זי, די מאַמע סעמס, איז אַרומגענומען געוואָרן פֿון אַ באַנג געפֿיל. ווער ווייסט צי זי גייט זיך נישט אומזיסט אַ בײַטעלע. אָ, זי איז שוין גאָר־נישט קיין באָבעצע! אַז די גרינע האָט געקענט אָנשפּאַרן אין „פּייפּער", איז זי אָלרײַט. אַזאַ איינע קריגט מען נישט צוועלף אויפֿן טוץ! דעם זון אָבער האָט זי פֿון אירע טראַכטעניש קיין איין וואָרט נישט געדאַכט. פֿאַר־קערט, אים האָט זי געוויזן אַ פֿריילעכע מינע:

— נו, סעמעלע, איצט זעסטו שוין אַז דײַן מאַמע ווייסט וואָס זי רעדט. איך האָב דיר באַלד געזאָגט אַז זי איז אַ „סאַמבאָדי" אַ „פּוירסאָנאַליטי".

אויף דריי קאָנטינענטן

מיט אַזאַ מיידל דאַרף מען וויסן ווי זיך אומצוגיין, מ'דאַרף זיך „באַהייוון".
ווּעסט זי דאַרפן שפּעטער רופן אויפן טעלעפאָן, איר גראַטולירן.

נישט בלויז סעם האָט איר גראַטולירט. ווי נאָר זי איז יענעם שבת צוריקגעקומען פון איר טעגלעך וויזיטירן די פּאַציענטן אין האָספּיטאַל, איז געוואָרן אַ געקלונגעריי אויפן טעלעפאָן, וואָס האָט נישט אויפגעהערט ביזן האַלבן טאָג.

דער ערשטער האָט גערופן לעם מייער:

— גוד מאָרנינג, דאָקטאָר.

— אָ, העלאָ מ"ר מייער.

— ווי אַזוי האָט זי דאָס דערגרייכט? און אַזוי פּראָמינענט!

— וואָס מיינט ער?

— זי ווייסט גאָרנישט? אַ האַלבער „סטאַר־הערַאלד" איז דאָך אויסגעפּילט מיט איר, ערשט איר בילד!

— ווען? האָט זי אין גרויס איבערראַשונג אויפגעריסן די אויגן.

— אין דער היינטיקער אויסגאַבע.

— זי האָט נאָך גאָרנישט געזען. זי וועט מוזן גיין זיך קריגן אַ צייטונג.

— אומבאַדינגט! האָט ער אימפּעטדיק אַריינגערעדט אין טעלעפאָן, — און מ'דאַרף אַזאַ געשעעניש פּייערן, טאַקע היינט אָוונט! קען ער קומען נאָך איר זעקס אַ זייגער? זיי וועלן צום ערשט צופאָרן אין אַ פיין פּלאַץ „האָבן דינער" צוזאַמען, דערנאָך, — ווי זי וועט וועלן, ער איז צו איר דינסט דעם גאַנצן אָוונט. אָ, יעס. וואָס טוט זי מאָרגן אין דער פרי? אפשר וויל זי שפּילן טעניס? שפּילט זי טעניס?

— געוויס, וואָס פאַר אַ פראַגע.

— גוט, וועט ער זיין ביי איר פּינקטלעך זעקס פאַר נאַכט.

זי האָט אַרויפגעלייגט דאָס טרייבל אויפן אַפּאַראַט און, נאָך איידער זי האָט אַוועקגענומען די האַנט, האָט דער טעלעפאָן זיך ווידער צעקלונגען:

— העלאָ! האָט ד"ר דזשייסאָן פון יענער זייט ליניע נישט געוואָרט אויף איר ענטפערן נאָר גלייך זי באַגריסט: — גראַטולירונגען, ד"ר זיידנער!

— אַ דאַנק ד"ר, זי האָט נאָך גאָרנישט געזען.

— אָ, ער איז אַ פיינער יונג, דזשאָרדזש ווילקאָקס! ער האָט דאָך איר אָפּגעגעבן אַ פערטל זייט, און ווו מיינט זי? אויף דער סאַמע „עדיטאָריעל־פּיידזש"! ערשט איר בילד! זי זעט דאָך אויס ווי אַ מאַדאָנע, בלאַס און ערנסט, אָן אַ שמייכל, טאַקע נאָר ווי די הייליקע יונג־פרוי.

— קאָם, קאָם, דאָקטאָר! האָט זי אים איבערגעשלאָגן דאָס מאַכן איר קאָמפּלימענטן. — ער קען זי שוין לאַנג גענוג צו וויסן, אַז זי איז נישט קיין הייליקע און נישט קיין מאַדאָנע. זי נעמט ערנסטע בילדער ווייל זי

ב. דעמבלין

סען נישט פֿארטראָגן דעם אַנשטעל־שמייכל, וואָס די אמעריקאַנער מאַכן ביים נעמען אַ בילד, גלייך יעדער פֿון זיי וואָלט געווען אַ האָליוווד־אַקטיאָר אָדער אַקטריסע.

נאָך ד״ר דזשייסאָן האָבן געקלונגען די גרינבערגס:

— פֿיל גליק, ד״ר. זיי פֿרייען זיך צוזאַמען מיט איר. זאָל זי נאָר נישט זאָרגן!

—אַ דאַנק, אַ דאַנק, זי ווייסט אַז זיי, מ״ר און מר״ס גרינבערג, זענען איר די בעסטע פֿריינד, וואָס זי האָט אין היי־היל.

זי איז געשטאַנען אין מיטן צ מער אַ צעטראָגענע, אַ צעפּלאָמטע, אַליין נישט געוווּסט פֿון וואָס זי איז מער אויפֿגעהייטערט, פֿון דער באַשרייבונג אין צייטונג, צי נאָר צוליב דער באַשטעלונג צו טרעפֿן זיך אין אָוונט מיט לעס מייער. אָבער צו וואָס האָט זי אַזוי גיך איינגעשטימט צו טרעפֿן זיך מיט אים אויך מאָרגן. וואָס וועט ער טראַכטן? ער וועט דאָך מיינען זי איז שוין פֿאַרליבט אין אים! דערצו נאָך צו שפּילן טעניס. ווו וועט זי נעמען אַ טעניס־ראַקעט? באַלמלעך? קניהו זקעס, סניקערשיך. זי האָט דאָך גאָרנישט. גיין דאָס אַלץ קויפֿן? זי וועט דאָך דאַרפֿן אויסגעבן צווישן צוואַנציק און פֿינף און צוואַנציק דאָלאַר! קען זי זיך דאָס דערלויבן? האָט זי אַ רעכט אויף דעם. דער דזשווינט האָט איר נישט געליִען קיין געלט אויף אַ ספּאָרט־אויסשטייער, דערצו נאָך ווען אַזוי ווייניק איז איר נאָך געבליבן פֿון די פֿינף הונדערט דאָלאַר. און דאָס ווייניקע לאָזט זיך אויך אויס. צי די באַשרייבונג אין צייטונג וועט איר טאַקע ברענגען פּאַציענטן, איז נאָך דערוויל אַ טרוים, דאָס בלייבן אָבער אָן געלט איז שוין באַלד ביי איר ווירקלעכקייט און ביטערע ווירקלעכקייט. וואָס זשע זאָל זי טאָן?

וו דער האָט דער טעלעפֿאָן געקלונגען. זי האָט אויפֿגעהויבן דאָס טרייבל:

— אָ, העלאָ מ״ר קאָופֿמאַן. צי זי האָט שוין געזען די צייטונג? דערווייל נאָך נישט. וואָס? זי וועט ווערן ביי זיך פֿאַרריסן? זיך האַלטן גרויס? זי איז נאָך דערוויל נישט קיין אַמער קאַנערין, צו פֿאַרלירן דעם קאָפּ איבער אַ באַשרייבונג וועגן איר אין אַ צייטונג? ניין, זי קלייבט זיך נישט צו ווערן קיין האָליווּד־סטאַר. ווען זי רעכנט מיט אַ ם ווידער צו פֿאַרברענגען אָן אָוונט? ליידער, ליידער נישט אַזוי גיך. ער מוז דאָך פֿאַרשטיין. זי איז דאָך נישט געקומען אַהער בלויז זיך פֿאַרוויילן מיט יונגעלייט. פֿריִער מוז זי זיך דאָ איינאָרדענען איר לעבן, דערוואָרבן זיך אַ געהעריקע קליענטור. זאָל זי דאָס פֿאַרפֿעלן צו דערגרייכן וועט זי דאָך דאַרפֿן בעטן וועלכן יונגן מאַן, אַ שטייגער אים, מ״ר קאָופֿמאַן דזשוניאָר,

אַ רעפּיודזשי אין נײַ־ענגלאַנד

ער זאָל זי אַדאָפּטירן, אָדער זי וועט גאָר מוזן אוועק פון הײַ־היל. וואָס? ער איז גרייט זי צו אַדאָפּטירן? דאָס איז פײַן, זייער פײַן, האָט זי אַרײַנגעלאַכט אין טעלעפאָן. דערווײַל דאַנקט זי אים פיל, פיל מאָל פאַר דעם, און וועגן טרעפן זיך? זאָל ער איר אָנקלינגען אַ צווייט מאָל. געווים מעג ער קלינגען, אָבער מ״ר קאופמאַן, פּליז, נישט אַזוי גיך.

זי האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרײַבל, זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון געזיכט, אָ, דער יונג ווערט צודרינגלעך! זי וועט זיך מוזן באַפרײַען פון אים.

זי איז אַרײַן אין קיך, פאַרפאַרעט קאווע, אָנגעשמירט אַ פּענעץ ברויט מיט פּוטער. ס׳איז שוין האַלבער טאָג און זי האָט נאָך קיין פרישטיק נישט געגעסן.

נאָכן איבערכאַפּן, האָט זי זיך אַרומגעוואַשן, זיך איבערגעטאָן און איז אַוועק אין גאַס אַרײַן נאָך אַ צײַטונג. דער דראַנג צו כאַפּן אַ קוק איז בײַ איר געווען אַזוי גרויס, אַז שוין לעבן צײַטונגס־פאַרקויפער האָט זי געעפנט דאָס בלאַט.

אויך זי האָט געגאַפט, נישט געגלייבט די אייגענע אויגן און נאָך מערער האָט זי זיך געוואונדערט אַז אַ בילד אירס אין אַ צײַטונג, אַ שטיקל באַשרײַבעכץ וועגן איר, וועט אַזוי צעפלאַמען איר געמיט, אַן אָנגן אין איר אַזאַ דערהויבונג, אַזאַ פריער קיין מאָל נישט געאַנטע דערהויבונג. זי גייט דאַכט זיך נישט, נאָר שוועבט אין דער לופטן, און ווי אומגלייבלעך! זי האָט אַ באַגער אָפּצושטעלן יעדן פאַרבײַגייער און ווײַזן; „איר זעט, דאָס איז דאָך זי, ד״ר העלענאַ ק. זײַדנער״!

טאָמער האָט זי פריער נאָך געצעגערט יאָ אָדער נישט קויפן זיך דעם ספּאָרט אויסשטײַער נאָר צוטראַכטן עפּעס אַן אויסרייד פאַר דעם מ״ר מייער, פאָרן נישט גיין מאָרגן שפּילן מיט אים טעניס, זענען איצט אַלע אירע וואַקלענישן און אַלע צאַפּלענישן איבער דעם ביסל געלט, וואָס איז איר נאָך געבליבן, אויסגערונען, צעגאַנגען ווי רויך, ווי שניי אין בלענד פון דער זון. אַ שוועבנדקע, איז זי אַרײַן אין די ברייט צעפּראַלטע טירן פון דעפּאַרטמענט־סטאָר „מייער און מייער״ און פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם געווירבל פון קויפער, אַ האָפערדיקע, אַ פרייליכע ווי זיי.

קאַפּיטל זיבעצן

וואָכן שוין ווי אין די אונטערשטע שויבנווינקלען פֿון די פֿענצטער צו דער גאַס אַרויס, שטעקן דרײַ שילדלעך פֿון מילכגלאָז מיט שוואַרצן שריפֿט: העלענאַ ק. זײַדנער מ.ד., אָבער קיין פּאַציענטן ווײַזן זיך אַלץ נישט אַרײַן. אויסער אַן אַלט פּאָרפֿאָלק, קריסטן, מיט וואָסערע צען טעג צוריק, האָט זיך פּלוצים, אין מיטן טאָג אַרײַנגעשטעלט מ"ר גרינבערג אויף אַן אונטערזוכונג. זײַן קומען איז געווען פֿאַר איר אַן איבעררראַשונג. ווייל ער, אונטערן אויסרייד פֿון אַ וויזיט, זי אונטערשטיצן מיט צוויי דאָלער? אָדער איז ער טאַקע קראַנק און דאַרף אַ דאָקטאָר?

אויבן אויף קען זיך דאַכטן, אַז ער לײַדט אויף עפּעס, זי זעט אָבער אַז דאָס איז נישט קיין פֿיזישע קראַנקייט. אַנטקעגן דעם אָנשטעל, דער גרויס־האַלטערײַ פֿון די ייִדן אין הײַ־היל, לײַדט ער אויף אַ שטאַרקער באַשיידנקייט. ווי זי הערט איז ער, נאָך די מײערס, דער רײַכסטער ייִד אין שטאָט, אָבער ער גיט דאָס קיינעם נישט צו פֿילן, נישט אין זײַן רעדן מיט אַ מענטשן און אויך נישט אין זײַן האַלטונג. ער פֿאָרט אויך נישט אין קיין קאַדילאַק און זײַן ווײַב, די מר"ס גרינבערג, אַ בלאַסע און אַ שטילע ווי ער, גייט נישט באַהאַנגען מיט קיין צירונג, ווי די פֿיל אָרעמערע, ייִדישע ווײַבער דאָ.

— מ"ר גרינבערג, האָט זי, נאָך אַ לאַנג און גרינטלעך אונטערזוכן, אים געזאָגט, — אויף וויפֿל זי זעט, איז גאָרנישט דער מער מיט אים. ער וואָלט געמעגט צונעמען אַ ביסל וואָג, זי פֿאַרשרײַבט אים טראָפּנס צו שטאַרקן זײַן אַפּעטיט.

מ"ר גרינבערג האָט צוריק פֿאַרקנעפּלט דאָס העמד, פֿאַרשלייפֿט דעם שניפּס. אינערלעך, אין זיך, האָט ער געשמייכלט. אוודאי האָט ער געוווסט, אַז ס'איז גאָרנישט דער מער מיט אים. זײַן קומען צו איר אויף אַן אונטערזוכונג איז בלויז געווען צו פֿאַרריכטן אַ ביסל דעם מיידלס מערכה אין דער קאָמיוניטי. די מר"ס אייכנבוים האַלט אין איין בורען אויף איר. דער קאָכלעפֿל האָט שוין באַלד אָנגעגרייצט אַלע ווײַבער אין שטעטל. וואָלט די דאָקטאָרין זיך נישט אַזוי געהאַלטן פֿון ווײַטנס, וואָלט די אייכנבוים געהעצט, געבילט אָבער קיינער וואָלט זיך צו איר נישט צוגעהערט. אַזוי אָבער,

אַז די דאָקטאָרין וויזט זיך נישט צו קיין מיטינג, מיידט אוים קומען צו עמעצן אין געסט, האַלטן אַלע מיט דער אייכנבוים, העלפן איר צו הענצן, אויסריידן אויפן מיידל וואָס אין דער קאַרט: זי איז אַ סנאָב! זי איז אַ יעקע, אַ דייטשוק, אַן אַנטיסעמיטקע פּונקט ווי די דייטשן.

מר״ס גרינבערג און ער רעדן אָפּט צווישן זיך וועגן דעם: וואָס ווילן זיי פון דעם מיידל! וואָס האָט מען צו איר? זי קומט נישט מער צו די קאַמיוניטי־מיטינגען, צו וואָס זאָל זי יאָ דאָרט קומען? וואָס האָט זי דאָרטן צו טאָן, מאַטלען מיט די ווייבער? שפּילן קאָרטן מיט דער מ״רס אייכנבוים? מ׳זאָגט כאָטש עמעץ פון שטאָטישן יונגוואַרג קומט יאָ אהין. נאָר אַזוי איז דאָך שוין די וועלט: אייגענע פאַרגיט מען, פרעמדע פאַרדאַמט מען! דאָך מיינט ער און מר״ס גרינבערג מיינט אויך אַזוי, אַז זי, די דאָקטאָרין וואָלט זיך נישט געדאַרפט אַזוי אָפּפרעמדן, זיך דערווייטערן. אויסצו־מיידן קריג, דערצו נאָך פון אייגענער טובה וועגן, מוז אַ מענטש טאָן אַ מאָל עפּעס, וואָס איז אים נישט אַזוי שטאַרק צום האַרץ. איז ער דאָס געקומען איבעררעדן מיט דער דאָקטאָרין און, פאַר איין וועגס, וועט זי שוין אים אונטערזוכן אויך. לויט אים וואָלטן אויך אַנדערע יידן אין שטאָט געדאַרפט אַזוי טאָן, זאָל דאָס רעפּיודזשי־מיידל זען אַ פּאַציענט פאַר די אויגן!

— מר״ס גרינבערג, דאָס ווייב זיינס, האָט ער נאָך אַלץ שמייכלדיק גע־נומען דערקלערן דער דאָקטאָרין, שרעקט זיך שטאַרק איבער אים. זי וויל נישט, זאָגט זי, בלייבן קיין אַלמנה. אַ מאַן אין זיין עלטער דאַרף, לויט איר, זיך געפונען אונטער אַ דאָקטאָרס־אויפזיכט און, ווייניקסטנס איין מאָל אין חודש זיך לאָזן אונטערזוכן. איז ער דאָס געקומען צו איר.

די דאָקטאָרין האָט גאָרנישט באַהאַלטן איר איבערראַשונג: די אייגענע פרוי זאָל שיקן דעם מאַן צו איר אויף אַן אונטערזוכונג? אויף וויפל זי ווייסט פירן די יידישע פרויען אין הייהיל אויך אַ בויקאָט קעגן איר. נישט נאָר זיי אַליין, וואָס האַלטן זיך אין איין דאָקטאָרן, קומען נישט צו איר מיט אַ וויזיט, נאָר זיי פאַרביטן דאָס אויך זייערע מענער. און זיי ווייסן דאָך ווי שווער עס איז פאַר אַ דאָקטאָר זיך צו עטאַבלירן אין דער פּראָפעסיע, אויב ער האָט נישט, ווייניקסטנס אין אָנהייב, קיין פּאַציענטן פון אייגענע, פון נאָנטע און באַקאַנטע.

זי פאַרשטייט דאָס גאָרנישט. וואָס האָבן זיי צו איר? געווים ווייסט זי, אַז אַלע דאָ האָבן געמיינט גוט מיטן העלפן איר קומען אהער. די פרויען האָבן זיך געפּאָרעט ביים איינאָרדנען אַ וווינונג פאַר איר. וואָלט אַלץ געווען וווּנדערבאַר, ווען נאָך דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן, לאָזן זיי זי צו רו. גיי דיר פון איצט אָן דיין וועג.

וויזט אויס אַז יידישע פרויען קענען דאָס נישט. צו דער הילף מוזן זיי

אויך ווערן מאַמעס. שענקען אַ ביסל רחמנות, ספּעציעל איר, אַ מיידל, אַליין אין דער פרעמד. איז, ווי נאָר זי איז געקומען, האָט יעדע איינע דאָ זי געוואָלט צוטוליען צו איר מוטערלעכער ברוסט, אָט אַ שטייגער ווי מען דריקט צו צום האַרץ אַן אָרעם, אומגליקלעך־יתומהלע און ווי אַן אומ־באַהאָלפן יתומהלע האָט יעדע איינע איר געוואָלט העלפן, אויסטריקענען איר אַ טרער פון די אייגעלעך, אָפּווישן איר דאָס נעזל, אויסצוואָגן זי און, ווען זי לאָזט זיך נאָר, איר איבערטאָן אַ העמדל.

איז זי אָבער נישט קיין הילפלאָז יתומהלע און זי דאַרף נישט עמעץ זאָל זי אויסצוואָגן און געוויס וויל זי נישט די מר"ס אייכנבוים זאָל זי לערנען געשמאַק אין אָנטאָן זיך, דערמאָנענען זי אַז אַ היינטוועלטיש מיידל, נאָך אַ דאָקטאָרין דערצו, דאַרף זיך צופּן די ברעמען, שמינקען און פּודערן דאָס געזיכט. מיינט ער אַז נאָר די מר"ס אייכנבוים? אויך די מר"ס קאַופּמאַן האַלט אין איין דערמאָנענען זי, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַ דאָקטאָרין צו טראָגן שיך מיט נידעריקע קלעצעלעך, אַז עס איז נישט מאָדיש צו טראָגן לאַנגע האָר, אַז אַ „באָיש־באָרב" וואָלט איר שענער געקליידט.

און בלויז ווי זיך צו קליידן לערנט מען זי? וואָלט זי נאָר געלאָזט, וואָלט יעדע ייִדענע דאָ, אין היי־היל, אַרײַנגעקומען צו איר זען צי זי האָט נישט, גאָט באַהיט, געביטן דאָס אויסזען פון דער וווינונג, וואָס זיי, די „מעמבערקעס" פון דער „סיסטערהוד" האָבן „אַזוי הערלעך" אײַנגעשטעלט, צי האָט זי נישט, גאָט באַהיט, איבערגערוקט אַ שטול, אַ טישעלע פון איין אָרט אויף אַן אַנדערן, צי האָט זי נישט איבערגעהאַנגען די „גאַרדינען" פון איין פענצטער אויפן אַנדערן. וואָס דאַרף ער מער? אָט טראָגט נאָך די מר"ס אייכנבוים אַרום ביי זיך קאָפּיעס פון די שליסלען צו דעם הויז און זי קען זיי צומאָל ביי איר נישט מאָנען אויך. איידער זי האָט אומגעקערט דער קאָמוניטי דאָס געלט, וואָס זיי האָבן אײַנגעצאָלט פאַר די זעקס חדשים רענט פאַר דעם הויז איז דאָך די וווינונג נישט אירע און דאָס מעבל, וואָס די ווײַבער האָבן צונויפגעבעטלט פון זייערע גאַראַדזשן און קעלערס, איז דאָך געוויס נישט אירס!

צוליב דעם, מיינט זי, האָט זיך דאָס אַזוי גיך אײַנגעשטעלט אַ קידער־ווידער צווישן איר און די פרויען פון דער „סיסטערהוד". זי ווייסט אַז זיי, אָט די אַלע ייִדישע פרויען דאָקטערן זיך אַן אויפהער. טייל זענען ד"ר דזשייסאָנס פּאַציענטינס, טייל גייען צו ד"ר קימבי, אַנדערע פאָרן קיין באָס־טאָן צו „ספּעשיאַליסטס", אָבער קיינע פון זיי וועט נישט קומען מיט אַ וויזיט צו איר. מער נאָך, זי ווייסט אַז אין טייל שטובן קומען פאָר איבעררײדן, קרינעריַיען. אויב אַ מאַן וויל שוין יאָ גיין צו איר אויף אַן אונטערזוכונג, לאָזט אים נישט ס'ווײַב, וואַרפט אים אויף, אַז ער גייט נישט צו איר ווײַל

ער איז קראַנק, ווײַל ער דאַרף אַ דאָקטאָר, נאָר ווײַל ער וויל אַ יונגע מויד זאָל אים אַרומטאַפּן, צוליגן אירע ווײַבערישע אויערן צו זײַן ברוסט, צו זײַנע פּלייצעס.

אָט, דעריבער וווּנדערט זי זיך אַזוי וואָס ער, מ״ר גרינבערג, איז געקומען צו איר און נאָך מער וווּנדערט זי זיך, וואָס די מר״ס גרינבערג האָט אים דאָס געראָטן:

— מ״ר גרינבערג, האָט זי האַלב איראָניש געשמייכלט, — איר זענט בײדע וואַנדיקע מענטשן, אײַער פֿרוי נאָך מער פֿון אײַך.

מ״ר גרינבערג, אין רעקל שוין, האָט גענומען דעם הוט און איז צוגעקומען נענטער צו דער דאָקטאָרין, וואָס איז געזעסן הינטער דעם ביוראָטישל:

— מעג איך ? האָט ער געוויזן אויף דער שטול לעבן איר.

— ביטע זייער, האָט זי זיך געטאָן אַ כאַפּ, וואָס זי האָט אים נישט פֿריִער געבעטן זיצן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַזוי נישט־דרייסט און קנייטשנדיק דעם הוט מיט איין האַנט, דאָ מיט דער אַנדערער, האָט ער שטיל, ווי איבערגעפֿרעגט:

— וואָס ? ער און זײַן פֿרוי זענען וואַנדיקע מענטשן ? און וואָס באַשטייט זייער געוואַגטקייט ? אין דעם וואָס ער איז צו איר געקומען מיט אַ וויזיט? פֿאַר וועמען דאַרפֿן זיי, ער צי זײַן פֿרוי, דאָ זיך שרעקן? ווער קען זיי דאָ עפּעס טאָן ? איר אָבער, דער דאָקטאָרין, קענען מענטשן דאָ יאָ זייער פֿיל שלעכטס טאָן. איר וועט שווער זײַן דאָס אײַנלעבן זיך דאָ, אויב זי וועט דאָס נישט אין זינען האָבן. פֿאַר יעדן גרויסשטאָטישן מענטשן איז שווער זיך אײַנצולעבן אין אַ קליין שטעטל, פֿאַר איר אָבער, דערצו נאָך אַ רעפּיודזשי, וואָס יעדער פֿרוי אין דער קאָמיוניטי, האָט עפּעס געטאָן אין העלפֿן איר זיך דאָ באַזעצן, איר וועט פֿיל, פֿיל מאָל דאָס אָנקומען שווערער !

אָט איז ער נישט געקומען אין היי־היל ווי אַ רעפּיודזשי און די „סיסטער־הוד" מיט מ״רס אייכנבוים האָבן גאָרנישט געדאַרפֿט פֿאַר אים טאָן. פֿאַרקערט, ער האָט פֿאַר זיי געטאָן ! ער האָט דאָך אַהער געבראַנגט און דאָ אַרײַנגעלייגט אַ פֿאַרמעגן, אויפֿגעבויט דאָ אַ פֿעקטאָרי, געשאַפֿן דזשאַבס, אַרבעט פֿאַר איבער פֿינף הונדערט מענטשן, וואָס פֿריִער האָט קיין איינער פֿון זיי נישט געהאַט דאָ ווי אַ סענט צו פֿאַרדינען. אַלע חנפֿענען אים. דער גאָווערנאָר ווי דער מעיאָר, אַלע רופֿן אים און ער רופֿט זיי בײַם ערשטן נאָמען, קלאַפּן איינער דעם אַנדערן אין פּלייצע, כאָטש מ׳האָט זיך אין דער ערד און זיי וואָלטן אים דערטרונקען אין אַ לעפֿל וואַסער.

מיינט זי אַז די ייִדן דאָ זענען בעסער ? ווי ווייל ער זוכט נישט קיין כּבֿוד, האָט נישט די אַמביציע צו זיין קאָמיוניטי־פּרעזידענט, דערצו ווייסן

אַלע אַז אַ דאַנק אים, זיין פּעקטאָרי, האָט הײ־היל אױפגעלעבט, די סטאָרס, וואָס די מערסטע זענען דאָך יידישע, לייזן גוט, מאַכן געלט, פונדעסטוועגן טראָגט אים יעדער אויף די ציין, רעדן אוים אויף אים און אויף זיין פרוי וואָס אין דער קאָרט, באַרעדן זיינע קינדער! אַז ער, אַ ייד צווישן קריסטן, האָט פיינט אויפצוציִען ביי מענטשן די אויגן און צוליב דעם פאָרט ער בעסער אין אַ שעווי און נישט אין קיין קאַדילאַק, אָדער זיין פרוי, וואָס טוט זיך אָן איינפאַך, ווייל זי האָט פיינט ארומצוגיין אַ באַהאָנגענע מיט צירונג, זאָגט מען אַז זיי זענען קאַרג, אַז זיי פאַרגינען זיך נישט ס'לעבן. אָדער זיינע קינדער. וואָס אַ שטייגער גייט ווּעמען אָן ווי אַלט זיין טאָכטער איז? צוליב די יידישע ווייבער אין הײ־היל איז זי דאָך צוריק אַוועק קיין ניו־יאָרק וויַיטער שטודירן. זי דאַרף נייטיק אַ „פּי עיטש די”? יעדע יידענע דאָ האָט נאָר זי געוואָלט פאַרזאָרגן, זי חתונה מאַכן. כלומרשט אין אַ געלעכטערל האָט מען זי געפרעגט:

— דזשין, ווי לאַנג וועסטו אַזוי קלייבן?

— דזשין, מיינסט ווערסט יינגער?

— דזשין, קיין באַי איז נישט גוט גענוג פאַר דיר?

— און זי מיינט אַז נאָר מר״ם אייכנבוים האָט זי געטראָגן אויפן קאָפּ. יעדע יידענע האָט אריינגעשטעקט איר נאָז ווּ זי דאַרף נישט.

— אָבער מ״ר גרינבערג, האָט די דאָקטאָרין מיט איינגעהאַלטן געוויין אין איר קול, אים איבערגעריסן — וואָס האָבן זיי צו מיר?

— דאָקטאָר, האָט ער זיך צוגערוקט נענטער צו איר שטול, — ער איז אַן אומגעבילדעטער מענטש, קיין מאָל אין קיין סקול נישט געגאַנגען, בלויז אין אַ חדר און דאָס אויך נישט צו לאַנג, דאָך ווייסט ער, אַז אַזוי איז דער מענטש און געווים אַזוי אין אַ קליין שטעטל. מענטשן האָבן האַלט אריינ־צושטעקן זייערע נעז אין יענעמס טעפּל, האָבן ליב צו האָבן עמעצן, אויף וועמען רחמנות צו האָבן. ער פאַרזיכערט איר, אַז אַלע דאָ האָבן געמיינט גוט. זיי זענען אָבער אנטוישט, שטאַרק אנטוישט, וואָס זי, די דאָקטאָרין, לאָזט זיי נישט האָבן רחמנות אויף איר.

— יאָ, זי ווייסט דאָס, האָט זי טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער וואָס זאָל זי דאָך טאָן?

— זאָל זי זיך נישט אַזוי האַלטן פון ווייטנס. זאָל מען נישט זאָגן זי איז אַ סנאָב.

זי האָט געשמייכלט, מיט ביטערניש געשמייכלט:

— אַ סנאָב, אַז זי קען זיך נישט פריינדלען מיט מר״ם אייכנבוים, איז זי אַ סנאָב!

קאפיטל אכצן

ארויס פון „מייער און מייער" דעפארטמענט־סטאר איז די דאקטארין א באלאדענע מיט שאכטלעך, מיט פעקלעך. א האפערדיקע נאך פון דער באשרייבונג אין „סטאר־העראלד", א פריידיקע פון דעם פארשטייענדיקן זונטיק־פרימארגן מיט לעם מייער אויפן טעניספעלד, פון דעם אוונט מיט אים היינט, האט זי געאיילט איבער מיין־סטריט, וואס גיכער צוריק צו זיך אין אפיס אריין.

אין די פריע אפיס־שעהען, צווישן עלף און איינס, האט זיך קיין איין פאציענט נישט ארייינגעוויזן. איילט זי איצט, טאמער וועט עמעצ אין די נאכמיטאג־שעהען זיך יא ארייינווייזן? נאך אלעמען, טויזנטער מענטשן האבן דאך געלייענט די באשרייבונג אין „העראלד". אפילו איר אדרעס איז דארט אנגעגעבן.

זי איז אריין אין הויז, אויסגעטרונקען אויף גיך א גלאז קאלטע מילך, זיך ארומגעוואשן, איבערגעלייגט דעם קאקס האר, אנגעטאן די ווייסע שיך, דעם ווייסן כאלאט, — אוים שטובווירטין, צוריק דאקטארין!

א גרייטע צו ענטפערן דעם טעלעפאן, אויפצונעמען א פאציענט, איז זי געזעסן ביים ביוראטישל און, פון לאנגווייל, געבלעטערט דאס טעלעפאן־ביכעלע. ארום און ארום האט זי אין דעם ביכעלע וואסערע פינף זעקס אדרעסן און טעלעפאן־נומערן פון איינוווינער דא אין היי־היל.

מיד געווארן פון בלעטערן דאס ביכעלע, האט זי צוגערוקט דאס קעסטעלע מיט קארטלעך, די קארטאטעקע אירע פון פאציענטן. אין גאנצן האט זי בלויז צוויי קארטלעך אויף דער „אקטיווער זייט". איין קארטל מיטן נאמען און אדרעס פון מ"ר גרינבערג, די סימפטאמען, אויף וואס ער באקלאגט זיך און דאס צווייטע קארטל פון דעם אלטן פארפאלק מיט באמערקונגען וועגן דעם פארמערס פארשארפטער סקלעראז־קראנקייט.

ווען נאך קומען אויך אנדערע פאציענטן צו איר? אפשר האט זי נישט געטארט אויסגעבן אזוי פיל געלט אויף א ספארט־אויסשטייער? וואס וועט זי טאן, אז די לעצטע עטלעכע דאלאר וועלן איר אויסגיין? זי האט אוועקגערוקט אויך די קארטאטעקע. צו וואס שוין זאגן? דערווייל גייט זי

ב. דעמבלין

היינט פֿארברענגען מיט לעם מייער און מאָרגן, צען אין דער פֿרי, נעמט ער זי שפּילן טענים!

זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויפֿן געלענק-זייגערל: ווי פּאַמעלעך די צייט קריכט! זי זיצט שוין ביים בּיוראָטיש אַזוי לאַנג און ס'איז נאָך קיין איין שעה נישט אַריבער. געוויס, זי האָט גענוג וואָס צו טאָן, נישט בלויז צו הרגענען צייט. דערווייל האָט זי נאָך נישט קיין דינסט! זי מוז נאָך אַליין רוימען דאָס הויז, אויסוואַשן זיך אַ קליידל, אַ בלוזע, אַ פּאָר זאָקן. איין מאָל האָט זי טאַקע גענומען דאָס טאָן צווישן די אָפּיס-שעהען, האָבן גראָד דאַן צוויי פֿרויען געקלונגען ביי דער טיר און זי געטראָפֿן אין מיטן טאָן די אַרבעט פֿון אַ וואַשפֿרוי, באָרוועס, דאָס אונטערקליידל פֿאַרשאַרצט, דעם קאָפּ פֿאַרנומען אין אַ טיכל:

— איז די דאָקטאָרין דאָ? האָט די עלטערע פֿון די צוויי פֿרויען געפֿרעגט.

אַ סעקונדע נאָר איז זי געווען אין פֿאַרלעגנהייט: זאָגן אַז זי איז די דאָקטאָרין? אין אַזאַ שטאַנד? האָט זי געזאָגט: ניין, די דאָקטאָרין וועט זיין שפּעטער, אין די אָפּיס-שעהען, צווישן פֿיר און זעקס.

די פֿרויען זענען אַוועק און שפּעטער טאַקע נאָך אַ מאָל געקומען. זי, אַן אָנגעטאָענע שוין, אַ גרייטע אויפֿצונעמען זיי, האָט ברייט געעפֿנט די טיר, אָבער אונטערזוכן די קראַנקע, דאָס האָט זי זיך שוין פֿאַרשפּאָרט.

מיט פֿאַרדאַכט האָבן די צוויי פֿרויען זי אָפּגעמאָסטן: — זי איז די דאָקטאָרין? זי איז דאָך די וואַשפֿרוי, וואָס האָט פֿריִער געריייניקט דאָס הויז.

ניין, מער וועט זי ביי טאָג קיין הויזאַרבעט נישט טאָן. זי וועט אַזוי זיצן ביים בּיוראָטיש ביז זעקס אַ זייגער. דאַן וועט זי זיך נעמען אָנטאָן. אים, לעם מייערן, וועט זי לאָזן וואַרטן אין פֿראָנטשטוב. אַז זי וועט זיין אויסגעבאָדן, אָנגעטאָן, וועט זי שטיל זיך אַריינשלייכן און, הינטערווייַלעכץ, אין דער טירעפֿענונג, וועט זי פּלוצים אַ זאָג טאָן: — העלאָ, מ"ר מייער! איך בין גרייט!

זי האָט זיך צעלאַכט. וואָס איז מיט איר געשען? ווי קומט צו איר אַזאַ אויפֿפֿיר? וואָס איז זי? אַ פֿאַרליבט שולמיידעלע? און דאָס נאָך איצט, אין אַמעריקע און די עלטערן — אין ברעסלאַו, זענען זיי נאָך דאָרט?

אַ ווייל נאָר האָבן די געדאַנקען זי פֿאַרטראָגן קיין דייטשלאַנד. וועט זי נאָך געפֿינען דאָרט די עלטערן, די היים, באַלד אָבער האָט זי צוריקגעוואַנדערט אַהער, אין היי־היל, צו לעם מייערן. האָט ער זי טאַקע פֿריִער געזען אין דעם מענטשן-געווימל, אין דעפּאַרטמענט סטאָר? צי איר האָט זיך בלויז געדאַכט, אַז זי פֿילט זיין בליק אויף איר רוקן?

ענדלעך זענען די אָפּיס-שעהען אַריבער. אויך דאָס מאָל האָט זיך קיין

פּאַציענט נישט אַרײַנגעווזן. זאָל זי שוין זיך נעמען אָנטאָן? אפשר נאָך וואַרטן פינף מינוט?

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. זי האָט גענומען דאָס טרײַבל צום אויער:

— העלאָ, אָ, מ״ר מייער!

— זי מוז אים אַנטשולדיקן, ער קען זיך נישט העלפן, ער וועט מוזן קומען אַ האַלבע שעה שפּעטער.

— דאָס מאַכט נישט, האָט זי אים באַרויִקט. אויך איר וועט אויס־קומען צו זײַן אַ ביסל שפּעטער.

— פֿיין! וועט ער זיין בײַ איר פּינקטלעך זעקס דרייסיק.

ניין, לעם מייערן האָט זי נישט באַגעגנט אויף דער וועראַנדע, ווי מיט עטלעכע וואָכן פריִער סעם קאַופּמאַנען. איידער זי האָט זיך גענומען אָנטאָן, האָט זי אויף דער דרויסנזײַט פון טיר, איבערן דאָקטאָר־שילדל, אַרײַנגע־שטעקט אַ קאַרטעלע: זי בעט אים נישט קלינגען נאָר גלײַך אַרײַנקומען און וואַרטן אויף איר אין פראָנטשטוב.

זעקס דרײַסיק, צו דער מינוט, איז לעם מייער אָנגעפאָרן אין זײַן בלויען „אָלדסמאָביל״, אַן אָפענע ספּאָרט קאַר, דאָס דעכל אײַנגעפאַלבט און איבער־געלייגט אויף הינטן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ העלן, זײַדיק־טשעס־טשוארענעם זומער־קאָסטיום, אין אַ ווײַס ספּאָרט־העמד מיט אַ ברייטן, איבערגעלייגטן קאָלנער. דער קאָפּ האָר, אַ שוואַרצער, מיט זילבער דורכ־געפעדעמט, איז געווען גלאַנציק פעטלעך. דאָס זײַטיקע שרונטל האָט זיך געשנירלט פון לינקן שטערנווינקל אַרײַן אין די האָר־געדיכטעניש, ווייך צעכוואַליעטע, ווי אַ ליכטיק, שמאָל שטעגעלע אין אַ טיפן וואַלד אַרײַן.

מיט איין שפּרונג איז ער אַרויף די דרײַ טרעפּ אויף דער וועראַנדע. ער האָט אַ שמייכל געטאָן בײַם דערזען דאָס קאַרטעלע, געעפנט די טיר און איז אַרײַן אין הויז. ער האָט געשניפּט די לופט. ס׳האָט זיך נאָך אַלץ דאָ געפילט ווילגאַטש, שפּינגעוועב, טוכלעפּײַכטקייט. זינט דער אַלטער טימאָטי קלאַרק איז געשטאָרבן, אַ שיינע פאָר יאָר שוין, איז דאָס הויז געשטאַנען פאַרשלאָסן, אײַנגעפּינצטערט, מיט פאַרמאַכטע לאָדן. אויך איצט, פאַר דער דאָקטאָרינס אַרײַנציִען זיך, האָט מען די צימערן נישט געפאַרבט.

לויטן געפּליעסק פון וואַסער אין דער וואַנע, האָט ער זיך געכאַפּט אַז זי, די דאָקטאָרין, באָדט זיך, איז ער דערווײַל געגאַנגען איבער די צימערן, זיך אַרומגעקוקט. יענעם אָוונט, ווען ער איז דאָ געקומען צוזאַמען מיטן גאַנצן קאַראַוואַן קאַרס, איז דאָך אוממעגלעך געווען צו הערן ס׳איינענע קול. די אייכנבוים האָט דאָ אָנגעמאַכט אַזאַ טומל מיט איר געלויף, מיט איר אַרויסשטעלן זיך, וואָס זי, די פּרעזידענטין פון דער „סיסטערהוד״, האָט דאָ אַלץ אויפגעטאָן, אַז ער האָט רעכט נישט געזען ווי מ׳האָט די דאָקטאָרין

אריינגעזעצט, וואס אלץ די ווייבער האבן דא אהער אנגעשלעפט פון זייערע קעלערס און גאראדזשעס.

ער האט געשאקלט מיטן קאפ, געברומט צו זיך אליין; אזוי, איצט פארשטייט ער פארוואס די דאקטארין איז פריער געשטאנען אין מעבל־דעפארטמענט פון „מייער און מייער" אזא פארגאפטע, אזא פאראינטערעסירטע. ער האט א טאפ געטאן די איינגעזונקענע זיצקישנס אויף דער קאנאפע, אויף די צוויי שטולן, באטראכט די אפגעריבענע, ברודיקע ארעם־האלטערס פון דעם רויטן פליוש פונעם מעבל, געפרווט א רוק טאן דאס וויקלדעכל פון דעם ביוראטישל, וואס איז שוין געווים פופציק יאר אלט. ס'איז דאך א שאנד און א שפאט צו לאזן אזוינס שטיין אין א דאקטארס קאבינעט, אין אן אויפנעם־צימער. זאל ער דאס פארברענגען צום קאמיוניטי־מיטינג? האט אבער אין דער קורצער צייט די אייכנבוים שוין געשאפן אזא ווידערווילן, אזא פיינטשאפט צו דער דאקטארין, אז ער גלייבט קוים צי עמעץ דארט וועט גרייט זיין צו זאגן פאר איר א גוט ווארט, אפגערעדט שוין זיך איינצושטעלן פאר איר, מ'זאל העלפן אויסמעבלירן איר קאבינעט.

געוויס, דאס גלייכסטע וואלט געווען זי זאל זיך אפקלייבן ביי אים אין דעפארטמענט־סטאר וואס איר איז נייטיק. ס'איז אל־רייט! „מייער און מייער" קען ווארטן ביז זי וועט אימשטאנד זיין צו באצאלן און ווען אפילו נישט, וועט די פירמע אויך נישט באנקראטירן. ווי אזוי אבער שלאגט ער איר דאס פאר? זי איז אזא שטאלצע. מאדנע, וואס ארעמער געוויסע מענטשן זענען, אלץ מער אומוויליק זענען זיי אנצונעמען הילף, דערצו נאך זי. וועט זי נישט טראכטן אז מיט דעם, וואס ער לייגט איר פאר, וויל ער זי אפקויפן? און צוליב וואס וויל ער זי אפקויפן?

זיצנדיק א פארטראכטער, אזוי האלב הענגענדיק אויף אן ארעם־האלטער פון א געבעטער שטול, האט ער גארנישט געהערט ווי זי איז ארויס פון באד־צימער, זיך אריינגעשלייכט אין פראנטשטוב אן אנגעטאענע שוין, א פרישפארקעמטע און געבליבן שטיין אין דער אפענער טיר ראם:

— האו, דו יו דו? מ"ר מייער!

אן איבערראשטער האט ער אויסגעדרייט דעם קאפ. זי איז געווען אנגעטאן אין איר איינציקן זומערשטאט, דאס ווייסע פיקעי קלײדל, א בלאנקענדיק געוואשנס, א פריש געפרעסטס. ארום איר טאליע, אזא מיידלש דינע, איז געווען ארומגענומען דאס שווארץ ליאקירן רימענטל. אויפן האלדז איז איר געהאנגען דאס גאלדן קייטעלע מיטן מגן־דודל. זי האט געשמייכלט און אזוי רייען ווייסע ציין האבן אים אקעגנגעלויכטן. עס האט געשמעקט פון

אַ רעפּיודזשי אין ניי־ענגלאַנד

איר דער אַדעקאַלאָן, דער אָנגענעמער גערוך פון שמעקענדיקע זייפן און נאָך עפּעס, וואָס מען פילט אין דער נאָנטקייט פון יונגע, שיינע פרויען.

ער האָט זיך גיך אויפגעשטעלט, זי באַגריסט, גענומען איר האַנט אין זיינער, עס איז דאָך צום שטוינען, דאָס מיידל האָט רעכט נישט וואָס אָנצו־טאָן און דאָך איז זי געקליידט גוט, מיט געשמאַק:

— ס'טוט אים לייד, וואָס ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט.

— אָ, עס מאַכט נישט, דער אָוונט איז לאַנג און, ער זעט דאָך, זי האָט נישט געוואַרט אויף אים. אַזוי זענען שוין פרויען. ווי דער מאַן זאָל זיך נישט פאַרשפּעטיקן, מוז ער נאָך אַלץ וואַרטן אויף זיין דאַמע, האָט זי אַזוי ווייבלעך לאַשטשענדיק געשמייכלט צו אים און דערביי געטראַכט אַז נישט אַלע מאָל איז אַזוי ווי זי האָט דאָ געזאָגט. סעם קאָופּמאַנען האָט זי נישט אַריינגעלאָזט אין הויז וואַרטן אויף איר.

אויך ער האָט זייער אויפגעלייגט געשמייכלט:

— יאָ, דאָס איז ריכטיק און עס איז גוט אַזוי. אַ שאַרמאַנטע פרוי ווערט נאָך מערער שאַרמאַנט, ווען זי לאָזט אויף זיך וואַרטן.

— זאָל זי דאָס אָננעמען פאַר אַ קאָמפּלימענט? האָט זי אַזוי קאָקעטיש זייטיקלעך געקוקט צו אים.

— אַזוי איז עס געגעבן. פון דער ערשטער מינוט וואָס ער האָט זי געזען, צווייפלט ער נישט אַז זי איז שאַרמאַנט און אייגנאַרטיק דערצו.

זי האָט זיך גערויטלט:

— מ"ר מייער! אָ, ווי הערלעך, ווי פיין עס איז פון אים אַזוי צו טראַכטן וועגן איר.

ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך; געקוקט איר פרענגדיק אין די אויגן:

— איז זי גרייט צו פאָרן שוין, אָדער אַ ביסל שפּעטער?

— ווי ער וויל און ווידער איז איר געקומען סעם קאָופּמאַן אויפן זינען. ווי געהיט זי האָט געמוזט זיין ביים רעדן מיט יענעם. אַזאַ זאָג: „ווי ער וויל" וואָלט ביי אים געמיינט אַן איינלאַדונג אויף דער קאַנאַפּע...

זיי זענען איינגעזעסן. די קאַר האָט גערירט. ס'איז געווען אָנהייב סעפּטעמבער. דער אינדיאַנער פומער, אַ גאָלדענער, האָטשווין ביי־צייטנס געפלאַטערט איבער די ניו־ענגלענדער בערגלעך און טאָלן, איבער דעם פלאַכלאַנד מיט די אָפּגעדעקטע, שטייניקע סקאַלעס און זאַמדפלעקן. די ביימער לענג־אויס די וועגן, הויכע טאָפּאָלן און ברייט צעוואַקסענע אולמען, אַלע זענען זיי איצט געשטאַנען ברענענדיקע שוין אין רויט איז אין געל, אין בראָנז און אין צימרינג, דער ערשטער גלי זייערער פון פאַרגיין! איינ־ציקע בלעטער האָבן שוין געשאַרכלט אונטער די רעדער, זיך געטראָגן אין

ב. דעמבלין

דער לופט, א זוניקע, אָבער קיל שוין און טערפּקע מיט פּריציַיטיקן אַנזאָג פון ביַינאַכטיקן פראָסט.

א בלעטל איז פאַרביַיגעפּלויגן זיַין פּנים און געפאַלן אין איר שויס. ער האָט אויף א סעקונדע אוועקגענומען דעם בליק פון דער פּראַנטשויב און זיך אומגעקערט צו איר:

— איז איר קיל?

— א ביסל.

ער האָט א דריק געטאָן א קנאָפּקע. דאָס רעבל, פון גרויען, דיקן פּרעַ־זענט, האָט זיך גערירט, זיך גענומען אויפפאַלבן, זיך ציִען אריבער דער קאַר, זיך אראָפּגעלאָזט איבער זיי, זיך דאָרט פאַרהעקלט און שוין זיצן זיי אין א פאַרמאַכטער מאַשין. ער האָט ווידער זיַיטיקלעך געוואָרפן א בליק צו איר:

— ווי פילט זי זיך נאָכן ווערן אזא באַרימטקייט, נאָך אזא באַשריַיבונג אין „העראַלד״?

— זאָגן אים די וואָרהייט? נאַריש און דערהויבן אין דער זעלבער ציַיט. נאַריש — צוליב דער דערהויבנקייט. נאָך אַלעמען, זי איז דאָך נישט קיין מוּוויסטאַר. פּראָפעסיאָנעל? זי גלייבט נישט מענטשן זאָלן גיין צו א דאָקטאָר וויַיל א ציַיטונג האָט וועגן אים געשריבן.

— זי איז נישט גערעכט. ער גראָד מיינט, אז זייער פיל מענטשן וועלן זיך אָפּרופן.

— זי וועט זיַין צופרידן אויב ס׳וועט זיך ארויסוויַיזן אז ער איז גערעכט. נישט זי.

ער האָט פאַרקערעוועט די מאַשין אראָפּ פון הויפּטוועג, ארויף אויף א שוואַרץ געפלאַסטערטן אַספאַלט פּלאַץ, פול מיט שטייענדיקע מאַשינען. זי האָט זיך ארומגעקוקט: זאָל זי אים זאָגן, אז זי איז שוין דאָ געווען מיט סעם קאופמאַן? זי איז אָבער נישט געווען זיכער, עפּעס איז דער איַינגאַנג נישט דער איינענער און איצט טראָגט זיך פון א וויַיטן פליגל דאָרט אזא ווייכע, אזא ליב פאַרבעטנדיקע טאַנצמוזיק. אויך דער הויפּטקעלנער איז נישט דער אייגענער.

ווי דענצמאָל אזוי האָט אויך דער איצטיקער באַדינער זיי געפירט צווישן רייען באַזעצטע־טישלעך, פאַרביַי הערן און דאַמען, אַלע מיט די וויַיסע סערוועטן פאַר זיך, אַלע פאַרטוענע אין זייערע טעלערס מיט ביפסטייקס, מיט לאַבסטערס און קראַבס און אויסטערס.

דער קעלנער האָט זיי געוויזן אויף א טישל אין א ווינקל פון גרויסן זאַל, ארויסגערוקט א שטול פאַר איר, באַלד פאַר אים, אוועקגעלייגט פאַר זיי שפּיַיזקאַרטן און אַליין זיך אָפּגערוקט וואַרטן אויף זייער באַשטעל.

אַ רעפּיודזשי אין ניי־ענגלאַנד

ער האָט געקוקט אין דער מעניו און באַלד זיך געווענדט צו איר:

— וואָס וועט זי באַשטעלן? אפשר „אַן ענטרעי” פון אויסטערס?

— ניין, זי וויל בלויז שאַפּענע ריפּלעך.

— דאָס אַלץ?

— זי וועט אויך באַשטעלן אַ סאַלאַט, פּרוכט, אַ שוואַרצע קאַווע.

— און צום טרינקען?

— אָ, יעס, זי וועט אויך בעטן איין גלעזל ווײַסן באָרדאָ, טרוקענעם.

ער פאַר זיך האָט יאָ באַשטעלט אויסטערס, אויך אַ סטייק און סאַלאַט און ווײַסן וויין.

דער קעלנער איז אַוועק, זי האָט זיך אַרומגעקוקט, געהאָרכט:

— הערט ער אויך די מוזיק?

— אָ, יעס, אין אַנדערן פליגל טאַנצט מען. וועט זי וועלן טאַנצן?

זי האָט אים געשענקט אַ שמייכל, אַ געלעגנהייט אים צוריקצוצאָלן מיט אַ קאָמפּלימענט:

— מיט אַ שאַרמאַנטן קאַוואַליער, צו יעדער צײַט.

— אַ דאַנק איר, ער נעמט אָן אַז זי מיינט אים.

— אין דעם פאַל זענען די אָנוועזנדע יאָ אַרײַנגערעכנט.

ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אירער, אַ צערטל געטאָן איר:

— זי איז זיס.

— העלאָ לײדי! העלאָ לײדי!

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. אין ווינקל, אַנטקעגן איר, אין אַ גרויסער בלישטשעדיקער שטײַג, איז אויף אַ שטאָפּל געשטאַנען אַ גרינער פּאַפּוגיי מיט רויטפלאַמיקע פליגל. דער שנאָבל בײַ דעם פויגל, אַ גרויסער, אַן אַראָפּגעבויגענער, האָט דערמאָנט אָן די שנאָבלען ביי טראָציקע ווײַבער, פאַרביסענע, בייז אַרויסרופערישע:

— העלאָ לײדי! האָט דער פויגל נישט אויפגעהערט דאָס רעדן און דערבײַ געקוקט אויף איר, דאָ מיט איינעם פון זײַנע רונדע קרעלאויגן און באַלד אויסגעדרייט ס'קעפּל און זי אָפּגעמאָסטן מיטן אַנדערן קרעלאויגל, אַ מין אַרויסרוף, זי זאָל אים ענטפערן.

— העלאָ סיר, האָט זי צוריקגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו דעם אַרויסרופע־רישן שכן.

— שמעקט איר דאָ די שפּײַז? האָט ער זיך אַרײַנגעמישט אין דעם איינטאָניקן געשפּרעך, ווי ער וואָלט געוועזן אייפערזיכטיק, וואָס זי גיט אַוועק איר אויפמערקזאַמקייט צו דעם פויגל.

— אָ יעס, די קוכער דאָ זענען עקספּערטן.

ב. דעמבלין

זי האָט אויסגעטרונקען דעם וויַין. ער האָט גענומען די פֿלאַש ווידער אָנצופֿילן איר גלאָז.

— נאָו, אַ דאַנק, האָט זי מיט איר האַנטפֿלאַך גיך פֿאַרדעקט דאָס מויל פֿון באָקאַל, אַ הויך־פֿיסלדיקיר, אַן איידל געשליפֿענער.

— וויל זי איצט טאַנצן?

— ביטע שיין, האָט זי, אַ זייער אויפֿגעלייגטע שוין, גענומען רעדן צו אים דײַטש.

זיי האָבן געלאָזט די סערוועטן אויפֿן טיש, געהייסן דעם קעלנער וואַרטן מיטן ברענגען די דעסערטן, די קאַווע און זענען אַוועק דורך די פֿיל צימערן אין אַנדערן פֿליגל פֿון הויז. אַ קליינער סטרונע־אָרקעסטער האָט דאָ גע־שפּילט אויף אַ ווינקלדיקער עסטראַדע. פּאָרלעך האָבן געשוועבט איבער דעם גליטשיקן, גלאַנציקן פּאַרקעט. ער האָט זיך פֿאַרנייגט פֿאַר איר, זי גענומען אַרום דער טאַליע. זי האָט אַרײַנגעלייגט איר האַנט, אין דער געשטריקטער, ווײַסער הענטשקע אין זײַן האַנט אַרײַן, אָנגעלענט איר קאָפּ אויף זײַן אַקסל, אַראָפּגעלאָזט די וויִעס, ווי צוויי לענדלעך איבער די אויגן, פֿײַכטגלאַנציקע, פֿאַרחלומטע און אַוועקגעשוועבט מיט אים, וווּהין? קיין ברעסלאַו? צו די עלטערן? זענען זיי נאָך דאָרט?

שפּעטער, אין קאַר ביים רעדל שוין, האָט ער זי געפֿרעגט:

— וויל זי אפֿשר זען אַ טשאַפּלין־פֿילם?

— טשאַרלי טשאַפּלין? האָט זי מיט פֿרייד אונטערגעכאַפּט דעם נאָמען.

— אים, דעם געניאַלן שוישפּילער, צו יעדער צײַט איז זי גרייט אים צו זען.

זיי זענען געזעסן אין פֿאַרטונקלטן טעאַטער, געקוקט אויפֿן עקראַן. טשאַפּלין, אין גרים, ענלעך צו היטלערן, איז געלעגן מיטן רוקן אויפֿן באָדן, צווישן די פֿיס, פֿאַרהויבענע אין דער לופֿטן, האָט ער געהאַלטן אַ גרויסן ערדקײַלעך און זיך געשפּילט מיט אים, ווי מיט אַ באַלעם, געטאָן אַלע מאָל אים אַ קאָפּ מיט די פֿיס, אַרויף אין דער לופֿט אַרײַן און באַלד אים צוריקגעכאַפּט.

ווי וויל זי איז, דאַכט זיך, געווען מיט אַלע אירע חושים אויפֿן עקראַן, נאָכגעפֿאָלגט טשאַפּלינען אין זײַן סאַטיריש בײַסיק אָפּלאַכן ביידע דיקטאַ־טאָרס, מוסאָלינין ווי היטלערן, וואָס ביידע שפּילן זיי זיך אויף אַן אמת מיט דער וועלט, מיטן טויט און לעבן פֿון דער וועלט, ווי דאָ אויף אַ שפּאַס מיטן באַלעם, האָט זי דאָך זײַטיקלעך געהאַלטן אירע אויגן געווענדט צו אים, דעם יונגן מ״ר מייער, וואָס זיצט דאָ לעבן איר, אין דער טונקל, אַ שטול לעבן אַ שטול, נאָר אין דער אמתן איז ער, דאַכט זיך, דאָ גאָר נישטאָ. וואָס זאָל דאָס מיינען? ער האָט זי אָנגעשטעקט מיט זײַן אומרו, מיט זיין גאַרענדיק ציען זיך צו איר. אָט זיצט זי אַ גרייטע, לעכצט נאָך זײַן

באַריר, נאָך דער וואַרעמקייט פֿון זײַן אָטעם. ווו איז ער? פֿאַר וואָס שרעקט אים איר נאָענטקייט?

אויך אויפֿן וועג צוריק איז ער געזעסן ווי ער וואָלט אין קאַר גאָרנישט געווען.

ערשט אויף דער וועראַנדע, לעבן דער טיר, אין דער אײַנגעשלאָפֿענער שטילקייט פֿון דער גאַס, האָט ער אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט:

— אַ גוטע נאַכט.

זי האָט אים געגעבן די האַנט און דאָך אים געפֿרעגט:

— ווײַל ער נישט אַרײַנגיין טרינקען מיט איר אַ טעפּעלע קאַווע?

דורך דער נאַכטיקער טונקלקייט האָט אַרויסגעבלייכט די בלאַסקייט פֿון זײַן געזיכט. ער האָט גאָרנישט געקוקט צו איר, נאָר ווי גערעדט צו עמעצן אַנדערש, איבער איר קאָפּ אַריבער:

— נישט איצט, נישט הײַנט, אפֿשר אַ צווייטן מאָל.

אַ שטילער איז ער אַראָפּ די טרעפּ פֿון איר וועראַנדע, אײַנגעזעסן אין קאַר און איז אוועקגעפֿאָרן. די רויטע סיגנאַללעמפּלעך, בײַ די הינטערשטע רעדער, האָבן נאָך אַ ווײַל צו איר געבלינצלט, זיך איבערגעוווּנקען, אָבער אויך זיי זענען איר פֿאַרשוווּנדן פֿון די אויגן.

קאַפּיטל נײַנצן

טאָמער האָט היטלער מיט זײַנע דײַטשן נישט געהאַט קיין אויסרייד פֿאַר זייער פּאָגראָמירן יידן, האָבן זיי איצט, אין שפּעטן הארבסט פֿון נײַנצן אכט און דרײַסיק, אַזאַ אויסרייד געקראָגן. הערשל גרינשפּאַן, אַ יידיש יינגל, געבוירן אין פּוילן, געקומען ווי אַ קינד מיט זײַנע עלטערן קיין דײַטשלאַנד, ארומוואַלגערנדיק זיך אין פּאַריז אַן ארויסגעטריבענער און געפּײַניקטער פֿון די נאַצים, האָט אויס נקמה צו דײַטשן דערשאָסן אַ יונגן נאַצי־אַטאַשע, פֿאָן ראַטה.

זענען שוין וואָכן אריבער און די פּאָגראָמען אויף יידן אין דײַטשלאַנד הערן נישט אויף. יידישע שולן און סינאַגאָגעס ברענען טאָג און נאַכט און קיינער וואָגט נישט אײַנצולעשן די פֿײַערן. יידישע געשעפֿטן ווערן צעראַבירט אין מיטן העלן טאָג, יידן ווערן געשלאָגן און נעפּײַניקט אין די גאַסן, אין זייערע היימען און קיינער נעמט זיך פֿאַר זיי נישט אָן. מ'וואַרפֿט זיי פֿון לויפֿנדיקע באַנען, פֿיל פֿון זיי באַגייען זעלבסטמאָרד. צו דעם נאָך איז אויף דער יידישער געמיינדע ארויפֿגעלייגט געוואָרן אַ שטראָף פֿון פֿיר הונדערט מיליאָן דאָלער אין גאָלד און דאָס מוז צוגעשטעלט ווערן דער היטלער־רע־גירונג אין לויף פֿון טעג און, ווי אַ צולאָג צו דעם אַלעמען, זענען נאָך אַלע יידן, אָפּשטאַמיקע פֿון פּוילן, ארויסגעטריבן געוואָרן פֿון דײַטשלאַנד.

פֿאַר דעם וואָס זי, די דאָקטאָרין, האָט זיך געשראָקן, איז דאָך געשען! וואָכן שוין ווי די בריוו פֿון איר היים אין ברעסלאַו זענען געווען דערדריקנ־דיק, פֿול מיט וויסטע פֿאָרויסזאָגונגען. „חנהלע, האָט איר די מוטער גע־שריבן אין איר יידיש מיט די גרויסע, צעפֿאָרענע אותיות, „זאָלסט וויסן זיין, אַז שוין לאַנג ווי מיר זיצן אויף די פּעקלעך". און דער פֿאָטער, אויף זיין פֿאַריידישטן דײַטש, האָט נאָך צוגעשריבן: „די נאַציאָנאַל־זאָצ אַליסטן, די שטרעבען אַלע פּאָלנישע יודען אוס דויטשלאַנד נאָך אָסטען הערואוס צו שיקען"!

וואָכן לאַנג האָט זי זיך אויף דעם געריכט און דאָך, ווען עס איז געשען, האָט עס זי געטראָפֿן אין גאַנצן נישט צוגעגרייט. ווען זי האָט די וויסטע נײַעס דערזען אין ריזיקן שריפֿט אויף דער פֿראָנטזייט פֿון צײַטונג, האָט זי

אַ רעפּיודזשי אין ניי־ענגלאַנד

צוזאַמענגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין: זבאַנשין, אויך אירע עלטערן וואַלגערן זיך איצט, אין די שנייען און קעלטן אין זבאַנשין. זי איז אַוועקגעפֿאַלן מיטן קאָפּ אויפֿן ביוראָטיש: אוים! נישטאָ מער נאָך וואָס צו לעבן!

אין דער פֿרי אָבער האָט זי ווידער געמוזט אויפֿשטיין, זיין גרייט אויף ס'ניי צו פֿאָרן אין האָספּיטאַל אויף אירע טעגלעכע וויזיטן צו די קראַנקע און, ווי יעדן טאָג פֿריִער, איז אויך הײַנט ד"ר דזשייסאָן צוגעפֿאָרן אין זײַן בלויער מאַשין צו איר וועראַנדע. דער איינציקער אונטערשיד: די באַגריסונגען צווישן זיי זענען אין יענעם פֿרימאָרגן נישט געווען ווי אַלע טאָג.

ווי זי, האָט אויך ד"ר דזשייסאָן שוין געהאַט געזען די אויפֿשווידערנדיקע נײַעס און, ווי זי אים, אַזוי האָט אויך ער זיך געשעמט צו קוקן איר אין די אויגן.

צוליב די גרויליקע געשעענישן אין דײַטשלאַנד זענען אין יענע טעג, אין פֿיל שטעט פֿון אַמעריקע, פֿאָרגעקומען גרויסע פּראָטעסט־מיטינגען אויך אין קריסטלעכע קירכן ווי אין יידישע שולן און סינאַגאָגעס. קאַטוילישע פּריסטער, פּראָטעסטאַנטישע רעווערענדן האָבן צוזאַמען מיט זייערע קאָלעגן, די יידישע ראַבײַס, געדונערט קעגן היטלעריזם, געמיינזאַם געשיקט זייער צאָרנדיקן פּראָטעסט קעגן די דײַטשן מיט זייערע נאַצים. ווי די יידישע אײַנוווינער, אַזוי האָבן אויך די קריסטלעכע צוהערער געוואָרפֿן זייערע זילבערנע קוואָטערס און האַלבע דאָלאַרס אין די צעשטעלטע טעלער, הילף פֿאַר די געליטענע יידן אין דײַטשלאַנד.

די אײַנוווינער אין היי־היל וואָלטן געווים נישט אָפּגעשטאַנען פֿון זייער גלײַכן אין אַנדערע אַמעריקאַנער שטעט. איז אָבער די יידישע קאָמיוניטי דאָ אַ קליינע און קיין ראַבײַ, וואָס זאָל אַזאַ געמיינזאַמען פּראָטעסט־מיטינג צונויפֿרופֿן, איז דאָ נישטאָ, האָט זיך דעריבער דער דאָקטאָר דזשייסאָן אין יענעם טאָג עפּעס גאָרנישט גוט געפֿילט בײַם באַגעגענען זײַן קאָלעגין, די רעפּיודזשי־דאָקטאָרין. ער האָט מיטגעפֿילט איר צער, איר פֿאַרוויטיקטקייט, געוואָלט איר גרינגער מאַכן, אויסרעדן איר, האָט אָבער דאָס שולד געפֿיל, וואָס ער טראָגט לגבי איר, פֿון נאָך איידער זי איז דאָ אַהערגעקומען, געדריקט אויף אים, נישט געלאָזט אים רעדן מיט איר וועגן דעם. איז ער געזעסן בײַם ראָד אַן אײַנגעשוויגענער, געפּיפּקעט די פּײַקע און געטריבן די מאַשין אין ווילדן אימפּעט, עפּעס ווי ער וואָלט וועלן אַנטלויפֿן פֿון זיך אַליין.

שפּעטער, בײַם צוריקפֿאָרן פֿון האָספּיטאַל, האָט ער פּלוצים זיך פֿאַרקערעוועט מיטן מאַשין אויף אַן אַנדער וועג, אין אַן אַנדער געגנט אַרײַן. שטאָט אויפֿן ברייטן, געלבלעך גרויען בעטאָנוועג, איז ער אַרויף מיט דער קאַר אויף אַ שמאָלן שוואַרצן אַספֿאַלט וועגל, ערטערווײַז גריבערדיק, צעקרישלט שוין פֿון אַלטקייט.

ב. דעמבלין

א מאָל, איידער דער הויפּטוועג צווישן באָסטאָן און ניו־יאָרק איז אראָפּ־געפירט געוואָרן זײַטיקלעך, אויסצומײַדן די פיל שטעטלעך אויף זײַן לויף, איז דער דאָזיקער אויסבייג געווען א טייל פון יענעם שאָסיי, אַן ארטעריע, וואָס האָט נישט גערוט בײַ טאָג און בײַ נאַכט. איצט אָבער זענען די עט־לעכע מײַל וועג, קרומע און געשלענגלטע, געווען פוסט, פאַרלאָזן. אראָפּ־געפאַלענע בלעטער, פאַרראָסטעטע קאַלטע, פאַרטרוקנטע שוין, האָבן זיך גע־וואַלגערט אין מיטן וועג, שאַרכלענדיק זיך געוויקלט אונטער די גומירעדער. די לופט איז געווען א שאַרפע, פול מיטן זאַלץ, וואָס די ווינטן טראָגן אָן אהער פון נאָענטן ים־ברעג.

ס'איז דאָ געווען שטיל אויף דעם פאַרלאָזענעם וועג. די ביימער אין ביידע זײַטן, צוויי שורות טאָפּאָלן, הויכע, אַלטע, מיט צעוואַקסענע שטאַמען, זענען איצט, אין שפּעטן הארבסט, געשטאַנען ווי אײַנגעקורטשעט פון דער שאַרפעסנדיקער קעלט. זייערע צווײַגן, נאַקעטע שוין, שטעכיקע אין גרויען חלל, האָבן זיך ווי צוזאַמענגעדריקט, נישט צו פאַרנעמען צופיל שטח אין דער ברייט, נאָר בלײַבן דין און הויך, ווי די פלאַנצער זייערע, די אַמאָליקע ניי־ענגלענדער דאָ.

שוין נישט פון הײַנט ווי עס ציט אים, דעם ד"ר דזשייסאָן, פאָרנדיק מיט איר צוריק פון האָספּיטאַל, צו פאַרקירעווען דעם מאַשין פון דעם אויס־געפאָרענעם וועג, וואָס פירט זיי פון שטאָט און צוריק אין שטאָט. עטלעכע מאָל שוין ווי ער האָט געפּרוווט, נאָכן קומען צוריק פון האָספּיטאַל, ארײַנ־גיין מיט איר אין הויז, פאַרברענגען דאָרטן א צען פופצן מינוט מיט איר, אָבער יעדעס מאָל קומט פאָר דאָס זעלבע: זי בלײַבט שטיין אין דער גע־עפנטער טיר מיטן חנעוודיקן שמייכעלע צו אים:

— פליז, דאָקטאָר, נישט הײַנט, איר קאַבינעט איז אַזוי נישט פּרע־זענטאַבל! . . .

איז ער דאָס איצט פאַרפאָרן אהער, אויף דעם אַלטן, פאַרלאָזענעם וועג. געוואָלט אייגנטלעך האָט ער אַלע מאָל קומען אהער נישט בײַ טאָג, ווי איצט. אין די אָוונטן פאַרשלונגען פון דער נאַכט, שטייען דאָ אין ביידע זײַטן וועג אויסגעלאָשענע מאַשינען ,וואָס אין יעדער פון זיי, זיצן פאָרלעך צונויפ־געהאָפטענע אין זיס פאַרשיכּורנדיקער פאַרגעסנקייט. איז אָבער א דאָקטאָר, מיט אַזא פּראַקטיק ווי זײַנע, נישט קיין פרײַער מענטש, וואָס קען טאָן מיט זײַנע אָוונטן וואָס ער וויל.

זיכער האָט ער געוווּסט אַז איצט, צען א זיינער אין דער פרי, איז נישט די צײַט זיך צו פאַרנעמען אויפן „ליבעסוועג". נישט זי און נישט ער זענען נישט אין קיין שטימונג פאַר ליבע, דערצו נאָך הײַנט, נאָך דער גרויליקער נײַעס אין צײַטונג. און דאָס איז אים גאָרנישט געלעגן איצט אין זינען.

זיין פֿאַרקערעוועז אויף דעם וועג איז בלויז געווען צו קענען זיין מיט איר אין איינזאַמער שטילקייט, אויסצורעדן איר דעם צער, די שרעק און זאָרג איבער אירע עלטערן און נאָענטע אין דייטשלאַנד. אָבער, נישט ווייניקער ווי איר, האָט ער אויך געוואָלט מיט די רייד פֿאַרטרייבן דאָס אייגענע שולד געפֿיל צו איר, אַ שולדגעפֿיל, וואָס דריקט אים אַלץ שווערער און שווערער.

ער האָט אָפּגעשטעלט די קאַר לעבן אַ בוים. זי האָט געקוקט אויף אים מיט שטוינונג אין אירע אויגן:

— וווּ זענען מיר?

— זי זעט דאָך, אויף אַ וועג, האָט ער זיך באַמיט צו שמייכלען.

— דאָס זעט זי, עס איז דאָך אָבער אַ פֿרעמדער וועג, אַן אומבאַקאַנטער.

— יעס, האָט ער נאָך אַלץ געפּרוווט שמייכלען, — פֿרעמד פֿאַר איר, נישט פֿאַר אים.

— אָבער צו וואָס דאָס שטיין דאָ? האָט זי אים שאַרף אָפּגעפֿאָרשט.

ער האָט אַרויסגענומען דאָס ליולקעלע, אַן אויסגעלאָשנס, פֿון צווישן די ציין, עס פֿאַררוקט אין ברוסטן־קעשענקעלע פֿון רעקל און, ערנסט שוין, גענומען האַמעווען איר דערשראָקנקייט:

— עס וועט איר גוט טאָן. אין דער שטילקייט דאָ, וועט זי באַרויִקן אירע נערוון.

— יעס, דאָס איז ריכטיק, האָט זי טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. — אירע נערוון זענען צעשמעטערט. זי האָט געשוויגן אַ ווייל, אַ פֿאַרזונקענע אין געדאַנקען, באַלד האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים:

— קען ער דאָס איר דערקלערן? שוין שיינע עטלעכע חדשים אַז זי איז אין היי־היל, שוין איבער דריי יאָר, אַז זי איז אַוועק פֿון דייטשלאַנד און זי גלייבט זיך נאָך אַלץ נישט, אַז זי איז טאַקע אויף דער זייט אַטלאַנטיק, ווייט פֿון היטלערן, ווייט פֿון זיין געסטאַפּאָ, פֿון זיינע שטורעם־טרופּערס!

זי איז ווידער שטיל געבליבן. דאָס געפֿיל פֿון די אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער, געטריבענע און געיאָגטע פֿון ווינט מיט אַזאַ געסווישטש און געפּייף, האָט זי דערמאָנט אָן דעם געסווישטש און געפּייף פֿון די בייטשן אין די הענט פֿון די נאַצי־יונגען אין ברעסלאַו, אין היידלבערג, אין בערלין. זי האָט אָפּגעזיפֿצט:

— וווּ זענען איצט אירע עלטערן? איר ברודער? איר קליין שוועסטערל?

ד"ר דזשייסאָן איז געזעסן מיט דער פּלייצע צו דער שויב פֿון דער קאַרטיר, דעם לינקן אָרעם — אָנגעשפּאַרט אויפֿן רעדל. שטום האָט ער געקוקט אויף איר. זי איז איצט געווען בלאַס. אירע אויגן, שטענדיק גליִיקע מיט דעם פֿייערל פֿון יוגנט, פֿון רייץ, זענען איצט געווען טריב,

פֿײַכט, פֿול מיט נישט אַרויסגעווײנטע טרערן. שטאַר האָבן די בליקן אירע געוואַנדערט איבער אים, אין אומגעזעענע ווײַטקייטן אַרײַן. אין אַ טרויעריק, מאָנאָטאָן קול, ווי נישט צו אים, האָט זי געפֿרעגט:

— האָט ער אַ מאָל געהערט פֿון זבאָנזשין? געוויס, ער האָט דאָך געזען דעם נאָמען אין צײַטונג. אָבער ווייסט ער וואָס זבאָנזשין מיינט? זי ווייסט דאָס, אָ, ווי זי ווייסט דאָס! קען ער זיך דאָס פֿאָרשטעלן? קען ער באַנעמען דאָס פֿאַרברעך? די זעלבע ייִדן, וואָס דײַטשלאַנד האָט אין ערשטן וועלטקריג פֿאַרנאַרט און פֿאַרשלעפּט פֿון זייערע היימען אין פּוילן, צו אַרבעטן פֿאַר דער דײַטשישער אינדוסטריע אין זייערע אײַזן־און קוילן־מינען, די זעלבע ייִדן מיט זייערע פֿרויען און קינדער, געבוירענע און דערצויגענע שוין אין דײַטשלאַנד, האָבן איצט די נאַציס אַרויסגעטריבן, געצוווּנגען זיי צו פֿאַרלאָזן דאָס „פֿאָטערלאַנד", נאַקעטע, באַרויבטע פֿון אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָך אַזוי פֿיל יאָרן פֿון אַרבעט און מי זיך דערוואָרבן און געטריבן די דאָזיקע ייִדן מיט קליינע פּעקעלעך אויף זייערע פּלייצעס, צוריק קיין פּוילן! לאָזן אָבער די פּאָליאַקן צוריק די ייִדן נישט אַרײַן!

— קען ער זיך פֿאָרשטעלן דעם שווידער? באַוואָפֿנטע דײַטשישע זעלנער טרײַבן די שוצלאָזע ייִדן פֿון הינטן און באַוואָפֿנטע פּוילישע זעלנער טרײַבן די ייִדן צוריק פֿון פֿאָרנט. צוויי ווענט פֿון שטאָל און האַס און די אָנגעטריבענע ייִדן מיט די פּעקלעך אויף זייער פּלייצעס, מיט זייערע ווײַבער און וויינענדיקע קינדער אין די אָרעמס, שטייען אין מיטן, נישט אַהין און נישט אַהער! דאָס הייסט בײַ זיי אין קײנעמס לאַנד, אַ מיטן־פֿעלד, און אַ דאַך איבערן קאָפּ און דער ווינטער איז שוין דאָ מיט שנײַדיקע רעגנס, מיט פֿראָסטיקע ווינטן און אָט פֿאַלט אַ שניי!

— דאָס איז זבאָנזשין! קען ער דאָס באַנעמען? און אירע עלטערן זענען דאָרטן און איר ברודער און פֿערנציאָריק שוועסטערל זענען דאָרט. קען ער דאָס באַנעמען?

— יעס, האָט ער, נאָך לאַנגן שווײַגן געמורמלט מער צו זיך איידער צו איר: — יעס, ער שטעלט זיך דאָס פֿאָר. וואָס ער קען זיך אָבער נישט פֿאָרשטעלן איז, ווי מענטשן קענען זײַן אַזוי ברוטאַל, אַזוי גרויזאַם!

אין זײַן דאָזיקן זאָג האָט ד"ר דזשייסאָן אין זין געהאַט נישט בלויז די ברוטאַליטעטן פֿון די דײַטשן. די דײַטשישע גרויזאַמקייטן האָבן אים שאַרפֿער געמאַכט די אייגענע אוממענטשלעכקייט, וואָס ער אַליין און ד"ר קימבי מיט אים, זענען גרייט געווען צו באַגיין קעגן דער רעפּיודזשי־דאָקטאָרין, נאָך איידער זיי האָבן זי אַפֿילו געקענט. אָט דאָס איז אים לעצטנס אַזוי שווער געלעגן אויפֿן געוויסן, אים געפּלאָגט און, וואָס מער ער האָט געלייענט

אַ רעפּיודזשי אין ניו־ענגלאַנד

ווען די דײַטשישע בעסטיאַליטעטן איבער די ייִדן, אַלץ שולדיקער האָט ער זיך געפֿילט קעגן איר.

איצט ערשט, אין ליכט פֿון דעם וואָס עס געשעט אין דײַטשלאַנד, זעט ער ווי אוממענטשלעך דאָס איז געווען פֿון אים און ד״ר קימבי. ביידע, ווי נאָר זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז די ייִדישע קאָמיוניטי מאַכט פֿאָרבאַרייטונגען צו באַזעצן דאָ, אין היי־היל, אַ ייִדישע דאָקטאָרין, אַ רעפּיודזשי פֿון דײַטש־לאַנד, זענען זיי גלײַך אַרײַנגעפֿאַלן אין גרימצאָרן און שוין גענומען וועבן נעצן, אויפֿשטעלן ווענט דאָס נישט צו דערלאָזן. און פֿאַר וואָס? פֿעלן דען פּאַציענטן? דאָך האָבן זיי זיך געשטעלט קעגן דער יונגער פֿרוי, אַ געפּלאָגטע פֿון היטלערן! יאָ, זיך אַליין מעג ער זאָגן דעם אמת: זיי האָבן [illegible]
ער קען זיך נישט טרייסטן, וואָס דאָס אומרעכט האָט זיך זיי נישט אײַנגעגעבן. דאָס איז נישט זײַן און אויך נישט קימבים שולד. זיי זענען בלויז געווען צו שוואַך דאָס דורכצופֿירן קעגן דעם ייִדישן ווילן און אײַנפֿלוס, וואָס זיי האָבן בײַם גאָווערנאָר אין סטייט און בײַ די פּאָליטישנס אין קאַונטי.

אָט דאָס אײַנזען זײַנס, אַז די קעגנערשאַפֿט צו דער דאָקטאָרין איז נישט געווען צוליב מורא פֿאַר קאָנקורענץ, נאָר בלויז אויס אוממענטשלעכקייט, אָן אוממענטשלעכקייט, וואָס שטעלט אים אויף איין כּרעט מיט די היטלער־לײַט, אָט דאָס שולדגעפֿיל האָט אַזוי געגריזשעט זײַן געוויסן, געטריבט בײַ אים די רו און געטריבן אים צו טאָן פֿאַר דער דאָקטאָרין מער נאָך ווי ער טוט, צו העלפֿן איר זיך שטעלן אויף די פֿיס.

געוויס, קימבי איז גערעכט. אין גאַנצן גלײַכגילטיק צו דעם מיידל איז ער נישט. דאָס איז אָבער נישט דער מאָטיוו פֿון זײַן גוטקייט צו איר. די נישט־גלײַכגילטיקייט איז דאָך ערשט אָנגעשטאַנען אין אים שפּעטער, ווען ער האָט זי שוין געקענט און אָנגעהויבן העלפֿן איר האָט ער ווי נאָר זי איז אַהער אָנגעקומען. אַפֿילו דאָס קריגן פֿאַר איר דעם „רײַט־אָפּ" אין „סטאַר־הערלאַלד", איז אויך געווען בלויז צו פֿאַרגיטיקן איר פֿאַר דעם שלעכטס, וואָס ער האָט געוואָלט איר טאָן, נאָך איידער ער האָט זי אַפֿילו געקענט...

ער האָט פֿאַררייכערט דאָס ליולקעלע. צווישן איין צי און דעם צווייטן האָט ער געפֿרעגט, מער זיך איידער זי:

— פֿאַרוואָס זאָל דער מענטש זײַן אַזוי ברוטאַל, אַזוי גרויזאַם!

— יעס, האָט זי טרויעריק אָפּגעזיפֿצט, — דער מענטש איז גרויזאַם און דאָך!

— דאָך וואָס? האָט ער גיך איבערגעריסן איר מעדיטירן.

ב. דעמבלין

— דאָך קען דער מענטש זײַן גוט, אויב נאָר מען העצט אים נישט אויף.

— יעס, דאָס איז ריכטיק, האָט ער געברומט צו זיך אַליין און דערבײַ געקוקט אויף די קרײַזעלעך רויך, בלוילעך גרויע, וואָס ציִען זיך פֿון ליולקע־לע אַרויף, אַרויף. באַלד האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דער פֿאַרטראַכטקייט און זיך געווענדט צו איר:

— וואָס ער קען נישט פֿאַרשטיין איז, וואָס זי זאָגט דאָס! זי, אַ ייִדן, זאָגט אַזוינס נאָך דעם וואָס די דײַטשן און נישט נאָר די דײַטשן, האָבן אָפּגעטאָן צו אירע נאָענטע, צו איר פֿאָלק. ווי קען זי נאָך דעם אַלעמען גלייבן אין דער גוטסקייט פֿון מענטש?

זי האָט געשמייכלט, נישט צוליב פֿאַרגעבנדיקער גוטסקייט. גיכער איז דאָס געווען אַ שמייכל פֿון סאַרקאַזם, פֿון הילפֿלאָזער ביטערניש:

— געוויס, אים, אַ קריסט, אַן אַמעריקאַנער, איז דאָס שווער צו פֿאַרשטיין. זי אָבער, אַ געפּלאָגטע ייִדן, קען זיך נישט העלפֿן. זי מוז אַזוי טראַכטן. ווייסט ער? ווען ייִדן זאָלן אויפֿהערן גלייבן אין מין מענטש, דאַרפֿן זיי אַלע באַגיין זעלבסטמאָרד!

ער האָט צאַרט באַרירט איר האַנט. שטיל, פֿול מיט ליבשאַפֿט, אַנרופֿנ־דיק זי צום ערשטן מאָל ביי איר נאָמען, האָט ער ווי זיך געבעטן:

— העלענאַ, טײַערע, פֿאַרצווייפֿל נישט. וועסט זען, עס וועט נאָך זײַן גוט, מענטשן וועלן נאָך קענען לעבן ווי מענטשן דאַרפֿן לעבן.

קאַפּיטל צוואַנציק

די פּאַרויסזאָגער זענען דאָך געווען גערעכט. ביסלעכווײַז האָבן זיך צו דער דאָקטאָרין אָנגעהויבן אַרײַנוואַיזן פּאַציענטן. נישט אַזוי דורך דער באַשרײַבונג וועגן איר אין „סטאַר־העראַלד״, ווי דורך רעקאָמענדאַציעס פֿון ד״ר סמײַט, דער סופּעראינטענדענט אין האָספּיטאַל און מער נאָך דורך די קראַנקע אין שפּיטאָל, סײַ די וואָס זענען אונטער איר אויפֿזיכט און סײַ אויך פֿון אַנדערע אָפּטיילונגען. נאָכן פֿאַרלאָזן דעם האָספּיטאַל, זענען שוין די מענטשן געוואָרן אירע פּאַציענטן.

עס איז דאַן געווען די צײַט ווען די ווונדער־דראָגס האָבן אָנגעהויבן אַנטדעקט צו ווערן איינער נאָך איינעם. נאָך דעם אויפֿקומען פֿון פּעניסילין, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין דער וועלט פֿאַרהיט הונדערטער טויזנטער מענטשן פֿון שווערע קראַנקייטן און טויזנטער, טויזנטער פֿון אַ זיכערן טויט, איז די מעדיצינישע וועלט אויפֿגערודערט געוואָרן דורך דעם אָנזאָג אין דער אַנטדעקונג פֿון אַ נייעם ווונדערדראָג, סטרעפּטאָמיסין, און נישט לאַנג נאָך זיי איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז די מעדיצין וועט באַלד האָבן אַ דראָג, וואָס אין זײַן היילקראַפֿט וועט ער איבערשטײַגן אַלע פֿריערדיקע, מעדיצינישע אַנטדעקונגען. מיט אַט דעם דראָג, וואָס קאָרטיזאָן איז זײַן נאָמען, וועט מען קענען קורירן אומהיילבאַרע קראַנקייטן, וואָס איצט זענען די קרבנות פֿון זיי פֿאַראורטיילט צו אַ פּאַוואָליעדיק צאַנקען אין זייערע בעטן און צו אַ זיכערן אויסגיין ווי די ליכט.

אין יענער צײַט האָבן דאָקטוירים געדאַרפֿט, מער נאָך ווי געוויינלעך, זײַן וואַך, האַלטן אַן אויג אויף די אַנטדעקונגען, נאָכפֿאָלגן אויפֿמערקזאַם די מעדיצינישע זשורנאַלן, לייענען וועגן די אייגנשאַפֿטן פֿון די נײַע דראָגס, זיך דערוויסן אַלץ מער וועגן די לאַבאָראַטאָרישע פֿאָרשונגען און נישט ווייניקער וועגן די רעזולטאַטן נאָכן אָנווענדן די היילמיטלען, ווי גרויס איז דער פּראָצענט אויסגעהיילטע און ווי גרויס — די פּראָצענטן פֿון די דורכפֿאַלן.

נישט ד״ר דזשייסאָן און נישט ד״ר קימבי, ווי פֿיל אַנדערע טויזנטער דאָקטוירים, שטאַרק פֿאַרנומענע, האָבן נישט געקענט נאָכפֿאָלגן די ידיעות וועגן די אַלע דערפֿינדונגען. די מעדיצינישע זשורנאַלן, וואָס זיי אַבאָנירן

יאָר־יערלעך, זענען טאַקע אָנגעקומען רעגולער, אָבער פּונקט אַזוי רעגולער זענען זיי אַוועקגעלייגט געוואָרן אויף די פּאָליצעס פֿון די ביכערשענק, אויף די פֿײַנע טישעלעך אין די רײַך אויסגעשטאַטע אויפֿנעם־צימערן, ווו עס ליגן די זשורנאַלן „לײַף", „טײַם", „שבת־אָוונט־פּאָסט".

סײַ ד"ר דזשייסאָן, סײַ ד"ר קימבי, ווי טויזנטער אַנדערע דאָקטוירים, בײַם דערהאַלטן אַ מעדיניציניש זשורנאַל, בײַם בלעטערן אים, האָבן גאַנץ ווויל אײַנגעזען די וויכטיקייט פֿון פֿיל אַרטיקלען און באַריכטן וועגן די פֿאָרשונגען, וועגן די אָנווענדונגען און נישט ווייניקער וועגן די רעזולטאַטן פֿון אָנווענדן די נײַע דראָגס אויף קראַנקע. זיי האָבן ערנסט, אין זיכערן גלויבן, געמאַכט אַ צייכן מיט אַ רויטן בלײַער לעבן קעפּל פֿון אַזאַ אַרבעט, אַ סימן אַז עס איז דרינגנד נייטיק דאָס אַרטיקל איבערצולייענען. אָבער געלייענט די אַרבעטן האָבן פֿיל זייער זעלטן.

ווען האָבן די דאָקטוירים צײַט געהאַט צו לייענען אַזעלכע ערנסטע און געוואַלטיק וויכטיקע אַרטיקלען? אַז זיבן דרײַסיק אין דער פֿרי זיצט מען שוין אין די מאַשינען און מען אײַלט זיך אין האָספּיטאַל אַרײַן. נאָכן האָספּיטאַל, קוים באַוויזן אָפּצועסן פֿרישטיק, הייבן זיך גלײַך אָן פֿון צען ביז צוועלף אויפֿנעם שעהען. צוויי בײַ טאָג, נאָכן איבערכאַפּן אַ לײַכטן „לאָנטש", זיצט מען שוין ווידער אין קאַר און מען יאָגט זיך אַרום איבער אַ פּעריפֿעריע פֿון צוואַנציק דרײַסיק מײַל אויף היימוויזיטן צו יענע, וואָס זענען צו קראַנק צו קומען צום דאָקטאָר אין זײַן אָפּיס. פֿון פֿינף ביז זעקס דרײַסיק זענען די פֿאַרנאַכטיקע אויפֿנעם־שעהען. אַכט, האַלב נאָך אַכט אין אָוונט, נאָכן הויפּטמאָלצײַט, ווען ס'ווילט זיך פֿאַרברענגען אַ ביסל מיט דער פֿאַמיליע, פֿאָרן מיט דער פֿרוי זען אַ „מוווי", אָדער, ווינטער, זיך אַראָפּכאַפּן קיין באָסטאָן צו אַ קאָנצערט, זען אַ טעאַטער־פֿאָרשטעלונג, קלינגט דער טעלעפֿאָן: „דאָקטאָר, פּליז, אײַל־גיך! מר"ס סאָ און סאָ גייט צו קינד! אָדער מ"ר סמיט האָט געקראָגן אַ קאָפּ פֿון אַ פֿערד אין בויך"!

זי אָבער, די דאָקטאָרין העלענאַ זײַדנער, ווייסט נאָך דערווײַל נישט פֿון דעם גאַנצן געיעג, פֿון די אַלע דרינגנדיקע אַרויסרופֿעניש. ערשטנס, איז זי נישט באַלאָדן נאָך מיט קיין גרויסער פּראַקטיק. די קליינע צאָל פּאַציענטן וואָס זי האָט, וואַרפֿן זי נישט אַרײַן אין קיין אײַלעניש, אין קיין נערוועזיטעט בײַם אויפֿנעמען זיי. זי קען געבן און זי גיט טאַקע יעדן פּאַציענט אַזוי פֿיל צײַט און אויפֿמערקזאַמקייט וויפֿל אים איז נייטיק. און צו קראַנקע אַהיים פֿאָרט זי אויך זעלטן, נאָר ווען מ'קומט נאָך איר, ווײַל קיין אייגענע מאַשין האָט זי נאָך דערווײַל נישט. צווייטנס, האָט זי נישט קיין פֿאַמיליע צו דאַרפֿן פֿאַרברענגען מיט זיי בײַם טיש, אָדער נאָכן מאָלצײַט, צו פֿאָרן מיט עמעצן זען אַ פֿילם, הערן אַ קאָנצערט, אָדער גיין אין אַ טעאַטער. און דאָס

וויכטיקסטע, זי איז אויף גוטע צען יאָר יִינגער פֿון יעדן פֿון אירע צוויי דאָקטאָר־קאָלעגן און דאָס מיינט אויך געניי אויף אַזוי פֿיל נענטער פֿון זיי צום שטודירקלאַס, קומט איר דעריבער אָן גרינגער דאָס לייענען, דאָס נאָכשטודירן די נײַע היילמעטאָדן, דאָס נאָכפֿאָלגן די נײַע אַנטדעקונגען.

גראָד ווײַל אַזוי באַטריבט איבער די גרוילִיקע געשעענישן אין איר היימלאַנד, היטלערס דײַטשיש רײַך, ווײַל אַזוי צעבראָכן און פֿאַרטרויערט איבערן גורל פֿון אירע עלטערן, פֿון איר יִינגערן ברודער און שוועסטערל, וואָס די נאַציס האָבן פֿאַרטריבן און זי ווייסט ניט וואָס מיט זיי איז געשען: זענען זיי, גאָט באַהיט, אומגעקומען? האָט זיי פּוילן צוריק אַרײַנגעלאָזט צו זיך אין לאַנד? גראָד ווײַל איר מוח האָט כּסדר געפֿיבערט מיט דעם זעלבן ציטער איבער דער היים, האָט זי, צו פֿאַרטרײַבן דעם נאָגנדיקן וואָרעם, נאָך מער געלייענט, זיך מער נאָך אַרײַנגעטאָן אין נאָכפֿאָלגן די אַנטוויקלונג אין דער מעדיצין און נישט נאָר האָט זי דאָס נייע וויסן אַליין ווײַל פֿאַרווענדט אין דער הייל פּראַקטיק, נאָר זי האָט געטיילט דאָס דערוואָרבענע וויסן מיט די קאָלעגן דזשייסאָן און קימבי ווי מיט די אַנדערע דאָקטוירים־קאָלעגן אין שפּיטאָל.

דאָס אַלץ האָט איר זייער פֿיל געהאָלפֿן אין אירע באַמיִונגען זיך צו עטאַבלירן אין דער שטאָט. אירע פּאַציענטקעס אין האָספּיטאַל האָבן געקוקט אויף איר נישט בלויז מיט פֿאַרערונג, נאָר אויך מיט גרויס ליבשאַפֿט. יעדן אינדערפֿרי, אכט אַ זייגער, ווען זי האָט אין ווײַסן כאַלאַט אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון „וואָרד", האָבן פּופּצן, זעכצן און, טייל מאָל, צוואָנציק קראַנקע פֿון די בעטן אַרויס, זי באַגעגנט מיט אַ פֿריידיקן „גוד מאָרנינג דאָקטאָר"! דערבײַ זענען זייערע בליקן איר נאָכגעגאַנגען מיט לויכטנדיקער ליבשאַפֿט, מיט אַ גליקזעליקייט, וואָס איז די בעסטע היילונג פֿאַר קראַנקע. אַז זי איז צוגעקומען צו אַ בעט און מיט איר וואַרעמער שטים, מיט איר באַרויִקנדיקן שמייכל געפֿרעגט:

— ווי פֿילט זיך מײַן טײַערע הײַנט? האָט די קראַנקע, דערלאַנגנדיק דער דאָקטאָרין די האַנט צו נעמען איר פּולס, זי אַ גלעט געטאָן און מיט ליבשאַפֿט געענטפֿערט:

— פֿײַן, דאָקטאָר, זי פֿילט זיך פֿײַן!

אָט די פֿרויען, ווען זיי זענען אַרויס פֿון שפּיטאָל, זענען זיי נישט נאָר אַליין געוואָרן אירע פּאַציענטינס, נאָר זיי האָבן אויך צו איר געבראַכט זייערע שכנים און קרובים, פֿרײַנד און באַקאַנטע:

— זי איז אַ ליבינקע, האָט איינע דער אַנדערער זי רעקאָמענדירט, — אַן אמתער מלאך! איר געדולד און גוטסקייט טוט מער פֿאַרן קראַנקן ווי אַלע מעדיצינען.

ב. דעמבלין

ד״ר דזשייסאָן איז געווים געווען זייער צופֿרידן מיט איר דערפֿאָלג. איין מאָל, אויף זייער וועג צוריק פֿון האָספּיטאַל, האָט ער אָפּגעלעגט אויף אַ רגע זײַן קאָפּ פֿון דער אויטאָשויב און געוואָרפֿן אַ בליק צו איר:

— נו, ד״ר זײַדנער, האָט ער בכּיוון איר געגעבן דעם גאַנצן טיטול אירן, — איז ער גערעכט געווען? געדענקט זי ווי ער האָט איר אַלע מאָל פֿאַרזיכערט, אַז זי וועט דאָ נישט פֿאַרלוירן ווערן. זאָגט ער איר איצט ווײַטער: זאָל זי נאָר נישט זאָרגן, זי וועט האָבן גענוג מענער־פּאַציענטן אויך! זי איז „עי דעמנד גוד דאָקטאָר״, אַלע זאָגן דאָס, בלויז איין זאַך...

זי האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר פֿרעגנדיקע אויגן:

— וואָס איז די איינע זאַך?

— ער האָפּט זי וועט אים פֿאַרשטיין, האָט ער ווידער אָפּגעווענדט דעם בליק פֿון דער אויטאָשויב און געקוקט צו איר שיער נישט מיט געבעט. שוין עטלעכע מאָל ווי ער האָט דאָס געוואָלט, אָבער יעדעס מאָל האָט ער זיך אויף ס׳נײַ צוריקגעהאַלטן פֿון זאָגן איר. ער האָט אָבער נישט געוואָלט דאָס זאָל קומען צו איר דורך קימבי:

— זאָל זי אים אַנטשולדיקן. ער וויל זייער נישט מישן זיך אין אירע ביזנעס. קימבי אָבער באַשטייט אויף דעם. זי פֿאַרשטייט דאָך אַליין: פֿריִער, אַז ס׳איז געקומען צו איר אַ מאָל אַ פּאַציענט און זי האָט בײַ אים גענומען בלויז צוויי דאָלער פֿאַרן וויזיט, האָט עס קיינעם נישט געאַרט. איצט אָבער איז עפּעס אַנדערש. פֿיל פּאַציענטן קומען שוין איצט צו איר, טייל פֿון זיי אויך זייערע, זײַנע און קימבי׳ס, איז שוין איצט דאָס רעכענען זיי בלויז צוויי דאָלער פֿאַר אַ וויזיט — „שלעכטע פּאָליסי״. זי ווייסט דאָך, אַלע דאָקטוירים אין געגנט, אויך ער און קימבי, רעכענען צו דרײַ דאָלער פֿאַר אַן אָפּיס־וויזיט און פֿינף דאָלער — בײַם פּאַציענט אין זײַן היים.

ער איז שטיל געבליבן, אַרויסגענומען דאָס ליולקעלע פֿון ברוסטן־קעשענקעלע, אַרײַנגעזעצט עס צווישן די ציין, מיט דער לינקער האַנט קאָנטראָלירט דאָס מאַשינרעדל און מיט דער רעכטער צוגעטראָגן דאָס פֿלעמל אין צינדמאַשינקעלע, פֿאַררייכערט, געפּיפּקעט און געצויגן דעם רויך, דער טיטון זאָל זיך גוט צעברענען און צווישן איין צי פֿון ליולקעלע און דעם צווייטן האָט ער ווײַטער געצויגן דעם געשפּרעך:

— העלען, פּליז, פֿאַרשטיי. ער האָט דאָ נישט אין זינען קיין קאָנקורענץ. עס איז בלויז „שלעכטע פּאָליסי״. עס האָט אַ שלעכטן „עפֿעקט״ אויף די מענטשן אין שטאָט, אין געגנט. ס׳איז דאָך אַ קליין אָרט. דאָ ווייסט איינער וואָס בײַם צווייטן טוט זיך. און זיי, קימבי און ער, זאָלן צוליב איר אויך שנײַדן דעם פּרײַז פֿון אַ וויזיט אויף צוויי דאָלער, וועט אויך נישט טויגן. ערשטנס, קענען זיי דאָס נישט טאָן צוליב די דאָקטוירים

אַרום. צוויטנס, מענטשן וועלן פרעגן, און מיט רעכט, פאַר וואָס האָבן זיי פריער נישט גערעכנט צו צוויי דאָלער פאַר אַ וויזיט? אַז די נײַע דאָקטאָרין נעמט בלויז צוויי דאָלער, קענען זיי שוין אויך?

— זאָל זי אים נישט שלעכט פאַרשטיין, האָט ער זיך ווי געבעטן בײַ איר, טוענדיק אַלע מאָל אַ בליק אין איר זײַט אַרײַן, — ער מיינט נישט בלויז זייערע, נאָר אויך אירע אינטערעסן. די עטיק פון דער פּראָפעסיע איז וויכטיק פאַר אַלעמען גלײַך און, צווישן זיך גערעדט, דענקט זי נישט, אַז אַ דאָקטאָר איז בארעכטיקט צו נעמען דרײַ דאָלער פאַר אַ וויזיט? זאָל זי נאָר באַטראַכטן וויפל יאָרן דער דאָקטאָר גיט אַוועק ביז ער קען שוין ענדלעך פּראַקטיצירן זײַן פּראָפעסיע. ערשט וויפל האָט זײַן שטודיום אָפּגעקאָסט אין געלט? הארט געלט? זאָל זי אים נישט שלעכט פאַרשטיין. ער איז נישט קיין געלטמענטש, אויך טאָם קימבי איז דאָס נישט. ווען זי זאָל אים פרעגן, אַרט עס אים אין גאַנצן נישט, וואָס געוויסע פּאַציענטן זײַנע גייען צו איר. ער האָט גענוג אָן זיי. עס גייט אים בלויז אין „עפּעקט", אין „פּאָליסי", זי פאַרשטייט?

די גאַנצע צײַט וואָס דער דאָקטאָר דזשייסאָן האָט אין איר אַרײַנגערעדט אַזוי אָפּנהאַרציק, האָט איין געדאַנק געעגבערט איר מוח: וואָלט אַזוינס מעגלעך געווען אין ניו־יאָרק? אין אַן אַנדער גרויסער שטאָט? ווער וואָלט דאָרטן געוווּסט וואָס זי טוט? און ווען מ'זאָל עס אַפילו יאָ וויסן, ווער וואָלט דאָרטן אײַנגעפאַלן זיך צו נעמען דאָס רעכט איר צו זאָגן אַזוי זאָל זי יאָ טאָן און אַזוי זאָל זי נישט טאָן? גאָט! ווי נישט פרײַ, ווי אָפּהענגיק פון אַנדערע עס איז דער מענטש אין דער קליינער שטאָט. פון איין זײַט די ייִדישע קאָמיוניטי: זיי צוליב מוז זי היטן איר יעדן שריט און טריט, אויב נישט אַלעמען צו געפעלן, איז, גאָט באַהיט, קיינעם נישט אויפצורייצן. און ווי ווידערווילִיק איר איז דאָס צופּאַסן זיך צו עמעצנס קאַפּריזן, מוז זי דאָס טאָן! פאַרשטייט זי דאָס, אַזוי איז דער מענטש, דערצו נאָך אין קליינעם שטעטל. ער האָט עפּעס געטאָן פאַר דיר, כאָטש געטאָן האָט ער עס פאַר דעם אייגענעם געוויסן, ביסטו דאָך צו אים פאַרקויפט. דײַן בלויז דאַנקבאַר זײַן אים איז נישט גענוג. מוזט טאָן ווי ער וויל, נאָכגיין יענעמס געשמאַק, זיך אָנטאָן ווי יענע, אויפהענגען דײַנע פאַרהאַנגען, ווי זיי הענגען זייערע און טאָמער רעדט זי מער אַ וואָרט צו מר"ס אַזוי און אַזוי, איז מר"ס די און די בייז און זי פילט זיך באַליידיקט און באַטראַכט דיך שוין ווי אַ פרײַנד צו איר שונא און, דעריבער שוין, אַ שונא צו איר.

פאַרשטייט זי דאָס אַלץ, אָבער אַז זי זאָל פּראָפעסיאָנעל, ווי אַ דאָקטאָר, אויך מוזן זיך צופּאַסן צו יענעם, אויף דעם האָט זי זיך נישט גערעכנט!

ב. רעמבלין

און דאָס ערגסטע דערביַי איז, וואָס זי קען גאָרנישט רעוואָלטירן קעגן דעם, נישט ווײַל זי איז אַ שרעקעוודיקע, נאָר ווײַל דאָס וואָלט געווען גראָב, אומ־דאַנקבאַר צו צוויי קאָלעגן, נאָך קריסטלעכע דערצו, וואָס אויסער קאָלע־גיאַלע גאַסטפֿרײַנדלעכקייט צו איר פֿון ביידע, טוט נאָך ד"ר דזשייסאָן פֿאַר איר, וואָס קיין אַנדערער וואָלט עס געוויס נישט געטאָן. צווייטנס, זיי זענען דאָך גערעכט אויך. ווי האָט זי מאָראַליש דאָס רעכט צו שאַפֿן פֿאַר זיך פֿאַרהעלטעניש, וואָס זאָלן אַנדערע ברענגען שאָדן, און נאָך אין מאַטע־ריעלן זינען, אַנדערע דאָקטוירים, דערצו נאָך זיי, דזשייסאָנען און קימבין. נאָר גערעכט צי נישט, דאָס געפֿיל פֿון נישט זײַן פֿרײַ, פֿון נישט קענען טאָן און האַנדלען ווי דײַן געוויסן דיקטירט דיר, דאָס איז אַ ביטער געפֿיל!

— געוויס פֿאַרשטייט זי דאָס, האָט זי מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל אים געגעבן גערעכט. — געוויס ווייסט זי, אַז אַ מענטש לעבט נישט אָפּגע־זונדערט, פֿאַר זיך אַליין, אַז ער מוז מיטזינגען אין כאָר מיט די מענטשן פֿון זײַן אַרום.

— „דאַטס איט"! דאָס איז עס! האָט ער פֿון גרויס צופֿרידנ־קייט איר געטאָן אַ גלעט איבער אַקסל, — די הויפּטזאַך, העלען, נאָר אַ גוטער ווילן.

די מאַשין איז געבליבן שטיין ביַי איר וועראַנדע. ער האָט אַרויסגע־נומען דאָס ליולקעלע, אַן אויסגעלאָשנס, פֿון צווישן די ציין. זי האָט גע־עפֿנט די טיר פֿון אויטאָ:

— גוד ביַי, דאָקטאָר, און פֿיל, פֿיל דאַנקען.

— גוד ביַי, העלען, האָט ער אַ פֿאָך געטאָן צו איר מיט דער האַנט.

— באַט פּליז נאָר נישט קיין בייזע געפֿילן. ער מיינט נישט בלויז זײַן און קימבים גוטס, ער האָט אויך אין זינען אירע אינטערעסן און, די הויפּט זאַך, דעם „עפֿעקט" אויף דער איינוווינערשאַפֿט.

— געוויס, געוויס, האָט זי אים באַרויִקט, זי פֿאַרשטייט דאָס און זי איז אים דאַנקבאַר פֿאַר זײַן אָפּנהאַרציק מיט איר. נאָך אַ מאָל, אַ דאַנק, דאָק־טאָר, און זי האָט פֿאַרמאַכט די טיר פֿון זײַן מאַשין.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

דעם צוזאָג צו ד"ר דזשייסאָן, נישט צו רעכענען ווינציקער פֿון דריי דאָלער פֿאַר אַ וויזיט, דעם צוזאָג האַלט זי. זי האָט אָבער גאָרנישט צוגע־זאָגט וועגן אָננעמען אַ פּאַציענט אומזיסט, און אַזעלכע זענען גראָד דאָ צווישן דער אָרעמער באַפֿעלקערונג אין שטעטל און אויך צווישן די נישט־פֿאַרמעגלעכע פֿאַרמער אַרום שטאָט.

דער באָדן אין יענעם טייל ניו־ענגלאַנד, נישט ווייַט פֿון אַטלאַנטישן ים־ברעג, איז אַ האַרטער און שטייניקער. צו דעם נאָך איז די פֿאַרם־באַפֿעלקע־רונג דאָרט אַן עלטערע, וואָס די יוגנט אירע פֿליסט כּסדר אָפּ צו די אינדוס־טריעלע צענטערס. און עלטערע מענטשן זענען אין ערגעץ נישט גענייגט איינצופֿירן נייע מעטאָדן. זעלטן וועלכער פֿון די פֿאַרמער אַרום זאָל זיך דאָרט באַנוצן מיט פֿאַרם־מאַשינען, וואָס די פֿאַרמער אין מיטל־מערב, אָדער אין די ווייַטע מערב־שטאַטן, באַנוצן זיך שוין לאַנג מיט זיי. דאָס זעלביקע איז דאָרט מיט דער מילך־פֿאַרמינג. גאָר ווייניק האָבן דאָרט גע־האַט אַ מאָדערנע מעלקמאַשין. אַפֿילו רייַכערע פֿאַרמערס, מיט דרייַסיק פֿערציק קי, מעלקן נאָך אַלץ זייערע בהמות די צוויי דרייַ מאָל אַ טאָג מיט די הענט.

זענען דאָרט פֿאַראַן פֿיל אָרעמע מענטשן, שטאָטלייט ווי פֿאַרמער. זייערע פּנימער און הענט זענען ברוין, געקאַרבט און איינגעטרוקנט פֿון ווינט, קעלט און זון. די אָרעמע מענטשן קומען צו איר לויט דער רעקאָמענדאַ־ציע פֿון ד"ר סמיט, דער סופּעראינטענדענט פֿון האָספּיטאַל.

אָ, ניין! זיי ווילן גאָרנישט אומזיסט. זיי זענען צו שטאָלץ — די ניו־ענגלענדער־יענקים — צו וועלן פֿון אַ דאָקטאָר זייַן באַדינונג אומזיסט. אָבער באַצאָלן דרייַ דאָלער פֿאַר אַ וויזיט, דאָס קענען פֿיל פֿון זיי נישט באַהויפּטן.

זי, די רעפּיודזשי־דאָקטאָרין, ווערט אָפֿט גערירט ביז טרערן, ווען אַן אַלט פֿאַרמער פֿאַרפֿאָלק פֿאָרט צו צו איר וועראַנדע אין אַ וועגעלע געשפּאַנט צו אַ פֿערד און די אַלטע פֿאַרמערקע רופֿט זי אַוועק אין אַ זייַט און, אַזוי שעמעוודיק פֿאַרלוירן, קוקט זי אויף איר מיט די אַלטע, פֿאַרטרערטע אויגן:

ב. דעמבלין

— איז עס אַלרייט אויב זי וועט באַצאָלן פֿאַרן וויזיט מיט אַ דער הונט? זי איז אַ גרויסע הונט, אַ פּעטע, זאָל זי אַ טאָפּ טאָן?

— געוויס איז עס אַלרייט. באַרויִקט זי די אַלטע מיט אַ גלעט אויפֿן אַקסל, — עס וועט זײַן אַלרייט אָן דער הונט אויך.

— אָ, נאָ! שאָקלט זיך די פֿאַרמערקע אָפּ פֿון אַזאַ מעגלעכקייט. — ניו־ענגלענדער יענקים דערוואַרטן נישט עפּעס פֿאַר גאָרנישט. זאָל זי זאָגן, די דאָקטאָרין, אויב די איינע הונט איז נישט גענוג, וועט זי איר ברענגען נאָך איינע, אָבער זאָל זי נאָר אַ טאָפּ טאָן די הונט.

די הונט, אַ געבונדענע אין קויבער, אַ ברוינע מיט רויטלעכע פֿעדערן אַרום העלדזל, אַרום די פֿליגל, דאָס עוף האָט, ווײַזט אויס, פֿײַנט געהאַט מען זאָל זי טאַפּן. וואָך, מיט די צוויי קרעלאויגן פֿול מיט פֿאַרדאַכט, האָט זי געדרייט דאָס קעפּל מיטן פֿײַערדיקן קאַם אין אַלע זײַטן:

— קאָ, קאָ, קאָ, האָט זי זיך געבייזערט און געדראָט מיטן שאַרפֿן שנאָבל אַ פּיק צו טאָן דער דאָקטאָרין אין איר ווײַס צאַרטן הענטל, אויב נאָר זי וועט וואַגן צו קריכן דערמיט ווו מען דאַרף נישט.

זענען שוין איצט יעדן טאָג, אין די אָפּיס־שעהען, געזעסן פּאַציענטן אין איר וואַרטצימער. שטילע, מיט גרויס פֿאַרערונג אין זייערע אויגן, האָבן זיי נאָכגעפֿאָלגט די טריט פֿון דער דאָקטאָרין, יעדעס מאָל וואָס די טיר האָט זיך געעפֿנט און איר קאָפּ מיטן קאָקס טונקל שאַטינע האָר האָט זיך אַ ווײַז געטאָן אין דער עפֿענונג אַרײַנצורופֿן וועמען פֿון די וואַרטנדיקע מענטשן.

און געוואַרט האָבן שוין איצט די פּאַציענטן אין אַ וואַרטצימער מיט נײַ, שיין מעבל. ווען לעם מייער האָט איר אויפֿגעוו זן, אַז זײַן דעפּאַרטמענט־סטאָר האָט אַ קרעדיט־סיסטעם און פֿיל מענטשן באַנוצן זיך דערמיט, אײַנ־צואָרדנען זייערע היימען אויף אָפּצאָל, איז זי אײַנגעגאַנגען צו לאָזן זיך אַרײַנשטעלן אַ נײַעם ביוראָטיש מיט אַ באַקוועמער שטול פֿאַר זיך און צוויי קלענערע פֿאַרן פּאַציענט און זײַן באַגלייטער. זי האָט אויך אַרײַנגעשטעלט אין אויפֿנעם־צימער דרײַ ברוין לאַקירטע, האָלצערנע קאַנאַפּקעס מיט אָרעם האַלטערס, מיט שטרוי געפֿלאָכטענע אָנלענווענטלעך און ז צפּלעצער און מיט זיי, פֿון זעלבן מין צוויי טישעלעך פֿאַר זשורנאַלן, פֿאַרן טעצעלע מיט די וויזיט־קאַרטלעך.

איצט, אַז פּאַציענטן האָבן אָנגעהויבן קומען, איז איר געוואָרן געראַמער אין טאַש און זי האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן פֿון אָפּצאָלן דעם דזשווינט די פֿינף הונדערט דאָלער, דער קאָמיוניטי — פֿאַר די זעקס חדשים רענט און אַנדערע אויסגאַבעס, וואָס זיי האָבן געהאַט בײַם דינגען און אײַנאָרדנען פֿאַר איר דאָס הויז. די צאָלונגען פֿאַר „מייער און מייער״ וועט זי לאָזן אויף לעצט.

אַ רעפּיודזשי אין נײַ־ענגלאַנד

זי האָט אָבער נישט געקענט לאָזן אויף לעצט די נייטיקייטן צו קענען ווי געהעריק באַדינען די פּאַציענטן. פון אַרײַנשטעלן זיך אַ פּלוּאָראָסקאָפּ, קען זי נאָך נישט טראַכטן. ווען אַפילו דאָס וואָלט איר יאָ מעגלעך געווען, וואָלט זי דאָס אויך נישט געוואַגט צו טאָן. נישט ד״ר דזשייסאָן און נישט ד״ר קימבי האָבן נאָך נישט אַזאַ דורכלויכטונג־מאַשין. וואָס וואָלטן זיי געטראַכט, ווען זי דערלויבט זיך אַזעלכעס פאַר זיי? זי האָט זיך אָבער יאָ געלאָזט אַרײַנשטעלן אַ ווײַס עמאַלירטן אונטערזוכונגס־טיש, אַ געבעטן, אַז איבערגעצויגענעם מיט שוואַרצן לעדערעט, מיט קליאַפּעס אויף אונטערצוהייבן און אַראָפּצולאָזן דעם פּאַציענטס קאָפּ, זײַנע קני און פיס. זי האָט אויך אַרײַנגעשטעלט אַ ווײַס עמאַלירט שענקל מיט שויבנווענט און טירלעך. אויף צו האַלטן הינטער גלאָז די פיל דאָקטאָרישע צוואַנגעלעך, שערעלעך, העמערלעך.

זי האָט אָבער נישט געוואַגט אַרויסצוּוואַרפן די אַלטע ביורקע מיט די שטולן און די סקריפּענדיקע דריי שטולן, וואָס די „סיסטערהוד־פּרעזידענטין" האָט איר דאָ אַרײַנגעשטעלט. דאָס וואָלט געמיינט מער נאָך אויפרייצן די מר״ס איכנבוים מיט אירע קאָמיטע־ווײַבער. די שטיקלעך, צוזאַמען מיט דער פּליושענער קאַנאַפּע און געבעטע שטולן, האָט זי פאַררוקט אין איינעם פון די שלאָפצימערן, וואָס סיי ווי נוצט זי עס נישט. ווי עפּעס מאַכט זיך, זאָל זי דאָס „מעבל" האָבן גרייט אויף אומצוקערן עס צו יענער, וואָס האָט עס אַזוי ברייטהאַרציק בײַגעטראָגן צו איר אײַנאָרדנען זיך אין הויי־היל.

די וויכטיקסטע אָבער פון די אַלע ענדערונגען, איז געווען איר באַפרייען זיך פון דער הויזאַרבעט, נישט ווײַל עס שטייט איר נישט אָן אַליין צו רוימען איר וווינונג. די לעצטע יאָרן, אין איר מי זיך צו דערשלאָגן צו דער מעדיצינישער פּראָפעסיע, דערהויפּט זינט די היטלער־לײַט האָבן זי געצוווּנגען צו אַנטלויפן אין מיטן שטודירן פון דײַטשלאַנד, איז איר אין פּאַריז אָפט גענוג אויסגעקומען צו טאָן די שוואַרצסטע. שמוציקסטע אַרבעטן, אַפילו ריוניקן פרעמדע טואַלעטן, צו פאַרדינען איר ברויט, דעם דאַך איבער איר קאָפּ.

איר איצט׳ק זוכן וואָס גיכער זיך צו באַפרײַען פון דער הויזאַרבעט איז געווען נישט בלויז ווייל עס איז איר געפאַלן שווער, נאָר דערהויפּט, ווײַל עס האָט איר געשטערט אין איר מעדיצינישער טעט׳קייט. ווי ווייניק זי האָט נישט געטאָן, האָט דאָך דאָס ריין־האַלטן אַ הויז פון זעקס גרויסע צימערן, אַלטע, לאַנג שוין נישט־געפּאַרבטע, אײַנגעשלונגען פיל פון איר צײַט און די גרעסטע טייל פון איר ענערגיע. און גראָד צײַט האָט זי לעצטנס געהאַט ווייניק, וואָס מער פּאַציענטן עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרײַנווייזן אין אָפיס און אויך יענע, צו וועמען זי האָט געמוזט קומען צו זיי אַהיים.

ב. דעמבלין

האָט זי דעריבער אַרײַנגענומען אַ מיידל, נאַנסי וויליאַמס, אַ יונגע נעגערין, אַפֿשר אַכצן, צוואַנציק יאָר אַלט, אַ הויכע, אַ דינע, אַזוי דין אַז ס'האָט אויסגעזען ווי אָט, אָט און זי ברעכט זיך איבער. די האָר אויף איר קאָפּ האָט זי געהאַט פֿאַרפֿלאָכטן אין פֿיל צעפּלעך, מיט קוואַדראַטנע שרונטלעך צווישן זיי, נאָר וויפֿל דאָס מיידל האָט די דראָטיק שטײַפֿע צעפּלעך געצווינגען, זיי זאָלן אײַנליגן, ווי לײַטישע צעפּלעך דאַרפֿן דאָס טאָן, האָבן זיי, די צעפּלעך, זיך דווקא געוויקלט און זיך געשטעלט דיבאָם אין מיטן קאָפּ. און ווײַל איר הויט איז געווען טיף שוואַרץ, ווי אָפּגעגלאַנצט מיט שוואַקס האָבן אירע גרויסע אויגנווײַסלען אויסגעזען נאָך גרעסער און די ווײַסע ציין — נאָך ווײַסער!

די דאָקטאָרין האָט צוגענומען בײַם מיידל דאָס צעטעלע, וואָס זי האָט מיטגעברענגט פֿון דער דינסטן־אַגענטור און, זיצנדיק אין ווײַסן דאָקטאָר־כאַלאַט אין דער באַקוועמער אויסבייגשטול הינטערן ביוראָטיש, האָט זי, מאַכנדיק זיך עם לייענען, זײַטיקלעך אָבסערווירט דאָס מיידל, ווי יענע, פֿון גרויס צעטומלעניש, פֿון איר שרעקעוודיקער נישט געוואַגטקייט, ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט אירע הענט, לאַנגע, שטעקלדיק־דינע: זאָל זי זיי האַלטן פֿאַרלייגט אויף איר שמאָל, דאַר הינטנדל? אָדער זאָל זי זיי לאָזן אַראָפּהענגען בײַ די זײַטן, איבער די באָקעס, וואָס זענען גאָרנישט קיין מיידלשע באָקעס, נאָר ווי בײַ אַ הויך איבערגעוואַקסן יִנגל.

אַרויסצונעמען דאָס מיידל פֿון איר שעמעוודיקער געפֿאַלנקייט, האָט די דאָקטאָרין מער געזאָגט ווי געפֿרעגט:

— אַזוי, דײַן נאָמען איז נאַנסי?

— יעס מעם, נאַנסי וויליאַמס, האָט דאָס מיידל געזאָגט שטיל, נישט דרייסט, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן פֿאַר איר אייגן קול.

— און וואָס קען נאַנסי וויליאַמס?

— וואָס נאָר די „מעם" וועט זי הייסן טאָן. רוימען ס'הויז, וואַשן וועש, קאָכן, אַלץ!

דורך אָט דער נאַנסי וויליאַמס האָט זיך די דאָקטאָרין דערוווּסט, אַז ווי געוויסע טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג דאָ און אויך טייל פֿאַרמער אַרום זענען אָרעם, איז אָבער זייער אָרעמקייט גאָרנישט קיין פֿאַרגלײַך מיט דער הילפֿלאָזער אָרעמקייט צווישן די נעגערישע פֿאַמיליעס. נישט נאָר קען זיך אַ נעגער־פֿאַמיליע נישט דערלויבן קיין דרײַ דאָלער פֿאַר אַ וויזיט, נאָר זיי וואָלטן גאָרנישט געוואַגט גיין צו אַ ווײַסן דאָקטאָר, ווען אַפֿילו זיי זאָלן די דרײַ דאָלער יאָ שוין האָבן!

עס קען זיין, אַז נישט דזשייסאָן און נישט קימבי, וואָלטן נישט געהאַט קיין האַרץ אָפּצוזאָגן אַ נעגער־פּאַציענט זייער באַדינונג. זיי וואָלטן אָבער

זיכער מער ווי איין מאָל איבערגעטראַכט, צי זיי קענען זיך דערלויבן אַרײַנצולאָזן דעם נעגער־פּאַציענט צו זיך אין קאַבינעט, אַז עמעץ פון די שכנים זאָלן דאָס זען. די ניו־ענגלענדער־יענקים זענען טאַקע פרומע, גאָטספאָרכטיקע לײַט, זייערע עלטערן האָבן געקעמפּט אין לינקאָלנס אַרמיי אָפּצושאַפן שקלאַפערײַ אין אַמעריקע, זיי זענען אָבער נישט גרייט צו מאַכן די נעגערס פאַר גלײַכע מיט זיך. אַזאַ ניו־ענגלענדער, ווען ער זאָל אַרײַנקומען צו אַ דאָקטאָר און דאָרטן טרעפן אַ שוואַרצן פּאַציענט, וואָלט ער גלײַך פאַרלאָזט דעם דאָקטאָרס אָפיס און נישט ער און נישט זײַנע ווײַסע פרײַנד, וואָלטן שוין מער דעם דאָקטאָרס שוועל נישט איבערגעטראָטן.

זי אַליין, די דאָקטאָרין העלענאַ זײַדנער, איז טאַקע גאָר גיך געשטעלט געוואָרן פאַר אַזאַ פּײַנלעכער פּראָבע.

וואָכן זענען אַוועק און די נאַנסי וויליאַמס האָט נישט געלאָזט הערן איר קול. זי האָט זיך געשאַרט אַרום די ווענט ווי אַ שאָטן. די „מעם" האָט זי קיין מאָל נישט געזען טאָן אירע אַרבעטן. אַזוי אויך האָט נישט געטראָפן זי זאָל זיך אַרײַנווײַזן אין וואַרטצימער ווען פּאַציענטן זיצן דאָרט. און דאָך האָט דאָס דינגע, שוואַרצע מיידל אַלץ געהערט און אַלץ געזען. מיט אויסטערלישן נײַגיר האָט זי אויפגעכאַפּט אָפּגעריסענע ווערטער וועגן דער דאָקטאָרין. זי האָט געזען ווי די מענטשן פאַרערן זי, קוקן אויף איר מיט אויגן פול מיט ליבשאַפט, רופן זי „עינדזשל". זי אַליין, נאַנסי וויליאַמס, האָט אויך אַזוי געטראַכט. זי איז טאַקע אַן „עינדזשל". וועלכע ווײַסע פרוי אין ניו־ענגלאַנד, דערצו נאָך אַ דאָקטאָרין, וואָלט באַשטאַנען דערויף, נישט אַנדערש נאָר זי, נאַנסי וויליאַמס, אַ נעגער, שוואַרץ ווי דער טײַוול, זאָל עסן מיט איר בײַ איין טיש: זי, נאַנסי, האָט דאָס טאַקע נישט געוואָלט:

— נאָ מעם! האָט זי געוויגט איר קאָפּ אין דער ברייט. — נעגער עסן נישט צוזאַמען מיט ווײַסע!

זיצן מיט דער ווײַסער „מעם" און עסן צוזאַמען מיט איר בײַ איין טיש, דאָס האָט זי, נאַנסי וויליאַמס, זיך טאַקע נישט אונטערגעשטעלט, אָבער בעטן בײַ איר עפּעס, האָט זי יאָ געוואָלט. בײַ אַן „עינדזשל" מעג אַן אָרעם נעגער־מיידל עפּעס פאַרלאַנגען.

האָט זי איין מאָל, אין מיטן סערווירן דער „מעם" לאָנטש, זיך אונטערגעשטעלט און אַזוי שטיל, מיט אַזאַ געבראָכן קול זי געפרעגט:

— וואָלט נישט די „מעם" געוועזן אַזוי גוט און איר דערלויבט אַהערצוברענגען אַ ברודערל אירס אויף אַן אונטערזוכונג? ער איז אַזוי קראַנק, שרעקלעך קראַנק. זי וואָלט אים געברענגט אין אָוונט. זי וועט זיך היטן קיינער זאָל דאָס ניט זען. נאָ „מעם", קיין לעבעדיקער מענטש וועט זי ניט

ב. דעמבלין

זען! האָט זי געוויגט דעם קאָפּ מיט די שטייענדיקע צעפּעלעך אין דער בריט און די דערשראָקענע אויגנאַפּלען אין די גרויסע, בלאַנקע, אויגן־ווײַסלען האָבן תּמימותדיק געבעטן: — פּליז, דאָקטאָר, ער איז אַזוי קראַנק.

פֿון גרויס רחמנות האָט זיך ביי דער דאָקטאָרין פֿאַרהאַקט דער אָטעם. אַ קלומפּ מיט טרערן איז איר אַנגעלאָפֿן אין קעל. זי האָט אָפּגערוקט דאָס טעפּעלע קאַווע. גאָט! ווי דערשלאָגן, ווי אָרעם די מענטשן זענען! קיין אייגענעם נעגער־דאָקטאָר האָבן זיי דאָ נישט און צו קיין ווײַסן וואַגן זיי נישט צו גיין!

— ווי אַלט איז דײַן קליין בדודערל? האָט די דאָקטאָרין מיט געצוווּנגע־נער רויִקייט אין קול זי געפּרעגט.

— אָ, ער מוז זיין אַכט און אפשר צען יאָר אַלט. זי איז נישט זיכער, אָבער ער איז קליין און גרינג ווי אַ בייבי. זי טראָגט אים אָפּט אַרום אין אירע אָרעמס. ער איז אַזאַ גוט קינד. ער וויינט קיין מאָל נישט. אַז מ׳גיט אים אַ צוקערל, נעמט ער און לייגט אַוועק זײַן קאָפּ. אָ, זי האָט פֿאַרגעסן צו זאָגן. ער האָט אַ גרויסן קאָפּ, זייער אַ גרויסן!

— אָלרײַט, נאַנסי, האָט די דאָקטאָרין זי באַרויִקט. — דו וועסט נישט דאַרפֿן אים ברענגען אַהער. עס וועט זיין פֿאַר דיר צו שווער צו טראָגן אַ יינגל פֿון צען יאָר אַזוי ווײַט. זי וועט מיטגיין אַהיים צו זיי אים זען.

זי האָט גוט געוווּסט, די דאָקטאָרין, אַז איר וועלן מיטגיין צו דעם קינד אַהיים, איז נישט צוליב גוטסקייט, אײַנצושפּאָרן דער דאַר אויסגעטרוקנטער נאַנסי דאָס טראָגן אַהער אַן אַכט־נײַן־יעריק יינגל אַזש פֿון יענער זײַט באַנ־ליניעס, ווו די נעגערישע באַטקעס, האַלב־אײַנגעפּאַלענע, געפֿינען זיך, נאָר אַז דאָס איז, זיך אַליין אַרויסצונעמען פֿון דער פֿאַרלעגנהייט. פֿון דאַרפֿן אויפֿנעמען ביי זיך אין אָפּיס אַ שוואַרץ קינד, כאָטש געטאָן וואָלט זי דאָס מיטן גאַנצן האַרץ, ווען זי וואָלט זיך נאָר נישט געשראָקן אַז זי קען מיט דעם אויפֿרייצן די צוויי דאָקטוירים־קאָלעגן אין שטעטל און אויך אפשר פֿאַרטרייבן ווײַסע פּאַציענטן, עפּעס וואָס וואָלט געמיינט פֿאַר איר רוין, נאָך איידער זי שטעלט זיך דאָ אויף די פֿיס.

דער וויזיט אין נאַנסיס היים איז בלויז געווען איר ערשטער דאָרט. ביי דער נעגער־באַפּעלקערונג, אין זייערע האָלצערנע באַטקעס, האַלב געזונקענע, מיט צעבראָכענע ד לן, מיט סקריפּענדיקע, נאָכהענגענדיקע טירן און קינדער — כמאַרעס גאַנצע! האַלב נאַקעטע, פֿיל פֿון זיי ראַכיטישע, מיט גרויסע קעפּ און שטעקלדיק דינע אָרעמס און ליטקעס, וואַלגערן זיך די קינדער אויף דער שטויב קער ערד, אין די קיין מאָל נישט אויסגעטרוקנטע בלאָט־קעס, אין שטייענדיקע וואַסערן, גרין־שלײַמיקע, מיט פֿאַרצווייגענע הויטן, ווו אַלערליי אינסעקטן האָווען און הויערן איבער דער אויבערפֿלאַך און

אַ רעפּיודזשי אין נײַ־ענגלאַנד

זשאַבעס קוואַקען דאָרטן פֿון די געדיכטע טיפֿענישן אַרויס. און צוזאַמען מיט די קינדער לויפֿן דאָרט אַרום כמאַרעס מיט בלודנע, פֿאַרברודיקטע קעץ און הינט, וואָס האָבן לאַנג שוין פֿאַרגעסן צו מיאַוקען, צו בילן!

נאָך דעם ערשטן וויזיט איז שוין די דאָקטאָרין דאָרט געווען אַן אָפֿטע אײַנגייערין. די נעגער פֿון די כאַטקעס האָבן גאָר גיך איינגעזען, אַז נאַנסי האָט נישט געזאָגט קיין ליגן. איר „מעם" איז טאַקע אַן „ענדזשל". ווען נאָר זי קומט ברענגט זי זיסוואַרגן פֿאַר די קינדער, אַ מעדיצין פֿאַר אַ קראַנקן, טייל מאָל לאָזט זי אַפֿילו אַ דאָלער אין דער שטוב.

די דאָקטאָרין האָט ווייל געוווּסט אַז אין האָספּיטאַל פֿונקציאָנירט אַ גוט איינגעשטעלטע דיספּענסערי און אָרעמע מענטשן קריגן דאָרטן דרײַ מאָל אין וואָך יעדער מעדיצינישע באַהאַנדלונג. אָבער וואָסער הילף האָבן פֿון דעם די אָרעמע נעגערס? מ'מאַכט דאָרט טאַקע ניט קיין אונטערשיד צווישן ווײַס און שוואַרץ, אָבער ווי אַזוי קענען זיי, די נעגער, אַהינקומען? אַז קײַן באָסעס גייען נישט דאָ, קיין אייגענע מאַשינען, אָדער ווייניקסטנס אַ פֿערד און וועגעלע, ווי די אָרעמסטע פֿאַרמער, האָבן זיי אויך נישט!

זי האָט באַשלאָסן אַ בערצורעדן דערוועגן מיט דזשייסאָן און קימבי. אפֿשר וואָלטן זיי אײַנגעגאַנגען צוזאַמען מיט איר אײַנצושטעלן אין שטעטל אַ מין איין־טאָג־אין־וואָך דיספּענסערי פֿאַר דער נעגער־באַפֿעלקערונג. זי האָט אָבער געצווייפֿלט, נישט געקענט זיך אַנטשליסן וועגן דעם. וואָס וועלן זיי טראַכטן וועגן איר? און וואָס וועט די ווײַסע באַפֿעלקערונג אין שטאָט זאָגן? „אַ ראַדיקאַל! נאָך אַליין ויך רעכט דאָ נישט אײַנגעשטעלט און זי מאַכט שוין איבערקערענישן"!

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אַזאַ חנוכּה־פּאַרטי ווי אין יענעם זונטיק האָט נאָך די ייִדישע קאָמיוניטי אין הײַ־היל קיין מאָל פֿריִער נישט געהאַט.

דאָס יאָמערלעכע געשריי פֿון די געפּײַניקטע ייִדן אין דײַטשלאַנד, אין עסטרײַך, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, די ווילדסטע גזירות אויף ייִדן אין פּוילן, אַט דאָס האַרץ־רײַסנדיקע געשריי האָט נישט געלאָזט רוען די ייִדן אין אַמעריקע. דאָס אומגליק אויף יענער זײַט ים האָט שוין געהאַט אַרומגענומען אַ ריזיקע צאָל ייִדן, די נויט אין מיט יעדן טאָג דאָרט געוואַקסן אַלץ גרעסער און גרעסער, האָבן שוין איצט די ייִדישע הילפֿס־אָרגאַניזאַציעס אין ניו־יאָרק נישט געקענט מער איבערהיפּערן קליינע קאָמיוניטיס און אויך אויף הײַ־היל איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אַ קוואָטע פֿון טויזנט דאָלער. איז דאָס די חנוכּה־פּאַרטי געווען דער אָנהייב פֿון קאַמפּײַן צו זאַמלען צווישן דער קליינער צאָל ייִדישע משפּחות אַזאַ גרויסע סומע געלט.

די פּאַרטי האָט זיך ערשט געזאָלט אָנהייבן אַרום פֿינף פֿאַר נאַכט, אָבער שוין אין האַלבן טאָג איז מ״ר גאַרפֿינקל, דער רעווערענד, געקומען אין שול־כּל, אײַנגעהייצט דעם אויוון, אַ רונד אײַזערנער, מיט אַ לאַנגער רער אונטערן סופֿיט, דורך אַ הינטערשטן פֿענצטער אין דרויסן אַרויס. ער האָט צונויפֿגערוקט די טישלעך אין פֿאָרעם פֿון אַ גרויסן חית, זיי איבערגעדעקט מיט לאַנגע, ווײַסע טישטעכער, אַרומגעשטעלט אַרום זיי די אויפֿלייגשטולן. נאָך דעם האָט ער פֿאַרהאַנגען דאָס אָרון־קודש מיט אַ פֿאַרביקן געוואַנט, אַ מין בעטצודעק. אַמעריקאַנער ייִדן פֿאַרגעסן דאָך אַז זיי זענען אין אַ מקום־קדוש! זיי טוען אויס די היט און גייען אַרום בגילוי־ראש! דערצו נאָך זענען די ווײַבער דאָ זייער פֿאַרשײַט! גייען אין די אייגענע האָר, מיט טיפֿע דעקאָלטן און נאַקעטע אָרעמס, איז גלײַכער דאָס אָרון־קודש מיט דער ספֿר־תּורה זאָלן זײַן אָפּגעטיילט פֿון זיי כאָטש מיט אַ פֿאָרהאַנג.

ווי דער רעווערענד אין פֿאָדערשטוב, אַזוי האָבן שוין קאָמיטע־ווײַבער בײַצײַטנס זיך געפּאָרעט אין קיך, אָנגעריבן שיסלען מיט קאַרטאָפֿל, אויפֿגעשלאָגן אייער, אָנגעברענגט אויל, פּאַטעלניעס, אַלץ גרייט צו שמעלן זיך פּרעגלען די חנוכּה־לאַטקעס.

גאָר גיך איז דאָס אויסגעפּרוּווירטע שולכל אָנגעפּילט געוואָרן מיט אַ ליבער וואַרעמקײַט, מיט פּלייצנדיק ליכט פון די עלעקטרישע לאָמפּן אין סופּיט, אַרום די ווענט און באַלד אויך מיט אָנגעהויכטן אָטעם פון מענטשן. די טיר האָט זיך געהאַלטן אין איין עפענען און מיט דער קאַלטער פּאַרע פון דרויסן איז אַלע מאָל מיטגעקומען אַן אַנדער פּאַרפאַלק, אַלע אָנגעפּרוּווירטע, פאַרשנייטע פון קאָפּ ביז די פּיס.

פון פאַרטאָג אָן איז געהאַט געפאַלן אַ טרוקענער, סקריפּענדיקער שניי. הײַ־היל איז געלעגן אײַנגעדעקט אונטער אַ ווײַס פּוכקער שניידעקע. פאָרן מיט די אויטאָמאָבילן אין דעם טיפן שניי איז געווען זייער שווער, זענען די, פון נישט ווײַט, געקומען צופוס. יענע אָבער פון ווײַט אַרום זענען אָנגע־פאָרן אין די מאַשינען מיט קייטן אויף די רעדער.

די לעצטע זענען געקומען די דאָקטאָרין און לעם מייער. ביידע זענען אַרײַנגעקומען מיט רויט אָנגעפּרוּווירטע באַקן, מיט גלײַך אויפגעהײַטערטע אויגן פון זייער גיין צו פוס אין שניי און קעלט פון דער דאָקטאָרינס וווינונג אַהער אין שולכל אַרײַן.

ווי וויל די צוויי שפּעט־געקומענע האָבן דרויסן, אויפן וואַראַנדעלע, געטופּעט מיט די פּיס, געשאַרט דעם שניי פון די אַקסלען, פון די אָרעמס, אָפּגעשאָקלט די היט, זענען זיי נאָך אַלץ אַרײַנגעקומען ווײַס, מיט שניי אויף זייער אָנטועכץ, אויף זייערע טיפע באָטעס, אויף די ברעמען פון זייערע אויגן.

מיט זייער אַרײַנוווײַזן זיך, האָבן בליקן פון אַלע זײַטן זיך אַ קער געטאָן צו דער טיר. פון זינט דער באַשרײַבונג אין „סטאַר־העראַלד״, האָבן די ייִדן אין הײַ־היל, ווײַבער מער ואָך פון די מענער, געקוקט אויף דער דאָקטאָרין מיט גאָר אַנדערע אויגן, אויגן פול מיט אָפּשײַ, נישט רעספּעקט, וואָס קאָן אויך האָבן אין זיך אַ געפיל פון נאָענטקייט, נאָר בלויז אָפּשײַ, קאַלטער אָפּשײַ, וואָס ווייעט מיט פרעמדקייט, מיט שאַרפער אָפּגעגרענעצטקייט.

ווי אין פריִערדיקן באַרעדן זי, אין האָבן טענות צו דער דאָקטאָרין, פאַר וואָס זי האַלט זיך פון ווײַטנס, פאַר וואָס זי לאָזט ניט מ׳זאָל זיין גוט צו איר, מ׳זאָל זי צוטוליען צו זיך, איז מיט דעם רחמנות אויך געווען ביי די ווײַבער אַ ביטול־געפיל צו איר, אַ ווילן צו מאַכן זי קליין אין די אייגענע אויגן, אַזוי איז שוין איצט, נאָך דער באַשרײַבונג אין „העראַלד״, דאָס ביטול־געפיל צו דער דאָקטאָרין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געפיל פון שיפלות, פון געפאַלנקייט צו זיך, אַ שיפלות וואָס איז נאָך דערצו געמישט מיט פאַרדרוס און ווייטיק.

צו וואָס לייקענען ? אין יעדן ייִדישן אײַנוווינער פון הײַ־היל איז אָנ־געשטאַנען אַ קנאה צו דעם מיידל. יעדער איינער פון זיי איז אַן אָנגעזעענער

ב. דעמבלין

איינוווינער אין שטאָט, טייל פֿון זיי ווינען שוין דאָ צענדליקער יאָרן און אויסער אין ביזנעס, האָט קיינער פֿון זיי נישט קיין שום פֿאַרבינדונג מיט די קריסטלעכע איינוווינער. קומט זי, אַ גרינהאָרן, און ווערט אַן אײַנגייערין אין קריסטלעכע היימען, ווערט פֿון זיי פֿאַרבעטן אויף זייערע פּריוואַטע ביטשעס בײַם ים, אין זייערע יאַכטשיפֿלעך צו כאַפּן פֿיש.

און מיט דער קינאה איז ביי די ייִדן געשטיגן די אַנטוישונג. אַלע זייערע דערוואַרטענישן זענען איבערגעקערט געוואָרן ווי מ'קערט איבער אַ טאָפּ. אין טאָמער דאָס אַלץ געווען ווייניק איז נאָך צוגעקומען די באַשרײַבונג וועגן איר אין „העראַלד", וואָס האָט זי מיט איין מאָל געמאַכט פֿאַר אַ באַרימטקייט אין שטאָט. איז שוין איצט צו דער אַנטוישונג צוגעקומען אויך פֿאַרדרוס, ווייטיק. ווער האָט זי געבראַנגט קיין אַמעריקע? ווער האָט איר געהאָלפֿן זיך דאָ באַזעצן? זענען זיי דאָך באַרעכטיקט צו האָבן אַ ביסל נחת, צו גרויסן זיך מיט איר. וואָס זשע פֿרעמדט זי זיך אַזוי אָפּ פֿון איינענע שוועסטער און ברידער? קומט נישט אין קיין ייִדישן הויז און נאָר עס ציט זי צו די גויִים, צו די דזשייסאָנס און קימביס, צו די דאָדליס און די ווילקאָקס, אַפֿילו צו אים, דזשיימס ווילקאָקס, דער עדיטאָר פֿון „סטאַר־העראַלד", אַ ווײַסטער אַנטיסעמיט ווי דער פֿאָטער זײַנער, אַפֿילו צו אים אַהיים קומט זי דאָך!

די מר"ם איינבוים האָט גאָרנישט באַהאַלטן די שאָדנפֿרייד אירע. זי לאַכט איר שאָדן־געלעכטערל אַלעמען אין די אויגן אַריין:

— וואָס קען זײַן גוט אַז זי איז אַ יעקע. האָט שוין ווער געזען אַ יעקע זאָל זיך פֿרײַנדלען מיט אָסטיודען?

צוליב איר ווערן פֿרײַנד מיט קריסטן, מערנאָך ווי צוליב דער באַשרײַבונג וועגן איר אין צײַטונג, האָבן שוין די ווײַבער אין היי־היל אָנגעהויבן קוקן מיט אַנדערע אויגן אויך אויף דער דאָקטאָרינס אַנטאָן זיך. שטילערהייט האָט שוין איינע דער אַנדערער אײַנגערוימט אין אויער:

— די מויד האָט אַ חן.

מיט איין מאָל האָט זיי אויפֿגעהערט אַזוי שטאַרק צו אַרן, וואָס די דעפּיודזשי־דאָקטאָרין פּודערט זיך נישט און שמינקט זיך נישט, אויסער אַ טראָפּעלע רויט אויף אירע ליפּן, וואָס זי צופּט נישט די ברעמען און וואָס אירע נעגל זענען נישט שרײַיק רויט און נישט לאַנג געוואַקסענע. און וואָס נאָך אויסטערלישער, זיי האָבן גאָר אָנגעהויבן אײַנזען אַז איר פֿריזור, דער גרויסער קאָקס האָר, איז גאָר אָריגינעל און קליידט איר פֿיל, פֿיל בעסער איידער אַ „באָיש־באָב".

האָבן זיי דאָס איצט, בײַ דער חנוכה־פּאַרטי, זי אָפּגעמאָסטן פֿון אַלע זייטן. פֿריִער וואָלט פֿון דעם אָפּמעסטן זי געוואָרן אַ שושקעניש און אַ

קנײַפּעניש אײנע דער אַנדערער: „נו, איז עס נישט אַ שאַנדע ווי אַ מיידל, אַ דאָקטאָרין און נאָך דערצו אין אַמעריקע, טוט זיך אָן“! איצט אָבער האָבן זיי באַוואונדערט די אַלטפּרענקישקייט פֿון איר מאַנטל, אַ ווײַנקאָלירטער מיט גרויסע, פּערלמוטערנע קנעפּ און אַ שמאָל, גרוי קאַראַקולן קעלנערל אַרום האַלדז. גאָר באַזונדער איז זיי געפֿעלן דאָס גרויע קאַראַקולענע היטעלע אירס, אַ וויכס, וואָס איז אַ ר געזעסן ווי אַ לענגלעכדיק שיפֿעלע אַזוי זײַטיקלעך אויף איר קאָפּ. און גאָר אַנטציקט זענען זיי געווען פֿון איר אַלטפּרענקישער מופֿטע, אויך אַ גרויע קאַראַקולענע, ווי אַ רונדיק פּעסעלע, וואָס מען זעט נישט מער אַזאַ.

ניין, איצט האָט מען זיך נישט געשטורכעט, נישט געקנײַפּט אײנע דער אַנדערער און נישט געלאַכט מער פֿון דער דאָקטאָרין. שטיל אין זיך האָט יעדע פֿון זיי געטראַכט:

— די מויד האָט געשמאַק! ווי אייגנאַרטיק זי טוט זיך אָן.

ווי וויל אין שולכל איז געווען שטאַרק אָנגעהייצט, האָט דאָך די דאָקטאָרין נישט אויסגעטאָן די באָטעס פֿון אירע פֿיס, נישט אַראָפּגענומען דאָס קאַראַקולענע ווינטערהיטל פֿון איר קאָפּ, נאָר בלויז אויפֿגעקנעפּלט דעם מאַנטל און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, לעבן דער טיר. אויך איז לעם מייער איצט נישט געגאַנגען אַרויף אין זײַן ווינקל אַרײַן, נאָר זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר.

מיט דעם איצטיקן זעצן זיך אַזוי נאָענט צום אַרויסגאַנג, האָט די דאָקטאָרין ווידער געצויגן אויף זיך אַ סך פֿרעגנדיקע בליקן. נישט בלויז האָט זי זיך אָפּגעפֿרעמדט, קומט נישט צו קיינעם פֿון די ייִדישע איינוווינער, אויסער אַ מאָל צו די גרינבערגס, ווײַזט זי זיך אויך זעלטן צו די קאָמיוניטי־מיטינגען. און אַז זי קומט שוין יאָ אַ מאָל, זעצט זי זיך שטענדיק בײַ דער טיר, צו קענען, באַלד אַוועקגיין. אָבער הײַנט? איצט, ווען די קאָמיוניטי גייט אָנהייבן אַ קאַמפּיין צו העלפֿן, וועמען? אַזעלכע ווי זי! קלײַבט זי זיך אויך הײַנט באַלד אַוועקצוגיין?

קיינער דאָ האָט נישט געוווּסט וויפֿל קרענקונג, וו פֿל האַרצווייטיק דאָס הײַנטיקע דאַרפֿן אַוועקגיין אין מיטן פֿון מיטינג פֿאַרשאַפֿט איר. געווײנלעך קומען די וויכטיקע מיטינגען פֿאַר דעם ערשטן זונטיק אין חודש. אין מיטן חודש איז בלויז אַ „סאָשל־צונויפֿקום“, צו טרינקען קאַווע, שפּילן אַ דזשין־ראָמי, אַ פּויקערל. הײַנט אָבער איז אָן אָט סערגעווײנלעכער צונויפֿקום, אין דריטן זונטיק גאָר פֿון חודש, און צו וויסן געטאָן איר וועגן דעם האָבן זיי ערשט דורכן טעלעפֿאָן צוויי טעג פֿריִער. זי אָבער האָט נאָך פֿון פֿריִער געהאַט אָפּגערעדט מיט ד״ר דזשייסאָן צו אַראַנזשירן אויף הײַנט אַ מיטינג

ב. דעמבלין

בײַ אים אין הויז אויף צו שאַפֿן אין שטאָט א שטיקל „דיספּענסערי” (א קליניק) פֿאַר דער קאָלירטער באַפֿעלקערונג.

געמיינט האָט זי, אַז בלויז די צוויי דאָקטוירים־קאָלעגן, דזשייסאָן און קימבי, וועלן זיך צונויפֿקומען מיט איר דאָס אונטערצונעמען. האָבן אָבער דזשייסאָן און קימבי געזאָגט אַז די דאָקטוירים טאָרן אַזאַ אינסטיטוציע אַליין גאָרנישט אונטערנעמען און אַליין זי אויסהאַלטן וועלן זיי געוויס נישט קענען. די גאַנצע קאָמיוניטי אין היי־היל דאַרף אין דעם פֿאַראינטערעסירט ווערן. איז דאָס הײַנט דער מיטינג וועגן דעם בײַ די דזשייסאָנס אין הויז און פֿאַרבעטן זענען אָנגעזעענע מענטשן, אויך דער אַלטער דזשיי פּאַרקינסאָן, דער פּרעזידענט פֿון דער „סייווינגס־באַנק” דאַרף דאָרט זײַן. נישט קומען צו יענעם מיטינג וואָלט געווען א גרינגשעצונג צו די אַלע מענטשן. און אָפּלייגן דעם צונויפֿקום אויף אַן אַנדער טאָג וועלן די קריסטן אויך נישט. צוליב די שווידערלעכע געשעענישן איז אייראָפּע, האָבן די קריסטן א שולדיק געוויסן, ווילן זיי איצט, האַרט פֿאַר קריסטמעס, טאָן עפּעס א גוטע זאַך פֿאַר דעם „פֿרידן אויף דער ערד און גוטן ווילן צו מענטשן”. און וואָס קען זײַן מער „קריסטלעך” ווי שאַפֿן א דיספּענסערי פֿאַר די קאָלירטע „קאָאָ־רעלידזשיאָניסטס”? איר איינציקע האָפֿענונג איז נאָר דער מיטינג דאָ, אין שול, זאָל זיך טאַקע אָנהייבן פּינקט א זייגער, זי זאָל קענען זיבן זײַן ביי די דזשייסאָנס אויף יענעם צונויפֿקום.

אָט צוליב דעם האָט זי זיך דאָס אָוועקגעזעצט בײַ דער טיר, זי זאָל קענען, ווי נאָר זי וועט דערהערן א טרובע פֿון דזשייסאָנס קאַר, זיך אַנטשולדיקן און שוין זײַן אין דרויסן. געוויס ווייסט זי, אַז איר הײַנטיק אָוועקגיין אין מיטן דעם מיטינג, וועט אויף ס'נײַ געבן אַלעמען א געלעגנהייט זי צו באַרעדן, וואָס קען זי אָבער טאָן? ווייזט אויס, ווי זי זאָל זיך שוין אין היי־היל נישט פֿירן וועט מען אַלץ רעדן אויף איר.

אַן אומרויִקע האָט זי אַלע ווײַלע געכאַפּט א קוק אויפֿן געלענק־זייגערל. די מענטשן רעדן, טומלען, מאַכן אָן א רויך פֿון זייערע ציגאַרעטן און ציגאַרן אַז מ'קען אומקומען און דעם מיטינג הייבן זיי אַלץ נישט אָן. זי האָט זיך צוגעבויגן צו לעם מייער:

— וואָס פֿאַר א געוווינהייט איז עס דאָ? זיי האָבן גערופֿן דעם מיטינג אויף פּינקט, איצט איז שוין באַלד זעקס און עס הייבט זיך נאָך גאָרנישט אָן!

לעם מייער, א רויִקער ווי שטענדיק, די פּײַקע מיטן גלײַיקן פּײַערל, פֿאַרשטעקט צווישן די ציין, ער האָט לײַכט געשמייכלט:

— ווייסט זי דען נישט? אין דעם ליגט דאָך דער אונטערשיד צווישן איר און זיי. זי איז אויפֿגעצויגן אין דײַטשלאַנד איז זי פּינקטלעך ווי די דײַטשן. זיי אָבער זענען „אַסטיודען”, דערוואַרט זי זיי זאָלן זײַן פּינקטלעך?

אַ רעפּיודזשי אין ניו־ענגלאַנד

האַלב נאָך זעקס ערשט האָט מ״ר קאַופֿמאַן פֿאַרנומען דעם אויבנאָן פֿון דעם חית־געפֿאָרעמטן טיש, געטאָן אַ קלאַפּ מיטן האָלצערנעם פֿאָרזיץ־העמערל:

— אָרדער, פּליז! אין נאָמען פֿון דער יִדישער קאָמיוניטי אָוו הייהיל ערקלער איך דעם ספּעשל מיטינג געזעצלעך ערעפֿנט.

ער האָט גענומען אַ שלוק וואַסער פֿון גלאָז, ווי דאָס טוען אמתע רעדנער, איידער זיי הייבן אָן זייערע רעדעס. ס׳איז נישט קיין קליינינקייט צו „דעליווערן״ אַזאַ רעדע, ווי ער האָט זיך צוגעגרייט דאָ צו האַלטן. צוליב אָט דער רעדע שלאָפֿט ער שוין נישט וויפֿל נעכט. ער דאַרף מיט דער רעדע צעוואַרעמען יִדישע הערצער, עפֿענען זייערע טײַסטערס. כאָטש ער האָט ניו־יאָרק נישט צוגעזאָגט אַז זײַן קאָמיוניטי וועט שאַפֿן אַזאַ קוואָטע, האָפֿט ער אָבער און ער וועט טאָן אַלץ נאָר וואָס ער וועט קאָנען הייהיל זאָל גיין „אָוועדי טאָפּ״.

— מײַנע שוועסטער און ברידער, האָט ער אָנגעהויבן אין אַ שטיל און ערנסט קול, — מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען צו העלפֿן אונדזערע ברידער אין יוראָפּ. ס׳איז הײַנט זייער אַ ביטערע צײַט. די דײַטשן פּײַניקן אונדזערע שוועסטער און ברידער, טרײַבן זיי צו זעלבסטמאָרד. טויזנטער יִדן האָבן שוין אַזוי געטאָן. געמאַכט נעבעך אַ סוף צו זייער לעבן! קענען מיר שווײַגן?

דער עולם האָט טאַקע נישט געשוויגן. בײַצײַטנס שוין האָבן ווײַבער געווישט און געשנײַצט די נעזער, געזיפֿצט און אַלע מאָל האָט אַן אַנדערע ארויסגעלאָזט אַ העשע, אַ פֿאַרשטיקטן אָנהייב פֿון געוויין. דאָס האָט דעם פּרעזידענט מ״ר קאַופֿמאַן געגעבן מוט, אים געשטאַרקט, ער גייט — הייסט עס — אויפֿן ריכטיקן וועג. האָט ער אויפֿגעהויבן זײַן קול העכער:

— שוועסטער און ברידער, קענען מיר שווײַגן? שולן און סינאַגאָגעס זענען אַוועק מיטן פֿײַער און די דײַטשישע בעסטיעס האָבן נישט געלאָזט אַפֿילו לעשן! ספֿר־תּורות זענען פֿאַרברענט געוואָרן, יִדיש האָב און גוטס — צערויבט! טויזנטער יִדן האָבן זיי דאָך פֿאַרטריבן פֿון זייערע היימען נאַקעט און באָרוועס, וועלן מיר שווײַגן? איר האָט דאָך געהערט פֿון זבאָנזשין! טויזנטער און טויזנטער יִדן מיט זייערע ווײַבער און קינדער וואַלגערן זיך נאָך אַלץ דאָרט אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און פּוילן לאָזט זיי נישט צוריק אַרײַן. די שנייען און פֿרעסט זענען געקומען, וועלן מיר שווײַגן? מיר האָבן אונדזערע וואַרעמע היימען, און זיי, אונדזער פֿלייש און בלוט...

— טרו־ו־ו־ו, האָט זיך פֿון דרויסן דערהערט דאָס טרובען פֿון אַ מאַשין.

דער גאַנצער עולם האָט מיט איין מאָל אָפּגעקערט די בליקן פֿון רעדנער און זיי געווענדט צו דער טיר. אויך דער פּרעזידענט מ״ר קאַופֿמאַן האָט

ב. דעמבלין

אומגעדרייט דעם קאָפּ אַהין. יעדער דאָ האָט געקענט דאָס טרובען פֿון ד״ר דזשייסאָנס קאַר, אַ טרובען ענלעך צו דעם פֿון אַן אַמבולאַנס פֿון אַ שפּיטאָל. און גענוי אַזוי האָבן אַלע דאָ געוווּסט דעם באַדײַט פֿון דעם איצטיקן טרובען: האָאַרד דזשייסאָן איז געקומען נאָך דער דאָקטאָרין!

פֿאַרדאַכטן וועגן די צוויי לײַט זענען גראָד געווען גענוג. איצט אָבער האָבן די אַלע פֿאַרדאַכטן און שושקענישן מיט איין מאָל באַקומען אַ זין. ס'איז דאָך פֿאָרט נישט גלאַטיק דאָס אַרומשלעפּן זיך אירס מיט דעם האָאַרד דזשייסאָן. אויף וויפֿל מ'קען אים, איז ער גאָרנישט אַזאַ גאַסטפֿרײַנדלעכער פֿאַרשוין, אַזאַ גרייטער עפּעס צו טאָן פֿאַר עמעצן. אויב ער איז געוואָרן איר שאָפֿער, און דאָס נישט פֿאַר אַ טאָג, אָדער אַפֿילו אַ חודש, נאָר שוין לאַנגע חדשים, אַז ער שטעלט זיך טאָג־טעגלעך אָפּ פֿאַר איר ווערענדע זי מיטנעמען אין האָספּיטאַל און דערנאָך זי צוריק אַהיימברענגען, אויב ער טוט דאָס אַזוי לאַנג, איז עס נישט „פֿאַר נאַטין״... גלאַט אַזוי פֿון גוט־האַרציקייט. אַז דער גוי פֿאַררעדט דעם אייגענעם ווײַב, נעלי, די צײַן וועגן זיינע טרעפֿענישן און אַרומפֿירענישן זיך מיט דער דאָקטאָרין קען מ'נאָך פֿאַרשטיין. אַ וווּנדער איז אָבער אויף דעם לעם מייער. ער איז דאָך נישט אַזאַ נאַר, זעט ער נישט אַז די מויד פּרוּווט מיט אים פֿאַרדעקן אירע טועמישן מיט דזשייסאָנען? ווייסט ער נישט אַז שלויע ווײַבער באַנוצן זיך שטענדיק מיט אַזעלכע שילדלעך, גייען לעגיטים מיט אַ בחור און טרעפֿן זיך הינטערוויילעכץ, אויף לינק, מיט אַ געליבטן! נאָך אַ גרעסער וווּנדער איז אָבער וואָס אַ גאַנצע שטאָט מיט מענטשן איז געווען אַזוי גענאַרט! געמיינט אַז זי איז אַן אַלטפֿרענקישע באַבעצע, ווען, אין דער אמתן, איז זי גאָר אַזאַ געריבן נקבהקעלע!

די דאָקטאָרין האָט גאַנץ גוט געהערט דאָס טרובען פֿון דזשייסאָנס מאַשין. זי האָט זיך אָבער נישט אויפֿגעשטעלט צום גיין. פֿאַרקערט. זי איז געזעסן ווי געליימט. דאָס האָבן אויף זיך אַלעמענס בליקן האָט איר אָנגעיאָגט דאָס גאַנצע ביסל בלוט אין פּנים אַריין. זי האָט געוווּסט וואָס זיי טראַכטן. די שושקערײַען וועגן איר זענען דאָך איצט געגאַנגען פֿון אויער צו אויער. אַן אַנדערע אויף איר אָרט וואָלט געווים נישט געוואַגט איצט צו ענטפֿערן אויף דזשייסאָנס רוף. זי איז אָבער נישט פֿון די מיידלעך וואָס עמעצנס סודען זיך זאָל זי אָפּהאַלטן פֿון טאָן וואָס זי דאַרף, וואָס זי האַלט פֿאַר ריכטיק.

נעוויס איז איר פֿיינלעך דאָס איצטיקע דאַרפֿן אַוועקגיין. ווער, ווער, זי ווייסט דאָך יאָ ווי בלוטיק אמת מ״ר קאַופֿמאַנס ווערטער זענען. אָבער וואָס קען זי טאָן? דער מיטינג ביי די דזשייסאָנס איז גערופֿן געוואָרן פֿאַר דעם מיטינג דאָ. דאָרטן וואַרטן אָנגעזעענע מענטשן אויף איר. דער

קאַמפּיין דאָ וועט אָנגיין אָן איר אויך. דאָרט אָבער, אויב זי זאָל אַהין נישט קומען, איז גאַנץ מעגלעך איר גאַנצע מי איינצושטעלן אין היי־הי־ל אַ קליניק זאָל זיך ענדיקן מיט גאָרנישט. וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט די אָרעמע נעגער? מיט זייערע ראַכיטישע קינדער?

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען גיך פאַרקנעפּלען דעם מאַנטל, אַ טאַפּ געטאָן דאָס זייטיקלעך זיצנדיקע, קאַראַקולענע היטעלע אויף איר קאָפּ און אַזוי שטיל, פאַרשולדיקט זיך געווענדט צום פאָרזיצער:

— מ״ר פּרעזידענט, ס׳טוט איר זייער לייד וואָס זי מוז אַוועקגיין. זי קאָן זיך אָבער נישט העלפן. אַ פריערדיקע אַנגאַזשמע צווינגט זי דערצו.

אַ היפּשע ווייל נאָך איר פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר האָט נאָך די שטילקייט, אַ דערשטוינטע, געהויערט איבער אַלעמענס קעפּ. מיט פרעגנ־דיקע בליקן האָט דער עולם געקוקט איינער אויפן אַנדערן און אַלע צוזאַמען צום אַרויסגאַנג. דער פּרעזידענט אָבער האָט זיך גיך אויפגעכאַפּט פון דער דערשטוינטקייט, געטאָן אַ קלאַפּ מיטן פאָרזיץ־העמערל אין טיש:

— שוועסטער און ברידער, דער „עקסטרע ספּעשל מיטינג״ פון דער יידישער קאָמיוניטי אין היי־היל גייט אָן!

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

איבערן גאַנצן וועג קיין באָסטאָן, דורך די גוטע אַנדערהאַלבן שעה פֿאָרן מיט אים אין זײַן קאַר, האָט די דאָקטאָרין זיך באַמיט צו צעטרײַבן די דריקנדיקע שטילקייט, די שווערקייט, וואָס זייער זײַן צוזאַמען הויערט לעצ־טגס אָן. זי דערמאָנט זיך וויפֿל האָפֿענונג, וויפֿל דערוואַרטונג זי האָט דאָס אַרײַנגעלייגט אין איר האָבן זיך געטראָפֿן מיט דעם לעם מייער.

אין יענעם ערשטן אָוונט, ווען דער קאַראַוואַן מאַשינען האָט זי באַגלייט פֿון די קאָופּמאַנס אין איר הויז אַרײַן און דערנאָך, ווען די מענטשן זענען אַוועק, זי איז געבליבן שטיין אויף דער ווערענדע נאָכקוקן די אַוועקפֿאָרנדי־קע אויטאָס און זי האָט געזען די רויטע לעמפּלעך פֿון דער הינטערשטער קאַר, ווי זיי בלינצלען צו איר דורך דער נאַכטיקער פֿינצטערניש — גאָט, מיט וויפֿל טרוימען, מיט וואָסער בענקשאַפֿט אירע אויגן האָבן דענצמאָל באַגלייט דעם קורצן ליכט־געבלינצל פֿון זײַן מאַשין. ווי ווייל זי האָט נישט געוווּסט צי דאָס איז גאָר זײַן קאַר, האָט זי אָבער געוואָלט און איר האַרץ האָט געגאַרט עס זאָל טאַקע האָבן געווען ער, וואָס האָט אַזוי אַרום איר געשיקט זיין גוטע־נאַכט און איר געוווּנטשן אַ „שלאָף־וויל".

ניין, זי איז יענע נאַכט נישט וויל געשלאָפֿן. ווי אויסטערליש! זי איז געקומען אין אַ נײַ לאַנד, אין אַ שטאָט צו פֿרעמדע מענטשן. זי האָט אייגנס דעמאָלט גאָרנישט געהאַט, געדאַרפֿט אָנהייבן זיך דערוווערבן אַ שטאַנד אין לעבן, אַ נאָמען אין איר פּראָפֿעסיע, אַ מעגלעכקייט אַרויסצוראַטעווען פֿון דײַטשלאַנד און אַריבערברענגען אַהער איר פֿאַמיליע, — איז גאָר, פֿון דעם אַלעמען, איר האַרץ און איר מוח פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דעם אומגעריכטן אָנטרעפֿן זיך מיט אַ יונגן מענטש, לעם מייער.

ווי אַזוי איז דאָס געשען? זי איז דאָך נישט מער קיין זעכצניעריק שול־מיידעלע, וואָס זאָל זיך פֿאַרליבן פֿון ערשטן בליק. און מיט קיין אָנגעצונ־דענעם לאַמטערן, צו זוכן איר באַשערטן, גייט זי אויך נישט אַרום. איז פֿאַר וואָס זשע אַזוי פּלוצעם — לעם מייער? דאָס איז דאָך געווים נישט ווי די היי־היל ווײַבער ווילן דאָס האָבן, ווײַל ער איז רײַך, ווײַל ער איז דער הויפּט־אייגנטימער פֿון „מייער און מייער"!

זאָל דאָס זײַן ווײַל אין דעם פֿרעמדן אַרום איז ער, צוליב זיין רעדן פּליסיק דײַטש, איר געוואָרן נאָענט, איינן? ווי אויסטערליש! גראָד ווײַל זי וויל אַזוי אַנטלויפֿן פֿון דעם דײַטשטום האָט גראָד דאָס זי אַזוי צוגע־צויגן? אַנדערש איז עס דאָך נישט צום פֿאַרשטיין! געבילדעטע און גוט דערצויגענע יונגע־לייט האָט זי דאָך באַגעגנט אויך פֿריִער, אין פּאַריז נאָך, אין דער סאָרבאָנע, אויך אין לאָנדאָן. איז עס דאָך נאָר דאָס דײַטשישע אין אים, וואָס האָט זי אַזוי געפֿאַנגען.

געפֿאַנגען, האָט זי אויך אים געפֿאַנגען? אָט דער צווייפֿל נאָגט זי אַזוי, פּײַניקט איר האַרץ, איר געמיט. פֿאַר וואָס האָט ער איר קיין מאָל נישט געזאָגט, אַז ער האָט זי ליב? פֿאַר וואָס, דורך דער גאַנצער צײַט וואָס זיי קענען זיך, האָט ער נישט געמאַכט נאָך קיין איין פּרוּוו זיך צו דער־נענטערן צו איר, צו וועלן פֿילן דעם אַראָמאַט פֿון איר אָטעם און לאָזן זי אײַנאָטעמען זײַנעם?

און גראָד אים האָט זי דאָך קיין שטערונגען נישט געמאַכט, פֿאַרקערט, אים געגעבן אַלע מעגלעכקייטן פֿאַר דעם. ווי געהיט זי איז, קיין מאָל נישט צו זײַן מיט דעם סעם קאַופּמאַן אַליין אין אַ צימער, ווי אויסגעמיטן זי האָט יעדע געלעגנהייט פֿאַר האָארד דזשייסאָן, ער זאָל נישט איבערטרעטן די שוועל פֿון איר הויז, אַזוי האָט זי ברייט און פֿרײַ געעפֿנט די טיר פֿאַר לעם מייער.

פֿאַר אים האָט זי אומגעוואָרפֿן אַלע צוימען, אַראָפּגענומען אַלע שלייערן, אַז ער, לעם מייער, זאָל זי קענען גרייכן. מ׳וואַרפֿט איר דאָ אויף אַלט־פֿרענקישקייט. זיי ווייסן נישט דאָ, אַז איר נישט וועלן פּאַראַדירן מיט איר ווײַבלעכקייט איז נישט קיין קאַפּריז בײַ איר, קיין פֿאַרקערטער דראַנג פֿון וועלן ציִען אויפֿמערקזאַמקייט, פֿון וועלן אַזוי אַרום רייצן.

נאָך ווי אַ יונג מיידל, ווי נאָר זי איז געוואָרן וואָך אויף איר ווײַבלעכ־קייט און אָנגעהויבן פֿילן אויף זיך די גיריק הונגעריקע אויגן פֿון מענער, האָט זי גלײַך פֿאַרוואָרפֿן אַלע מאָדעס, זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַלע אַקסעסואַרן, וואָס זוכן אונטערצושטרײַכן און אַרויסצוברענגען בײַ דער פֿרוי אירע ווײַב־לעכקייטן, אירע רייצן. אַלץ וואָס האָט אַנדערע מיידלעך אַזוי געהײַטערט, זיי אָנגעפֿילט מיט שטאָלץ, האָט אין איר, יונגערהייט שוין, אַרויסגערופֿן אַ ווידערווילן. און עס איז דאָך וווּלגאַר, דאָס וועלן רייצן יעדן מאַן מיט די ווייכע קאָנטורן פֿון מיידלשן קערפּער, מיט אירע פֿולע היפּטן און רונדע בריסט. ניין, זי וויל נישט פֿאַרגעסן אַז אויסער אַ פֿרוי איז זי אויך אַ מענטש, וואָס איר זײַן אויף דער וועלט איז נישט בלויז צו רייצן און באַ־פֿרידיקן מענלעכע פֿאַרלאַנגען.

נאָר צוליב דעם און נישט צוליב קיין קאַפּריז פֿון וועלן זיין אַנדערש,

ב. דעמבלין

פֿון וועלן זיך שפּילן אין אָריגינאַליטעט, האָט זי ווי אַ יונג מיידל נאָך, אָנגעהויבן טראָגן ברייט געפֿאַלבטע ספּודניצעס, בליוזעס מיט שמאָלע דעקאָלטן, שטיל פֿאַרבקע קליידלעך, אַ גאַרדעראָבע, וואָס זאָל באַהאַלטן, פֿאַרהוילן איר ווײַבלעכקייט. געוויס ווייסט זי אַז נישט אַלע מאָל האָט דאָס געהאָלפֿן. פֿאַראַן מענער וואָס בליקן דורך און זעען די נאַקעטקייט פֿון דער פֿרוי דורך אַלע אירע אָנטועכצער. דאָס איז דאָך נישט איר שולד! וואָס נאָך קען אַ מיידל טאָן אַז איר דראַנג צו פֿאַרהוילן די ווײַבלעכקייט ווי פֿאַרוואָרפֿן די גאַנצע פּאַרפֿומעריע פֿון דער מאָדערנער שיינקייט־מאַכערײַ? דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון לעקלען און אָנדולירן די האָר? דאָס צופּן ברעמען און פֿאַרבן נעגל, דאָס פּודערן און שמינקען זיך? ניין, זי פּאַראַדירט נישט מיט איר ווײַבלעכקייט!

אָבער פֿאַר אים, פֿאַר לעס מייער, איז זי דאָך פֿון דער ערשטער מינוט פֿון זייער באַגעגענען זיך געווען אַן אַנדערע. זי האָט אים פֿאַרבעטן און ער איז אָפֿט געווען צו גאַסט בײַ איר אין הויז. נישט איין מאָל איז ער זיך פֿאַרזעסן בײַ איר ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. אים צוליב איז זי געוואָרן אַ ווירטין אין שטוב, סערווירט אים קאַווע און צומאָל אויך אָוונטברויט. עס האָט זי נישט געאַרט וואָס זי ווערט באַרעדט אַז זי נעמט אויף מענער בײַ זיך אין הויז. זי איז מיט אים געפֿאָרן אין זײַן קאַר אויף נאַכטיק פֿינצטערע וועגן און זי האָט זיך געמאַכט נישט הערן וואָס די ווײַבער אין הײַ־היל זאָגן, אַז זי שלעפּט זיך אַרום מיט יונגען.

זיי זענען געזעסן איינע לעבן אַנדערן אין פֿאַרטונקלטע טעאַטערן, געזען צוזאַמען פֿילמען, געהערט בײַנאַנד סימפֿאָנישע קאָנצערטן, אָבער קיין מאָל, נישט אין איר הויז, נישט אין זיין אויטאָ און נישט אין דער טונקלקײַט פֿון טעאַטער, האָט ער נישט אָנגערירט איר האַנט, נישט געשענקט איר קיין קוש.

זי האָט געשפּילט מיט אים טעניס, געשווומען מיט אים אין ים, זיך געזוניקט לעבן אים אין די זאַמדן אויפֿן ים־ברעג, שטענדיק אין אַן ענג געפּאַסטן שווימקאָסטיום, אייגנטלעך נאָר אַ פּאָר הויזקעס מיט אַ שמאָלן ברוסטן־האַלטער — און?... בלויז איין מאָל האָט ער איר געזאָגט, אַז זי האָט אַ שיינע פֿיגור.

פֿאַר וואָס איז ער אַזאַ? איז דאָס אַ מין צוריקגעהאַלטנקייט? אַ שעמעוודיקייט בײַ אים? איז די געהאַמעוועטקײַט זיינע בלויז צו איר?

פֿאַר וואָס, ווען צווישן מענטשן, זענען זייערע געשפּרעכן פֿרײַע, נאַטירלעכע. עס איז דעמאָלט אַ פֿאַרגעניגן צו זײַן מיט אים. ער גלאַנצט אָפֿט מיט אַ טרעפֿלעכער באַמערקונג און נישט זעלטן אויך מיט הומאָר. ווי נאָר אָבער זיי בלײַבן אַליין צווישן זיך, הערט דאָס אַלץ אויף, די לופֿט ווערט

שוועער און איר ווערט ענג. אויך אים, זוי זי זעט דאָס קלאָר, ווערט ענג און שוועער די לופֿט און, ווי זיך צו ראַטעווען פֿון דער דערדריקטקייט, ווערט ער ציניש, זוי נאָרנישט וואָלט אים אָנגעגאַנגען, ווי גאָרנישט וואָלט אים געאַרט!

צומאָל קומט איר פֿאָר, אַז דאָס איז גאָרנישט קיין ציניזם אין אים, נאָר גלײַכגילט, רעזיגנאַציע. אָבער פֿאַר וואָס אַזאַ דערדריקנדקע רעזיגנאַציע? ער איז דאָך אַ יונגער מענטש נאָך, אין גאַנצן וואָסערע זעקס — זיבן און דרייסיק יאָר, און ער איז דאָך אַ ייִד! מ ט דזשייסאָנען מײַדט זי אויס צו רעדן וועגן היטלערן, וועגן די גרויליקייטן, וואָס די דײַטשן צעטועז מיט די ייִדן אין אייראָפּע. זי שעמט זיך פֿאַר דזשייסאָנען, זי וויל נישט ער זאָל האָבן מיטלייד מיט איר. זי וויל אויך נישט אַרויסרופֿן אין אים די געפֿאַלנקייט, וואָס ער, אַ קריסט, דאַרף פֿילן צוליב זיין אָנגעהערן זיך ווי אַ גלויבנס־גענאָסע מיט די דײַטשן.

אָבער ער, לעם מייער? פֿון אים דערוואַרט זי פֿאַרשטענדעניש, נישט בלויז ווי פֿון אַ ייִד, נאָר מער נאָך ווי פֿון אַ מענטש, אַ געבילדעטער מענטש!

האָט ער גאָרנישט קיין שלאָפֿלאָזע נעכט? טראַכט ער נ שט וועגן דעם? פֿרעגט ער זיך נישט ווי אַזוי דאָס איז גאָר מעגלעך? דאָס פֿאָלק פֿון געטע און שילער, פֿון קאַנט און בעטהאָווען, דאָס הויך קולטורעלע פֿאָלק אין סאַמע מ טן פֿון אייראָפּע זאָל אין אַזאַ קורצער צײַט זיך האָבן פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאָלק פֿון פּאָגראָמען־מאַכערס, פֿון סינאַגאָגע־אונטערצינדער, פֿון מערדערם און בעסטיעס אַלאַ היטלער און האָרסט־וועסל? און ער, לעם מייער, גרייסט זיך דאָך הײַנט נאָך מיט דער דײַטשישער קולטור. ער רעציטירט דאָך הײַנט נאָך פֿאַר איר רילקען פֿון אויסנווייניק.

ווי זשע פּאָרט ז ך דאָס מיט זיין אָפּטן זאָג: וואָס איז געטע? ווער דאַרף זײַן מעפּיסטאָפּעל, זײַן גריבלען זיך אין גאָט און טײַוול? אַז נישט קיין מענטשן ווידמען זיך דאָך אויף דעם ערדפּלאַנעטל נאָר ווערעם! איז ווען גייט דאָס אָן וואָס ווערעם צעטרעטן איינע די אַנדערע? וואָס זיי פֿרעסן זיך אַליין אויף! אי ן די אייביקייטן מאַכט עס קיין שום אונטערשייד נישט. וועט דען איין שטערן בײַטן צוליב דעם זײַן קורס אין די הימלישע ווײַטקייטן? און וועט דען דאָס קליינע פּלאַנעטל ערד אויפֿהערן צוליב דעם צו דרייען זיך אַרום דער זון?

צומאָל ווײַזט זיך איר אויס אַז דאָס איז אַזאַ בראַוואַדע בײַ אים. אָ, זי קען זיי, די רײַכע זינדלעך, וואָס פֿון צו פֿיל גוטס האָבן זיי האָלט צו מאַכן דעם אָנשטעל פֿון ציניקער, פֿון יענע, וואָס גאָרנישט אַרט זיי. און אויך ער, לעם מייער, מאַכט אפֿשר אַן אָנשטעל מיט זײַן אַרויסווײַזן גלײַכגילט צו אַלעמען אַרום, צום גרו סן רײַכטום, וואָס ער באַזיצט. נישט איין מאָל טוט

ב. דעמבלין

ער א זאָג צו איר: און אז דאָס פאַרמעגן פון „מייער און מייער" וועט זיין מיט הונדערט טויזנט דאָלער ווייניקער, אָדער מיט א פערטל מיליאָן מער, גייט עס וועמען אָן? סיי ווי וועט שוין די פאַמיליע מייער קיין יורשים נאָך זיך נישט לאָזן. און זיין טרעפן זיך מיט איר איז בלויז צו באדויערן.

צו וואָס אָנשטעקן זי מיט זיין רעזיגנירטקייט, מיט זיין גלייכגילט?

געוויס ווייסט זי אז ער איז א טיף אנטוישטער מענטש. דעם פאָטערס פריציייטיקער טויט האָט צעשטערט אלע זיינע טרוימען, אלע האָפענונגען. מיט ביטערניש דערמאָנט ער זיך אז שטאָט אָן אקאדעמיקער, איז ער גאָר געוואָרן א געשעפטסמאַן. שטאָט האַלטן אין האַרוואַרד אוניווערסיטעט לעקציעס וועגן טשאָסער, וועגן שעקספיר און בייראָן, פאַרנעמט ער זיך מיט פאַרקויפן שלייקעס צו הויזן, טעפ אין קיכן אריין, פאַסטא צום פוצן שיך.

זי האָט געכאַפּט א קוק אויף אים אזוי זייטיקלעך, פון א ווינקלאויג. דאָס ליולקעלע, אָן אויסגעלאָשנס, האָט אים געשטעקט צווישן די ציין. די הענט האָבן פלעגמאַטיש געקערוועט מיטן רעדל, דער בליק איז איינגעגעבערט אין דער פראָנטשויב און די מאַשין לויפט, ציט פאָרויס און הינטער זיי, אריינגעפאַלענע דורך דער הינטערשויב, ציען נאָך צוויי גאָלדשטרויען, די איינציקע צוויי שטראַלן פון א פאַרגייענדיקער זון.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום שפּיגעלע וואָס פאַר איר. די זון האָט זיך דאָרטן געטרונקען אין א ים פון פייער, א ים פון רויטבלוטיקן פאַרגיין.

צו וואָס פאָרט זי נאָך איצט מיט אים צו א קאָנצערט? וואָס מיינט איצט דער מענטש פאַר איר?

געוועזן אַמאָל א יונגער סטודענט אין האַרוואַרד, לעסלי מייער איז געוועזן זיין נאָמען. ער האָט געטרוימט, געשפּונען א בלויען חלום. וואָס איז ער היינט? א גלייכגילטיקער, א רעזיגנירטער מענטש, פינצטער ווי אַן אויסגעלאָשענע לאַמטער.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

נאָך יענעם שפּעטנאַכטיקן אָפּפירן זי אהיים, איז סעם געווען זיכער אַז דעם קומענדיקן שבת אָוונט וועט ער ווידער האָבן אַ באַשטעלונג מיט דער דאָקטאָרין. ער האָט נישט גענומען ערנסט איר זאָג בײַם אוועקגיין: „פּליז, מ״ר קאַופמאַן, נישט אַזוי גיך״. ער ווייסט וווּל, אַז וואָס ערנסטער אַ מיידל איז, אַלץ מער אָנשטעל מאַכט זי אַז ס׳איז שווער זי צו גרייכן. ער האָט זיך בלויז געזאָרגט וואָס ער האָט נישט וווּהין צו גיין מיט איר ווען זיי וועלן זיך ווידער טרעפן קומעדיקן שבת־אָוונט. גוט, ער וועט זי ווידער נעמען אין יענעם רעסטאָראַן אויף „דינער״. ער וועט דאָס מאָל זי אויך אײַנלאַדן דאָרט אויף אַ טאַנץ, נו, און נאָך דעם? צום טײַוול! אין דעם „העק״ היי־היל איז דאָך נישטאָ ווו צו גיין מיט אַ מיידל. אויב נישט „באָולינג״, איז צו אַ „מוּווי״, אויב נישט אַ „מוּווי״ איז „באָולינג״! ווייסט ער אָבער אַז ״באָולינג״ אינטערעסירט זי נישט. און אַ מוּווי? אַז ער נעמט איינע פון זיינע שיקסלעך צו זען אַ מוּווי האָט זי „עי סוועל טײַם״. איז אָבער די דאָקטאָרין נישט איינע פון יענע שיקסלעך. די „וועסטערנס״ מיט די פערדלעך און געשיסערייַיען פאַרטראָגט זי נישט און אַ לײַטישן פילם ווײַזט מען דאָ זעלטן. געווים, ווינטער, קען מען פאָרן קיין באָסטאָן צו אַ „שאָו״, צו אַ סימפאָנישן קאָנצערט, כאָטש ער אַליין האָט נישט קיין אינ־טערעס אין קאָנצערטן און ער איז נאָך דאָרט קיין מאָל נישט געווען אויך.

ער האָט געוואַרט ביז מיטוואָך. ערשט מיטוואָך אָוונט האָט ער אַרײַנ־גענומען פון קאָרידאָר דעם טעלעפאָן־אַפּאַראַט צו זיך אין צימער, די מוטער זאָל נישט וויסן צו וועמען ער קלינגט. אַז ער רעדט צו עמעצן אויפן טע־לעפאָן, ווערט די מאַמע אָנגעשפּיצט, הוילע אויערן. נאָר זי וויל וויסן צו וועמען ער קלינגט, כאָטש אַן אָנשטעל מאַכט זי אַז זי אינטערעסירט זיך גאָר־נישט און ווייסט גאָרנישט. ספּעציעל וויל זי וויסן צי ער קלינגט צו דער דאָקטאָרין.

— העלאָ דאָק! האָט ער פרײדיק אַרײַנגערעדט אין טעלעפאָן־טרײַבל.

— אָ, העלאָ מ״ר קאַופמאַן! וואָס מאַכט ער? וואָס? דעם קומעדיקן

ב. דעמבלין

שבת־אוונט? לײדער קען זי נישט. זי האָט דאָך אים געזאָגט: נישט אַזוי גיך.

— אָלרײַט, ער וועט קלינגען צו איר קומעדיקע וואָך.

איז די צווייטע וואָך ווידער געווען דאָס אייגענע:

— מ"ר קאופמאַן, האָט זי זיך געבעטן ביי אים איבערן טעלעפאָן, — ער מוז דאָך פאַרשטיין איר געמיט. די עלטערן אויף יענער זײַט ים וואַלגערן זיך אַרום און זי ווייסט נישט ווו און זי אַליין מוז זיך דאָך שטעלן אויף די פיס, דערוווערבן ז ך אַ קליענטעלע.

ער האָט איר אַפילו געוואָלט זאָגן אַז דאָס זענען פּוסטע אויסריידן. אויף וויפל ער ווייסט זיצט זי נישט אין די שבתדיקע אָוונטן אַליין אין הויז אַ פאַרטרויערטע. זי האָט נאָר נישט קיין צייט און קיין געמיט פאַר אים. וועט אָבער אַזאַ ענטפער א ר נישט טויגן. זי קען אים נאָך זאָגן: „מ"ר קאופמאַן, דערווײַל איז זי נאָך צו קיינעם נישט פאַרקויפט"! מוז ער וואַרטן, האָבן געדולד. אַזאַ מיידל קען מען נישט אַזוי לײַכט געווינען. כאָטש מיט לעם מייער קען ער זיך צו יעדער צײַט פאַרמעסטן. וואָס אַזוינס גיט ער איר, לעסלי? ער איז טאַקע זייער רײַך, ער איז אָבער אַן אויסגעלאָשענע לאָמ־טער. אויסער דער מיט ווײַדנפעלד האָט ער דאָ, א ן היי־היל, קיין איין מיידל נישט געהאַט!

האָט ער געשוויגן, סעם קאופמאַן, און געדולדיק געוואַרט. אויף דער מוטער האָט ער געהאַט אַ בייז האַרץ. ער ווענדט אָן אַלע מיטלען און זי יאָדעט אים נאָך, וואָס ער נעמט נישט די דאָקטאָרין צו זען אַ מווי, פאָרן מיט איר אויף „אַ רײַד" אין "לאָווערס־ליין".

דאָס אָפטע קלינגען צו א ר האָט אים געגעבן אַ געפיל אַז ער האָט אַ פאַרמעסט מיט דער דאָקטאָרין אין געדולד, אין אויסדויער, ווער עס וועט וועמען בײַקומען. זי — אים מיטן אָפּלייגן, אָדער ער — זי מיטן וואַרטן און דערמאָנען.

צו מאָל האָט ער זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין: ער, סעם קאופמאַן, יאָגט נאָך אַ מיידל, צו האָבן אַ באַשטעלונג מיט איר און זי ווי ל נאָך נישט! ווי איז דאָס מעגלעך? מיט סעם קאופמאַן זאָל אַ מיידל נישט וועלן גיין?

נישט וויסנדיק האָט ער זיך דאָ אַרײַנגעטריבן אין אַ פאַרמעסט מיט זיך אַליין. פון איין זײַט האָט דער שטאָלץ זיינער, דאָס ביסל מענטשלעכע ווירדע, אים געטר בן צו טאָן זי אַ מאַך־אַוועק מיט דער האַנט: „טו העל וויט העראָ! (גייט זי צום טײַוול!) פון דער אַנדערער זײַט אָבער האָט דער מענ־לעכער שטאָלץ, סעם קאופמאַנס שטאָלץ, נישט געלאָזט אים אויפגעבן דעם פאַרמעסט. ער, סעם קאופמאַן, דער הערצער־ברעכער בײַ אַזוי פיל מיידלעך, ער וועט אַוועק פון אַ מיידל מיט אַ צעבראָכן האַרץ?

אָנגעהויבן זיין באַקאַנטשאַפֿט מיט איר האָט ער טאַקע אויף אַ שפּאַס, אָבער וואָס לענגער ער האָט זי געקענט, אַלץ מער האָט זיין האַרץ אים גע־צויגן צו דער דאָקטאָרין. גראָד די אַנדערשקייט אין אַ ר אויסזען, אין איר אָנטאָן זיך, וואָס דעם ערשטן אָוונט ביי זיי אין הויז האָט עס אַרויסגערופֿן אין אים אַזאַ ביטול צו איר, אַפֿילו אַ חוזק, אָט די אַנדערשקייט האָט אים אַלץ מער אָנגעהויבן אימפּאָנירן, רייצן, וועקן אין אַ ם נייגיר צו דעם רעפּיודזשי־מיידל. און טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק געווען, איז גאָר דער „סטאַר־העראָלד" אַרויס מיט אַזאַ באַשרייבונג וועגן איר און, מיט איין מאָל, איז זי געוואָרן אַ „דיגניטאַרי", איינע פֿון דער העכערער געזעלשאַפֿט אַ ן שטאָט! די מוטער זיינע איז גערעכט. אַזוינס צו דערגרייכן מוז מען זיין „עי סאָמבאָדי"! „עי פּערסאָנאַליטי"! וועט ער אַזאַ מיידל אַזוי לייכט אויפֿגעבן? און צו וועמען? צו לעפּ מייער? ווער, צום טייוול איז דאָס דער לעם מייער? וואָסי? זיין זיידע, דער אַלטער מייער, איז געקו־מען אין היי־היל פֿריִער, נאָך אין 1848? „ביג־שפּיל"! וואָס נאָך? ער איז רייך, לעסלי? איז ער, סעם, יונגער! און ביי פֿרויען נעמט אויס ער, סעם קאָופּמאַן, נישט לעם מייער!

מיט איר כּסדרדיק אַפּליגן דאָס ווידערזען זיך מיט אים איז דערוויי־ל אַוועק דער ווינטער און מיטן ווינטער זענען אויך אַוועק פֿון אים די אָנגע־שטאַנגענע צערטלעכקייטן צו אַ ר, די איידעלע דערוואַרטונגען, וואָס פֿריִער האָט ער גאָר פֿון זיי נישט געאַנט. דאָס טראַכטן אַז טאָג־טעגלעך איז די דאָקטאָרין אויף די וועגן, אַליין אין אַ קאַר מיט האַארד דזשייסאַן, אַ ווייבער־ניק מערער נאָך פֿון אים, סעמען, דערצו נאָך שלעפּט זי זיך אין די שבת־אָוונטן אַרום מיט לעם מייער, פֿאַרט מיט אים קיין באָסטאָן צו קאָנצערטן, אין די טעאַטערס און ווער ווייסט ווען זיי קומען צור ק, צי זיי בלייבן נישט דאָרטן איבער נאַכט אין אַ האָטעל? אָט דאָס אַלץ האָט ביסלעכווייז אַראָפּ־געווישט אין זיינע אויגן דעם אויסגעטרוימטן הויך פֿון איר יונגפֿרוילעכקייט, דעם אויסגעחלומטן שלייער פֿון איר יונגמיידלשער אומשולד.

אין אָנהייב, אין די ערשטע עטלעכע מאָל, וואָס ער האָט זי געהאַט לעבן זיך אין קאַר, געזעסן מיט איר אין די טונקלקייטן פֿון אַ מוווי־טעאַטער, האָט נאָך די אַליין אויף זיך אָנגעהויבטע שעמעוודיקייט, די אַליין אויף זיך אַרויפֿ־געצוווּנגענע נישט דרייסטקייט, אַ ם געהאַלטן אין צוים, נישט געלאָזט אים פּרוּוון אָנרירן אירס אַ האַנט, זיצן לעבן איר צו נאָנט, ווי עס איז זיין שטייגער מיט די שיקסלעך. איצט אָבער, נאָך די לאַנגע בענקענישן און נאָכטראַכטענישן וועגן איר אַרומשלעפּן זיך מיט אַנדערע, האָט די אַרויפֿגעצ־וווּנגענע געהאַמעוועטקייט נאָכגעלאָזט, צעגאַנגען און דער איינגעבוי רענער הפֿקר איז צוריק אין אים קאַפּויער געקומען. ער האָט שוין איצט נישט

ב. דעמבלין

געקענט זיצן מער מיט איר אין די מגווים רויִק, האָבן זי בײַ נאַכט אין זײַן „שעווי" ערגעץ אויף טונקעלע וועגן און — גאָרנישט, זיצן ווי צוויי אַלטע לייט און פּלאַפּלען. וואָס, צום טײַוול, איז זי? אַ הייליקע מאַדאָנע? אַן אומשולדיק מיידעלע?

האָט ער זיך ביסלעכווײַז גענומען פּרוּוון אַ וועגל, איינס פֿון סעם קאופמאַנס וועגעלעך. פּאַוואָליע האָט ער, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, אין מיטן פֿירן די קאַר, אַראָפּגענומען די רעכטע האַנט פֿון רעדל און אַ צערטל געטאָן איר האַנט, די לינקע, אַזאַ ווײַס־לויכטנדיקע אין איר שויס.

די דאָקטאָרין, אויפֿן פֿראָנטזיץ לעבן אים, זי איז גראָד געווען וואַך אויף דער עקסקורסיע וואָס זײַן האַנט מאַכט דאָ. זײַטיקלעך האָט זי גע־האַלטן אַן אויג אויף איר: וואָס איז זי, די האַנט זײַנע, מיט איין מאָל געוואָרן אַזוי אומרויִק? אַזוי אַרומלויפֿנדיק?

ווי דערווײַדער עס זענען איר געווען די רייד זײַנע, אַזעלכע קלוגיטשקע, באַנאַלע, וואָס מיט זיי האָט ער געזוכט זי אונטערצוהאַלטן, אַזוי מערער נאָך זענען איר געווען עקלדיק זײַנע גלעטן און צערטלעכישן. זי איז גענוג דער־וואַקסן ניט צו וויסן וואָס עס מיינען ביי מענער, ווי סעם קאופמאַן, אַזעלכע פֿאַרויסלויפֿעכישן פֿון זייערע הענט. אָט די פֿאַרויסלויפֿעכישן זײַנע מוז זי פֿאַרמײַדן, אָפּשטעלן זיי איידער זיי צעשפּילן זיך אין ערנסטע געיעגן.

ווי דאָס גיין און פֿאָרן מיט דעם סעמען איז פֿאַר איר אַן אָפּקומעניש, וואָס זי וואָלט גערן זיך וועלן באַפֿרײַען דערפֿון, קען זי דאָס אָבער נישט טאָן. אים אַליין, דעם סעמען, וואָלט זי גראָד גאַנץ לײַכט געקענט זאָגן: מ"ר קאופמאַן, צו וואָס? ער זעט דאָך, קריגן בײַ איר, וואָס ער זוכט און קריגט אַזוי לײַכט בײַ זײַנע שיקסלעך, וועט ער דאָך נישט, צו וואָס זשע גיט ער אויס געלט און פֿירט איבער זײַנע שבת־אָוונטן אויף איר? קען זי דאָס אים נישט זאָגן דער מוטער צוליב. גענוג באַרעדט מען זי דאָ אין שטאָט. גענוג ליגנס האָט מען שוין דאָ אויסגעטראַכט און פֿאַרשפּרייט וועגן איר. ווי עס איז איצט קען זי שוין נישט אָטעמען אין דעם הײַ־היל, זאָל זי נאָך מיט דעם סעמען איבערגײַסן און צוליב דעם נאָך אויפֿרייצן אויף זיך אויך די מר"ס קאופמאַן, מעג זי זיך אײַנפּאַקן און פֿאַרלאָזן די שטאָט! מוז זי דעריבער האָבן געדולד. ביסלעכווײַז וועט דער יונג דאָך מוזן אײַנזען, אַז זײַן טרעפֿן זיך מיט איר האָט נישט קיין זין, אַז ער קען בעסער פֿאַרברענגען די צײַט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון זײַנע שיקסלעך.

האָט זי דאָס איצט, נאָך אַזוי פֿיל חדשים זי פֿאַרפֿאָלגן, ווידער אָנגענומען זיין אײַנלאַדונג. געוואָלט האָט ער זי זאָל גיין מיט אים אין אַ טאַנצזאַל טאַנצן, האָט זי דאָס נישט געוואָלט. טאַנצן מיט סעמען? זיין נאָענט צו אים? זי האָט שוין דאָס איין מאָל פֿאַרזוכט! איז איר געלונגען אים צו־

צורעדן פֿאָרן זען אַ בעסערן פילם: „גוד ביי מ״ר טשיפּס״, וואָס איז גראָד געוויזן געוואָרן אין אַ דערביייִק שטעטל.

געוויס זעט זי איצט איין אַז דאָס איז געווען אַ שוואַכקייט אירס. זי האָט דאָך שוין געוווּסט אַז דער סעם, ווי נאָר ער איז אין דער טונקל מיט איר, אָדער מיט יעדער אַנדער פרוי, פֿאַרלאָזן אים די אויבנאויפּיקע געהאַ־מעווּעטקייטן זיינע און ער הייבט גלייך אָן ווערן פֿריי און דרייסט מיט זיינע הענט. זי האָט דאָס אַלץ טאַקע געוווּסט, אָבער וואָס זאָל זי טאָן אַז די שוואַכקייט אירע, דאָס נישט וועלן זיין אין קידער־ווידער מיט מענטשן, דערצו נאָך מיט יענע, וואָס האָבן איר גוטס געטאָן, ספּעציעל מיט די קאָופּ־מאַנס, אַז אָט די שוואַכקייט אירע איז געווען שטאַרקער פֿאַר דעם ווידערווילן צו סעמען און זי איז ווידער איינגעגאַנגען צו פֿאַרברענגען אַן אָוונט מיט אים.

ס׳רעדט זיך אַזוי פֿאַרברענגען אַן אָוונט, זען מיט אים צוזאַמען אַ פילם. אין דער אמתן איז דאָס באַלד אין אָנהייב געוואָרן אַ געפּעכט צווישן איר און אים. שטאָט קוקן אויפֿן עקראַן, זענען ביידע, אין דער פֿינצטערקייט פֿון טעאַטער, געווען פֿאַרנומען אין איין לאַנגן פֿאַרמעסט. ער, סעם, אין כּסדרדיקן אָנגריף און זי — אין כּסדרדיקן אָפּוועַר. ער האָט אַלע מאָל אויף ס׳ניי געפּרוּווט נעמען איר האַנט אין זיינער און זי האָט אַלע מאָל אויף ס׳ניי זיין האַנט אָפּגעשטופּט און אירע צוריקגעצויגן צו זיך אין שויס.

געוויס, זי האָט געקענט זיך אויפֿשטעלן און פֿאַרלאָזן דאָס טעאַטער אין מיטן ווייזן דאָס בילד. וואָלט דאָס אָבער געמיינט אַ ריס מיט די קאָופּמאַנס און דאָס האָט זי געוואָלט מיט אַלע אירע כּוחות אויסמיידן. איז זי מיט אים אויסגעזעסן ביזן סוף און געמיינט אַז איצט, אַ באַליידיקטער, פֿאָרט ער מיט איר גלייך צוריק אין היי־היל. צום סוף נאָר האָט ער, ביים אַרויס־קומען פֿון טעאַטער, איר פֿאָרגעלייגט:

— אפשר וויל זי מיט אים פֿאָרן אין אַ „דיינער״ כאַפּן אַ ביים ?

— ניין, אַ דאַנק. זי וויל פֿאָרן אַהיים.

זענען זיי אַריין אין קאַר אין אַ שטיל־שווייגעניש, איינע פֿון יענע שווייגענישן, וואָס זידן, קאָכן און ברעכן דאָך אויס מיט אַן אויפֿרייס.

ניין, ער סעם, האָט איצט ניט געפּרוּווט נעמען איר האַנט אין זיינער. ער האָט געהאַלטן ביידע הענט אויפֿן רעדל, געקוקט אַ פֿאַרביסענער דורך דער שויב אין דער פֿינצטערער נאַכט אַריין, ווי די קאַר לויפֿט אין ווילדער גיכקייט, שלינגט דאָס ביסל שוואַכע באַלויכטעניש פֿון דעם בעטאָנוועג און יאָגט אין די פֿינצטערע ווייטקייטן אַריין.

זי האָט געפֿילט אַז נישט בלויז זיין קאַר, נאָר מיט דער ווילדער גיכקייט לויפֿט איצט אויך זיין האַרץ. פֿון איין זייט די טיפֿע באַליידיקונג, איר כּסדר־דיק אָוועקשטופּן זיין האַנט, דאָס אָפּוואַרפֿן זיין יעדער צערטלעכקייט, פֿון

דער אַנדערער זײַט דער לאַנג געהאַמעװעטער באַגער צו איר, אַ רױער, תּאװהדיקער באַגער, װאָס ער האָט אַזױ לאַנג זיך געמיט אים אײַנצוהאַלטן, דורכצװלײַיטערן אים דורך דעם ביסל אײדעלע, פֿון פֿאָטער־געירשענטע שע־מעװדיקײט, װאָס געװײנלעך מערקט מען דאָס גאָרנישט אָ ן אים און נאָר צו איר, דער דאָקטאָרין, האָט די קוים־שלומערנדיקע אײגנשאַפֿט זיך דורכ־געריסן דורך אַלע זײַנע אײַנגעבױרענע, פֿון דער מוטער־איבערגענומענע אָראַ־גאַנצן און גראָבקײטן, אַט די בײדע כּוחות האָבן איצט געזאָטן אין אים, געזאָטן ביז זײ האָבן אים פֿאַרגאָסן דעם מוח, װאָס אַט־אַט און ער װעט מיט דער קאַר אַרײַנקראַכן אין אַ בו ם, אין שטאָלענעם שפּאַליער בײַם ברעג װעג און בײדע װעלן זײ אַראָפּגעשלײדערט װערן אין װעלכער טיפֿעניש, אין װעלכן זומפּ אַרײַן.

ער האָט געשיקט אַ דרײ געטאָן דאָס רעדל, די מאַשין איז אַראָפּ פֿון געפֿלאַסטערטן װעג, געבליבן שטײן אין דער פֿינצטער אױף װײך גראָז. דער מאָטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט, אױסגעלאָשן די ליכטער, שטיל, פֿינצטער!

— װאָס איז דאָס? סעם!

— גאָרנישט, גלאַט אַזױ, האָט ער דורך דער פֿינצטער געשמײכלט און איר געװיזן אַ מױל װײַסע, תּאװהדיקע צײן.

אָן אַנדער מײדל אױף דער דאָקטאָרינס אָרט, װאָלט געװיס געװאָרן אױף טױט דערשראָקן, אָבער ניט זי, נישט העלענאַ זײַדנער. זי איז נישט עפּעס דאָרט אַ היסטעריש שולמײדעלע, װאָס נעמט שרײַען, רופֿן הילף. גאָרנישט קען אַ מאַן בײַ איר אױספֿירן, אױב זי װיל דאָס נישט!

— סעם, האָט זי גערעדט צו אים רויִק, — מאַך זיך נישט לעכערלעך. לאָז דעם מאָטאָר און לאָמיר פֿאָרן אַהײם.

— איך פֿיל זיך דאָ גאַנץ גוט, האָט ער איר געענטפֿערט שמײכלענדיק, אַזױ רויִק אַרױסרופֿעריש און כּסדר זי געשטאָכן מיט דעם מױל װײַס־שטשי־רענדיקע צײן.

— סעם, איך װעל פֿאַרלאָזן די קאַר און אַלײן גײן אַהײם.

— נײן, דו װעסט נישט.

— סעם, דו קענסט מיך נישט. איך װעל דאָס טאָן, בעסער לאָז דעם מאָטאָר און לאָמיר פֿאָרן.

— ס'איז װײַט און ס'איז פֿינצטער. קענסט נישט גײן אַלײן אַהײם.

— סעם, איך קען דאָס יאָ!

— איך װיל זען זאָלסט װאַגן אַלײן איצט צו גײן אַהײם!

זי האָט געטאָן אַן עפֿן די טיר. אין דער זעלבער רגע האָט ער זי געטאָן אַ כאַפּ אין זײַנע אָרעמס, מעכטיקע װי פֿון שטאָל, און מיט זײַן גאַנצן כּוח, מיט דער גאַנצער אָנגעגליטער, ביז איצט געהאַמעװעטער תּאװה, זיך אײַנ־

געבּיסן אין אירע ליפּן, אין איר האַלדז און אַקסלען, אין איר גאַנץ לײַב און לעבן.

ניין, זי האָט נישט געשריגן, נישט גערופן נאָך הילף, נאָר מיט אַלע אירע כּוחות זיך געווערט, זיך געראַנגלט מיט אים, געשלאָגן אים אין קאָפּ, אין די אויגן מיט אירע פויסטן און דערבײַ געריסן איר פּנים אַוועק פון זײַנעם, אַוועק פון זיין שטשירעדיקן פּיסק, אַוועק פון דעם עקלדיקן גערוך זײַנעם, אַ גערוך פון אַן אויפגעהיצטן, צעיושעטן חזיר. און אַז זי האָט ענדלעך זיך אַרויסגעקראָגן פון זײַנע הענט און אָרעמס, האָט זי אים ערשט דער־לאַנגט אַ פּלאַם צווישן זײַנע קוקערס און אַליין איז זי אַרויס פון זײַן קאַר אין דער פינצטערער נאַכט אַרײַן.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

ווי ווייל זי האָט נאָר וואָס, ביים פּאַרלאָזן זיין קאַר, צוגעזאָגט דעם ד"ר דזשייסאָן אַז אין דריי פּערטל, העכסטנס אין אַ שעה אַרום וועט זי זיין אָנגעטאָן, גרייט צו פּאָרן מיט אים צום „דינער" אין זיין הויז, איז זי דאָך געזעסן ביי איר ביוראָטיש אומבאַוועגלעך, דעם קאָפּ אין די הענטפּלאַכן, אַ פאַרזונקענע אין געדאַנקען, און גאָרניט געטראַכט אַז זי דאַרף ערגעץ גיין, אַז באַלד וועט דזשייסאָן קומען נאָך איר, זי זאָל מיט אים פּאָרן אויף אַ צונויפקום מיט מענטשן.

עס איז געווען זונטיק אין דער פרי. קיין אָפּיס־שעהען זענען איצט נישטאָ. אין דרויסן שיינט די זון. בלענדט מיט ליכט, נאָר דאָ, אין איר ביוראָשטוב, הינטער די אַראָפּגעצויגענע ראָלעטן, שוואַרצלעך בלויע, הויערט אַ שטילע האַלב־טונקלקייט. אויף אַ שויב זשומעט אַ פליג, האָוועט איבער די אַריינגעפאַלענע פאַסמעס זונליכט, וואָס ציען זיך ווי גאָלדשטרויען איבערן דיל, איבער דער וואַנט, אַרויף צו אַ ווינקל אין סופיט.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען און אויפגעהערט, ווידער געקלונגען און ווידער אויפגעהערט און זי האָט אַלץ נישט אונטערגעהויבן דאָס טרייבל צו הערן ווער עס קלינגט, צי מ'רופט זי נישט אַ מאָל צו אַ שווער קראַנקן, וואָס ליגט ערגעץ און וואַרט אויף איר הילף, אויף איר רעטונג.

שטאָט דאָ, אין איר ביוראָ, האָט גאָר דער דמיון אירער אַרומגעוואַנדערט איבער די פּוסטע פעלדער פון זבאַנזשין, ערגעץ צווישן פּוילן און דייטשלאַנד, דערביי איז דער בליק אירער געווען אָנגעהאָפטן אָן דעם בריוו אין העל בלויען קאָנווערט, אַ באַשטעמפּלטער מיט שוואַרצע, דיקע שטעמפּלען איבער די פּאָסטמאַרקעס, רויטע, מיט דעם ווייסן, פּוילישן אָדלער איבער זיי.

ווי פאַרזאָרגט און באַטריבט זי איז די גאַנצע צייט פון איר זיין דאָ, אַזוי איז זי אין די לעצטע עטלעכע טעג, זינט זי האָט דערהאַלטן דעם בריוו, שוין אין גאַנצן צעמישט, צעטראָגן, אַז זי ווייסט שוין גאָרניט וואָס ווייטער צו קלערן. לויט דער דאַטע אויף די פּאָסטשטעמפּלען און די, וואָס אינעווייניק, איז דער בריוו געווען אין וועג איבער זעקס חדשים.

אַ רעפּיודזשי אין ניי־ענגלאַנד

געשריבן דעם בריוו האָט דער פֿאָטער, ווי שטענדיק אין זײַן דײַטש, וואָס איז שלעכטער יִידיש נאָר מיט לאַטייניש אותיות. ער לאָזט איר וויסן די גוטע נייעס, אַז נאָך וואָכן־לאַנגע ארומוואַלגערנישן, נאָך אומאויפהער־לעכן טרײַבן זיי הין און צוריק, פֿון דער פּוילישער זײַט צו דער דײַטשישער, פֿון דער דײַטשישער ווידער צוריק צו דער פּוילישער, אַז נאָך די אַלע ליידן האָט „דער ליבער הער גאָט" דאָך געהאָלפֿן און „פֿאַר פֿיל געלט", האָט זיך די גאַנצע פֿאַמיליע אַרײַנגעקראָגן אין פּוילן. איצט זענען זיי „גאָט זײַ דאַנק" אין לאָדזש, אויפֿן באַלוט, אויב זי געדענקט די געגנט. עס איז געגנוי די זעלביקע גאַס, ווו זיי האָבן געוווינט ווען זי איז געווען אַ קליין מיידעלע, איידער ער, דער פֿאָטער, האָט אין ערשטן וועלטקריג אויסגעוואַנ־דערט „נאָך דויטשלאַנד".

בלויז אונטן, בײַם ענד פֿון בריוו, שרײַבט איר די מוטער צו אין איר יִידיש מיטן גרויסן שריפֿט: „טײַערע חנהלע. אַלץ וואָלט שוין געווען גוט ווען דער „ליבער הער גאָט" העלפֿט איר און אויך זי, העלענאַ, וואָלט געווען צוזאַמען מיט זיי אין דער היים.

וואָלט דאָך דער בריוו געדאַרפֿט זיין פֿאַר איר אַ טרייסט. זיי זענען נישט מער ערגעץ אויף די פּוסטע פֿעלדער, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. איז אָבער דער בריוו געשריבן מיט זעקס חדשים צוריק. ווו זשע זענען די על־טערן איצט? פֿאַר וואָס איז דער בריוו געווען אַזוי לאַנג אין וועג? און פֿאַר וואָס הערט זי מער גאָרנישט פֿון זיי? און וואָס וועט פֿון זיי ווערן אין פּוילן, ווען היטלער וועט דאָרטן אַרײַן? לויט דער ראַדיאָ, לויט די קעפּ אין די צײַטונגען, קען דאָך דאָס געשען יעדן טאָג!

דער טעלעפֿאָן האָט זיך ווידער צעקלונגען. זי האָט ענדלעך אויסגע־שטרעקט די האַנט. רופֿט מען זי צו אַ קראַנקן? קלינגט דאָ דזשייסאָן? אפֿשר לאָזן אַ צעטל אין טיר, זיך אַנטשולדיקן, זי האָט געמוזט אוועק צו אַ פּאַציענט?

זי האָט בלויז אַזוי געטראַכט, געהאַלטן די האַנט אויסגעשטרעקט אָבער נישט געוואָגט צו נעמען דאָס טרײַבל צום אויער, טאָמער איז עס זי, נעללי דזשייסאָן. עפּעס אַזוי כּסדר לעצטנס. מיט יעדן טאָג ווערט איר אַלץ שווערער דאָס באַגעגענען זיך מיט דער נעללי. זי ווייסט, די דאָקטאָרין, אַז זי מוז אָנהייבן אויסמײַדן דזשייסאָנען. זי האָט אָבער נישט דעם כּוח און אויך נישט די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן. יעדער מאָל, נאָכן פֿאַרלאָזן זײַן קאַר, זאָגט זי זיך: נישט מער! ביז זי וועט זיך אויסלערנען פֿירן און זיך קויפֿן אַן אייגענע מאַשין, מוז זי געפֿינען עפּעס אַן אַנדער קאָמו־ניקאַציע־מיטל און נישט פֿאָרן מער מיט אים אין האָספּיטאַל אַרײַן. זי ווייסט, אַז דאָס זײַן מיט אים טאָג־אײַן און טאָג־אויס אין זײַן קאַר וועט

צו קיין גוטס נישט פֿירן. האַרד דזשייסאָן איז אַ קריסט, אַ פֿאָטער פֿון דרײַ קינדער, דער מאַן פֿון אַ ליבער, טײַערער פֿרוי, דערצו נאָך איז ער אַ טעמפּעראַמענטפֿולער מאַן. זי ווייסט, אַז ער װענדט אָן אַלע זײַנע כּוחות זיך נישט צו פֿאַרלירן, צו באַהערשן זײַנע דראַנגען צו איר, נישט צו מאַכן לעבערלעך זיך און זי.

ניט איין מאָל, זיצנדיק לעבן אים אין מאַשין, טוט זײַן קערפּער פּלוצעם אַ דרינגע אויף, אַ ציטער אַזאַ, וואָס גייט אים דורך איבערן לייב. זי איז אַ דאָקטאָר און שוין נישט קיין קינד, זי ווייסט וואָס דאָס מיינט און, אינ־סטינקטיוו, רוקט זי זיך אָפּ פֿון אים. אָבער ווי לאַנג קען אַזעלכעס אָנ־האַלטן? טייל מאָל, אפֿשר גאָרנישט טראַכטנדיק, לייגט ער אַזוי לײַכט אַרויף זײַן האַנט אויף איר קני, באַלד אָבער, ווי נאָר ער כאַפּט זיך, אַז זי מערקט דאָס, נעמט ער גלײַך די האַנט צוריק צום רעדל.

איר ווערט אומהיימלעך פֿון דעם, אין צווייען אומהיימלעך, פֿון איין זײַט איבער זײַן אומרויִקייט, פֿון דער אַנדערע זײַט דאָס וויסן, אַז זי וויל נישט זײַן נאָענטקייט בלויז מיטן פֿאַרשטאַנד, אַז זי רוקט זיך אָפּ פֿון אים בלויז ווייל עס שרעקן זי די פֿאָלגן, די קאָנסעקווענצן פֿון אַ דערנענטערונג צווישן אים און איר, אַז מיטן האַרץ גאַרט זי גראָד יאָ צו זײַן לעבן אים, צו פֿילן דעם הויך פֿון זײַן אָטעם איבער איר געזיכט, די וואַרעמקייט פֿון זײַן באַריר אויף איר לײַב.

און נישט ווייניקער פּײַנלעך איז איר דאָס וויסן אַז ווי לאַנג זי איז מיט אים אין זײַן קאַר, איז זי אין אַ געהויבענער שטימונג, געדענקט זי גאָרניט אָן די שוועריקייטן אירע דאָ, אָן די שוידערן פֿון די היטלערלייט אין אייראָפּע, אָן דעם גורל פֿון אירע עלטערן אין זייער וואָגל. זי לאַכט און שטיפֿט ווי עס וואָלטן גאָר קיין זאָרגן אויף דער וועלט נישט געווען, אָט, ווי הײַנט אין דער פֿרי, בײַם לערנען זי צו פֿירן די מאַשין. בלויז אין פֿראָנט פֿון זייער הויז, איז איר דאָס געלעכטער געבליבן שטעקן אין קעל, די פֿרייד איז מיט איין מאָל אויסגערונען פֿון איר און דער טרויער האָט זיך צוריק אומגעקערט, זי צוריק אַרײַנגענומען אין זײַנע קלאַמערן, די קאַלטע און דריקנדיקע.

אָבער וווּהין וועט דאָס פֿירן? נעלי שווײַגט. אַן אײדעלע, אַ שטילע פֿרוי, שווײַגט זי. אַנדערע אָבער שווײַגן דאָך נישט! זי ווייסט וואָס אַלע די זשאַזעפֿין קימבי רעדט אויס אויף איר. וואָס אַלץ עס זאָגט וועגן איר עוועלין, דעם לאָיער דאָדלים צעטראָגן ווײַב, וואָס קען מיט איר פּוסט און לויז מויל אָנצינדן אַ פֿײַער פֿון דער הוילער לופֿט.

און אַ פֿײַער אין שטאָט ברענט דאָך שוין נישט פֿון הײַנט. פֿון אָנהייב אָן ברענען דאָך די ייִדישע ווײַבער אויף איר פֿאַר איר מינדסטן טראָט.

אַ רעפּיודזשי אין נײַ־ענגלאַנד

איצט ברענט מען אויף איר וואָס זי האָט זיך דערנענטערט צו די קריסטן. וואָס דען האָט זי געזאָלט טאָן? איין גאָט ווייסט ווי זי האָט נישט געוואָלט זיך דערווײַטערן פֿון דער ייִדישער קאָמיוניטי. אַ שטיק צוליב דעם האָט זי זיך דאָך געקלאַמערט, זיך איינפֿאַך געוואָרפֿן אין די אָרעמס פֿון דעם הער מייער און אויך ער האָט זיך דאָך פֿון איר דערווײַטערט. ווי זיינע „האַלב פֿאַרזיקטע״ שוועסטער אין זייער אָפּגעשלאָסנקייט, איינע מיט אירע הינט און די אַנדערע מיט אירע וווּלגאַרע סטאַטועז, אַזוי איז אויך ער אָפּגעשלאָסן אין די אָוונטן אין זײַן יאַכטשיפֿל, אין זײַן הויז, אָן דעם לעבעדיקן אָטעם פֿון נאָך אַ מענטשן.

איז דאָס איר שולד? און איז עס איר שולד, וואָס די ייִדישע ווײַבער אין היי־היל האָבן זי, גלײַך פֿון אָנהייב, שוין נישט געלאָזט צו רו, וואָס נאָר זיי האָבן געוואָלט מאַכן פֿון איר אַ הילפֿלאָז יתומהלע, יעדע איינע פֿון זיי זאָל קענען איר אָפּווישן ס׳נעזל, אויסצוואָגן איר דאָס קעפּל. ווען נישט דאָס וואָלט דאָך אַלץ געווען גוט. זי איז דאָך געקומען צו די קאָמיוניטי־מיטינגען, אויך צו טייל פֿון זיי אין זייערע היימען איז זי דאָך געגאַנגען, כאָטש זי האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן נישט דאָ און נישט דאָרט און אויך נישט וואָס מיט די מענטשן צו רעדן.

ערגער נאָך איז אָבער איצט. זינט זי האָט אויסגעפּאַטשט דעם סעם קאַופֿמאַן איז דאָס פֿײַערן קעגן איר געוואָרן נאָך שאַרפֿער. קיינער פֿרעגט זי נישט און קיינעם אַרט נישט פֿאַר וואָס זי האָט דאָס געטאָן. זיי גייט נישט אָן וואָס דער יונג האָט זיך אויפֿגעפֿירט קעגן איר אַזוי פּרעך, אַזוי געמיין. ביי זיי איז זי, די רעפּיודזשי, די שולדיקע.

אויך די מר״ס קאַופֿמאַן, וואָס די גאַנצע צײַט האָט זי זיך אַרויסגעשטעלט פֿאַר אַ נאָבעלער פֿרוי, וואָס פֿאַרטיידיקט זי קעגן די באַרעדערינס, וואָס מיינט בלויז איר, דער נײַ־געקומענערס גוטס, אויך זי האָט זיך איצט פֿאַראייניקט מיט דער מר״ס אייכנבוים, וואָס אַליין איז זי אַ געמיין און וווּלגאַר שטיק און ביידע צוזאַמען שרײַען איצט, אַז זי, די רעפּיודזשי, איז אַן אויסגעלאַסענע מויד, אַז מ׳טאָר זי נישט אַרײַנלאָזן אין קיין ייִדיש הויז.

געוויס ווייסט זי פֿאַר וואָס די מר״ס קאַופֿמאַן פֿײַערט אַזוי אויף איר, וואָס איר טוט אַזוי וויי. אַ מאַמע, האָט זי געוואָלט פֿאַרהיטן איר זינדל, אויף גיך נעמען זי פֿאַר אַ שנור, איידער דער יונג פֿאַרשלייערט זיך צו וועלכן שיקסל. אַז דאָס האָט זיך דער מאַמען נישט אײַנגעגעבן, איז זי, די גרינע, די רעפּיודזשי שולדיק. מעג זי, די מאַמע, צוליב דעם זיך פֿאַראייניקן מיט דער מר״ס אייכנבוים, מיט דער מר״ס גאָלדשטיין און ווי נאָך זיי הייסן דאָרטן די אַלע מיסטרעס און צוזאַמען אויסטראַכטן און פֿאַר־

כ. דעמבלין

שפּרייטן אויף איר אַ בלבול אַז זי גייט זיך שמדן, אַז זי רעדט אָפּ דעם דאָקטאָר דזשייסאָן פון וויַיב, זי זאָל קענען מיט אים חתונה האָבן!

געוויס וואָלט זי איצט געדאַרפט איבעררייַסן אויך מיט די קריסטן. מיט וועמען אָבער וועט זי זיך דערנאָך צוזאַמענקומען? אַ מענטש קען דאָך נישט אַלע מאָל זייַן אַליין. מ'מוז דאָך מיט עמעצן פאַרברענגען און אָוונט, אויסרעדן צו וועמען אַ וואָרט. און אַז זי וועט איצט נישט גיין צו דעם „דינער", וואָס וועט זי מיט דעם דערגרייכן? אויך זי, נילי דזשייסאָן וועט זיך פילן באַליידיקט. און וואָס וועלן טראַכטן וועגן איר די אַנדערע פאַרבעטענע דאָרט? און העלפן וועט עס דאָך נישט. דער איבעררייַס צווישן איר און ד"ר דזשייסאָן טאָר נישט קומען אויף אַזאַ אומגעלומפּערטן וועג. ביז זי וועט זיך נישט אויסלערנען פירן און נאָך דעם זיך קויפן אַן אייגענע קאַר, מוז זי פאָרן מיט אים אויף אירע וויזיטן אין האָספּיטאַל.

זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן געלענק-זייגערל. מייַן גאָט! אין פופצן מינוט אַרום קומט דאָקטאָר דזשייסאָן און זי האָט זיך נאָך צומאָל נישט געבאָדן!

זי איז גיך אַריין אין שלאָפצימער, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס אָנטועכץ, געכאַפּט אויף די אַקסלען דעם שלאָפראָק און שוין איז זי געשטאַנען אונטערן דוש אַ פרייִדיקע, אַ זינגענדיקע, ווי עס האָבן געזונגען די רוישיקע וואַסערשפּריצן אויף איר יונג, צעהיצט לייַב.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

חנוכּה איז אַריבער, ס׳איז געקומען פּורים, דערנאָך — פּסח. ס׳איז אוועק שבֿועות, ס׳איז שוין שפּעט אין זומער און דער קריג קעגן דער רע־פּיודזשי־דאָקטאָרין הערט אַלץ נישט אויף. פאַרקערט, מיט יעדן טאָג ווערט ער נאָך שאַרפער און גאָר פאַרשאַרפּט איז ער געוואָרן טאַקע אויף יענער חנוכּה־פּאַרטי.

נאָך דעם שאָק פון דער דאָקטאָרינס פאַרלאָזן דעם קאָמיוניטי־מיטינג, איז צווישן עולם אין שולכל אָנגעשטאַנען אַזאַ געטומל, אַזאַ אויפרעגונג אַז וויפל דער פּרעזידענט, מ״ר קאַופמאַן, האָט געקלאַפּט מיטן פּאַרזיץ־האַמערל אין טיש אַריין, האָט ער אַלץ נישט געקענט איינשטילן דעם עולם, ס׳זאָל אים מעגלעך זיין צו דערפירן דעם מיטינג צו אַ סוף.

— „לײדיס ענד זשענטלמען״, האָט ער זיך געבעטן ביי די פאַרזאַמלטע, — „מיר האָבן אַ וויכטיקע ביזנעס צו פאַרהאַנדלען״.

— טאַקע וועגן די ביזנעס גייט עס! — האָבן די אויפגערעגטע שטימען פון צווישן עולם איבערגעשריגן דעם פּרעזידענט.

מ״ר קאַופמאַן, אין זיין גאַנצער הייך אויבן אָן פון טיש, האָט אַ וויילע געשוויגן, געפירט דעם בליק איבער דער פאַרזאַמלונג, ס׳איז שוין איצט נישט געווען מר״ס אייכנבוים אַליין וואָס האָט געשריגן, געליאַרעמט. ווי זי, אַזוי האָבן זיך אויך נישט געוואָלט איינשטילן מ״ר גאָלדשטיין, מ״ר וואַלד־מאַן, מר״ס גליקסאָן:

— מ״ר פּרעזידענט, האָט דער מ״ר גאָלדשטיין זיך געקאָכט, — איך זאָג, אַז מיר זאָלן שוין אָפּשטעלן דעם קאַמפּיין. מיר זענען נישט קיין „סאַקערס״! פאַר וועמען גייען מיר זאַמלען געלט? פאַר רעפּיודזשים ווי די דאָקטאָרין? אַז זי האָט נישט קיין אינטערעס צו זיין ביי אַ קאַמפּיין־מיטינג אויף צו ראַטעווען אירע אייגענע, פאַר וואָס זאָלן מיר אַזאַ אינטערעס יאָ האָבן?

— ווי קען איר ליגן אין זין אַ מיטינג, אַז זי פירט אַזוי פיל ליבעס! מ״ר פּרעזידענט, — איז שוין די מר״ס אייכנבוים געשטאַנען אויפגע־שטעלט און געקוויטשעט אויף איר דין שטימעלע, — איך זאָג, אַז מיר מוזן

ב. דעמבלין

מאכן א סוף צו דעם! איר ארומשלעפּן זיך מיט ד״ר דזשייסאָן וועט אונדז פֿארשאפֿן „טראָבל״!

— דאָס איז נישט די קאָמיוניטיס־ביזנעס! האָט דער פּרעזידענט, א בייזער שוין, געטאָן א קלאפּ מיטן העמערל אין טיש.

— אָבער אָפּגעבן דעם דזשוינט וואָס זי קומט, איז שוין יאָ אונדזערע ביזנעס? האָט די מר״ס אייכנבוים זיך נישט געלאָזט איינשטילן. — ווען דער גרינהאָרן און אנדערע ווי זי, וואָלטן אומגעקערט די געלטער, וואָס זיי זענען שולדיק, וואָלטן מיר דאָך נישט געדאַרפט פירן קאמפּיינס צו זאמלען נייע פאָנדן!

— מ״ר פּרעזידענט! איך פּראָטעסטיר! — איז מ״ר גרינבערג, א בלאסער פֿון אויפרעגונג, געטאָן א שפּרונג־אויף פֿון זיין שטול. ער, וואָס איז שטענדיק א געלאסענער, וואָס זעלטן נעמט ער א וואָרט ביי א מיטינג, האָט איצט ביי אים געפּלאצט דאָס געדולד:

— איך פּראָטעסטיר! פֿאַר וואָס קומט דער דאָקטאָרין אזוי פיל צו באליידיקן? זי איז אן איידל קינד! די ווייבער פֿארדריסט וואָס זי האָלט זיי נישט קיין געזעלשאַפט. און אונדזערע אייגענע קינדער האַלטן יאָ געזעלשאַפט מיט אונדז? און אייער זון, האָט ער רוגזהדיק זיך געטאָן א קער צו דער מר״ס אייכנבוים, — אייער זון האָט עפּעס א סך ביזנעס מיט אייך? מיר וועט איר דאָך נישט איינרעדן. איך ווייס דאָך וואָס אייך פֿארדריסט. איר האָט דערוואָרעמט אן אָרעם, אָפּגעריסן מיידל, יעדע פֿון אייך זאָל קענען אויף איר רחמנות האָבן, שענקען איר אן אלט קליידל, א פּאָר אָפּגעטראָגענע שיך און געקומען איז גאָר א יונגע, שטאָלצע פֿרוי, דערצו נאָך א הויך געבילדעטע, זענט איר אנטוישט, פֿארדריסט עס אייך. אָבער פֿאַר וואָס זאָל עס אייך פֿארדריסן? ווייל מ׳האָט געשריבן וועגן איר אין „סטאַר־הערעלד״? מיר דאַרפֿן דאָך זיין צופֿרידן פֿון דעם. מ׳האָט דאָך דאָרט געשריבן מער וועגן אונדזער אומגליק ווי וועגן איר. און פֿאַר וואָס זאָלן אונדזערע שכנים נישט וויסן וואָס די דייטשן, זייערע ברידער קריסטן, צע־טוען מיט די ייִדן? און פֿאַר וואָס זאָל אונדז פֿארדריסן וואָס זי קומט זיך צונויף מיט די קריסטלעכע דאָקטוירים? זיי זענען דאָך אירע קאָלעגן. מיט וועמען דען זאָל זי האַלטן געזעלשאַפט? מיט אונדז? וואָס האָט זי צו רעדן מיט אונדז? אז אונדזערע קינדער קומען אַהיים אויף א טאָג צוויי פֿון די קאָלעדזשעס, פֿארברענגען זיי עפּעס א סך מיט אונדז? פֿאַר וואָס זשע איז מען אזוי אין כעס אויף דער דאָקטאָרין? שעמען מעגט איר זיך!

וועמען, וועמען, דעם מ״ר גרינבערג הערט מען אוים, אָבער אפּלאָדירט האָט אים קיינער, אויסער איין לעם מייער. אויך ער האָט געפּילט זיך אויפצושטעלן און זאָגן די ווייבער פֿון היי־היל, וואָס ער טראַכט וועגן זייער

בארעדן און באשמוצן די דאָקטאָרין. ער האָט אויך געטראַכט זיי צו זאָגן וווהין און צו וואָס די דאָקטאָרין איז אַוועק מיט האַרד דזשייסאָן, זענען אָבער די געשרייען און אויפרעגונגען נאָך אַלץ געווען אַזוי גרויס אַז מ״ר קאַופמאַן האָט געמוזט שליסן די פאַרזאַמלונג.

דאָס שליסן די פאַרזאַמלונג האָט אָבער נישט איינגעשטילט דאָס פייער. איבערן טעלעפאָן האָט מען גערעדט וועגן דער דאָקטאָרין, ווען צו גאַסט, איז דאָס געשפּרעך געווען וועגן דער דאָקטאָרין:

— ווי קען זי אָפּצאָלן דעם דזשווינט אָדער דער קאָמיוניטי, אַז איידער זי האָט נאָך געהאַט איין פּאַציענט, האָט זי זיך שוין געלאָזט אַריינשטעלן פאַר הונדערטער דאָלער נייע „פוירניטשור״ (מעבל). איר אָפּיס איז דאָך רייכער אויסגעשטאַט ווי דזשייסאָנס, ווי קימבים!

די מר״ס אייכנבוים האָט געלאַכט מיט אַן אָנצוהערענישל:

— לעס מייער דערוואַרט דען פון איר געלט פאַרן מעבל? אַזעלכע ווי זי צאָלן מיט געלט?...

— אָ, אויף אַזאַ איינער, האָט די מ״רס גליקסאָן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — איז אַלץ צו גליבן...

און די מר״ס וואַלדמאַן האָט צוגעלייגט איר קניטעלע צום פייער:

— וואָס דען האָט איר געמיינט? אַ „יעקע״ וועט אָנשטיין געניצטע „פוירניטשור״? אַ מאָל, אונדזערס אַ גרינער, איידער ער האָט דערלעבט צו האָבן אַ פּאָר לייטישע „רומקעס״ (צימער) איז ער פריִער יאָרן לאַנג גע־לעגן ניין איילן אין דער ערד. דאָ, פאַר דעם גרינהאָרן, נאָך איידער זי איז אַפילו געקומען, האָט מען פאַר איר צוגעגרייט אַ גאַנץ הויז מיט אַ „פּאָרטש״ (וועראַנדע) מיט אַן איינגענעם גאָרטן, אַריינגעשטעלט איר טייערע „פויר־ניטשור״, שטייט עס איר ערשט נישט אָן!

— נאָר אונדזער „פוירניטשור״ שטייט איר נישט אָן? און מיט אונדז שעמט זי זיך דען נישט? עס ציט דאָך זי נאָר צו די גוייִם!

— זי איז דאָך אַ יעקע, האָט די מר״ס אייכנבוים געטאָן אַ זאָג, — האָט שוין ווער געזען אַ יעקע זאָל נישט זיין קיין אַנטיסעמיט? זי וועט זיך נאָך שמדן אויך, זאָל מען געדענקען אירע רייד!

פריִער האָט דאָס אַלמנהלע נאָך אַ ביסל געצווימט איר מויל, נישט גע־וואָלט זיך אַיינרייסן מיט די קאַופמאַנס. איצט אָבער, נאָך דעם ווי די דאָקטאָרין האָט אַזוי שיין צעפּאַטשט דעם סעמען, ווען די מאַמע אַליין, פרוי קאַופמאַן, האָט שוין איינגעזען וואָסער פויגל די מויד איז און געעפנט דאָס מויל, מעג דאָך זי, די מר״ס אייכנבוים, כאָטש רעדן אַ וואָרט:

— וואָס קען גוט זיין, אַז אַ מויד שלעפּט זיך אין איין צייט אַרום מיט דריי מענער! (און זי נעבעך האָט נישט קיין איינעם. האָבן די ווייבער

זיך איבערגעוואונקען). מ׳זאָגט כאָטש אַ מויד וויל ניט פאַרבײַלאָזן אַ געלע־גנהייט און זי הענגט זיך אין איין צײַט אָן אויף סעמען און אויף לעם מייער. בײַדע זענען יידן, בײַדע זענען פרײַליידיק. אָבער האָארד דזשייסאָן איז דאָך אַ חתונה־געהאַטער מאַן, אַ קריסט, אַ טאַטע פון דרײַ קינדער! זאָל מען גוט זיך נעמען אין זין אַרײַן אירע רייד! די מויד וועט נאָך ברענגען אָן אומגליק אויף דער יידישער קאָמיוניטי. נעללי דזשייסאָן וועט נישט שווײַגן, זי מאַכט שוין סצענעס און דזשאָזעפין קימבי און עוועלין דאָדלי העצן נאָך אונטער. ווען מ׳פאָלגט זי, וואָלט מען שוין געדאַרפט נעמען אונטערשריפטן פון אַלעמען אין דער קאָמיוניטי און אַוועקשיקן זיי צום דזשווינט ער זאָל וואָס גיכער אַרויסנעמען די מויד פון היי־היל! וואָס זאָגט ער? מ״ר גאָלדשטיין, איז זי נישט גערעכט?

נישט אומזיסט האָט דאָס אַלמנהלע זיך געעדותט מיט מ״ר גאָלדשטיין, דער נאָענטסטער קראָם־שכן אירער. ווי זי, אין איר אויסדראַכטעניש אַז די דאָקטאָרין האָט פון איר אַוועקגענומען לעם מייערס אַ שמייכל, אַזוי האָט אויך ער געהאַט אַ בייז האַרץ אויף דעם רעפיודזשי־מיידל פאַר איר צע־שטערן אים די אילוזיעס, וואָס ער האָט אַזוי גיך און אַזוי פרײַ זיך אויס־געטרוימט וועגן איר.

ווי ווײַל דער מ״ר גאָלדשטיין איז שוין געווען אַ מאַן אַריבער די פופציק, אַ פאָטער פון צוויי אויסגעגעבענע זין, אַ זיידע פון פיר אייניקלעך, האָט ער נאָך אַלץ אַרומגעזוכט אַ שטיקעלע ליבע, עפעס אַן אַפערעלע, אַ פאַרוויקלונג מיט אַ מיידל.

ווי אַ מאָל, נאָך ווי אַ געגריוועטער שוסטער אין וואַרשע, האָט ער אויך דאָ, אין אַמעריקע, געטראָגן צוויי שמאָל פאַרשווירענע באַנקבערד און אַ דין וואָנסעלע אויף דער אייבערשטער ליפ. און ווי אַ מאָל אַזוי איז ער אויך הײַנט שטענדיק גלאַט ראַזירט, מיט שפּיגלדיקע שיך אויף די פיס, די הויזן מיט פריש געפּרעסטע קנייטשן, דער קאַפּעליוש אויפן קאָפּ זײַטיקלעך, צום רעכטן אויער צו.

אַ טענצער, איינער פון די בעסטע אין וואַרשע, פלעגט ער שטענדיק זײַן אַרומגערינגלט מיט גאַנצע בינטן כּלות און אויך דאָ, אין ברוקלין, האָבן זיי אים נישט געפעלט. בלויז אין דעם העק היי־היל, ווי ווײַל ער טראָגט נאָך אַלץ די באַקנבערד מיטן דינעם וואָנסעלע, דעם אייגענעם שאַרפן שרונט אין דער לינקער זײַט פון זיין טשופּרינע, אַ גרוילעכע שוין, און ער קליידט זיך פיל בעסער, ווײַל ער איז שוין נישט מער דער אָרעמער שוסטער, נאָר גאָר דער אייגנטימער פון צוויי גרויסע שיכקראָמען, דערצו נאָך טראָגט ער איצט אַ שווערן סיגנעט מיט אַ גרויסן בריליאַנט אויפן מיטלסטן פינגער, פילט ער זיך דאָך דאָ אָרעמער ווי אַ מאָל אין וואַרשע. אַז מיט שיקסלעך האָט

ער זיך מורא אָנצוהייבן און יִדישע מיידלעך ווייכן פון אים, ער איז דאָך אַ חתונה־געהאַטער. כאָטש ווי זענען דאָ אין הייל־היל יִדישע מיידלעך, וואָס זאָלן זיך וועלן אומקוקן אויף אים?

יענעם אָוונט, ווען די דאָקטאָרין איז געקומען און מר״ס קאופמאַן האָט זי פאָרגעשטעלט פאַר אים, האָט זיך גלייך דער אַמאָליקער דוד גאָלדשטיין אין אים אויפגעכאַפּט און דער דמיון האָט שוין גענומען וועבן חלומות, בילדער, געשעענישן. לויט איר קליידונג, לויט דעם קאָקס האָר אויף איר קאָפּ, האָט ער געזען אַז זי איז אַ צוגעקנייטשט מיידל, ווי אַ מאָל די פּראָווינצערינס, די כּלות זיינע, וואָס פּלעגן קומען זוכן שטעלעס אין וואַרשע. ווי יענע דאָרט, אַזוי איז זי דאָך דאָ אויך גרין און אָרעם, און ביי אים, ראַנקען גאָט, פעלט נישט דאָס צענערל אין קעשענע, וועט שוין אַלץ זיין אָלרייט.

ביים אוועקגיין האָט ער איר דערלאַנגט זיין וויזיט־קאַרטל: „גאָלדשטיין־שום״ מיט די אַדרעסן פון ביידע קראָמען זיינע אין סאַמע מיטן פון מיין־סטריט. דערביי, שמייכלענדיק זייער גאַלאַנט, האָט ער זי פאַרבעטן:

— עס וועט זיין פאַר אים אַ פאַרגעניגן זי אויפצונעמען אין זיין „סטאָר״ פון ליידיס־שיך און ער וועט זיין איבערגליקלעך אָנצופּאַסן איר אַ פּאָר שיך, אַפילו די טייערסטע. דאָס וועט זיין אַ באַשיידענער פּרעזענט זיינער צו איר באַזעצן זיך אין הייל־היל און, וואַרפנדיק אַ בליק אויף אירע שיך, אַלטמאָדישע, מיט נידעריקע קלעצלעך, ווי עס טראָגן דאָ פּעטע, מיטל־יאָריקע ווייבער, האָט ער מיט אַ ווונק פון זיינע שוסטער־אייגעלעך נאָך צוגעגעבן: זי וועט זען ווי אירע שיינע פיסלעך וועלן אין זיינע שיכלעך אויסזען קלענער און איידעלער.

— נו, איז זי געקומען? דעם גרינהאָרן איז דאָך נישט אָנגעשטאַנען, פאַרביינייענדיק, צו טאָן אַפילו איין מאָל אַ בליק אַריין אין זיין סטאָר, צו זאָגן העלאָ.

זענען אַזוי די אומצופרידנקייטן מיט דער דאָקטאָרין געוואַקסן און די אַלע דערווידערנישן קעגן איר זענען געשטיגן ביז דער מעשה — סעם קאופמאַן.

אין אַ גרויסער שטאָט וואָלט אַזאַ געשעעניש אָפּגעלאָפן שטיל. קיינער וואָלט פון דעם נישט געוווּסט און קיינעם וואָלט עס גאָרנישט אָנגעגאַנגען אויך. אַפילו די אייגענע עלטערן וואָלטן נישט געוווּסט ווען און ווי אַזוי זייער טעמעלע האָט זיך אָפּגעשפּאַרט אַזאַ פאַרשענדטן, אַזאַ צעדראַפּעטן פּרצוף. זיי וואָלטן דאָס געוויס אָנגענומען ווי דער רעזולטאַט פון אַ „פייט״ וואָס זייער זינדל האָט געהאַט מיט נאָך אַזאַ „באָיעלע״ ווי ער אַליין איז.

נישט אַזוי אָבער איז אין אַ קליין שטעטל. דאָ האָט אַפילו די נאַכט

אויגן, און פֿעלדער און ביימער האָבן דאָ אויערן. אין אַ קליינער שטאָט זעט מען אַלץ און באַלד ווערט דאָס געזעענע צעטראָגן און צעפּויקט.

קיינער האָט דאָך נישט געזען ווי די דאָקטאָרין איז אין פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט אַרויסגעשפּרונגען אין מיטן וועג פֿון סעמס קאַר און גע־נומען שפּרייזן איינע אַליין אַהיים אין שטאָט אַריין. קיינער האָט גאָרניט געזען, קיינער האָט גאָרנישט געהערט. און דאָך, אויף צומאָרגנס, האָט יעדער אין שטאָט געוווּסט, אַז סעם קאָופֿמאַן איז געוואָרן צעדראַפּעט און אויסגעפּאַטשט פֿון דער יונגער דאָקטאָרין אין זײַן אייגענער קאַר, געוויס נישט פֿאַרן האַלטן זײַנע הענט אויפֿן רעדל...

סעם האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח, געשמייכלט קלוגיטשקע, אויסגעלאַכט די טרעפֿערס: וואָס? אַ פֿרוי האָט אים געפּאַטשט? אַזאַ פֿרוי איז נאָך דער־ווײַל נישט געבוירן געוואָרן! דאָס צעדראַפּעטע פּנים? ער האָט געהאַט אַ „פֿײַט" מיט אַ מאַן, יענער איז מיטן באַמפּער אַרײַן אין זײַן „פֿענדער". ס'האָט זיך נישט געלוינט וועגן דעם צו רעדן. ער האָט בלויז יענעם אָנ־גערופֿן „סאַנדיי־דרײַווער"! איז דער מאַן געוואָרן אויפֿגעקאָכט און אים געהייסן אויסטאָן ס'רעקל. איז ער דאָך סעם קאָופֿמאַן, האָט ער גלײַך אַראָפּגעוואָרפֿן ס'רעקל און שוין זענען ביידע געווען פֿאַרוויקלט אין אַ „פֿײַט".

מענטשן האָבן אויסגעהערט און שמייכלענדיק אַזוי זײַטיקלעך אַ פֿרעג געטאָן:

— סעם, אַזוי „פֿײַטן" זיך מענער? פֿון ווען אָן גראַטשעט איין מאַן דעם אַנדערן מיט די נעגל? מענער, אַז זיי „פֿײַטן" זיך, גיבן זיי איינער דעם אַנדערן אין מאָרדע, האַקן אויס אַ פּאָר ציין, צעפּלעטשן איינער דעם אַנדערן די נאָז, האַקן זיך אונטער די אויגן, אָבער גראַטשען? סעם, ווע־מען ווילסטו נעמען אויף אַ „רײַד"? דאָס זענען דאָך ווײַבערישע נעגל. שעם דיך נישט. די דאָקטאָרין האָט דיר געגעבן איבער די הענט?...

פֿאַר מענטשן האָט אויך מר"ס קאָופֿמאַן, סעמעלעס מאַמע, אונטער־געהאַלטן דעם זינדלס פּזמון פֿון אַ „פֿײַט". מער נאָך ווי דעם זון איז איר נישט אָנגעשטאַנען די מעשה פֿון זײַן ווערן אויסגעפּאַטשט פֿון דער דאָק־טאָרין. אַז ער איז אַ נואף ווייסט זי און אויך יעדער אין שטאָט ווייסט דאָס. אָבער גיין מיט זײַנע געגנגעלעך אויך בײַ דער דאָקטאָרין? דאָס וואָלט איר שוין צו פֿיל פֿאַרפּאַטשט דאָס פּנים. האָט זי אויבן אויף אונטערגע־האַלטן די מעשה מיטן „פֿײַט", אויג אויף אויג אָבער מיט סעמעלען האָט זי גערעדט אַנדערע רייד. מיט די אייגענע הענט האָט דאָך דער יונג צע־שטערט אַלע אירע האָפֿענונגען צו האָבן די דאָקטאָרין פֿאַר אַ שנור. האָט זי נישט געפֿרעגט ווער, ווי אַזוי, נאָר גלײַך אים פֿאַרשטעלט אַלע ווענ־

לעך פֿון בראָקן ליגנס, פֿון אויסטראַכטן מעשׂיות, נאָר איז גלײַך ארויס מיט אַ שאַרפֿן:

— פֿאַר וואָס? — זי האָט אים גערדראָט מיטן ווײַזפֿינגער: — סעם, זאָלסט מיר שוין זאָגן פֿאַר וואָס האָט די דאָקטאָרין דאָס געטאָן צו דיר? וואָס איז צווישן אײַך ביידן פֿאָרגעקומען אין דער קאַר?

סעם האָט געשמייכלט זײַן קלוגיטשקן שמייכעלע. אים איז געפֿעלן געוואָרן דער מאַמעס נעמען אים אויפֿן זיכער, אָבער געטענהט האָט ער אַלץ דאָס אייגענע: — ווער, וואָס? ער זאָגט דאָך איר, ער האָט געהאַט אַ „פֿײַט" מיט אַ מאַן.

די מאַמע, פֿיי קאָופּמאַן, איז אָבער נישט פֿון יענע ווייבלעך, וואָס מ׳קען זיי פֿאַררעדן די ציין:

— נעוועך מײַנד! (האַק נישט קיין טשײַניק) האָט זי אים שאַרף געטאָן אַ שלאָג איבער דאָס דרייען מיט דער צונג. — סעם, איך וויל וויסן, פֿאַר וואָס האָט זי דיר אַזוי צעדראַפּעט דאָס פּנים? מיר וועט קיינער גאָרנישט אײַנרעדן. איך וויים, אַז די דאָקטאָרין איז אַ פֿײַן מיידל. אומזיסט וואָלט זי דאָס דיר נישט געטאָן!

די אָפֿנהאַרציקייט אירע איז אָבער נאָר אָנגעגאַנגען אויג אויף אויג מיטן זון. פֿאַר מענטשן אין גאַס, אַפֿילו אין שטוב פֿאַרן מאַן, פֿאַר דער נעגער־דינסט, האָט זי געזוכט אַראָפּצופּלאַטשן דעם עסק. אַז סעמעלעס ליגן וועגן „פֿײַט" האָט זיך נישט אָנגענומען מוז זי אויף גיך נעמען הייבן זײַן מערכה:

— כ׳וויים, האָט זי אַזוי גנבֿיש־אומשולדיק געהויבן די אַקסלען: — אַ שטאָלצער באַי, שטייט אים ניט אָן צו זאָגן, אַז אַ מיידל האָט אים געגראַטשעט, זאָגט ער אַ „פֿײַט". און ער איז דאָך גערעכט. זי איז דען אַ מיידל? זי איז דאָך אַן אויסוואורף, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזאַ נישט געזען! נישט גענוג וואָס אַ באַי ווי איר סעם נעמט זי אויס, אַזאַ מיאוסע מאַזעפּאַ, וויל מיט איר פֿאָרן אין זײַן נײַער שעווי זען אַ מוווי, צעדראַפּעט זי אים גאָר דאָס פּנים. פֿאַר וואָס איז אים דאָס געקומען? טאָמער האָט ער איר געוואָלט אַ קוש טאָן? און אויב יאָ, קומט אים פֿאַר דעם צעגראַבלען אַזוי ס׳פּנים? כאָטש אַ מצווה אויף סעמעלען איז דאָס. ער האָט שוין נישט געהאַט וועמען צו קושן נאָר דאָס מיאוסקייט? ווי פֿלעגט מען זאָגן אין דער היים? אַז מ׳בעט אַ פּאַרך צו מנין, האַלט ער זיך דערונטער! אַן אַנדער מיידל וואָלט זיך געשעצט גליקלעך, ווען אַזאַ באַי ווי סעם קוקט זיך אויף איר אום, און זי בריקעט זיך נאָך!

מענטשן האָבן אויסגעהערט, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, נאָר הינטער־ווײַלעכץ, ווי זיי זענען געווען אין קריג מיט דער דאָקטאָרין, האָבן זיי פֿונדעסטוועגן גערעדט אַנדערע רייד:

ב. דעמבלין

— א טײַער באַיעלע, סעם! א כּשר קינד, נאָר ווי אַ שיקסע זוכט ער זי צורעכט צו מאַכן. האָט ער זיך נעבעך געגאַרט, געמיינט די דאָקטאָרין איז אים אויך אַ שיקסע.

אין דעם גאַנצן אויפרודער מיטן זון האָט מ״ר קאַופמאַן געשוויגן, געדריקט אין זיך די פאַרשעמונג און געשוויגן. רעדן מיט איין האַלב מויל אַזוי און מיט דעם אַנדערן האַלבן מויל פּונקט דאָס פאַרקערטע, ווי דאָס טוט זײַן ווײַב פּיי, דאָס קען ער נישט. ער איז פון אָנהייב אָן געווען קעגן דעם ווײַבס ווילן מיט געוואַלד צונויפפירן סעמען מיט דער דאָקטאָרין. ווי קומט ער צו איר? איז ער דאָך אָבער אַ טאַטע, האָט ער געשוויגן, גע־טראַכט: הלוואי, אפשר, ער וויל דען אַ שיקסע פאַר אַ שנור? איצט אָבער, ווען די העצע קעגן דער דאָקטאָרין איז דערגאַנגען צו משוגעת, ווען מ׳רופט זי שוין אַנטיסעמיטקע, ווען מ׳טראַכט אויס אויף איר אַ בלבול, אַז זי וויל זיך שמדן, ווען דאָס אַלמנהלע, די אייכנבוים, וויל שוין קלײַבן אונטער־שריפטן, אַז דער דזשוינט זאָל דאָס מיידל ארויסנעמען פון היי־היל, איצט איז אויך פּיי, זײַן ווײַב, אַרויף אויפן וואָגן און, צוזאַמען מיט דער אייכנ־בוים, מיט דעם שוסטעריונג גאָלדשטיין, נעמט זי שוין אויך באַשמוצן דאָס מיידל, מאַכן זי צו שאַנד און צו שפּאָט. און צוליב וואָס? אַראָפּצוּוואַשן פון סעמעלען דעם נואף? פון סעמעלען, וואָס האָט זיך געמאַכט פאַרגעסן, אַז די דאָקטאָרין איז אים נישט קיין שיקסע, וואָס ער קען זיך קעגן איר באַנעמען ווי אים געפעלט. וואָלט נישט גלײַכער געווען ווען זי, די מאַ־מע, ווישט זיך אָפּ דאָס מויל און מאַכט אַ שווײַג?

ער האָט דאָס אַלץ איר געזאָגט. אָבער וואָס זאָל ער אַליין טאָן? נאָכ־טאַנצן דעם ווייב? נאָכבאַמקען אַז סעמעלע איז גאָט די נשמה שולדיק? ער קען אָבער אויך נישט נעמען די דאָקטאָרין אונטער זײַן שוץ, ווי דאָס טוט גרינבערג. דאָס וואָלט דאָך געמיינט נישט בלויז אַרויסטרעטן קעגן דער יידישער קאָמיוניטי, נאָר אויך קעגן אייגענעם ווײַב און אייגענעם זון. האָט ער געשוויגן, געוואָרן שוואַרץ ווי קויל פון דריקן די ווייטיקן אין זיך און געשוויגן. כאָטש אין דער שטיל, הינטער סעמס פּלייצעס, האָט ער געפּרוּווט האַמעווען דאָס ווײַב, זי זאָל נישט אַזוי מיטפּיסקעווען מיט דער אייכנבוים:

— גוט, האָט ער צו איר געטענהט, — ביסט גערעכט, אַן אייגן קינד דאַרפן עלטערן באַשיינען. מוזסטו דאָך אָבער נישט מיטהאַלטן מיט די ווײַבער, מיט דער אייכנבוים. ווייניק צאַפּן זיי אומזיסט און אומנישט דעם מיידלס בלוט, מוזסטו נאָך זיי צוהעלפן פאַרשפּרייטן די ליגנס, מאַכן אויף איר אַ בלבול, אַז זי וויל זיך שמדן, אַז זי וויל אָפּרעדן אַ מאַן פון זײַן ווײַב? פּיי, באַרעכן זיך וואָס דו טוסט!

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

ארום זעקס דרײַסיק פֿאַר נאַכט, באַלד נאָך די אָפּיס־שעהען, האָט דער טעלעפֿאָן געקלונגען. די דאָקטאָרין האָט זיך צוריקגעקערט צום ביוראָטיש, גענומען דאָס טרײַבל צום אויער:

— העלאָ.

ס׳איז געווען ד״ר דזשייסאָן.

— וואָלט זי נישט געטאָן אים אַ געפֿעליקייט?

— פֿאַר אים? צו יעדער צײַט.

— קען זי פֿאָרן מיט אים זען זײַנעם אַ פּאַציענט? אים דאַכט זיך, אַז ס׳איז קאַנסער, ער איז אָבער נישט זיכער אין זײַן דיאַגנאָז.

די דאָקטאָרין האָט געשמייכלט. עטלעכע רעגונגען זענען איר אָנגעלאָפֿן אין מוח. ערשטנס — די מענטשלעכע אייטלקייט: ס׳האָט איר שטאַרק אימפּאָנירט וואָס דזשייסאָן, אַן עלטערער דאָקטאָר מיט אַ נאָמען, מיט פֿיל מער דערפֿאָרונג אין דער פּראָפֿעסיע פֿון איר, זוכט ער איר מיינונג אין פֿעסטשטעלן אַ קראַנקייט?

צווייטנס — פֿאַרדאַכט! אין דעם גאַנצן פֿילן זיך געשמייכלט האָט זי אײַנגעזען דעם אויסרייד, אַז נישט איר מיינונג וועגן אַ קראַנקייט זוכט דאָ האָארד דזשייסאָן, נאָר איר געזעלשאַפֿט אויף אַ שפּאַציר אין זײַן קאַר וויל ער. ווען נישט דאָס, וואָס עפּעס זי? קימבי איז אַן עלטערער דאָקטאָר, מיט מער פּראַקטיק פֿון איר. אויסער קימבין זענען אויך דאָ אַנדערע דאָקטוירים אין געגנט, פֿרײַנד זײַנע, צו פֿאַרבעטן וועלכן פֿון זיי צו דעם קראַנקן. און, דאָס גלײַכסטע, ער קען דאָך נעמען דעם פּאַציענט אין האָספּיטאַל אויף אָבסערוואַציע!

זי איז אויך זיכער אין איר פֿאַרדאַכט, ווייל ניזט נעלליי די פֿרוי זײַנע, האָט אָנגעהייבן ארויסווײַזן אײַפֿערזוכט צו זײַן נעמען זי יעדן טאָג אין האָספּיטאַל, און זי, די דאָקטאָרין, האָט זיך געקויפֿט אַן אייגענע קאַר, אַז אַלטע דערוויַיל, נוצט האָארד דזשייסאָן אויס אַלערליי אויסריידן צו האָבן זי ווידער אין זײַן אויטאָ, ווען כאָטש אויף אַ שפּאַציר אין וועלכן אָוונט.

איז דאָס אַלץ טאַקע קלאָר פֿאַר איר, אָבער ווי קען זי דאָס אים זאָגן?

עס וועט דאָך זיין אַן אַנצוהערעניש, אַז זי פֿאַרדעכטיקט אים אין הינטער־געדאַנקען, אין כיטרע וועגעלעך צו דערגרייכן אַ ציל... האָט זי פֿאַרטריבן אַלע פֿאַרדאַכטן און, ווי ער, אויך גענומען מאַכן אַן אָנשטעל:

— אינטערעסאַנט, מיינט ער דאָס טאַקע? זינט ווען איז זי, אַ יונגע דאָקטאָרין מיט אַזוי ווייניק פּראַקטיק, געוואָרן אַ קאָנסולטאַנט צו ד"ר דזשייסאָן, אַ מעדיקער מיט אַזאַ לאַנגער דערפֿאַרונג?

— קאָם, קאָם, דאָקטאָר! — האָט ער צערטלענדיק זי מיט די רייד אַוועק־געשאַרט דעם אָנשטעל אירן, — זי ווייסט פֿאַרדאַמט וויל, אַז ער האַלט זי פֿאַר אַן אויסגעצייכנטער דאָקטאָרין און פֿאַר אַ קאָמפּעטענטע דיאַגנאָס־טיקערין דערצו.

— אַ דאַנק אים, אַ דאַנק, — האָט זיך דער שמייכל אויף איר פּנים נאָך מער צעשייַנט, — זי האָט דאָס גאָרנישט געוווסט. ס'ערשטע מאָל, אַז זי הערט פֿון אים אַזאַ געהויבענע מיינונג וועגן איר. איז, ווען וויל ער פֿאָרן?

— ער וועט זיַין ביַי איר נאָך „דינער", אין וואַסערע צוויי שעה אַרום.

— דאָס מיינט אַרום אַכט דריַיסיק?

— אומגעפֿער.

— אָלריַיט, זי וועט וואַרטן אויף אים אין דרויסן, אויף דער וועראַנדע.

ווי וויל ער האָט טעלעפֿאָנירט צו איר פֿון זיַין הויז, אין אַנדערן עק שטאָט, האָט זי דאָ ביַי זיך אין אָפֿיס, קלאָר געזען דעם איראָניע־שמייכל אויף זיַין פּנים, ביַים דערהערן אַז זי וועט וואַרטן אויף אים אויף דער וועראַנדע. ער האָט איר טאַקע קיין מאָל נישט פֿאַרגעהאַלטן, אָבער זי האָט געוווסט אַז ער ווייסט, וואָס עס שטעקט הינטער איר וואַרטן אויף דער וועראַנדע, אויך אין ווינטערדיקע קעלטן, אַנשטאָט ער זאָל אַריַינקומען נאָך איר אין הויז. אין אָנהייב איז נאָך געווען אַן אויסרייד פֿאַר דעם וואַרטן אויף אים אין דרויסן. איר קאַבינעט און אויפֿנעם־צימער זענען זייער נישט „פּרעזענטאַבל". דער אויסרייד האָט אָבער נישט אויפֿגעהערט אויך נאָך איר האָבן אַריַינגעשטעלט דאָס ניַיע מעבל אין קאַבינעט ווי אין דעם אויפֿנעם־צימער.

שוין דעמאָלט, דעם ערשטן פֿרימאָרגן, ווען ער איז געקומען נאָך איר זי מיטנעמען אין האָספּיטאַל, האָט זי איַינגעזען אַז אַ יונגע פֿרוי דאַרף זיַין זייער פֿאָרזיכטיק נישט צו פֿאַרליבן זיך אין דעם ד"ר דזשייסאָן. זי האָט אויך געזען, אַז ער איז נישט פֿון די מענער וואָס וואַרטן מען זאָל זיך אין זיי פֿאַרליבן. זיינע מעטאָדן אין געווינען אַ פֿרוי זענען געווים נישט די, וואָס עס ווענדן אָן פּראָסטע יונגען. טאַקע דערפֿאַר איז אַזאַ איינער ווי דער דזשייסאָן נאָך געפֿערלעכער. איידלקייט, ראַפֿינירטקייט ביַי אַ מאַן, זענען שטענדיק שווערער פֿאַר אַ פֿרוי ביַיצושטיין.

איז ווי וויל זי איז נישט מער קיין שולמיידעלע און זי פֿילט נישט אַזוי לײַכט פֿאַר שאַרמאַנטע מענער, האַלט זי דאָך אַן אַ דיסטאַנץ צווישן איר און אים. געווים, אויף וויפֿל אַזאַ דיסטאַנץ איז מעגלעך אונטער אירע אומשטענדן. פֿאָרן מיט אים, אין זײַן קאַר, יעדן טאָג אהין און צוריק פֿון האָספּיטאַל, דאָס האָט זי דאָך געמוזט. קיין אַנדערער איז דאָ, אין היי־היל, נישט גרייט געווען צו ווערן איר שאָפֿער. איז וואָסער נאָך דיסטאַנץ האָט זי געקענט אײַנשטעלן, אויסער נישט זיצן צו נאָענט לעבן אים אין אויטאָ און פֿאַרמײַדן, אונטער יעדן אויסרייד, זײַן קומען צו איר אין הויז? און דאָס קומט איר גאָרנישט לײַכט אָן! זי טאָר דאָך נישט דערלאָזן ד״ר דזשייסאָן זאָל טראַכטן אַז זי ווײַכט פֿון אים, אָדער אַז זי געטרויט נישט זיך, אפֿשר מער נאָך ווי אים, דאָס קומען אין נאָענטע באַרירונגען. נאָך אַלעמען איז דאָך ד״ר דזשייסאָן אַ דזשענטלמען, דערצו נאָך אַ גוטער, איבערגעגעבענער פֿרײַנד אירער.

געווים ווייסט זי אַז זײַן דזשענטלמענישקייט, זײַן גרייט זיין איר צו העלפֿן, זענען בײַ אים מיטלען צו אַ ציל. זי קען דאָס אָבער נישט לאָזן אים פֿילן. פֿאַרקערט, זי מוז אויסבאַהאַלטן פֿון אים יעדן פֿאַרדאַכט אַז זי ווייסט פֿון זײַן יאָגן זיך נאָך איר. אים טאָר גאָרנישט אײַנפֿאַלן אַז איר אַזוי אומשולדיק זיך אָוועקשטעלן אין דער געעפֿנטער טיר, ווען נאָר ער מאַכט אַ פּרוּוו אַרײַנצוקומען אין איר הויז, איז נישט, ווײַל זי וויל פֿאַר־מײַדן דאָס זײַן מיט אים אונטער איין דאַך, נאָר, אויף אַן אמת, ווײַל זי פֿילט זיך שלעכט, וואָס זי קען אים נישט אויפֿנעמען אין אַ הויז ווי עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ טײַערן פֿרײַנד — אַזאַ דיסטינגוירטער קאָלעגע ווי ער, ד״ר דזשייסאָן איז.

אַנדערש, ווען זי זאָל אים געבן די מינדסטע געלעגנהייט צו טראַכטן אַז איר אויסמײַדן צו זײַן מיט אים אַ מאָל אַליין אין איר הויז איז ווײַל זי געטרויט אים נישט, וואָלט דאָס אים טיף געקרענקט און אַ באַליידיקטער וואָלט ער פֿון איר אַוועק, קיין מאָל שוין נישט צו וועלן זי מער זען.

אויסער וואָס נאָך אַזאַ ריס וואָלט שווער געווען פֿאַר איר אַנצוגיין אין שטאָט־דאָ מיט איר מעדיצינישער פּראַקטיק און עס וואָלט אויך גע־ווירקט אויף זייער צוזאַמענאַרבעט אין האָספּיטאַל, וואָלט זי נאָך פֿאַרלוירן בײַ אים יעדן אָנזען. זי וואָלט געווים אים פֿאַרגעקומען עפּעס אַ ווילדע, אַ קליינשטעטלדיק מיידל, וואָס נאָר עס ליגט איר אין זינען דאָס היטן איר מיידלשקייט, איר יונגפֿרוילעכע אומבאַפֿלעקטקייט. און, וואָס נאָך וויכ־טיקער, מיט וועלכע רעכט פֿאַרדעכטיקט זי אים? ער איז דאָך אַ דזשענטלמען אין זיין יעדן שריט, זײַן באַנעמונג צו איר איז דאָך אַזוי איידל, אַזוי עלעגאַנט און אַזוי פֿרײַנדלעך!

װײסט זי דאָס אַלץ און דאָך מוז זי זײַן אויף דער װאָך. נאָט, װי שװער דאָס פֿאַלט איר! װי שװער דאָס איז איר אײַנצוהיטן אירע באַציִונגען מיט ד״ר דזשייסאָן, זײ זאָלן זײַן פֿרײַנדלעך נאָענט און דאָך װײַטלעך דיסטינגירט. און לעצטנס װערט דאָס איר אַלץ שװערער. װײַל װאָס לענגער זײער קאָנטשאַפֿט — אַלץ פֿרײַער זײַן באַנעמונג. פֿריִער האָט ער זיך נישט דערלויבט זי צו אַדרעסירן צו פֿאַמיליאַר. שטענדיק — דאָקטאָר, דאָקטאָר זײַדנער. אַ מאָל, װי אַ חנדל, צו װײַזן אַז ער גדענקט נאָך דאָס ביסל דײַטש, װאָס ער האָט אַ מאָל געלערנט, האָט ער זי אַדרעסירט: „פֿרײַלײַן־דאָקטאָר״. שפּעטער האָט ער זיך אָנגעהויבן דערלויבן זי רופֿן שוין בײַם ערשטן נאָמען: העלענאַ, אָדער פֿרײַלײַן העלענאַ. לעצטנס אָבער דערלויבט ער זיך שוין אויפֿן אַמעריקאַנער שטייגער צו פֿאַרקירצן איר נאָמען אויף העלען, אָדער נאָך קירצער, װאָס עס גרענעצט זיך שוין מיט װולגאַריטעט: „הײ, העל״! געװיס װײסט זי, אַז דאָס איז נישט װײַל ער האָט װייניקער אַכטונג פֿאַר איר, נאָר אַז אַזוי איז דער אַמעריקאַנער שטייגער, אָט װי ער פֿאַרלאַנגט פֿון איר, זי זאָל אים רופֿן אײַנפֿאַך — „דאָק״ אָדער גאָר „האַארד״, װי עס רופֿן אים אַלע פֿרײַנד און נאָענטע.

פֿאָלגט זי אים נישט און האַלט גראָד יאָ אָן די דיסטאַנץ. װאָס קומט אָבער דערױס? נישט נאָר היט ער נישט די דיסטאַנץ, נאָר פֿאַרקערט, מיט דער פֿאַמיליאַרקייט אין זײַן אַדרעסירן זיך צו איר, הייבט ער אויך אָן װערן פֿאַמיליאַר אין זײַנע באַנעמונגען. אין רעכטן מיטן פֿאָרן דרייט ער פּלוצעם אױס דעם קאָפּ: „העלען, װאָס אַזוי אָפּגערוקט?״ און אַז זי זיצט נענטער צו אים, דערלויבט ער זיך אויף אַ גלעט אין איר האַנט, צומאָל אויך אַ צערטל איר געזיכט.

האָט זי דאָס צוגעאײַלט מיטן קויפֿן זיך אַ קאַר, זאָל זײַן אַ גענוצטע, אַבי אָפּשטעלן װאָס גיכער װײַטערע מעגלעכקייטן... עס איז אָבער נישט געװען בלויז צוליב אים אַליין, אויך נישט צוליב די יִדישע װײַבער אין הײ־היל, צוצונעמען בײַ זײ די מעגלעכקייט פֿון באַרעדן זי. דאָס איז געװען מערסטנס צוליב נעלי דזשייסאָן. לעצטנס האָט זי אויפֿגעהערט צו באַהאַלטן איר אומרו, איר אייפֿערזוכט. כאָטש זייער איידל, האָט זי דאָך געלאָזט װיסן דעם מאַן אירן, אַז זי װיל נישט ער זאָל װײַטער אָנהאַלטן דאָס זײַן אַ שאָפֿער צו דער יונגער רעפֿיודזשי־דאָקטאָרין...

— הײ העלען! — האָט ד״ר דזשייסאָן אַ רוף געטאָן, נאָך איידער ער אָפּגעשטעלט די קאַר.

זי איז אַראָפּ פֿון דער װעראַנדע:

— העלאָ דאָקטאָר, האָט זי אים געגריסט און איז אײַנגעזעסן אין דער

מאַשין. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם קאַרזייגער, די ציפֿערן, פֿאָספֿאָ־ריזירטע, האָבן אַרויסגעלויכטן אין דער פֿינצטער:

— ס'איז שפּעט.

זי האָט געשמייכלט. ער האָט גוט געוווּסט, אַז עס איז גאָר אויף פֿופֿצן מינוט צו פֿרי. ביידע האָבן געשוויגן. די מאַשין האָט גערירט, זיך אַרײַנ־געדרייט פֿון איין גאַס אין דער אַנדערער. יעדעס מאָל, בײַם דורכפֿאָרן אַ גאַסנלאָמפּ, האָט דאָס ליכט דורך דער פֿראָנטשויב אַ וויש געטאָן זייערע געזיכטער.

ס'איז געווען שפּעט אין יולי. היים, פּאַרנע. פֿײַערפֿליגלעך, כמאַרעס גאַנצע, האָבן אַרומגעהאַוועט אין דער פֿינצטער, אויפֿגעגליט און זיך פֿאַר־לאָשן, געטאָן אַ בלינצל און אויסגעגאַנגען.

ווּהין פֿאָרט ער? איז זי גערעכט? איז די געשיכטע מיטן פּאַציענט, מיטן נעמען זי אויף אַ קאָנסולטאַציע טאַקע אַן אויסרייד נאָר צו קענען זײַן מיט איר אין קאַר בײַ נאַכט, אויף אַ פֿאַרוואָרפֿענעם וועג?

„חנהלע, פּאַס אויף". די מוטער פֿלעגט זי אָפֿט וואָרענען קעגן אַזוינע אַרויספֿאָרן מיט יונגע־לייט. די מוטער, ווּ איז זי איצט? ווּ איז דער פֿאָטער? דאָס שוועסטערל, דער ברודער? פֿאַר וואָס הערט זי מער נישט פֿון זיי?

ער איז אַראָפּ מיט דער מאַשין פֿון הויפּטוועג אויף אַן איינזאַם, פֿינצטער וועגל, צווישן פֿעלדער און לאָנקעס, פֿאַרבײַ הײַזער און קישטאַלן, פֿינצטע־רע, לויערנדיקע שאָטנס.

— וואָס איז דער מער מיט דעם פּאַציענט?

— דאָס טאַקע וויל ער זי זאָל זען. ער פֿאַרדעכטיקט קאַנסער. ער איז אָבער נישט זיכער אין דעם.

ער איז געבליבן שטיין לעבן אַ וועראַנדע פֿון אַ הויז. אַ שוואַך ליכט, אַ רויטס, האָט זיך דורכגעזויגן דורך אַ פֿאָרהענגל איבער אַ קליין פֿענצטערל מיט פֿיר שײַבלעך. באַלד האָט זיך די טיר געעפֿנט און אויף דער וועראַנדע האָט זיך באַוויזן אַ מאַן:

— העלאָ, דאָק!

— העלאָ פֿיל, האָט ער צוריקגעגריסט דעם פֿאַרמער, — וואָס מאַכט זי? און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער, האָט ער געוויזן אויף דער באַגלייטערן לעבן זיך: — דאָס איז דאָקטאָר זײַדנער.

דער פֿאַרמער האָט זיך הכנעהדיק פֿאַרנייגט:

— אָ, איך בין אַזוי צופֿרידן וואָס איר זענט ענדלעך געקומען. און נאָך איידער די צוויי זענען אַרויס פֿון דער קאַר, האָט שוין דער פֿאַרמער געהאַט אַן אָנגעצונדן ליכט אין האַנט און זיי גענומען פֿירן איבער שמאָלע, פֿינצטע־

ב. דעמבלין

רע טרעפ ארויף אין שלאפצימער צו דער פאציענטין. דער סופּים איז דא געווען אזוי נידעריק אז דזשייסאן ווי דער פארמער האבן זיך געמוזט איינ־בייגן נישט אנצושלאגן די קעפּ אן בעליק.

די קראנקע האט פארנומען שיער נישט די גאנצע ברייט פון בעט, עפּעס האט זי גארנישט אויסגעזען ווי קיין מענטש, נאר א בארג פליש, מיט צוויי גליזיקע אויגן פון צווישן א פאטלע האר, צעוואָרפענע איבערן קישן, איבערן שמאלן שטערנדל, איבער די אקסלען, נאקעטע, טויטלעך ווייסע, ריזיק פעטע.

— היי גווענדאלין, האט ד״ר דזשייסאן זי געגריסט און, צום שטוינען, דער בארג פליש האט געענטפערט!

— פיין, דאקטאר, זייער פיין.

שפעטער, אין קאר שוין, אויף צוריקוועגס, האט ד״ר דזשייסאן פאר־רייכערט דאס ליולקעלע און, פיפקענדיק, דער טיטון זאל זיך בעסער צע־ברענען, האט ער זיך געווענדט צו איר: ,

— ווער, וואס זאגט זי?

— זי איז זיכער, אז דאס איז נישט קיין איינפאכער טומאר. ווי לאנג טראגט זי זיך שוין ארום מיט דעם?

ער האט געלאכט:

— די צוויי אידיאטן האבן דאך געמיינט אז זי שוואנגערט. אים האט מען גערופן נאך דעם ווי זי האט שוין דורך דער צייט געדארפט געווען האבן צוויי מאל געבוירן, ווען זי האט שוין נישט געקענט מער ארומגיין.

— ארעמע פרוי, דער אנוווּקס וועגט גוטע פערציק פונט!

— וואס אים וווּנדערט: זי האט דאך גאר קיין ווייטיקן נישט און זי צערט אויך נישט איין.

— דאס איז גארנישט קיין באווייז. די ווייטיקן און דאס איינצערן וועלן געוויס קומען. לויט איר וואלט מען גלייך געדארפט אפערירן. פארלירן איז נישטא וואס.

— יעס, אויך ער רעכנט אזוי.

— פאר איר איז דאס אזוי קלאר, אז ער האט גארנישט געדארפט קיין קאנסולטאציע מיט קיינעם.

— מעגלעך. ער האפט אבער, זי באדוערט נישט דאס מיטפארן. פאר־לוירן האט זי דאך גארנישט — ער האט אויף א סעקונדע אוועקגענומען דעם בליק פון דער אויטאשויב, אומגעדרייט דעם קאפ צו איר:

— העלען, וואס איז דער מער? וואס אזוי פארצאגט? — דערביי האט ער איר געטאן א גלעט, א צערטל אזא אין אקסל: וואך אויף, העלען, אזא הערלעכע נאכט, זע ווי די שטערן פינקלען, דאס פריש געשניטן היי שמעקט, פארשיכורט די לופט.

זי האָט געשוויגן: ווי פאַרהאַרטעוועט אַ דאָקטאָר ווערט! אַוועק פון פּאַציענט, גייט אים שוין דער מענטש נישט אָן. ער קוקט אויף די שטערן, ווערט פאַרשיכורט פון דער לופט. באַאומרויִקט אים עפּעס? ווי קען זי אים זאָגן אַז נישט בלויז צוליב דער קראַנקער פרוי איז זי אַזוי טרויעריק. זי האָט דאָס אים שוין דערציילט, אָבער ווי קען ער, אַ קריסט, גוט סיטויִרט, איינגעוואָרצלט אין דער ערד פון ניו־ענגלאַנד, ווי קען ער זי באַנעמען? פילן איר געמיט, דאָס געמיט פון אַ יִדיש מיידל אין דער פרעמד, אַ געיאָגטע פון די דייטשן, אין שטענדיקער שרעק און קלער איבערן גורל פון אירע עלטערן, פון נאָנטע, פון פריינד, ווי קען ער זי מיטפילן?

אין איר פאַרטראַכטקייט האָט די דאָקטאָרין דערווייל נישט געזען ווי ער איז מיטן אויטאָ אַראָפּ פון הויפּטוועג — אַ באַלויכטענער, אַ היימלעך פרייער, מיט אַזוי פיל פאַרבייציִענדיקע מאַשינען. עפּעס גאָר פלוצעם האָט זי זיך געכאַפּט אַז ער פאָרט אין דער פינצטער, אָן איין פאַרביילויפנדיקער קאַר. זי האָט אָנגעשטרענגט דעם בליק. דער וועג דאָ איז אַ שמאָלער, פון שוואַרצן אַספאַלט, באַזוימט פוןביידע זייטן מיט רייען הויכע טאָפּאָלן־ביימער.

דאַכט זיך אַז ער איז שוין דאָ אַ מאָל געווען מיט איר? אָבער פאַר וואָס האָט ער פאַרלאָשן די ליכטער פון זיינע פראָנטלאָמפּן און פאָרט, טאַפּנדיק דעם וועג אין דער פינצטער, ווי אַ בלינדער מיט זיינע אויסגעשטרעקטע הענט?

— ווּ זענען מיר? — ער האָט געשוויגן, זיך געהאַקעט מיטן מאַשין איבער אויפגעבראָכענע גריבלעך, פאַרבייגעפאָרן דאָ און דאָרט אַ שטייענדיקן אויטאָ, אַן אויסגעלאָשן פינצטערער, און באַלד זיך אויך אַוועקגעשטעלט מיט דער קאַר לעבן אַ בוים, איינגעשטילט דעם מאָטאָר און אַ זאָג געטאָן מיט אַ נאָכגעלאָזטן אָטעם, ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערע משאָ:

— דאָ זענען מיר!

די דאָקטאָרין האָט געקוקט אויף אים סײַ מיט שטוינונג סײַ מיט שרעק: עס הייבט זיך אָן! איר מוח האָט געפיבערט: העלענאַ, נאָר נישט קיין היסטעריע! אונטער קיין אומשטענדן נישט דערלאָזן קיין סיטואַציעס, וואָס זאָלן אים מאַכן צום נאַר, ער זאָל נאָך דעם נישט קענען איר קוקן אין די אויגן.

מיט געצוווּנגענער רויִקייט, הייבנדיק די אַקסלען כּלומרשט אין פאַרוווּנדערונג, ווי זי וואָלט זיך דאָ גאָרנישט אָנגעשטויסן, האָט זי אים געפרעגט:

— וואָס איז געשען? ווּ זענען מיר?

ב. דעמבלין

— העלען, האָט ער געפּרוּווט אײַנשטילן איר אומרו, — גאָרנישט איז געשען. מיר זענען אויף „לאָווערס-לײַן", (ליבע-אַלייע).

— „לאָווערס-לײַן"? — האָט זי איבערגעפרעגט מיט אַזאַ געצוווּנגען לאַכעלע אין קול. — אינטערעסאַנט. אָבער ווי קומען מיר אַהער? מיר זענען דאָך נישט קיין געליבטע.

— קאָם אָן, העלען, וואָס איז דער מער מיט דיר? ס'איז זומער, מיר זענען יונגע מענטשן, זענען מיר נישט?

ער האָט גיך אַרויסגענומען פון מוילווינקל דאָס ליולקעלע, אָן אויסגע-לאָשנס, פאַרשטעקט עס אין ברוסטן-קעשענקעלע און זיך אָפּגערוקט פון אונטערן רעדל, נענטער צו איר:

— קאָם אָן, העלען — האָט ער אַרומגעלייגט זײַן אָרעם אַרום אירע אַקסלען און זי צוגעצויגן צו זיך: — מ'מוז נישט זײַן קיין פאַרליבטע צו פאַרברענגען אַן אָוונט צוזאַמען, מוז מען? און ווער זאָגט אַז זיי זענען נישט קיין פאַרליבטע?

ווי אַלץ אין איר האָט זיך געריסן אַרויסצובאַפרייען זיך פון דער נישט געוואָלטער אומאָרעמונג, האָט זי דאָך נישט געפּרוּווט צומאָל אַרויסוויקלען איר קאָפּ, ווי זי וואָלט דאָס געטאָן ווען דער מאַן איז נישט ד"ר דזשייסאָן. זי האָט בלויז אויסגעדרייט שאַרפער צו אים איר געזיכט, אָן אָנשטעל אַזאַ, ווי זי וואָלט זיך וועלן חנדלען, פאַרפירן מיט אים אַ פלירט:

— ס'ווענדט זיך ווי איינער קוקט אויף דעם, וואָס מענטשן רופן „ליבע", „פאַרליבטע", „פאַרברענגען צוזאַמען אַן אָוונט". זי, אַ שטייגער, האָט זיך איר איינגענעם בליק אויף ליבע.

— צום בײַשפּיל?

— זיי דאַרפן נישט קיין ווײַטן בײַשפּיל. אָט טאַקע זייביידע. זענען זיי טאַקע פאַרליבטע?

ד"ר דזשייסאָן האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרוווּנדערונג אין בליק, גלײַך ער וואָלט דאָ מיט איין מאָל זי אויפגעהערט צו פאַרשטיין. אויך זײַן מוח האָט געפיבערט. נאָך אַלעמען איז ער דאָך נישט עפּעס דאָרט אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, וואָס דרייט מיט דער צונג בלויז אויף צו באַרעכטיקן זײַן געגאַרטן צוועק:

— נאָ, האָט ער ענדלעך געענטפערט, — מ'קען נישט זאָגן אַז זיי זענען פאַרליבטע, מ'קען אָבער אויך נישט זאָגן אַז זיי זענען גלײַכגילטיק איינער צום אַנדערן. ער ווייסט נישט ווי זי, ער אָבער איז ווײַט, ווײַט נישט גלײַכגילטיק צו איר. אויב זי וויל עס וויסן, האָט ער זי שטאַרק ליב, זייער שטאַרק...

נאָך גוט וואָס זיי זיצן אין דער פינצטער און ער האָט נישט געזעען

ווי זי האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, אַ בים אונטערצודריקן, צו באַ־האַלטן פאַר זיך אַליין דעם גלעט, וואָס זי האָט דערפילט פון זײַן זאָג, ניין, נישט קיין גלעט, נאָר אַ קוש, אַ צאַרטער קוש אין איר סאַמע וועזן. אויך זי צו אים איז דאָך מער ווי נישט גלײַכגילטיק... אָבער ווהין וועט דאָס זי פירן?

— זי גלייבט אים, האָט זי געזאָגט פלומרשט מיט מיטלייד, וואָס בלויז פון זײַן זײַט איז די פאַרערונג. — מער נאָך, זי שאַצט אָפּ זײַן אָפנהאַר־ציקייט אין זאָגן דאָס איר, אָבער ער זאָגט דאָך אַליין אַז קיין פאַרליבטע זענען זיי נישט.

— לויט אים איז אַזאַ אָנגעהעריקייט גענוג, אַז צוויי יונגע מענטשן זאָלן זיך קענען ווערן נאָענט...

— פאַר אַ מאַן איז דאָס געוויס גענוג, אָבער פאַר אַ פרוי? געוויס ווייסט זי פון פיל פרויען, וואָס אויך דאָס איז זיי נישט נייטיק אויף צו קענען ווערן אינטים מיט אַ מאַן. זי אָבער, דאַרף ער וויסן, געהער נישט צו דעם טיפּ פרויען. לויט איר זענען פאַר אַ פרוי דאָ נאָר צוויי באַרעכ־טיקונגען אויף צו זײַן אינטים מיט אַ מאַן: ליבע און מוטערשאַפט. זאָל ער זי נאָר ריכטיק פאַרשטיין. זי מיינט נישט ליבשאַפט, נאָר ליבע. ליבע אָבער קען זײַן נאָר צווישן מאַן און פרוי. געוויס, אין דער ענגלישער שפּראַך, ווערט דאָס וואָרט ליבע באַנוצט אין אַ זייער ברייטן זין. מ׳ווענדט אָן דאָס וואָרט „לאַוו" אויך צו אַ הונט, צו אַ קאַץ, צו געוויסע עסנס. מיינט רען אין די פאַלן דאָס וואָרט „לאַוו" ווי מען באַנוצט עס צו אַ פאַרליבט פּאָרל?

— איז דען מוטערשאַפט דאָס זעלביקע?

— ניין, מוטערשאַפט איז אָבער פאַר דער פרוי אין אַ סך פאַלן מער נאָך ווי ליבע. לויט איר, אויב אַ פרוי האָט נישט אָפּגעגליקט צו געפינען אַ מאַן, וואָס זי זאָל זײַן פאַרליבט אין אים און ער אין איר, איז זי באַרעכ־טיקט, צוליב מוטערשאַפט, זיך צונויפצוגיין מיט אַ מאַן בלויז פאַר דעם צוועק: דערפילן דער פרוים דראַנג נאָך אַ קינד. מוטערשאַפט הייליקט אויך אַזאַ פאַרבינדונג. אָבער האָבן „אַפּערס" מיט מענער, בלויז אויף צו באַ־פרידיקן דעם סעקסועלן באַגער? וועל, זי וויל נישט און האָט אויך נישט קיין רעכט צו פאַראורטיילן אַ פרוי צוליב דעם. זי אָבער, צו איר צופרידנ־קייט, געהער נישט צו דעם טיפּ פרויען.

אין דער אָנגעשטאַנענער שטילקייט האָט ד״ר דזשייסאָן גענומען פאַר־רייכערן זײַן ליולקעלע. זײַטיקלעך, פון די אויגן־ווינקלען, האָט זי נאָכגע־פאָלגט זײַן פּאָרען זיך מיט דער פײַקע. ווייסט ער גאָרנישט אַז זײַן אָרעם איז נישט מער אַרום איר? פאַלט אים גאָרנישט איין אַז די גאַנצע לעקציע

ווען ליבע איז פון איר געווען אן אויסגערעכנטע, ער זאל אין היץ פון געשפרעך דערוויל פארגעסן זיין דראנג צו פראקטיצירן מיט איר די ליבע? זי האט געשטוינט. ווי ענלעך מענער זענען אויף קינדער! ווי א מאמע — א קינד, אזוי קען די פרוי, אויב נאר זי ווייסט ווי אזוי, האמעווען דעם מאן, פארשפילן אים, ארויסלאקן אים פון יעדער אויפגערעגטקייט, אפילו פון דער ליידנשאפט...

ניין, זי האט געהאט א טעות, ווען אפילו א קליינעם טעות. זי האט אים טאקע ארויסגעלאקט פון דעם דראנג צו איר, אבער ד"ר דזשייסאן האט פארדרייכערט די פייקע גראד ווייל ער האט יא נאכגעטראכט ווי געשיקט זי האט דאס געטאן, ווי פלינק זי האט אים אנטשפאנט און אים גאר אריינגעוועבט אין אן ערנסט געשפרעך און אזוי ארום געשאפן א סיטואציע, וואס וואלט געמאכט לעכערלעך זיין וויטערדיקן פרווו זי צו קריגן, צו ווערן נאענט מיט איר.

פארביי זיי, אין דער טונקל, איז דורכגעפארן א מאשין. ווי יעדער אנדערער אויטא אויף דעם וועג, איז אויך דער געווען אן יעדן סימן פון ליכט. פאוואלע האט די מאשין פארבייגעצויגן, זיך אויסגעדרייט און אומגעריכט האט פון דארט געטאן א לויכט אויף דער פראזשעקטאר מיט א שארפן ליכט־שטראם, וואס אן אומגעזעענע האנט האט דארטן געקערעוועט גלייך אויף זייער פראנטשויב, אויף זייערע פנימער.

דאס איז פארגעקומען אזוי גיך און אזוי אומגעריכט, אז זיי האבן נישט באוויזן אראפצובייגן זייערע קעפ, אדער אוועקצוקערעווען זייערע געזיכטער, צו פארמיידן געזען צו ווערן. ווי וויל זיין ארעם איז נישט געווען מער ארום איר, זענען זיי אבער נאך אלץ געזעסן נאענט, איינער לעבן אנדערן.

אויף א רגע זענען ביידע, אי ד"ר דזשייסאן און נאך מער די דאקטארין, געווען ווי פאראליזירט. אזעלכעס איז נאך דא, אויף דעם אפגעלייגטן, פארלאזענעם וועג נישט געשען. פאראן דא אן אומגעשריבן געזעץ: נישט אנצוצינדן קיין פראזשעקטארן, קיין פראנטלאמפן אין קיין קאר, נישט צו שטעלן אין אן אומבאקוועמע לאגע יענע, וואס זיצן צונויפגעטוליעט אין די אויסגעלאשענע, אין דער זייט שטייענדיקע מאשינען.

דער ערשטער אימפולס ביי אים, ד"ר דזשייסאן, איז געווען אן יענער פאוואליע פארבייפארנדיקער אויטא איז זיין „קאדילאק", אז דאס האט זיין נעללי אנגעצויגן אהער צו כאפן אים אויף דער הייסער מינוט, אזוי ארום צו באַרעכטיקן איר אייפערזוכט, די שטילע, אבער געווגט בייזע סצענעס, וואס זי מאכט אים צוליב דער רעפיודזשי־דאקטארין.

ביי איר אבער, דער דאקטארין, איז גלייך דורכגעפלויגן א געדאנק אז דאס איז סעם קאופמאן, דאס האט ער דא אנגעצויגן זי צו כאפן מיטן ד"ר

דזשייסאָן אין אַן אינטימער פּאָזע. פֿון זינט יענעם שבת־אָוונט, ווען זי האָט אים אויסגעפּאַטשט און איז אין דער פֿינצטערער נאַכט אַרויס פֿון זײַן קאַר און איינע אַליין געגאַנגען צו פֿוס אַהיים, פֿילט זי אַז דער יונג פֿאַרפֿאָלגט זי. אומגעריכט טוט ער אַ פֿאָר פֿאַרבײַ איר הויז, אומגעריכט ציט ער אָן אויפֿן וועג, וואָס פֿירט זי פֿון האָספּיטאַל. אין זײַן געיעג נאָך איר, ווייסט זי, וועט דער יונג אַלץ וואַגן!

און זי איז געווען גערעכט. ווי נאָר דאָקטאָר דזשייסאָן איז געקומען צו זיך פֿון דעם אומגעריכטן שאָק, האָט ער גענומען אַ דריק אויפֿן קנעפּל און אַ ליכטשטראַם פֿון זײַן פּראָזשעקטאָר האָט אַ שאָס געטאָן אויף דער אוועקפֿאָרנדיקער מאַשין. ווי אַ גיריקע האַנט האָט דער שאַרפֿער ליכטזײַל אַרומגעטאַפּט יענעמס „לייסנס־פּלעטל”. יאָ, דאָס איז געווען סעם קאָופֿמאַנס „שעווי”...

ס׳איז צוריק געוואָרן פֿינצטער. ביידע האָבן געשוויגן, געקוקט איינע אויפֿן אַנדערן און געשוויגן, אָבער בײַביידן האָבן די מוחות געפֿיבערט: דאָס איז עס! פֿאַר דעם וואָס זי האָט זיך געשראָקן, געוואָלט דערפֿון זיך אויסהיטן, איז דאָך געקומען! וואָס טוט זי איצט? דאָס פֿײַער וואָס ברענט קעגן איר, וועט זיך איצט נאָך מער צעפֿעבערן, נאָך מער זיך פֿאַרשפּרייטן. איצט וועט שוין יעדע טיר אין הייַ־היל זײַן פֿאַרהאַקט פֿאַר איר.

ד״ר דזשייסאָן, ווי ער וואָלט געוווּסט וואָס זי טראַכט, האָט געגלעט איר האַנט:

— זאָרג נישט, העלען, דו ביסט נישט אַליין.

אַ שמייכל, אַ הילפֿלאָזער שמייכל פֿול מיט ביטערניש, מיט גאַל, האָט זיך באַוויזן אויף איר געזיכט, אַרום אירע מוילווינקלען. ער הייסט איר נישט זאָרגן, זי איז נישט אַליין, נאָר אַז זײַן נעללי מיט אירע פֿרײַנדינס וועלן צושטיין צו דער העצע, וואָס די יִדישע ווײַבער אין הייַ־היל פֿירן קעגן איר, וועט ער גאַנץ לײַכט זיך אָפּטרייסלען פֿון אַלץ און, ווי אַלע פֿאַרהייראַטע מענער אין אַזאַ סיטואַציע, וועט ער אויך נישט וואַגן זי צו גריסן ווען ער וועט זי אָנטרעפֿן, ווי ער וואָלט זי קיין מאָל פֿריִער נישט געקענט... זי האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— פּליז, לאָמיר פֿאָרן.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

אויבן אויף גאָר האָט סעם קאָופמאַן געשמייכלט: וואָס וויל מען פון אים? ער האָט געהאַט אַ „פּייט" מיט אַ מאַן, דאָס אַלץ! אין אים אָבער האָט געברענט אַ פייער. ער איז געווען טיף באַליידיקט, געקרענקט. קיין מאָל פריער האָט מיט אים אַזוינס נישט געטראָפן. אים איז נישט אַזוי געגאַנגען אין דעם ווערן צעדראַפּעט פון דער דאָקטאָרין, ווי אין דעם בלייבן דער באַזיגטער. עס האָט שוין מיט אים געטראָפן, אַז אַ מיידל זאָל מאַכן אַן אָנשטעל, זיך רייסן פון זיינע אָרעמס, אָבער נאָך דעם ליגט זי לעבן אים ווי אַן אָנגעזויגן קעצל, אַ רויִקע, אַ צעשמייכלטע.

דער גרינהאָרן אָבער האָט זיך געריסן פון אים מיט אַזאַ קראַפט, געשלאָגן אים מיט אַזאַ ווילדער רציחה, אַז ער האָט זיך פאַרלוירן אונטער אירע קלעפּ און, ווען זי האָט געטאָן אַ פּראַל אויף די טיר און איז אַרויסגעשפּרונגען פון קאַר אין דער נאַכטיקער פינצטערניש אַריין, איז ער, צו דער צעטומלעניש פון ווערן געשלאָגן, אויך געוואָרן דערשראָקן אויף טויט.

ס'האָט אים גענומען אַ היפּשע ווייל ביז ער איז געקומען צו זיך. וואָס זאָל ער דאָ טאָן? פון איין זייט האָט ער, ווי אַ פאַרווונדיקטער הונט מיט דער איינענער צונג, זיך געטאַפּט מיט די הענט דאָס צעדראַפּעטע געזיכט, געווישט מיטן שניפּטיכל ס'בלוט פון דער נאָז, פון דער אַנדערער זייט, האָט ער מיטן בליק דורכגעגעבערט די פינצטערניש: וווּהין איז זי דאָ אַוועק? אין מיטן דער נאַכט, איינע אַליין, אַוועק אויף אַ פינצטערן, זייטיקן וועג!

ווי נאָר אָבער ער האָט אויפגעוואַכט פון דער באַטויבונג, האָט ער גיך געלאָזט אין גאַנג דעם מאָטאָר און שוין גענומען זי אָניאָגן. ער האָט איצט נישט אין זינען געהאַט אויף ס'ניי זיך אָנצוהייבן מיט איר, צו קילן דעם פאַרווונדיקטן, מאַנצבילשן שטאָלץ זיינעם. ער האָט איצט בלויז געוואָלט זי צוריק האָבן אין קאַר, ברענגען זי אין שטעטל אַ זיכערע, אַ באַשיצטע. קען ווער ווייסט וואָס מיט אַ מיידל קען אַלץ טרעפן, ווען זי איז איינע אַליין אויף אַ ביינאַכטיקן וועג.

נישט אויסצומיידן זי אין דער פינצטערניש, נישט צו פאַרזען זי און פאַרביי פאָרן, האָט ער געפירט די מאַשין פּאַוואָליע. צו די בלענדיקע ליכט

פֿאַרוים, האָט ער נאָך אָנגעצונדן דעם זייטנלאָמפּ, וואָס דרויסן פֿון זײַן טירשויב, און מיט זײַן לינקער האַנט, פֿאָרנדיק, געקערעוועט דאָס שאַרפֿע פּראָזשעקטאָר־ליכט, אַרומגעטאַפּט דערמיט ווי מיט אַ האַנט די טיף פֿאַר־וואַקסענע זײַטן, לענג־אויס דעם שוואַרץ אַספֿאַלטענעם וועג. אָבער נישט אין דער זײַט און נישט אין דער אַנדערער, איז נישט געווען צו זען קיין שפּור פֿון איר.

ער האָט צוריק אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר, אויסגעלאָשן די ליכטער און איז אַליין אַרויס פֿון קאַר זיך אַרומקוקן. די ערשטע רגע איז דער גאַנצער אַרום געווען הוילע פֿינצטערניש. באַלד אָבער, נאָכן צוגעוווינען זיך צו דער פֿינצטער, האָבן זיך אויסגעשיילט די בערגלדיקע פֿעלדער, די ווײַסע פֿלעקן פֿון ליגנדיקע קי. ס'האָבן זיך געזען די שטעכלדיקע דראָטצוימען אויף בײדע זײַטן פֿון די פֿעלדער, און דער וועג אַליין, ווי ווײַט זײַן אויג האָט געקענט זען, איז געלעגן אַ פֿאַרלאָזענער, נישט קיין קאַר אויף אים, נישט קיין טראָק, הוילע שטילקייט, פֿינצטערע שטילקייט.

— ווי, צום טײַוול, האָט זי געקענט פֿאַרלוירן ווערן? זי מוז דאָך דאָ ערגעץ זײַן, שטייט זי אפֿשר באַהאַלטן הינטערן שטאָם פֿון אַ בוים? זאָל ער זי רופֿן? ווי אַזוי אָבער זאָל ער זי רופֿן? אין דעם יאָר, וואָס ער קען זיך מיט איר, האָט ער זי נאָך קיין איין מאָל נישט גערופֿן בײַם נאָמען. זי — אים האָט גערופֿן מ״ר קאַופֿמאַן, כאָטש ער האָט פֿאַרלאַנגט פֿון איר זי זאָל אים רופֿן סעם, ווי יעדער איינער רופֿט אים. צוליב דעם האָט ער זיך נישט געפֿילט פֿרײַ זי צו רופֿן העלענאַ, און געוויס נישט העלען. די יוראָפּישע סנאָבין וואָלט פֿון דעם זיך געפֿילט באַליידיקט. מיס זײַדנער האָט ער זי נישט געקענט רופֿן, זי איז דאָך נישט קיין געוויינלעכע „מיס״ נאָר אַ דאָקטאָר. קומט אויס זי שטענדיק צו רופֿן ד״ר זײַדנער, אָדער גאָר ד״ר העלענאַ זײַדנער, איז ווער האָט דאָס צײַט פֿאַר דעם? ער וואָלט זי געקענט רופֿן „דאָק״, ווי ער רופֿט דזשיסאָנען אָדער קימבין. איז ווידער דאָס אייגענע. די יוראָפּישע סנאָבן האָבן פֿײַנט אַזאַ פֿאַמיליאַרקייט. דערצו נאָך איז זי דאָך אַ ליידי, האָט ער אין גאַנצן אויסגעמיטן צו רופֿן זי בײַ אַ נאָמען, איז ווי קען ער פּלוצעם, דערצו נאָך איצט נעמען רופֿן אין דער פֿינצ־טערער נאַכט אַרײַן: העלען! ד״ר זײַדנער!

אין מיטן דעם טראַכטן ווי אַזוי ער זאָל זי דאָ נעמען רופֿן, איז דערווײַל אויסגערונען פֿון אים דער גאַנצער באַגער זי צו זוכן, אויסצוהיטן זי פֿון געפֿאַרן. פֿאַרקערט, ס'איז גאָר צוריק אויפֿגעגאַנגען אין אים דאָס געפֿיל פֿון האַס צו איר, פֿון וועלן איר ווײַ טאָן, אויב נישט מיט די אייגענע, זאָל עס זײַן דורך פֿרעמדע, אומגעזעענע הענט פֿון דער פֿינצטער אַרויס.

מיט דעם גאַנצן אָנגעלאָפֿענעם כעס האָט ער אַ געשרײַ געטאָן אין דער

ב. דעמבלין

פֿינצטערער נאַכט אַרײַן אַזוי הויך, אַז זי זאָל עס הערן ווי ווײַט און אין וועלכן באַהעלטעניש זי זאָל שוין איצט נישט זײַן:

— צום טײַוול מיט איר! און גענומען אַליין פֿאָרן צוריק אין שטאָט אַרײַן.

בײַם הויז שוין, פֿאַרן אַרײַנגיין אין שטוב, האָט ער אויף אַ ווײַל ליכטיק געמאַכט אין קאָר און געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגעלע, וואָס איבער דער פֿראָנט־שויב. פֿינצטער איז אים געוואָרן אין די אויגן! ווי אַזוי וועט ער מיט אַזאַ פֿאַרשענדטן געזיכט זיך קענען ווײַזן פֿאַר אַ מענטש, אַרײַנקומען אין מאַרקעט? און, די הויפּטזאַך, וואָסער אויסרייד וועט ער דאָ האָבן פֿאַר דער שטוב, פֿאַר דער מוטער, דעם פֿאָטער?

ער איז נאָך דעם לאַנג געלעגן וואַך אין בעט. וואָס וואָלט ער איצט נישט געטאָן, אַז די געשעעניש מיט אים זאָל פֿון קיינעם נישט באַמערקט ווערן! ער וואָלט שוין ווי עס איז אַראָפּגעשלונגען די קרענקונג, די טיפֿע באַליידיקונג איבער זײַן שטאָלץ אַבי קיינער זאָל נישט זען און נישט וויסן פֿון זײַן דערנידערונג! איז דאָך דאָס נישט מעגלעך, האָט דאָס פֿײַער פֿון האַס אין אים געזאָטן, געברענט און געלעכצט נאָך נקמה, נקמה אָן אַזאַ... יאָ, זי איז אַ פֿאַרדאַמטע הור! אַן אומשולדיק מיידל שלאָגט זיך נישט אַזוי געניט. ווען זי וואָלט טאַקע געווען אַזוי אומשולדיק, ווי זי מאַכט דעם אָנשטעל אַז זי איז, וואָלט זי זיך נישט אַרומגעשלעפּט אין די נעכט דאָ מיט ד״ר דזשייסאָן אין זײַן מאַשין און אויף צומאָרגנס מיט לעם האָארד אין זײַן קאַר. מיט זיי וויל זי יאָ, נאָר מיט אים נישט? אָלרײַט זי וועט שוין הערן פֿון אים! וואָס אָבער טוט ער דערווײַל? וואָס זאָל ער אין דער פֿרי זאָגן ווער האָט אים אַזוי צעהרגעט? אַזוי אים צעדראַפּעט דאָס געזיכט?

איז דאָס געבוירן געוואָרן בײַ אים דער ליגן: ער האָט געהאַט אַ „פֿײַט" איבער אַ צונויפֿשטוים מיט דער קאַר. ערשט שפּעטער, אין אַ טאָג צווײ אַרום, ווען ער האָט אײַנגעזען אַז דער ליגן נעמט זיך נישט אָן, ווער עס הערט די געשיכטע מיטן „פֿײַט" לאַכט, שמייכלט אים אין די אויגן אַרײַן מיט אַזאַ חוזק: סעם, צו וואָס פֿאַררעדן די ציין? האָסט געוואָלט פּרווון דײַנע שטיקלעך מיט דער דאָקטאָרין? האָט זי דיך אויסגעפּאַטשט!

אַזוי? אַז די וואָרהייט איז שוין יאָ באַקאַנט געוואָרן, האָט ער זיך אויפֿגעהערט צו האַמעווען, צו מאַכן דעם אָנשטעל און נאָכגעלאָזט אין זיך דעם דראַנג נאָך נקמה. זײַן מוח האָט אָנגעהויבן פֿיבערן, טראַכטן איר אַפּצוטאָן עפּעס, וואָס נישט נאָר זאָל זי נאָך דעם מוזן אַנטלויפֿן פֿון שטאָט, נאָר יעדער אין דער קאָמיוניטי, אירע קריסטלעכע פֿרײַנד, פּונקט ווי די ייִדישע באַפֿעלקערונג, אַלע זאָלן אײַנזען די פֿאַלשקייט פֿון איר אָשטעל אַז

זי איז אַ פֿײַן, אומשולדיק מיידל, ווען שטילערהייט שלעפּט זי זיך גאָר אַרום אין די נעכט מיט מענער אין זייערע מאַשינען, איבער פֿינצטערע, פֿאַר־לאָזענע וועגן.

ווי אַזוי אָבער טוט ער דאָס? ער איז זיכער, אַז זי וואָלגערט זיך מיט דזשייסאָנען אויף „לאָווערס־ליין", געזען אָבער האָט ער זיי נישט. איז ווי אַזוי פּאַקט ער זיי? כאָטש זיך אַליין מעג ער דאָס זאָגן: ווי פֿאַרביטערט ער איז נישט אויף איר, ווי זײַן מענערשטאָלץ איז אין אים צעווייטיקט, וואָלט ער דאָך גרייט געווען אַ זאָג צו טאָן: גייט זי צום טײַוול און זי אין גאַנצן פֿאַרגעסן. נאַרן זיך אַליין האָט נישט קיין זין. ער איז דען אַזוי פֿאַרליבט אין איר? און וואָס איז בײַ אים דער אונטערשייד פֿון איין מיידל ביז דער אַנדערער? בלויז אין דעם, וואָס זי איז אַ ייִדישע און אַ ייִדיש מיידל וויל פֿריִער חתונה האָבן, וואָס ער וויל דאָס גראָד נישט. צו וואָס זאָל אַן אַנדער מאַן שלאָפֿן מיט זײַן ווײַב, אַז ער קען בעסער שלאָפֿן מיט יענעמס!

איז דעריבער דאָס יאָ אָדער נישט האָבן זי אים שוין ווייניק אָנגע־גאַנגען. ער וואָלט איצט גאַנץ לײַכט געקענט זי אַראָפּוואַרפֿן פֿון געדאַנק און זי פֿאַרגעסן. קען ער דאָס אָבער נישט צוליב מענטשן. האָבן אין שטאָט אַ נאָמען פֿאַר אַ ווײַבערניק איז נישט געפֿערלעך. פֿאַרקערט, לויט אים איז עס אַ שטאָלץ. מענער, כאָטש אויבן אויף באַרעדן זיי אים, זענען זיי אָבער, טיף אין זייערע הערצער, אים מקנא זײַן דערפֿאַר. און די ווײַבער ווידער, זיי קלעפּן דאָך אַרום אים צוליב דעם. אַנדערש אָבער איז איצט. צוליב דעם וואָס דער גרינהאָרן האָט אים צעפּאַטשט, קוקט דאָך די גאַנצע שטאָט אויף אים ווי אויף אַן אויסוואורף, אַ פֿאַרגעוואַלטיקער, און דאָס וויל ער נישט!

ווי ווויל אַלע אין שטאָט זענען געווען אין קריג מיט דער דאָקטאָרין און טייל האָבן זי שטאַרק באַרעדט, געלאָזט פֿאַלן מיאוסע אָנצוהערענישן וועגן איר אויפֿפֿירן זיך, האָט ער דאָך געוווּסט אַז דאָס רעדט אין די ווײַבער די קנאה צו איר, אַז אין דער אמתן האַלטן זיי זי פֿאַר אַ פֿײַן, ערלעך מיידל. אויסער די אייכנבוים און די מיס ווײַדנפֿעלד, וואָס בײַ יעדע רעדט די אייפֿערזוכט צוליב דער יונגקייט פֿון דער דאָקטאָרין און איר דערפֿאָלג בײַ מענער, האָט קיינער אין שטאָט נישט געקוקט קרום אויף איר טרעפֿן זיך די עטלעכע מאָל מיט אים און איר אָפּטער פֿאַרברענגען מיט לעס מייער.

איז ווי ווויל דאָס שטעטל האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, געלאַכט פֿון אים, געשפּאַסט: סעם, ווער האָט דיך אַזוי צעדראַפּעט? האָט ער דאָך געפֿילט די שאָדנפֿרייד, וואָס יעדער האָט אין אים, ווי יעדער איינער פֿון זיי וואָלט זיך געפֿרייט מיט אים: אַ מיצווה אויף דיר, סעמעלע! איצט וועסטו שוין

ב. דעמבלין

געדענקען, אַז אַ ייִדישע טאָכטער איז דיר נישט װעלכע שיקסע! מיט אַ ייִדיש מיידל דאַרף מען װיסן װי זיך אױפֿצופֿירן!

װעט ער איצט אַלעמען װײַזן װי פֿאַרנאַרט זיי זענען; װי פֿאַלש זייער מיינונג איז װעגן איר אומשולד, װעגן איר צניעות.

טאָג נאָך טאָג, װי נאָר ער איז אַהיימגעקומען פֿון „מאַרקעט", אָפּגע־געסן, זיך רעכט נישט אַרומגעװאַשן, איז ער שױן געזעסן אין זײַן „שעװי". די מוטער, מר"ס קאָופֿמאַן, האָט זיך גאָרנישט געקענט דערטראַכטן װוּהין ער פֿאָרט. איר איז אַפֿילו נישט אײַנגעפֿאַלן אַז יעדן אָװנט היט ער, װי אַ װאַכער הונט, דער דאָקטאָרינס הויז, אַז אין דער טונקלקייט פֿון דער נאַכט, אַ פֿאַרשטעקטער הינטער אַ בוים, לױערט ער אױף יעדן טראָט אירן.

נאַכט נאָך נאַכט, ביז צען אַ זייגער און אָפֿט מאָל נאָך שפּעטער, היט ער איר הויז. אַז דאָס לעמפּל, אין מיטן סופֿיט פֿון דער װעראַנדע, צינדט זיך פּלוצעם אָן, װערט ער אין זײַן באַהעלטעניש דאָרט איין שטיק געהער און דער בליק זײַנער שפּיזט דורך די אָװנטיקע פֿינצטערניש, פֿון צװישן בלעטער־געפֿלעכט אַהין, צו איר באַלויכטענער װעראַנדע.

עס טרעפֿט, די דאָקטאָרין קומט אַרויס אין איר װײַס פּיקעי קליידל, פֿאַרלייגט די אָרעמס איבער איר ברוסט, שפּאַרט אָן אַן אַקסל אָן איינעם פֿון די זעקס װעראַנדע־זײַלן, און גאָרנישט, קוקט בלויז אין דער נאַכט אַרײַן, ער אָבער װערט געשפּאַנט פֿון די האָרװאָרצלען אױף זײַן קאָפּ ביז די נעגל פֿון זײַנע פֿיס. ער זעט װי איבער איר קאָפּ, אַרום דעם ליכט פֿון עלעקטרישן לעמפּל, װימלען און האװען כמאַרעס גאַנצע מיט באַבעלעך, מאָטיקלעך, מיקן, אַשקאָלירענע פֿלאַטערלעך, װאָס בריִען זיך אָפּ, פֿליִען אַװעק און קומען באַלד װידער צוריק אָט װי ער אַליין. צו װאָס קומט ער אַהער נאַכט נאָך נאַכט? נעמען נקמה? צו װאָס דאַרף ער די נקמה? אָבער ניין, ער מוז װײַזן אַלעמען, דער גאַנצער שטאָט, װער זי איז!

ער האָט אַ קוק געטאָן אױפֿן געלענק־זייגערל. די גרין פֿאָספֿאָריזירטע ציפֿערן גליִען, לויכטן דורך דער פֿינצטער. אױף װעמען װאַרט זי איצט? פּאַציענטן קומען נישט אַזױ שפּעט, אױך נישט צו נעמען זי אױף הײם־װיזיטן. װאַרט זי אױף לעם מייער? זיי זעען זיך דאָך שױן מער נישט. דער מרוק האָט דאָך שױן אױך מיט איר איבערגעריסן, װי ער האָט דאָס געטאָן מיט דער מיס װיידנפֿעלד. װאַרט זי דאָך בלויז אױף האַארד דזשייסאָן!

איין מאָל, גראָד פֿרי אין אָװנט, נאָך פֿאַר אַכט אַ זייגער, איז דזשייסאָן טאַקע אָנגעפֿאָרן און זיך אָפּגעשטעלט בײַ די טרעפּלעך פֿון איר װעראַנדע. באַלד איז זי אײַנגעזעסן אין דער מאַשין און בײַדע זענען אַװעקגעפֿאָרן. בײַ אים האָט ס'האַרץ געקלאַפּט און די געבליטן זענען אים געלאָפֿן אין

קאָפּ אַרײַן, נאָר ער האָט געלאָזט אין גאַנג דעם מאָטאָר און גענומען זיי נאָכפֿאָרן.

ווי ווײַל ער האָט זיך געהאַלטן ווײַטלעך פֿון זיי, איז אַלץ געווען אַ געפֿאַר דזשייסאָן זאָל אין זײַן שפּיגעלע, איבער דער פֿראַנטשויב, זען זיינע, סעמס, לייסנס און גלײַך וויסן אַז ער, סעם, פֿאָרט זיי נאָך. סײַדן דזשייסאָן איז איצט אַן איינהאַנטיקער טרײַבער און מיט דער אַנדערער איז ער אַזוי פֿאַרטאָן אין דער דאָקטאָרין, אַז ער זעט גאָרנישט וואָס עס גייט אָן הינטער אים.

אַז דזשייסאָנס אויטאָ איז אַרויף אויפֿן הויפּטוועג, אַ ברייטער, אַ ליכטיק באַלויכטענער, מיט פֿיל מאַשינען לויפֿנדיקע אין ביידע זײַטן, האָט סעם קאופּמאַן, פֿון גרויס אַנטוישונג, זיך געטאָן אַ פּאַטש אין דער אייגענער קני: צו אַלדע טײַוול! וווּהין פֿאָרן זיי דאָרט? דאָס איז דאָך נישט די ריכטונג צו „לאָווערס־לײַן"! ער איז שוין גרייט געווען זיך צו פֿאַרנע־מען אויף צוריק, האָט אָבער דזשייסאָן פֿאַרקערעוועט די קאַר אַראָפּ, אויף אַ זײַטיק פֿינצטער וועגל.

סעם קאופּמאַנס געבליטן האָבן ווידער גענומען לויפֿן האַסטיקער: ער איז נישט קיין נאַר, האָרד דזשייסאָן! אויף דעם איינזאַמען וועג איז ער בעסער געשיצט ווי אויף „לאָווערס־לײַן"! האָט ער גיך פֿאַרקערעוועט זײַן מאַשין און זיך געשטעלט לויערן פֿון צווישן די ביימער. נאָכפֿאָרן זיי אויף דעם וועגל וועט נישט טויגן. דזשייסאָנס איז דאָ די איינציקע מאַשין און זיינע וואָלט געווען די צווייטע. איז גלײַכער לאָזן זיי פֿריִער זיך אָוועק־שטעלן, אויסלעשן די לאָמפּן, דערנאָך, ווען דאָס פּאָרל וועט דאָרט זײַן פֿאַרטאָן אין דער פֿינצטער, וועט ער פּלוצעם אָנפֿאָרן און... באַץ! אַלע ליכטער גלײַך אויף זיי!

איז נאָר דזשייסאָנס קאַר געפֿאָרן ווײַטער אַרויף און זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ פֿאַרם־הויז. אַ געפּלעפּטער איז סעם געשטאַנען מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אָן בוים און געקוקט אַהין דורך דעם פֿינצטערן פֿעלד. די רויטע הינטערליכט פֿון דזשייסאָנס מאַשין האָבן צו אים אַהערגעבלינצלט, גע־לאַכט אים אין פּנים אַרײַן ווי צוויי אַרויסגעבלעזטע צינגער: סעם קאופּ־מאַן, אומזיסט האָסטו זיך נאָכגעשלעפּט!

אַן אַנטוישטער איז ער געשטאַנען, זיך געריבן מיט דער האַנטפּלאַך די אומראַזירטע מאָרדע, אַ פֿיר געטאָן איבער די פֿאַרטריקנטע ליפּן: אַזוי, דזשייסאָן איז נאָר געפֿאָרן צו אַ פּאַציענט! פֿאַר וואָס זשע האָט ער זי מיטגענומען? אַ קאָנסוליום? און נאָך דעם קאָנסוליום? עפּעס גלייבט זיך אים נישט זיי זאָלן פֿון דאַנען פֿאָרן צוריק אין שטאָט. ניין, האָרד דזשייסאָן מוז דאָ נאָך עפּעס האָבן אין זינען. ער וועט וואַרטן.

ב. דעמבלין

האָט ער זיך דערוואַרט. סעם קאַופּמאַן. דורך אַלע וועגן און אומוועגן איז ער זיי נאָכגעפאָרן. זיי געלאָזט צום ערשט אַליין אַרויף אויף „לאָווערס־ליין". ערשט דערנאָך, אַז דזשייסאָנס אויטאָ איז שוין אַ היפּשע ווײַל געשטאַנען בײַם זײַט פון וועג, אַ צוגעטוליעטער צו אַ בוים, אַ סודותדיק־פאַרזונקענער אין דער שטילקייט, אין דער ווייכער טונקלקייט, האָט ער איצט, סעם קאַופּמאַן, גענומען אָנפאָרן אין זיין „שעווי", צום ערשט פאַרבײַ זיי. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט אויף צוריק. לויט די נישט געשריבענע פאַרשריפטן פון „לאָווערס־לײַן", איז אויך זײַן „שעווי" געווען אַן אויסגעלאָשענע, אַ פינצטערע. ערשט ווען ער איז געווען נאָענט גענוג און פונקט אין פראָנט פון זיי, האָט ער געטאָן אַ צינד אָן די פראָנטליכטער, גלײַך אויף דזשייסאָנס „לייסנס־פּלעיטל" און באַלד, מיט דעם זייטן־פּראָזשעקטאָר, אָנגעשטעלט דירעקט אויף זייער פראָנטשויב, ארײַנגעכאַפּט ביידן אין דעם ליכטפּלייץ, אַז זיי האָבן זיך אַזש געקורטשעט אין דעם אַרומגע־כאַפּטן רינג פון ליכט, וואָס אין אים האָט ער זיי געהאַלטן אַ היפּשע ווייל. גוט זיך אײַנגעקוקט אין זייערע געזיכטער, דערשראָקענע, בלייך געוואָרענע. זייערע אויגן — פאַרלוירענע, בלינצלדיקע.

ערשט ווען זיי האָבן אַראָפּגעבויגן די קעפּ, צו אַנטרינען פון דעם שנײַדיקן ליכט, האָט ער פאַרלאָשן דעם פּראָזשעקטאָר, פינצטער געמאַכט די לאָמפּן און פּאַוואָליע זיי נאָך אַ מאָל פאַרבייגעפאָרן, האַרט און נאָענט זיי פאַרבײַגעפאָרן. זאָלן זיי זען אויף קלאָר אַז דאָס איז ער, סעם קאַופּמאַן!

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

סעם קאַופמאַן האָט בלויז אָנגעצונדן א קניטל, אָנגעצונדן און זיך אָפּגעטראָגן, געננוי ווי א קליין יינגל, וואָס צינדט אונטער א ריטל פון א בוים און ער קלערט גאָר נישט, אַז פון דעם אונטערגעצונדענעם צווײַגעלע קען דער גאַנצער וואַלד זיך צעפלאַקערן אין א העליש פייער.

און א העליש פײַער איז טאַקע אָנגעשטאַנען גלײַך אויף מאָרגן נאָך דער געשעעניש אין „לאָווערס-לײַן", און נישט בלויז איין גרויס פײַער, נאָר צו דעם נאָך באַזונדערע שטילע פײַערלעך אין א גאַנצער ריי הײַזער פון היי-היל.

דאָס ברענען איז געווען נאָר קעגן דער דאָקטאָרין! דאָס האָט דאָך זי, דער פרעמדער טײַוול, א רעפּיודזשי פון אַן אַנדער עק וועלט, דאָ פאַר-קאָכט אַזאַ וויסט געקריגערײַ צווישן מענער און זייערע ווײַבער, צווישן עלטערן און א זון, צווישן פרײַנד און שכנים.

יאָרן לאַנג ווי עס זיצט א ייִדישע קאָמיוניטי אין א קליין שטעטל ביים ניו-ענגלענדער ים-ברעג, זיצט דאָרטן אין רו און אין פרידן מיט זיך, מיט די קריסטלעכע שכנים, האָט דער טײַוול געדאַרפט אָנטראָגן א דאָקטאָרין, זי זאָל דאָרט אָנצינדן אַזאַ פײַער!

טאָמער איז פריִער, פאַר דער געשעעניש אין „לאָווערס-לײַן", נאָך געווען עמעץ, וואָס האָט נישט געוואָלט זיך צוהערן צו דער מר"ס אייכנבוים אין איר אָנרעדן אויף דער דאָקטאָרין און, צומאָל, ארײַנגעוואָרפן א וואָרט פאַר איר, האָבן אויך זיי שוין איצט מיטגעהאָלפן דעם אַלמנהלע אין איר צינדן דאָס פײַער.

און צוריקגעשמועסט, וואָסער גוטס קען מען טאַקע זאָגן אויף א מיידל, וואָס ווי נאָר זי איז אָנגעקומען אין היי-היל, האָט זי שוין אָנגעהויבן זיך ארומצושלעפּן מיט לעם מייערן, אים אויפגענומען ביז שפּעט אין די נעכט ארײַן בײַ זיך אין הויז, געפאָרן מיט אים אין די „וויקענדס" קיין באָסטאָן און ווער ווייסט וואָס אַלץ זיי האָבן דאָרט צעטאָן? און טאָמער איז איר דאָס געווען ווייניק, האָט זי נאָך פאַרברענגט מיט אים גאַנצע נעכט אין זײַן יאַכטשיפל ווײַט ארויס אין אָפענעם ים. איז דאָך דאָס שוין נענוג, א יאָ?

ב. דעמבלין

פֿאַרדרייט זי גאָר אין דער זעלבער צייט דעם קאָפּ אויף סעם קאַופֿמאַנען. אמת טאַקע, סעם קאַופֿמאַן איז נישט אַזאַ אומשולדיק יינגעלע. כאָטש אַז מ׳וויל רעדן אויף צוריק, איז וואָס אַזוינס איז דער מער מיט סעם קאַופֿמאַן? טאָמער האָט ער צו טאָן מיט אַ שיקסל? וואָלט זי, יעטאַ אייכנבוים, געוואָלט זען דעם מאַנצביל, וואָס וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַ שיקסל! נאָר יאָ שיקסל צי נישט שיקסל, מיט איר, דער דאָקטאָרין, האָט ער זיך דאָך אויפֿגעפֿירט לײַטיש. אַ ייִדיש מיידל, האָט ער זיך באַנומען צו איר ערנסט, געמיינט אויף אַן אמת מיט איר חתונה צו האָבן. נעמט זי, אַזאַ אויסוואָרף, אַזאַ „גוד — פֿאָרגאָטין״ (אַזאַ טויגעניכטס) און פֿאַרשעמט אים, מאַכט אים אַזוי צום נאַר! זי, יעטאַ אייכנבוים, וואָלט נאָר וועלן וויסן, אויב זי, דער גרינהאָרן, האָט נישט גערעכנט צו גיין מיט אים ערנסט, ווער האָט זי געצוווּנגען צו פֿאָרן מיט אים אין זײַן „שעווי״? זיך לאָזן פֿון אים נעמען אין טײַערע רעסטאָראַנען, אין די בעסטע מוווי־הײַזער, אין „באָר־לינג־פּלעצער״, צו וואָס? אויסצופּאַטשן אים, אַזוי מיאוס אים אונטער־צוהאַקן די אויגן!

וואָלט דאָך דאָס שוין געדאַרפֿט זײַן געגנוג, איאָ? וויפֿל מענער דאַרף אַ מיידל האָבן? נעמט זי גאָר, פֿאַר אַ צולאָג, און פֿאַרפֿירט אויך דעם דאָקטאָר דזשייסאָן, אַ מאַן פֿון אַ פֿרוי, אַ פֿאָטער פֿון דרײַ קינדער און דערצו נאָך אַ קריסט! האָט שוין ווער אַזוינס געהערט?

די מר״ס אייכנבוים איז אַרומגעשוווּמען אין דעם פֿײַער ווי אַ פֿיש אין פֿרײַע וואַסערן. זי האָט גאָרנישט געדענקט אַז זי האָט אַ שטוב, אַ צירונג־קראָם. זי איז גאָרנישט מיד געוואָרן צו פֿײַערן, צו רעדן דאָ צו אַ שכן, אַ קרעמער אַריבערן אייגענעם קראָם־בריקל, דאָ אויפֿן טעלעפֿאָן, אַלע מאָל צו אַן אַנדער פֿרוי:

— נו, מר״ס גאָלדשטיין, האָט זי, אַ צופֿרידן שמייכלענדיקע אַרײַנגע־רעדט אין טעלעפֿאָן־טרײַבל, — ווער ס׳איז שיין, אָבער זי איז קלוג! איצט איז יעדערער אַ חכם, ווען מ׳פֿאָלגט אָבער זי, וואָלט דאָך צו דעם נישט געקומען! ווי זעט איצט די ייִדישע קאָמיוניטי אויס אין די אויגן פֿון די קריסטלעכע שכנים? אַלץ וואָס עם פֿעלט נאָך איז דזשאָרדזש ווילקאָקס זאָל די געשעעניש צעשפּרייטן אין זײַן „סטאַר־העראלד״! וואָס וועט ער, אַזאַ אַנטיסעמיט, זאָגן? אַלץ די ייִדן מיט זייערע רעפּיודזשים! און זי האָט זיך דאָך געבעטן מ׳זאָל שרײַבן אין ניו־יאָרק־אָפּיס, זיי זאָלן זיך צו־ריקנעמען די דאָקטאָרין! ווער האָט דאָ געדאַרפֿט אַ דאָקטאָרין? זי האָט דאָך פֿאָרויסגעזאָגט, אַז די פֿאַרזעסענע מויד וועט זײַן אַן אומגליק פֿאַר דער שטאָט!

אַ רעפּיודזשי אין נײַ־ענגלאַנד

פּאַרטיק געוואָרן מיט די גאָלדשטיינס, האָט זי געקלונגען צו די קאָופּ־מאַנס. פריִער, אַז פּיי קאָופּמאַן האָט זיך אַזוי שיין גענומען נייען אַ בײַ־טעלע, געמיינט אָט שוין ווערט אַ שידוך צווישן איר סעמען מיט דעם גרינ־האָרן, האָט זי, דאָס אַלמנהלע, געשוויגן, געהאַלטן דאָס צינגל צווישן די ציין. אָנהייבן זיך מיט דער פּיי קאָופּמאַן איז נישט פון די גרינגע זאַכן. האָט זי זיך געטראַכט: אַז אַ מאַמע וויל זײַן בלינד, קען זי עפּעס העלפן? איצט אָבער, אַז די מר"ס קאָופּמאַן זעט שוין אײַן דעם אמת, מעג זי דאָך זאָגן אַ וואָרט:

— וועל, מר"ס קאָופּמאַן, ווער איז געווען גערעכט? זי וויל איר חלילה נישט ווי טאָן, זי מוז איר אָבער זאָגן, אַז זי מעג זיך שעצן גליקלעך, וואָס אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט צום גוטן. קען זי זיך פאָרשטעלן ווי סעם וואָלט אויסגעזען ווען ער האָט חתונה מיט אַזאַ מויד? אַזאַ אויסוואָרף!

זי האָט נישט געוווּסט, די מר"ס אייכנבוים, אַז אויך אָן איר קלינגען האָט זיך בײַ די קאָופּמאַנס געטאָן חושך. דאָס פײַער האָט דאָרט געברענט פון דרײַ זײַטן, פון דער מאַמע צום זון, פון זון צו דער מאַמען און פון פאָטער קעגן ביידן.

איר, דער מר"ס קאָופּמאַן איז איצט געווען גאָר ביטער. די לעצטע עטלעכע וואָכן האָט זי געמיינט: שוין, דער טומל אין שטאָט אַרום סעמעלען מיט דער דאָקטאָרין האָט זיך אײַנגעשטילט. דאָס מוזן זידלען די דאָקטאָרין איז איר נעבעך אָנגעקומען שווער, ווײַל מיט אַ האַלב מויל נאָר. ווער, ווער, זי קען דאָך איר סעמעלען. זי האָט דאָך פון אָנהייב אָן געוווּסט, אַז נישט אומזיסט האָט דאָס מיידל אים אויסגעפּאַטשט. איז איר די גאַנצע צײַט געווען דערווידער דאָס מאַכן דעם אָנשטעל, גלײַך דאָס זינדעלע וואָלט נעבעך געווען גאָט די נשמה שולדיק. איז זי געווען גליקלעך וואָס אַלץ האָט זיך אײַנגעשטילט און מ'האָט אויפגעהערט אַרומטראָגן סעמען אין די ציין. ס'איז דען אַזאַ גוטער טעם פאַר אַ מאַמען צו וויסן, אַז ווער נאָר ס'האָט אַ האַנט מיט אַ פּוס, רעדט אוים אויף איר קינד וואָס אין דער קאָרט? דערצו נאָך ווען מ'שווינט אויך זי נישט! אַ ליאַדע־וואָס גיט מען אַ זאָג: וואָס מאַכט זי זיך אַזוי געפּייגערט, פּיי קאָופּמאַן? אין וועמען גערעדט דען אַרײַן דאָס זינדל? אין אירע ברידערלעך, אַ נואָף ווי זיי! איז טאָמער האָט זי געמיינט אַז ס'איז שוין שטיל, נעמט דער יונג און צינדט אָן דאָס פײַער אויף ס'נײַ!

— סעם, איז זי געשטאַנען איבער אים, ווי אַ פּראָקוראָר איבערן באַ־שולדיקטן אין געריכט, — דו זאָלסט מיר שוין זאָגן צוליב וואָס דו האָסט דאָס געטאָן? וואָס האָט דיך געאַרט מיט וועמען די דאָקטאָרין פאַר־ברענגט, וואָס זי טוט, זי דאַרף דען דיר אָפּגעבן רעכענונג?

ב. דעמבלין

נאָר געקרענקט האָט עס זי, וואָס סעמעלע לאַכט איך אין די אויגן אַריין, וואָס, ווי ווייל ער זעט, אַז די גאַנצע שטאָט איז אויפגערודערט איבער דעם וואָס ער האָט געטאָן, ברענט מיט האַס אויף אים פאַר זיין לויפן קוקן אין פרעמדע שליסל-לעכער, קוועלט ער גאָר אַז פון דעם קריג, וואָס ער האָט אויפגעראַיעט:

— פאַר וואָס ער האָט דאָס געטאָן? האָט ער זי צוריקגעפרעגט, — ווען ער טוט דאָס נישט, וואָלט דאָך זי, די מאַמע זיינע נאָך אַלץ געמיינט אַז די פאַרדאַמטע רעפיודזשי איז אַן איידל קינד, אַ פיין מיידעלע. איצט אָבער זעט זי שוין ווער יענע איז! אַ פאַרפוילט שטיק איז זי, אַ יוראָפּישע הור, אָט וואָס זי איז!

ביז איצט האָט נאָך דער פאָטער געשוויגן. ער האָט נישט געקענט, — ווי דאָס ווייב זיינס — אין שטוב זידלען דעם זון און אין גאָס אים געבן גערעכט; אין הויז זאָגן, אַז די דאָקטאָרין איז אַ גאָלד, אַ טייער קינד, און פאַר מענטשן מאַכן זי מיט דער בלאָטע צוגלייך, האָט ער געשוויגן, געדריקט אין זיך דעם פאַרדרוס און געשוויגן. איצט אָבער, אַז דאָס זינדל האָט אויף ס'ניי אָנגעצונדן אַזאַ פייער, אַז אויך די קריסטלעכע שכנים ברענען שוין מיט כּעס אויף אים, סעמען, וואָס צוליב אים איז ד״ר דזשייסאָן אַזוי קאָמפּראָמיטירט געוואָרן און עס איז אָנגעשטאַנען ביי אים אין הויז אַזאַ קריג אַז זי, נעללי, האָט שוין פאַר שאַנדע געוואָלט נעמען די קינדער און אַוועק פון שטאָט, איצט האָט ער שוין נישט געקענט מער שווייגן און אויך ער האָט געעפנט אַ מויל, אויפן ווייב נאָך מער ווי אויפן זון:

— וואָס דען האָסטו געמיינט, פייגעלע? ס'וועט דיר אַלץ אָפּגיין גלאַטיק? אַ וועלט וועט גלייבן וואָס דו זאָגסט? ווען דו אָבער וואָלסט נישט געגעבן דעם זינדל גערעכט, ווען שטאָט מיטהאַלטן מיט דער אייכנ־בוים אין באַשמוצן דאָס מיידל, וואָלסטו בעסער געקלאַפּט דעם קאָפּ אים, דעם זינדל דיינעם, וואָלט ער געלעגן איינגעלייגט, וואָלט ער זיך נישט אַריינגעלאָזט אויף ס'ניי אין אַזאַ אַוואַנטורע!

נישט ווייניקער ווי ביי די קאָופּמאַנס האָט מען זיך אַרומגעקריגט ביי די גאָלדשטיינס אין הויז און אויך דאָרט — אין דער שטיל, די צוויי אויס־געגעבענע זין מיט זייערע ווייבער, אויך נישט עמעץ פון די שכנים זאָלן פון דעם נישט וויסן.

ווי ווייל דער מ״ר גאָלדשטיין איז געהאַט געבליבן נאָר ביים ווערן; זי, די דאָקטאָרין, האָט אים נישט דערפילט זיין פאַרלאַנג, איז נישט געקומען צו אים אין סטאָר נאָך אַ פּאָר שיך, ווי זיין פּרעזענט צו איר באַזעצן זיך דאָ אין שטאָט און זיך נישט פאַרוויקלט אין קיין אַפערעלע מיט אים, ווי ער האָט דאָס געהאַט אַזוי שיין אויסגעפּלאַנעוועט, האָט זיך דאָך די מר״ס

אַ רעפּיודזשי אין ניי־ענגלאַנד

גאָלדשטיין נישט געקענט באַרויִקן פֿון פֿאַרדרוס איבער זײַנע פּאַרוועלענישן און בײַ יעדער געלעגנהייט האָט זי דאָס נישט בלויז אויפֿגעוואָרפֿן דעם מאַן, נאָר אויך זיך געריייצט מיט אים, געחוזקט פֿון אים: „אַזאַ אַלטער ביין, יונגע מיידלעך גאָר פֿאַרווילט זיך אים״! איז כאָטש זי האָט מיטגעהאַלטן מיט דער אייכנבוים, מיט פּיי קאָופּמאַן און נישט ווייניקער פֿון זיי באַרעדט דאָס מיידל, זי גערופֿן „אויסוווּרף״, „געמיין שטיק״, האָט זי דאָך אין שטוב, פֿאַרן מאַן, גערעדט אַנדערע רייד:

— האַ, דודל! ס׳קרענקט דיך גוט, וואָס דו האָסט זיך אומזיסט גע־לייגט פֿייגעלעך אין בוזעם. האָסט געמיינט די דאָקטאָרין איז ווי די אַמאָ־ליקע כּלות דײַנע, די קוכטעס אין וואַרשע, און זי וועט דיר אויך ווערן אַ ליובאַוויצע ווי זיי, האַ, דודל?

דאָס כּלומרשט גוטמוטיקע אַרומקריגן זיך איז בײַ די גאָלדשטיינס אַזוי אַנגעגאַנגען זינט די רעפּיודזשי־דאָקטאָרין איז געקומען זיך באַזעצן אין היי־היל. איצט אָבער נאָך דער געשעניש אין „לאָווערס־לײַן״, האָט מ״ר גאָלדשטיין דערזען אַ געלעגנהייט צו רעהאַבילויטירן אַ ביסל זײַן רעפּוטאַציע נישט בלויז פֿאַר זיך אַליין, נאָר מער נאָך פֿאַרן ווײַב. זי, סטעסי, האָט דאָך די גאַנצע צײַט נאָר געוואָלט אים אײַנרעדן, אַז די דאָקטאָרין איז אַן ערלעך מיידל, אַ פֿײַנע ייִדישע טאָכטער, כאָטש פֿאַר לײַטן האָט זי גערעדט אַנדערש, און ער איז דאָס דער אויסוווּרף פֿאַר זײַן מיינען, אַז זי איז איינע פֿון יענע פֿייגעלעך, וואָס עס איז זי לײַכט צו קריגן. זי האָט דאָך געלאַכט פֿון אים, וואָס ער האָט נעבעך געמאַכט אַזאַ טעות: געטראַכט אויף אַ צניעותדיק מיידל, אַז זי איז אַ לײַכט דאַמעלע! נו, זעט זי שוין איצט וואָסער צנועה די גרינע איז:

— נו, סטעסי, ווי געפֿעלט דיר דאָס איידעלע קינד? מיט אַ פֿאַרהיי־ראַטן מאַן און נאָך אַ גוי דערצו — אין „לאָווערס־לײַן״! שוין איין מאָל אַ פֿײַן מיידעלע. אַ יאָ, סטעסי?

ווי וויל דער קריג איז אָנגעגאַנגען אין אַזוי פֿיל שטובן, איז אָבער אין קיין איינער פֿון זיי נישט געוווען קיין געפֿאָר פֿאַר אַן אויפֿרייס. ביי די דזשייסאָנס אָבער האָט האָט עס יאָ געדראָט מיט אַן אויפֿרײַס.

נעלי דזשייסאָן, ווי וויל זי האָט לאַנג שוין פֿאַרדעכטיקט אַז עפּעס קומט פֿאָר צווישן איר מאַן און דער רעפּיודזשי־דאָקטאָרין, האָט זי זיך דאָך נישט צוגעהערט צו אירע פֿרײַנדינס און דאָס ניי־געקומענע מיידל יאָ פֿאַרבעטן צו זיך אין הויז אויף פּאַרטיס, צו אַן אַרויספֿאָר אויף אַ פּיקניק, צו אַ שווים אין ים. זי איז נישט ווי דזשאָזעפֿין קימבי, ווי עוועלין דאָדלי. לויט איר זענען די ביידע פֿרײַנדינס צו היסטעריש, צו גיך צו מאַכן סצענעס. זי קען איר האָרדן. וואָס קען זי טאָן? ער איז פֿאָרט נישט ווי זייערע

מענער. בײדע, קימבי ווי דאָדלי זענען „קלאָמזי״, נישט רירעוודיק מיט פֿרויען. האָארד אָבער איז פֿון שטענדיק אָן אַ געפּערלעכער פֿלירט און צוליב דעם טאַקע האָט זי זיך דאָך אַזוי שטאַרק פֿאַרליבט אין אים. וואָס זשע קען זי איצט טאָן? אַ מענטש ענדערט זיך נישט. ווען זי זאָל וועלן פֿאַר יעדן שמייכל זײַנעם צו אַ פֿרעמדער פֿרוי אים מאַכן אַ סצענע, וואָלט איר אוממעגלעך געווען צו לעבן מיט אים איין טאָג. אָבער אַז ער זאָל זיך דערלויבן אויף אַזעלכעס, נעמען אין זײַן קאַר בײַ נאַכט די רעפּיודזשי־דאָקטאָרין אויף „לאָווערס־לײַן״? דאָס האָט זי זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלן!

אויף דער הייסער מינוט, ווי נאָר זי האָט דאָס דערהערט, האָבן די געפֿילן אין איר געהאַט די איבערהאַנט. די אײפֿערזוכט, דער ווײַבערישער אינסטינקט נישט צו לאָזן קיינעם אַנרירן דאָס באַזיצן פֿון איר מאַן, האָט זי שוין געטריבן צו האַנדלען, אויסצולאָזן דעם כּעס, צו באַפֿרײַען זיך פֿון דעם ווייטיק, וואָס די פֿאַרשעמונג האָט אין איר אָנגעיאָגט. זי איז שוין גרייט געווען זיך אַרײַנצוזעצן אין דער קאַר און אַריבערפֿאָרן צו דער רעפּיודזשי, זי אָפּוואַרטן בײַם צוריקקער פֿון האָספּיטאַל און גלײַך דאָרט, פֿאַר די אויגן פֿון אירע שכנים, זי אויספּאַטשן, אויסרײַסן איר די האָר פֿון קאָפּ!

אין דער אויפֿרעגונג טאַקע, האָט זי דאָס געכאַפּט אָנטאָן די קינדער און שוין אַוועקפֿאָרן מיט זיי אין מײַן, צו די עלטערן אויף זייער פֿאַרם. האָט אָבער דער קיל אויסגערעכנטער געדאַנק איר אונטערגעזאָגט, אַז די בײדע פֿאַרוועלענישן אירע, וועלן נישט טויגן. זיי וועלן בלויז דעם סקאַנדאַל נאָך מער אויסשפּרייטן און זי נאָך מער פֿאַרשעמען. אין גאַנצן אָבער דאָס פֿאַרשווײַגן טאָר זי אויך נישט. געווים, דזשאָזעפֿין אָדער עוועלין וואָלטן נאָך אַזאַ פֿאַרשעמונג יאָ גענומען די קינדער און מיט זיי אַוועק צו די עלטערן. אָבער וואָס וועט זײַן נאָך דעם אַוועקפֿאָרן? זי וועט קלאָגן האָארדן אויף אַ גט? אומזין! ווען פֿרויען זאָלן אַזוי לײַכט קלאָגן זייערע מענער אויף אַ גט, וואָלט קיין איין חתונה־געהאַט פּאָרל מער נישט מעגלעך געווען!

זי האָט געכאַפּט אַ קוק דורכן פֿענצטער אויף דער לאָנקע. אין גאָרטן וואָס הינטערן הויז האָבן זיך געשפּילט די קינדער, אירע דרײַ און עוועלינס — צוויי. ס'איז שוין שפּעט אין אויגוסט, באַלד וועלן זיך עפֿענען די סקולס. זי דאַרף זיך נעמען צוגרייטן די קינדער צוריק אין סקול אַרײַן און דאָ צעוואַקסט זיך אַזאַ סקאַנדאַל! וואָס וועט זי טאָן טאָמער גייט נאָך אין „סטאַר־העראָלד״ אַ באַשרײַבונג וועגן דער געשעניש? מער וואָלט איר שוין נישט געפֿעלט!

זי האָט גיך גענומען דעם טעלעפֿאָן צום אויער:

— קען זי רעדן צו מ״ר ווילקאָקס ?

דאָס מיידל אויף יענער זייט ליניע האָט זעט אויס דערקענט ווער דאָ רעדט. זי האָט דאָרט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויפן טרייבל און עפּעס זיך געשושקעט מיט עמעצן. באַלד האָט זיך דערהערט די שטים פון דזשאָרדזש ווילקאָקס, אַ הייזעריקלעכע, אַ באַסאָווע שטים:

— העלאָ, נעלי.

זי האָט נישט גלייך געענטפערט. דאָס געפיל פון שאַנד האָט איר פאַרהאַקט דעם אָטעם, געמאַכט זי צעגערן אַ וויַל. אפשר וויסט ער גאָר־נישט, צו וואָס זשע אים דערציילן, אַליין זיך אויסשמירן ס׳אייגענע פּנים ? באַלד אָבער האָט זי אײַנגעזען דעם אומזין פון דעם טראַכטעניש: אויב ער ווייסט נאָך נישט, וועט ער דאָך עס באַלד וויסן. צייטונגסלײַט האָבן זייערע נעז אומעטום.

— האָט ער שוין געהערט די לעצטע נײַעס ?

אויך ער, דזשאָרדזש ווילקאָקס, האָט אויף אַ סעקונדע געצעגערט. אויך אים איז געווען פּײַנלעך צו רעדן מיט איר וועגן דעם סקאַנדאַל. דאָך, אַז זי פרעגט ?

— צי ער האָט געהערט ? ווען ער כאַפּט זיך נישט אין צײַט, וואָלט די באַשרײַבונג נאָך געווען אַרײַן אין הײַנטיקער אויסגאַבע.

— ער זאָל דאָס נישט דרוקן ? וואָס טראַכט זי איז ער, אַ קינד ? אַן אידיאָט ? ווי שטעלט זי זיך דאָס פאָר ? ער וועט אויסנוצן די נאַרישקייט פון אַ פרײַנד פאַר אַ סענסאַציע אין „העראָלד״ ?

— יעס, זי טוט ריכטיק ! נאָר נישט קיין סצענעס, נאָר נישט קיין סקאַנדאַלן, וועט אַלץ פון זיך אַליין גיך פאַרגעסן ווערן. זי קען דאָך האָארדן, ער איז אַ פײַנער יונג, נאָר אַ געפערלעכער פלירט ! קען זי אים ענדערן ?

זי האָט צוריקגעלייגט דעם טעלעפאָן אויפן אַפּאַראַט. געוויס, אַלץ וואָס דזשאָרדזש ווילקאָקס האָט דאָ געזאָגט איז ריכטיק. זי וועט קיין סקאַנדאַלן נישט מאַכן, נישט זי וועט פאָרן מיט די קינדער קיין מיין און נישט זי וועט לויפן צו דער רעפּיודזשי מאַכן איר אַ סצענע. אים אַליין אָבער, האָאַרדן, אים וועט זי דאָס נישט פאַרשווײַגן. ער דערלויבט זיך שוין צו פיל, האָארד. ווײַט, ווײַט צו פיל !

קאַפּיטל דרייסיק

ווען אַ פּרעמדער מענטש וואָלט אין יענע טעג אַזוי אומגעריכט אַרייַנ־געפּאַלן אין דעם הויף־היל און געזען וואָס דאָרטן טוט זיך, ווי די אייַנוווינער אין דעם שטעטל קריגן זיך, טומלען און רוישן איבער עפּעס אַ געשעעניש צווישן אַ פֿאַרהייראַטן מאַן, אַ דאָקטאָר, מיט אַ מיידל אַ דאָקטאָרין, וואָס מען האָט זיי בייַדע צוזאַמען געזען אין אַ קאַר, ביי נאַכט אויף „לאָווערס־לייַן", וואָלט דער פּרעמדער זיכער געוועזן, אַז די מענטשן ווייסן נישט וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, ווייסן נישט אַז עס איז שפּעט אין אויגוסט פֿון יאָר 1939 ! ווייסן נישט אַז אייראָפּע ברענט, אַז די דייַטשישע נאַציס האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט די רוסישע קאָמוניסטן, אַז היטלער פֿאָדערט שוין דאַנציג, דעם פּוילישן קאָרידאָר, און סטאַלין שמייכלט און ראָט פּוילן אין אַלץ נאָכצוגעבן היטלערן !

האָט דאָס טאַקע קיינער דאָרט נישט געוווּסט ? נישט געטראַכט וועגן דעם ? גיין, גראָד די דאָקטאָרין, וואָס צוליב איר איז דאָס גאַנצע טומלעניש און קאָכעניש אָנגעשטאַנען, גראָד זי האָט וועגן דעם פֿיל גע־טראַכט, גוט דאָס געדענקט. אין מיטן פֿון איר פֿאַרשעמונג, וואָס דער סעם קאַופֿמאַן האָט אַזוי אומגעריכט און אַזוי ווילד אָנגעיאָגט אויף איר, האָט זי געטראַכט, מיט אַנגסט און ציטער געטראַכט וועגן די פּאָגראָמען אויף ייִדן אין פּרעשבורג, וועגן די שיפֿן מיט ייִדישע היימלאָזע, וואָס וואַנ־דערן איבער די אָפֿענע ימים און קיין לאַנד לאָזט זיי צו זיך נישט אַרייַן, געטראַכט וועגן היטלערס שאַרפֿן זייַנע ציין אויף פּוילן, וועגן מוסאָליניס וואָרענען די וועלט אַז ייִדיש בלוט וועט זיך ערשט גיסן.

זיי האָבן זיך געראַטעוועט, די עלטערן אירע, זיך אַרויסגעקראָגן פֿון דעם „קיינעמס־לאַנד", וואָס צווישן פּוילן און דייַטשלאַנד, ערגעץ דאָרט אין זבאָנזשין, געלאָפֿן פֿון די פּראָסטיק וויסטע פֿעלדער, ווינטערדיק פֿאַרשנייטע, געלאָפֿן צוריק אין זייער אַמאָליקן לאָדזש, צוריק צו אַ צעבראָכן, האַלב אייַנגעפּאַלן שטיבל ערגעץ דאָרט אויפֿן באַלוט, געלאָפֿן צו ראַטעווען זיך פֿון היטלערס נעגל, גייט זיי איצט היטלער נאָך, גייט זיי נאָך מיט די מעסערס אין די הענט פֿון זייַנע מיליאָנען האָדסט־וועסלס, און מוסאָליני, זיין איטאַ־

אַ רעפּיודזשי אין נײַ־ענגלאַנד

ליענישער פֿרײַנד, זאָגט פֿאַרוים דער וועלט, אַז פֿון די מעסערס וועט ייִדיש בלוט זיך גיסן!

זי איז געזעסן בײַם ביוראָטיש, די אָרעמס — נאַקעטע, אַנטבלויזטע פֿון די לויז־אַראָפּגעפֿאַלענע אַרבל פֿון שלאָפֿראָק — איבער דער אויסגעשפּרייטער צייטונג. זי האָט נישט געלייענט. איר קאָפּ איז נאָר געווען פֿאַרזונקען אין די הענטפּלאַכן, די אויגן פֿאַרשלאָסן: וואָס זאָל זי איצט טוען? זינט דער געשעעניש אין „לאָווערס־לײַן" איז זי פּאַראַליזירט. ניין, קיינער זאָגט איר גאָרנישט. די קראַנקע אין איר „האָספּיטאַל־וואַרד" באַגעגענען זי יעדן אין דער פֿרי מיט דער זעלביקער ליבשאַפֿט אין זייערע אויגן. ד"ר סמײַט, דער טויבלעכער „סופּעראינטענדענט" באַגריסט זי מיטן זעלביקן אַלט מאָנצ־בילשן שמייכעלע, רופֿט זי נאָך אַלץ „סוויטי־פּיי", „פּריטי־פֿייס". פּאַ־ציענטן קומען צו איר אין אָפּיס ווי פֿריִער, פֿאַר דער געשעעניש, בלויז זי אַליין איז נישט די אייגענע. וואָס איז דען דאָ געשען? דאַכט זיך גאָר־נישט וויכטיקס: אַ מאַן, אַ גוטער פֿרײַנד צו איר, האָט שלוי אויסגעפּלאַ־נעוועט צו האָבן זי אַליין מיט זיך אין זיין קאַר בײַ נאַכט, אויף „לאָווערס־לײַן". געשען צווישן זיי איז דאָרט גאָרנישט! איר איז געלונגען אים צו באַרויִקן, צו האַמעווען און איינצושטילן זיינע אויפֿגעברויזטע געבליטן. אָבער זי איז „געבראַנדמאַרקט"! געוויס, קיינער זאָגט איר גאָרנישט, מ'קערט נאָר אָפּ די קעפּ אָן אַ זײַט, ווען מ'קומט איר אַנטקעגן. בלויז זײַטיקלעך כאַפּט מען אַ קוק אויף איר, איז דאָס אַ בליק — פֿול מיט פֿאַר־אַכטונג!

ווי וויל זי באַמיט זיך צו פֿאַרטרײַבן, צו מינימיזירן די געשעעניש, צו שטעלן עס אין ליכט פֿון די קאַטאַסטראָפֿעס אויף דער וועלט, זי זאָל בעסער אײַנזען די נישטיקייט, די לעכערלעכקייט פֿון דעם וואָס מיט איר האָט גע־טראָפֿן, העלפֿט עס נישט, קען זי אַלץ נישט באַפֿרייען זיך פֿון דעם פּאַראַ־ליזש, וואָס האָט זי אַרומגענומען גלײַך דאָרט, אין דער קאַר, ווי נאָר איר איז קלאָר געוואָרן אַז דאָס איז ער, סעם קאָופּמאַן, אַז דאָס האָט ער זי אַזוי פֿאַרפֿאָלגט, אַזוי ברוטאַל און גראָב אָנגעשטעלט די פּראָזשעקטאָרן פֿון זײַן מאַשין גלײַך איר און דזשייסאָנען אין די פּנימער.

מאָדנע, ווי אַ קליינע, אַ נישטיקע געשעעניש וואַרפֿט אַ מאָל אַזאַ העל, אַזאַ דורכזיכטיק ליכט אויפֿן כאַראַקטער פֿון אַ מענטש. זי האָט דאָך גע־קענט דעם ד"ר דזשייסאָן. אַן אָפּנהאַרציקער, אַ דרייסט וואַגנדיקער מענטש. און איצט? ווי דערשלאָגן ער איז! איז דאָס בלויז צוליב דער פֿאַרשעמונג? אָדער איז דאָס גאָר צוליב שרעק? אָבער שרעק פֿאַר וועמען? פֿאַר זײַן רעפּוטאַציע אין דער קאָמיוניטי? טאָמער וועלן געוויסע פּוריטאַנישע נײַ־ענגלענדער אויפֿהערן קומען צו אים זיך היילן? אָדער

ב. דעמבלין

איז עס נאָר די העסלעכע, נישטיק נאַרישע שרעק, וואָס עס באַפאַלט יענע שלאַבעריק ווייכע מענער, ווען זיי פאַרזינדיקן זיך מיט עפּעס קעגן זייערע ווייבער?

אויב נישט צוליב דעם לעצטן, איז דאָך נישט צו פאַרשטיין ווי אַזוי דער מענטש האָט געקענט אַזוי גיך ווערן אַן אַנדערער! ס'איז דאָך נישט דער זעלבער ד"ר דזשייסאָן! אַזוי איינגעשרומפּן, די שרעק האַלט דאָך אים אין קלאַמערן און ער קען דאָך זי גאַרניט, גריסט זיך מער ניט צו איר!

און לעם מייער? ווי איז דאָס מעגלעך, אַ מענטש ווי ער, זאָל האָבן אַזאַ טעות אין איר? ער וואָלט דאָך געדאַרפט פאַרשטיין, אַז מיט איר ווילן איז זי אין „לאַוועדס-ליין" מיט האַארד דזשייסאָנען נישט געפאָרן! אַז דאָס האָט ער זי אַזוי שלוי אַהינגעקראָגן, אַהינגעקראָגן זי און דאָך גאָר־נישט אויסגעפירט. ער וואָלט דאָך דאָס געדאַרפט פאַרשטיין און צו איר אָנקלינגען אויפן טעלעפאָן, דער איינציקער אין שטאָט, וואָס זאָל איר זאָגן אַ גוט וואָרט, פּרוּוון פון דער ערשטער האַנט זיך דערוויסן וואָס עס איז טאַקע געשען, ווי אַזוי איז זי געקומען אַהין? נאָר אפשר דערוואַרט זי צו פיל? צו וואָס זאָל ער קלינגען און פרעגן אַז אַלץ זעט אים אויס אַזוי לאַגיש קלאָר קעגן איר. ווי פאַרלאַנגט זי גאָר ער זאָל טראַכטן אַז ס'איז דאָ מעגלעך אַן אַנדער וואָרהייט? קיינעם וועט נישט איינפאַלן אַז דאָס האָט דזשייסאָן פאַרטראַכט אַזאַ שלויען פּלאַן, בעטן זי מיטפאָרן אויף אַ קאָנסולטאַציע צו אַ פּאַציענט און דערנאָך פאַרפירן זי אויף „לאַוועדס-ליין".

אַז קיינעם קען דאָס נישט איינפאַלן זעט זי דאָך פון דעם, וואָס אויך די גרינבערגס, נישט ער און נישט זי, ביידע פיינע, איידעלע מענטשן, וואָס האָבן אַלע מאָל געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר איר, זיך איינגעשטעלט קעגן אַלע־מען אין זייער באַשמוצן זי, אויך זיי קלינגען דאָך נישט אָן, אויך זיי, זעט אויס, גלייבן אַז זי איז אַ געזונקענע פרוי, וואָס נאָר זי יאָגט זיך נאָך מענער, פון איין זייט לעם מייער, פון דער צווייטער זייט סעם קאַופמאַן און צו זיי נאָך — מיט האַארד דזשייסאָנען אין „לאַוועדס-ליין"!

זי האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אַרומגעקוקט. ס'איז אַזוי שטיל, טונקל און שטיל. ווען נישט אין דרויסן דער געפּישטש פון אַ פויגל און דאָ, דער געזשום פון אַ פליג, וואָלט אַלץ דאָ געווען טויט, אויסגעשטאָרבן. פון די פענצטער איז לאַנג שוין אַוועק די זון. אַך, ווי צופרידן זי וואָלט געווען ווען קיין פּאַציענטן זאָלן זיך נישט אַריינוויַיזן אין די פאַרנאַכטיקע אָפּיס־שעהען, זי זאָל נישט דאַרפן ווידער פּראָוועון אָנשטעל, באַגריסן מענטשן, שמייכלען ווען איר געמיט איז אַזוי שווער, אַזוי פאַרצאָגט, ווען איר האַרץ בלוטיקט, קאַרטשעט זיך פון שאַנד, פון טרויער, פון שרעק.

שרעק, פאַר וואָס? פאַר וועמען? איז עס נאָר די שרעק פאַרן שיקזאַל

פֿון די עלטערן? די נאָענטע? איז עס בלויז דער טרויער איבער דעם, וואָס עס געשעעט אין אייראָפּע? געוויס! עס איז אָבער נישט דאָס אַליין. ווי אומגלייבלעך דאָס זאָל נישט פֿאַרקומען, ווי אומבאַגרײַפֿלעך דאָס זאָל נישט זײַן, ווייסט זי דאָך אַז די קליינע, נישט וויכטיקע געשעעניש אין „לאָווערס־לײַן", פֿאַרדעקט איצט און שטײַגט איבער אין איר געדאַנק אַלע שווידערן אין אייראָפּע, אין פּוילן. אָט קוקט זי אויף די שרײַיִקע קעפּ אין צײַטונג, זעט ווי היטלערס האָרדעס ברענען שטעט, בושעווען ווילד אין לענדער, פּאָגראָמירן צענדליקער טויזנטער יידן, אָבער איבער דעם אַלעם, אַוועק פֿון די גרוילן, לויפֿט איר בליק איבער די זייטן פֿון דער צײַטונג און זוכט גאָר, זוכט אין שרעק און אין אַנגסט, צי איז נישט אַ מאָל דאָ אַ באַשרייבונג וועגן איר מיט דזשייסאָנען אין „לאָווערס־לײַן". געוויס, איר ווערט גרינגער פֿון דעם וואָס נאָך אַ טאָג איז אַוועק און וועגן דער געשעעניש איז אין צײַטונג קיין וואָרט נישטאָ. עס ווערט איר גרינגער אָבער באַפֿרײַען זיך פֿון דער פֿאַרשעמונג וועט איר שוין נישט מעגלעך זײַן.

דאָס טירגלעקל האָט געקלונגען. נאַנסי, דאָס נעגער־מיידל, האָט געעפֿנט די טיר, אַרײַנגעלאָזט פּאַציענטן, זיי אַנגעוויזן אויף די קאַנאַפּעס, אויף די שטולן אין וואַרטצימער, נאָר זי איז נאָך אַלץ נישט אויפֿגעשטאַנען פֿון ביוראָטיש, ווידער אָנצוהייבן איר טעגלעכע רוטין.

רוטין, ווי אַזוי וועט זי נאָך קענען אָנגיין מיט איר טעגלעכער רוטין? אין האָספּיטאַל וועט אפֿשר קיין ענדערונג נישט פֿאַרקומען. דאָרט וועט מען איר, האָפֿנטלעך, גאָרנישט פֿאַרהאַלטן. קיינער וועט דאָרט נישט זײַן אַזוי גראָב איר צו לאָזן פֿילן אַז זי איז אַ געזונקענע פֿרוי. וועלן אירע פּריוואַטע פּאַציענטן אויך אַזוי טראַכטן? וועלן פֿיל פֿון זיי נישט אויפֿהערן קומען צו איר, ווען זיי וועלן זיך פֿון דעם דערוויסן? וועט טאַקע קיינעם פֿון זיי נישט אָנגיין איר פּריוואַט לעבן? וואָס קומט איר אָבער ארויס אַז די אײַנוווינער אין שטאָט גייט גראָד דאָס יאָ אָן. זיי האַלטן זי איצט נאָך שאַרפֿער אונטער זייערע פֿאַרגרעסער־גלעזער. וואָס נאָך ערגער, יעדער הויז אין שטאָט איז איצט פֿאַרמאַכט פֿאַר איר! נישט בלויז יידן, אויך די קריסטן מײַדן זי שוין אויס, וויכן פֿון איר און זייערע שטובן זענען שוין פֿאַרהאַקט פֿאַר איר.

גאָט, ווי אומגערעכט! ווי גרויליק שווער עס איז דער שיקזאַל פֿון דער פֿרוי. אים, האַראָרד דזשייסאָנען, דעם העלד אין דער נאַרישער אַפֿערע, דעם מאַן וואָס האָט דאָס אַלץ געפּלאַנעוועט, אים וועט גאָרנישט געשען. זיין רעפּוטאַציע וועט אויף גאָרנישט לײַדן. בלויז נעללי וועט אַ ביסל וויינען, זיך בלאָזן, מאַכן די ווײַבערישע אָנשטעלן פֿון נישט צולאָזן אים

ב. דעמבלין

צו זיך, פֿון נישט וועלן אים פֿאַרגעבן אַזאַ פֿאַרראַט! אין דער זעלבער צײַט וועט אין הויז אַלץ אָנגיין ווי פֿריִער. די קינדער וועלן גיין אין סקול, זי, נעלי, וועט זײַן די אייגענע מאַמע צו זיי, די אייגענע פֿרוי צו אים, דעם פּראָמינענטן, פֿיל געאַכפּערטן ד"ר האַרד ק. דזשייסאָן. זײַנע שכנים די פֿײַנע, געזונט־ליבנדיקע בירגער פֿון היי־היל, וועלן אים שיין פֿאַרענטפֿערן: וואָס איז ער דאָ שולדיק? אַ געזונטקענע פֿרוי האָט אים פֿאַרדרייט דעם קאָפּ, שלוי אויסגעשפּרייט אַ נעץ פֿאַר זײַנע פֿיס.

די טעג זענען געגאַנגען. זי איז אויפֿגעשטאַנען אין די פֿרימאָרגנס, געפֿאָרן אין האָספּיטאַל אויף אירע וויזיטן, אויפֿגענומען פּאַציענטן אין הויז, אָבער איר געמיט איז געבליבן דערשלאָגן, געפֿאַלן, פּאַראַליזירט.

און קען דען אַנדערש זײַן? קען אַ מענטש לעבן, געדייען, אָטעמען אין אַן אַטמאָספֿערע פֿול מיט פֿאַראַכטונג, מיט פֿיינטשאַפֿט און האַס? געוויס, קיינער האָט איר גאָרנישט געטאָן, איר גאָרנישט געזאָגט, אָבער דאָס גאָרנישט זאָגן, אויך נישט קיין גוט־מאָרגן, איז איר טויזנטפֿאַך שווע־רער צו פֿאַרטראָגן ווי דאָס ווערן געזידלט, אויסגעפּאַטשט אין מיטן גאַס.

יאָ, וואָס אַ טאָג ווײַטער ווערט איר אַלץ קלערער, אַז זי וועט שוין דאָ לאַנג נישט קענען זײַן. די לופֿט אין היי־היל איז טאָטאַל פֿאַרסמט קעגן איר. זאָל זי אפֿשר עמעצן אָנקלינגען? זיך פּרוּוון רעהאַביליטירן, דער־ציילן וואָס אייגנטלעך עס איז פֿאָרגעקומען? צו וועמען אָבער זאָל זי קלינגען? צו לעם מייער? ווער, ווער, ער האָט געדאַרפֿט, אַן יעדן דער־ווייסן זיך פֿון איר, דערפֿילן, אינטויִטיוו דערפֿילן, וואָס עס איז געשען. ער קען דאָך זי און ער קען דאָך אויך האַרד דזשייסאָנען. ער אַליין האָט דאָך זי נישט איין מאָל געוואָרנט קעגן אים, איר דערציילט וואָסער פֿרויען־יעגער ד"ר דזשייסאָן איז, פֿאַר וואָס זשע שווײַגט ער? וואָרט ער זי זאָל זיך אַזוי טיף דערנידעריקן און, אומגעפֿרעגטערהייט, זיך שטעלן פֿאַר אים גערעכט מאַכן, רעהאַביליטירן איר נאָמען? ניין, דאָס וועט זי נישט טאָן, נישט פֿאַר לעם מייער!

זאָל זי קלינגען צו די גרינבערגס? אויף זיי איז איר נאָך מער ווונדער אויפֿער אויף דעם לעם מייער. זיי זענען דאָך פֿײַנע, אײדעלע מענטשן, עלטערן פֿון אַ טאָכטער, אַ מיידל אין אירע יאָרן, וואָס לעבט אויך אַליין אין דער פֿרעמד. זיי וואָלטן דאָך זי געדאַרפֿט פֿאַרשטיין, אײַנזען דעם פּלאָנטער, די נעץ, וואָס דזשייסאָן האָט אַזוי שלוי פֿאַר איר פֿאַרשפּרייט. קען זי דאָס אָבער נישט טאָן. עס ליגט נישט אין איר נאַטור זיך צו פֿאַרענטפֿערן, דערצו נאָך פֿאַר פֿרעמדע מענטשן, וואָס געפֿינען גאָרנישט פֿאַר נייטיק זיך צו דערוויסן די וואָרהייט, נאָר נעמען גרייט אָן אַלץ, וואָס

אַ רעפּיודזשי אין ניו־ענגלאַנד

סעם קאַופמאַן האָט אַנדערציילט, וואָס די אייכנבוים טראַכט אוים אויף איר.

אָבער פאַר וואָס זאָל דאָס אַזוי זיין? פאַר וואָס זאָלן מענטשן אַזוי ליַיכט זיין אויף באַשולדיקן, אַזוי גיך גליבן דאָס ערגסטע, דאָס אומזיניק־סטע, און דער זעלביקער צייַט אַרויסוויַיזן אַ ווידערווילן אייַנצוזען דאָס אומרעכט און וואַרטן, אַז דער באַשולדיקטער זאָל גאָר אומגעפּרעגטערהייט קומען זיי באַוויַיזן דעם ליגן, די שלויקייט פון איר אַזוי קונציק אַרייַנגעדרייט ווערן אין אַזאַ אומזיניקער, אַזאַ קאָמפּראָמיטירנדיקער סיטואַציע.

ניין, זי וועט צו קיינעם נישט קלינגען, פאַר קיינעם זיך נישט פאַרענט־פערן. סיַי ווי האָט דאָס לעבן אין היי־היל פאַרלוירן פאַר איר יעדן זינען. זיצן דאָ אונטער אַ געשיצטן דאַך ווען פרידלעכע איַינוווינער אין וואַרשע ווערן טאָג נאָך טאָג באָמבאַרדירט פון היטלערס שטורעם־פייגל, ווען לאָדזש איז שוין ביַי די נאַציס אין די הענט, וואָסער זין האָט שוין דאָס לעבן? און וואָסער זין קען שוין איצט פאַר איר האָבן דאָס יאָ אָדער נישט זייַן נערעכט אין די אויגן פון די קליינשטעטלדיקע, ענגהאַרציקע לייַט פון היי־היל? סיַי ווי וועט זי דאָ מער נישט בלייַבן. אָבער וווהין גייט זי? אַ ווען זי קען אַזוי אויף פליגל טאָן אַ פלי אַריבער אַלע פייערן, אַלע בראַנדן, אַהין צוריק צום באַלוט, צו יענעם אָרט, וווּ איר ווינגעלע איז אַ מאָל געשטאַנען, אַהין צו די עלטערן, צום ברודער און שוועסטערל, טיילן מיט זיי דעם גורל פון דער געפּלאָגטער פאַמיליע, דעם גורל פון איר פאָלק, דאָס יידישע פאָלק אין די נעגל פון היטלערס דייַטשן!

יאָ, זי האָט זיך נאָך אַלץ פאַרנומען מיט איר טעגלעכער רוטין, אָבער געווען דאָ איז זי שוין נישט. אירע בליקן האָבן אַרומגעוואַנדערט אין אַלע זייַטן, טרויעריק און דערשלאָגן אַרומגעוואַנדערט און אויסגעקוקט אויף אַ רעטונג.

ווי אויסטערליש! אַ קאַטאַסטראָפע איז געשען. דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן, אויפגעריסן איבער אַלעמענס קעפּ, די וועלט איז אַרייַנגעשלייַדערט געוואָרן אין קריג, פאַר איר אָבער, פאַר דער דאָקטאָרין העלענאַ זייַדנער, איז דאָס געווען אַ רעטונג. קיין מאָל פריִער האָט אַ מענטש נישט אויפ־גענומען דעם אויסבראָך פון אַ קריג מיט אַזאַ דערלייַכטערונג, מיט אַזעלכע האָפענונגען.

ס'איז געווען זונטיק אין דער פרי, דער דריטער טאָג אין סעפּטעמבער פון יאָר 1939. זי איז געזעסן אין שלאָפראָק, די שטעקשיך אויף די באָר־וועסע פיס, די נערוון געשפּאַנט ביז צום פּלאַצן. מיט אייַנגעהאַלטענעם אָטעם האָט זי זיך אייַנגעהערט אין די נישט־קלאָרע קולות פון ראַדיאָ, — אַ טראַנסמיסיע פון לאָנדאָן. נישט בלויז זי, די וועלט האָט פאַרהאַלטן דעם

ב. דעמבלין

אָטעם. עפּעס גרויסעס דאַרף באַלד געשען. אָט קומט עס! די שטים פֿון ענגלישן פּרעמיער. טרוקן, רויִק לאָזט מ"ר טשעמבערליין, דער פּרעמיער־מיניסטער פֿון ענגלאַנד, וויסן דער וועלט, אַז גרויס־בריטאַניע שטעלט זיך צו הילף דעם באַפֿאַלענעם פּוילן, גרויס־בריטאַניע דערקלערט קריג היטלער־דײַטשלאַנד!

טרויער האָט אײַנגעהילט די וועלט, נאָר איר האָט אַ באַרג זיך אַראָפּ־געקײַקלט פֿון אירע אַקסלען, פֿון איר גאַנץ געביין. ווי אויסטערליש! אַ וועלט איז אַרײַנגעשליידערט געוואָרן אין ים פֿון אייגענעם בלוט און איר איז אַזוי לײַכט אויפֿן האַרצן, אַזוי גרינג אויפֿן געמיט. מיט איין מאָל איז זי באַפֿרײַט געוואָרן פֿון די אַנגסטן, פֿון דער שרעק, פֿון דער געשפּאַנטקייט פֿון וואַרטן, נישט ווויסנדיק אויף וואָס. איצט ווייסט זי אויף וואָס זי וואַרט, וואָס זי וועט איצט טאָן, וווּהין זי וועט גיין.

טעג בלויז האָט איר גענומען דאָס אויפֿגעבן, דאָס אומוואַרפֿן און צע־שטערן, וואָס זי האָט פֿאַר זיך, דאָ, אין הײַ־היל, געהאַט אויפֿגעבויט אין לויף פֿון איבער אַנדערהאַלבן יאָר לעבן.

ווי דעמאָלט, אין יענעם פֿאַרנע הייסן יולי־טאָג, אַזוי איז זי איצט, אין שפּעטן האַרבסט פֿון יאָר ניין און דרײַסיק געשטאַנען אויף דער באַן־פּלאַט־פֿאָרם מיטן רעגן־מאַנטל אויפֿן אָרעם, די צוויי וואַליזעס לעבן אירע פֿיס. און פּונקט ווי זי האָט דעמאָלט נאָכגעקוקט דעם אַוועקגייענדיקן צוג, אַזוי האָט זי איצט מיט ציטער אין האַרצן דערוואַרט דעם אָנקומענדיקן צוג, דעם באָסטאָן־ניו־יאָרק צוג, וואָס וועט זי באַלד צוריק אַרויסנעמען פֿון הײַ־היל.

זי איז אײַנגעשטיגן אין וואַגאָן. און ווי דעמאָלט, בײַ איר אָנקומען, אַזוי איז אויך איצט בײַ איר אָפּפֿאָרן, קיינער נישט געווען זי צו באַגלייטן, צו ווינטשן איר גליק אין ווײַטן וועג, אויף יענער זײַט אַטלאַנטיק, וואָס איז שוין צעשטורעמט פֿון קריג. זי פֿאָרט אַהין צוריק קיין ענגלאַנד צו אירע קאָלעגן מעדיקער, צוריק אין יענעם שפּיטאָל, וואָס האָט איר די ערשטע פּראַקטיק אין דער מעדיצין געגעבן, און דאָרטן, אַקסל צו אַקסל מיט די בראַווע ענגלענדער, זיך צו שטעלן אין קאַמף קעגן היטלערן, קעגן דעם לאַנד, וואָס איז איר היים געווען און וואָס האָט זי אַזוי ברוטאַל פֿאַרטריבן.

זי האָט געפֿאָכעט מיטן ווײַסן טיכעלע, געשטערעקט דעם בליק דורכן אָפֿענעם וואַגאָן־פֿענצטער, צו וועמען? איז דאָרט לעם מייער? אין יענעם שנעל לויפֿנדיקן, אין יענעם אָפֿענעם ספּאָרט־אויטאָ? איז עס ער, לעם מייער? וואָס איז איר איצט דער אונטערשיד?

— אַדיע הײַ־היל, אַדיע לעם מייער, אַדיע אַמעריקע!

דערציילונגען

אין די שפּעטע יאָרן

1

אין זײַן אכט און זיבעציקסטן יאָר איז אים בעסי, דאָס ווײַב זײַנס, געשטאָרבן. זי איז נאָך קיין פיר און זיבעציק נישט אַלט געווען. זי איז געגאַנגען שלאָפן פריש און געזונט, נאָר פּלוצעם, אין מיטן דער נאַכט, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו אים, אין קעגנאיבער־דיקן בעט:

— איזי, איך פיל נישט גוט.

ער האָט געעפנט די אויגן. ס׳האָט געמוזט זײַן אַרום איינס בײַ נאַכט. ער האָט אויפגעדרייט די עלעקטרע:

— וואָס אי׳ געשען? בעסי! ער האָט זי געשאָקלט, געמינטערט, בעסי! בעסי! זי האָט נאָך איין מאָל געעפנט די אויגן, פאַרגלייזטע שוין, ער האָט געמאַכט אַ געוואַלט. שכנים זענען אָנגעלאָפן. מ׳האָט גערופן אַ דאָקטער און — צוויי טעג שפּעטער איז געווען די לוויה.

צוריק פון בית־עולם איז דער אַלטער איזי וואָרהאַפטיק געפאָרן אין עלטסטן זונס מאַשין, אַ גרויסער, שוואַרצער קאַדילאַק. סעם, דער זון, אַליין שוין אין די מיטן פופציקער, איז געזעסן בײַם רעדל. לעבן אים איז געווען גאָסי, ס׳ווײַב זײַנס, הינטן איז געזעסן דער אַלטער מיט די צוויי טעכטער, רייטשל און בעטי, אין זײַנע ביידע זײַטן.

הינטער סעמס קאַר האָט נאָכגעצויגן אַ קאַראַוואַן מיט אויטאָמאָבילן פון משפּחה, פרײַנד, אייניקלעך, מחותּנים און אויך די מאַשינען פון די אַנדערע צוויי זין, פרעד און דייוויד מיט זייערע ווײַבער און אויסגעגעבענע קינדער.

פאַר דער לוויה האָבן די זין און טעכטער געהאַט אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז שבעה זאָלן זיי אַלע זיצן צוזאַמען בײַם טאַטן אין הויז, אין באָראָ־פּאַרק, אָבער וואָס מיטן טאַטן זאָל זײַן נאָך שבעה, האָבן זיי נישט געקענט אָפּרעדן. האָט דאָס איצט סעם — זיצנדיק בײַם רעדל, בעת דער קאַראַוואַן מאַשינען הינטער אים, האָט זיך שוין גענומען אײַנציקווײַז צו צעקריכן איבער די כּמורנע, נאַסע ברוקלינער גאַסן — געטראַכט אַז נאָך שבעה

ב. דעמבלין

טאָר מען דעם פּאַ נישט לאָזן אַליין אין הויז. אַ מאַן פֿון אַכט און זיבעציק, ווער ווייסט וואָס מיט אים קאָן געשען.

ס'איז געווען אין מיטן מאַרץ. געדאַרפֿט האָט ערשט זײַן האַלבער טאָג, אָבער פֿינצטער איז געווען ווי אין אָוונט. דער נעפּל איז געהאָנגען נידעריק, געדיכט. ס'ליכט פֿון די גאַס־לאַמטערן איז געווען ווי אײַנגעהילט אין גרויע, שווימענדיקער וואַטע. אויף דער אויטאָמאָביל־שויב זענען כּסדר געפֿאַלן שווערע פּעצענעס, עפּעס גאָרנישט קיין שניי, נאָר שטיקער לויז געפֿרוירענער רעגן, וואָס איז באַלד צעגאַנגען אין ברייטע לוזשעס וואַסער. די צוויי דינע, לאַנגע ווישערס, זענען געלאָפֿן גיך, הין און צוריק, אַראָפּצוּוואַשן דעם שווערן אָנפֿליִיץ פֿון דער שויב.

— אין אַזאַ שרעקלעך וועטער האָט מען די מאַ' באַגראָבן, זי געלאָזט אַליין אין קבֿר. — האָט פּלוצעם רייטשל, אין מיטן דער שווערער שטילקייט, זיך אויף ס'נײַ צעשלוכצט.

— „אָ, קיפּ קווייעט (שווייג שטיל), — האָט די ייִנגערע שוועסטער בעטי זי אַ טרייסל געטאָן אַריבערן פּאַטערס שוים).

סעם האָט געהאַלטן ס'רעדל, געקערעוועט די מאַשין דורך דעם שווערן נעפּל איבער גיך לויפֿנדיקע וואַסער־שטראָמען. ניין, נישט די מוטער איז אים איצט געלעגן אין זינען. אים האָט געענגבערט אין קאָפּ דער „פּאַ". אַ מאַן האָט פֿינף קינדער און האָט נישט בײַ וועמען צו זײַן. ער האָט ווידער געפּרוּווט איבערגיין יעדער מעגלעכקייט.

אָנגעהויבן האָט ער מיט בעטין, די ייִנגסטע שוועסטער, נאָר באַלד זי אויסגעשטראָכן. אַן אַלמנה, אָן אַן אייגענער היים אַפֿילו. ער האָט אויך באַלד אויסגעשלאָסן דייוון, דעם ייִנגסטן פֿון די ברידער (צוויי יאָר עלטער פֿון בעטין). טאַקע אַ פֿאַמיליע־מאַן, אָבער נאָך אַלץ אַ באָס. צום גלײַכסטן וואָלט געווען בײַ רייטשלען. אַ טאָכטער, און דזשעק, דער מאַן אירער, איז „אַ גוד־באָי", (אַ פֿײַנער יונג), דער „פּאַ" גלײַכט אים. ווינען זיי אָבער נײַן חדשים פֿון יאָר אין די קעטסקילס, אין זייער „באַנגאַלאָ־קאָלאָני" (ביידל־קאָלאָניע). די דרײַ חדשים וואָס זיי ווינען שוין יאָ אין ניו־יאָרק ווינען זיי אין „אַ פֿורנישד־רום" (מעבלירטע צימערן). בלײַבט אָדער בײַ אים, אָדער בײַ פֿרעדן. זיי ווילן טאַקע ביידע, דער „פּאָפּ" זאָל בײַ זיי זײַן. ביידע האָבן זיי גרויסע הײַזער אין פֿלאַשינג. ביידע האָבן שוין אויסגעגעבן די קינדער. קיין „באָדער" (זאָרג) וואָלט דער „פּאַ" אויך נישט געווען. „די אָלדמען" (דער אַלטער) איז טאַקע „נאַק־וווּד" (אָן עין הרע), אַכט און זיבעציק, אָבער ער האַלט נאָך אָן זײַן „פֿאַרמאַן־דזשאָב" (שאָפּ־אָנפֿיי־רער). אַז אַ באָס האַלט אַ מאַן „אויפֿן פּלאַץ" און צאָלט אים איבער צען טויזנט טאָלער אַ יאָר „דען הי מאַסט בי גוד"! (מוז ער דאָך טויגן). אַז

דער „פּאַ" זאָל אַפילו מאָרגן „ריטײַערן" (אויפֿגעבן די אַרבעט) איז אויך נישט קיין זאָרג. אויב „די אַלדמען" האָט נישט זײַנס פּופּציק טויזנט טאָלער אין די בענק, האָט ער נישט אַ פּעני! האָבן זיך אָבער בײדע װײַבער, גאָסי און פֿלאָראַ, װי אָפּגערעדט: נאָ און נאָ! װי קענען זײ דאָס? אין בעסטן, זײ װעלן האָבן אַ „לאַנטשעאָן" (טײ־צונױפֿקום) פֿאַר דער הדסה, אַ באַזאַר פֿאַר דער סיסטערהוד, אַ „קאַרד־פּאַרטי" פֿאַר בני ברית, װעלן זײ גאָר דאַרפֿן אין זינען האָבן דעם „פּאַ"? „נאָ סערי"! (בשום אופֿן נישט!).

2

פֿון גאַנצן קאַראַװאַן לװיה־מאַשינען האָבן זיך בלויז עטלעכע אָפּגעשטעלט אין באָראָ־פּאַרק, פֿאַרן אַלטן איזי װאָרהאַפּטיקס צװײ־פֿאַמיליע־הויז, פֿונדעסטװעגן איז דאָרטן געװען פֿול מיט די זין און טעכטער, אײדעם, אײניקלעך און אוראײניקלעך. מ'איז דאָ געשטאַנען אין קופּקעלעך אין קאָרידאָר, אין די שטובן, געזעסן אויף דער גרינער פּילושענער קאַנאַפּע, אין די װײכע פֿאָטעלן, אויף האַרטע צוליגשטולן. די שטײלאָמפּן אין די װינקלען, די געדעמפּטע ליכט אויף די װענט, אַלע האָבן זײ געלויכטן װי אויף אַ חתונה. דער טיש אין מיטן שטוב, אָן איבערגעדעקטער מיט אַ געבלימלטן טישטעך, האָט זיך געבראָכן אונטער די אָנגעשטעלטע טעלער מיט צעשניטענעם, גערײכערטן צונג, מיט װורשט, מיט װאַרעמע פּאַסטראַמי, מיט פֿעטן קאָרנד־ביעף פּולמיסעקס מיט דינע פּענעצן קאָרנברויט, מיט געפֿערטלטע זױערע אוגערקעלעך, אײַנגעזײַערט קרויט מיט רויטע פֿעפֿערלעך, טעצעלעך מיט געלן מושטאַרד, קענדלעך געקילט ביר, פֿלעשלעך „קאָקאַ־קאָלאַ", „סעװען אָפּס". דער עולם האָט געטומלט, גערײכערט צי־ציגאַרעטן, ציגאַרן, געבלאָזן דעם רויך אַרויף, צום סופֿית, גענומען סענדװיטשעס פֿון די טאַצן, װאָס רײטשל און בעטי האָבן זײ אונטערגעטראָגן, געפּאַקט אין די מײַלער און פֿאַרטרונקען מיט אַ ביר, אַ „קאָוק", אַ „סעװען־אָפּ".

װי װײניק דער אַלטער האָט געװוּסט פֿון ייִדישקײט איז אים דאָך דער געטומל, די פֿרעסאַרניע געװען איבער דער טבֿע. אַ מאָל, אין דער אַלטער הײם, אַז ייִדן זענען צוריק געקומען פֿון אַ לװיה, האָט מען אין דרויסן געװאַשן די הענט, דערנאָך, אַז די הענט האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעטרוקנט פֿון זיך אַלײן, אָן אַ האַנטעך, איז מען אַרײַנגעקומען אין שטוב שטיל, מ'האָט אויסגעטאָן די שיך און זיך געזעצט אויף אָן איבערגעקערט בענקל שבֿעה. און אַז מ'האָט שוין יאָ דערכאַפּט ס'האַרץ איז דאָס געװען מיט אַ האַרט אײ געטונקען אין אַש, אַ סימן פֿון טרויער. דאָ איז גאָר אַ שמחה אויף זײערע קעפּ, די מאַמע איז געשטאָרבן!

ב. דעמבלין

אומבאַמערקט, ווי אַ שאָטן, האָט ער זיך אַרויסגעשלײַכט פֿון דער גרויסער פֿראָנטשטוב, פֿון דעם געטומל און פֿרעם און איז אַרײַן אין שלאָף־חדר. ס'איז דאָ געווען שטיל, די ראָלעטן זענען געווען אַראָפּגעצויגן. בעסים בעט איז געווען פֿאַרדעקט מיט אַ ווײַס לײַלעך, אָט ווי מ'וואָלט זי נאָר וואָס געהאַט פֿון דאַנען אַרויסגענומען. ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון אַ שופֿלאָד אַ שטיקל ווײַס איבערצוג און מיט דעם פֿאַרהאָנגען דעם שפּיגל. אויפֿן פֿענצטער האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ גלאָז וואַסער און געלאָזט דערין ווייקן אַ פֿאַסיקל לייוונט פֿון בעסים תכריכים. זאָל זיך איר כשרע נשמה דאָ טובֿלען. ער אַליין גלייבט טאַקע נישט אין דעם, אָבער אַז ייִדן פֿירן זיך אַזוי, זאָל אויך בײַ אים אַזוי זײַן. ער האָט אויך אָנגעצונדן דאָס קנייטל אין צוגעגרייטן גלאָז מיט חלבֿ, אַ נשמה־ליכט נאָך בעסין. איצט האָט ער אויסגעטאָן די שיך און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ נידעריק קעסטעלע. שבֿעה זיצן נאָך בעסין, וואָס ר'האָט מיט איר אָפּגעלעבט איבער פֿופֿציק יאָר.

אין די אַנדערע שטובן האָט זיך דערווײַל אײַנגעשטילט דער געטומל. אַז די טעלערס מיט פֿליישן און די פֿלעשער געטראַנקען האָבן זיך אויסגעליידיקט, איז דער עולם אַוועק. געבליבן איז דאָ אַ געזשום, אַ געדיכטער ציגאַרעטן־רויך אין דער לופֿט. געבליבן זענען אויך די דרײַ זין און צוויי טעכטער.

ערשט איצט אין דער אָנגעשטאַנענער ליידיקייט האָבן זיך די קינדער אַרומגעזען אַז דער „פּאַ" איז נישטאָ. רייטשל האָט געטאָן אַ לויף און נאָך איר סעם, אָבער שוין אויף דער שוועל פֿון שלאָפֿשטוב האָט זיך זייער טראָט פֿאַרהאַלטן. עפּעס איז מיט איין מאָל דער אימפּעט פֿון זייער לויף אויסגערונען. אַזוי פֿלוצעם בלײַבן לויפֿנדיקע, וואָכעדיק צעיאַכמערטע מענטשן שטיין פֿאַר אַן אומגעריכט אַנטפּלעקטער הייליקייט.

ווי עס האָט נאָך אין דער פֿראָנט און עסשטוב געזשומיעט אין דער לופֿט דער גערויש פֿון וואָכעדיקן געטומל, אַזוי האָט דאָ געהויערט דער הייליקער טרויער. דאָס ציטערדיקע קנייטל פֿון נשמה־ליכט, דאָס תכריכים־פֿאַסיקל אין גלאָז וואַסער, דעם פֿאָטערס נידעריק געזונקענער קאָפּ, פֿון אַלץ האָט דאָ געוויעט מיט הייליקער שטילקייט, מיט אַבֿילות, מיט טיפֿן צער.

שטיל, אויף די שפּיץ פֿינגער, האָט רייטשל צוגעגענט צום פֿאָטער. זי האָט צאַרט אַרויפֿגעלייגט איר האַנט אויפֿן פֿאָטערס אַקסל:

— פּאַ, דו האָסט נאָך הײַנט גאָרנישט געגעסן.

דער אַלטער האָט איר גאָרנישט געענטפֿערט. ער איז געזעסן שטאַר און שטום.

— פֿאַ, — איז צוגעקומען סעם, — דו ביסט אַ „סענסיבל״ (פֿאַרשטענדיקער) מאַן, דו ווייסט אַז מ׳קען נישט לעבן אומגעגעסן.

דער פֿאָטער האָט אויפֿגעהויבן דעם בליק. אין זײַנע אויגן, פֿײַכטע, פֿאַרטרויערטע, האָט אויפֿגעטויכט אַ שימער פֿון אַ שמייכל. אוודאי איז אים זייער צום האַרץ די קינדערס זאָרג וועגן אים:

— „אָלרייט״, האָט ער זיי באַרויִקט, — כ׳על נישט פֿאַרהונגערט ווערן.

אויב נישט עסן האָבן די קינדער כאָטש געפֿועלט בײַ אים ער זאָל נישט דאָ זיצן איינער אַליין. איז ער אויפֿגעשטאַנען, גענומען דאָס קעסטעלע און אַרײַן מיט זיי אין דער פֿראָנטשטוב.

מיטן פֿאָטערס אַרײַנקומען איז די לופֿט אין דער שטוב געוואָרן ווי געלײַטערט, ריין. עפּעס איז דאָס זשומיען, די עכאָס פֿון פֿריִערדיקן טומל און גערעדערײַ מיט איין מאָל אויסגערונען, דערצו נאָך האָט פֿרעד איינציקוויז פֿאַרדרייט די קנעפּלעך פֿון די עלעקטרישע לאָמפּן, געלאָזן בלויז דאָס קאַרגע ביסל ליכט פֿון איין איינציקן דילאָמפּ אין ווינקל, איז געוואָרן טונקל און מיט דער טונקלקייט האָט אָנגעווייעט דער טרויער. זיי האָבן אויסגעטאָן די שיך און ווי דער פֿאָטער, אין די זאָקן, זיך געזעצט שבֿעה נאָך דער מאַמען.

ווי אין שטוב איז געווען שטיל, גלײַך ס׳גאַנצע ביסל לעבן וואָלט דאָ געגליווערט, אַזוי האָט אין דרויסן גערוישט, געפּײַפּט און געוואָיעט דער ווינט. דער רעגן האָט געשמיסן די שויבן מיט רוגזה, מיט געהײַל. פּלוצעם האָט זיך דאָס טירגלעקל צעקלונגען. רייטשל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ווי אַרויסגעריסן פֿון אַ טיפֿן שלאָף. זי איז אַרײַן אין קאָרידאָר און געעפֿנט די טיר. אַ נאַס אויסגעווייקטער ייִד איז געשטאַנען אויף דער שוועל.

— איך בין דער שמש פֿון דער שול.

רייטשל האָט רעכט נישט געהערט וואָס דער ייִד רעדט. זי האָט געקוקט אַראָפּ, אויף זײַנע צעווייקטע שיך, וואָס נאָך איידער דער ייִד איז אַריבער די שוועל, איז שוין פֿון זיי, ווי פֿון דעם ייִדן אין גאַנצן, אָנגערונען אַ קאַלוזשע מיט וואַסער. אויך דער ייִד האָט צוליב דעם געצעגערט מיטן טריט, נישט געהאַט די העזה צו גיין ווײַטער, צו טראָגן דאָס אָפּפּלייצעניש אויך אין שטוב אַרײַן, פֿאַרבלאָטיקן דאָרט אַ ווייבן, קאָסטבאַרן טעפּעך.

— „קאָם אין״ (קומט אַריין!) — האָט דער אַלטער פֿון זײַן ווינקעלע אין פֿראָנטשטוב געשריגן אין קאָרידאָר אַרײַן, — „קאָם אין״!

אַ נישט־דרייסטער איז דער ייִד נאָכגעגאַנגען רייטשלען. אין דער טיר פֿון פֿראָנטשטוב איז ער ווידער געבליבן שטיין מיט צעגערניש אין טראָט.

מיט דעם ייִדנס אַרײַנקומען איז די משפּחה אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון

ב. דעמבלין

איר פֿאַרזונקענקייט. זיי האָבן אויפֿגעהויבן די קעפּ צום ייִדן. פֿון שווערן אָנפֿלייץ האָט דער ראַנד פֿון זײַן הוט זיך געהאַט אַראָפּגעבויגן אין דרײַ ווינקלען און די טראָפּנס זענען פֿון דאָרטן גערונען ווי פֿון רינוועס. די פֿון פֿאָרנט האָבן אים געקאָפּעט אויף דער נאָז, אויף דער באָרד, אַ לאַנגע, אַ שפּיציקע, וואָס האָט איצט, אין דער נאַסקייט, געגלאַנצט און אויסגעזען ווי אַ אָנגעוווייקטער שפּיציקער בעזעם.

— איך בין דער שמש פֿון שול. אַז מ'זיצט שבעה, דאַרף מ'דאָך אַ מנין צום דאַווענען? — האָט דער ייִד סײַ געפֿרעגט סײַ געזאָגט צום אַלטן, אין ווינקעלע דאָרט, בײַם פֿענצטער.

— „שור, אָף־קאָורז" (אוודאי, זיכער), האָט זיך דער אַלטער אָנגע־כאַפּט, אוודאי וויל ער אַ מנין! ער האָט טאַקע געבעטן דעם „נעיבאָר", דעם שכן הייסט עס, ער זאָל „אָרגאַנייזן" אַ מנין. האָט דאָס דער שכן, אונטן, אים אַרויפֿגעשיקט?

— נאָ, נישט דער שכן, האָט דער ייִד געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ס'איז מיינע „ביזנעס" צו וויסן ווו, אין דער „נייבאָרהוד" (געגנט), מ'זיצט שבעה.

די זין האָבן זיך איבערגעקוקט: אַ ביזנעס? דעם פֿאָטער אָבער האָט נישט געאַרט יאָ ביזנעס צי נישט ביזנעס, אַבי דער ייִד נעמט אים אַראָפּ אַן עול פֿון קאָפּ:

— „דאַט'ס פֿיין", האָט ער אַרויפֿגעקוקט צום ייִדן און צופֿרידן גע־שאָקלט מיטן קאָפּ. — „ראַטס־פֿיין".

— איר דאַרפֿט, זע איך, בלויז פֿינף מענטשן, — איז דער ייִד שוין צוגעטרעטן צו זײַנע ביזנעס. ער האָט גיך געטאָן אַ פֿיר דעם בליק איבער דער שטוב, געטאָן אַ ציילן איבער: — איר מיט אײַערע דרײַ זין זענט „נישט פֿיר". דער שכן איז „נישט פֿינף", דאַרף איך אײַך צושיקן נאָך פֿינף מענטשן.

ווי ווייניק דער ייִנגסטער זון, דייוו, האָט פֿאַרשטאַנען ייִדיש, האָט ער זיך דאָך געכאַפּט אַז דער „פּאַ" און דער שמש רעכענען אים צו צו מנין. וויל טאַקע „די אַלדמען" ער זאָל דאָ זיצן די גאַנצע וואָך? ווי זיי רופֿן דאָס, „שיווא"? ער האָט זיך גלײַך געטאָן אַ הייב אַרויס פֿון פֿאָטעל:

— „פּאַ", דו ווייסט איך נישט קען דאָס. איך האָב געלאָזט די „באָולינג־אַליי" (שפּיל־פּלאַץ צו וואַרפֿן שווערע באַלעמס) אַליין.. דעם „ביליאַריד־פּאַרלאָר" האָב איך אין גאַנצן געשלאָסן, „ענד ביסיידס" (חוץ דעם), דו ווייסט איך נישט קען זאָגן קדיש.

די צוויי עלטערע ברידער, סעם און פֿרעד, זענען שוין גרייט געווען אויפֿצושפּרינגען אין כעס, ווי אַלע מאָל, ווען דער „סאָנאָוואָגאָן" (אויס־

ווערף) דרייט זיך אַרום פֿון עפּעס טאָן „פֿאַר די אַלד פֿאָלקס" (פֿאַר די אַלטע לייט). זיי זענען געזעסן אין דער ווייכער קאַנאַפּע, געקײַט די האַלב אויסגעריכערטע, לאַנג שוין פֿאַרלאָשענע שטיקלעך ציגאַר מיט רוגזה. און זיי? האָבן זיי נישט איבערגעלאָזט זייערע ביזנעס? אַ ריזיקע סטאָר אויף אַכטער עוועניו, מיט צעשטעלטע טישן פֿאַר דער טיר, פֿול אָנגעוואָרפֿן מיט טעקסטיל־רעשטן. מ'קען זיי דאָך דאָרטן צעטראָגן די סטאָר און זיי וועלן אַפֿילו נישט וויסן אַז מ'האָט זיי באַגנבֿעט!

— „צ'אָלרייט", האָט ער באַרויִקט די עלטערע צוויי זין און צום יינגערן, צו דייוון, האָט ער געטענהט מיט גוטן: — „דזשאָסט טהים טיים", בלויז הײַנט צו מנחה, דערבײַ האָט ער געטראַכט: וואָס וויל ער נעבעך פֿון דעם יונג? וואָס ווייסט דייוו פֿון מנחה? סעם און פֿרעד, כאָטש זיי ווייסן נישט מער ווי דייוו, האָבן זיי זיך אָבער אַרומגעקוקט, איצט, זיידעס שוין פֿון דערוואַקסענע אייניקלעך, אַז זיי וואָלטן געוואָלט עפּעס וויסן, זיי וואָלטן געוואָלט גיין אַ מאָל אין אַ שול אַרײַן, האָבן זיי אָבער מורא, טאָמער רופֿט מען זיי אויף צו דער תּורה. ער אָבער, דייוו, איז געבליבן אַ באָם. אַפֿילו די ביזנעס זײַנע איז אַ „באָמישע": אַ „באָולינג־אַליי" און אַ ביליאַרד־פּאַר־לאָר. כאָטש צוריקגעשמועסט, וואָס איז דער דייוו שולדיק? ער האָט אים דען געשיקט אין אַ תּלמוד־תּורה און ער האָט נישט געוואָלט גיין? דאָס איז דאָך זײַן שולד, און אפֿשר נאָך מער בעסים! יאָ פֿרײַדענקער צי נישט פֿריידענקער — די באָים האָט מען געדאַרפֿט געוווען שיקן אין אַ תּלמוד־תּורה.

— „מייק איט סיקס, סעווען", האָט ער זיך געווענדט צום שמש אַ פֿאַרוויטיקטער. זאָל ער, דער שמש הייסט עס, שיקן נישט קיין פֿינף, נאָר גאַנצע זעקס און אפֿשר טאַקע זיבן ייִדן. צופֿיל זיך פֿאַרלאָזן אויף די זין זעט ער דאָך שוין, סען ער נישט. נאָך דייוון קאָן פֿרעד אויך וועלן אוועקגיין, טאָ זאָל זיין אַן איבעריקער ייִד, ווי אַ זאַך מאַכט זיך.

3

בעטי, אין אַ שוואַרץ, ענג געפּאַסט קליידל, קוים איבער די קני, דער קאָפּ שוואַרצע האָר פֿריש „געסעט" (געקעמט) צו דער לוויה, אַן אָנגעפּו־דערטע, מיט רויט אָנגעשמירטע ליפּן, אַן אָנגעקלעפּט שוואַרץ חן־פּינטעלע אויף דער לינקער באַק, איז געזעסן אין ווייכן פֿאָטעל ווי אויף שפּילקעס. ווי דער עלטערער ברודער, דייוו, איז זי אויך געווען נערוועז, געריכערט איין ציגאַרעט נאָכן אַנדערן, געלאָזן דעם רויך וואָלקנסווײַז דורכן מויל, דורך דער נאָז. פֿון אומרו האָט זי געקוקט אין שפּיגעלע, זיך געצופּט די

ב׳. דעמבלין

ברעמען, באַלד גאָר גענומען פֿײַלן די נעגל, לאַנג אויסגעוואַקסענע, שפּיציק פֿאַרשווירענע און אַט גאָר זיי גענומען איבערציִען מיט אַ פֿרישן דעק רויטן ליאַקיר.

בעטיס נערוועיִשקייט איז געקומען נישט בלויז צוליבן וועלן, ווי דייוו, וואָס גיכער זײַן צוריק אין איר „אָפּיס", אָדער צוליב דעם לאַנגוויַיל דאָ, וואָס אַ מינוט זעט איר אויס ווי אַ יאָר. עס האָט זי געהויבן וואָס דער „קאַנדאַלענס־בעסקעט" אירער, דער מיטגעפֿיל־קאָרב מיט זיסוואַרגן און פֿרוכט, וואָס זי האָט באַשטעלט אין איינעם פֿון די גרויסע דעפּאַרטמענט־סטאָרס, איז נאָך נישט געהאַט אָנגעקומען. ווען דער „בעסקעט" וואָלט שוין דאָ געווען, וואָלט איר לײַכטער געווען זיך אויפֿצוהייבן און אַוועקגיין.

באַשטעלט דעם „בעסקעט" האָט בעטי נישט צוליבן „פּאָפּ". וואָס ווייסט „די אַלדמען" פֿון אַזוינע זאַכן. געטאָן האָט זי דאָס דער עיקר צו ערגערן רייטשלען מיט די צוויי עלטערע ברידער, סעם און פֿרעד, וואָס אַלע דרײַ זענען זיי „לאָוזי" (אָנגעשטאָפּט) מיט געלט אָבער „פּעטי", קליינלעך הייסט עס, ווי בעטלערס. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן געלענק־זייגערל: „דעם איט"! (פֿאַרדאַמט זאָל עס ווערן!) ס'איז שוין דרײַ און זי האָט באַשטעלט דער „בעסקעט" זאָל דאָ זײַן צוויי אַ זייגער, נישט שפּעטער!

זי איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער. דער רעגן איז געלאָפֿן איבער דער שויב אין שווערע ריטשקעס, דאָ גלײַך, דאָ זיגזאַגיש. אויפֿן קעגנאיבער־דיקן טראָטואַר איז עמעץ געגאַנגען אונטער אַ שירעם. איז עס אַ מאַן? אַ פֿרוי? אַ קאַר איז דורכגעפֿאָרן. דאָס ליכט פֿון די פֿראָנט־לאָמפּן האָט זיך צעשפּריצט איבערן אויפֿגעלויכטענעם נאַסן אַספֿאַלט ווי אין אַ שפּיגל.

ס'טיר־גלעקל האָט זיך ווידער צעכריפּעט, געדיכט, הייזעריק. בעטי, אַנשטאָט לויפֿן צו דער טיר, האָט זי אײַנגעהאַלטן דעם נײַגער און זיך בעסער צוריקגעזעצט אין פֿאָטעל. זאָל רייטשל עפֿענען, וועט דער סורפּריז איבער איר „בעסקעט" זײַן גרעסער.

אין פֿראָנטשטוב זענען אַרײַנגעקומען צוויי יִונגלעך מיט אַ קאָרב הויך און ברייט ווי אַ פּיראַמידע. זיי האָבן אַראָפּגענומען די נאַסע פּלאַסטיק־דעק, אַוועקגעשטעלט דעם קאָרב אויפֿן „קאָפֿי"־טישל, געזאָגט „טהענק־יו" פֿאַר די צוויי טאָלער, וואָס דייוו האָט זיי אונטערגערוקט און זײַנען אַוועק. מיט זיי איז פֿון דער שטוב אַוועק דער טרויער, דאָס שטילע שווײַגן. מיט זיי איז אויך אַוועק בעטיס האָפֿנונג אויף אַ סורפּריז. אין פֿאַרגלײַך מיט דעם קאָרב, ווי וועט שוין איר „בעסקעטל" אויסזען?

דאָס איז נישט געווען גלאַט אַ „בעסקעט". דאָס איז געווען אַ וווּנדער־לעך אַראַנזשירטער בוקעט. אַנשטאָט בלומען זענען דאָ געווען אויס־

אין די שפּעטע יאָרן

געשטעלט רונד ארום און אויפגעמורעמט הויך פּילפּארביקע שאכטלען שאָקאָלאַד, אימפּאָרטירטע קאַראַמעלן, שאכטלען מיט גרויסע, געשיילטע ניס פון בראַזיל, די פיינסטע פייגן און טייטלען, שווערע, רויטבלוטיקע מאַראַנצן, גרויסע באַרנעס פון אַזאַ איידעלן גרין, געטרוקנטע און גע־צוקערטע פּרוכט, גלעזערנע סלאָיען פון אַלערליי פאַרמען, אָנגעפילטע מיט טייערע מאַרמאַלאַדן, דערצו נאָך איז אין דער מיט געווען אַ פלאַכע פלאַש מיט רויטן, פּעטקלעפּיקן ליקער, און פון ביידע זייטן, רעכטס — אַ פלאַש ווייסער באָרדאָ און לינקס — אַ פלאַש פראַנצויזישער מאַרטעל.

דער קאָרב אַליין, אַ פיין געפּלאָכטענער, האָט אויסגעזען ווי אַ ווענע־ציאַנער גאָנדאָלאַ און ארומגענומען און צונויפגעהאַלטן איז אַט די גאַנצע וואונדערלעך אויפגעמורעמטע פּיראַמידע געווען מיט רויטע אַטלאַס־בענדער, פאַרשלייפט אין דריי שלייפן, ווי דריי גרויסע רויטע רויזן. אויפן מיטל־סטן באַנד, אין גרויסע, זילבערנע, גאָטיש אויסגעציקלטע אותיות, איז געווען אויסגעדרוקט: „ווי מאָורן יור לאָס”, מיר טרויערן אויף אייער פאַרלוסט, אונטערגעשריבן מיט קלענערע אותיות: „פישמאַן דרעסשאַפּ”.

— „סי? פּאַ”, (זעסט מאַמע?) האָט זיך רייטשל מיט גרוים צופרי־דנקייט אויסגעדרייט צום פאָטער, דאָס איז פון דיין שאַפּ.

דער אַלטער איז געזעסן אויפן קעסטעלע. ער איז געווען דער איינ־ציקער וואָס איז נישט אויפגעשפּרונגען פון התפעלות איבער דעם אַריינ־געבערענגטן קויש מיט פּרעס. פונדעסטוועגן האָט אויף זיין בלאַס, נישט געגאָלט פּנים אויפגעליכטיקט אַ דינער, צופרידענער שמייכל. זאָלן זיי זען, די זין און טעכטער, ווי דער באָס און אַלע באַלמעלאָכעס אין שאַפּ שאַצן אים אָפּ, נאָך היינט, צו אַכט און זיבעציק יאָר. ער וויל מאַקע נישט די קינדער זאָלן וויסן, אַז ער קריגט נאָך היינט צוויי הונדערט טאָלער אַ וואָך, אַ גאַנץ יאָר, חוץ אַ באָנוס צו יעדן קריסטמעס. און זאָל ער דעם באָס אַ קוועטש טאָן, בלויז לאָזן פאַלן אַ וואָרט אַז ער „ריטייערט” קריגט ער נאָך אַ פינפאונצוואַנציקער אויף דער וואָך. וואָלט סעם, וואָלט פּרעד, וואָלט דייוו געקענט אָנפירן מיט אַזאַ שאָפּ? מ'גיט זיך גרינג אַ זאָג אָפּ: אַכציק מאַשינען! דאָס זענען דאָך אַכציק טשיקנס! (הינער) פאָר־טאָריקאַנער, איטאַליענישע, נעגערינס, פראַנצויזקעס און פאָר אַ צולאָג נאָך עטלעכע יידישע ווייבעלעך, וואָס יעדע איינע פון זיי גיט אים אויף אַ באַזונדער אופן דעם קאָפּ אין דער האַנט אַריין. ערשט די צען פּרעסער? יונגען ווי די בערן! און מיט דעם אַלעם גייט ביי אים דער שאָפּ ווי ביי מישא עלמאַן זיין — פידעלע. במשך פון די לעצטע צוואַנציק יאָר, זינט ער שטייט אויפן פלאָר, האָט זיך נאָך קיינער ביי אים נישט געריסן איבער „באַנדלס” (פּעקלעך־אַרבעט). זעקס באַגין שטייט ער אויף, זומער צי

ווינטער. זיבן אין דער פֿרי איז ער שוין אין שאַפֿ. איידער די אָפּעריי־טאָרקעס קומען, איידער אַ פּרעסער שטעקט אַרײַן די נאָז אין שאַפּ, ליגט שוין בײַ יעדן איר, אָדער זײַן באַנדל. אין מאַרקעט וווּנדערט מען זיך, מ'פֿרעגט אים: מ״ר וואָרהאַפּטיק, ווי אַזוי מאַכט איר דאָס? האָט ער אויף דעם איין ענטפֿער: אַז די טשיקנס האָבן וואָס צו פּיקן אין שיסל, וועלן זיי נישט פּיקן איינס דאָס אַנדערע. ער האָט צוליב געטאָן רייטשלען, צוגעגאַנגען נענטער צו דער פּיראַמידע, געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— „נײַס גוירלס", (פֿײַנע מיידלעך) פֿיין מען מ״ר פּישמאַן.

4

איינציקע, נאָס אויסגעווייקטע זענען אָנגעקומען זיבן ייִדן, אַלטע ייִדן מיט געקנייטשטע, אײַנגעפֿאַלענע פּנימער, לאַנג שוין נישט געגאָלטע. זיי האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, זיך געהאַלטן אין אַ קופּקעלע, ווי הינער אויף אַ פֿרעמדן פּאָדוויר, זיך געשיבערט און געריבן די אַלטע, אויסגעהאָרעוועטע דלאָניעס איינע אין דער אַנדערער, אַרויסצוטרײַבן פֿון די אַלטע ביינער די נאַסע, עסנדיקע קעלט.

דער שמש אַליין, ר' מאיר בראַנד, איז נישט געקומען. מנחה־צײַט, ווי אין דער פֿרי צו שחרית, מוז ער זײַן אין שול. אַ שמש אין אַ שול איז ווי, להבדיל, אַ פֿאָרמאַן אין אַ שאַפּ. אַז דער פֿאָרמאַן איז דאָ דרייט זיך ס'רעדל, אַזוי אויך אַ שמש אין שול. אַז ער איז דאָ, איז דאָ אַ מנין און אַז עס איז דאָ אַ מנין, דאַוונט מען און בײַ אים, ר' מאיר בראַנד, אין שול, דאַוונט מען ב״ה, צוויי מאָל אין טאָג, ערב ובֿוקר! ס'אַנדערע, וועלכער גענעראַל גייט דאָס מיט זײַן ווויסק אויפֿן פֿראָנט? אַ גענעראַל זיצט פֿון הינטן און פֿירט אָן, אַזוי טוט ר' מאיר בראַנד. ער זיצט זיך אין שול און פֿירט אָן מיט זיין „שבֿעה־פֿראָנט" איבער דער גאַנצער געגנט.

אַ רירעוודיקער ייִד, מיט אײַנפֿאַלן אין קאָפּ, האָט ר' מאיר בראַנד פֿײַנט צו זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט, בפֿרט אַז די פּרנסה איז געהרגעט. די גבאים פֿון שול, ווען ער האָט זיי אײַנגעצאָלט די דרײַ טויזנט טאָלער פֿאַרן דזשאַב צו זײַן דאָ שמש, האָבן אים טאַקע צוגעזאָגט אַז די פּרנסה וועט אים דאָ רינען איבער דער באָרד. נאָר מאַלע וואָס באַלעבאַטים זאָגן אַלץ צו? איז אים אײַנגעפֿאַלן צו ווערן אַן אונטערנעמער, אַ צושטעלער הייסט עס. דער בעקער שטעלט ייִדן צו ברויט? דער בוטשער — כּשר פֿלייש? וועט ער צושטעלן צו אַבליה אַ מנין צום דאַוונען. ס'איז בײַ אים געווען אַ פּשוטער חשבון: צו וואָס זאָל אַן אָבל, וואָס ס'האַרץ איז אים נעבעך אַזוי אויך פֿאַרקלעמט פֿון צער, נאָך דאַרפֿן האָבן צער יעדן

אין די שפּעטע יאָרן

אינדערפרי און פארנאכט ביים שטיין אויפן בריקל און אויסקוקן א ייִדן, ווי מ'קוקט אויס משיחן. און אז גאט העלפט דעם אבל, ער האט שוין צונויפגעשלעפט ניין ייִדן און ער דארף נאך איינעם, בלויז נאך איין איינציקן ייִד צום מנין, איז איידער ער דערלעבט אריינצוקריגן דעם לעצטן ייִד, אנטלויפן דערוויַיל פיר אנדערע. וואס איז דא? א קליין שטעטל אין פוילן, צי גאליציע ווו ייִדן האבן ב"ה געקענט זיין אבלים בהרחבה? ווו מ'האט געקענט האבן נישט איינעם נאר דריי מנינים צום דאוונען? דא איז דאך עפעס אמעריקע! דא איז „האריאפ", ייִדן דארפן אין דער פרי גיין צו דער ארבעט. איז אים, ר' מאיר בראנד, איינגעפאלן אז אין זיין „נעיבארהוד" (געגנט) קען ער מאכן ייִדן זאלן אויך דא ב"ה זיצן שבעה בהרחבה. ער איז אוועק צו די „אנדערטייקערס" (לוויה מאכערס) פון געגנט און געמאכט מיט זיי אן „אגרימענט" — אן אפמאך הייסט עס: דריי טאלער פאר יעדן אדרעס ווו מען דארף זיך זעצן שבעה. מיטן אדרעס אין קעשענע גייט ער אוועק צום אבל און נעמט אים גלייך אראפ אן עול פון קאפ: „ר' אבל, וויפל ייִדן דארפט איר? די גאנצע צען? אכט? פינף? „צ"אלרייט", ער וועט שוין צושטעלן, יעדן טאג, ערב ובוקר!

צוגעהאלפן אז ער, ר' מאיר בראנד, זאל האבן „פלענטי" (גענוג) ייִדן, האט, פריער גאט, דערנאך פרעזידענט רוזוועלט, זכר צדיק לברכה. זינט מ'האט אין אמעריקע אנגעהויבן צו „ריטייערן" האבן עלטערע ייִדן נישט וואס מיט זיך צו טאן. אין שטוב האט אן אמעריקאנער ייִד פיינט צו בלייבן. וואס וועט ער טאן? קוקן אויף דער ייִדענע? חוץ דעם, א ייִדענע אין אמעריקע האט פיינט דער מאן זאל זיך איר פלאנטערן אונטער די פיס. א ייִדענע אין אמעריקע האט ליב, אז דער מאן גייט אין שאפ און ברענגט איר יעדן פריַיטיק „פיידע" (שבירות). אויב ער ברענגט נישט מער קיין „פיידע" וואס זשע איז דער ייִחוס מיט אים? איז ער נישט קליין איד צוצוהעלפן אין הויז, גיין אין „גראסערי" (שפייזקראם), צום „בוטשער" (קצב), צעוואשן די דישעס (געשיר), וואסי? ווייניק דישעס האט זי ביי אים אנגעוואשן? צעלויפן זיך ייִדן פון די הייַזער. טייל שפּילן אין קארטן ערגעץ, אין א באהעלטעניש, אנדערע קומען אין שול און אז א ייִד קומט נאר אין שול, עפנט ער א ספר, דערמאנט ער זיך אז ער האט א מאל געלערנט, פעלט שוין נישט אין שול צו צו קיין מנין. וואס ארט אייַך? מע פראוועט א מאל א סעודהלע אויך, ווי א מאל, אין דער אלטער היים. ווארעם דער „ברעקפעסט" (אנבייַסן) אין הויז האט דען א טעם? מ'זאל נישט זינדיקן מיט די רייד! פאפקע מיט מילך, א לויז איי. חולאים פלעגט מען א מאל געבן אזא פאשע. אין שול אבער

ב. דעמבלין

ליגט מען זיך צונויף צו קוואָטערס (פּערטל־טאָלער), מ'קויפט א פּלעשל „קאַלווערט", א הערינג, א פריש ברייטל, טאַקע אן אויסגעבאַקנס, נישט דאָס אמעריקאַנער וואַטענע ברויט, מ'וואַשט זיך צו „שאו־ידיכם" און מ'פּראַוועט יענע סעודה! דערנאָך בענטשט מען מיט מזומן און ס'איז „חי־געלעבט"!

האָט ער, ר' מאיר בראַנד, אין זײַן שול „פּלענטי" ייִדן, וואָס ווילן טאָן אויף דער עלטער א מיצווה. וואָסי? ווייניק עבירות אָנגעטאָן א לעבן־לאַנג? איז צײַט, אויף די עלטערע יאָרן זיך אַרומצוקוקן ווו מ'האַלט אין דער וועלט, בפּרט אז ער, ר' מאיר בראַנד, וויל נישט אומזיסט. מיט מיצוות אַליין, ווייסט ער, האָט נאָך קיינער נישט אויפגעבויט קיין ביזנעס, און ער, ר' מאיר בראַנד, וויל אויפשעלן א „רעגעלע ביזנעס". האָט ער באַלד אין אָנהייב אײַנגעשטעלט אז דאַוונען ביי אן אָבל איז „א דזשאָב". און פאַר א דזשאָב דאַרף מען באַצאָלן. צאָלט ער טאַקע! א קוואָטער א דאַוונען! און „נאָ־דיפרענס"! (אן הילוק) מנחה צו שחרית איז, אי דער ייִד האָט א מיצווה פאַרן דאַוונען בײַ אן אָבל, אי ער קריגט א קוואָטער! צוויי מאָל א טאָג איז שוין פופציק סענט, פינף טעג צו פופציק סענט און פרײַטיק א קוואָטער, איז צוויי טאָלער מיט פינף און זיבעציק סענט א וואָך. אזא „אינקאָם" (הכנסה) גייט נישט צו פוס! היט שוין א ייִד אָפּ דאָס מנין און אז די ייִדן היטן ס'דאַוונען איז דער אָבל „סאַטיספּאַיד" און אז דער אָבל איז „סאַטיספּאַיד", צופרידן הייסט עס, מאַכט ער, ר' מאיר בראַנד, אן עקסטרע טאָלער. ער באַרײַכט חלילה קיינעם נישט! אין „עווערעדזש" (דורכשניטלעך) רעכנט ער א דרײַערל פאַר א דאַוונען. שיקן שיקט ער א מאָל צוויי און א מאָל זעקס ייִדן. בלײַבט אים צווישן פופצן און אכצן טאָלער א וואָך פון א שבעה, אָבער אז גאָט העלפט און ער האָט אזעלכע פיר, פינף שבעהס א וואָך? און ווו איז אן עקסטרע? ייִדן זענען ב"ה כפּאָרטס. מ'רוקט אים אונטער א זײַטיק פינפערל, א צענערל. דער עיקר ס'זאָל זיך רודערן! אז עס רודערט זיך, אז ייִדן שטאַרבן, איז ב"ה דאָ צו טאָן! שלעכט וועט נאָר זײַן אז די לײַדיקגייער, די ייִדן זײַנע, וועלן מאַכן א „יוניע". טאָמער וועלן זיי חלילה, מאַכן א „יוניע", וועט זײַן ביטער, זיי וועלן באַלד וועלן א רײַז (הוספה)!

זענען דאָס איצט מ"ר בראַנדס ייִדן געקומען צו מ"ר וואָרהאַפטיק אין הויז צונויפשטעלן דעם ערשטן מנין צו דאַוונען מינחה־מעריב. ווי אָנגעשטעלטע פון אן „עקספּערט־אונטערנעמער", האָבן זיי באַלד מיט זיך מיטגעבראַכט סידורים, אויך מיטן ענגלישן טעקסט. מ"ר בראַנד קען זײַנע קאַסטאָמערס: ער ווייסט, אז נישט נאָר איז בײַ זיי נישטאָ קיין סימן פון א ספר, נאָר א סך פון זיי קענען אויך נישט, חוץ אויף ענגליש, קיין

אין די שפּעטע יאָרן

צלם פאַר קיין אַלף. ער האָט אויך בײַצײַטנס שוין, מיטגעשיקט אויף אינ־דערפרי א פּאַרטיע טליתים מיט תפילין, אַפּילו צוויי ליכט, אויף אָנצו־צינדן, ווי אויף אַן עמוד, האָט ער מיטגעשיקט. נישקשה, ייִדן פאַרלאַנגען חלילה גאָרנישט אומזיסט! פאַר „יוזן" (נוצן) טלית און תפילין, סידורים, פאַר דעם אַלעם „טשאַרדזשעט" (רעכנט) ער עקסטרע. אין אַמעריקע איז „נאַטין פאַר נאַטין" ! (גאָרנישט־פאַר־גאָרניט).

בעת דער „פּאַפּ" האָט זיך געפּאָרעט בײַ דער טעלעוויזיע, אַרויפגע־שטעלט אַהין א טאַץ, אָנגעטריפט די צוויי ליכט, האָט דערווײַל דייוו אַרויסגענומען פון בעטים "בעסקעט" דאָס פלעשל „קאַלווערט". רייטשל האָט אַרײַנגעבערענגט גלעזעלעך און די ייִדן האָבן געטרונקען לחיים, גע־ווונטשן די אבילים.

— שוין באַהיט ווערן פון צער!

— אָמן, האָט דער אַלטער געזאָגט, שוין פאַר די זין אויך.

— איר ווילט אפשר אַליין דאַווענען פאַרן עמוד? האָט א ייִד שטיל, אויפן אויער, געפרעגט דעם אַלטן.

נאָו! נאָו! — האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן און ס'בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַרײַן. ער האָט שוין נישט געהאַלטן קיין סידור אין האַנט פון זינט ער איז צען אָדער עלף יאָר אַלט געוועזן. און וויפל האָט ער דען אין גאַנצן געקענט? נאָר מילא א תירוץ: ער איז געוועזן א יתום. זײַנע זין האָבן דאָך אָבער יאָ געהאַט טאַטע־מאַמע! ער האָט אָנגעצונדן די ליכט. א ייִד האָט מיט א גאַרטעלע אַרומגענומען די לענדן, האָט געטאָן א קלאַפּ אין וואַנט ווי אין שול אויפן שולחן:

— אַשרי יושבֿי בֿיתך!

ס'איז געוואָרן א געשאָקלערײַ, א געמורמלערײַ. בעטי איז בײַצײַטנס אַוועק, איצט האָט זיך רייטשל אַרויסגערוקט פון שטוב, געבליבן שטיין אין דער טיר, פאַרלייגט די אָרעמס איבערן הויכן בוזעם און געקוקט ווי די ברידער האַלטן די סידורים, מישן די בלעטלעך און ווייסן נישט צי קוקן זיי אויפן ריכטיקן זײַטל, צי דאַרפן זיי זיך אויך שאָקלען ווי די ייִדן אַרום?

אויך דער אַלטער האָט זיך נעבעך געפילט פאַרלוירן מיטן סידור אין האַנט. ער איז געשטאַנען אין ווינקעלע, געמישט די בלעטער אַהין, גע־מישט אַהער. ער וואָלט נאָך מסתּמא געקענט דורכקריכן א שטיקל עבֿרי, ווייסט ער אָבער נישט ווו דער „אַשרי" וווינט! איז ער געשטאַנען, מ"ר איזי וואָרהאַפּטיק, א ייִד פון אַכט און זיבעציק יאָר און דאָס האַרץ אין אים האָט געוויינט. אַליין דאָס ביסל עבֿרי האָט ער פאַרגעסן און די זין זײַנע האָט ער נישט געגעבן אַפּילו וואָס צו פאַרגעסן! אָט וועלן זיי באַלד דאַרפן זאָגן קדיש. אויף דער „סעמעטערי" (בית־עולם) האָט דער

ב. דעמבלין

קאנטאָר געזאָגט און זיי האָבן נאָכגעבעבעט, אָבער וואָס וועט זײַן דאָ? ער האָט זיך צוגעבויגן צו אַ ייִדן:

— מיסטער, איר זעט מײַנע באָיעס? זיי קענען גאָרנישט! זאָגט מיט זיי קדיש, „איי'ל פּיקס יו" (איך וועל אייך פאַרגיטיקן).

מילאָ, דער מינחה־מעריב איז נאָך ווי עס איז אַריבער. אָבער צו מאָרגנס אין דער פרי ביַי שחרית, האָט דער אַלטער גאָר געפּילט ווי אײַנצו־זינקען פון בושה. טליתים־שאַליקלעך האָט יעדער פון די דרײַ זין געקראָגן צו זײַן חתונה, אָבער זיי האָבן זיי קיין מאָל נישט אָנגעמאָסטן. ווי מ'לייגט תּפילין האָבן זיי אויך קיין מאָל נישט געזען. און ער אַליין? אַ ייִד פון פּוילן און האָט קיין מאָל קיין טלית נישט געהאַט. פון וואַנען זאָל ער געווען האָבן? בעסי איז געווען אַ יתומה ווי ער אַ יתום. און אַז קיין טאַטע, וואָס זאָל אים קויפן אַ טלית, איז נישט געווען, ווער זשע האָט אים געזאָלט קויפן? בעסי? זי איז געווען אַ גרעסערע פרײַ־דענקערין פון אים. די „ווײַסט־מײַקערס" (בלוזקע־מאַכער) זענען „אימער" געווען גרעסערע פרײַדענקער פון די „קלאָוק־מאַכער".

דער ייִד, איבער די צוויי אָנגעצונדענע ליכט, איז געשטאַנען אײַנגע־הילט אין טלית, אָנגעטאָן אין תּפילין און זיך געשאָקלט בײַ דער הויכער שמונה־עשרה:

— אוי, שמע קולנו,יי אלוהינו חוס ורחם עלינו!

ער האָט זיך דערמאָנט, דער אַלטער וואַרהאַפּטיק, אַז ראָש־השנה און יום־כפּור פלעגן אַלטע ייִדן שרײַען הויך און וויינען בײַם זאָגן „שמע קולנו". ער האָט מיטגעזאָגט די ווערטער און דערבײַ געדענקט צו האַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם טלית פון לינקן אַקסל, צו האָבן פאַרדעקט דעם אָרעם מיט דער אַרומגעוויקלטער רצועה, פּונקט ווי אַ הון לאָזט אַראָפּ אַ פליגל צו פאַרדעקן אַ קראַנק פּיסל, וואָס זי האַלט אונטערגעהויבן, באַהאַלטן. זאָלן ייִדן נישט זען וואָס ער האָט דאָרטן אָנגעוויקלט אויפן אָרעם. אַז צו צען־עלף יאָר, לאַנג נאָך איידער ער איז געוואָרן בר־מיצווה, האָט ער שוין אויפגעהערט צו דאַוונען, ווי אַזוי זשע זאָל ער וויסן ווי מע'לייגט תּפילין? וויפל מאָל מע דרייט אַרום די רצועה אַרום אָרעם? ער האָט יאָ געדענקט אַז חברים, בר־מיצווה־ייִנגלעך, פלעגן עפּעס אַרומוויקלען די רצועה אַרום דער האַנט, מאַכן אַ „שין" און עפּעס האָבן זיי אויך אַרומגעוויקלט זי אַרום מיטלסטן פינגער, אָבער וואָס? ווי אַזוי?

איז ער נעבעך געשטאַנען, דער אַלטער מ"ר וואַרהאַפּטיק און, אַנשטאָט צוהערלפן די זין, האָבן השגחה איבער זיי, האָט ער גאָר געהאַט גרויס רחמנות אויף זיך אַליין:

—„סאָ, סאָ". (אַזוי־אַזוי) איזי, האָט ער פון זיך אַליין ביטער געלאַכט:

אין די שפּעטע יאָרן

— האָסט געמאַכט אַ „באַדזשד דזשאַב, אַ באַדזשד דזשאַב" (אַ מיאוס שטיקל אַרבעט) !

5

די אָנגעברענגטע מיטגעפּיל־קערבלעך מיט פּרוכט און נאַשערייען, זענען בלויז געווען דער אָנהייב. ס'אמתע ברענגערײַ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אויפֿן צווייטן טאָג שבֿעה.

געוויינלעך לאָזט דער בריוװטרעגער די בריוו אונטן אין קעסטל. הײַנט אָבער, באַלד אין דער פֿרי, האָט ער די פּאָסט אַרויפֿגעברענגט אין שטוב. כּלומרשט איז דאָס געווען ווײַל דער פּאַק מיט בריוו און קאַרטלעך איז געווען אַזוי גרויס. אַז ער וואָלט אפֿילו אין דרײַ קעסטלעך נישט אַרײַן. אין דער אמתן איז ער אַרויפֿגעקומען קריגן אין יד אַרײַן. ווי אָפֿט מאַכט זיך אים אַזאַ געשעעניש ?

פֿון וועמען איז דאָ נישט געווען אַ קאָנוועט מיט אַ „טרויער־קאַרד"? יעדער פּאָרטאָריקאַנער מיידל אין שאַפּ, יעדע נעגער־פֿרוי, יעדע איטאַליע־נישע אָפּרייטאָרין, יעדער פּרעסער האָט אים אַרײַנגעשיקט אַ קאַרטל מיט אַ פּאַרטיק אויפֿגעדרוקטן פּיזמון, ווי זייערע הערצער זענען נעבעך צעבראָכן און זיי אַליין זענען דערשיטערט איבער דעם טויט פֿון זייער „דאַרלינג־פֿאָרמאַנס סוויט־האַרט" (טײַערע־אויסדערוויילטע געליבטע). איז מילאָ, די אָפּערייטאָרס, די פּרעסערס, בײַ זיי איז עס ביזנעס. אַז דער פֿאָרמאַן וועט זען ווי זיי געדענקען אים, וועט ער זיי געדענקען בײַם אויס־טיילן די באָנדלעך. אָבער צו וואָס האָבן די אייניקלעך, די אוראייניקלעך געדאַרפֿט לאָזן וויסן דעם „גראַנד אָלדמען" (אַלטן זיידן), אַז זיי טרויערן אויפֿן טויט פֿון דער „גרעני". די באָבע הייסט עס, וואָס זיי האָבן זי רעכט נישט געקענט. און די שנורן ? ווען די שוויגער זייערע איז נאָך געלעגן אין „פֿיונעראַל־פּאַרלאָר" (קיל־שטיבל), איז זיי גאָר געלעגן אין זינען צו גיין אין די קראָמען אויסקלײַבן קאַרטלעך מיט פּאַסיקע „סאָנגס" (לידער) און שפּרוכן צו לאָזן וויסן אים, דעם „אָלדמען", אַז זיי טרויערן נעבעך וואָס די שוויגער איז זיי געשטאָרבן. און זע נאָר ווי „ביזי" סעם און פֿרעד און די שוועסטער זייערע, רייטשל, זענען דאָס בײַם עפֿענען און לייענען די אַלע נאַרישע אויפֿשריפֿטן ! אַ גאַנצן „סיסטעם" האָבן זיי דאָך אײַנגעשטעלט, שיער נישט ווי בײַ אים אין שאַפּ, „פּיעס־וואָרק"! (שטיק־אַרבעט). רייטשל עפֿנט דעם קאָנווערט כאַפּט אַ קוק אויפֿן קאַרטל: „נײַס" (שיין) זאָגט זי, „נײַס!" און דערלאַנגט עס די ברידער, און די צוויי באָקעס, ייִדן שוין אַריבער די פֿופֿציק, גרויע, מיט גלאַנציקע פּליכעס ווי שפּיגלען, זיידעס פֿון אייניקלעך און סעם האָט שוין אפֿילו אַן אוראייניקל,

ב. דעמבלין

זיצן זיי אַרײַנגעטאָן אין די קאַרטלעך, לייענען יעדן שפּרוך, ווי דאָס וואָלט געווען אַן אַרטיקל פֿון עמאַ גאָלדמאַן, פֿון אַלעקסאַנדער בערקמאַן, אַ „סאָנג“ פֿון מאָרים ראָזנפֿעלד, מיט וואָס ער און בעסי פֿלעגן זיך קוויקן אין די יונגע יאָרן זייערע. איבערגעלייענט אַ שפּרוך, זאָגט סעם:

— „טהיס איז איי פּיטש“! (דאָס איז איבערטרעפֿלעך!).

— „אָ, יעס“! באַשטעטיקט פֿרעד, — „טהיס איז סאָם־טין“! (עפּעס!).

זיצט ער, דער אַלטער, אויפֿן שבעה־קעסטעלע, דאָס נשמה־קנײטל אין גלאָז צאַפּלט, ווי אויך זי, בעסי, וואָלט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— נו, איזי, ווי געפֿעלט דיר דער „פּלעזשע“ (פֿאַרגעניגן) וואָס די זין און אויך רייטשעלע האָבן בעת דער שבֿעה נאָך דער מאַמען?

נאָר מילאָ, קאַרטלעך! וויפֿל קאָסט דען אַ קאַרטל? אַ „דיים“, העכסטנס אַ קוואָטער אַ שטיק. אָבער די „בעסקעטס“? דאָס קאָסט דאָך אַ „פֿאָרטשון“! (אַ פֿאַרמעג) און וויפֿל מע ברענגט עס דאָ אָן! איידער איין „באָיטשיק“ (ייִנגל) גייט אַראָפּ איז שוין דאָ אַן אַנדערער מיט נאָך אַ גרעסערן קאָרב. מילאָ, אַז די אָפּעריײטאָרס און פּרעסערס, צוזאַמען מיטן באָס, האָבן זיך צונויפֿגעלייגט און אים געשיקט אַ קאָרב לאַנג ווי אַ שיף און הויך ווי די עמפּײַער־סטײט־בילדינג, דאָס פֿאַרשטייט ער. אָבער צו וואָס די „בעסקעטס“ פֿון די פֿאַמיליע־לײַט? פֿון אייניקלעך? און צו וואָס האָבן בעטי און דייוו געדאַרפֿט שיקן אַזעלכע „בעסקעטס“? כּדי אויסצוקויפֿן בײַם אַלטן פּאָפּ זייער נישט־ווײלן זיצן שבֿעה נאָך דער מאַמען? און צו וואָס דאַרף מען דאָס? און וואָס וועט ער מיט דעם טאָן? די שטוב זעט דאָך שוין אויס ווי אַ קאָני־איילאַנד־קאַרנאַוואַל. ווו ס'אויג פֿאַלט, שרײַען אַקעגן די אַטלאַסבענדער און פּאַמפּאָנען־שלייפֿן פֿון רויט און געל, פּורפּור און בלוי, גרין און גאָלד! ער וועט דאָך דאַרפֿן אָדער אַהערברענגען אַלע באָמס פֿון דער באָווערי, כּדי זיי צו צעטיילן די שפּע, אָדער עפֿענען אַ סטאָר פֿון ליקער און שנאַפּס, און נאַשערײַען.

נאָר ווײַזט אויס, אַז נישט אַלע, וואָס האָבן געדענקט אים צו שיקן עפּעס אויף צו אונטערלענען זיך ס'האַרץ, זענען אַזוי אויסברענגעריש אַז נאָר נאַשערייען ליגט זיי אין די קעפּ. ס'זענען נאָך „טהענק־גודנעס“ (אַ דאַנק זײַן ליבן נאָמען) דאָ מענטשן פּראַקטישע, וואָס ווייסן אַז אַן אָבל, ווען ער זיצט שבֿעה, דאַרף, חוץ זשליאָקען קאָניאַק און נאַשן זיסוואַרג, אויך עפּעס עסן. האָט אָנגעהויבן גיין אַ סדרה פֿון פּעקלעך, פֿײַן פֿאַר־פּאַקטע, פֿאַרבונדענע מיט קאָלירטע בענדעלעך און שלייפֿעלעך. וואָס איז אין די פּעקלעך נישט געווען? די טײַערסטע גערייכערטע פֿליישן, גע־וועונדזלטע פֿיש, לאַקס סטווירדזשן, קענדעלעך טײַערע סאַרדינען, סלאָיִקלעך שוואַרצער קאַוויאַר.

אין די שפּעטע יאָרן

די פּעקלעך אַכילה האָבן דעם אַלטן וואָרהאַפּטיק שוין גאָר דענערווירט. אַוודאי געדענקט ער, אַז אין דער אַלטער היים, ווען אַ ייִד איז געזעסן שבֿעה, האָבן שכנים געזאָרגט עס זאָל ביַים אָבֿל אין שטוב זיַין ברויט, אַן אָפּגעקאָכט מאָלציַיט. אָבער אַזאַ ווילדקייט? אַזאַ פֿרעסאַרניע?

— „קרייזי" משוגע, האָט ער געברומט צו זיך אַליין! וואָס פֿאַר אַ שמחה איז דאָ? וואָס שיקט מען אַהער אַזאַ פֿרעס?

— „פּאַ, דאָן' בי סילי"! (טאַטע, זיי נישט לעכערלעך) האָט אים פֿרעד, מיט אַן אויסגעלאָשענעם ציגאַר אין מויל, גיך אָפּגעהאַקט. ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, דער זון. ער האָט זיך געפּאָרעט ביַים אויסשטעלן די אָנגעברענגטע קערב מיט נאַשעריַיען, ווי ביַי זיך אין סטאָר, ווען ער סטרויעט אויס ס'פֿענצטער מיט די פֿאַרביקע און געבלימלטע שטאָפֿן, ס'זאָל זיַין וואָס שענער, ס'זאָל צוציִען ס'אויג פֿון קונה.

און רייטשל, אין מיטן צעעפֿענען אַ פּעקל, אַרויסצונעמען די פֿליישן פֿון די פֿעט דורכגענעצטע פּאַפּירן, האָט צוגעהאָלפֿן דעם ברודער:

— „פּאַ, יו קענט העלפּ איט, דיס איז די סטיַיל". (טאַטע, קענסט זיך נישט העלפֿן, דאָס איז די מאָדע!)

סעם, וואָס איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע, פֿאַרלייגט אַ פֿוס אויף אַ פֿוס, געקוקט אין דער ספּאָרט־אָפּטיילונג פֿון דער „וואָירלד־טעלעגראַם", כאָטש אים איז אויך דאָס געטראָגעריַי פֿון פּעקלעך פֿאַרגעקומען ווי אויס־ברענגעניש, איבעריק, האָט ער פֿונדעסטוועגן געפּרוווט פֿאַרענטפֿערן די מאָדע, „די אַמעריקן־סטיַיל".

— „סי, פּאַ", האָט ער אַוועקגעלייגט די ציַיטונג און זיך אויסגעבויגן נענטער צום פֿאָטער. אַמעריקע איז אַנדערש פֿון „יוראָפּ", וואָס זוכט מאָר־קעטס אין אַנדערע לענדער. צוליב דעם „פֿיַיט" (שלאָגט) מען זיך שטענדיק אין „יוראָפּ". אַמעריקע אָבער שאַפֿט איר מאַרקעט אין דער היים. מע „טרייט" אין אייגענעם לאַנד צו פֿאַרקויפֿן וואָס מער. „ביקאָוז" (וויַיל), אַז מע פֿאַרקויפֿט אַ סך איז דאָ אַרבעט. אַז ס'איז דאָ אַרבעט, פֿאַרדינען די אַרבעטער און אַז די אַרבעטער פֿאַרדינען, האָבן זיי געלט מיט וואָס צו קויפֿן, אַז די אַרבעטער קויפֿן, מאַכט דער פֿאַרמער און דער „סטאָרקיפּער" אַ לעבן און אַזוי דרייט זיך ס'רעדל און ס'איז דאָ „פּראָספּעריטי"!

דער אַלטער איז געזעסן די עלנבויגנס אויף די קני, די שטעכיק באַ־וואַקסענע גאָמבע אין די דלאָניעס, ער האָט געקוקט אויפֿן זון און איראָניש געשאָקלט מיטן קאָפּ. אים, וואָס איז קנאַפּע זעכציק יאָר אין אַמעריקע, דאָ געפּאָקט און געמאָזלט. אויסגעריסן געוואָרן אין די שוויצשעפּער, גע־טראָגן ס'מאַשינקעפּל אויפֿן אַקסל פֿון איין שאָפּ אין אַנדערן, אין ניַינצן

ב. דעמבלין

צען, אין גרויסן קלאָוקמאַכער־סטרייק, האָט ער זיך געשלאָגן מיט גענג־סטערס אויף דער פּיקעטליין, דערציילן זיי אים וואָס אַמעריקע איז:

— אָלרייט, האָט ער אומגעדולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— איך רעד נישט איצט צי ס'ראָד דרייט זיך יאָ אָדער נישט! איך וויל נאָר וויסן: וואָס וועט מען טאָן מיט אַזוי פיל פּרוכט און ניס? מיט די אַלע שאָקאָלאַדן און „קענדים"? און ווער וועט אויפעסן אַזוי פיל דעליקאַטעסן?

— „אָ, פּאַ, סטאַפּ איט"! (הער אויף) — האָט שוין פּרעד פאַרלוירן דאָס געדולד. ער האָט אויפגעהערט אויף אַ מינוט דאָס סאָרטירן און אויסשטעלן די „בעסקעטס", אַרויסגענומען דאָס שטיקל אויסגעלאָשענע ציגאַר פון צווישן די ציין און גענומען לערנען מיטן פּאַ אַ שטיקל אַמע־ריקאַנער עקאָנאָמיע אויף זיין שטייגער: — וואָס טוט אַמעריקע מיט צופיל ווייץ? מיט צופיל אייער? צופיל קאָטן? מע גיט אַוועק אָרעמע לענ־דער, מע פאַרברענט, מע וואַרפט אין ים אַריין. „טהע טינג איז צו גע̇טן ריד אָף איט" (דער געדאַנק איז פּטור צו ווערן), דאָס ראָד זאָל זיך ווידער דרייען, ס'זאָל זיין פּראָספּעריטי!

6

די ערשטע צוויי שבעה־טעג זענען געווען פול מיט אויפרעגונג, האָבן נאָך די זין, סעם און פרעד, אויסגעהאַלטן. דער דריטער זון, דייוו, איז נאָך אַוועק דעם ערשטן אָוונט, באַלד נאָך בעטין. דאָנערשטיק אָבער, אויפן דריטן טאָג, איז געווען אויס „קאַרדס", אויס "בעסקעטס", אויס פּעקלעך! וואָס זשע זאָלן זיי איצט טאָן? רייטשל איז אַ פרוי און אַ פרוי האָט שטענדיק וואָס צו טאָן. מיט די אָנגעברענגטע נאַשערייען, אַפילו מיט די דעליקאַטעסן אַליין, וועלן די דריי מאַנצבילן נישט לעבן. איז זי פאַרנומען אין קיך מיט צוגרייטן „ברעקפעסט", „לאָנטש", מיט קאָכן „סאַפּער". אָבער וואָס זאָלן זיי, די צוויי ברידער טאָן? זיי רייכערן איין ציגאַר נאָכן אַנדערן, גייען אין די זאָקן הין און צוריק פון פראָנט־שטוב אין קאָרידאָר אַריין. פון קאָרידאָר אין עסשטוב, פון דאָרט ווידער אין פראָנטשטוב, אָבער דער לאַנגווייל הערט נישט אויף. זיי וואָלטן אויפגעדרייט די ראַדיאָ, די טעלעוויזיע. טאָר מען נישט! „קרייזי רע־לידזשאָן" (משוגענע רעליגיע) די יידישע! נאָר מען טאָר נישט! זיי האָבן שוין איבערגעקוקט די דיילי־ניוס, די טעלעגראַם, זיי וויסן שוין מיט וועמען די אַקטריסע האָט זיך געגט, מיט וועמען יענער "סטאַר" פירט אַ ליבע, וואָסער „רעסטלינג־מעטש" (פאַרמעסטן) ס'קומט פאָר אין מעדיסאָן־סקווער־גאַרדן, ווי עס שטייען זייערע סטאַקס אויף וואָלסטרים, אָבער

דער טאָג שטייט אַלץ אויף אַן אָרט! אָפּגעדאַווענט האָט מען אַכט אין דער פֿרי, זיי האָבן געגעסן „ברעקפֿעסט“, געגעסן „לאָנטש“ און ס׳איז אַלץ ערשט דריי דער זייגער! זיי גייען צו צו אַ פֿענצטער. די זון שיינט, מענטשן גייען פֿאַרביי, מאַשינען פֿאָרן, קינדער גייען שוין צוריק פֿון סקול, וואָס זאָלן זיי ווייטער טאָן? קיין ספֿר איז אין דער שטוב נישטאָ, און ווען יאָ, וואָלטן זיי סײַ ווי דאָס נישט געקענט לייענען. ווען אַפֿילו ס׳וואָלט דאָ געווען אַן ענגליש בוך, וואָלטן זיי עס אויך נישט געלייענט. אין קאָלעדזשעס זענען זיי נישט געגאַנגען. אין פּאַבליקסקול און הײַ־סקול, ווו זיי האָבן יאָ געלערנט, האָט מען זיי דאָרטן נישט פֿאַראינטערע־סירט און אויך זיי נישט אײַנגעוווינט אין לייענען ביכער. די טעאַטערס אויף בראָדוויי אינטערעסירן זיי נישט. אויב זיי גייען דאָרט אַ מאָל, אָדער אין אַ מוווי, איז עס בלויז צוליב די ווײַבער, וואָס „נעגן“ (יאָדען) אַזוי לאַנג ביז מ׳גיט זיי נאָך. זיי וואָלטן יאָ געוואָלט הערן אַ באָל־גיים אויף דער ראַדיאָ, אויף דער טעלעוויזיע זען אַ שאָו, טאָר מען דאָך נישט אויפֿדרייען די ראַדיאָ. נישט דרייסט איז פּעם צוגעגאַנגען צום פֿאָטער:

— פּאַ, מוזסט אונדז „עקסקיוזן“ (אַנטשולדיקן). די סטאָר איז אַליין! „דזשאָסט טעל די שמש“ (זאָג נאָר דעם שמש), ער וועט דיר אַרויפֿשיקן נאָך ייִדן, וואָס דאַרפֿסטו אונדז?

— „שור, אָפֿקאָורז“ (אַוודאי, זיכער), האָט דער אַלטער געשאָקלט מיטן קאָפּ איראָניש. — דער שמש האָט „פּלענטי“ ייִדן.

7

פֿון אַלע פֿינף קינדער איז בלויז איין רייטשל געבליבן מיט אים איבער דער שבֿעה, אָבער ער גענאָדט זיך נישט, דער אַלטער. ווען די מאַמע וואָלט איר געשטאָרבן אין מיטן פֿון איר „סיזאָן“, וואָלט זי אויך נישט אויסגעזעסן די זיבן טעג. סײַ ווי האָט זי נישט איצט וואָס צו טאָן. רענטן (דינגען) אירע „באַנגאַלאָוס“ (ביידלעך) קומט מען ערשט אין מײַ, קאָן זי דאָך זיין אַ גוט קינד.

ס׳ערשטע מאָל איצט אַז דער אַלטער איז גאַנצע טעג מיט זײַנס אַ קינד אין הויז. נישט ער האָט געזען די קינדער אויפֿוואַקסן און נישט ער האָט רעכט באַמערקט ווי זיי זענען אַוועק פֿון הויז. אַ פֿאַרמאַן איז נישט ווי אַ געוויינלעכער באַלמעלאָכע. ער מוז אַוועק פֿון שטוב באַגין. ער מוז זײַן אין „פּלענט“ (שאַפּ) איידער די באַלמעלאָכעס קומען אָן און אַוועקגיין קאָן ער אויך נישט ווי אַ ליאַדע אַפּרייטאָר, וואָס כאַפּט ס׳רעקל ווי נאָר מע שטעלט אָפּ די מאַשינען און ער איז שוין נישטאָ! האָט ער

ב. דעמבלין

קיין מאָל קיין מאָלצײַט צוזאַמען מיט דער פֿאַמיליע נישט געגעסן, אַפֿילו נישט זונטיק. גראָד זונטיק זענען די קינדער זיך צעלאָפֿן פֿון שטוב נאָך איידער ער האָט רעכט צײַט געהאַט זיך אַרומצוקוקן. נאָך זייערע חתונות פֿלעגן זיי יאָ אַ מאָל קומען „טו די אָלד פֿאָלקס פֿאָר דינער". (צו די אַלטע לײַט אויף מיטאָג) האָט זיך בעסי אַ האַלבע וואָך פֿריִער געגרייט צו דער גרויסער געשעעניש, זיך געפּאָרעט, געקאָכט, געבאַקן און געבראָטן און אַז דער זונטיק איז שוין געקומען, איז מען פֿאַרפֿאָרן מיט דער קאַר, געטאָן אַ פֿאַל אַרײַן אין שטוב מיט אַ בהלה: „העלאָ, מאַ, העלאָ, פּאַ!" און איידער דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן באַוויזן צו פֿרעגן וואָס מע מאַכט, ווי עס גייט, האָבן זיי שוין אויפֿגעדרייט די ראַדיאָ און מ'האָט שוין ס'אייגענע וואָרט נישט געקענט הערן. דערנאָך איז געקומען דאָס אומגליק מיט דער טעלעוויזיע. מ'איז געזעסן בײַם טיש און נישט געזען וואָס אין אייגענעם טעלער טוט זיך. מ'האָט גערוקט דעם לעפֿל אין מויל און געהאַלטן די אויגן און אויערן אין דער טעלעוויזיע־שויב. מ'האָט זיך אַפֿילו נישט אומגעקוקט צי דער טאַטע זיצט בײַם טיש, צי די מאַמע פּאָרעט זיך נאָך דאָרטן אין קיך, אָדער זי האָט זיך שוין, ענדלעך, צוגעזעצט אַ פֿאַרשוויצטע, אַ מידע. און קוים איז מען פֿאַרטיק געווען מיטן עסן און „די פּראָגראַם" האָט זיך געענדיקט, איז מען שוין געשטאַנען בײַ דער טיר: „סאָלאָנג מאַ! סאָלאָנג פּאַ"! געבליבן אין שטוב איז אַ „סינק מיט דישעס" (שיסל מיט געשיר), אַ צערודערטע שטוב פֿול מיט רויך און אַ טשאַד אין קאָפּ.

ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון שבֿעה־קעסטעלע, אויסגעגלײַכט די אײַנגעקנייטשטע ביינער און גענומען גיין הין און צוריק. ס'איז ערשט צוויי בײַ טאָג; די זון אין דרויסן שײַנט, אָבער דאָ איז אַזוי שטיל, אַז ער הערט דאַכט זיך ווי דאָס ברענענדיקע קנייטל זייגט דעם חלב אין יאָרצייטגלאָז.

ער איז אַרײַן אין קאָרידאָר און געבליבן שטיין אויף דער שוועל פֿון שלאָפֿשטוב. ס'איז דאָ סומנע, טונקל. די ראָלעטן פֿון די פֿענצטער זענען אַראָפּגעצויגן. בעסיס פֿאָטאָגראַפֿיע־פּאָרטרעט, קוקט צו אים אַראָפּ פֿון דער וואַנט. רייטשל, אַן אײַנגעקנוילטע, דרימלט אין דער מאַמעס בעט. ווען נישט דער פֿאַרהאָנגענער שפּיגל און דאָס פּאַסיקל פֿון אירע תכריכים אין גלאָז וואַסער אויפֿן פֿענצטער, וואָלט ער געשווירן, אַז דאָס איז די מוטער, נישט רייטשל:

— „וואָנט סאָם טהינג"? (ווילסט עפּעס) האָט די טאָכטער אונטערגעהויבן איר קאָפּ.

— נאָו, טהענקס, שלאָף.

— כ'שלאָף נישט.

אין די שפּעטע יאָרן

זי איז אַראָפּ פֿון בעט און אַרײַן אין פֿראָנטשטוב. זי האָט פֿאַרנומען די פֿאַרהאַנגען, עס זאָל אַרײַן אַ ביסל זונשײַן! אַז סעם און פֿרעד זענען דאָ געווען איז איר נישט געפֿאַלן אַזוי שווער דאָס זײַן דאָ. זי איז אַרײַן אין קיך, צוגעשטעלט אַ טשײַניק וואַסער צום קאָכן. זינט די ברידער זענען אַוועק וויל זי אַלץ פֿרעגן דעם פּאַ וואָס ער קלערט צו טאָן. אַ מאַן פֿון אַכט און זיבעציק וואָלט שוין געדאַרפֿט „ריטײַערן". (אויפֿגעבן די אַרבעט) דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען, זי האָט גענומען ס'טרײַבל צום אויער:

— העלאָ, אָ, דו, סעם? פּאַ איז אָלרײַט. וואָס? ווילסט רעדן צום פּאַ? זי האָט פֿאַרדעקט מיט דער האַנטפֿלאַך דאָס טרײַבל: — פּאַ! ס'איז סעם, ער וויל רעדן צו דיר.

דער אַלטער האָט געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט:

— וואָס האָב איך מיט אים צו רעדן? זאָג אים איך בין אָלרײַט.

דער טשײַניק האָט זיך צעפּײַפֿט, אַ סימן ס'וואַסער זידט. זי איז אַרײַן אין קיך, אַרײַנגעטאָן צוויי פּאַפּירענע זעקעלעך מיט טיי אין צוויי טעפּעלעך, אַרײַנגעגאָסן זודיק וואַסער און מיט זיי אַרײַנגעקומען אין פֿראָנטשטוב. זי האָט אַוועקגעשטעלט די טעפּעלעך טיי אויפֿן „קאָפֿי"-טישעלע, עס צוגערוקט צום פֿאָטער און אַליין זיך אַרײַנגעזעצט לעבן אים אין דער קאַנאַפּע. אין מיטן טרינקען האָט זי ענדלעך געוואַגט אים צו פֿרעגן:

— וועל, פּאַ, וואָס קלערסטו איצט צו טאָן?

דער אַלטער האָט געשוויגן, געזופּט די הייסע טיי און געשוויגן, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט וואָס רייטשל פֿרעגט אים. אין דער אמתן האָט ער שוין גאָר גוט געהערט. ער האָט געוווּסט אַז זי וועט אים דאָס פֿרעגן. קיינעם פֿון די קינדער פֿאַלט נישט אײַן, אַז ער קלערט נישט אויפֿצוגעבן דעם דזשאַב, צעברעכן ס'הויז און ווערן אַ באָרדער בײַ וועלכער פֿון די שנורן, וואָס ווילן אים סײַ ווי נישט האָבן בײַ זיך.

— טאָן? האָט ער זי איבערגעפֿרעגט. וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן?

דער טעלעפֿאָן האָט ווידער געקלונגען. ס'איז געווען בעטי. רייטשל האָט איר פֿאַרזיכערט אַז דער פּאַ איז „אָלרײַט" און זיך ווידער גענומען טרינקען איר טיי.

— אַ גוטע זאַך דער טעלעפֿאָן, האָט דער אַלטער געזאָגט, — פֿאַר צען סענט איז מען אַ גוטע טאָכטער, אַ גוטער זון.

— „אָ, פּאַ! בי ריזאָנייבל" (אָ, טאַטע, האָב אײַנזען), האָט רייטשל אויפֿגערעגט, זיך געטאָן אַ דריי אויס צום פֿאָטער. — דו ווייסט אַליין אַז בעטי קען דאָ נישט זיצן, זי פֿאַרנעמט אַן „עקזעקוטיוו-פּאָזישאָן"!

— און איך פֿאַרנעם נישט אַן עקזעקוטיוו-פּאָזישאָן? האָט דער אַל-

ב. דעמבלין

טער אָנגעשטעלט אויף דער טאָכטער א פּאָר אויגן, שאַרפּע, פֿרעגנדיקע.

— אַבציק אַפּרייטאַרקעס און צען פּרעסערס און איך האָב געזאָגט: „טו העל וויט יו"! (צום טייוול מיט אײַך!) און איך זיץ שבעה נאָך דער מאַמען.

רייטשל האָט געשוויגן. „די אַלדמען" איז דאָך גערעכט:

— לאָמיר נישט רעדן וועגן בעטי, וועגן סעם, איך רעד וועגן דיר, וואָס קלערסטו צו טאָן?

— ס'איינענע וואָס פֿריִער, האָט דער אַלטער א זאָג געטאָן שאַרף, — איך האָב מײַן הויז און איך האָב מײַן דזשאָב.

— „באָט פּאַ", אָן א פֿרוי אין שטוב איז ס'הויז קיין הויז נישט. מע דאַרף אויף דיר אויפּפּאַסן, צוגרייטן עסן און א דזשאָב קען מען אויך נישט אייביק אָנהאַלטן.

— אויפּפּאַסן קען איך אויף מיר אַליין. און עסן? ווייניק רעסטאָראַנען זענען דאָ אין ניו־יאָרק?

— „באָט פּאַ! פֿאַרגעס נישט, דו ביסט נישט מער יונג!

דער אַלטער האָט געשמייכלט. וואָס גייט קינדער אַזוי אין לעבן, טאַטע־מאַמע זאָלן געדענקען, אַז זיי ווערן אַלט?

— נאָו, רייטשל, איך פֿאַרגעס נישט. „נאָק־וווד" איך בין שוין אַכט און זיבעציק יאָר. — זעסט, רייטשל, האָט ער איר צוגעבויגן דעם קאָפּ געדיכטע האָר וואָס זענען קוים גרוי, — סעם און פֿרעד, וואָס די מאַמע האָט זיי אַזוי אָפּגעהיט זיי זאָלן טרינקען גענוג מילך, עסן געווג פֿלייש. איז כאָטש זיי זענען ערשט אין די מיטעלע פֿופֿציקער, האָבן זיי שוין ביידע פּליכעס און דאָס ביסל האָר וואָס זיי האָבן נאָך אַרום די פּליכעס איז בײַ זיי ווײַס. און זיי גיבן אוים א „פּאַרטשון" (א פֿאַרמעגן) אויף רענטיסטס און איך, א יתום, וואָס ביז אַכצן יאָר, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך געהונגערט, זיך געוואַלגערט אין שמאַטעס, אַנשטאָט שלאָפֿן ווי זיי, אויף א ווייך און וואַרעם געלעגער און אַפֿילו דאָ, אין אַמעריקע האָב איך געווג לאַנג נישט געלעקט קיין האָניק. פֿונדעסט־וועגן האָב איך א קאָפּ געדיכטע האָר און אַלע מײַנע ציין. און דער באָס האָלט גאָרנישט, אַז איך בין אַן „אַלדמען". פֿאַרקערט, לאָמיך זאָגן איך „ריטייער" גיט ער מיר א „רײַז" איך זאָל בלײַבן!

— באָט פּאַ, א מאַן פֿון אַכט און זיבעציק דאַרף אָנהייבן נעמען ס'לעבן „איזי" (לײַכט). ס'איז נישט קיין „דזשאָוק" (געלעכטער) אויפֿ־צושטיין זעקס אין דער פֿרי, צוריקקומען אַכט־נײַן אין אָוונט און נאָך דאַרפֿן גיין אין רעסטאָראַן עסן.

אין די שפּעטע יאָרן

— אז ס'איז נישט קיין „דזשאָוק" ווייס איך אַליין. וואָס דען זאָל איך טאָן?

— דאַרפסט „ריטײַערן". וועסטו זײַן מיט אונדז. דזשעק האָט דיך גערן, דו ווייסט עס. אָנהייב אַפּריל, אין צוויי וואָכן אַרום, פאָרן מיר שוין אַרויס. וועסט האָבן ס'בעסטע צימער אין ווינטערהויז.

דער אַלטער האָט זיך צוגעהערט. ס'האָט אים הנאה געטאָן איר זאָרגן זיך וועגן אים. די טאָכטער מיינט אוודאי גוט, אָבער עס וועט נישט טויגן. אַפילו ביים בעסטן קינד איז נישט גוט צו זײַן. חוץ דעם? ווער גיט עס אַזוי לײַכט אויף אַ דזשאָב וואָס ברענגט אַרײַן צוויי הונדערט טאָלער אַ וואָך? און וואָס וועט ער טאָן נאָכן אויפגעבן דעם דזשאָב? זיך אַרומדרייען צווישן אַלטע לייט, וואָס קרעכצן אויף אַ ברענעניש אונטערן לעפעלע? אויף דעם וואָס די בײַכער זענען בײַ זיי אָנגעפּוישט? נאָו סערי!

8

נישט לאַנג נאָך שבֿעה האָט דער אַלטער איזי וואַרהאַפטיק אײַנגעזען אַז ס'איז לײַכט זיך אָפּצוזאָגן: זײַן אַליין, אויפּפּאַסן אויף זיך אַליין.

אַז אַ מענטש האָט אַ האַנט ווייסט ער גאָרנישט ווי גליקלעך ער איז. ערשט ווען ער פאַרלירט די האַנט, זעט ער ווי ביטער עס איז אים אָן איר. אַז בעסי האָט געלעבט, האָט ער גאָרנישט געוווּסט ווי גוט אים איז געווען. דאַכט זיך אַ קלייניקייט: אַ מאַן קומט אַהיים נאָך אַ טאָג אַרבעט, ער עפנט די טיר און זאָגט העלאָ, און אַ מענטש, וואָס איז אים נאָענט, באַגעגנט אים מיט אַ שמייכל, אַ מאָל אַפילו מיט געבייזער פאַר וואָס ער קומט אַזוי שפּעט. דאַכט זיך אַזאַ קלייניקייט.

אָבער איצט? ווער וואַרט אויף אים? און וואָס אײַלט ער אַזוי אַהיים? זענען דען בלויזע פיר ווענט אַ היים? ער שליסט אויף די זעלביקע טיר, וועמען זאָל ער איצט זאָגן העלאָ? ער דרייט אויף די עלעקטרע און גייט אַרײַן אין קיך. גאָרנישט איז דאָ געשען פון אינדערפרי אָן. ער האָט אין דער פרי פאַרן אוועקגיין געטרונקען אַ טעפּעלע הייס וואַסער. שטייט אַזוי ס'טעפּעלע אויפן קיכטיש. קיינער האָט עס נישט גערירט פון אָרט, קיינער האָט עס נישט אויסגעוואַשן, נישט צוריקגעשטעלט עס אויפן טעצעלע, אין שענקל, ווי בעסי האָט דאָס אַלע מאָל געטאָן.

ער האָט ליכטיק געמאַכט אין פראָנטשטוב און איז געבליבן שטיין אין טיר, אויף דער שוועל. מענטשן זאָגן: אין אַ שטוב, וואָס קיינער איז אין איר נישטאָ, איז שטיל. נישט אמת! דער גערויש פון אַזאַ

ב. דעמבלין

שטילקייט איז שטארקער פון רווישיקסטן געטומל! דאס איז א פחדימדיקע שטילקייט, א שטילקייט וואס ברענט די געבליטן, וואס הייבט פון ארט, וואס פילט אן דאס גאנצע וועזן מיט אומרו פון וועלן אנטלויפן, אנטרינען פון אייגענעם געביין ארויס.

ער האט אויפגעדרייט די טעלעוויזיע, זיך אריינגעזעצט אין קאנאפע. אין דער מילכשויב פון קאסטן האט זיך באוויזן א מאן אין די עלטערע יארן, ווי זיין סעם, אויך מסתמא א זיידע שוין. אויפן קאפ איז אים געזעסן אן איינגעפאלענער, געלעכערטער צילינדער, ארום האלדז איז אים געהאנגען א רינג פון הינערשע פעדערן. ס'אנגערויטיקטע פנים איז אים פארקרומט אין א געלעכטער פון אויער צו אויער. ער הייבט די פיס אין די צו לאנגע הויזן און ווארפט די הענט אין א מין טאנץ, וואס רופט ארויס אין אים, איזו ווארהאפטיק, א געפיל צו ברעכן, אבער מיליאנען מענטשן אמוזירן זיך מיט דעם, לאכן, הירזשען פון הנאה און דער בלאזן קריגט באצאלט א „פארטשון" פאר זיין „ענטערטיינען" (אונטערהאלטן) דאס חשובע פובליקום.

דער טעלעפאן האט געקלונגען. ער האט צוגעדרייט די טעלעוויזיע און גענומען דאס טרייבל:

— א, העלא דייוו! „שור" בין איך אלרייט. „וואט"? קלערסט צו קומען זונטיק? דיין מאלי אויך? דאס איז פיין „טהענקס, טהענקס איי לאט"! (פיל־דאנקען!)

ער האט ארויסגענומען פון שופלאד א פעשל קארטן. אז בעסי האט געלעבט, האבן זיי א מאל געשפילט א היימישן זעקס־און־זעכציק. איצט האט ער געשפילט אליין מיט זיך א „סאלאטייר". ער האט געלייגט די קארטן אהין, אהער, געווארן מיד, זיך ארומגעקוקט: אלץ אין הויז ווײנט נאך בעסין. ניין, ס'איז נישט דער שטויב, וואס ליגט אויף יעדער זאך, אויך נישט די צעווארפענע, איינגעקנייטשטע קישנס אויף דער קאנאפע, אויף די פאטעלן. דאס איז א נישט־געהערט געוויין, וואס עס וויינען די ווענט נאך בעסים בליק, וואס עס וויינט יעדער זאך אין שטוב נאכן גלעט פון איר האנט, נאכן הויך פון איר אטעם.

ער האט א קוק געטאן אויפן געלענק־זייגערל: צייט צו גיין שלאפן. ער איז אריין אין שלאפשטוב. זיין בליק האט זיך פארהעקלט אן בעסים בליק, אין פארטרעט, וואס אויף דער וואנט, אט פרעגט ער זי שטומערהייט:

— וואס זאל ער דאך טאן? אויפגעבן ס'הויז און גיין וווינען מיט רייטשלען?

9

רייטשלס „קאַלאַני״ פון זעכצן „באַנגאַלאָוס״ מיט רויטע און גרינע דעכער איז געשטאַנען הויך, אויף א באַרגיק פעלד, אויסגעשטעלט ווי א ריזיקער דלד. אָפּגערוקט, ביַים וועג, אַרומגערינגלט מיט הויכע, ברייט צעוואַקסענע מייפּל־און נאָדל־ביימער, שטייט דאָס ווינטערהויז, א האָלצערן, צווישטאָקיק געביַי מיט גרויסע פענצטער און א ברייטע וועראַנדע. איבערן וועג ליגן זאַפטיק גרינע פּאַשע־פעלדער. אומצאָליקע קי קריכן דאָרט איבער די בערגלעך, אין די טאָלן, רוען אונטער א בוים, גאַפּיען אויף דער וועלט, מעלה־גרהן דעם אייגענעם גאָוער. וויַיט, אַריבער די פעלדער, האָרבען זיך די קעטסקילס, זייערע טונקל בלויע סאַמעטקעפּ שטרעקן זיך אין די זוניקע הויכקייטן.

ס׳איז געווען אָנהייב מיַי. ווי אין שטאָט, איז דער אַלטער אויך דאָ אויפגעשטאַנען באַגין. ווינען מיט רייטשלען וויל ער טאַקע נישט, אָבער אַרויסקומען אויף א „וויק־ענד״, „וועיי־נאַט״? (פאַר וואָס ניט?) ער איז אַראָפּ אונטן, געבליבן שטיין אויף דער וועראַנדע. פייגל האָבן דאָ געהאָוועט, געצוויטשערט, געפלויגן אַרויס און אַריַין. ער האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ, זיי האָבן שוין ביַיציַיטנס געבויט דאָרט, אין ווינקעלע, א נעסט. אַלע וויַיל איז אַן אַנדערס אָנגעפלויגן מיט א שטרויעלע, א פעדערל, א פּיצינקע ברעקל פון א צוויַיגל. און ווי זיי, אַזוי האָט זיך שוין אין באַגין דזשעק געפּאָרעט אין באַרן. מיט דער ליולקע אין מויל, א טויט אויס־געלאָשענע, איז ער געקראָכן צווישן אַלטע גאַזאָליטעס, צווישן קאַליע גע־וואָרענע פרידזשידערס, קעפּשטיק פון בעטן, האַלב צעבראָכענע קינדערשע וויגעלעך. ער האָט געשלעפּט מאַטראַצן, אַריַינגעשטעלט די דראָטענע שאַטקעס אין די באַנגאַלאָו־פענצטער.

דער אַלטער האָט גענומען גיין איבערן פעלד, אַהין צום באַרן. פון קידנוויַיז אויף געוווינט צו אַרבעטן, האָט ער גענומען העלפן דעם אײדעם איבערשטעלן א בעט, אויפהענגען א טיר.

— פּאַ! האָט רייטשל, דורכן קיכפענצטער פון ווינטערהויז, געשריגן איבערן גאַנצן פעלד. — שלעפּן מאַטראַצן איז נישט פאַר דיַין עלטער!

דזשעק האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל, פאַרלייגט די האַנט איבערן שטערן ווי א דעכעלע און גוטמוטיק, מיט געלעכטער, צוריק אַרויפגעשריגן:

— ריי! דו קאָנסט נישט דיַין פּאַ!

ב. דעמבלין

10

אין שכנות מיט רייטשלען שטייט דער „בעלוועדער־האָטעל“, אַ הויז מיט איין איבערשטן שטאָק און צוויי „קאָטעדזשעס“ לעבן סאַד. ווי רייטשלס „קאָלאָני“ פֿאַר זומער־רומערס, אַזוי איז דער מר"ם גאָלדפֿאַרבס „בעלוועדער“ אַ האָטעל פֿאַר געסט, אָפּן אַ גאַנץ יאָר. די שטאַמגעסט פֿון בעלוועדער זענען אַלץ עלטערע לײַט, אַ סך פֿון זיי שוין „ריטײַערטע“, וואָס אַ מאָל זענען זיי געווען קלאָוקמאַכער, מענער־שניידער, גראָסערי־לײַט — אַלץ פֿרומע ייִדן, וואָס היטן כּשרות און ווילן ניט פֿאָרן אין יענע האָטעלן, ווו פֿאַרשײַטע נקבות „ענטערטיינען“ די געסט, ווען אַפֿילו מע צאָלט זיי צו.

די מר"ם גאָלדפֿאַרב, אַ גאַליציאַנערין אין די אָנהייב זעכציקער, אַן אַלמנה שוין איבער פֿופֿצן יאָר, פֿירט אַליין אָן מיט איר האָטעל, איז אַליין די קעכין, די בעקערין, די אונטערהאַלטערין פֿון די געסט. רייטשלס ארויסברענגען דעם טאַטן איז געווען דער עיקר צוליב דער מר"ם גאָלדפֿאַרב. אַז זײַן בײַ אַ קינד וויל ער נישט, וואָלט איר אַראָפּ אַן עול פֿון קאָפּ ווען ער האָט חתונה מיט אַזאַ מר"ם גאָלדפֿאַרב.

אָנהייב יולי, אַז דער סיזאָן בײַ רייטשלען האָט זיך געשטעלט, די שבתים און זונטיקס האָבן געזשומעט מיט קינדער, מיט יונגע ווײַבלעך, מיט יונגע מענער, וואָס זענען אַרויסגעקומען אויף דעם וויקענד, האָט מ"ר וואַרהאַפֿטיק זיך געפֿילט אויף דעם פֿעלד ווי אַן איבעריקער, וואָס ווו ער גייט, איז ער, דאַכט זיך, עמעצן אונטער די פֿיס. איז ער צום ערשטן געזעסן אייגער אַליין אויף דער וואַראַנדע, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צוגיין צום „בעלוועדער“. געגאַנגען איז ער טאַקע צוליב די געסט דאָרטן, די קלאָוקמאַכערס וואָס ער געדענקט זיי נאָך פֿון גרויסן סטרײַק אין נײַנצן צען, אָבער פֿאַרברענגט האָט ער דאָרטן מערסטנס מיט דער מר"ם גאָלדפֿאַרב, אַ ייִדענע אַ ברען, מיט אַ הויכן בוזעם און אַ קאָפּ האָר ווילעריש פֿאַרשוירן אין אַ „באָיש־באַרב“. צווישן צוגרייטן איין מאָלצייט און דעם אַנדערן, צווישן פֿאַרקנעטן אַ טייג אויף קיכעלעך און אויסלייגן די סאַלאַדס אויף טעלער, האָט זי געפֿונען צײַט אַרויסצוקומען אין קילן סאַד, אונטערן ברייט צעצווײַגטן עפּלבוים, זיך אַוועקזעצן צווישן די געסט און זינגען פֿאַר זיי „אַ ייִד צו זײַן איז טײַער, אַ ייִד צו זײַן איז גוט“, אָדער „אַ ייִדיש מיידל דאַרף אַ ייִדישן באָי“. זי האָט זיי אויך דער־ציילט אויסטערלישע געשיכטעס, וואָס זי האָט אַ מאָל, מיידלווײַז, אַרויס־געלייענט פֿון מעשׂה־ביכלעך. דערבײַ, אין מיטן גאַנצן דערציילן אָדער זינגען, האָט זי געדענקט, אַז דאָס טוט זי דאָך כּדי אונטערצוהאַלטן די געסט. וואָרעם איר ליגט דען אין קאָפּ זינגען, אונטערהאַלטעניש? האָט

אין די שפּעטע יאָרן

זי אין בעסטן מיטן דער מעשׂה זיך א ווענד געטאָן אין א זײַט צו א דרימלענדיקן ייִדן:

— מ״ר רויטבלאַט, עפּעס זיצט איר מיר אָן אַ זײַט. „וואַטסעמע־טער״? (וואָס איז דער מער?) א שיף איז אײַך אונטערגעגאַנגען? „טשיר־אַפּ״! (טשוכעט זיך אוים!) אָדער גאָר צו א ייִדענע:

— מר״ם גאָלדשטיין! האַלט אַן אויג אויף אײַער מיסטער! עפּעס וואַרפט ער מיר אייגעלעך אויף דער מר״ם מילמאַן!

די געסט האָבן געלאַכט, אָנגעקוואָלן פֿון דער מר״ם גאָלדפֿאַרב. און די מר״ם מילמאַן, אַן אײַנגעקנייטשטע ייִדענע אין די אָנהייב זיבעציקער, האָט געלאַכט העכער פֿון אַלע:

— אײַ, מר״ם גאָלדפֿאַרב, האָט זי באַוווּנדערט די האָטעלניטשקע, איר האָט נאָך אַלץ נישט פֿאַרגעסן אײַערע שטוקעס!

פֿון רייטשלס אָנצוהערענישן האָט זיך מר״ם גאָלדפֿאַרב אָנגעשטויסן אַז די טאָכטער וואָלט איר געוואָלט פֿאַרשלייערן דעם טאַטן. ווי וויל איר איז נישט אײַנגעפֿאַלן צו טאָן קיין שידוך, איז זי פֿונדעסטוועגן אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער געזעסן מיט מ״ר וואָרהאַפּטיק, א שטול לעבן א שטול. כאָטש זי האָט געוווּסט אַז ער איז שוין באַלד ביי די אַכציק, האָט זי דאָך נישט געזען ער זאָל זײַן אַן אַלטער מאַן. ווי קומט ער צו אירע געסט, וואָס דער עלטסטער איז מיט פֿינף און צען יאָר ייִנגער פֿון אים?

— שור, האָט זי מיט אים אײַנגעשטימט. — אַז מע פֿאַרלירט דעם חבֿר אין לעבן, איז נישט גוט, זייער נישט גוט! איר דאַרף ער דאָס נישט דערציילן. ווי ער קוקט זי אָן איז זי שוין אַן אַלמנה איבער פֿופֿצן יאָר!

— טאַקע נישט צו פֿאַרשטיין, אַזאַ שיינע פֿרוי, האָט דער אַלטער איר געמאַכט א קאָמפּלימענט.

— זאָל איך אײַך געבן א קוואָטער, מ״ר וואָרהאַפּטיק? — זי האָט זיך צוגערוקט נענטער צו אים. — א דאַנק אײַך פֿאַרן קאָמפּלימענט. פֿונדעסטוועגן איז א פֿרוי נישט קיין מאַן. אַז א פֿרוי ווערט אַן אַלמנה — זיצט זי! א מאָל צוליב קינדער, א מאָל, ווײַל זי קריגט נישט איר גלײַכן. ער ווייסט דאָך, מ״ר וואָרהאַפּטיק, מענער זענען דאָך נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט זיי! א מאַן, אַז ס׳ווײַב טוט אים א טובֿה און שטאַרבט אַוועק, וויל ער דאָך אָנהייבן פֿון ס׳נײַ! א פֿופֿציקיאָריקער וויל דאָך א דרײַסיקיאָריק ווײַבעלע! און זיי קריגן טאַקע אויך! אָט א שטייגער ער אַליין, מ״ר וואָרהאַפּטיק. זאָל ער נאָר ווילן, קען ער נישט קריגן א יונגע פֿרוי?

— ווער? איך? האָט דער אַלטער זי אָנגעקוקט מיט יענעם בליק,

ב. דעמבלין

וואָס עס האָבן שטענדיק עלטערע לײַט, וואָס פֿון איין זײַט טוט זיי שטאַרק הנאה, ווען מ'זאָגט זיי, אַז זיי זענען יונג און פֿון דער אַנדערער זײַט מאַכן זיי דעם אָנשטעל ווי זיי לייקענען דאָס אָפּ: — ווער? ער חתונה האָבן? נעוועד! (קיין מאָל!)

— מע ווייסט שוין! מ'האָט שוין אַזוינס געהערט! האָט די מר"ס גאָלדפֿאַרב אים אָפּגעמאַסטן מיט אַ זײַטיק קוקעלע: — אַלע מענער זאָגן: נעוועד! און האָבן חתונה נאָך פֿאַרן יאָר...

— נישט ער, האָט דער אַלטער איר פֿאַרזיכערט. עס איז אַן „אָלדמען", שוין אַכט און זיבעציק יאָר.

די מר"ס גאָלדפֿאַרב האָט געשמייכלט:

— אַ מאַן איז קיין מאָל נישט אַלט. זי האָט אָנגעקלאַפּט מיט אירע פֿינגער־קנעכלען אָן זײַן שטולווענטל: „נאָק־וווּד", ווער ווייסט גלייבן, אַז ער איז שוין אַכט און זיבעציק?

— טהענק יו, האָט דער אַלטער איר געדאַנקט פֿאַרן קאָמפּלימענט.

— ער האַלט נישט בײַ חתונה האָבן.

— וואָס דען וועט ער טאָן? אַ מאַן קען נישט זײַן אַליין.

— אָ, ער דענקט אַרײַנצונעמען אַ פֿרוי, „אַ האַוז־קיפּער, דאַטס־אָל". (אַ הויז־אויפֿפּאַסערין, דאָס אַלץ).

מר"ס גאָלדפֿאַרב האָט געשמייכלט. ווי איינער רעדט: מע ווייסט שוין, מע נעמט אַרײַן אַ „האַוז־קיפּער" און איידער מע דרייט זיך אויס ווערט פֿון איר אַ ווײַב. זי האָט פֿאַרלייגט די אָרעמס איבערן בוזעם, אַ הויכער, אַ פֿולער. „אַ האַוז־קיפּער"? האָט זי געטראַכט, דאָס וואָלט אפֿשר געווען אַ פּלאַן פֿאַר איר שוועסטער מאַניע. אַן אַלמנה שוין איבער צען יאָר און זי זיצט. דער אַלטער איז טאַקע אויף קנאַפּע פֿינף און צוואַנציק יאָר עלטער פֿון איר, ער מוז אָבער האָבן יענע פֿאַר טאָלער! נאָר ווען אַפֿילו נישט קיין ווײַב, וואָלט עס אויך גוט געווען פֿאַר מאַניען. ס'גאַנצע לעבן מאַטערט זי זיך. מילא, זי אַליין איז כאָטש געבליבן מיט אַ שטיקל „פּראַ־פּערטי" (אייגנטום). זי האָט איר היים און אַנשטאָט אָנקומען צו די קינדער, קומען די קינדער צו איר און זענען דאָ אַ וואָך, אַ מאָל צוויי, אַן אַ פּעני. מאַ־ניע אָבער גייט אַרבעטן. איין נאַכט איז זי אַ „בייבי־סיטער" (קינדער־היטע־רין), די צווייטע נאַכט באַדינט זי אַ קראַנקן, אָדער פֿירט אַרום אַ קריפּל אין אַ ווענגעלע־שטול. און צו דעם מוז זי זיך שלעפּן אין די סאָבווייס, ווי לאַנג קען זי אַזוי אָנציִען?

— „אַ האַוז־קיפּער"? האָט זי איבערגעחזרט, איר שוועסטער, מאַניע, וואָלט געווען פֿאַראינטערעסירט אין דעם.

דער אַלטער האָט זיך גלײַך אָנגעכאַפּט:

— זי וועט בײַ אים זיין די גאַנצע באַלעבאַסטע. ווער וועט זי דען קענען „באָסן״?

— ס'איז אָבער שלעכט וואָס ער וווינט אין ברוקלין און זי אין די בראָנקס און דאָס שלעפּן זיך אין די סאָבוויים פאַלט איר שווער.

— זי מוז נישט בלײַבן אין די בראָנקס, האָט דער אַלטער אומשולדיק געזאָגט.

— די מר"ס גאָלדפאַרב האָט געטאָן אַ שעלמישן שמייכל:

— אָ. מ"ר וואָרהאַפּטיק, בײַ אײַך גייט עס זייער גיך...

11

ווי נאָר די מאַניע איז געוואָרן זיין „האַוז־קיפּער״ האָט דער אַלטער וואָרהאַפּטיק אײַנגעזען אַז פירן זיך ווי פריִער וועט ער מער נישט קענען. ביי אַן אייגן ווייב, ווי מען איז נישט פאַרקוויפּט צו איר, איז מען דאָך באַלעבאָס איבער זיך. וויפל בעסי איז נישט באַשטאַנען דערויף, ער זאָל אהיימקומען פריִער, האָט זי עס קיין מאָל נישט געקענט בײַ אים פועלן. אַ פאַרמאַן, האָט ער איר געגעבן צו פאַרשטיין, איז נישט אַן אָפּערייטאָר, וואָס, ווי נאָר מ'שטעלט אָפּ די מאַשינען, כאַפּט ער ס'רעקל און ווערט אַ האָז. איצט אָבער זינט די מאַניע פירט אים ס'הויז, מוז ער זיין אין דער היים נישט שפּעטער פון זיבן. זי האָט מיט אים גערעדט „פליין־טאָק״ (קלאָרע דיבורים): זי וועט נישט „שטיין בײַ אים״, אויב ער וועט קומען שפּעטער. ער מוז געדענקען אַז זי איז נישט קיין ווײַב. זי דאַרף אים געבן אָפּצועסן, צורוימען און אהיימגיין. אײַלט ער איצט אהיים ווי אַ יונגערמאַנטשיק נאָך דער חתונה.

אין אָנהייב האָט די מאַניע אים „סערווירט״ ביים גרויסן טיש, אין „דיינינג־רום״ (עסצימער). איז אים דאָס עסן נישט באַקומען. ווער עסט דאָס אין אַמעריקע אין אַ „דײַנינג־רום״? אַז עס קומען געסט זונטיק צו „דינער״, סערווירט מען זיי אין „דײַנינג־רום״. חוץ דעם, אים באַקומט נישט ס'עסן ווען אַזאַ פרוי ווי די מאַניע, איידל און פײַן ווי דער פײַנסטער „וועלוועט״, זאָל זי אים באַדינען אין דער סאַליע ווי אַ הער און זי אַליין זאָל זיצן אין קיך ווי אַ דינסט. וויל ער אָבער נישט זײַן סײַן הער און נאָך מער וויל ער נישט די מאַניע זאָל זײַן אַ דינסט. אַ „האַוז־קיפּער״ איז נישט קײַן דינסטמויד!

געמיינט האָט ער, מ"ר איזי וואָרהאַפּטיק, אַז מיטן עסן בײַנאַנד, אין קיך בײַם טיש, וועט סײַ אים און סײַ איר, ווערן אַ ביסל פרײַער דאָס זײַן צוזאַמען אין שטוב. עפּעס זינט די מאַניע איז אָנגעקומען, איז אים

ב. דעמבלין

געוואָרן ענג אין הויז, פיר שטובן און ס'איז אים ענג! און זי, זעט אויס, פילט זיך אויך נישט אזוי פויגלדיק מיט אים. זי איז דאָ די גאַנצע באַ־לעבאָסטע און דאָך איז זי אַ פרעמדע! אַ שווארצע, וואָס קומט אַריַין צו רוימען ס'הויז, ווייסט אַז זי איז אַ דינסט. זי טוט אָפּ איר אַרבעט און גייט אַוועק. דו מוזסט נישט רעדן צו איר. אַ „האַוז־קיפּער" איז אָבער עפּעס אַנדערש, בפרט נאָך אַ פרוי ווי די מאַניע. זי היט דו זאָלסט האָבן אַ קלאָר העמד, אַ פּאָר ריינע שקאַרפּעטן, פרישע אונטערוועש. זי נעמט זיך צום האַרץ אַז דיר שמעקט נישט דאָס עסן. אַזאַ פרוי קען מען נישט לאָזן אַרומגייען אין שטוב און זיך נישט אומקוקן אויף איר. צו אַזאַ פרוי מוז מען רעדן אַ וואָרט. אָבער וואָס זאָל ער רעדן מיט איר? אַז איינן ווײַב דאַרף מען נישט זאָגן צי ס'עסן שמעקט דיר יאָ, צי נישט. איר אָבער מוז ער געדענקען צו זאָגן: „די סאַפּער איז וואָנדערפול" (די וועטשערע איז וווּנדערלעך). ער קען דאָך אָבער נישט איבערהזרן דעם אייגענעם שפּרוך יעדן אָוונט. די ערשטע עטלעכע טעג האָט מען גערעדט וועגן די קינדער, וועגן די אייניקלעך. אָבער איצט, אַז ער ווייסט שוין וויפל קינדער און אייניקלעך זי האָט און זי ווייסט שוין דאָס אייגענע וועגן אים, וואָס זשע נאָך האָט ער מיט איר צו רעדן? איז ווי שווער עס איז אים געווען דאָס זיצן איינער אַליין בײַם גרויסן טיש אין דער עסשטוב, איז אים איצט נאָך שווערער דאָס זיצן מיט איר אין קיך בײַם קליינעם קיכטישל.

— „וועריגוד סופּ" (זייער אַ גוטער זופּ), האָט ער איבערגעריסן די שווערע, דריקנדיקע שטילקייט און געוואָרפן צו איר זײַטיקלעך אַ בליק.

— טהענק יו, מ"ר וואָרהאַפטיק, האָט זי זיך גערייטלט און אים גע־שענקט אַ שמייכל.

— פּליז, מאַניאַ, נישט מ"ר וואָרהאַפטיק. „פּליין איזי" (פּראָסט פּשוט — איזי) רופט מיך בלויז איזי, ווי איך רוף אײַך מאַניע.

— באָט מ"ר וואָרהאַפטיק, איז די מאַניע געבליבן זיצן מיטן גאָפּל אין איין האַנט און דאָס מעסער אין דער אַנדערער. די פרוי, בטבע אַ שעמעוודיקע, אַ שטילע, האָט זי ווי פאַרלוירן דאָס לשון פון אַזאַ ניכער היימישקייט.

ער האָט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט, מ"ר וואָרהאַפטיק. געוויס לייקנט ער נישט, ער איז מיט קנאַפּע פינף און צוואַנציק יאָר עלטער פון איר. פונדעסטוועגן?

— מאַניע, האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס עסן און אָפּגערוקט דעם טעלער, איר זײַט שוין מיט מיר עטלעכע חדשים, דאַרפט איר שוין וויסן, אַז איך

בין „אַ פּליינער־מאַן" (אַ פּשוטער מענטש). ס'מינדסטע פּאָרטאָריקאַנער מיידל אין שאַפּ רופט מיך אזוי.

— יאָ, איך ווייס דאָס און דערפאַר „גלײַך" איך אײַך, האָט זי אַ זאָג געטאָן און זיך שטאַרק פאַרשעמט. געוואָלט האָט זי זאָגן: דערפאַר „גלײַך" איך פאַר אײַך צו אַרבעטן. נאָר אַז ס'איז אַרויסגעקומען אַזוי זאָל שוין אַזוי בלײַבן. זי איז אויפגעשטאַנען פון טיש, צוגעגאַנגען צום גאַזאויוון און זיך אײַנגעבויגן איבער דעם געעפנטן טירל. די קיך איז געוואָרן פול מיטן סיקעניש און ריח פון געפּרעגלטן פלייש.

דער אַלטער האָט נאָכגעוואַנדערט מיט די אויגן איר יעדן טראָט. די אײַנגעבויגנקייט פון אירע היפטן האָבן נאָך שטאַרקער געמאַכט דעם אומשולדיקן זאָג אירן: „דערפאַר גלײַך איך אײַך". עפּעס איז אים געוואָרן ענג און אַ היץ האָט באַשלאָגן זײַן געזיכט. ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך אַפילו נישט געשטעלט בעסין קיין מצבה.

12

נאָך מאַניעס אַהיימגיין איז דער אַלטער נאָך לאַנג נישט געגאַנגען שלאָפן. דער זאָג אירער „דערפאַר גלײַך איך אײַך" האָט זיך אים כסדר געבאָמבלט אין קאָפּ. נאָך דעם זאָג האָט דער געדאַנק פון נאָך אַ מאָל חתונה האָבן האָט אים נישט אויסגעזען אַזוי קרום. פאַר וואָס זאָל ער נישט חתונה האָבן? ער איז נאָך ב"ה בײַ די כוחות און זוכן ווײַט דאַרף ער אויך נישט. די מאַניע זעט אויס צו זײַן אַ גאַנץ פײַנע פּרויקע. זי איז טאַקע אויף קנאַפּע פינף און צוואַנציק יאָר יינגער פון אים. „סאָ וואַט"? (איז וואָס?) וואָס דען? ער וועט זיך אַרײַננעמען אין הויז אַן אַלטע יידענע? זי זאָל אים אָנהוסטן אַ קאָפּ? און אפשר נאָך דאַרפן זי באַדינען. שלעכט איז נאָר וואָס די ווײַבער, אַז זיי גייען חתונה האָבן צום צווייטן מאָל, זוכן זיי „באַרגענס", מציאות. זיי מיינען נישט ווידער צו האָבן אַ היים, אַ פרײַנד אין לעבן. זיי זענען נאָר אויסן אַרײַנ־צוקריגן אַ העכט מיט אַ גרויסער פּאָליסי, מיט אַ פעט באַנק־ביכל. אפשר איז די מאַניע איינע פון יענע ווײַבער? אפשר איז צו איר דערגאַנגען, אַז ער האָט אַן אויסגעצאָלטע פּאָליסי אויף צוואַנציק טויזנט טאָלער, אַז ער האָט זעקס באַנק־ביכלעך צו צען טויזנט טאָלער יעדערס, און דערפאַר האָט זי דאָס פּלוצעם אים אָנגעהויבן צו גלײַכן? אמת, ער אַליין וויל אויך נישט קיין „באַרגענס". ער ווייסט, אַז אַן עלטערער מאַן האָט נאָך אַ מאָל חתונה מיט אַ יינגערער פרוי, דאַרף ער געדענקען זי צו באַזאָרגן

ב. דעמבלין

און דאָס וועט ער גערן טאָן. אָבער חתונה האָבן מיט אַ ווײַבל וואָס איז בלויז אויסן זײַנע באַנקביכלעך? „נעוועה!"

דער אַלטער איז אַרײַן אין שלאָפשטוב און זיך געגומען אויסטאָן. ער איז געזעסן אויפן ברעג פון בעט, זיך געשיבערט, אַראָפּגעצויגן אַ הויז, געוואָלט נעמען אַראָפּציִען די אַנדערע און געבליבן פאַרטראַכט. אים איז געקומען אויפן זינען די מעשה אין חומש, ווען אליעזר איז געגאַנגען זוכן אַ ווײַב פאַר זײַן יונגן האַר יצחק. אַז ער האָט געזען מיידלעך פאַר נאַכט אָנטרינקען זייער סטאַדע בײַ אַ ברונעם, האָט ער אָפּגעפּאַסט בײַ זיך צוצוגיין בעטן אַ טרונק, און די פון זיי, וואָס וועט אים געבן צו טרינקען און וועט אים זאָגן „אויך פאַר דײַנע קעמלען וועל איך אָנשעפּן". די מוז זײַן די באַשערטע. וועט ער אויך אַזוי טאָן. ער וועט פרעגן מאַניען צי זי וויל שטעלן מיט אים אַ חופּה. וועט זי זאָגן יאָ און נישט דערמאָנען קיין פּאָליסי, קיין פאַרזאָרגן זי, איז אַ סימן אַז זי איז זײַן באַשערטע. טאָמער הייבט זי אָן פרעגן וועגן געלט, וועגן באַנקביכלעך, האָט ער גלײַך אָפּ דעם שמועס און אויס! נישט חלילה, ווײַל ער היט אַזוי די באַנקביכלעך אָדער ווייל ס'גייט אים אַזוי אין לעבן צו לאָזן די קינדער ירושה. נישט די זין און נישט בעטי דאַרפן זײַן געלט. סעם און פרעד זענען זיכער „ווערט" איבער אַ מיליאָן טאָלער, חוץ זייערע הײַזער אין פלאָשינג. דייוו איז אויך נישט קיין אָרעמאַן. בעטי איז אַ „בײַער" אין אַ גרויס דרעסהויז. זי קריגט פופצן טויזנט אַ יאָר, חוץ אַ באָנוסל אויף קריסטמעס. אַז זי איז נישט ווערט צוויי הונדערט טויזנט איז זי נישט ווערט אַ סענט. דערצו איז זי דאָך אַן אַלמנה. זי וועט נישט חתונה האָבן, סיידן דער מאַן וועט איר אַרײַנברענגען כאָטש אַזוי פיל ווי זי פאַר־מאָגט. בלײַבט איין רייטשל. זי איז אויך נישט אַזוי אָרעם. זי איז אָבער איצט אין אַ קלעם. די באַנגאַלאָו־ביזנעס איז אַ לעבערדיקער זאַך. נאָר מ'דאַרף אין דעם אַרײַנלייגן! זי האָט לעצטן סיזאָן אויפגעבויט אַ „סווימינג־פּול", האָט עס אַרײַנגעטריבן אין צוואַנציק טויזנט טאָלער. צוליב דעם האָט זי געמוזט נעמען אַ דריטן מאָרגעדזש בײַ די שאַרקס און זיי צאָלן צען פּראָצענט, חוץ אַ באָנוסל פון טויזנט טאָלער, וואָס זיי האָבן גלײַך אַראָפּגענומען. רעכנט ער אויסצולייזן דעם מאָרגעדזש און בײַ איר נעמען בלויז דרײַ מיט אַ פערטל פּראָצענט, וואָס די בענק צאָלן אים. אלא זי קען אַ מאָל נישט צאָלן נישט דעם פּראָצענט און נישט דעם קערן? איז פאַרפאַלן! פאַרן „ונתנה תוקף" וועט ער זי נישט קלאָגן. ווען אַפילו דאָס זאָל פּאַסירן, בלײַבט אים נאָך אַלץ גענוג צו קענען באַזאָרגן אַ פרוי אויף איבער הונדערט יאָר.

אויף מאָרגן אַוונט, בײַם עסן, האָט ער זײַטיקלעך געגומען פאָרשן די

מאַניען. ער האָט אָפּגעשניטן מיטן מעסער אַ שטיקל סמייק, עס צוגעטראָגן מיטן גאָפּל צום מויל, אָבער די אויגן זײַנע זענען נישט געווען אין טעלער. ער האָט געמיינט די מאַניע באַמערקט נישט ווי ער פֿאָלגט נאָך איר יעדן קער און ריר. פּרוּוען אָבער פֿילן שוין גאָר ווען מענערשע אויגן קוקן אויף זיי. זי האָט אינסטינקטיוו אַ ציִ אַרויף געטאָן די בלוזקע איבער דעם אפשר צו טיף אויסדעקאָלירטן האַלדז און אויפֿגעהויבן דעם בליק צו אים — מ״ר וואָרהאַפּטיק.

ער האָט איר גלײַך איבערגעשלאָגן:

— מאַניע, מיר האָבן שוין אָפּגערעדט, נישט מ״ר וואָרהאַפּטיק נאָר „פֿליין״ איזי.

— „עסקיוז מי״ (אַנטשולדיקט מיר), זאָל זיין מ״ר איזי. אָבער וואָס נעמט איר מיך אַזוי דורך מיט אייערע אויגן? איך עס אפשר צו פֿיל?

דער אַלטער, מיטן ביסן אין מויל, האָט זיך שטאַרק צעלאַכט:

— וועמען ליגט אין זין עסן?

— וואָס דען ליגט אײַך אין זינען? האָט זי אים געפֿרעגט און זיך שטאַרק פֿאַררייטלט וואָס אַ מאַן קען אַלץ ליגן אין זין...

— איך האָב אײַך געוואָלט זאָגן...

— נו, זאָגט, האָט זי נעקוקט אויף אים וואָס ער איז שטיל געוואָרן און דערווײַל, זייער קאָקעטיש צוגעטראָגן צו די רויט געפֿאַרבטע ליפּן דעם גאָפּל מיט אַ ברוין שטיקעלע סטייק.

— כ׳האָב אײַך געוואָלט זאָגן אַז, אַז איר ליגט מיר אין זינען, האָט דער אַלטער ענדלעך אַ זאָג געטאָן און דערבײַ זיך געפּילט זייער נאַריש. און כּדי צו פֿאַרדעקן דאָס נאַרישע פֿילן זיך, האָט ער גענומען לאַכן מיט אַ זייער נאַריש געלעכטערל.

— אַזוי גאָר? האָט זיך די מאַניע געחנדלט און דערבײַ גענומען מער אַרויפֿציִען דעם ברעג פֿון דער רונדאויסגעשניטענער בלוזקע, — איר האָט שוין נישט פֿון וועמען צו לאַכן?

דער אַלטער האָט אָוועקגעלייגט אויפֿן טעלער דאָס מעסער מיטן גאָפּל און אָפּגערוקט דעם טעלער, אַ פֿולער נאָך מיט אַן אויסגעברוינט שטיק סטייק, מיט רויטן „קעטשאָפּ״, מיט צעשניטענע מייערלעך און גרינע אַרבעס:

— ניין, ניין, האָט ער ערנסט געשאָקלט דעם קאָפּ אין דער ברייט, — איך לאַך נישט. זינט איר האָט מיר געזאָגט איר גלײַכט מיך...

אַ פֿאַררייטלטע, האָט מאַניע אים גיך איבערגעשלאָגן:

— איך האָב גאָר געמיינט צו זאָגן אַז איך גלײַך בײַ אײַך צו אַרבעטן.

ב. דעמבלין

— ע, ע, ע, מאכט איר דאָך אַלץ קאַליע! האָט דער אַלטער איר גוטמוטיק געטאָן אַ פּעטשל איבער דער האַנט.

— איזי, האָט זי חנדלדיק אים געשאָנקען אַ פֿאַרשעמט קוקעלע:

— איר'ט מיר אפשר באַלד זאָגן איר זענט פֿאַרליבט אין מיר?

— „דזשאָוקס (געלעכטערן) אין אַ זייַט", איז דער אַלטער געוואָרן ערנסט. איך טראַכט אײַך צו זאָגן, צו וואָס זאָלט איר פֿאָרן יעדן טאָג הין און צוריק פֿון ברוקלין אין די בראָנקס? סײַ ווי זענט איר שוין מײַן באַלעבאָסטע, טאָ לאָמיר שטעלן אַ חופּה, ס'וועט זײַן געזונטער פֿאַר אײַך און בעסער פֿאַר מיר.

— איר'ט דאָך אָבער געזאָגט איר וועט מער נישט חתונה האָבן, האָט זיך איר פֿאַרגלוסט מיט אים אַ רייץ צו טאָן. — זעט איר שוין וואָס מענער זענען?

— מאַניע, האָט דער אַלטער זיך צוגעריקט מיטן בענקל נענטער צו איר! — כ'האָב אײַך שוין געזאָגט: „דזשאָוקס" אין אַ זייַט. איך מיין דאָס ערנסט. וואָס זאָגט איר?

— שוין? אויף דער מינוט, ווילט איר אַן ענטפֿער? האָט זי זייער צופֿרידן געשמייכלט און זיך געטאָן אַ טאַפּ די האָר, צי דער „סעטינג", אַ „באָיש-באָרב", פֿיר וואָכן אַלט, האַלט נאָך. — אַזוי גיך, ווילט איר אַן ענטפֿער? ביי אײַך, מענער, ברענט גלײַך אָן!

— ווער זאָגט דען ס'ברענט, האָט דער אַלטער געהויבן די אַקסלען,

— איך מיין, וואָס עס דאַרף זײַן שפּעטער, קען דאָך זיין פֿריִער.

— און וואָס וועלן זאָגן אײַערע קינדער?

— מײַנע קינדער? האָט דער אַלטער זי פֿרעגעריש אָנגעקוקט.

— וואָס האָב איך צו פֿרעגן מײַנע קינדער? זיי פֿרעגן עפּעס בײַ מיר?

— מיינע קינדער בײַ מיר, פֿרעגן טאַקע אויך נישט, האָט זי אים צו־געגעבן — דאָך פּירט זיך אַז מ'פֿרעגט בײַ קינדער.

— נישט איך! האָט דער אַלטער זיך אָפּגעשאָקלט. דערווײַל דאַרף איך נאָך צו מײַנע קינדער נישט אָנקומען, קענען זיי מיר נישט זאָגן וואָס איך זאָל טאָן.

די פֿרוי איז אַ רגע געזעסן שטיל, פֿאַרטראַכט. דאָס פֿרווון מיט אַ געלעכטערל אַראָפּפֿירן דעם אַלטן פֿון דעם שמועס, איז דאָך איינגטלעך געווען בײַ איר נישט מער ווי אַ פֿאַרווייכערן דעם „שאָק", וואָס זי האָט געקראָגן פֿון זיין פּלוצעמדיקן אַרויספֿאָר וועגן שטעלן מיט אים אַ חופּה, כאָטש דער געדאַנק איז איר שוין גאַרנישט געווען פֿרעמד. ווי לאַנג איז דער שיער צו וואַשן פֿון יענעם? צו זײַן אַ דינסט אין פֿרעמדע הײַזער? מיט וואַסערע „פּענסי" נעמען זי זאָל נישט אָנרופֿן די אַרבעטן וואָס זי

טוט, איז עס דאָך אַלץ יענעם באַדינען. אַפילו דאָ? זי איז דאַכט זיך די גאַנצע באַלעבאָסטע און דאָך איז עס נישט איר הויז, נישט איר היים. אוודאי וואָלט גלײַכער געווען מיט אַ יינגערן מענטש, ווילן דאָך אָבער מענער יינגערע פרויען. אַ מאַן אין איר עלטער, ווײַל דאָך אַ ווײַבעלע אין די דרײַסיקער. און פרעגן די קינדער? ער איז טאַקע גערעכט, מ״ר וואָרהאַפּטיק. אַ סך גייט זי אָן די קינדער? זאָל זי זיי נישט רופן אויפן טעלעפאָן, זיך נישט אַריבערכאַפּן צו זיי, ווען זיי דאַרפן זי אויף אַ „בייבי־סיטינג״, וואָלטן זיי נישט געדענקט אַז זיי האָבן אַ מאַמע.

זי איז אויפגעשטאַנען, גענומען אַראָפּרוימען פון טיש, וואַשן ס׳געפעס. דער אַלטער איז נאָך אַלץ געזעסן בײַם טיש און זי נאָכגעפאָלגט מיט די בליקן. אים איז איינגעפאַלן צו נעמען דעם האַנטעך און זיך שטעלן לעבן איר ווישן די „דישעס״, ווי אַ סך מענער טוען. ער איז אָבער געבליבן זיצן בײַם טיש. דאָס וועט נישט טויגן. דערווײַל איז ער נאָך נישט איר מאַן. עפעס האָט איר שווײַגן אים גאָר אַראָפּגעפּלאַטשט. ער׳ט אפשר נישט געדאַרפט נאָך איר אָנשלאָגן. ער בײַ זיך ווייסט טאַקע, אַז ער איז נאָך אַ דאַנק גאָט בײַ די כּוחות. בײַ איר אָבער איז ער פאַרט אַ מאַן פון אַכט און זיבעציק. פאַר וואָס זאָל זי אים וועלן? אַ שיינע פרוי ווי זי, ערשט פינף און פופציק, קען זי דאָך קריגן אַ יינגערן מאַן פון אים. איז אפשר איר זאָגן? זי ווייסט דאָך נישט.

— מאַניע, האָט ער גענומען רעדן שטיל, ווי גאָרנישט צו איר, נאָר צו די ברויטקרישקעס, וואָס ער האָט אַזוי נערוועז געשאַרט פון זיך. — מאַניע, איר זענט שוין מיט מיר שיינע עטלעכע חדשים. איר האָט שוין צײַט געהאַט צו זען אַז קיין קראַנקער בין איך נישט, נישט איך הוסט און נישט איך קרעכץ. איר זעט מיך אַלע טאָג גיין אין שאַפּ. פאַרשטייט איר דאָך אַז אַ באָס געטרויט אַ פאָרמאַן אָנצופירן מיט „אַ פּלענט״ פון אַכציק מאַשינען און צען פרעסערס, איז דער מאַן נישט אַלט און נישט קראַנק. ער איז שטיל געבליבן, זיך פאַרקלערט: זאָל ער איר אויך זאָגן, אַז ער איז נישט קיין אָרעמאַן? אַז חוץ דער פּאָליסי, אָן אויסגעצאָלטע, אויף צוואַנציק טויזנט טאָלער, אַז חוץ די באַנקביכלעך אויף זעכציק טויזנט טאָלער, ברענגט ער נאָך יעדער וואָך אַהיים „פּיידע״ נישט וועלכע צוואַנציק־דרײַסיק שמאָליאַרעס, ווי אַלטע לײַט ברענגען, נאָר, נאָך אַלע אַראָפּנעמענישן, בלײַבט אים נאָך אַלץ אין „ענוועלאָפּ״ איבער הונדערט מיט פופציק טאָלער יעדער וואָך אין יאָר. אָבער ניין, דאָס וועט ער איר נישט זאָגן. די באַנקביכלעך זאָלן זײַן דער אָנצי? „נעוועך״!

— מאַניע, האָט ער זי אַ מינטער געטאָן, — וועל, וואָס זאָגט איר?

— שוין אײַך זאָגן? ס׳ברענט נאָך נישט!

13

וואָס בעסי האָט נישט געקענט פועלן אין יאָרן האָט די מאַניע בײַ אים אויסגעפירט אין געציילטע חדשים. נישט לאַנג נאָכן שטעלן מיט איר הופּה, ווי נאָר זי האָט אויסגעפונען אַז ער איז נישט קיין אָרעמאַן, איז זי שוין צוגעשטאַנען ער זאָל אויפגעבן דעם דזשאָב און „ריטײַערן".

ס'איז געווען זונטיק, אין מיטן מײַ. ער איז געזעסן מיט איר אין פּראָספּעקט־פּאַרק, ווי אַ מאָל, לאַנג־לאַנג צוריק, מיט בעסין. די זון האָט געוואַרעמט. דער הימל איז געווען בלוי. פֿייגל האָבן אַרומגעהאַוועט, געצוויטשערט צווישן די צעבליטע צווײַגן פֿון די ביימער. ס'פֿריש גע־שניטענע גראָז אויף די לאָנקעס האָט געשמעקט. מאַניע, אין אַ געבלימלט קליידל, מיט אַ רויט שטרויהיטעלע אויפֿן קאָפּ, האָט געהאַלטן אַ פּאַפּירן טאָרבעלע מיט צעבראָקטע שטיקלעך ברויט, חלה, פּאַרלענגנע אַרבעסלעך. זי האָט אַלע מאָל אַ וואָרף געטאָן אַ הויפֿן קרישקעס אויף דעם קלאָר זאַמדיקן שטעגל. טויבן און פֿייגל האָבן זיך געקליבן אַלץ מער און מער אַרום זייערע פֿיס, זי האָט געוואָרפֿן די קרישקעס און איינגעטענהט מיט אים:

— איזי, נישט אַלץ איז געלט. ס'געזונט איז אויך עפּעס ווערט. אַ מענטש לעבט נישט בלויז צו אַרבעטן. מ'דאַרף האָבן אַ ביסל „פּלעזשער" אויך.

דער אַלטער האָט זיך אײַנגעהערט, געזשמורעט די אויגן צו דער זון. איר צושטיין ער זאָל „ריטײַערן" האָט אים גראָד געשמייכלט. ער איז הייסט עס געערעכט געווען. מאַניע האָט נישט מיט אים חתונה געהאַט צוליב געלט. אַ חידוש איז אים אָבער יאָ געווען איר צושטיין. אַפּילו אַן ערשט ווייב, ווי לאַנג דער מאַן גייט נאָך אַרום, זעט זי נישט גערן ער זאָל „ריטײַערן", בפֿרט נאָך אויפגעבן אַ דזשאָב וואָס ברענגט אַרײַן איבער הונדערט מיט פּופּציק טאָלער יעדער וואָך. און וואָס נאָך מער חידוש, די מאַניע ווייסט רעכט נישט וואָס ער פֿאַרמאָגט. פֿון דער אויס־געצאָלטער פּאָליסי האָט ער איר גאָרנישט געדאַכט. דערציילט האָט ער איר בלויז וועגן פֿיר באַנקביכלעך צו צען טויזנט טאָלער יעדערס, וועגן די אַנדערע צוואָנציק טויזנט טאָלער האָט ער אויך געמאַכט אַ שווײַג. צו וואָס דאַרף אַ צווייט ווײַב וויסן, אַז ער האָט מיט דעם געלט אויסגעקויפֿט בײַ די שאַרקס רייטשלס דריטן מאָרגעדזש? שוין גאָרנישט געשמייכלט אָבער האָט אים איר דערמאָנען „פּלעזשער". וואָסער „פּלעזשער" מיינט זי? טראַכט זי אפֿשר זיך שוין צו נעמען צום געלט אין די בענק?

— אַן „פּידע", פֿון וואָס זשע וועט מען לעבן? האָט ער שמייכלענדיק גערעדט ווי נישט צו איר, נאָר אַרויף צו דער זון.

אין די שפּעטע יאָרן

מאַניע האָט אויסגעשאָקלט די לעצטע קרישקעלעך פון דער טאָרבע, אָפּגעשאַרט דאָס מעל פון די הענט, פון קלייד און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אים:

— זעסט, איזי, האָט זי גוטמוטיק צו אים געשמייכלט, — איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט מיינס קיין פינף הונדערט דאָלער. פונדעסטוועגן האָב איך נישט מורא געהאַט פאַרן מאָרגן. אַז אַ מענטש איז געזונט, פאַרדינט ער אויף אַ לעבן און ווי לאַנג לעבט דען אין גאַנצן דער מענטש? לויט איר, דאַרף ער אויפגעבן דעם דזשאַב און קודם מאַכן אַ רייזע, אַ „טריפּ" קיין קאַליפאָרניע, עלעהיי אַ „האַנימון". זינט זי איז אין אַמעריקע איז זי אויסער אין ניו־יאָרק און טייל מאָל אין די קעטסקילס, ביי דער שוועסטער, אין ערגעץ נישט געווען. וואָלט זי נאָך, אין איר לעבן, געוואָלט זען קאַליפאָרניע. מענטשן זאָגן — אויף אַזאַ „טריפּ" זעט מען אויסטערליש שיינע געגנטן.

אין אַלטן איז אָנגעשטאַנען אַ ויתרוצו. פון איין זייט האָט אים געשראָקן: טאָמער האָט ער דאָך געמאַכט אַ טעות? אפשר איז די מאַניע יאָ איינע פון יענע ווייבער? פּריִער, פאַר דער חתונה, קענען זיי קיין צוויי נישט ציילן. אָבער, ווי נאָר זיי האָבן חתונה, הייבן זיי אויף די קעפּ און שטעקן אויס די לאַפּקעלעך זייערע מיט די רויט געפאַרבטע נעגל נאָכן מאַנס אָפּשפּאָרונגען. זיי ווילן באַדיינט נישט האָבן די „פּיידע" אַבי צו קענען מיטן מאַנס אָנגעהאָרעוועט געלט האָבן „פּלעזשער", מאַכן „טריפּס" זיך צו „ענדזשויען" (פאַרווײלן).

פון דער צווייטער זייט האָבן אירע רייד אין אים אויפגעטייעט אַ לאַנג פאַרשטיקטן באַגער. פאַר וואָס טאַקע נישט? ווי לאַנג נאָך וועט ער לעבן? ער שעמט זיך איר אויסצוזאָגן. אָבער ער ווייסט דאָך, אַז ער איז אויך קיין מאָל, אויסער אין די קעטסקילס אַ מאָל, אין ערגעץ נישט געווען. ערשטנס, האָט עס בעסי קיין מאָל נישט געמאָנט, צווייטנס, איז ער ס'גאַנצע לעבן פאַרקאָפּעט אין די שעפּער. עפּעס אַ קלייניקייט? ער איז דאָך אַ גליקלעכער מענטש, אַ „סטעדי־דזשאָב"! (שטענדיקן פּאָסטן) „סטעדי" ליגן באַגראָבן אין די שעפּער! איז פאַר וואָס טאַקע נישט איצט? קיין „יוראָפּ" וועט ער זיך נישט אונטערשטעלן צו פאָרן. וואָס איז ער? אַ יונגערמאַנטשיק? זיך אַראָפּלאָזן קיין „פּעריז" אַ לעב טאָן? אוודאי, ווען די דייטשן, אויסגעדעווערט זאָלן זיי ווערן, וואָלטן ניט אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן, וואָלט ער געפאָרן קיין פּוילן. אַז גאָט האָט אים יאָ געהאָלפן צו דערלעבן און נאָך צו האָבן דעם טאָלער אין קעשענע, וואָלט ער עפּעס געטאָן פאַר דער אַלטער היים. אמת, קיין גוטס געדענקט ער נישט פון שטעטל. אָבער ער וואָלט זיך מיט דעם נישט גערעכנט.

ב. דעמבלין

כ׳ווייס, אַ יתום, האָט יעדער זיך מיט אים געשפּאַט, געטאָן אים אַ שטופּ, אַ שטויס. ס׳איז טאַקע אַן עבֿירה אָנצורירן אַ יתום. אָבער ווער האָט מורא פֿאַר עבֿירות? איז גיי פֿאַר, אַז די דײַטשן האָבן פֿאַרברענט די ייִדן און געמאַכט אַ באַרג אַש פֿון שטעטל. ער האָט געטאָן אַ זיפֿץ און זיך צוגעטוליעט צום ווײַב, ווי ער וואָלט מיט דעם טוליען זיך געוואָלט אַנטרינען פֿון דעם סוף:

— אַ „טריפּ" קיין קאַליפֿאָרניע? האָט ער זיך ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ פֿאַרטראַכטקייט, ווי קען ער איצט וועגן דעם רעדן? ער קען נישט גלײַך „ריטײַערן". ער מוז „קאָנסידערן" דעם באָס. זי פֿאַרשטייט דאָך, ער איז נישט דאָרטן עפּעס אַ פּאַרטאַריקאַנערין, וואָס איז בלויז אַ „הינטן מיט אַ פּאָר הענט". אַז זי גייט אַוועק אַפֿילו אין מיטן סיזאָן, איז אויך „גאַטין"! איידער מ׳דרייט זיך אום איז איר בענקל שוין פֿאַרנומען מיט אַן אַנדער הינטן. ער אָבער מוז אויסשטיין דעם סיזאָן. ערשטנס, נאָך עטלעכע טויזנט טאָלער „פּיידע", צווייטנס, דורך דער צייט וועט דער באָס קענען אײַנברעכן אַ צווייטן מאַן „אויפֿן־פֿלאָר". דער עיקר אָבער, וואָס וועט ער טאָן נאָכן „ריטײַערן"? אַן עלטערער מענטש, האָט ער גענומען איר האַנט אין זײַנער, איז גענליכן צו אַ פֿערד. אַז עס גייט אין שפּאַן, גייט עס. טאָמער אָבער נעמט מען דערפֿון אַראָפּ דעם כאָמעט, ציט עס אויס די קאָפּעטעס!

— „צ׳אָלרײַט", האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וואָס איז „אָלרײַט"? האָט ער איר איבערגעריסן די רייד מיט אַ געלעכטערל. — ווילסט שוין איך זאָל אויסציִען די קאָפּעטעס?

— אָ, איזי! האָט זי זיך געטאָן אַ שאָקל אָפּ און ארויסגענומען איר האַנט פֿון זײַנער. — נאָר דו מאַכסט „פֿאָן" (געלעכטער), איך מיין „צ׳אָלרײַט", וועסט שוין געפֿונען וואָס צו טאָן. וואָס טוען אַנדערע „ריטײַערטע"?

— זיי גייען פֿאָרן ווײַב צום בוטשער, צום גראָסער, שפּילן קאָרטן אָדער דרימלען אין שול.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט ליבשאַפֿט אין די אויגן. דורך די פֿאָר חדשים וואָס זי לעבט מיט אים זענען אַלע אירע מוראס אויסגערונען. אַ מאַן, אַפֿילו אין אירע יאָרן, וואָלט איר נישט געווען אַזאַ מאַן ווי ער. ערשט דאָס גוטס וואָס זי האָט בײַ אים? אַלץ איז דאָך אָפֿן פֿאַר איר, גאָרנישט איז פֿאַר איר צו טײַער בײַ אים:

— נאָט יו, איזי" (נישט דו איזי!) דו ביזט צו יונג פֿאַר אַזעלכע טועבצער.

— נאָו יו אַר טאָקינג"! (אַזוי רעד!) האָט ער זי אַרומגענומען און

צוגעדריקט זי צו זיך. — איזי וואָרהאַפּטיק איז נישט קיין לײדיקגײער. „געווער־וואָז! (קיין מאָל געוועזן!) אַז איך וועל „ריטײַערן” ווער איך צוריק אַ פּאַרמער.

— אַ פּאַרמער ? האָט דאָס ווײַב אָנגעשטעלט אויף אים אירע פאַר־חידושטע אויגן.

— „ווהײַ נאָט”? (פאַר וואָס נישט?) — האָט ער צו איר געשמייכלט מיט יענער צופרידנקײַט וואָס עס האָבן שטענדיק מענטשן וואָס זענען זיכער אין זיך, וואָס צווייפלען קיין מאָל נישט אין זייערע כּוחות. — וואָס וווּנדערסטו זיך ? איך בין שוין אין אַמעריקע געווען אַ פּאַרמער אויך ! געדענקסט די „הוּווער־דעפּרעשאָן” ? איך האָב נישט געוואָלט האַנדלען מיט עפּל. אַז דער מאַרקעט פון קלאָוקס און דרעסעס איז געלעגן אין דער ערד, בין איך אַוועק אין די קעטסקילס און זיך געקויפט אַ פאַרם. „מיינד־יו” (מאָל זיך) נישט אַ פאַרם פון באָרדערס, נאָר אַ רעגעלע פאַרם מיט פערציק קי, מיט פּאַשעפעלדער, מיט מאַשינערי צו שנײַדן הײַ.

— פערציק קי ? האָט מאַניע געהויבן די אַקסלען. — ווער האָט „גענומען קער” (אויפגעפּאַסט) אויף זיי?

— זעסט די הענט ? האָט דער אַלטער אויסגעשטרעקט זײַנע נאַקעטע אָרעמס, אַנטבלויזטע אין זיין קורץ־אַרבלדיק, זומערדיק העמדל. — די הענט האָבן אַלץ באַאַרבעט !

— דענקסטו אויך איצט צו קויפן אַ פאַרם מיט קי ? האָט זי געפרעגט דערשראָקן, טאָמער וויל ער גאָר פון איר מאַכן אַ פאַרמערקע.

— „דאָנט בי איי טשײַלד” ! (זיי נישט קיי קינד !) האָט ער איר אַ באַרויִקנדיקן גלעט געטאָן די האַנט. — וואָס דאַרף ער אַ פאַרם מיט קי ? ער רעכנט צו קויפן אַ קליין הויז מיט אַ צוויי דרײַ אַקערלאַנד צו קענען אויפשטעלן אַ שטעלכל פאַר אַ קו, אַ „קוב” פאַר אַ פּופציק הינער, נישט פאַר ביזנעס, בלויז צו האָבן צו וואָס אויפצושטיין אין דער פרי, צו האָבן וואָס צו טאָן בײַ טאָג, אַז נישט וועט ער דאָך משוגע ווערן פון ליידיק גיין און אפשר אויך אײַנגיין ווי אַ געפּלאַצטער פּענכער.

— זייער שיין, האָט מאַניע שמייכלדיק געוויגט דעם קאָפּ אין דער ברייט, — זייער שיין אַלץ „אויסגעפיגערט” (אויסגערעכנט) און וואָס איז מיטן „טריפ” ?

— וועלכן „טריפּ” ?

— קיין קאַליפאָרניע.

— אָ, דעם „טריפּ” ? שור, שור, האָט ער זי ווידער אַרומגענומען.

— צום ערשט וועט מען מאַכן דעם „טריפּ”, דערנאָך וועט מען זיך „סעטלען” (באַזעצן) אויף אַ פאַרם.

14

ביי רייטשלען אויפן פעלד זענען מ״ר און מר״ס ווארהאפטיק געווע ס׳יינגסטע פארפאלק, נאך אפילו קיין יאר נישט נאך דער חתונה. די אנדערע באנגאלא־שכנים, צוויי און דרייסיק יונגע פארפעלקער מיט קליינע קינדער, האבן זיי אריינגענומען אין זייערע אונטערהאלטונגען און אזוי גוטמוטיק געטריבן שפאס:

— די ווארהאפטיקס זענען דאך יינגער פון אונדז, האבן נאך אפילו נישט די ערשטע בייבי...

מר״ס ווארהאפטיק האט אונטערגעהאלטן דעם שפאס:

— כ׳ווייס? ס׳זענען שוין אריבער ניין חדשים! כ׳דארף אפשר גיין מיט מיין מאן צו א דאקטאר.

מ״ר ווארהאפטיק האט זיך געפילט אויפגעהייטערט פון דעם קיבעצן אים. ער האט נישט באהאלטן זיינע יארן. פארקערט, ער האט זיך געגרויסט מיט זיין עלטער, ווי שטענדיק מענטשן, וואס עס ארט זיי נישט מיט וואס זיי נעמען אוים, אבי זיי נעמען אוים, און מ״ר ווארהאפטיק האט געפילט, אז ער האט מיט וואס אויסצונעמען, מיט וואס זיך צו גרייסן איבער דעם יונגוואַרג, וואס כאטש זיי זענען ערשט אין די דריי־סיקער, אין די פריע פערציקער, האבן זיי שוין גאנצע אדער אנהייבן פון פליכעס. און געלעכערטע ציין האבן זיי אלע און די מערסטע פון זיי טראגן שפאקולן ווי אלטע לייט, בעת ער, נאנט צו די אכציק, האט ער א קאפ געדיכטע האר, קוים וואס גרוי, האט אלע ציין און „לעזט דעם פייפער״ אן אויגנגלעזער. אפילו זיין מאניע האט זיך נישט וואס צו שעמען פאר די יונגע ווייבלעך. ווען מ׳פרעגט אים, פארשטעקט זי זיי אלע אין גארטל. די מערסטע פון די יונגע ווייבלעך זענען אויסגעטריקנ־טע פגירות און היטן זיך נאך אלץ נישט צו געווינען אן אונץ. מאניע אבער, „נאק־ווּוּד״, האט א פיגור, מיט א שיינער „וויַיסט־ליין״ און פולע בריסט. אפילו מיטן שווימען דארף זיך דאס יונגוואַרג נישט איבערנעמען קעגן זיי. יענע שפרינגען טאקע פון ברעט מיט א גרויסן פליעסק אין „סווימינג־פול״ אריין, אבער ער און זיין מאניע, כאטש זיי ליגן נישט קיין קלאפטער, נאר שווימען היימישלעך, ווי זשאבעס, מאכן זיי נאך א גאנץ פיינעם נורעק אונטערן וואסער אין איין זייט פון „פול״ און קומען ארויס אין דער צווייטער זייט.

פאר נאכט, נאך „סאפער״ גייט ער מיט זיין מאניען „פאר עי וואוק״, (אויף א שפאציר) ווי די יונגע פארלעך, האלטן זיך ביי די הענט ווי יונגע פארליבטע. און שבת צו נאכטס, אין „סאשל־האל״, קומען זיי אויסגע־פוצטע: מאניע, אין א שיין געבלומט קלייד, א שיינעם „נעק־לייס״ פון

אין די שפּעטע יאָרן

„קאָלטשורד־פּערל" אויפֿן האַלדז און ער קומט, ווי די יונגע לײַט, אָן א רעקל, אין א העמדל מיט אן אָפּענעם, ברייט אויסגעלייגטן קאָלנער און טאַנצן טאַנצט ער מיט זײַן מאַניען נישט ערגער פֿון די אַנדערע פּאַרפֿאָלקן.

די טאָכטער, רייטשל, האָט דעם זומער גאָרנישט דערקענט דעם פֿאָטער. זינט די מאַניע האָט אים גענומען אין אירע הענט אַרײַן, איז ער אַן איבער־געענדערטער מענטש. ווען האָט ער זיך אַזוי שיין געקליידט? ווען האָט ער זיך אַזוי אַרומגעפֿירט מיט דער מוטער? אַזוי געהאַלטן הענט? די „באָנגאַלאָ־ווײַבלעך" האָבן זי געשטורכעט אין די זײַטן:

— „לוק עט יור אָלד מען"! (זע נאָר דיין אַלטן?) זעסט וואָס א צווייט ווײַב מאַכט פֿון א מאַן?

רייטשלען האָט פֿון איין זײַט הנאה געטאָן וואָס דער פֿאָטער איז נאָך אַזוי רירעוודיק, אַזוי פֿול מיט לעבן. פֿון דער אַנדערער זײַט האָט עס איר ווי געטאָן, וואָס נישט די מוטער, נאָר א פרעמדע פֿרוי האָט בײַ אים אַזאַ גוטס:

— „סי? דזשעק", האָט זי סײַ אין שפּאַס, סיי אין ביטערן ערנסט א שטאָך געטאָן דעם מאַן, — זעסט? ס'צווייטע ווײַב קריגט די „קרימ".

דזשעק האָט זי בייז געטאָן א מעסט אָפּ:

— וואָס'טו געוואָלט? דער פּאַ זאָל מיטשטאַרבן? „עני־ווײַ" (סײַ ווי), דיין „מאַ" האָט קיין מאָל גאָרנישט געוואָלט, נישט אַפֿילו גיין אין א מוווי.

זי האָט געשוויגן. ער איז דאָך גערעכט, דזשעק. די „דעמנד" אַנאַרכיסטס האָבן געמאַכט פֿון איר מאַ אַזאַ אָפּגעלאָזטע יידענע. אַז דער פֿאָטער האָט זי א מאָל געוואָלט נעמען אין א מוווי, האָט זי געזאָגט: פּע, וואָס וועט זי דאָרטן זען? ווי א מויד הייבט א פּאָלקע? ווי מ'קושט זיך? צו א לעקטשור וואָלט זי געגאַנגען, אָבער נישט צו די הײַנטיקע לעקטשורערס. וואָס ווייסן זיי? אָט, ווען אַלעקסאַנדער בערקמאַן אָדער עמאַ גאָלדמאַן וואָלטן ווידער געלעקטשורט, וואָלט זי שוין געלאָפֿן!

אַן אויפֿגערעגטע איז רייטשל אַרויס פֿון באַלויכטענעם „האָל". זי האָט איצט נישט געקענט פֿאַרטראָגן דאָס שפּילן פֿון גראַמאָפֿאָן, די גע־לעכטערס, דאָס משוגענע געטאַנצעריי. זי האָט פֿאַרלייגט די אָרעמס איבערן בוזעם, א הויכער, א פֿולער, ווי בײַ דער מוטער און גענומען גיין צום שפּילפּלאַץ, אין דער אַנדערער זײַט פֿעלד. ס'גראָז אונטער אירע פֿיס איז געווען נאַס פֿון טוי. איר איז איינגעפֿאַלן אַז פֿרויען זענען אַליין שולדיק אין זייער מזל. זיי האָבן שטענדיק דאָס, וואָס זיי קענען אויפֿנעמען. אָט א שטייגער זי אַליין: זי האָט קיין מאָל נישט געהערט

ב. דעמבלין

די לעקטשורס פון די „דעמנד" אנארכיסטס, זי האט קיין מאל נישט געהערט צו די „רעדיקל־יוניאנס" און דאך איז זי פונקט ווי די מא. פאר דער חתונה האט זי דזשעק גענומען צו „א שאו", אין א „פענסי" רעסטאראן, בלויז דערפאר ווייל זי האט דאס געוואלט. וואלט זי היינט באשטאנען דערויף וואלט ער זי אויך היינט גענומען אין די פלעצער.

זי האט אפגעווישט דעם טוי פון א הוידלקע און זיך אוועקגעזעצט. דאס מעטאלן ברעטל איז געוועז קאלט צום לייב אפילו דורכן קליידל. זי האט זיך ארומגעקוקט: קיין מאל, דאכט זיך, זענען נאך אין הימל נישט געוועזן אזוי פיל שטערן! די ביימער זענען געשטאנען ווי פארגליווערט, אן א בייג פון א צווייגל, אן א שארכל פון א בלעטל!

דער גראמאפאן, אין צעליכטיקטן „האל" דארטן, האט זיך ווידער צעגרימפלט. די מוזיק פון אן אלטער פאלקע האט זיך צעטראגן איבער די שטיל איינגעשלאפענע פעלדער. איבערן גליטשיקן דיל האבן געשוועבט טאנצנדיקע פארלעך. העלע, לייכטע זומער־קליידלעך האבן זיך געבלאזן, זיך געוווינטלט, פלינקע יונגע פיס האבן זיך געהויבן, געזעצט אין האלצער־נעם דיל מיט כוח, זיך געטראגן אין פריידיקן געווירבל און מיט זיי, אין דעם טאנצנדיקן געקלומפער, האט מיטגעשוועבט דער פא מיט זיין נייעם ווייב.

רייטשל האט געקוקט דורך די צעפראלטע טירן אין ליכטיקן „האל" אריין. איר הארץ האט סיי געוויינט און סיי געקוואלן פון פרייד. זי האט געשאקלט מיטן קאפ און געמורמלט:

— „אלד מען, אלוי מען".

15

א פראקטישע פרוי, האט די מר"ס ווארהאפטיק קודם זיך גענומען לערנען פירן א קאר. א „טריפ" קיין קאליפארניע איז בעסער אין אן אייגענער מאשין. ס'קאסט ביליקער אויך. זי'ט שוין געהערט! פארן מיט די „טראוול־ביוראען" די רייזע־אגענטורן, קאסט אפ א „פארטשון". און עס איז נישט גוט אויך. נישט מ'קען גיין, ווו מע וויל, נישט מ'קען בלייבן אויף אן ארט ווי לאנג מ'וויל. מיט זיי, ווי נאר מ'פארט ארוים ווערט מען באלד ווי א שעפס אין א סטאדע. אז די סטאדע רירט, מוזסטו מיטגיין. אז די סטאדע שטעלט זיך קוקן, מוזסטו אויך בלייבן שטיין, כאטש דיך אינטערעסירט גארנישט צו זען וואס דער באראן, דער סטאדע־פירער, דער „גייד" הייסט עס, ווייזט דיר. דער מאן אירער, וואלט דאס קיין מאל נישט געקענט מיטמאכן. זי'ט שוין געזען. ער, מ"ר ווארהאפטיק,

אין די שפּעטע יאָרן

איז נישט ווי אַנדערע מענער, וואָס טוען וואָס מ'זאָגט זיי און גייען ווו מ'הייסט זיי. אַז ער קען נישט אָנפירן מיט אַנדערע, גייט ער בעסער אַליין.

געוואָלט אייגנטלעך האָט דער אַלטער זיך אַליין נעמען לערנען פירן אַ קאַר. ער וואָלט זיך דאָס גיכער אויסגעלערנט. דעם מעכאַניזם פאַרשטייט ער בעסער פון איר, מאַניען. אָבער וואָס קומט דערויס? אים וועט מען קיין „לייסנס" נישט וועלן געבן. ווי וויל ער זאָל די ביוראָקראַטן נישט אויפווייזן, אַז ער איז געזינטער און רירעוודיקער פון אַ סך פון זיי, אַז די הענט ציטערן אים חלילה נישט, אַז „נאָק־וווּד", אויף זיינע אויגן זעט ער ווייטער און בעסער פון אַ סך וואָס טרייבן קאַרס, וועט עס אַלץ נישט העלפן. זיי וועלן אים אַלץ ענטפערן אַז ער דערנענטערט זיך צו די אַכציק.

— „אַפּקאָורז" אוודאי, האָט דער אַלטער איר צוגעגעבן קוראַזש. צו וואָס זאָל זי גיין אין אַ „סקול" אין ניו־יאָרק, צאָלן דאָרטן פינף טאָלער „אַ לעסאָן" אַז זי קען זיך דאָ לערנען די תורה אָן פינפער טאָלערס. חוץ דעם, אין „קאָונטרי" איז זיכערער, די וועגן זענען פרייַ, נישטאָ קיין „טראַפיק". און ווער ס'זאָל זי דאָ לערנען איז דאָ „פּלענטי", יעדער „באַנגאַלאָ"־ווייבל פירט אַ קאַר. און דזשעק, דער איידעם, וועט מיט „פּלעזשע" זי לערנען אין זייַן „סטיישן־וועיגן".

ס'איז געווען פרייטיק צו נאַכטס. דאָס פעלד מיט די צעליכטיקטע באַנגאַלאָס, האָט גערוישט מיט פרייד, מיט געשטיפעריי פון קליינע קינדער, מיט יונגע מאַמעס, אויסגעבענקטע נאָך די מענער, וואָס זענען אַרויסגעקומען, נאָך אַ וואָך שוויצן און האָוען אין שטאָט, פאַרברענגען אַ „וויקענד" מיט ווייַב און קינד אויף דער פרישער לופט, אין פרייד און שפּיל און רו.

ווי אויפן פעלד דאָרטן האָט גערוישט, אַזוי איז דאָ, אויף דער וועראַנדע פון ווינטערהויז געווען שטיל, טונקל און שטיל. דאָס יונגע פאָרפאָלק, מ"ר און מר"ס וואָרהאַפטיק, זענען געזעסן אויף דער ווייך געבעטער הוידל־קאַנאַפּע, אָן אָראָפּהענגענדיקע פון סופיט, און האָבן זיך פּאַוואָליע, רויק געהוידלט. מיט יעדן וויג און שאָקל, האָט זיך מיטגעוואָזשלט אַ טרוקן פאַרזשאַווערטער קרעכץ פון די פאַרראָסטעטע רינגען, אַנגעהאָנגענע אָן די גרויסע האָקנס, דאָרטן אויבן. זיי האָבן זיך געהאַלטן בייַ די הענט, מ"ר און מר"ס וואָרהאַפטיק, ווי די יונגע, אויסגעבענקטע פּאָרלעך אויפן פעלד דאָרטן. קוים עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה זענען זיי געווען פול מיט גרייטונג, מיט פּלענער. צום ערשט וועט ער „ריטייערן". דערנאָך וועט מען קויפן אַ „קאָונטרי"־הויז מיט עטלעכע אַקער לאַנד. ער וועט אַליין אויפשטעלן דאָס שטעלכל מיטן „טשיקנקוב",

ב. דעמבלין

דערנאָך, איידער מ׳וועט זיך אַרײַנקלײַבן אין הויז, וועט מען מאַכן דעם „טריפּ״.

— נאָו, איזי, האָט זי מיטן פּוס אין באָדן, פאַרהאַלטן דאָס שאָקלען זיך פון דער הוידל־קאַנאַפּע. — נאָו, פריער וועט מען מאַכן דעם „טריפּ״!

ווי מאָדנע דאָס איז, פריער, אַז די מאַניע, ווען זי איז אַ מאָל אַרויס־געקומען צו דער שוועסטער און, צוליבן לאַנגווײַל אין „בעלוועדער״, אַרויפגעקומען אויף דעם „באַנגאַלאָ־פעלד״, האָט קיינס פון די ווײַבלעך זיך נישט אומגעקוקט אויף איר, כאָטש אַנגעטאָן איז זי געווען גלײַך מיט זיי, אין די זעלבע קורצע, אויפגעפּאַסטע הויזקעס, אין דער זעלבער טיף אויסדעקאָלטירטער בלוזע אָן אַרבל. דענצמאָל איז זי פאַר זיי געווען אַן „אָלד־וואָמען״ כאָטש זי איז יינגער געווען ווי הײַנט. זיי האָט פאַרדראָסן וואָס זי, אַ פרוי אין די פופציקער, האָט די העזה צו וועלן זײַן יונג, זיך צו קליידן ווי זיי. איצט, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט מ״ר וואָרהאַפּטיק, כאָטש זי איז עלטער ווי דענצמאָל, איז זי גאָר בײַ זיי אַ „יאָנג־וואָמען״ און מע גריסט זיך מיט איר, מ׳באַוווּנדערט זי: „איזנט שי קיוט״? (איז זי נישט חנעוודיק?) און אַז עס איז נאָך באַקאַנט געוואָרן אַז זיי, „די יאָונג־קאָפּל״, מ״ר און מר״ס וואָרהאַפּטיק, קלײַבן זיך צו פאָרן אויף אַ „האָנימון״, האָבן די יונגע ווײַבלעך שוין גאָרנישט געוווּסט וואָס מיט זיי צו טאָן פון גרויס אַנטציקונג:

— „אַרנט טהעי וואָנדערפול״? (זענען זיי נישט ווונדערלעך?)

— „טהעי שור אַר״! (געוויס זענען זיי!) האָבן די מענער מסכּים געווען, באַוווּנדערנדיק דעם אַלטן, וואָס האָט זיך גענומען אַ ווײַב מיט קנאַפּע פינף און צוואַנציק יאָר יונגער פון אים, און איצט, פאָרן וועלן אַכציק, גייט ער גאָר אונטערנעמען אַ רײַזע קיין קאַליפאָרניע אין אַן אייגענער קאַר!

ווי די ווײַבלעך אין מיטן דער וואָך, אַזוי האָבן די יונגע מענער איז די שבתים און זונטיקס גענומען די מר״ס וואָרהאַפּטיק אין זייערע מאַשי־נען, זי געלערנט פירן און אויך איר געוויזן דעם מעכאַניזם:

סי, מר״ס וואָרהאַפּטיק, דאָס איז דער „קלאָטש״: אַז מ׳לאָזט נישט נאָך דעם „קלאָטש״ וועט די קאַר נישט גיין. און דער „פּעדל״ איז צו געבן „געז״ און מיט דעם האַמוועט מען די רעדער.

מר״ס וואָרהאַפּטיק האָט אַרויסגעשטעלט דעם פוס אויף די באַזונדערע טרעטערס. אירע אויגן האָבן געגליט פון פרייד. נאָך אַזוי פיל יאָרן אַלמנהשאַפט, זיך מאַטערן אין אָרעמקייט, — אַזאַ אויפרעכטעניש! און איצט נאָך אַזאַ גליק, אַ „טריפּ״ קיין קאַליפאָרניע! כאָטש זי האָט

אין די שפעטע יאָרן

געטריבן די מאַשין פּאַוואָליע, אפשר צען מײַל א שעה, האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז זי פּליט, זי שוועבט אין דער לופט.

יאָדעניש און האַרץ־עסעניש האָט זי נאָר געהאַט מיטן איידעם, רייטשלס מאַן. קודם האָט עס זי געערגערט, וואָס דזשעק, כאָטש ער איז נאָר אויף א יאָר עלטער פון איר, רופט ער זי „מאַ", ווי ער האָט גערופן רייטשלס מוטער. דערצו נאָך מאַכט ער זי נערוועז ביים לערנען זי פירן די מאַשין, דעם „סטיישן־וויגן" זײַנעם. זי זיצט בײַם רעדל סײַ ווי נערוועז, זיצט ער לעבן איר און מאַכט זי נאָך מער נערוועז. זי איז, דאַכט זיך, זייער פאָרזיכטיק, האַלט דאָס רעדל גלײַך און ער האַלט אין איין נודיען זי אין איין וואָרענען:

— „לוק אוט, מאַ"! נישט אַזוי אָן עק.

דער דזשעק, אַן אַלטער, געניטער מאַשין־פירער, האָט ער גלײַך געזען, אַז די פרוי האָט א שלעכטע נייגונג. נאָר זי וויל זיך אויסהיטן פון די אַנטקעגנקומענדיקע קאַרס; אויס מורא פאַר זיי, זוכט זי נאָר צו האַלטן די מאַשין אָן עק פון וועג, אַזוי שאַרף אָן עק, אַז דער מינדסטער קער, גייט די קאַר אַראָפּ פון געפּלאַסטערטן וועג אַרײַן אין א „דיטש", אין א ראָוו הייסט עס:

— קערפול, מאַ! — האָט ער זי געהאַלטן אין איין וואָרענען, נישט אַזוי אָן עק!

וואָס א טאָג ווײַטער האָט די מר"ס וואָרהאַפּטיק אַלץ פרײַער זיך געפילט בײַם רעדל. איידער דער זומער איז אַוועק האָט זי שוין פרײַ געפירט יעדע מאַשין. זי האָט שוין געקענט „אויסבעקן", „פּאַרקן", ס'הייסט פאָרן אויף הינטערווײַלעכטס, זיך אַרײַנשטעלן מיטן מאַשין אין א באַגרענעצטן שטיקל פּלאַץ, צווישן אַנדערע מאַשינען. דערנאָך, ווי נאָר זי האָט געקראָגן די „לייסנס" האָט מ"ר וואָרהאַפּטיק געקויפט א גענוצטע „שעווי". אַליין א גוטער באַלמעלאָכע, וואָס האָט אין זײַן לעבן שוין גענייט אויף אַלערליי מאַשינען, האָט ער געוווּסט אַז אײַנברעכן אַן אָנפאַנגער דאַרף מען נאָר אויף גענוצטע מאַשינען.

דער אַלטער האָט גיך געקראָגן צוטרוי און זיך געזעצט לעבן איר, בײַם רעדל. די ערשטע צײַט זענען זיי געפאָרן קורצע שטרעקעס. שפּעטער האָט זי שוין געוואַגט מיט אים צו פאָרן אַרויס פון ברוקלין, אַריבער בריקן, דורך טונעלן און אַז דער אַלטער איז שוין געווען „ריטײַערד", זענען זיי יעדן שבת און זונטיק געפאָרן אין אַנדערע געגנטן זוכן א „קאַונטרי"־הויז, נישט גלײַך צו קויפן. קויפן וועט מען ערשט נאָכן קומען צוריק פון „טריפּ", וואָס זיי וועלן מאַכן ערשט קומענדיקן מײַ, אין א נײַער „שעווי", צי א „פּלימוטה" און אפשר גאָר וועט ער קויפן א נײַעם „ביויק"?

ב. דעמבלין

ס׳איז געווען א זונטיק אין נאוועמבער. די זון האט געשיינט, צו קאלט איז אויך נישט געווען, האבן זיי זיך ארייַנגעזעצט אין מאשין און זיך געלאזט אין וועג ארייַן. ביז איצט האבן מ״ר און מר״ס ווארהאפטיק געזוכט א „קאונטרי״־הויז אין דזשוירזי, ארום ווייַנלאנד, ארום לייקווּד. הייַנט האבן זיי געהאט אן אנווייַז צו פארן זען א הויז מיט דרייַ אקער לאנד ארום קינגסטאן. ס׳איז אפילו ווייַטלעך פון ברוקלין, דערפאר אבער איז עס נאנט פון מר״ס גאלדפארבס בעלוועדער און רייטשלס באנגאלא־קאלאני.

דאס פארפאלק איז געווען גאר הייַטער. ווען וואלט ער, איזי ווארהאפטיק, געפארן אין אן אייגענער קאר? בעסי האט נישט געוואלט מיט אים גיין אפילו אין א מוווי. ער האט א קוק געטאן אויף זייַן יונג ווייַב מיט ליבשאפט, מיט דאנקבארקייט. זי האט „נוירוז״, האט ער געטראכט. זי זיצט בייַם רעדל ווי א געניטער קאפיטאן בייַם ראד פון זייַן שיף. ער האט ארויסגעקוקט דורכן פענצטער. ס׳האט געשמעקט מיט ווינטער. די ביימער בייַם זייַט וועג זענען נאקעט. מ׳זעט שוין נישט קיין מענטשן אין זומערדיקע העמדלעך, אין לייַכטע קליידלעך. דער וועג, א ברייטער, מיט א ווייַסן פאס אין מיטן, האט געשוויבלט מיט מאשינען. אט טוט א קאר א מיק פארבייַ דער שויב ווי א בליץ פארן אויג. ער האט ארויפגעלייגט זייַן לינקע האנט אויף איר רעכטער:

— מאניע, „יו׳ר איי דארלינג (דו ביסט א טייערע!).

— „טהענק יו״. האט זי אים זייַטיקלעך געשענקט א שמייכל.

— דו פירסט די מאשין ווי א „רעגעלע דרייווער״.

— „נאק־ווּד״, האט זי געזאגט און מיט די פינגער־קנעכלען אנגעקלאפט אין רעדל.

— „נאו וואט״? (ווייסט וואס?) האט ער זיך נענטער צוגערוקט צו איר. — צוריקוועגס וועט מען צופארן צום „בעלוועדער פאר דינער״.

„צ׳אקעי וויט מי״, (איך האב גארנישט קעגן) האט זי צופרידן אים ווידער געשענקט א שמייכל.

אין דרויסן האט דערווייַל אנגעהויבן ווערן כמורנע. א רעגנדל, וואס איז געווען מער שניי ווי רעגן, האט אנגעהויבן פאלן. מאניע האט א קוועטש געטאן א קנעפל און די צוויי לאנגע, שמאלע ווישערס האבן גענומען זיך וויגן הין און צוריק איבער דער אויטאמאביל־שויב.

מיט אומרו האט מאניע געקוקט דורך דער נאסער שויב, ווי דער רעגן אין דרויסן שטארקט זיך. כאטש זי האט גארנישט געזאגט, האט אבער אין איר הארץ אנגעהויבן אויפגיין א טיפע שרעק. קיין מאל פריִער האט זי נישט געפירט די מאשין אין א רעגן. זאל זי אפשר זיך אראפנעמען אן א זייט? זיך אפשטעלן איבערווארטן? וואס וועט זי געווינען? דער

וועג וועט אַלץ איינס זײַן נאַס. אַ קאַר מיט שאַרף לויכטנדיקע ליכטער איז אַנגעלאָפן אַנטקעגן. צוליב דער אָנגעשטאַנענער נעץ אויפֿן שוואַרצן אַספֿאַלט, וואָס האָט געגלאַנצט ווי אַ שפּיגל, האָבן די אַנקומענדיקע ליכטער זיך אָפּגעשפּיגלט און שאַרפֿער נאָך צעטומלט איר די אויגן. ווי זי איז נישט געפֿאָרן אָן אַ זײַט, האָט זיך איר אַלץ אויסגעוויזן אַז די אַנלויפֿנדיקע מאַשין וועט באַלד אַרײַנקראַכן אין איר. אינסטינקטיוו האָט זי געטאָן אַ שאַרפֿן דריי דאָס רעדל אויף רעכטס און, אַנשטאָט פֿאָרן ווײַטער מער אָן אַ זײַט, האָבן די רעדער, אַלטע, אויסגעריבענע, גענומען, צוליב דער נעץ, „סקידן" זיג־זאַגעווען, רעכטס, לינקס — רעכטס, לינקס, אַקוראַט ווי לעבעדיקע באַשעפֿענישן, וואָס זענען צעטומלט געוואָרן און האָבן פֿאַרלוירן דאָס גלײַכגעוויכט זיך צו האַלטן אין אַ גלײַכער ליניע. אַנשטאָט האַלטן ס'ראָד פֿעסט אין די הענט און אַזוי אַרום ברענגען צוריק די רעדער אין גלײַכגעוויכט, האָט זי, פֿון צעטומלעניש, אויף איין רגע נאָר, אַוועקגעכאַפּט די הענט פֿון רעדל און, ווען זי האָט געוואָלט דאָס רעדל צוריק אָננעמען, זענען אירע הענט געווען געליימט, עפּעס ווי דאָס גאַנצע חיות, די גאַנצע קראַפֿט, וואָלט פֿון זיי מיט איין מאָל געווען אויסגערונען.

דער ברעג פֿון וועג האָט גראָד געהאַט אַ צוים, צוויי שטאָל געפֿלאָכטענע קאַנאַטן, אָבער זיי זענען געווען צו נידעריק צו קענען געווען האָבן פֿאַרהאַלטן די קאַר, וואָס איז איבער זיי אַריבערגעפֿאַלן, ווי אַ מענטש פֿאַלט אַריבער אַן אָפֿענעם פֿענצטער, ווען ער פֿאַרלירט פּלוצעם זײַן גלײַכגעוויכט. איידער די מאַשין האָט געגרייכט דעם שטייניקן באָדן, אַ טיפֿקײַט פֿון איבער פֿופֿצן פֿוס, האָט זי זיך עטלעכע מאָל איבערגעקאָלערט, ביז זי איז, ענדלעך, געפֿאַלן מיטן דעכל אַראָפּ און די רעדער אַרויף.

אַרויסגעשלעפּט פֿון דער צעשמעטערטער קאַר האָט מען דאָס פֿאַרפֿאָלק צעהרגעטע, פֿאַרבלוטיקטע. אין שפּיטאָל, נאָכן אָפּוואַשן דאָס בלוט פֿון זיי, האָט מען געזען אַז זי, די מר"ס וואָרהאַפּטיק, איז אָפּגעקומען בלויז מיט אַן אויסגעלענקטן אָרעם אין דער רעכטער האַנט און אַ צעשניטן, צעשאַרפּיעט פּנים פֿונעם פֿאַלנדיקן צעשפּריצטן גלאָז. דער אַלטער אָבער איז געווען מער טויט ווי לעבעדיק. חוץ עטלעכע צעבראָכענע ריפּן, האָט ער אויך געליטן אַ שווערע דערשיטערונג אויפֿן מוח.

די דאָקטוירים האָבן געזאָגט אַז אַפֿילו אַ יונגער־מאַן וואָלט פֿון אַזאַ דערשיטערונג נישט אַרויס לעבעדיק. דער אַלטער אָבער באַזיצט אַזאַ ריזיקן כּוח אַז טראָץ זײַן נײַן און זיבעציק־יאָריקן עלטער, האָט ער דאָך אַלע שאַנסן זיך צוריקצושטעלן אויף זײַנע פֿיס.

אַ וואָך שפּעטער, אַז מאַניע, ס'ווײַב זײַנס, מיט אַ פֿאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ און דעם רעכטן אָרעם אָנגעהאָנגען אָן האַלדז, איז געקומען פֿון איר

ב. דעמבלין

פֿרויען־אָפּטיילונג אַרויף אין מענערישן טייל פֿון שפּיטאָל, געוואָיר ווערן, וואָס דער מאַן מאַכט, האָט ער, דער אַלטער, פֿון באַרג באַנדאַזשן אַרויס, זי געטרייסט, געגלעט און געצערטלט איר די געזונטע האַנט:

— יול־סי! מאַניע (׳עסט־זען) מירן נאָך מאַכן דעם טריפּ קיין קאַלי־פֿאָרניע, יול־סי! איי אַשור יו! (איך פֿאַרזיכער דיר!)

דער טאַטע איז געקומען

צופֿוסנס פֿון כּרמל, הארט בײַם װעג, װאָס לױפֿט פֿון חיפֿה קײן תּל־אָבֿיבֿ, שטײט דער שער־עליה, דער עליס־אײַלאַנד פֿאַר די נײַ געקומענע קײן ארץ ישׂראל. אין כּסדרדיקן אָנשטראָם פֿון שיפֿן מיט עולים, האָט מען אױף גיך ארומגעצױמט מיט שטעכלדראָט אַ שטיק באָדן אַנטקעגן ים, צע־שטעלט אין געאײַל רײען ברױן געסמאָלעװעטע, ברעזענטענע בײַדלעך, אױפֿגעקלאַפּט עטלעכע האָלצערנע באַראַקן און גענומען אָפּװאַרפֿן אהער די טױזנטער און צענער טױזנטער ייִדן און ייִדענעס, אַלטע און יונגע, אָנגעקור־מענע פֿון רומעניע און אונגאַרן, פֿון דײַטשישע לאַגערן און רוסישער פֿאַר־שיקונג, פֿון איראַק און תּימן. פֿון פֿריִען באַגין ביז אַ שטיק אין דער נאַכט, האָט דאָ געררױשט און געזשומט מיט אַרײַן און אַרױס. לאַסטאױטאָס מיט אימיגראַנטן, טראַקס מיט קאַסטנס שפּײַז און ירקות, מיט פֿעסער בענזין און קעמפּבעטלעך האָבן געצױגן איבערן כּביש הין און צוריק, פֿון פֿאַרט אין שער און פֿון שער צוריק צום פֿאַרט, און דאָס שטעכלדראָטענע טױער פֿון שער האָט זיך נעהאַלטן אין אײן עפֿענען און פֿאַרמאַכן, פֿאַרמאַכן און זיך װידער עפֿענען.

די אָנגעברענגטע עולים, צעטומלטע פֿון װעג און נאָך מער פֿון דעם הו־האַ אין שער, האָבן זיך דאָ ארומגעדרײט פֿאַרלױרענע. װי צעשראָקענע עופֿות האָבן זײ געשטופּט די קעפּ מיט די נײַגעריקע אױגן אין די צעפּראַלטע טיר און פֿענצטער פֿון באַראַקן, װוּ דאָקטױרױם, מיט טרײַבלעך אין די אױערן, האָבן זיך צוגעהערט צו די הערצער, געקלאַפּט מיט הארטע פֿינגער איבער זײַטן און ריפּן פֿון האַלב אױסגעטװענע עולים, און די קראַנקן־שװעסטער, אין װײַסע, שטײַפֿע כאַלאַטן, מיט טשיפּיקעס אױף די קעפּ, האָבן זײ געשטאָכן נאָדלען אין די נאַקעטע אױפֿגעשאַרצטע אָרעמס. אַנדערע פֿריש געקומענע האָבן זיך געקליבן ארום קאָכבאַראַק, װוּ מענער און װײַבער האָבן זיך געפּאָרעט ארום גרױסע, קאָכעדיקע קעסלען און זיך געקװיקט מיט דער פּאַרע און זיסן ריח פֿון פֿרישע געקעכטסן, װאָס האָט זיך געטראָגן פֿון די צעפּראַלטע טיר און פֿענצטער.

צװישן די געזעמלען, אַ פֿאַרזאָרגטער, תּמיד אַלײן, האָט זיך ארומגע־

ב. דעמבלין

דרייט פינקוס ווארמאן, א ווארשעווער ייִד אין די פּריִע פּופּציקער. לויט זײַן הולך — א פארסארגעט רעקל מיט צעדריפּעטע תחתונים און קרוע־בלוע שיך, האט דער ייִד אויסגעזען — א שלעפּער. אבער לויט דער פּינקט־לעך פארשווירענער וואנסע און דעם קאפּ גרווילעכע קרויזן, פארקעמט אין א זײַטיקן שרונט מיט א יאזש, ווי א קרוין איבערן שטערן, האט מען אים געקענט אננעמען פאר אן אפּטייקער, א טאנצלערער, אדער גאר אן אפּגע־קומענער פּידלער, נאר וואס פון דער בינע אראפּ.

אן אלטער פריזור־קינסטלער, מיט אן אייגענעם סאלאן אויף דער קרולעווסקע גאס אין ווארשע, מיט א קליענטור פון געהויבענע דאמען און הערן, איז דער פּינקוס ווארמאן תּמיד געווינט געווען צו טראגן פֿײַן געניײטע גארניטורן מיט זײַדענע, פארביקע טיכעלעך אין ברוסטן־קעשענקעלע. דאס פּנים זײַנס איז שטענדיק געווען גלאט ראזירט און פון די אפּטע מאסאזשן און זאלבן איז די הויט בײַ אים געווען ראז, צארט און ווייך, ווי בײַ א פרוי.

פון זינט דער וואגל איבער די לאגערן האט זיך אנגעהויבן, האט דער ייִד צום מערסטן געליטן פון דעם הולך זײַנעם און פון דעם וואלגערן זיך אויף אומריינע געלעגערס, אן א לײַלעך, אן א ווײַס ציכל אונטערן קאפּ. דא אבער, אין שער, האט ער צו דעם נאך געליטן וואס אפילו אזא נאקעט, אומריין בעטל קאן ער אויך נישט האבן אליין, פאר זיך מיט גיטעלען, נאר אין דער זעלביקער פאלאטקע זענען דא נאך דרײַ פארלעך און אלע מוזן שלאפן א בעטל לעבן א בעטל און איינער ווייסט וואס בײַם אנדערן טוט זיך און יעדער זעט אלעמענס געפאלנקייט. „אך טי רעב יוינע־שלוימע, האסטו דאס דערפירט דײַן וועלטל צו א מעמד"!

אנשטאט ארום קאכבאראק, אדער אין קרענצלעך פון שטענדיקן אמפּערן זיך, איז גאר דער פּינקוס ווארמאן גאנצע טעג אפּגעלעגן ארום שומר־בײַדל, לעבן טויער. כאטש ס'איז אים געווען איבער דער טבע צו באלעס־טיקן, איז ער דאך עטלעכע מאל אין טאג ארײַנגעגאנגען צום פּקיד זיך דערוויסן צי ס'איז נישטא א בריוו, כאטש א טעלעפאן, פון אדאלפן, דעם איינציקן זון זיינעם, וואס האט אים באדארפט אפּווארטן בײַ דער שיף און דא איז ער, דער טאטע, שוין איבער א וואך אין שער און נישט מען הערט פון זון און נישט מע זעט אים. זאל ער זאגן, אז דער לעצטער בריוו צו אדאלפן איז פארלוירן געווארן אין וועג? האט דאך דאס קארטל, פון דאנען שוין געשריבן, געדארפט אים געגרייכט. נאר אפשר איז גאר־נישט דער מער מיט די בריוו? אפשר האט עמעץ אים געטאן א טובה און אונטערגעטראגן אדאלפן, אז ער, דער טאטע, האט נאך א מאל חתונה געהאט און דעריבער וויל איצט אהרעלע מער נישט וויסן און נישט הערן פון טאטן?

אן אײַנגעבויגענער, א געפאלענער בײַ זיך, איז פּינקוס ווארמאן ווידער

דער טאַטע איז געקומען

אָפּגעטראָטן פֿון טויער, כּדי אין אַ ווײַל אַרום אויף ס'נײַ צוריקצוקומען, ווי אַ געפֿאַנגענער איז ער געגאַנגען הין און צוריק, לענג־אויס דער שטעכל־וואַנט. כאָטש ס'איז געווען האַלבער טאָג, איבערן קאָפּ האָט געגליט די זון אין אַנטקעגן, ווי אַ בלויער שפּיגל, האָט געבלענדט און געבליאַסקעט דער ים, איז אים דאָך געווען פֿינצטער אין די אויגן. ער האָט זיך פּשוט גע־שעמט צו ווײַזן אַרום בײַדל פֿאַר גוטשען. וואָס וועט זי זאָגן? ווי דער טאַטע, אַזוי דער זון. וואָרעם, פֿאַר וואָס טאַקע ווײַזט ער זיך נישט, אַדאָלף און זי ווייס דאָך אַפֿילו נישט אַז ער האָט אַדאָלפֿן נישט געלאָזט ווײסן, אַז ער האָט מיט איר חתונה געהאַט. וואָס אַן אמת, ער האָט זיך נישט געאײַלט מיט דער בשורה. וואָסי? אַ גליק האָט אים באַטראָסקעט? די דײַטשן האָבן אים פֿאַרגאַזט די מאַמע מיט די שוועסטער און ער, דער טאַטע, האָט זיך אונטערגעאײַלט צו נעמען אַן אַנדער ווײַב!

צו דער בושה האָט אים נאָך ווי געטאָן ס'האַרץ אויך. אַן אייגענער זון! וויי־וויי, וויפֿל ער איז זיך דאָס אָנגעלאָפֿן אײדער ער האָט שוין דערלעבט צו קאָנען פֿאָרן. און ערשט די רײַזע? וואָס אַלץ האָט ער זיך נישט פֿאַרגעשטעלט? כאָטש ס'איז שוין פֿופֿצן יאָר אַז ער האָט אַדאָלפֿן נישט געזען, איז ער געווען זיכער אַז ער וועט אים דערקענען צווישן אַלע טויזנטער מענטשן, וואָס וועלן שטיין אויפֿן ברעג בײַם באַגעגענען די שיף. און ווי ער וועט דאָס טאָן אַ פֿאַל דעם זון אויפֿן האַלדז. גאָטעניו! איז דאָס טאַקע וואָר? ער, דער טאַטע, האָט דאָס אַלץ איבערגעהאַלטן? פֿופֿצן יאָר? און עס דאַכט זיך ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען. פֿון דער העלער הויט, פּאַלעסטינע! אַדאָלף — אַ חלום און נאָך פֿאָרן ענדיקן די שול, איז שוין דער „שטשעניאַק” דאָ מיט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע און — שוין, אַוועק! פֿופֿצן יערלעך אַזוי אַוועק. אוי גאָטעניו, זענען דאָס געווען פֿופֿצן יערלעך!

פֿון גיין הין און קריק איבער די גראָזן און שטיינער איז אים אַ מידקײַט באַפֿאַלן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטיין, אָנגעשפּאַרט די פּלייצע אָן דער בלינדער וואַנט פֿון אַ באַראַק. אַרום אים האָט געררושט און גע־זשומט. קרענצלעך עולים, מיט פּאַספּאָרטן און פּאַפּירלעך אין די הענט, האָבן זיך געדרענגט אַרום אַ ביורא. קראַנקן־שוועסטער האָבן אַרומגע־שוועבט ווי ווײַסע פֿלאַטערלעך. אַרום די וואַסער־קראַנען האָבן ווײַבער זיך געשטופּט, געשריגן, געשאָלטן, און איבערן כּביש, פֿון יענער זייט שטעכל־דראָט, האָט נישט אויפֿגעהערט דאָס ציען פֿון לאַסטוועגן, אויטאָס, מיליטער־דזשיפּס.

פּינקוס וואָרמאַן איז אויפֿגעשטאַנען און גענומען גיין צום געצעלט, אין מיטן גאַנג אָבער האָט ער זיך אומגעקערט און איז ווידער אַוועק צום

שומר־בײדל. נישט דרײסט האָט ער אַרײַנגעקוקט אין דער אָפֿענער טיר, אפֿשר דאָך?

דער פּקיד, אַן אוקראַיִנער ייִד, אַן אַלטער קיבוצניק מיט אַ ברוין, פֿאַר־האַרטעוועט פּנים, ער האָט שוין געקענט דעם אדון וואָרמאַן, ווי אַ לאָמער זײַן קוליע. נישט איין מאָל האָט זײַן פֿויערישע סבלנות ממש זיך געעקט איבער דעם ייִדנס נישט מיד ווערן פֿון דעם אָבער און ווידער אַרײַנשטעלן דעם קאָפּ אין דער טיר מיטן זעלביקן פּזמון. דעריבער, אַז ער האָט אים איצט דערזען, האָט ער מיט אמתער דערלײַכטערונג אים אַ רוף געטאָן:

— אדון וואָרמאַן, אײַער שנור האָט טעלעפֿאָנירט. זי קומט פֿאַר נאַכט מיט אײַער זון.

פּינקוס וואָרמאַן האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן בײַם האַרץ. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דאָס קול איז אים געווען אָפּגענומען. די פֿײַכט געוואָרענע אויגן האָבן גענומען זוכן אַרום זיך אַ שטול, אַ בענקל און אָט האָט ער זיך געטאָן אַ לאָז אַראָפּ אויף דער שוועל.

דער פּקיד האָט זיך געטאָן אַ הייב פֿון הינטערן טישל, אַ פֿולס מיט רשימות און פּאַפּירן, און צוגעלאָפֿן צום אוועקגעפֿאַלענעם ייִדן. באַלד האָט אויך דער געהילף זײַנער, דער יונגער ספרדי, פֿון לעבן צווייטן פֿענצטערל, געלאָזן די רײ מענטשן פֿון יענער זײַט און איז נאָכגעקומען. בײדע זענען געשטאַנען איבערן עולה און אים געטאָרעט:

— אדון וואָרמאַן, אדון וואָרמאַן!

דער ייִד האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. זײַן פּנים האָט געלויכטן פֿון פֿרייד. די טרערן אין די אויפֿגעלויכטענע אויגן האָבן געפֿינקלט:

— האָט נישט מורא. ס'איז מיר גאָרנישט. בלויז אַ קלעם, אָט דאָ אָ, האָט ער אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אונטערן האַרץ. ער האָט זיך אויפֿ־געשטעלט, זיך אויסגעגלײַכט. ווי אַ פֿאַרמאַטערטער פֿיש אויף דער טריקע־ניש, האָט ער געעפֿנט ס'מויל איין מאָל און נאָך אַ מאָל איינגעאָטעמט טיף און גענומען גיין, צום ערשט פּאַוואָליע, דערנאָך גיכער און אָט האָט ער גאָר גענומען היפּערן, ווי אַ ייִנגל, גלײַך די ערד אונטער אים שוועבט אַוועק און ער פֿליט אַרויף באַרג, צום בײַדל צו:

— גוטאַ, אַדאָלף קומט! פֿאַר נאַכט קומט ער!

ער איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם. גיטעלע האָט זיך געוויזן אין דער געצעלט־עפֿענונג. איר פּנים, אַנגערויטיקט פֿון דער היץ אין בײַדל, האָט אים אָקעגנגעשמייכלט. זי האָט ברייטער צעעפֿנט די גע־צעלט־קליאַפּעס, ווי זי וואָלט שוין געמאַכט אַ וואָרע פֿאַר די געסט און זיך צוגעזעצט אין אײַנגאַנג, לעבן מאַן. באַלד איז אַרום זיי אויסגעוואַקסן אַ קרענצל פֿון שכנים. אין די אויגן האָט מען וואָרמאַנען געווונטשן מזל־

טוב. הינטער זײַן פּלייצע אָבער, צווישן זיך, האָט מען אים מקנא געווען: אַט וועט קומען אַ זון, אַ שנור, מ׳וועט זיי אַרויסנעמען פון שער און אַ סוף, אַן עק צום וואַלגערן זיך. איין פרוי, אַ שכנה פון זעלביקן בײַדל, מיטן פאַרקאָפּטשעטן פענדל אין האַנט, האָט גראָד נישט געוואָלט באַהאַלטן די קנאה. מיט איר הייזעריקן, אויסגעווייינטן קול האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אוודאי אַז מ׳האָט נאָך די זכיה צו האָבן אַן אייגן קינד.

גיטעלע האָט מער נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט פאַרשטעלט ס׳פּנים מיט די הענט און זיך ביטער צעוויינט. זי האָט חלילה נישט מקנא געווען דעם איצטיקן מאַן אירן דאָס גרויסע גליק, וואָס אים איז כּמעט געבליבן איין זון. זי האָט נאָר געקלאָגט אויף איר אייגענעם בראָך: אַ פאַרשאָל־טענע מאַמע, איבערגעלעבט די אייגענע קינדער און פון אַלע פיר ווייסט זי אַפילו נישט ווו ס׳געביין פון איינס געפינט זיך.

ביסלעכווייַז איז דאָס קרענצל זיך צעפאַלן. יעדער איינער איז אַוועק אין אייגענעם ווינקעלע, צו אייגענע זאָרגן. דאָס פאַרפאָלק איז געבליבן אַליין, איינער לעבן אַנדערן שטילע, פאַרזאָרגטע. פּינקוס האָט איצט נישט געהאַט קיין טרייסט פאַר גיטעלען. אויך זײַן וווּנד האָט זיך געעפנט. די צוויי אומגעבראַכטע מיידלעך זענען אים פלוצעם אָנגעשוווּמען אין דמיון. ער האָט ווידער איבערגעלעבט יענעם אינדערפרי, ווען מ׳האָט אים פון זיי אַוועקגעריסן און מער האָט ער זיי שוין נישט געזען.

גיטעלע האָט צוגענומען די הענט פון פּנים. זי האָט זיך אַרומגעקוקט: וואָס זיצט זי? באַלד קומט דאָך אַדאָלף! זי געדענקט אים ווען ער איז אַוועק מיטן רוקזאַק אויף דער פּלייצע. נאָך געווען אַ קינד, די מאַמעס מילך אויף די ליפּן. הײַנט מוז ער זיין אַ פאַרשוין.

די פרוי אין גיטעלען האָט זיך דאָ אַ צאַפּל געטאָן. נישט בלויז זי — אים, אויך ער — זי געדענקט דאָך זיכער. אוי וועט ער דאָס זיין אַנטוישט! זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיך: ווויי — וויי, וואָס פון איר איז געוואָרן. און זי האָט אַפילו נישט קיין רעכט שטיקל קאָרסעט אײַנצונעמען איר ווייך־געוואָרן לײַב.

גיטעלע האָט זיך געטאָן אַ הייב און אַ שטעל אויף ממש אין פּאַניק. עפּעס האָט זי געהאַט אַ געפיל ווי איר גאַנץ לעבן וואָלט זיך דאָ געווענדט אין דעם זען אַדאָלפן. אַן אומרויִקע איז זי אַריין אין בײַדל און אַ צעעפן געטאָן די וואַליזקע אויפן בעטל. אַן אײַנגעבויגענע איז זי געשטאַנען אַ ווײַל און באַטראַכט איר ביסל שמאַטעס. זי האָט זיך דערמאָנט אירע אַמאָליקע שטעטער, איר צירונג. זיפצנדיק האָט זי אַרויסגעשלעפּט אַ ווײַסע בלוזע מיט פּערלמוטערנע קנעפּ און אַ שוואַרצע פאַרגלאַנצטע ספּודניצע. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. קיינער פון די מיטוווינער איז נישט געווען צו זען

ב. דעמבלין

ארום געצעלט. זי איז גיך ארויס מיט דער גאַזאָלין־קאַן און באַלד קריקגע־קומען מיט אַ בלעך קאַלט וואַסער. אַן אויפֿגעהײַטערטע פֿון דעם בלויזן געדאַנק, אַז זי גייט זיך וואַשן און פּוצן, האָט זי זיך שוין דערפֿילט יינגער, ווי זי וואָלט מיט איין מאָל אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די פּופֿצן יאָר, וואָס אַדאַלף האָט זי נישט געזען. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז צוריק די אַמאָליקע פֿאַני אַדלער, דאָס דרייסיקיאָריקע ווײַבל, וואָס נישט איין קאַ־וואַליער איז פֿאַר איר געווען די כּפּרה. קאָקעטיש, שוין נישט מיט דער הײַנטיקער, האַרט צעראַצטער האַנט, נאָר מיט דעם אַמאָליקן מאַסאַזשירטן און פֿײַן מאַניקירטן הענטל, האָט זי אונטערגעהויבן דעם מאַנס גאָמבע:

— פּינקושו, אַזוי זיצט מען, ווען אַ זון דאַרף קומען? טו זיך אַ הייר, מ׳דאַרף זיך דאָך אָנטאָן. געדענק, אַדאָלפֿן קאָן נאָך אַ מאָל נישט געפֿעלן דער שידוך! — דערבײַ האָט זי זיך געטאָן אַ דרײַ פֿאַרן מאַן און אַ וויג די היפֿטן, אָט, ווי אַ מאָל, ווען זי פֿלעגט גלוסטן אַ פֿלעף צו טאָן איינעם פֿון אירע פֿיל אַדאַראַטאָרן.

פּינקוס האָט דערפֿילט אַ ברי איבערן לײַב. גוטשעס וויג מיט די היפֿטן האָט אויפֿגעוועקט אין אים דעם פֿריזירער. די אײַנגעדרימלטע תּאווה האָט זיך אַ צינד געטאָן. ער האָט אָנגעכאַפּט גיטעלען בײַ די אָרעמס, זי געטאָן אַ זעץ אויף זײַן שויס און זיך אײַנגעביסן אין אירע פֿולע, רייצנדיקע ליפּן:

— אוי ביסטו איינס, איינס און אַ גוטס!

גיטעלע האָט זיך געטאָן אַ ריס און אַ הייב פֿון זײַן שויס, דערבײַ האָט זי שעלמיש אים ווידער געטאָן אַ גלעט אונטער דער גאָמבע:

— נו, פּינקוס, ס׳ווערט דאָך שפּעט.

ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון בעטל. בײַדע האָבן גיך גענומען אָפּטשעפּען און צוריק אַראָפּלאָזן די אויפֿגעהויבענע געצעלט קליאַפּעס. אין דער טונקל האָט גיטעלע זיך אויסגעטאָן ביז דער טאַליע און זיך גענומען וואַשן מיט אַזאַ שוין לאַנג נישט געהאַטער הנאה. דערנאָך האָט זי זיך גענומען קעמען אַנטקעגן אויפֿגעהאָנגענעם שטיקל שפּיגל און ער, דער מאַן, איז געגאַנגען דרויסן, ארום געצעלט, אַ שומר, אַז עמעץ פֿון די מיטוווינער זאָל נישט אומגעריכט טאָן אַ ניי אַרײַן. גייענדיק איז בײַ אים געשטיגן דאָס אומגע־דולד זיך אויך צו נעמען אַרומוואַשן, זיך אָפּגאָלן און איבערטאָן אַ העמד. ער האָט אונטערגעהויבן אַ קליאַפּע פֿון בײַדל. גיטעלע, אין דער שוואַרצער ספּודניצע, אַן אײַנגעצווינגענע, מיט אַ דין געוואָרענער טאַליע, איז געשטאַנען אין הוילן בריסטן־האַלטער, די ווײַסע, פֿולע בריסט האַלב אַנטבלויזט. מיט נאַקעטע, פֿאַרהויבענע אָרעמס פֿול מיט תּאווה, האָט זי זיך געפּאָרעט איבערן קאָפּ ווייכע, שאַטינע האָר, זיי געלאָקט און געקרויזט. קיין סימן פֿון גרוי. נישט מיט די קנאַפּע צען — מיט נאַנצע צוואַנציק יאָר האָט זי איצט אויסגעזען יינגער פֿון אים, פּינקוסן, איר איצטיקן מאַן.

דער טאַטע איז געקומען

גיטעלע האָט אים דערזען אין שפּיגל. זי האָט זיך סאָסעטיש געטאָן א דריי:

— פּינקושו, ווי מיינסטו, אַדאָלפֿן וועט כאָטש געפֿעלן דער שידוך?

ער האָט איר גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט געקוקט אויף איר מיט גאָרנדיקע אויגן, דער פֿריזירער אין אים האָט זי געמאָסטן פֿון די לעקעלעך אויפֿן קאָפּ, ביז די שפּיצן פֿון אירע שיך. זי איז איצט נישט געווען זײַן ווײַב. דאָס איז געווען די אַמאָליקע פּאַני אַדלער, די יונגע, רייצנדיקע אייגנטימערין פֿון דערנעבנדיקן קאָנפֿעקציע־געשעפֿט, נאָך וועמען ער פֿלעגט זיך יאָגן הינטער איר מאַנס פּלייצעס. אָן ערנסטער, אָן א הויך פֿון דער פֿרידיקע שפּילעוודיקייט האָט ער א זאָג געטאָן, מער צו זיך איידער צו איר:

— כ'האָב מורא, ביסט גערעכט! אַדאָלפֿן קאָן טאַקע נישט געפֿעלן דער שידוך.

⁂

איידער נאָך דער פֿאַרנאַכט האָט זיך אָנגערוקט, איז שוין דאָס פּאָרפֿאָלק, פּינקוס און גיטעלע וואָרמאַן, געווען אונטן, בײַם שומר־בײַדל. ווי תּמיד איז אויך איצט דער פּקיד, בײַם פֿענצטערל, געזעסן לעבן זײַן טישל איבער רשימות און פּאַפּירן. דער געהילף זײַנער, דער יונגער ספֿרדי, מיט די דינע, שוואַרצע וואָנסעלעך, איז געווען פֿאַרטאָן מיט די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין א ריי אין דער דרויסנדיקער זײַט פֿון זײַן פֿענצטערל. בײַ יעדן קלונג פֿון טעלעפֿאָן האָט דאָס אויסגעפּוצטע און אויסגעצוואָגענע פּאָרפֿאָלק אַרײַנגעשטעקט די קעפּ אין דער אָפֿענער טיר: אפֿשר אַדאָלף?

צוליב דעם לאַנגן, אומגעדולדיקן וואַרטן אין דעם חמימהדיקן דרויסן, איז פֿון דעם פּאָרפֿאָלק דערווײַל אַראָפּגערונען דאָס ביסל אַרויפֿגעצויגענער יום־טוב. מידע זענען זיי געשטאַנען הינטערן שטעכלטויער, די אויסגעבענקטע בליקן געווענדט צום כּביש, אַהין, וווּ אַדאָלף דאַרף זיך אָט־אָט ווײַזן.

און דער כּביש האָט נישט גערוט. מיט די אויטאָס, טראָקס און דזשיפּס, האָבן איצט אָפֿט פֿאַרבײַגעצויגן אויטאָבוסן, געפּאַקטע מיט מענער און פֿרויען, איילנדיקע נאָך א טאָג אַרבעט אין חיפֿה, צוריק אין זייערע געצעלטן פֿון די אַרומיקע מעברות און לאַגערן. און מיט יעדן אָנשוועבנדיקן אויטאָבוס האָבן פּינקוסעס און גיטעלעס אויגן מיטגעשוועבט און זיך אָנגעהאַפֿטן אין קליינעם סטאַנציעלע, אויף יענער זײַט שטעכלוואַנט: אפֿשר איצט?

פֿון מידקייט האָט גיטעלע זיך צוגעזעצט אויף א שטיין און געמורמלט:

— זינט איך לעב. א זון זאָל אַזוי לאַנג לאָזן אויף זיך וואַרטן!

ב. דעמבלין

דער מאַן האָט אויף איר אַ קוק געטאָן. זי מעג טאַקע זײַן געדעכט, די שטיפֿמאַמע, ווײַל ער אָבער נישט זי זאָל אַזוי רעדן וועגן זײַן אַדאָלפֿן.

— פֿון וואַנען ווייסטו? אפֿשר קען ער זיך נישט אָפּרײַסן אין מיטן טאָג פֿון דער אַרבעט?

— אָבער אַ גאַנצע וואָך?

ווידער איז אָנגעלאָפֿן אַן אויטאָבוס. דער פֿאָטער האָט זיך אַ קער געטאָן, גלײַך דער ווינט פֿון דער אָנגעלאָפֿענער מאַשין וואָלט אים מיט זיך מיטגעריסן. ער איז צוגעלאָפֿן נענטער צו דער שטעכל־וואַנט. זײַנע פֿײַכטע, פֿאַרבענקטע אויגן האָבן נאָכגעפֿאָלגט יעדן איינעם וואָס איז אויסגעשטיגן. ווידער נישטאָ. מיט אומרו אין האַרץ האָט ער נאָכגעקוקט דעם גרויען אויטאָבוס, ווי ער לאָזט הינטער זיך אַ פּוסט רויכל און נעמט ווײַטער ציִען:

— אדון וואַרמאַן!

פּינקוס האָט פֿאַרגעסן אין דעם פֿריִערדיקן שטאָך אונטערן האַרץ, אין די עטלעכע און פֿופֿציק יאָר. ער האָט גענומען לויפֿן מיט אַלע כּוחות. אויך גיטעלע, וואָס האָט געהאַט אײַנגעדרימלט, ווי אַ קוואָקע, אויפֿן שטיין, האָט זיך געטאָן אַ הייב און אַ יאָג, נישט ווייסנדיק צי זאָל זי לויפֿן אַנטקעגן דעם מאַן, אָדער גאָר צום בײַדל, ווּ דער פּקיד איז געשטאַנען אין דער אָפֿענער טיר און מיט דער האַנט גערופֿן פּינקוסן.

אָן אָטעם זענען בײדע אַרײַן אין בײַדל. דער פּקיד האָט זיי צוגעפֿירט נענטער צו זײַן פֿענצטערל, ווּ פֿון דער דרויסנדיקער זײַט, איז געשטאַנען אַ הויכער יונגערמאַן, אַ דאַרער, אַ קנאָכיקער, מיט אַ קאָפּ געדיכטע, בלאָנד אָפּבלאָקירטע קרײַזלעך. אין פֿלוג איז דעם פֿאָטער נישט אײַנגעפֿאַלן אַז דאָ שטייט אַדאָלף. ערשט ווען די אויגן זײַנע האָבן זיך אײַנגעגעסן אין דעם פֿרעמדן, האַרטן פּנים און דער דמיון האָט אויף גיך גענומען אַראָפּ־שיילן די פֿאַרטריקנטע, אָנגעזשוניקטע ברוינקייט, אַראָפּווישן די פֿאַלדן פֿון שטערן, די קנייטשלעך אַרום די אויגן, האָט צוריק פֿאַר אים גענומען אַרויסטויכן דאָס ייִנגלשע געזיכט פֿון אַדאָלפֿן, די קינדיש ראָזע באַקן מיט דעם ווייכן, בלאָנדן פּוך איבער דער אייבערשטער ליפּ.

ווי ער, אַזוי האָט אויך דער יונגער־מאַן זיך אײַנגעגעסן מיטן בליק אין אים. אויך זײַן דמיון האָט פֿיבערדיק גיך אַראָפּגעשיילט פֿון דעם ייִדן זײַן הולך, דעם אָנגעזשאַווערטן גרוי פֿון זײַן קאָפּ, די אומבאַקאַנטע קנייטשן פֿון פּנים, ביז אויך פֿאַר אים האָט אויפֿגעטויכט דאָס געשטאַלט פֿון יונגן פֿאָטער, אָט יענער ציכטיקער עלעגאַנט אין פֿריזיר־סאַלאָן, אויף קרולעווסקע גאַס, שטענדיק אָן אויפֿגעהייטערטער, תּמיד אין סקריפּענדיקע, ברוינע שיך אויף די טאַנצנדיקע פֿיס.

דער טאַטע איז געקומען

— טאַטוש!

— אדאָלף!

ביידע האָבן איינציַיטיק געטאָן אַ שטרעק די אָרעמס, ווי פֿליגל צום פֿלי. ביידע האָבן נישט געזען און נישט געטראַכט פֿון דער וואַנט, די מחיצה צווישן זיי. דער פֿאָטער פֿון אינעווייניק און דער זון פֿון דרויסן, זענען זיי זיך ביידע, דורכן שמאָלן פֿענצטערל, געפֿאַלן אויף די העלדזער און הויך אויפֿן קול געוויינט. אין זייער צערפֿולער פֿרייד האָבן זיי קיינעם נישט געזען, נישט די רייען מענטשן הינטער זיי און נישט די אייגענע ווייַבער, וואָס זענען געשטאַנען לעבן זיי און מיטגעוויינט — די יונגע שנור, אַ קליינע, אַ דינע אין דרויסן, און די שטיפֿמאַמע, אַ באַלייַבטע, אין דער וויַיסער בלוזקע מיטן הויכן ביוסט אינעווייניק.

נאָך אַ לענגערער וויַילע פֿון אומגעשטערטן שלוכצן, האָט דער פּקיד לייַכט אַ ריר געטאָן דעם עולה אויפֿן אַקסל: — אדון וואָרמאַן! — דערביַי, ווי זיך צו פֿאַרענטפֿערן, האָט ער מיט דער האַנט אַ וויַיז געטאָן צו דער ריי אומגעדולדיקע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען דרויסן, הינטערן זון. אָבער, אַנשטאָט דער אַלטער, האָט גאָר אדאָלף אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט געפֿינטלט מיט די פֿאַרטרערטע אויגן, ווי ער וואָלט ערשט, אין גרויס חידוש, דערזען די וואַנט צווישן אים און פֿאָטער. ער האָט אַ מורמל געטאָן צום פּקיד אין עבֿרית.

— אָסור! — האָט יענער אַ זאָג געטאָן און דערביַי געשאָקלט מיטן קאָפּ שאַרף אויף ניין. — קאַראַנטין! אַן דערלויבעניש קאָן קיינער דאָ נישט אַריַינקומען.

גראָד דעם יונגן־מאַנס אומגעדולד האָט אין פּקיד אַרויסגערופֿן זיַין גאַנצע פּקידישע האַרטקייט. דאָס ביסל מיטגעפֿיל, וואָס ער, אַליין אַ פֿאָטער פֿון קינדער, האָט דאָ נאָך וואָס איבערגעלעבט, איז פֿון אים מיט איין מאָל אויסגערונען. נישקשה, ער קען שוין די הייסע באַגעגענישן און ער ווייסט מיט וואָס זיי לאָזן זיך אויס. נאָך עטלעכע טעג קומט מען צוריק אונטער־וואַרפֿן דעם טאַטן אָדער די מאַמען: זאָל סוכנות פֿאַר זיי זאָרגן!

אַ בייזער, אַן אומצופֿרידענער האָט זיך אדאָלף אָפּגערוקט פֿון פֿענצ־טערל. ער האָט אַ וויַיז געטאָן דעם פֿאָטער מיט דער האַנט און ביידע זענען אַרויס דרויסן. שוויַיגנדיק זענען זיי געגאַנגען פֿון ביידע זיַיטן שטעכלוואַנט, דערנאָך האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, איינער קעגן אַנדערן, זיך שטום אָנגע־קוקט דורכן דראָטגעפֿלעכט און נישט געוווּסט ווי אַזוי צוריק אָנצוהייבן די לאַנג געגאַרטע באַגעגעניש וואָס איז אַזוי אומגעריכט, דורך אַ פֿרעמדער האַנט, איבערגעריסן געוואָרן. עפּעס איז דער גאַנצער אָנשטראָם פֿון בענק־

שאפט, אלע אנגעהויפטע, נישט גערעדטע רייד געווען איבערגעהאקט, ווי מיט דער שארף פון א מעסער איבערגעשניטן.

אין דער פארלוירנקייט האט אדאלף פלוצעם דערזען זהבהן. מאדנע, די גאנצע צייט איז זי ארום אים און ער האט זי אפילו נישט באמערקט. ער האט זי געטאן א צי צו זיך:

— טאטעשי, דאס איז מיין פרוי, זהבה.

אדאלפס קול האט דעם פאטער ארויסגענומען פון זיין צעטראגנקייט. ער האט אפגעמאסטן די שנור. דער אלטער פריזירער, וואס א לעבן לאנג גייט ער זיך אום מיט ווייבער, קעמט זיי, לעקלט זיי, צירט זיי, אים האט דאס דראבנע, מאנצבילישע ווייבל מיט די גלייכע, קורץ געשוירענע האר, נישט אימפאנירט. א קליינס, א שמאלס, מיט א פלאך הארצברעטל — עפעס גאר־נישט קיין פרוי! ער האט זייטיקלעך געווארפן א בליק אויפן זון: ווי קומט זי צו אים? הויך, מענלעך, און דאך די גאנצע מוטערס צארטע ווייכקייט אין זיין יעדן ריר. און זי, אזוי שארף, אזוי קידער־ווידער דער בליק, די נאז, די ליפן. דערצו נאך זעט זי אויס צו זיין א שלוי ווייבל מיט א נישט־געזעטיקט פלעמל אין אירע שמאלע, האלב געעפנטע, קעציש גרינ־לעכע אויגן. ניין, די שנור איז פינקום ווארמאנען נישט געפעלן!

פונקט אזוי איז דער שווער נישט געפעלן דער שנור. די פרוי אין איר האט זיך דא אויפגעכאפט און איר אונטערגעזאגט אים קריקצוצאלן מיט זיין מטבע. אינסטינקטיוו האט זי דערפילט וואס ער טראכט וועגן איר. וואס אן אמת, אין פלוג האט זי זיך פארלוירן און געוואלט איינשרומפן, אנטרינען, ווי תמיד פרויען, ווען זיי דערפילן זיך דורכגענומען פון א מאנס בליק. האט זיך אבער די ווייבערישע טראציקייט צעשפילט אין איר. נישט נאר איז ער איר נישט געפעלן, ער האט זי געערגערט! א ייד איבער די פופציק, נאך אזוי פיל לאגערן, זאל נאך האבן אזא קאפ קרויזן, מיט אזא פינקטלעך זייטיק שרונטעלע און נאך אזא שקאציש פארריסענעם יאזש איבערן שטערן? ערשט זיינע אויגן! בלויע, קלוגע, מיטן בליאסק פון יענעם דאן־זשואן! זאל דער אלטער זיך גוט אויסרוען און לייטיש זיך אנטאן, פארשטעקט ער דאך אדאלפן אין גארטל! דרייסט, ווי זי וואלט אין דער קורצער רגע פון צעגערן אויסגעוואקסן אויף קעפ העכער פון אים, האט זי געמאכט א טראט נענטער און, דורכן שטעכל־געפלעכט, אים ארייג־דערלאנגט די האנט, א דארע, א לאנגע, אן א סימן פון ווייבלעכקייט אין איר ארעם:

— שלום, אבא!

דאס ווייבל האט דא גאנץ בכיוון אים גערופן אבא, טאטע. ס'הייסט, צי

דער טאַטע איז געקומען

עס געפֿעלט אים יאָ, צי עס געפֿעלט אים נישט, אַלץ איינס איז דער זון זײַנער איר מאַן.

זהבהס דרײַסטער שטעל האָט פּינקוס וואָרמאַנען גאָר אָפּגעפּלעפֿט. עפּעס האָט זי מיט איר זיכערקייט אַרויסגעיאָגט פֿון אים דעם פֿרעמדן פֿריזירער און אים דערמאָנט, אַז זי איז זײַנס אַ קינד און ער דאַרף זיך באַנעמען צו איר ווי אַ פֿאָטער. ער האָט גענומען איר שמאָל, ביינעריק הענטל, צו איר פֿרײַנדלעך אַ שמייכל געטאָן:

— שלום, טאָכטער. — דערבײַ, כדי אַרויסצוהייבן זיך פֿון דער געפּלעפֿט־קייט, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו גיטעלען, וואָס איז געשטאַנען זײַטיק, אָפּגערוקט, ווי אַ פֿרעמדע:

— גוטינקאַ, וואָס שטייסטו אַזוי פֿון ווייטנס? באַלד האָט ער זיך געווענדט צום זון:

— אַדאָלף, געדענקסט די פֿרוי?

גיטעלע, אַ נישט־דרייסטע, מיט אַ שעמעוודיק, פֿאַרלוירן שמייכעלע אויפֿן פֿאַררויטלטן פּנים, האָט זיך גענומען דערנענטערן צום דראָטצוים. זי האָט שאַרף אָפּגעפּילט אַדאָלפֿס פֿרעגנדיקע בליקן, און זײַן הייבן מיט די אַקסלען האָט זי גאָר אַרויסגעוואָרפֿן פֿון גלײַכגעוויכט. ער געדענקט זי, הייסט עס, גאָרנישט? דערצו נאָך איז איר געוואָרן אומהיימלעך פֿון דער שנורס זשמורען מיט די האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן אויף אַדאָלפֿן. די פֿרוי אין גיטעלען האָט דאָ שאַרף דערפֿילט ווי דאָס ווײַבעלע לאַכט אָפּ פֿון מאַן אויף איר חשבון: „חמור איינער, זעסט נישט אַז דער טאַטע האָט דיך שוין באַגליקט מיט אַ שטיפֿמאַמע״? אין דער פֿאַרלוירנקייט האָט זי נישט גע־ווּוסט צי זאָל זי אויסשטרעקן די האַנט צו אַדאָלפֿן, צי גאָר זאָל זי וואַרטן אויף זײַן באַגריסן זי.

אין דער אָנגעשטאַנענער, פּײַנלעכער שטילקייט, האָט פּינקוס וואָרמאַן זיך גאָר דערפֿילט אומבאַקוועם, ווי ער וואָלט פּלוצעם אַרײַנגעכאַפּט געוואָרן אין אַ קלעם. דאָס איז דאָך זײַן שולד. זי, גיטעלע, איז דאָך געווען זיכער אַז אַדאָלף ווייסט שוין פֿון זייער חתונה. מיט אַנשטעל און געמאַכטער האָפֿערדיקייט האָט ער איבערגעפֿרעגט דעם זון:

— געדענקסט נישט די פּאַני אַדלער? גוטאַ אַדלער פֿון קאָנפֿעקציע־געשעפֿט?

ביסלעכווײַז האָט די נישט־געוואָלטע אַנונג אין אַדאָלפֿן אָנגעהויבן זיך פֿאַרוואַנדלען אין וויסן — קלאָר, פּײַנלעך וויסן. אַזוי גיך איז דאָס געשען און שוין, אַ שטיפֿמאַמע! דער דמיון זײַנער האָט גענומען לויפֿן אויף צוריק, צו די יינגל־יאָרן אין וואַרשע. ער האָט ווידער געזען דעם עלעגאַנטן מאַגאַזין און דאָס יונגע, רירעוודיקע ווײַבל מיט דעם חנעוודיקן לאָק איבערן

ב. דעמבלין

שטערן. די מוטער זײַנע האָט זי פֿײַנט געהאַט. זי האָט געוווּסט אַז דער פֿאָטער קומט צו אָפֿט צו איר אַרײַן. תּמיד איז זי געגאַנגען אין געפּאַסטע קליידער מיט טיפֿע דעקאָלטן און געוויזן איר דינע טאַליע, די פֿולע היפּטן און דעם שיינעם, רייצנדיקן בוזעם. נישט איין מאָל האָט ער, אַדאָלף, איבערגעלעבט יענעם ייִנגלשן, זיס וווייטיקדיקן ברי, ווען ער פֿלעגט בגנבֿה וואַרפֿן זײַן אויסגעהונגערטן בליק אויף דעם ביסעלע אַנטבלויזקייט פֿון אירע ווײַסע, אויפֿגעבערגלטע בריסט. ער האָט אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און אַ טרוקן, פֿאַרבלאָזן קול האָט ער געזאָגט:

— שלום, גבֿרת אַדלער.

גיטעלע האָט גיך צוגענומען איר האַנט. די טרערן זענען איר געקומען אין די אויגן. אויף אַזאַ אויפֿנאַמע האָט זי זיך נישט געריכט. צו פֿאַרריכטן די מערכה האָט דער מאַן זיך גיך אַרײַנגעמישט:

— נישט מער אַדלער, האָט ער אַ זאָג געטאָן שטיל און באַלד מיט גע־מאַכטער זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט צוגעגעבן: — כ׳האָב דיר טאַקע געוואָלט שרײַבן, אַז גיטעלע איז מײַן פֿרוי, דײַן . . .

ער האָט געוואָלט זאָגן „שטיפֿמאַמע". די ווערטער זענען אים אָבער געבליבן שטעקן אין קעל. אויך אַדאָלפֿן האָט גענומען ווערגן אין האַלדז. אין זײַנע פֿייכט געוואָרענע אויגן האָט אויפֿגעטויכט דער מוטערס גע־שטאַלט. אָט האָט ער זי געזען אין דער היים, אין וואַרשע, און אָט שוין אין לאַגער, צווישן טויזנטער ייִדן, אויפֿן וועג צו דער גאַזקאַמער. אַ שווי־דער האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער האָט זיך געוואָלט טאָן אַ וואָרף אויף דער ערד, רעווען, שרײַען, דאַרף ער גאָר שמייכלען, טרייסטן דעם פֿאָטער, ווינטשן דער שטיפֿמאַמע מזל־טובֿ.

זהבֿה האָט דערפֿילט די אָנגעשטאַנענע געמיטער. זי האָט גיך געטאָן אַ שטרעק אויס איר הענטל צו דער שווינער:

— מזל־טובֿ! אויך דעם פֿאָטער האָט זי אויף ס׳נײַ דערלאַנגט די האַנט: — זאָל זײַן מיט מזל. דער שווער האָט גלײַך געטאָן. ווער קען דאָס לעבן אַליין?

אַדאָלף האָט זײַטיקלעך געוואָרפֿן אַ בליק אויפֿן ווײַב. ער האָט דאָך געוווּסט פֿון וואַנען איר פּלוצעמדיקע אויפֿגעלייגטקייט נעמט זיך. ווי נאָר ס׳איז קלאָר געוואָרן אַז דער פֿאָטער קומט, האָט זי זיך שוין אָנגעהויבן שרעקן טאָמער, חלילה, וועט אים, דעם זון, אײַנפֿאַלן צו נעמען דעם טאַטן אַהיים צו זיך. איצט, אַז זי זעט דער טאַטע איז נישט אַליין, אַז ער האָט זיך מיטגעבראַכט אַ ווײַב, איז אַ גדולה אויף איר קאָפּ. זי דאַרף זיך שוין,

הייסט עס, נישט שרעקן. ער איז דאָך נישט משוגע אַרײַנצונעמען צו זיך דעם טאַטן מיט אַ שטיפֿמאַמע.

אין אַדאָלפֿן האָט פּלוצעם געגומען יערן אַ באַנגער זהבהן ווי צו טאָן. פֿאַר וואָס האָט זי קיין איין מאָל נישט געדאַכט, אַז מ'וואָלט געדאַרפֿט נעמען דעם טאַטעשי צו זיך? אמת, דאָס וואָלט נישט מעגלעך געווען. ווו? אין דעם קליינעם דירהלע אַרײַן? און אויף וועלכע מיטלען? אויף זײַן שׂכירות, וואָס, צוזאַמען מיט זהבהס צואַרבעטן, קלעקט אים נישט אויף צו פֿאַרגינען זיך אַן עקסטרע איי צו קויפֿן אויף שוואַרץ פֿאַר די קינדער. דאָס איז אַלץ אמת, פֿונדעסטוועגן האָט זי געדאַרפֿט געווען וועלן, אָדער כאָטש מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי וויל ער זאָל נעמען דעם פֿאָטער צו זיך. איז זי גאָר איצט הײַטער. אַ גדולה אויף דער באָבע, ער וועט נישט האָבן דעם טאַטן מיט זיך!

די רוגזה איז וואָס אַ רגע אין אַדאָלפֿן אַלץ מער געשטיגן. כאָטש פֿריִער איז אים דאָס אויפֿן זינען אַפֿילו נישט געקומען, האָט ער איצט, פּלוצעם, להכעיס זהבהן, באַשלאָסן אַהיימצונעמען דעם פֿאָטער, זאָל זײַן בלויז אויף טעג, אַפֿילו נאָר אויף איין נאַכט, אַבי זהבהן אַ ביסל צו קרענקען. זאָל זי כאָטש מיינען!

ווי אַלע מאָל ווען אים פֿאַלט עפּעס אײַן, האָט ער שוין גענומען טראַכטן ווי אַזוי עס דורכצופֿירן. מיטן פּקידס הסכּמה, ווייסט ער, קען דאָס נישט געשען. ערשטנס וועט ער דעם פֿאָטער גלײַך נישט אַרויסלאָזן: די צײַט פֿון קאַראַנטין איז נאָך נישט אַריבער. נאָר ווען אַפֿילו יאָ, וועט ער דאָך פֿרעגן: און וואָס מכּוח דער גבֿרת? און ער, אַדאָלף, אײַלט זיך נאָך נישט צו האָבן די גבֿרת אַדלער בײַ זיך. חוץ דעם, דאָס אַרויסנעמען דעם פֿאָטער אָפֿיציעל מיינט איבערנעמען די אחריות. סכּנות וואַרפֿט זיך דעמאָלט גלײַך אָפּ. נו, קען ער דאָס?

אין מיטן טראַכטן האָט אַדאָלף פּלוצעם גענומען גיין און גייענדיק האָט ער זיך אַלע ווײַלע אײַנגעבויגן און געפּרוווט אונטערהייבן די דראָטן פֿון באַרן. די ווײַבער און אויך דער פֿאָטער האָבן מיט פֿרעגנדיקע בליקן אים נאָכגעפֿאָלט. נישט ער און נישט גיטעלע האָבן געקענט זען אַ זין אין אַדאָלפֿס פּרוּוון די וואַנט. זהבה אָבער האָט זיך גלײַך געכאַפּט, וואָס איר אַהרעלען איז דאָ אײַנגעפֿאַלן. אַן איבעראַשטע האָט זי אים נאָכגעקוקט. איר האָט שטאַרק געלאָקט גלײַך צו צעשטערן זײַן פּלאַן. זי דאַרף בלויז אַ זאָג טאָן אַז ער קלײַבט זיך אַרויסצוגנבֿענען דעם פֿאָטער פֿון שער. ס'איבע־ריקע וועט שוין די גבֿרת אַדלער אַליין טאָן. מ'זעט אַז זי איז אַ ייִדענע אויף וועמען מען קען זיך פֿאַרלאָזן. האָט איר אָבער דאָס פֿלינקע קעפּעלע אונ־טערגעזאָגט: צו וואָס מאַכן אַ ליאַרעם? און אַז אַהרעלע וועט שוין

ב. דעמבלין

אהיימנעמען דעם פֿאַטער? וועט ער דען דאָרטן זיין, אז ער האָט דאָ די ייִדענע, אָט דעם עק?

אַדאָלף האָט דערוויַיל א ווינק געטאָן צום פֿאַטער. דער אַלטער האָט געלאָזן די וויַיבער און גיך זיך געלאָזט גיין צום זון.

— ווּ גייען זיי? האָט גיטעלע מיט אומרו זיך געווענדט צו זהבהן.

— די שווינער ווייסט נישט צוליב וואָס מאַנצבילן זונדערן זיך א מאָל אָפּ? דערבײַ האָט זי וויַיבעריש קלוגעטשקע א לאַכעלע געטאָן, ווי זי וואָלט אַליין הנאה געהאַט פֿון איר צווייַדיַיטיקן ענטפֿער. וואָרעם צו וואָס זאָל די פֿרוי וויסן וואָס דאָ גרייט זיך? זי וועט עס שוין זען פּאַרטיקעלהייט. בכיוון האָט זי גענומען פֿאַררעדן די שווינער און, פֿאַר איין וועגס שוין, געפּרוּווט אָנטאָפּן ווּ זי האַלט מיט די געסט, וואָס זיי האָבן בדעה צו טאָן. ריכטן זיי זיך טאַקע אהרון זאָל זיי נעמען צו זיך, אָדער עס פֿאַלט זיי אַפֿילו נישט איַין.

גיטעלע, אַליין אויך נישט פֿון די צוויי־פֿאַר־אַ־דרײַער, האָט גלײַך אײַנ־געזען וואוהין דאָס וויַיבעלע צילט. די כּלומרשטע ריידעלעך פֿון דער שנור האָבן זי א ברען געטאָן. אָט האָסטו קינדער, נאָך איידער וואָס־ווען האָבן זיי שוין מורא טאָמער וועט דער טאַטע דאַרפֿן בײַ זיי איבערנעכטיקן. חוץ דעם האָט נאָך דער פּוילישער האָנאָר אירער זיך געטאָן א ריר. וואָס מיינט דאָס זשאַבעלע? זי האָט דאָ צו טאָן מיט שנאָרערס?

— „זי קענען נישט אינעם שוער״, — האָט גיטעלע א זאָג געטאָן און דערבײַ זיך געטאָן א שטעל פֿאַר דעם וויַיבל אין איר גאַנצער ברייט און נאָך פֿאַרלייגט די הענט אויף אירע פֿולע באַקעס. — „זי האָבן באַדאַרפֿט זען אינעם שוער אין וואַרשע״. און איך, האָט זי פֿאַר איין וועגס שוין א הייב געטאָן אויך די אייגענע מערכה, „זי מיינען, אז איך טויג שוין חלילה צו גאָרנישט״? „זי האָבן געדאַרפֿט זען מיין קאָנפֿעקציע מאַגאַזין אין וואַרשע, אויף דער קרולעווסקע גאַס. כראַבינעס האָבן זיך דאָך בײַ מיר אָנגעטאָן״!

אינצווישן איז דערוויַיל צוגעפֿאַלן דער אָוונט. פֿון ים, אַנטקעגן, האָט געבלאָזן א קיל ווינטל. אַדאָלף האָט אין דער טונקל אַרויסגעריסן עטלעכע האָקנס פֿון באָדן. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן רוקן, מיטן פּנים אַרויף, אונטערגעהויבן מיט די הענט א שטיק שטעכלוואַנט און געוויזן ווי לײַכט עס איז זיך דורכצושאַרן.

דער פֿאַטער האָט שמייכלדיק געקוקט דאָ אויפֿן באָדן און דאָ אויפֿן זון, וואָס איז שוין געשטאַנען לעבן אים, אינעווייניק פֿון שער. דער איינענער אההעלע! ס׳גיהנום וועט ער דורכקריכן און זיך אַפֿילו נישט אָפּזוענגען א האָר פֿון קאָפּ. ער האָט זיך געקראַצט אין נאַקן; פֿון איין זײַט ציט אים

אַרויס, צום זון. פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער האָט ער נישט ס'האַרץ צו לאָזן גיטעלען אַליין. און זאָגן דעם זון, אַז צוליב דער שטיפֿמאַמע קען ער נישט מיט אים מיטפֿאָרן, איז עפּעס אויך נישט גלײַך. ער זעט דאָך שוין ווי אַדאָלפֿן איז געבעך נישט צום האַרץ דאָס גאַנצע חתונה האָבן זײַנס.

אַדאָלף האָט געזאָגט וואָס דעם פֿאָטער קוועלט. און גראָד דערפֿאַר האָט ער נאָך שטאַרקער געוואָלט דער פֿאָטער זאָל מיט אים פֿאָרן. נישט נאָר זהבהן וועט דאָס נישט שמעקן. אויך די גבֿרת אַדלער וועט זיך דאָ גאַנץ שיין קראַצן.

— אָבער וואָס שטעלט דאָ דער טאַטעשי איין? ס'איז דאָך בלויז אויף איין נאַכט. דער טאַטעשי וועט זיך אָנפֿרייען מיט די אייניקלעך און מאָרגן פֿאַר נאַכט וועט דער טאַטעשי זײַן צוריק.

דער זון האָט זיכער געוואָלט מיט דעם זאָג דעם פֿאָטער לאָקן, צום סוף האָט ער אים גאָר פֿאַרווייטיקט ביזן סאַמע געביין. בלויז אויף איין נאַכט! מאָרגן הייסט עס, וועט ער, פּינקוס וואַרמאַן, זיך ווידער אויסציִען אויף דער ערד און זיך קריק אַרײַנגנבֿענען אַהער, פֿון וואַנען ער גאַרט אַזוי אַרויס־צוקומען. וואָס טוט זיך דאָ? טרײַבט נישט עמעצער מיט אים אַ וויסטן חוזק? ער וועט זיך גאָר דאַרפֿן אַרײַנגנבֿענען צוריק אין לאַגער?

און דאָך, כאָטש פֿול מיט צווייפֿל, יאָ־ניין, ניין־יאָ, האָט ער זיך דאָך געטאָן אַ לאָז אַראָפּ צום באָדן. אַדאָלף האָט אונטערגעהויבן אַ שטיק שטעכלוואַנט און ביידע האָבן זיך אויף די רוקנס אַרויסגערוקט דרויסן. זיי האָבן זיך אויפֿגעשטעלט, אָפּגעשאָרט פֿון זיך דעם שטויב און גענומען גיין שטילע, שווײַגנדיקע, ווי פֿאַרשעמטע פֿון דער באַגאַנגענער גנבֿה.

— פּינקוס! האָט גיטעלע געטאָן אַ פּאַטש מיט די הענט, דערזעענדיק דעם מאַן פֿון יענער זײַט צוים.

אין דעם קורצן אויסגעשריי איז געווען נישט נאָר גיטעלעס פּלוצעמ־דיקע איבעראַשונג, נאָר מער נאָך איר פּחד פֿון זען זיך אינעווייניק אַליין.

פּינקוס האָט זיך דערשראָקן. קיין מאָל פֿריִער האָט ער נישט געזען גיטעלען אַזוי היסטעריש פֿאַרלוירן. ער איז צוגעגאַנגען האַרט צום שטעכלדראָט. דורכן געפֿלעכט האָט ער אַרײַנגעשפּרייט זײַנע אָרעמס, גע־נומען איר פּנים נאָענט צו זײַנעם, געקוקט איר מיט ליבשאַפֿט אין די אויגן און זי געקושט ווייך און צאַרט:

— גוטינקע, באַרויִק זיך. מאָרגן בין איך דאָ צוריק. בלויז די איינע נאַכט.

זהבה איז פֿון דער סצענע געבליבן געפּלעפֿט. זי האָט אַ צי געטאָן אַדאָלפֿן. זאָל ער כאָטש זען ווי אַ מאַן צאַפּלט זיך איבער אַ ווײַב.

אַדאָלף האָט זײַטיקלעך, איבערן אייגענעם אַקסל, אַ בייזן בליק געוואָרפֿן

ב. דעמבלין

אויף זהבהן. נישט איר צי האט אים געקרענקט. זיין גאנץ וועזן האָט זיך איצט געקורטשעט צוקוקנדיק, וואָס דאָ קומט פֿאָר. קיין מאָל האָט ער נישט געזען דער פֿאָטער זאָל האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ צערטלעכקייט צו זײַן מוטער.

⁂

אין די פֿרײַע אָוונט־שעהען, צוריק פֿון טירא קיין חיפֿה, פֿאַרבײַ דעם שער־עליה, לויפֿן די אויטאָבוסן האַלב ליידיק. בלויז יונגוואַרג פֿאָרן דענצ־מאָל פֿון די לאַגערן אין שטאָט זען אַ קינאָ. טרינקען בײַ אַ קאַפּעטישל אַ בירה, אויסרוישן זיך אַ ביסל אויף די שפּאַצירן איבערן הדר און שוין, פֿאַר איין וועגס, אַנזעטיקן די הונגעריקע אויגן מיט די שיינע זאַכן אין די העל באַלויכטענע שויפֿענצטער.

איז איצט געווען ליידיקלעך איז האַלב טונקעלן אויטאָבוס. אַדאָלף איז געזעסן לעבן פֿאָטער פֿון איין זײַט און זהבֿה פֿון דער אַנדערער. דורך די פֿענצטער לינקס האָט קיל געבלויט דער ים און אַנטקעגן, געהילט אין ווייך סאַמעטענער נאַכט, האָט זיך הויך געשטרעקט דער כּרמל. פֿײַערלעך, צעוואָרפֿענע ווי בלינצלדיקע שטערן, האָבן זיך געמיניעט און געציטערט פֿון זײַנע טונקעלע שיפּועים אַראָפּ.

פֿאָטער און זון האָבן דורך דער טונקל אַלע ווײַלע אויף ס'נײַ זיך געסוקט אין די אויגן. נישט אַדאָלף האָט זיך געגלייבט אַז ער זיצט טאַקע לעבן פֿאָטער און נישט דער טאַטע האָט זיך געוואָלט גלייבן אַז דאָס איז אַהרעלע, דאָס יינגל, וואָס האָט זיך פּלוצעם, מיט פּופּצן יאָר צוריק, געטאָן אַ הייב אויף ווי אַ פֿויגל און געטאָן אַ פֿאַרשווינד.

— אָבער פֿאַר וואָס האָט דער טאַטעשי נישט געשריבן ווען ער קומט? איך וואָלט דאָך געווען אָפּגעוואַרט דעם טאַטעשי בײַ דער שיף.

דער פֿאָטער האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן:

— האָסט נישט דערהאַלטן מיין בריוו?

— וואָסער בריוו? האָט אַדאָלף געטאָן אַ הייב מיט די אַקסלען. ערשט הײַנט האָבן מיר דערהאַלטן אַ קאַרטל אַז דער טאַטעשי איז אין שער.

— ווער ס'איז שיין, איך בין קלוג. האָט זהבה זיך געטאָן אַ בייג מיט אימפּעט צום שווער. אָט דאָ האָט זי די געלעגנהייט זיך צו פֿאַרהערן מיט אַהרעלען. — דער שווער האָט שוין געהערט אַזעלכעס? פּלוצטהאַלבן גע־פֿעלט אים נישט דער נאָמען. אַזוי לאַנג געהייסן וואָרמאַן, פֿאַלט אים מיט איין מאָל איין אוועקצוּוואַרפֿן וואָרמאַן און זיך אַ נאָמען געבן „איש־אמת“. דער שווער האָט שוין געהערט אַזאַ נאָמען? איך נאָך נישט!

דער אַלטער איז פֿון דעם פּזמון געוואָרן ווי צעטומלט. ער האָט געדרייט

דער טאַטע איז געקומען

דעם קאָפּ דאָ אויף רעכטס צו דער שנור און באַלד אויף לינקס צו אדאָלפן: אזוי, צוליב דעם איז דאָס דער בריוו זײַנער פֿאַרלוירן געוואָרן.

— ווי זשע האָט מען געוווסט דיר אָפּצוגעבן די פריִערדיקע בריוו און דאָס הײַנטיקע קאַרטל?

— פּשוט, איך האָב געמאָלדן אין פּאָסט אַז איך הייס ניִשט מער וואָרמאַן.

זע נאָר ווי פּשוט דאָס איז בײַ אים, — האָט דער פֿאָטער אין געדאַנק צו זיך אליין גערעדט. נעמט און וואַרפֿט אַוועק דעם טאַטנס נאָמען, דעם נאָמען נאָכן זיידן, נאָך אַזוי פֿיל דורות ייִדן און ס׳איז בײַ אים גאַרנישט, אַט אַ שטייגער ווי ער וואָלט אַוועקגעוואָרפֿן אַ צעריסן, ברודיק נאָזטיכל:

— פֿאַר וואָס האָסטו געביטן דעם נאָמען? וואָסי, וואָרמאַן שטייט דיר נישט אָן? אַז גאָט האָט מיר שוין יאָ געהאָלפֿן, מײַן איינציקער זון איז געבליבן לעבן און נאָך אין ארץ־ישראל, נעמסטו נאָר און רײַסט זיך אָפּ פֿון מיר, טוסט אַ וויש אָפּ אַלץ, ווי קיין וואָרמאַן וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געווען? ווי איך וואָלט חלילה קיינעם נאָך זיך נישט איבער־געלאָזט?

אדאָלף האָט געפֿילט אַז ער זינקט אײַן. דעם פֿאָטערס רייד האָבן אים געשלאָגן איבערן קאָפּ ווי קלעפּ פֿון אַ האַמער. ער האָט זיך געדרייט אויפֿן זיצפּלאַץ, ווי ער וואָלט געפּרוווט פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן די אַלע אָנגעהויפֿטע טענות. זײַטיקלעך האָט ער געוואָרפֿן אַ בליק פֿול מיט כּעס צו זהבהן:

— וואָס זי רעדט דאָרטן! איך האָב גאָרנישט געביטן. דער טאַטעשי פֿאַרשטייט? אין עברית מיינט וואָרמאַן — איש אמת. ס׳איז דער איי־גענער נאָמען.

דער פֿאָטער האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט. ס׳ערשטע מאָל אַז אין זײַן מוח האָט גענומען אויפֿטײַען דאָס אײַנגעדרימלטע ביסל עבֿרי פֿון חדר. „איש אמת", דער מענטש פֿון אמת. ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך אליין: אַן אײַנפֿאַל פֿון אַ יונג! מ׳דאַרף האָבן אַ כּוח זיך צו רופֿן מיט אַזאַ נאָמען! ס׳איז אַקוראַט ווי ייִד אַ נאָמען צו געבן „אליהו הנביא", אָדער גאָר „משה רבינו"! אַ מענטש מיט אַזאַ נאָמען גאָלט זיך די באָרדע? פֿלאַפּלט נאַרישקייטן? פֿירט זיך אַרום מיט ווײַבער? אַזאַ איינער קאָן זײַן בלויז אַ משוגענער!

— הערסטו, אהרעלע, מײַן קאָפּ קאָן אַזוינס נישט באַנעמען. לויט מיר איז וואָרמאַן אַ פּשוטער נאָמען, וואָס פּאַסט יעדן ייִד און „איש־אמת" איז עפּעס, וואָס נאָר אַ צדיק, אַ הימלמענטש מעג זיך אַזוי רופֿן.

— טאַטעשי רעדט ווי אַ גלות־ייִד.

פּינקוס וואָרמאַן איז געוואָרן אָפּגעפּלעפֿט:

ב. דעמבלין

— וואָס איז דען אַ גלות־ייִד, אַ גנבֿ?

— ביים טאַטעשי איז אַ גנבֿ ס'ערנסטע. חוץ גנבֿים זענען נאָך דאָ נאַלעווקע־ייִדעלעך, איטשע מאיר מיטן ווינט אין דער באָרד און נישט־געשטויגענע געשעפֿטן אין קאָפּ.

וואָס לענגער אַ רגע, אַלץ מער האָט דער פֿאָטער געשטוינט. ער האָט נישט געגלייבט זיינע אויערן. דאָס איז אַהרעלע?

דער אויטאָבוס האָט זיך דערוויַיל אַריַינגעדרייט אין שטאָט. עלעקטרישע לאָמפּן האָבן אַלע וויַילע אַנגעשוועבט און לייַכט אַ גלעט געטאָן מיט ווייך ליכט איבער די אויטאָשויבן. אַדאָלף האָט זיך אויפֿגעשטעלט און געטאָן אַ צי דעם פֿאָטער מיט זיך. באַלד איז זהבה אויפֿגעשטאַנען. זיי זענען אַרויס פֿון אויטאָבוס. די טראָטואַרן זענען געווען פֿול מיט שפּאַצירער. אין ווינקל גאַס האָט אַ גרויסע קינאָ־שילד געבלינצלט מיט לעמפּלעך, ווי נאַסנפּרויען מיט זייערע אונטערגעשמינקטע אויגן. זיי האָבן זיך פֿאַרנומען רעכטס, באַרג־אַרויף, אין אַ טונקל געסל. אַראַבישע הייַזער זענען דאָרטן געלעגן אין ביידע זייטן אויפֿגעריסענע אין בערג פֿון שטיין און שטויב. פֿון די טונקעלע נישעס און לעכער האָבן היימלאָזע קעץ ווילד געבליצט מיט זייערע גרינע פֿאָספֿאָר אויגן און מאַומדיק געמיאַוקעט.

אַדאָלף האָט געעפֿנט אַ טירל אין אַ בלינדער וואַנט אַריַין. זיי זענען אַריַין אין אַ פֿאַרמאַכטן, ווייַס געפֿלאַסטערטן חצר. עס איז דאָרטן געשטאַנען אַ קליין, גרוי, שטיינערן, אַראַביש הויז פֿון צוויי גאָרן. די דרויסנדיקע טרעפּ האָבן אויסגעזען ווי אַ צוגעשטעלטער געלענדער. זיי זענען אַרויף אין שטוב. עס איז געוואָרן ליכטיק און שכנים האָבן זיך גענומען אַריַיניאָווען. זיי האָבן באַגריסט דעם גאַסט: -- שלום! און דערביַי זייַטיקלעך געוואָרפֿן פֿרעגבליקן צו זהבהן: אַזוי אומגעריכט?

אין מיטן טומל און באַגריסעניש האָט זיך אַדאָלף געטאָן אַ לאָז איבער די טרעפּ און באַלד איז ער קריק אַרויפֿגעקומען מיט ביידע קינדער. ער האָט זיי צוגעפֿירט צום פֿאָטער:

— טאַטעשי, דאָס איז גדעון, האָט ער אַ ווייז געטאָן מיט די־אויגן אויפֿן עלטערן, אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר זעקס, און דאָס איז שאלתיאל האָט ער גע־פּרוּווט דערנענטערן צום פֿאָטער דעם קלענערן, אַ קינד אין פֿערטן יאָר.

אַן אויפֿגעלויכטענער האָט דער זיידע געטאָן אַ שטרעק די אָרעמס, ווי אויסגעשפּרייטע פֿליגל. נאָר די קינדער, אַנשטאָט זיך לאָזן אַרומנעמען, האָבן זיך נאָר געטאָן אַ ריס אַרויס פֿון פֿאָטערס הענט און אין איין מוראַ אַנטלאָפֿן אין קיך צו דער מוטער.

זהבה האָט גענומען גרייטן צום טיש. זי האָט געלייגט אַ ווייַס טישטעך. אוודאי, ווען אַהרעלע וואָלט איר אין דער פֿרי געוועזן זאָגן, אַז ער גרייט

זיך אַזוי אַרום אַרויסצונעמען דעם פּאַטער, וואָלט זי געוועזן אָפּגעבאַקן עפּעס אַ קוכן, אַזוי אָבער האָט זי בלויז געשמעלט אַ געפּלאַכטן קערבל מיט עט־לעכע מאַראַנצן. אַדאָלף האָט צו דעם צוגעשטעלט אַ פּלעשל מיט אַ ביסל בראַנדי. די שכנים, דרײַ יונגע לײַט אין אַדאָלפּס עלטער, האָבן שטייענדיק לעבן טיש געטרונקען לחיים מיט אַדאָלפן און מיטן פּאַטער און די ווײַבער זייערע, אין קיך, האָבן זיך געקליבן אַרום זהבהן ווי אַ בינטל היגער. זיי האָבן זיך געשושקעט אין די אויערן, געשאָקלט מיט די קעפּ:

— אוי וואַ, טאַקע? שוין התונה געהאַט? מענער!

— עמעץ קאָן נאָך מיינען, אַז די ווײַבער פון די לאַגערן זענען בעסער! די גברת פּרומקין האָט דאָך געזאָגט מיט אמתן פּאַרדרוס. זי איז נעבעך געוועזן ביטער אַנטוישט. אַן אַלמנה אין די פּריִע פערציקער, אַ פרוי — בלוט און מילך, מיט אַ מויל ווײַסע, תאוהדיקע ציין, אָן אַ קינד, אָן אַ רינד, מיט אַן אייגענער, רחבותדיק איינגעאָרדנטער שטוב. טאַקע דאָ, אין דעם הויז, דערצו נאָך אַ גוטע שטעלע אין קופּת־חולים, פונדעסטוועגן גייט עס איר נישט מיט קיין שידוך. ווי נאָר זי וואַרפט אַן אויג אויף אַ מאַן, איז אָדער ער האָט שוין חתונה געהאַט, אָדער ער איז שוין אין די הענט בײַ אַ ייִדענע פון די לאַגערן. דעריבער טאַקע האָט זי דאָס אַזוי אומגעדולדיק דערוואַרט דאָס קומען פון אהרונס פּאַטער: אפשר? בפרט נאָך, לויט אהרונס רייד, האָט זי זיך אים אויסגעמאָלן עפּעס גאָר אַזוינעם און אַזעלכן. האָט ער אויך שוין חתונה געהאַט! וואָס זשע וועט זי זיך דאָ פּלאָנטערן זהבהן אונטער די פיס? האָט זי גיך געזאָגט: „ליל טובֿ" און זיך אַרויס־געשלײַכט פון שטוב. די אַנדערע ווײַבלעך האָבן איר זײַטיקלעך נאָכגע־קוקט, געטאָן אַ צווייזייטיקן שמייכל איינע צו דער אַנדערער און זיך אויך געלאָזט צו דער טיר, מיטנעמענדיק די מענער פון טיש אַוועק.

זהבה איז באַלד נאָכגעקומען צום טיש. זי האָט אַראָפּגענומען דאָס קיישל מאַראַנצן, דאָס ביסל בראַנדי. אַנשטאָט דעם האָט זי געלייגט אַ האַלב ברויט, אַ מעסער מיט לעפל, אַ געפּינגערט זאַלצמעסטל מיט זאַלץ און אַ טעלער מיט אַ ביסל אָנגעוואָרעמטע צוקערבאָב, וואָס זי האַלט בלויז פאַר אַדאָלפן אויף נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט. אוודאי וואָלט זי, לכּבֿוד דעם גאַסט, באַדאַרפט שטעלן צום טיש אַ שטיקל הערינג מיט ציבעלע, כאָטש אויסקאָכן אַן איי. אָבער ווער קען זיך דאָס פאַרגינען אויפן שוואַרצן מאַרק הערינג, ציבעלעס? און ווי קאָן זי טראַכטן פון אַן איי, אַז אין גאַנצן האָט זי נאָך דרײַ אייעלעך פאַר ביידע קינדער אויף צוויי טעג. אַ נעפּאַלענע בײַ זיך האָט זי שעמעוודיק גענומען אַרײַנברענגען די טעלער מיט שוואַרצלעכע לאַקשן, וואָס זי האָט אויף גיך אָפּגעקאָכט אין פּאַסנע וואַסער, בלויז מיט אַ ביסל זאַלץ און אַ קריש מאַרגאַרין אונטערגעשמאַלצן:

ב. דעמבלין

— דער שווער וועט מיר מוזן מוחל זײַן די אָרעמע סעודה, האָט זי, אוועקשטעלנדיק דעם טעלער, זיך אַנטשולדיקט פֿאַרן גאַסט. — דער שווער ווייסט דאָך, בײַ אונדז איז הײַנט צנע.

— שאַדט ניט, טאָכטער, — האָט דער פֿאָטער איר אַ גלעט געטאָן די האַנט, — נישט איין ייִד וואָלט איין לאַנגער זיך דערהאַלטן בײַם לעבן מיט אַזאַ שיסעלע עסן.

זהבה האָט געשמייכלט, דער ערשטער שמייכל, וואָס זי האָט געשאָנקען דעם שווער, אַ שמייכל פֿון דאַנק פֿאַר זײַן ביסל אײַנזעעניש. אַ צופֿרידענע איז זי צוריק ארײַן אין קיך און דאָרטן גענומען לייגן די קינדער שלאָפֿן. אין אַ ווײַל אַרום האָט זי זיך אויך געזעצט צום טיש עסן.

אין מיטן דער סעודה האָט פּינקוס וואָרמאַן גענומען וואַרפֿן אַן אויג אויף דער דירה. אַז די וווינונג באַשטייט אין גאַנצן פֿון איין צימער מיט אַ קיכל, דאָס זעט ער שוין. איצט קוקט ער זיך אַרום אויף דעם זונס מעבל. קיין בעט איז דאָ נישטאָ. בלויז אַן איבערגעדעקטער טאַפּטשאַן און אַ שלאָפֿבאַנק. די קאַמאָד בײַם וואַנט און דער טיש מיט פֿיר שטולן אין מיטן שטוב, דאָס טישעלע מיט דער ראַדיאָ אין ווינקל און די זינגער־מאַשין בײַם באַלקאָן־פֿענצטער, אַלץ דערציילט אים אויף קלאָר, אַז קיין גביר איז אַדאָלף נאָך דערווײַל נישט געוואָרן.

— ווי זשע גייט ענק דאָ, קינדער? — האָט דער פֿאָטער היימישלעך אַ פֿרעג געטאָן און פֿאַר איין וועגס אויפֿגעהערט עסן. — איך האָב דאָך געמיינט עץ זענט אין אַ קיבוץ.

— שוין איבער זעקס יאָר אַז איך אַרבעט אין דער צעמענט־פֿאַבריק, האָט אַדאָלף צופֿרידן געשמייכלט און געשלונגען די לאָקשן מיט וואַסער מיט אַן אַפּעטיט, ווי דאָס וואָלטן געווען די אַמאָליקע, דינע, אייערלאָקשן מיט הינערשע יאַכלעך, וואָס די מאַמעשי פֿלעגט אים אַ מאָל קעכלען אין וואַרשע.

— און די גאַנצע צײַט וווינט עץ דאָ?

זהבה האָט אַ קוק געטאָן צו אַדאָלפֿן און באַלד צום שווער. ער ווייסט נעבעך נישט אַז די וווינונג האָבן זיי ערשט זינט די אַראַבער זענען אַוועק פֿון חיפֿה:

— דער שווער האָט גערדאַרפֿט זען ווי מיר האָבן זיך געמאַרדעוועט אייִדער מיר האָבן נעקראָגן די דירה.

— פֿאַר וואָס זשע זענט עץ אַוועק פֿון קבוץ? מ'זאָגט דאָך אַז דאָרטן האָט יעדער וואָס ער דאַרף.

אַדאָלף האָט אויסגעזופּט דאָס לעצטע ביסל שיטערס. ער האָט אַוועקגערוקט דעם טעלער און זיך אָפּגעווישט ס'מויל, ווי נאָכן בעסטן מיטאָג.

דער טאַטע איז געקומען

ער האָט גראָד יאָ געוואָלט דערקלערן דעם פּאָטער פּאַר וואָס ער האָט נישט געקענט לעבן אין קיבוץ. אָבער גיי דערקלער אַן עולה חדש אַזעלכע זאַכן. זיי קלערן אַזוי אויך אוים אויף די קיבוצים כּל דבר רע:

— דער טאַטעשי דאַרף וויסן, אַז לעבן אין אַ קיבוץ קאָן נישט יעדער איינער. נישט יעדער איז ראָוי צו דעם און נישט יעדער קען זיך צופּאַסן צו אַזאַ סאָרט לעבן. אַ מענטש, וואָס גייט לעבן אין אַ קיבוץ, דאַרף קענען אין זין האָבן דעם כּלל, נישט בלויז זיך אַליין. און דער טאַטעשי ווייסט דאָך, אַז די מערסטע מענטשן זענען נאָך דערוויַיל גאַנץ נידעריקע חיות. דער קיבוץ מעג זיַין ווי רײַך, וועט עס אַזוינע מענטשן נישט וואַרעמען, וויַיל זיי קענען נישט אַריַינטאָן דאָס רײַכטום פֿון קיבוץ צו זיך אין קעשענע.

דער פּאָטער האָט ענדלעך, צוליב דעם אָנגעשטאַנענעם שמועס, געפֿונען די געלעגנהייט אָפּצורוקן פֿון זיך דעם טעלער. זאָל אים גאָט נישט שטראָפֿן. בלויז אין די טויטלאָגערן בײַם דײַטש וואָלט אַזוינס געווען אַ מאכל. די יושקע נאָך דער באַפֿרייונג און די זופּן דאָ, אין שער, זענען שמחת־תּורה־סעודות אין פֿאַרגלייך מיט דעם, וואָס די קינדער עסן דאָ נעבעך. ער האָט זיך אָפּגעווישט די פֿאַרנעצטע וואָנסע און געזאָגט צו אַדאָלפֿן:

— וואָס דאַרפֿסטו די לאַנגע רייד? מיר דאַכט זיך, אַז אַ קיבוץ קען נישט האָבן קיין קיום. אַ מענטש איז נישט קיין בהמה. ער וויל נישט אייביק זיַין מיט דער סטאַדע און אוודאי נישט אַלע טאָג עסן מיט דער זעלבער כאַליאַסטרע בײַ איין טיש און פֿון איין און דער זעלבער קאַרעטע.

⁂

אַ וואַכער איז פּינקוס וואַרמאַן געלעגן אין אייניקלס שלאָפֿבאַנק. ער האָט געגאַפּיעט דורכן פֿענצטער אין נאַכטיקן דרויסן. אָט איז ער בײַם זון. נו, וואָס? די קינדער האָבן אים אַפֿילו נישט געפֿרעגט וואָס ער טראַכט צו טאָן. האָבן זיי מורא אַפֿילו צו פֿרעגן? מיט וואָס זשע קומט ער קריק צו גיטעלען?

עס האָט גענומען טאָגן. דער טונקעלער חלל האָט אָנגעהויבן גרויען, ווערן העלער און אָט איז שוין געווען ליכטיק און אַ שיף האָט זיך צעטרובעט. ערגעץ ווו האָט דאָ פֿאַרבײַגערעדלט אַ באַן. די וואַגאָנעס האָבן זיך צונויפֿגעשטויסן מיט אַ טעמפּן געקלאַפּ און אויפֿגעריסן די באַגינענדיקע שטילקייט.

אַדאָלף האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. זהבה איז געשלאָפֿן אויפֿן צווייטן האַלבן טאַפּטשאַן, האַרט בײַ דער וואַנט, איינגעניורעט אין צודעק ביז איבער דער נאָז. ער האָט אַריבערגעקוקט איבערן טיש, צו דער שלאָפֿבאַנק. דער פּאָטער איז געלעגן וואַך, די הענט אונטערן קאַרק. זייערע

ב. דעמבלין

בליקן האָבן זיך באַגעגנט, זיך אָנגעהאַפּטן און זיך צעשמייכלט איינער צום אַנדערן.

אַדאָלף איז גיך אַראָפּ פֿון געלעגער. אויך דער פֿאָטער האָט זיך אונטער־געהויבן. שטיל, נישט אויפֿצוּוועקן זהבהן, איז דער זון, אויף די באָרוועסע שפּיץ פֿינגער, צו צום פֿאָטער:

— וואָס שטייט שוין דער טאַטעשי אויף?

— וואָס וועל איך ליגן, — האָט דער פֿאָטער שטיל צוריקגעפּליסטערט.

— כ'על בעסער אַראָפּגיין אַ קוק טאָן אויף דער שטאָט.

שטיל, מיטן אָנטועכץ אין די הענט, זענען טאַטע און זון אַריין אין קיך. ס'האָט דאָ געשמעקט מיט זויערס פֿון נעכטיקע איבערגעשטאַנענע לאָקשן. אַדאָלף האָט געעפֿנט ס'פֿענצטער. די צוויי יינגעלעך, אָפּגעדעקטע, זענען געשלאָפֿן אין קינדערבעטל, דער עלטערער צוקאָפּנס און דער קלענערער צו־פֿוסנס. דער זיידע איז שטיל צוגעגאַנגען זיך לאַנג איינגעקוקט אין די אייניקלעך: פּונקט אַזוי האָט דאָך אַהרעלע אויסגעזען אין זייער עלטער: בלאָנדע קרייזלעך, אַ קליין, געטאָקט נעזל, פּולע, רויטע ליפּעלעך און זיינע בלויע אויגן.

אַדאָלף האָט זיך דערוויַיל געהאַט אָנגעטאָן. ער האָט אַרויסגעדרייט די צוויי ברייטע קנויטן און אָנגעצונדן איינע פֿון די צוויי גרינלעך בלויע נאַפֿטמאַשינקעס. צוויי דינע פֿייערלעך, מיט היטעלעך פֿון קאָפּעטש, האָבן זיך גענומען הייבן אין דער לופֿטן. אַדאָלף האָט גיך אַרויפֿגעשטעלט אַ וויים עמאַל טשייניקל מיט וואַסער. לכּבֿוד דעם פֿאָטער האָט ער אויך איצט געלייגט אַ טישטעכל אויפֿן קיכטישל און אַרויפֿגעשטעלט דאָס קערבל מאַ־ראַנצן, אַ סלאָיק מאַרמעלאַד, אַ שטיקל געלן מאַרגאַרין אויף אַ טעלערל און אַ קליאָשל מיט מעלצוקער. ער האָט אויך אָנגעהויבן אַ קאָרנברויט, אַרומ־געשניטן צוויי דיקע פּעניצן, זיי אָנגעשמירט מיט מאַרמעלאַד און דאָס איינ־געוויקלט מיט צוויי מאַראַנצן אין אַ בלעטל צייטונג־פּאַפּיר:

— טאַטעשי זעט? דאָס איז מיין מיטאָג.

— קאָנסט פֿון דעם האָבן אַ סך כּוח, האָט דער פֿאָטער, אין מיטן אָנטאָן זיך, באַדויערלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ און דאָס פֿאַרגליכן מיט די פֿרישטיקן אין וואַרשע, די אייער און פּוטער, קאַקאַ און שמאַנט און ערשט די וואַרע־מעסן פֿון ווורשט און אויפֿשניט וואָס די מאַמע פֿלעגט אין אַהרעלען אַריינפּאַקן.

אַדאָלף האָט געזאָגט וואָס דער פֿאָטער טראַכט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— טאַטעשי מיינט, אַז שטענדיק איז ביי אונדז געווען צנע? אוי האָט מען אַ מאָל אין אַרץ געפּרעסן! בעסער נאָך ווי אין וואַרשע.

דאָס וואַסער אין טשייניק האָט גענומען זידן. אַדאָלף האָט געשטעלט

צוויי גלעזער מיט טעצעלעך. ער האָט אַרײַנגעשניטן פּעניצלעך ציטרין און גענומען גיסן דעם רויט פאַרפאַרעטן טיי. זיי האָבן זיך געזעצט צום טישל, איינער קעגן אַנדערן. אַדאָלף האָט אָפּגעשיילט דעם פאָטער אַ מאַראַנץ, אויך זיך איינעם. אין מיטן עסן האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן ניקלנעם האַנט־זייגערל:

— שפּעט, איך דאַרף שוין גיין. ער האָט גיך אויפגעגעסן דעם פּעניץ ברויט מיט מאַרמעלאַד, אויסגעטרונקען די טיי און איז אויפגעשטאַנען פון טיש. אויך דער פאָטער האָט זיך אויפגעשטעלט. אַדאָלף האָט גענומען דאָס פּעקעלע עסן אונטערן אָרעם און איז מיטן פאָטער שטיל אַראָפּ די טרעפּ, אַרויס פון שלאָפנדיקן הויף און גיך גענומען גיין איבער דעם שלעכט ברוקירטן געסל, אַראָפּ־באַרג, צו דרך יפו:

— טאַטעשי זעט, האָט ער אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט, דאָרטן איז די תחנה, די אויטאָבוסן־סטאַציע. ער האָט פאַרגיכערט דעם טראָט. ביידע זענען אַריבער דעם וועג. אַנטקעגן, אויפן טראָטואַר, האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע ריי מיט מענטשן. אַדאָלף האָט זיך צוגעשטעלט צו דער ריי, ווי ער וואָלט צוגעשטעלט נאָך אַ ברעט צו אַ וואַקסנדיקן פּאַרקאַן. אויטאָבוסן זע־נען כּסדר אָנגעלאָפן, זיך אָפּגעשטעלט, אַרײַנגעצויגן אין זיך שטיקער פון דער ריי און אָוועקגערעדלט. אַדאָלף האָט זיך כּסדר גערוקט מיט דער ריי און דער פאָטער לעבן אים. אָט איז שוין אויך ער בײַ דער אָפענער טיר. ער האָט אַ ריר געטאָן דעם פאָטער אויפן אַקסל:

— שלום, זאָל טאַטעשי באַלד גיין צוריק אין שטוב.

פּינקוס וואָרמאַן איז נישט געגאַנגען צוריק אין שטוב. אַז דער זון איז נישט אין דער היים, וואָס האָט ער דאָרטן צו טאָן? די אייניקלעך אַנטלויפן פון אים. די שנור? ווער ווייסט? לויט דער נעכטיקער באַ־גריסונג אין שער איז רעכט, אַז זי זעט אים גאָרנישט גערן. אַ לאַנגע ווײַל איז ער אַזוי געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, צעטומלט, עפּעס ווי אַן אויסגע־הוילטער. וווּ גייט ער? וואָס טוט ער?

אַרום אים האָט גערוישט אַ גרויסשטאָטישער אויפגעוואַכטער פרימאָרגן. מענטשן האָבן געאײַלט פון אַלע זײַטן. איבערן וועג האָבן כּסדר געצויגן די אויטאָבוסן, לאַסט־וועגן, אויטאָס, מיליטערישע דזשיפּס. ווי אין וואַרשע האָבן אויך דאָ שטאָלענע וויקלטירן זיך אויפגעוויקלט מיט אַ גערויש אַרויף, צום סופים. ווידער האָבן זיך געעפנט די געוועלבער און רעסטאָראַנען, ביור־ראָען און סקלאַדעס.

פּינקוס וואָרמאַן האָט גענומען גיין פּאַוואָליע, פויל, אָן אַ ציל. ווי אַ פרעמדער האָט ער געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זײַטן, געגאַפּיעט אין די פענצטער, אַרײַנגעשניפּט אין שמאָלע געסלעך און הויפן. באַלד האָט ער

זיך גאָר פֿאַרנומען לינקס, צום פּאָרט. ער איז געבליבן שטיין בײַ אַ שלאַנג־באַן, אין מיטן דער אָפּגעצוימטער גאַס. אַנגעשפּאַרט אָן קלאָץ איז ער געשטאַנען געפּלעפֿט און פֿאַרכאַפּט פֿון דעם געזשום און געבראַזג אין האָפֿן. שטאָלענע הייבערס האָבן געהויערט הויך איבער געעפֿנטע שיפֿדעקן. ווי מעכטיקע הענט האָבן זיי פֿון די אינגעווייידן אַרויסגעהויבן קאַנאַטנעצן, פֿולע מיט בערג סחורה־קאַסטנס, מיט גלאַנציקע אויטאָס, שטאָלענע רעדן, מאַשינען און הוידלענדיק דאָס אַראָפּגעלאָזט אויף פּלאַטפֿאָרמעס פֿון וואַגאָנעס, פֿון טראַקס, אויפֿן קאָנקריטענעם באָדן. און מענטשן, אַזוינע דראָבנע, קליינע, האָבן אַרומגעהאָוועט ווי בינען אַרום די אָפּגעלייגטע בערג, געשלעפּט, גע־שטופּט און געלאָדעוועט די שווערע משאות. און פּונקט ווי דער ברעג האָט געקאָכט און געזשומט, אַזוי איז די אָפֿענע ים־בוכטע געלעגן רויִק, שטיל. די גרינלעך בלויע וואַסערן האָבן זיך געמיניעט, ווי אַ בלישטשענדיקער שפּיגל און ווייך געציטערט קעגן דער בלענדנדיקער זון. און אויבן, אין ביידע זײַטן פֿון דער בוכטע, זענען געשטאַנען פֿאַראַנקערט צוויי קריגשיפֿן, צוויי וועכטער מיט פֿאַרהויבענע האַרמאַטן אַרויס אין אָפֿענעם ים אַרײַן.

פּינקוס וואָרמאַן האָט געגאַפֿט. אַן אמתע מדינה! אַ יידישע מדינה! ייִדן לאָדעווען שיפֿן? משיחס צײַטן! ווי כ׳בין אַ ייִד. און ער איז דאָ אָנגעקומען אויף אַ שיף און גאָרנישט געזען. זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף אַדאָלפֿן און גאָרנישט באַמערקט וואָס דאָ טוט זיך. עמעץ האָט אים אַ ריר געטאָן אויפֿן אָקסל: — אַדון! ער האָט אויפֿגעצאַפּלט, ווי ער וואָלט פּלוצעם אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון טראַנס, אַ חלום. ער האָט זיך אומגע־קוקט. ס׳איז געווען דער שוטר, אַ נידעריק פֿאַרשווינדל, אין אַ פּאָליציייִש היטל, צו גרויס פֿאַר זײַן קאָפּ. וואָרמאַן האָט זיך דערמאָנט אַז פּונקט אַזוי האָבן אויסגעזען די פּוילישע פּאָליציאַנטלעך נאָך פּוילנס באַפֿרייונג. אויך יענע זענען געווען צו קליין פֿאַר זייערע היטלען און מונדירן, פֿאַר זייערע שטיוול אויף די פֿיס און זייערע פּיסטוילן אַרום די לענדן.

דאָס פּאָליציאַנטל האָט אַ רוק געטאָן אַ ריגעלע פֿון צוים. דער שלאַנגבאַן האָט זיך געעפֿנט און פֿאַרהויבן אין דער הויך, ווי צוויי אויפֿגעהויבענע הענט. אַן אָנגעלאָדענער לאַסטאויטאָ האָט אַרײַנגערעדלט אין פּאָרט.

פּינקוס וואָרמאַן איז צוריק אַרויס אויף דרך־יפֿו. אַ פֿאַרטראַכטער האָט ער זיך געפּלאָנטערט צווישן קרענצלעך מענטשן אויפֿן טראָטואַר. פּלוצעם מורמלט אים עמעץ אין אויער:

— וואָס האָט איר, הארטע, ווייכע?

וואָרמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט. אַן אמתע בערזע! ייִדן האָבן זיך געדרייט הין און צוריק אַרום אַ גרויסער קאַפֿע. טייל האָבן געהאַלטן טע־וועלעך שאָקאָלאַד, ווי פּענדלעך, אַנדערע — אַ קענדל פּלייש, געטריקנטע

דער טאַטע איז געקומען

פּרוכט, שאַכטלען סאַרדין און אַלע האָבן זיי געשנאַפּט מיט די נעז, געבליצט מיט די אויגן און כּסדר געבליקט הינטער זיך, פּונקט ווי אין מינכן, אויף דער מעל־שטראַסע.

ער איז אַרײַן אין דער קאַפע. כאָטש דער סוף איז דאָ געווען אומגעהויער הויך און די גרויסע פֿענצטער ברייט צעעפֿנט, איז דאָך דאָס געדערעריי אין דער געטומל, אײַנגעהילט אין אַ געדיכטן ציגאַרעטן־רויך, ממש געלעגן אַלעמען אויף די קעפּ. יעדן האָבן דאָ געדערדט אויף אַלע שפּראַכן און געמסחרט מיט אַלץ אין דער וועלט. אַרום די ווײַסע קאַפעטישלעך, ביי אַ „בירה" אָדער אַ שעלכל קאַפע, האָט מען דאָ פֿאַרקויפֿט פֿון אַן אַמעריקאַנער פֿרידזשידער ביז אַ דײַטשן מאַטאָציקל, פֿון אַ פֿאַטאָאַפּאַראַט ביז אַ מגרש אויף אַ פֿאַבריק. פֿלינקע, שלויע סוחרימלעך, האָבן אַרומגעשניפּט צווישן עולם: האָט נישט עמעץ צו פֿאַרקויפֿן אַן אַמעריקאַנער גאָלדענעם צוואַנציקער, אַן ענגליש קריינדל, שווייצאַרישע האַרטע?

כאָטש פּינקוס וואַרמאַן האָט נישט געהאַט די סחורות און אויך נישט געוווּסט ווי זייער מאַרק האַלט, האָט ער זיך דאָך צוגעזעצט צו אַ טישל. אַ קעלנער האָט אים צוגעברענגט אַ גלאָז טיי און אַ פּענעץ ברויט מיט אַ דין שטיקעלע ווײַסן קעז פֿון אויבן. ער האָט געגעסן אָן חרק און אויך נישט געפֿילט קיין טעם אין דער טיי. ס׳מויל האָט זינלאָז געקײַט און דער מוח האָט געעגבערט: וועט אַדאָלף זיין אימשטאַנד אים מיט עפּעס צו העלפֿן? וועט די שנור אים לאָזן? ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון טישל און קריק אַרויס אין גאַס. וואָס וועט ער דאָ זיצן צווישן שוואַרצהענדלער? ער וועט זיך בעסער אַרומקוקן ווי עס האַלט דאָ מיט זיין פּראָפֿעסיע.

נאָכן דורכגיין זיך אויף און אָפּ אויפֿן דרך־יפֿו, האָט ער גיך אײַנגעזען, אַז דאָ איז נישט דאָס אָרט פֿאַר פֿריזיר־סאַלאָנען. עס רעשט דאָ צו פֿיל מיט פֿאַרט, מיט אָפּגייענדיקע שיפֿן, מיטן הפקר פֿון מאַטראָסן. אַ ראַזורע פֿאַר טרעגער, קאָמערסאַנטן און ים־לײַט, דאָס יאָ, אָבער נישט קיין סאַלאָן פֿאַר דאַמען.

ער איז אײַנגעשטיגן אין אַן אויטאָבוס אַרויף־באַרג. דער וואָגן האָט זיך געקערעוועט דורך גאַסן אַלץ העכער צום הדר. גאָר אַן אַנדער שטאָט האָט זיך דורכן פֿענצטער פֿאַר אים צעעפֿנט. קליינע, חנעוודיקע הײַזער פֿון געטשעשעטן שטיין אין גאָלד ברוין, אַנדערע אין זילבער גרוי. אַרום זיי — ביימער, גרינע לאָנקעלעך, ציכטיקע טראָטואַרן, מאַגאַזינען מיט גרויסע שויפֿענצטער. ער איז אויסגעשטיגן אין מיטן פֿון אַ גאַס און זיך אַרומגעקוקט: אַזוי, דאָ זעט שוין אויס גאָר אַנדערש, שוין באַלד ווי וואַרשע. ער האָט פֿאַרהויבן דעם קאָפּ. די זון איז געשטאַנען הויך.

ב. דעמבלין

ס'ליכט האָט געבלענדט און געגליט. ער האָט פֿאַרלייגט די האַנט ווי אַ דעכעלע איבער די אויגן און איבערגעלייענט דאָס גאַסנשילדל: „רחוב הרצל”. אַזוי, דאָס איז דאָס די הערצל־גאַס? פֿאַראַלעל מיט דעם נאָמען איז אים אין דמיון אָנגעשוווּמען דער נאָמען „קרולעווסקע”. וויי־ווי, אַזוי פֿיל יאָרן דאָרטן אָפּגעלעבט. קרולעווסקע, געווען אַזוי היימיש, אַזוי אייגן. און איצט, וואָס איז קרולעווסקע? אַ ייִד האָט אַוודאי מורא זיך דאָרטן צו ווייַזן.

ער האָט גענומען גיין לענג־אויס הערצל־גאַס געקוקט אין די שויפֿענצטער, באַטראַכט די מענטשן. ער האָט געזען אַ סך עלעגאַנטע פֿרויען, שיין געקעמט. די פֿרויען דאַרפֿן געווים אַ פֿריזיר־סאַלאָן. אָט, דאָ, ווען ער קריגט אַ שטיקל געוועלב, כאָטש אויף איין שטול מיט אַ שפּיגל! נישט בלויז זיך, אויך אַדאָלפֿן וואָלט ער געשטעלט אויף די פֿיס. אָרעם קינד, וואָס וועט ער זיך דערלעבן אין דער צעמענט־פֿאַבריק?

⁂

שפּעט נאָך האַלבן טאָג האָט פּינקוס וואַרמאַן זיך צוריקגעיאָוועט צו די קינדער אין שטוב. ס'איז דאָ איצט געווען קיל און שטיל. זהבה, אַ באָרוועסע, אין אַ בלויז קלײדל, די האָר ווי אַ פֿאַרהויבן עקל, איז געזעסן איבערן זינגער־מאַשין, מיט דער פּלייצע צו דער טיר, אַ שטאַרק פֿאַרטאָענע אין איר געניי. און פֿאַרטאָן, ווי די מאַמע, איז אויפֿן מאַט רויטן, קאַכלנעם באָדן געזעסן דאָס קלענערע אייניקל, שאלתּיאל. מיט עקשנות האָט דאָס קינד געשטופּט אַן אַלט, בלעכן וועגעלע מיט בלויז דרײַ רעדלעך און פּונקט מיט דער זעלביקער עקשנות האָט דאָס וועגעלע געהאַלטן אין איין אומפֿאַלן. דער זיידע האָט אַ צעגער געטאָן אין דער טיר־עפֿענונג. ער האָט דערפֿילט אַ צוויק אין האַרץ: אַ שיינער זיידע איז ער. אַ גאַנצן טאָג געווען אין שטאָט און געקומען צו די אייניקלעך מיט ליידיקן. ער האָט זיך שטיל אויסגעדרייט און, אומבאַמערקט ווי ער איז אַרויף, אַזוי איז ער אומבאַמערקט אַראָפּ די טרעפּ. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער קריקגעקומען, דאָס מאָל שוין מיט אַ דרייסטן טראָט און מיט אַ רויט באַנוואַנאַנדל אונטערן אָרעם.

זהבה האָט זיך אומגעקוקט:

— שווער! ווו איז דער שווער געווען אַ גאַנצן טאָג? כ'האָב האָך שוין נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן.

דער שווער האָט געשמייכלט ווי ער וואָלט, פֿון איין זײַט, געווען צופֿרידן וואָס די שנור איז אַזוי באַאומרויִקט איבער אים און, פֿון דער צווייטער זײַט, גלייבט ער נאָרנישט צי זי מיינט דאָס, צי ס'איז נישט בײַ איר הוילער אָנשטעל. אויך דאָס קינד האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע

אויגן. דאָ אָבער איז שוין נישט געווען קיין ספק אַז דאָס יינגעלע מיינט נישט אים נאָר דאָס רויטע שפּילצײַג אונטער זײַן אָרעם. אינסטינקטיוו האָט דאָס קינד אויסגעשטרעקט דאָס הענטל און באַלד עס צוריקגעצויגן, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט, אַז נישט דער אַבאַ האַלט אַזאַ שיינע זאַך, נאָר אַ פרעמדער זקן, וואָס האָט אים שוין איין מאָל געוואָלט כאַפּן און ער איז פון אים אַנטלאָפן מיט אַ געוויין.

— נאַ, נעם, האָט דער זיידע אויסגעשטרעקט דאָס וואַגאָנדל צום קינד. דאָס אייניקל אָבער, אַנשטאָט גיין אַקעגן דעם זיידן, האָט זיך געטאָן אַ שטעל אויף אין איין שרעק און מיט אַ געוויין אַנטלאָפן צו דער מוטער. זהבה האָט אים געגלעט ס'קעפּל:

— אַל תפחד, הוא סבאָ.

אין מיטן דער סצענע האָט זיך אַרײַנגעוויזן ס'עלטערע יינגעלע, גדעון, נאָר וואָס פון גן. מיט וווּנדער אין די אויגן האָט ער געקוקט אויף דעם רויטן באַנוואַגאָנדל אין סבאָס האַנט.

— נאַ, גדעון, האָט דער זיידע אַ שטרעק געטאָן דאָס שפּילצייג, אַזוי אַרום צוצוציען דעם קלענערן. אָבער אויך גדעון האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. שעמעוודיק, מיט אַ צעטומלטן שמייכל אויפן פּנימל, האָט ער געקוקט דאָ אויפן באַנוואַגאָנדל און דאָ באַלד אויף דער מוטער, ווי ער וואָלט מיטן בליק געפרעגט צי ס'איז רעכט צוצונעמען דעם ברודערלס מתנה, און אַז די מוטער האָט נישט געזאָגט „לא", נאָר גאָר צו אים צוריקגעשמייכלט, האָט ער אויסגעשטרעקט דאָס הענטל און גענומען דאָס וועגעלע. פאַר איין וועגס האָט ער שוין פאַרגעסן, אַז ער לאָזט זיך נישט פון דעם זקן אַרומנעמען, נאָר גאָר אים געגעבן אַ קוש פאַר דער מתנה.

ערשט איצט, אַז דאָס שפּילצייג איז שוין נישט געווען אין אַלטנס האַנט, האָט דער קלענערער זיך געטאָן אַ הייב פון דער מוטערס שויס. מיט אימפּעט האָט ער זיך געטאָן אַ יאָג נאָכן עלטערן, אַראָפּ די טרעפּ און גלייך האָט זיך אַרויפדערהערט דאָס גרויסע געוויין און גערײַסערײַ פון צוויי קינדער איבער איין שפּילצײַג. באַלד האָט זיך פון חצר אויך אַרויפגעהערט אַדאָלפס שטים. דער פאָטער איז גיך אַרוים אויפן טרעפּנבריקל:

— שלום, האָט אַדאָלף, אין מיטן באַרויִקן די קינדער, אַרויפגעגרוסט דעם פאָטער.

— שלום, האָט ער געענטפערט דעם זון און דערבײַ געשאָקלט דעם קאָפּ מיט באַדויער: ווײ — ווײ, ווי אַפּגעטונקען אין צעמענטשטויב ער איז. ערגער פון אַ מוליאַרזש אין וואַרשע. אויף דעם האָט ער זיך דאָס באַדאַרפט אָוועקברענגען אַהערעט זאָל גיין אין גימנאַזיע? די מאַמעשי זיינע וואָלט אים איצט באַדאַרפט זען! זי וואָלט זיך באַגראָבן אַ לעבעדי־

ב. דעמבלין

קע. וואָס זי, די מאַמע, האָט אַלץ צעהאַפּט אהרעלע זאָל איר ווערן. אַ דאָקטאָר, אַן אַדוואָקאַט, אַן אינזשעניער. צומאָל גאָר, ווען אהרעלע האָט געשפּילט אויפֿן פֿידל, האָט זי געוואָלט ער זאָל אויסוואַקסן אַ קאָנצערטיסט און זי, די מאַמע, זאָל נאָך דערלעבן צו זיצן אין אַ לאָזשע, אין דער וואַרשעווער פֿילהאַרמאָניע, ווען אהרעלע וועט דאָרט געבן קאָנצערט.

ווי אַלע טאָג איז אויך איצט זהבה אַרויסגעקומען אויפֿן טרעפּנבריקל מיט אַ האַנטעך און זייף, מיט אַ כאַלאַט און אַ פּאָר האַלצערנע שטעקשיך. זי האָט קונציק אַ וואָרף געטאָן דאָס פּעקעלע אַדאַלפֿן אין די הענט אַריין. ער האָט זיך פֿאַרמאַכט אין דושקעמערל. דער וואַסער־שפּריצער האָט זיך צעשאָרוועט. קיל דערפֿרישנדיקע וואַסערבײַטשן האָבן גענומען שטראָמען איבער זײַן מידן, אויסגעשוויצטן לײַב. פֿון גרויס תּענוג איז ער געשפּרונגען אונטערן דוש און געהירזשעט ווי אַ גרויס צעלאָזן יינגל. די קינדער האָבן צוליב דעם אַזש פֿאַרגעסן אָן שפּילצײַג. פֿריידיקע זענען זיי געקומען צו לויפֿן און זיך געשטעלט הינטערן טירל פֿון דוש קעמערל, אַרײַנגעשטעקט די נעזעלעך אין שפּאַרונעס און מיטגעהירזשעט און מיטגעשפּרונגען ווי יונגע לאָשיקלעך און דער פֿאָטער, דער אַלטער פּינקוס וואָרמאַן, אויפֿן באַלקאָנבריקל, האָט הויך, אויפֿן קול, מיטגעלאַכט: — דער אייגענער אהרעלע, ס'זאָל דאָס פֿעלן אַ האָר.

זהבה האָט דערווײַל געהאַט געגרייט צום טיש. מיט באַזונדערן פֿאַרנעם האָט זי געטראָגן די פֿאַרעדיקע טעלער זופּ. לכּבֿוד דעם גאַסט האָט זי הײַנט, צו די פּאַסנע, טונקעלע לאָקשן, צוגעטאָן ווײַסע מאָנע־קאַשקע און אַ פֿולע האַנט גרויסע צוקערבאָב. דערצו נאָך האָט זי הײַנט נישט געשפּאָרט און צוגעקראָגן ירקות צום פֿאַרבראָקן די זופּ.

אַדאָלף, אַ פֿריש אויסגעצוואָגענער, אין אַ ריין בלוי העמדל, האָט אַזש אויפֿגעריסן די אויגן. „מ־מ־מ" האָט ער זשעדנע געברומט און דערבײַ זײַטיקלעך געשמייכלט זהבהן אין די אויגן אַרײַן.

— נאָרעלע, האָט זהבה זיך מיט אים גערייצט, מיינסט אוודאי אַז דיר צוליב האָב איך דאָס געקאָכט.

— כ'ווייס, האָט ער בלומרשט פֿאַרזאָרגט איר געענטפֿערט. — דאַרפֿסט מיר זאָגן, אַז האָסט דעם טאַטעשי ליבער ווי מיך?

דאָס לײַכטע געמיט פֿון פֿאַרפֿאָלק האָט אויך דעם פֿאָטער אויפֿגעהײַטערט. ער האָט צוגערוקט דעם טעלער און גענומען עסן. אוודאי האָט די זופּ מער טעם ווי די נעכטיקע לאָקשן מיט וואַסער, נאָר אַז אַדאָלף זאָל אַזוי סמאַקעווען איבער אַ טעלער יושקע, איז אים, פֿונדעסטוועגן, אַ חידוש:

דער טאַטע איז געקומען

— זאָגטס מיר, קינדער, האָט ער צווישן איין לעפל עסן און א צווייטן, זיי געפרעגט, פאַרוואָס איז הי אזא דוחק אויף עסן?

זהבה האָט פון גרויס איבעראַשונג אָפּגעשטעלט דאָס קאָרמענען דעם קליינעם שאלתיאלן. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום שווער: וואָס איז דער מער מיט די עולים? זיי הייבן דאָך נישט אָן צו באַגרייפן וואָס זייער קומען האָט אָנגעמאַכט אין לאַנד! אויך ער, אדאָלף, האָט גע־שטוינט. מיטן לעפל עסן אין דער לופט, צווישן טעלער און מויל האָט ער זיך געווענדט צום פאָטער:

— טאַטעשי ווייסט נישט פאַר וואָס? גאַנץ פשוט. ווייל די היינטיקע עולים זענען איינפאַכע פאַראַזיטן! נאָר לייכטע געשעפטעלעך זוכן זיי. אויפגערעגט פון די אייגענע רייד, האָט ער גיך געכאַפּט דעם לעפל זופּ אין מויל אריין, געטאָן איינס־צוויי א דריי מיט דער צונג, אראָפּגעשלונגען און גלייך צוגעגעבן: — אנשטאָט גיין אין קיבוצים, ווי מיר א מאָל, האַנדלען זיי אויפן שווארצן מארק און גראָבן אונטער די מדינה. — דאָס לעצטע האָט ער געזאָגט מיט אזוי פיל כעס און שנאה, אז דער פאָטער איז אזש געבליבן מיט אן אָפן מויל. א דערשטוינטער האָט ער געקוקט אויפן זון: אזוי האָט דאָך געשריגן דער דייטש: יידן זענען פאַראַזיטן! און דאָס איז אלץ ווייל די ניי־געקומענע ווילן נישט גיין אין די קיבוצים? איז ער דאָך אליין אויך א פאַראַזיט. ער האָט דאָך אויך נישט בדעה צו גיין אין א קיבוץ, אפילו מע זאָל אים וועלן אהין אריינעמען. אנשטאָט אין מויל, האָט דער פאָטער דעם לעפל עסן צוריק אריינגעטאָן אין טעלער:

— אזוי, האָט ער צו זיך אליין גערעדט, — אז מ'גייט נישט אין א קיבוץ איז מען א פאַראַזיט.

קוקנדיק אויפן פאָטער, האָט אדאָלף אויך ארויסגעלייגט דעם לעפל פון האַנט:

— טאַטעשי, האָט ער געזאָגט און ס'פנים זיינס האָט זיך אים פאַר־קרימט פון ווייטיק, ווי אָט, אָט און ער צעוויינט זיך, — טאַטעשי, די ניי־געקומענע ווייסן נישט ווי טייער מיר האָבן באַצאָלט פאַר דער מדינה און זיי ווילן נישט פאַרשטיין, אז כל־זמן דאָס לאַנד איז נישט באַזעצט פון יידן, זענען מיר נאָך מיט דער מדינה גאָרנישט זיכער.

זהבה האָט ווידער אָפּגעשטעלט דאָס קאָרמענען די קינדער. דער פאַרהער צווישן זון מיטן טאַטן האָט זי געשראָקן. זי האָט געזען, אז צו קיין גוטס וועט דאָס נישט פירן. אָן אויפגערעגטע, פאַרביייסנדיק די אונטערשטע ליפּ, האָט זי געשיקט א פאַרוואָרפבליק צום מאַן און, אין דער זעלביקער צייט, גוטמוטיק געמינטערט דעם שווער:

ב. דעמבלין

— וואָס מאַכט זיך דער שוועד א צימעס פֿון זײַנע רייד. זאָל דער שוועד בעסער עסן.

אדאָלף האָט דערפֿילט זהבהס בליק. ער האָט צוריקגענומען דעם לעפֿל און אָנגעהויבן עסן. דער פֿאָטער אָבער האָט זיך שוין מער צום טעלער נישט צוגערירט. ער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן שטולווענטל, די אויגן צום סופֿיט. זאָל ער שטעלן דעם זון אין פֿאַרלעגנהייט? אָדער אפֿשר זיך גאָר אָפּווישן ס'מויל און מער נישט פֿרעגן און מער גאָרנישט זאָגן? דאָך האָט ער א פֿרעג געטאָן:

— אָט ביסטו דאָך געווען אין א קיבוץ, פֿאַר וואָס זשע ביסטו פֿון דאָרט אוועק?

ערשט איצט איז אדאָלף אַרײַן אין כּעס. דער פֿאָטער פֿאַרגלײַכט גאָר אים מיט די הײַנטיקע עולים? ער האָט א וואַרף געטאָן דעם לעפֿל אויפֿן טיש:

— איך? ווייניק האָב איך זיך אָפּגעמאַרדעוועט אין קיבוץ? ווייניק זיך אָנגעאַרבעט אויפֿן כּביש? און א טרעגער אין פּאָרט בין איך דען נישט געווען? איז דאָס אַלץ נישט גענוג אויף מײַן חלק? און אַפֿילו איצט, אין דער צעמענט־פֿאַבריק, איז מײַן אַרבעט נישט קיין שווערע, א וויכטיקע?

— איך זאָג דען חלילה, אַז דו טוסט נישט קיין וויכטיקע אַרבעט, האָט דער פֿאָטער אים געפּרוּווט באַרויִקן. אַזאַ יאָר צו מיר ווי דו ווערסט נעבעך אויסגעריסן אין דעם אַרץ. איך פֿרעג נאָר צי די נײַ־געקומענע ווילן נישט טאָן קיין וויכטיקע אַרבעט?

— וויכטיקע אַרבעט, האָט אדאָלף איבערגעחזרט מיט א חוזק־שמייכעלע. מ'ווייסט שוין זייערע וויכטיקע אַרבעטן, די גלותדיקע שמיי־דרײַ מלאָכות! פֿון גרויס הנאה איבער דעם אייגענעם זאָג, האָט ער זיך נענטער א רוק געטאָן מיט דער שטול צום טיש און אויף ס'נײַ גענומען א לעפֿל עסן אין מויל אַרײַן.

— וואָס מיינסטו מיט גלותדיקע שמיי־דרײַ מלאָכות? זאָגט דער פֿאָטער מיט געמאַכטער רויִקייט אים איבערגעפֿרעגט.

— אָ, דער טאַטעשי ווייסט גאַנץ גוט וואָס איך מיין, די גאַלעווקע־קרעמעריי, שוסטערײַ, קירזשנערײַ, שנײַדערײַ.

— זאָג, זאָג, שעם זיך נישט — דאָס אים דער פֿאָטער געמינטערט — אויך פֿריזירערײַ!

— יאָ. אויך פֿריזירערײַ! האָט אדאָלף אויף ס'נײַ זיך אָנגעצונדן מיט האס און ביטול, נישט ווי ער וואָלט גערעדט צום פֿאָטער, אויף ווענעם קומען ער האָט זיך די אויגן אויסגעקוקט, נאָר ווי ער וואָלט זיך פֿאַרהערט

דער טאַטע איז געקומען

מיט יענעם אַנאָנימען עולה חדש, וואָס ווערט געזען ווי דער גורם פֿון אַלע צרות און אַלע לײַדן, וואָס זענען באַפֿאַלן דאָס לאַנד.

— אהרון! האָט זהבה אַ געשריי געטאָן, ביסט פֿאַררוקט?

דער מוטערס געשריי האָט די קינדער צעטרייסלט. זיי האָבן אויפֿגעצאַפּלט אין שרעק און זיך שטאַרק צעוויינט. זהבה האָט זיי אַרומגענומען, געטוליעט זייערע קעפּלעך צו זיך און דערבײַ געקוקט מיט ווייטיק אויף די אָוועקגערוקטע, קאַלט געוואָרענע טעלערס עסן. איידער זי האָט שוין צוזאַמענגעשטעלט דאָס מאָלצײַט, קומט דער אָפּגעריסענער נאַר און פֿאַרשטערט עס. אַ פֿאַרביטערטע איז זי אויפֿגעשטאַנען פֿון טיש, גענומען די קינדער בײַ די הענטלעך און איז מיט זיי אַרײַן אין קיך.

ערשט איצט האָט אַדאָלף זיך געכאַפּט ווי ער איז דאָ פֿאַרקראָכן. ער איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיך געשעמט צו קוקן דעם פֿאָטער אין די אויגן.

דער פֿאָטער האָט אָוועקגערוקט דעם טעלער עסן. דער בליק זײַנער איז אים געפֿאַלן אויף די אייגענע הענט:

— זעסט, האָט ער אַ שטעק געטאָן די הענט צו אַדאָלפֿן, ווען נישט די הענט, וואָס טוען, ווי דו רופֿסט עס, אַ שמיי־דריי מלאָכה, וואָלט דער טאַטע דײַנער דאָ נישט געווען. ווען די הענט וואָלטן נישט געקענט אַזוי שיין קעמען און לעקלען די האָר פֿון די דײַטשישע ווײַבער און מעטרעסעס, וואָלט איך געווען געגאַנגען אין אויוון אַרײַן צוגלײַך מיט אַלע ייִדן. ער האָט אַ זיפֿץ געטאָן: — און אפֿשר וואָלט עס גלײַכער געווען.

אַדאָלף האָט אויפֿגעשוידערט. ער האָט זיך אַ רוק געטאָן מיט דער שטול, ווי ס׳וואָלט אים פּלוצעם ענג געוואָרן דער אָרום. ס׳פּנים זײַנס האָט זיך פֿאַרקרימט אין אַ ווייטיקדיקער גרימאַסע. וואָס קען ער אויף דעם זאָגן דעם פֿאָטער? און וואָס קען ער אים דערציילן וואָס אין לאַנד גייט אָן? ווייסט ער דען ווי אָרעם ארץ־ישׂראל איז? אַז ס׳לעבן דאָ איז ביטער און שווער און דאָ קומען טויזנטער יונגע מענטשן, וואָס ווילן גאָרנישט טאָן נאָר זיצן אין קאַפֿעען און האַנדלען, האַנדלען מיט ווינט און נעכטיקע טעג. ער האָט פֿאַרגראָבן ס׳פּנים אין די אָרעמס און געבליבן ליגן אָנגעשפּאַרט אָן טיש שטיל און שטאַר.

די אָנגעשטאָנענע שטילקייט איז מיט יעדער ר׳גע געוואָרן שווערער און געדיכטער. דער פֿאָטער איז געזעסן אַ פֿאַרלוירענער. ס׳האַרץ האָט אים געשניטן קוקנדיק אויף אַדאָלפֿן, ווי ער ליגט אײַנגעקורטשעט און די אויפֿגעשפּיצטע אַקסלען ציטערן אים, ווי ער וואָלט חלילה געקריגן דאָס פֿאַליקע. ס׳האָט אים געצויגן אויסצושטרעקן די אָרעמס און אײַננעמען דעם זון, ווי אַ פֿאָטער נעמט אײַן אַ קליין קינד: נו שוין, אַדאָלף, באַרויִק

זיך. כ'האָב גאָרנישט געמיינט. זענען נישט נאָר די הענט נאָר אויך די צונג איז אים געווען געליימט.

זהבה האָט מער נישט געקענט אריבערטראָגן די גליווערנדיקע שטילקייט. זי האָט געלאָזן די קינדער אין קיך און איז אַרײַנגעקומען צוריק אין שטוב. מיט פֿאַרלייגטע הענט איז זי געשטאַנען בײַם טיש און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף דער שטומעניש פֿון טאַטן מיטן זון:

— וואָס וועט מען דאָ אויסזיצן, הינדעלעך? האָט זי האַלב אין חוזק און האַלב אין פֿאָרוווּרף אויסגעזונגען.

דער שווער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. אַ לײַכט שמייכעלע האָט אים אַ שפּיל געטאָן אין די אויגן און אַרום דער וואָנסע. ער האָט גע־קוקט אויף דער שנור, ווי ער וואָלט זי ערשט געזען צום ערשטן מאָל. עפּעס איז זי אים איצט גאָרנישט פֿאָרגעקומען שפּיציק און קידער־ווידער. אדרבה, זי ווײַזט אויס צו זײַן גאָר אַ פֿײַן קינד. מער צו זיך איידער צו איר האָט ער געזאָגט:

— טאַקע, וואָס זיצט ער? צײַט צוריקצוגיין אין לאַגער.

דעם פֿאָטערס זאָג האָט אַדאָלפֿן אויפֿגערירט. ער האָט אונטערגע־הויבן דעם קאָפּ. די אויגן האָבן אים געפֿינטלט פֿון צו פֿיל ליכט:

— וואָס איז ס'געאײַלט? האָט ער שטיל געפֿרעגט, נישט ווי ער וואָלט גערעדט צום פֿאָטער נאָר פֿאַר זיך, אויפֿן טיש אַרויף. און רעדן צום פֿאָטער האָט ער גראָד יאָ געוואָלט. ער ווייסט דאָך וואָס דעם פֿאָטער קוועטשט. אָבער וואָסער זין קען דאָס רעדן האָבן? אַט ווען ער, אַדאָלף, ווייסט אַז נאָך אַ חודש, צי גאָר צוויי, אָדער דרײַ חדשים, וועט ער קענען קריגן אין שטאָט עפּעס אַ שיכון פֿאַרן פֿאָטער, אַפֿילו אַ צריפֿל, וואָלט ער גאָרנישט געטראַכט. ער וואָלט אַפֿילו נישט געפֿרעגט זהבהן צי זי באַשטייט. ער וואָלט גלײַך אַרײַנגענומען דעם פֿאָטער מיט דער שטיפֿמאַמע צו זיך אין דירהלע, כאָטש איין גאָט ווייסט, אַז ער קען רי פּאַני אַדלער נישט פֿאַרטראָגן. עס וואָלט אַוודאי געווען ענג, שווער, און אפֿשר אויך ביטער דאָס פּלוצעמדיקע האָבן, אַנשטאָט די מאַמע, גאָר אַ שטיפֿמאַמע מיט זיך אונטער איין דאָך. ער וואָלט אָבער אַלץ פֿאַר ליב גענומען, די ענגקייט פּונקט ווי די שווערקייט אין דער פּרנסה. איז דאָס אָבער אוממעגלעך. ער ווייסט דאָך, ווי נאָר ער נעמט אַרויס דעם פֿאָטער פֿון שער, הערט סוכנות אויף פֿאַר אים צו זאָרגן. ווי אַזוי זשע וועט ער פֿאַר אים קריגן אַ שיכון? ער וועט דאָך אַליין דאַרפֿן פֿאַר אים קויפֿן אַ דירה. איז ווו וועט ער נעמען איבער טויזנט פֿונט, וואָס זענען אויף דעם נייטיק? און די דירה אַליין איז דאָך נישט אַלץ. דער פֿאָטער האָט דאָך אין זין אַ

געוועלב אויף אַ פּריזיר־סאַלאָן. איז ווי נעמט ער דאָס געוועלב און ווי קריגט ער דאָס געלט אויף אַ שטול מיט אַ שפּיגל אין געוועלב אַריין?

דער פֿאָטער האָט זיך אַ רוק געטאָן מיט דער שטול פֿון טיש אַוועק:

— נו, כ'על שוין גיין.

— וואָס לויפֿט שוין דער טאַטעשי? האָט אַדאָלף ענדלעך געוואַגט צו קוקן דעם פֿאָטער אין די אויגן.

כאָטש אַדאָלפֿס בליק איז געווען פֿול ניט נאָר מיט געבעט, נאָר אויך מיט אַ הילפֿלאָזער געפֿאַלנקייט, האָט ער דאָך נישט געקענט פּראָווען קיין שפּיל פֿון תּירוצים. ווי תּמיד האָט אויך איצט פּינקוס וואָרמאַן נישט פֿאַרטראָגן דאָס מין דרייען זיך אויפֿן קאָרעק:

— וואָס טויגן די רייד? — האָט ער זיך אַ רוק געטאָן נענטער צום זון און געגומען אָפּנהאַרציק זיך אויסטענהנען מיט אים: — כ'זע דאָך ווי איך האַלט. העלפֿן מיר קאָנסטו נישט. דאַרפֿסט נעבעך אַליין אַ הילף. איז מילאָ, וואָס קאָן מען טאָן? זאָגסטו מיר אָבער אָפּ ס'לעבן. כ'טו גאָר אַ שמיי־דריי מלאָכה. וואָס זשע וועל איך דאָ אויסזיצן? אין אַ קיבוץ? נישט איך וועל גיין און נישט מ'וועט מיך דאָרטן אַרײַננעמען. וואָס בין איך אַ דרײַסיקיאָריקער יונגערמאַנטשיק? צום כּביש טויג איך אויך נישט, אַז אַ פֿינף־און־פֿערציק־יאָריקער איז ביי אייך אַלט, וואָס זאָל איך שוין זאָגן? איך בין דאָך אַ זקן פֿון פֿינף און פֿופֿציק! זע איך דאָך שוין, אַז איך מוז זײַן אין לאַגער, וואָרעם ווערן אַ פּאַראַזיט, ווי דו רופֿסט עס, און נעמען זיך צום האַנדלען, ווייסטו דאָך אַז איך קאָן נישט. קיין מאָל זיך נישט אויסגעטויגט צו דעם. וועל איך שוין מוזן אין לאַגער זיך פֿאַרנעמען מיט מײַן שמיי־דריי מלאָכה. קיין אַרטיסט־פֿריזירער וועל איך טאַקע דאָרטן נישט זײַן. אומשטיינס געזאָגט, ווען וועל איך אין לאַגער האָבן צו אָנדולירן די האָר? די אָרעמע, דערשלאָגענע ווײַבער? איז, מילאָ, וועל איך זיך צוריקנעמען צום שערל און בריטווע. כ'וועל אַוועק־לייגן אין בײַדל אַ שטיין, צו גאָר אויפֿשטעלן עפּעס אַ בענקל און נעמען שערן און גאָלן יידן און זיך ווידער פֿאַרדינען מײַן שטיקל ברויט.

ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון טיש און איז צוגעגאַנגען צו זהבהן. זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט די הענט פּוסט פֿאַרלייגט, דעם קאָפּ אַראָפּ־געלאָזן, ווי דאָס אַוועקגיין זײַנס וואָלט געווען איר שולד. ער האָט זי אַרומגענומען און אונטערגעהויבן איר קאָפּ. טרערן זענען איר געשטאַנען אין די אויגן. ער האָט איר פֿאָטערלעך אַ קוש געטאָן אויפֿן שטערן:

— זײַ געזונט, טאָכטער, און זאָרג זיך נישט וועגן אונדז.

— דער שווער גייט שוין טאַקע? איך וויל דאָך דעם שווער באַגלייטן.

— צו וואָס? ווי וועסטו לאָזן די קינדער? ער איז צוגעגאַנגען צו

ב. דעמבלין

דער קיכטיר. די צוויי אייניקלעך זענען געלעגן מיט די בײַכלעך אויפֿן קאַכלנעם דיל פֿאַרטאָן אין דראָטענעם אינגעוויד פֿון רויטן וואַגאַנדל, וואָס איז נעבעך געלעגן ווי אַ געשאָכטן נפֿשל מיט די רעדלעך אַרויף. ער האָט געוואָלט צוגיין, אַרומנעמען די יִנגעלעך, זיי אַ קוש טאָן. אָבער צו וואָס זיי ווידער מאַכן אַנטלויפֿן פֿון אים? האָט ער בלויז געזאָגט:
— אַ גוטע נאַכט, קינדער און זיך גלײַך פֿאַרנומען צו די טרעפּ.

אַדאָלף איז אויפֿגעשטאַנען פֿון טיש. דעם פֿאָטערס אָפּנהאַרציקע רייד האָבן אים שוין גאָר דערשלאָגן. אָבער וואָס קען ער רעדן און וואָס קען ער זאָגן? שטום האָט ער גענומען גיין הינטערן פֿאָטער. זיי זענען אַרויס פֿון הייפֿל, אַריבער די גאַס. דער אָוונט איז געהאַט צוגעפֿאַלן גיך. די היימלאָזע קעץ האָבן הײַנט מאַויִמדיקער געמיאַוקעט פֿון די חורבות אַרויס. אַ נעבויגענער איז אַדאָלף אַרײַן אין אויטאָבוס נאָכן פֿאָטער. שווײַגנדיק האָבן זיי ביידע זיך געזעצט, איינער לעבן אַנדערן. דער וואָגן האָט גענומען לויפֿן, זיך אָפּגעשטעלט און איז ווידער געלאָפֿן. מענטשן האָבן זיך אַרום זיי באַוועגט ווי שאָטנס, אַרײַנגעקומען און אויס־געשטיגן און דער ים האָט ווידער בלוי געקילט דורך די פֿענצטער און דער כּרמל איז ווידער געווען געהילט אין נאַכט און צוואָרפֿענע ליכטער, ווי פֿײַעראויגן, האָבן אויך איצט געגליט פֿון זיינע טונקעלע שיפּועס אַרויס.

בײַם שער־עליה זענען ביידע אויסגעשטיגן. זיי זענען גיך אַריבער דעם וועג, ווי ביידע וואָלטן זיך געאײַלט, וואָס שנעלער איבערצוקומען די צעשיידונג. בײַם שטעכלצוים אָבער זענען זיי געבליבן שטיין, שטום און שטאַר געבליבן שטיין. אַדאָלף, כאָטש אויף אַ קאָפּ העכער פֿון פֿאָטער, האָט איצט אויסגעזען קלענער פֿון אים, ווי ער וואָלט מיט איין מאָל געהאַט אײַנגעשרומפּן. ער איז געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, זײַנע הענט, לאַנגע און איבעריקע. האָבן זיך איצט נישט גענומען, ווי נעכטן, אונטער־צוהייבן דעם שטעכלצוים.

נאָך אַ לאַנג, פּײַנלעך שווײַגן האָט דער פֿאָטער גענומען אויסזוכן דאָס נאָכגעלאָזטע שטיק דראָטוואַנט. אָן אַ וואָרט האָט ער זיך אויסגעצויגן מיט דער פּלייצע אַראָפּ און זיך קריק אַרײַנגערוקט אַהין, פֿון וואַנען ער איז ערשט נעכטן מיט אַזוי פֿיל פֿרייד און דערוואַרטונג אַרויס. ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער ערד. אָט איז ווידער אַ שטעכלוואַנט צווישן אים און זון. וויי־וויי, איין מעת־לעת נאָר איז אַריבער! ער האָט זיך געטאָן אַ טרייסל, ווי אַן אויסגעטאָרליערט פֿערד אויף אַ לאָנקע. ניין, דאָס איז נישט געווען נאָר אַן אָפּשאָקלען פֿון זיך דעם אָנגעטאָרליערטן שטויב. פּינקוס וואָרמאַן האָט דאָ, אינסטינקטיוו, אַראָפּגעטרייסלט פֿון זיך אַלע טענות און בייזקייטן, וואָס האָבן אין דעם איינעם מעת־לעת זיך אָנגע־

דער טאַטע איז געקומען

הויפּט און זיך אָוועקגעשטעלט ווי אַ וואַנט צווישן אים און זון, דעם איינציקן אין דער דאָזיקער בייזער וועלט. ווי נעכטן דורכן ביוראָ־פענצטערל, אַזוי האָט ער איצט, דורך אַ קוואַדראַט־עפענונג אין שטעכל־וואַנט, אַרויסגעשטרעקט ביידע אָרעמס און אַרומגענומען דעם זון:

— זאָרג נישט קינד, דער טאַטעשי איז נישט פאַרלוירן געוואָרן אין ערגערע צייטן, וועט ער אויך דאָ נישט פאַרלוירן גיין. ער האָט צוגעצויגן דעם זונס פאַרוויינט פּנים און אים געקושט אויף די באַקן, ווי אַ מאָל, ווען ער איז געווען קליין און ער האָט אים שטענדיק געהאַט אין זיין רשות:

— איך ווייס דאָך, דו ביסט אַ גוט קינד. דיינע צרות נעבעך רעדן. נו, זאָרג נישט, גיי אַהיים. 'עסט זען, כ'על נאָך האָבן אַ סאָלאָן אין חיפה.

אַדאָלף איז געווען געליימט. דעם פאָטערס שטופּן אים פון זיך און אין דער זעלבער צייט אים האַלטן אַזוי צוגעקלאַמערט צום האַרץ, האָט אים אין גאַנצן איינגעבראָכן. ער האָט געקוקט אויף דער דראָטצוים. ערשט נעכטן האָט ער מיט אַזוי פיל פרייד דעם טאַטן פון דאַנען אַרויס־געצויגן און שוין היינט וואַרפט ער אים צוריק אונטער, ווי אַ פויל איבעריק פּעקל. ער האָט זיך געטאָן אַ ריס פון פאָטערס אָרעמס און גענומען, נישט גיין, נאָר לויפן, גיך, האַסטיק, ווי ער וואָלט אַזוי אַרום געוואָלט אַנטלויפן פון אייגענעם געביין אַרויס.

לאַנג נאָך איז פינקוס וואַרמאַן געשטאַנען הינטערן שטעכלצוים, די אויגן — אַהין, וווּ אַדאָלף איז אַזוי גיך פאַרשוווּנדן. און די לבנה האָט געשיינט, דער ים האָט קיל געבלויט און די שטערן האָבן קאַלט און פרעמד געבלינצלט.

צ י ר ע ל ע

א.

וועלוול דראַשקאַר, אַ ייִד אין די מיטעלע דרײַסיקער, טונקלהויטיק, מיט אַ שוואַרצער האַרטער באָרד, האָט געפֿירט פֿון שטאָל אַרויס זײַן פֿערד, אַ ברוינלעך־רויטע שקאַפּע מיט אַ ווײַסן פּאַס אויף איר פּנים, זי אײַנצושפּאַנען אין דער דראָשקע.

ס׳איז געווען אַ זונטיק באַגין, ספֿירה־צײַט, די זון האָט פֿרימאָרגנ־דיק געלאָשטשעט, געגלעט ס׳לײַב, ס׳געמיט. דער הימל איז געווען לויטער, אָן אַ סימן פֿון אַ וואָלקנדל. איבערן קאָפּ האָבן געהאַוועט בלויע שוואַלבן און ברוינלעך־גרויע שפּערלען. זיי האָבן פֿאַרגלושעט די אויערן אין זייער געפֿלי אַריין און אַרויס פֿון די נעסטן אונטער די דאַכסטריכעס, אין די געדיכטענישן פון קאַשטאַנבוימס.

— נאַסטעמפּ! האָט ער בייז געברומט צום פֿערד, וואָס האָט בשום אופֿן זיך נישט געלאָזט אויסדרייען אויף אַרײַנגעשטופּט צו ווערן מיטן הינטן צווישן די צוויי האָלאָביעס פֿון דער דראָשקע.

ווי ער, דער טאַטע, איז געווען בייז און זיך געאַמפּערט מיטן פֿערד, אַזוי איז הינטער אים, אויף דער שוועל פֿון פעדערהויז, געשטאַנען מיט פֿאַרלייגטע אָרעמס די טאָכטער, צירעלע, אַ מיידל אין זעכצנטן יאָר און אָנגעקוואָלן פֿון דעם פֿערדס איינגעשפּאַרטקייט.

— זעסט, צירעלע, האָט ער גערעדט איבערן אַקסל צו דער טאָכטער,

— מע זאָגט אַ פֿערד, דאָס מיינט דאָך אַ נאַר. אָבער זע נאָר ווי דאָס פֿערד האָט שׂכל בעסער צו וועלן שטיין אין שטאָל איבער דער קאָרעטע מיט אָבראָק, איידער זיך שלעפּן מיט דער דראָשקע איבער די וועגן.

וועלוול האָט געשפּאַנט ס׳פֿערד, אָבער געטראַכט האָט ער וועגן דער טאָכ־טער: ווער וואָלט געגליבט, אַז צירעלע וועט זײַן אַזאַ בריה, אַזאַ ווער־טאַנעס! ווי נאָר מ׳איז אויפֿגעשטאַנען פֿון שבֿעה נאָך דער מוטער, ע״ה, האָט זי זיך אײַנגעשפּאַנט אין יאָך און געוואָרן די גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב, אַליין האָט זי אַרײַנגעפֿירט דעם פּסח, וואַשט און רוימט, נייט און צערעוועט, קאָכט און באַקט פּונקט ווי די מאַמע, איר צו לאַנגע יאָר.

צירעלע

וואָס אַן אמת, אים, דעם טאַטן, זענען מינדלס פֿירעכצער נישט געווען צום האַרץ. ער האָט נישט געוואָלט, מינדל זאָל שיקן צירעלען אין דער פּוילישער שקאָלע, מאַכן פֿון איר אַ האַנאַראָווע פּאַניענקעלע. וואָס איז זי? אַ גבֿירישׂ טעכטערל? ער פֿלעגט שרײַען: מינדל, זי 'עט דאָך ניש' טויגן אַ קאַץ דעם עק צו פֿאַרבינדן. ז'עט דאָך ניט' קאָנען אָפּקאָכן אַפֿילו אַ קאַרטאָפֿל אין די שאָלן!

מינדל אָבער האָט געטאָן אירס און נאָך געלאַכט פֿון אים: וועלוול, ביסט אַ נאַר. קאָכן און רוימען וועט צירעלע גאַנץ ווויל קענען. שרײַבן און לייענען אָבער קען מען נישט, סײַדן מע לערנט זיך. און אַ מיידל, הײַנטיקע צײַט, דאַרף וויסן ווי אַזוי פֿאַרצוקומען מיט אַ מענטשן, נישט אויסוואַקסן אַ וויסטע, פֿינצטערע בידלע! מ'זאָגט טאַקע, אַ שיינע טאָכטער איז אַ האַלבער גדן, אָבער עסן גייט נישט פֿאַר קיין טאַנץ! אַז אַ מיידל איז נישט געלערנט, האָט זי חתונה מיט אַ פּראָסטן יונג!

דאָס זאָגעלע איז געראָד אים, וועלוולען, נישט געפֿעלן. צומאָל האָט עס אים אַפֿילו גאַנץ שיין אַ ברען געטאָן אין דער זיבעטער ריפּ. ס'זאָל איר נישט גערעכנט ווערן. דאָס איז געווען מינדלס אַן אָנצוהערעניש, אַ שטעכעליר אויף זײַן חשבון. וואָרעם זי אַליין, מינדל, האָט אַ גאַנץ לעבן באַדויערט, וואָס מ'האָט זי נישט געלאָזט גיין אין די שקאָלעס, וואָס פּונקט ווי ער, וועלוול, האָט זי נישט געקענט אַפֿילו חתמענען איר נאָמען אויף די תנאים.

די ייִנגערע קינדער, שמואלן און גיטעלען, האָט זי שוין נישט געשיקט אין קיין פּוילישע שקאָלעס, אָבער צירעלע איז געגאַנגען אין דער שקאָלע צוגלייך מיטן דאָקטערס שיקסל, מיטן אַפּטייקערס שייגעץ, דערצו פּריצישע קינדער פֿון די אַרומיקע פֿאָלוואַרקן, מיט די קינדער פֿון די קאָלעיאָזשעס פֿון דער סטאַציע.

איצט טוט עס אים טאַקע הנאה. מינדל איז גערעכט געווען. טאָן אין שטוב קען צירעלע אויף אַלע ייִדישע טעכטער געזאָגט געוואָרן, דערצו אָבער איז זי אויסגעוואַקסן, אָן עין־הרע, אַ טײַער קינד, איידל, געלערנט. מילא, איר שיינקייט, זאָל נאָר איר מזל אַזוי לײַכטן, ווי ליכטיק און שיין זי איז. אַז ער קוקט אויף צירעלען, זעט ער מינדלען, פֿלהווײַ. צוויי בלאָנדע צעפּ און צוויי בלויע אויגן פּונקט ווי די מאַמע, איר צו לאַנגע יאָר. ערשט איר פֿרײלעכקייט, איר זינגען? צען קאַנאַריקעס קענען נישט אַזוי דערפֿרייען ס'האַרץ ווי צירעלע, ווען זי צעלאַכט זיך, ווען זי גייט אַרום אין שטוב בײַם טאָן און זינגט.

אַנדערע מיידלעך אין אירע יאָרן פּאָפּן נאָך איצט. צירעלע אָבער, זינט די מוטער איז איר געשטאָרבן, שטייט זי אויף באַגין פּונקט ווי די מאַמע. בעת ער, וועלוול, דאַוונט, קאָכט זי ס'אָנבײַסן און איידער ער פֿאָרט

ב. דעמבלין

אַרויס אויף דער סטאָיקע גיט זי אָפּצועסן דעם טאַטן און אויך דעם ברודער, איידער ער גייט אַוועק צו דער אַרבעט ביים שניידער־מײַנסטער. צו גיטעלען, ס׳ייִנגסטע שוועסטערל, איז זי גאָר אַ מאַמע, צוואָגט זי, קעמט זי, זאָגט מיט איר „מודה־אַני”, לערנט זיי שרײַבן און לייענען און איצט, אַזוי פֿרי, האָט זי זיך שוין אָפּגעפּאָרעט און איז שוין אויסגעפּוצט ווי אַ פּאַניענקע, עלעהיי זי וואָלט איצט געדאַרפֿט גיין אין שקאָלע.

ער האָט צוגעפֿעסטיקט צו די עקן פֿון די האָלאָבליעס די דוגע, אַז אויפֿגעשטעלטער בויגן איבערן פֿערדס קאָפּ, זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף דער קעלניע, גענומען די לייצעס און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טאָכטער:

— אַ גוטן טאָג, צירעלע.

— אַ גוט יאָר, טאַטעשי זאָל האָבן אַ סך פּאַרשווינעס.

אַ ווײַלע האָט צירעלע נאָכגעקוקט די אַוועקפֿאָרנדיקע דראָשקע, דער־נאָך איז זי אַרײַן אין שטוב און באַלד צוריק אַרויסגעקומען מיט אַ באַרג בעטגעוואַנט, קישנס און איבערבעטן אין אירע אָרעמס, זיי אויסגעלייגט אויפֿן צוים צום לופֿטערן. פּלוצעם האָט זי זיך געכאַפּט, אַז די ציג איז נישטאָ.

וווּ איז די ציג? זי האָט זיך דאָך דאָ געפּאַשעט! איין עק פֿון שטריק איז איר געווען אָנגעבונדן צו די הערנער און דער אַנדערער עק איז גע־ווען פֿאַרשלייפֿט אויפֿן קעפּל פֿון צוים־סלופּעק. האָט די שטשערווע געהאַט שׂכל אַליין אַראָפּצושטופּן דעם שלייף פֿון סלופּעק?

אַן אומרויִקע איז זי געשטאַנען בײַ דער צוים, מער פֿעלט איר נישט! אַז מ׳וועט איר דאָס מאָל פֿאַרנעמען די קאָזע אין פֿאָלוואַרק אַרײַן, וועט זי שוין נישט אָפּקומען מיט אַ גילדן. בײַם צווייטן מאָל פֿאַרכאַפּן אַ ציג אויף דער פּאַשע, מוז מען זיי שוין באַצאָלן אַ רובל אויסלייזגעלט.

זי האָט אײַנגעבויגן דעם קאָפּ, אַריבערגעשטעלט איין פֿוס, באַלד דעם אַנדערן איבערן אונטערשטן פֿון די צוויי צוימדרענגלעך און זיך פֿאַרנו־מען אַרויס אויף דער לאָנקע, אַ זאַפֿטיק־גרינע מיט אָן אַ שיעור געלע מײַ־בלימעלעך באַשפּרענקלט. איצט, נאָכן פֿרימאָרגנדיקן געמעלק, איז דאָס פֿעלד געווען פֿול מיט קי, אפֿשר הונדערט שטיק, רויטע, שוואַרץ און ווייסע, ברוינע, וואָס אַלע זענען זיי אַרומגעקראָכן שטאַרק פֿאַרטאָן אין דער אַכילה.

די סאַזשלקע אין מיטן, ווי אַ בלאַנקענדיק, זילבערן אויג פֿון גרין אַרויס, האָט געהאַט אויף זיך אָן אַ שיעור אַרומשווימענדיקע קאַטשקעס און גענדז און אויפֿן ברעג, אין זומפּיקן געמויזעכץ, איז געשטאַנען אַ ווײַסער באָטשאַן אויף זײַנע רויטע, דינע, הויכע פיס און גענורעט מיטן לאַנגן שנוב אין די בלאָטיקע פֿײַכטקייטן, געזוכט אַ וואָרעם, אַ זשאַבקע,

ב. דעמבלין

אוועקצופליען דערמיט אין נעסט אריין, צו די אויסגעזעסענע יונגע, אויף הויכן טאפאלבוים.

זי האט אלע ווייל געכאפט א קוק צום שלאס, לעבן וואלד, צי האלט זי נישט עמעץ, אין די פילע פענצטער דארטן, אויפן אויג?

אט האסטו זי דאך, די פריצה!

די קאזע, א געל־ווייסע, איז זיך רויק געקראכן צווישן די קי, געקעמט מיטן בערדל די ווייך זאפטיקע גראזן און געגעסן אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי די לאנקע וואלט געווען אירע. אויף איר מיסט געוואקסן!

צירעלע האט א כאפ געטאן דעם עק פון שטריק, וואס האט זיך נאכ־געצויגן פון דער ציגס הערנער ווי א לאנגע, גרויע שלאנג איבערן גרינעם פעלד און זי גענומען שלעפן גיך, קריק צו דער צוים.

האלב וועג שוין האט איר וואך, אנגעשפיצט געהער, אויפגעכאפט א שטיל, ווייך גראזיק געטראט פון פערדישע פאדקאוועס און, נאך איידער זי האט באוויזן זיך אומצוקוקן, איז א רייטער אויף א פערד מיט א הונט נאך אים, אנגעריטן מיט אזא געפלי, אז ער איז פארביי איר אין א האלב קרייז, ווי איר צו פארשטעלן דעם וועג.

זיין אנרייטן איז געווען אזוי אומגעריכט, אז זי האט אזש אויפגעצאפלט פון שרעק. אויפן מאמענט איז זי געווען זיכער, אז דער עקאנאם האט דאס אזוי געשווינד אנגעיאגט זי צו פארנעמען מיט דער ציג. נאר אט האט זי אויפגעהויבן דעם בליק:

— וולאדוש!

דער אויסגעשריי איז געקומען אזוי פלוצעם, אזוי אומגעריכט זיך ארויסגעריסן פון איר קעל. פון וואנען האט ער זיך דערנומען? זי האט נעגאפט, נישט געגלייבט אירע אויגן. חלומט זי אויף דער וואר? שוין דריי זומערן, אז זי האט אים נישט געזען. פארשוואונדן, אוועק ערגעץ אין העכערע שקאלעס אריין און אפילו נישט געקומען זומער אויף די פעריען.

ביז זיין אוועקפארן זענען זיי נאך צוזאמען געגאנגען אין דער שקאלע, זיך צוזאמען געשפילט און זיך געליבט. זי איז שוין דענצמאל געווען אין צוועלפטן יאר און ער — אין פערצנטן. זיי פלעגן זיך קאלערן אין די גראזן. ער האט זי געשלעפט ביי די צעפ און זי איז געריטן אויף אים. אין די אונטן האבן זיי שפאצירט אין וועלדל, זיך געוואלגערט אין סטויגעס היי. זיי האבן זיך געקושט אויך און ער האט איר געשוווירן אייביקע ליבע, איר צוגעזאגט צו קומען ביי נאכט אויף א ווייס פערד, זי ארויסגנבענען פון שטוב, אוועק מיט איר ווייט, אין א שלאס אויף א הויכן בארג, ארומגע־רינגלט מיט אברייטן טייך, קיינער זאל צו דעם שלאס נישט קענען צו־קומען. ער וועט זי מאכן פאר א גרעפין און ער וועט זיין דער גראף. איך

צ י ר ע ל ע

ער דאָס איצט אַזוי אומגעריכט אָנגעריטן און זי שעמט זיך אַפילו אויפֿצוהייבן פֿאַר אים די אויגן. עפּעס האָט זי אַזאַ שעמעוודיקייט אַרומגענומען, די שעמעוודיקייט, וואָס וואַקסט שטענדיק אויס צווישן יונגע מענטשן, ווען זיי טרעפֿן זיך ווידער נאָך אַ לאַנגער צײַט פֿון צעשיידט זײַן, פֿון זײַן ווײַט איינער פֿון אַנדערן.

זײַטיקלעך, בלויז מיט די אויגנווינקלען, האָט זי געכאַפּט אַ קוק אויף אים. מאַמע! דאָס איז דאָך נישט מער יענער וולאַדוש. אויף דעם פֿערד, אַ גרויער, שוואַרץ געשפּרענקלטער אָגער, אין אַ טײַער, אָרנאַמענטיק־באַצירטן זאָטל, זיצט אַ יונגער פּאַניטש אין אַ גרין פּליושן יעגער־קאַפּעליושל מיט אַ פֿאַרביק פֿעדערל אין דער זײַט. אויך דער „אוביאַר" (דאָס אַנטועכץ) איז פֿון אַ יעגער: אַ געקעסטלט רעקל מיט געפּאַסטע רײַט־הויזן, ברוינע שטיוול מיט ענגע, האַרטע, פֿעסל כאַליעוועס אויף די פֿיס און אַ שפּיצרוט אין האַנט. און ער האָט שוין וואָנסעלעך אויך! רויטלעך בלאָנדע וואָנסעלעך מיט אַ ווײַס שרונטל אין מיטן.

ווי זי אים, אַזוי האָט אויך ער זי שעמעוודיק באַטראַכט: די אייגענע צירוליאַ און דאָך נישט די אייגענע! דעמאָלט — אַ יונגע קאָזע, אַ פֿעטלעך מיידל מיט צוויי שווערע, בלאָנדע צעפּ, ווי קרענץ פֿון ווייצענע זאַנגען. איצט — אַ גאַנצע פּאַניענקע, הויך, שלאַנק, אין אַ טונקל־בלוי פּרינצעסקע קליידל איבער אַ ווײַסער בליוזע, פֿאַרשנורט איבער די שטײַף אָפּשטייענדיקע ברוסטלעך מיט אַ רויטער אַטלאַס־שנור. די צעפּ זענען איר איצט פֿאַרלייגט אַרום קאָפּ אין אַ ווייך געפֿלאָכטענעם קראַנץ. און אירע אויגן! באַזשע מאָי! (גאָט מײַנער). זי איז דאָך גאָרנישט קיין זשידוווקע. ווי קומען צו די שוואַרצבערדיקע ייִדן אַזעלכע ליכטיק בלאָנדע טעכטער?

— צירוליאַ, האָט ער שטיל, נישט וואַגנדיק, גערעדט צו איר, — געדענקסט מיך מער נישט? שוין מיך אין גאַנצן פֿאַרגעסן?

צירעלע האָט געשוויגן, געקוקט אַראָפּ אין די גראָזן אַרײַן, אויף די אייגענע שיכשפּיצן. זי איז געווען אין גרויס פֿאַרלעגנהייט, נישט געוווּסט ווי זי האַלט מיט אים, האָט ער זי נאָך ליב? האָט ער געבענקט נאָך איר, ווי זי נאָך אים? זי האָט אויך נישט געוווּסט ווי אים איצט פֿאַרצוקומען, ווי אַזוי צו רעדן צו אים. ער — איר קען צו יעדער צײַט זאָגן דו, ער איז דעם ראַדצעס זון, דער יונגער פּאַן וולאַדיסלאַוו קראַשינסקי. זי אָבער איז אַ פּראָסט מיידל, וועלוול דראַשקאַרס טאָכטער:

— זאָל גאָט אויסהיטן, האָט זי ענדלעך אים געענטפֿערט זייער אונטערטעניק, -- איך האָב דעם פּאַן נישט פֿאַרגעסן.

— צירוליאַ, נישט קיין פּאַן בין איך דיר, נאָר וולאַדוש, דײַן וולאַדוש. ערשט איצט איז ער אַראָפּ פֿון פֿערד, גיך אַראָפּגעצויגן דאָס געל זאַמד־

שענע הענטשקעלע פֿון זײַן רעכטער האַנט און זייער צאַרט, קוים, קוים וואַגנדיק, אונטערגעהויבן איר גאָמבעלע. אַ געטאָקטס, אַזוי אײדל ווייס, מיט אַ חן־גריבעלע אין מיטן.

אַ רגע נאָר האָבן צוויי פּאָר אויגן, בלויע, יונג־גלײַקע אויגן זיך אָנגעקוקט שעמעוודיק און שוין איז די וואַנט פֿון פֿרעמדקייט פֿאַרשוווּנדן פֿון צווישן זיי. דרייסט ווי אַ מאָל, האָט ער זי אַרומגענומען, זי געטוליעט:

— צירוליאַ, — ווי איך האָב געבענקט נאָך דיר!

— וולאַדוש, האָט זי צוריקגעשעפּטשעט אַ שיכּורע, ווי אין אַ טראַנס, — ווּ ביסטו געווען? אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג!

פּאַוואָליע, פּאַוואָליע האָט ער געצויגן איר קאָפּ אַרויף צו זיך און זײַנעם געבויגן אַראָפּ צו איר ביז צוויי פּאָר ליפּן האָבן זיך איינגעהעפּט איינע אָן די אַנדערע, זיך אײַנגעביסן ביז ווייטיק, ביז בלוט.

דער אָגער, אַ גוט געצוימטער חבֿרה־מאַן, כאָטש אַן אָפּגעלאָזטער, ס'ציימל פֿרײַ אויף דער גריווע, איז געשטאַנען געדולדיק, בלויז פֿון מאָל צו מאָל אַ שניף געטאָן צו די גראָזן לעבן זײַנע קלאָען. דער כּלבֿ אָבער, אַ רויטער יאַגדהונט מיט שלאַנקע, דינע פֿיס, ער האָט נישט געהאַט דאָס געדולד פֿון פֿערד. אַז דער האַר זײַנער איז אַזוי לאַנג אײַנגעוויקלט אין די אָרעמס פֿון עפּעס אַ פּאַניענקע, וואָס נישט ער קען זי, און נישט ער ווייסט זי, איז ער זיך אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין הינטיש אונטערטעניק ליגן לעבן די טריט פֿון באַלעבאָס און אויף אייגענע אחריות געגאַנגען אַרומשמעקן צירעלעס קאָזע, די געל ווײַסע, אַן אָפּגעלאָזטע ווידער, מיטן שטריק, נאָכשלעפּנדיק זיך פֿון אירע הערנער איבערן גראָז, וואָס איז איצט שוין ווידער געווען פֿאַרטאָן אין דער אכילה. נאָך דעם ערשטן שניף האָט דער כּלבֿ זיך גענומען צאַיען און רציחהדיק רעווען, אָט־אָט און ער טוט אַ שפּרונג און כאַפּט זי אין די ציין אַרײַן ווי אַ געשאָסענע סאַרנע!

דעם כּלבֿס רעווען און דער ציגס דערשראָקן לויפֿן און מעקען האָט דאָס פּאָרל אויפֿגעוועקט פֿון זייער פֿאַרטראָגנקייט. צירעלע האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון זײַנע אָרעמס:

— וולאַדוש, עמעץ קען אונדז נאָך זען!

ביז וואָס דער הונט האָט אים געשטערט, האָט וולאַדוש אַ געשריי געטאָן צו אים:

— סוטשעק! ליעזשעטש! (ליגן).

דער כּלבֿ האָט זיך צוריקגעלייגט לעבן זײַנע פֿיס און ער האָט ווידער גענומען צירעלעס האַנט, זי באַטראַכט:

— צירוליאַ, האָסט פּרעכטיקע הענטלעך.

— דזשענקויען, (אַ דאַנק) האָט זי זיך גערויטלט.

ב. דעמבלין

ער האָט צוגעלייגט איר הענטל צו זײַנע ליפּן, צאַרט עס אַרומגעשניפּט, עס געקושט:

— טײַערע, אפשר ווילסטו רײַטן? מיר וועלן אַוועקרײַטן אין וואַלד, מיר וועלן דאָרטן זײַן אַליין.

— כלאָפּטשישעק מאָי, (ייִנגעלע מײַנער) האָט זי אים אַרומגענומען. זיך געטוליעט אין אים, — דו מיינסט איך בין אַ פּריצה ווי דו אַ פּאַן? איך מוז שוין אײַלן אַהיים. דו ווייסט נישט, האָט זיך איר קול גענומען ברעכן אין געוויין, — מײַן מאַמושאַ איז געשטאָרבן, ערשט דרײַ חדשים און איך בין איצט די גאָספּאָדיניע (באַלעבאָסטע) אין שטוב.

וולאַדוש האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרטרוימטע אויגן:

— אָרעמע, אָרעמע מײַנע.

— איך מוז שוין גיין.

— נו גוט, זען מיר זיך אין אָוונט, האָט ער זי געדריקט צו זיך.

—איך ווייס נישט, איך האָב מורא, מײַן טאַטוש איז אין אָוונט אין שטוב.

וולאַדוש האָט אַפילו נישט געהערט וואָס זי רעדט, ער האָט איר געוויזן מיטן שפּיצרוט צום וועלדל, אַריבער דער סאַזשלקע:

— זעסט, צירוליאַ, דאָרטן, ביי יענעם בוים, לעבן דער סטעזשקע, וועל איך וואַרטן אויף דיר הײַנט עלף בײַ נאַכט. ער האָט זיך ווידער אײַנגעביסן אין אירע ליפּן און שוין זיך געטאָן אַ צי אַרויף אויפֿן פערד:

— צירוליאַ, פּינקטלעך עלף בײַ נאַכט.

ער האָט איר געוואָרפֿן אַ לופטקוש און זיך צעלאָזט אין גאַלאָפּ.

די שטילע לופט האָט לאַנג נאָך דעם וויברירט מיט זײַן קול און דעם ווייך גראָזיקן געטראָט פון די פערדישע קלאָען.

ב.

לאַנג נאָך פאַר עלף אַ זייגער האָט שוין דער יונגער פּאַן וולאַדיסלאַוו קראַשינסקי זיך פאַרנומען אין וועלדל אַרײַן. מיטן הונט, סוקאַ, לעבן זײַנע טריט, האָט ער געשפּאַנט אַ פרײדיקער אין די נאַכטיקע טונקלקייטן, אַרויס פון פאָלוואַרק, אַוועק פון די שײַערן, פון די סטאָדאָלעס, פון די פויערישע כאַטעס אַלץ נענטער, נענטער צום אָפּגערעדטן אָרט.

ווי ער, אַזוי האָט אויך צירעלע זיך קוים דערוואַרט, ס'זאָל צופאַלן די נאַכט. אַ גאַנצן טאָג איז זי אַרומגעגאַנגען אַ באַרוישטע, אַ צעמישטע. אַזוי אומגעריכט! אַלע אײַנגעדרעמלטע בענקשאַפטן, וואָס זי האָט שטיל געטראָגן אין איר קינדעריש האַרץ איבער דרײַ לאַנגע יאָרן און איצט,

ב. דעמבלין

די פּלוצעם אויפגעוועקטע יונג־מיידלשע באַגערן נאָך צערטלעכקייט, נאָך ליבשאַפט, אַלץ האָט זיך געצויגן צו אים, צו וולאַדושן.

פריִער, אַ קינד פון אַכט, פון צען און אַפילו פאַר זײַן פאַרשווינדן, ווען זי איז שוין באַלד געווען צוועלף יאָר, האָט זי נישט באַנומען דעם אומזין פון איר קינדערישער ליבע מיט וולאַדושן, אַ קאַטאָליק, דער איינציקער זון פון כראַביאַ קראַשינסקי, און זי? אַ ייִדיש מיידל, די טאָכטער פון וועלוול דראָשקאַר. שפּעטער, אַז זי איז עלטער געוואָרן און דאָס אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, האָט אַ וואָרעם פון צווייפל זי גענומען נאָגן. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. זי האָט נישט געקענט פאַרגעסן, נישט געקענט שוין אַרויסרײַסן וולאַדושן פון איר יונגן האַרץ. און די בענקשאַפט איז געוואָרן ווייטיקדיקער גראַד, ווײַל זי האָט געהאַט אַזוי פיל נאָכקלערעניש, אפשר איז דאָס בײַ אים בלויז אַ קינדערישע ליבע? אַ ליבע, וואָס האָט זיך בײַ אים אויסגעוועפּט אַלץ מער און מער, וואָס עלטער און דערוואַקסענער ער איז געוואָרן?

איז אָט, אַזוי אומגעריכט, איז ער געקומען און זי זעט, אַז אויך ער האָט נישט פאַרגעסן, אַז אויך ער טראָגט אין זיך יענע צאַרט קינדערישע ליבע צו איר, ווי זי צו אים. וואַרט זי מיט אומגעדולד, מיט ציטערניש אין איר יונג וועזן וואַרט זי דער טאָג זאָל שוין אַוועק, זי זאָל ווידער קענען זײַן אין וולאַדושעס אָרעמס, אָבער אין דער זעלבער צײַט צאַפּלט זיך איר האַרץ און די טיף־אײַנגעוואָרצלטע, מיידלשע אינסטינקטן זענען וואַך, וואָרענען קעגן אַזאַ נאַכטיק טרעפעניש מיט וולאַדושן אין וואַלד, אַ טרעפעניש, וואָס קען מיינען פאַר איר אומגליק, אומקום.

די נאַכט, באַטש אין מיטן מײַ, איז געווען זייער אַ קילע, אַ שטילע, נישט קיין געקוואַק פון אַ זשאַבע, נישט קיין געזשום פון אַ קאָמאַר. וולאַדוש, מיטן הונט סוטשעק בײַ זײַנע טריט, האָבן געצויגן דורכן וואַלד. ס'האָט זיך געהערט דאָס געשאַר פון טרוקענע סאָסנע־נאָדלען אונטער זייערע פיס. איבערן קאָפּ, צווישן די ביימער, האָבן זיך געבלויט שטיקלעך הימל, ס'האָט דורכגעפינקלט דער גלי פון אַ שטערן. פּלוצעם זענען ביידע געבליבן שטיין. מענטש און חיה האָבן געהאָרכט. עפּעס האָט זיך גערירט צווישן די ביימער. באַלד האָט אַ סאַרנע מיט אירע צוויי יונגע געטאָן אַ מיק פאַרבײַ. ער האָט גיך פאַרהאַלטן דעם הונט, וואָס איז שוין געווען אָנגעבויגן זיך צו טאָן אַ יאָג נאָך זיי:

— סטאַי, (שטיי) סוקאַ, האָט ער שטיל געמורמלט און געצערטלט דעם הונט.

ער האָט פאַרוויכערט דאָס ליולקעלע. אַ פלעמל האָט געטאָן אַ לויכט אויף אין דער וואַלדיקער פינצטערניש. סוקאַ האָט פאַרהויבן צו אים די

אויגן, אַ מין פֿרעגן דעם באַדײַט אויף דעם איצטיקן גיין אין דער וואַל־דיקער פֿינצטערניש.

וואָס נענטער צום אָפּגערעדטן בוים אַלץ טענצלדיקער זענען געוואָרן וולאַדושעס טריט. קיין מאָל פֿריִער האָט ער נישט געהאַט אַזאַ פֿאַרגעניגן פֿון גיין בײַ נאַכט אין וועלדל. די ביימער דאָ, הוילע סאָסנעס, וואַקסן גלײַך, מיט די צווײַגן אַרויף, נישטאָ דאָ קיין פֿאַרוויקלעניש, קיין פֿאַר־וואַקסעניש פֿון איין בוים אין אַנדערן, פֿון איין צווײַג אין דער אַנדע־רער, נישטאָ דאָ אויך קיין ווילדגראָזן אַרום די ביימער, קיין שטעכפּלאַנצן, קיין קזשאַקעס. די ערד איז אַ טרוקענע, אַ זאַמדיקע און די אַראָפּגעפֿאַלענע נאָדלען, רויטלעכע, ליגן דאָ געדיכט און הויך, ווי אַן אויסגעשפּרייטער, ווייכער טעפּעך. פֿונעם גיין איבער די נאָדלען ווערן די זוילן פֿון די שיך ריין, אַן איין זאַמדעלע און דער טראָט איז לײַכט, ווייך און גליטשיק.

ער איז אַרויס אויף דער אַנדערער זײַט וועלדל און געבליבן שטיין בײַם אָפּגערעדטן בוים. וועט זי קומען? זי האָט אים בײַ טאָג נישט גע־זאָגט יאָ.

ער האָט זיך אײַנגעבויגן און אויסגעריסן פֿון צווישן די הויך אויפֿ־געוואַקסענע גראָזן אַ ווײַס מאַרגאַריטקעלע. די בלעטעלעך, ווייכע, צאַרטע זענען געווען אײַנגעקורטשעט אין נאַכטיקן שלאָף. ער האָט געפּליקט פּאַ־וואָליע, בלעטל נאָך בלעטל: זי וועט קומען? זי וועט נישט קומען? זי וועט יאָ קומען? זי וועט נישט קומען? דאָס לעצטע בלעטעלע איז אויסגעפֿאַלן אויף נישט קומען. ער האָט בייז אַ שײַלדער געטאָן דאָס ליידיק געוואָרענע שטענגעלע: דאָס איז דאָך נישט מעגלעך! זי מוז דאָך קומען! ער האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס זייגערל פֿון זײַטן־קעשענקעלע אין די געפּאַסטע רײַט־הויזן, אַ בלענד געטאָן מיטן באַטערקע־לעמפּל אויפֿן ציפֿערבלעטל: צו אַלדי כאָליערעס! ער האָט דאָך נאָך אַ גאַנצע האַלבע שעה צו וואַרטן!

פֿון לאַנגווײַל האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט טשיפּקע, די פּלייצע אָנ־געלענט אָן בוים. סוקאַ האָט זיך אויסגעצויגן לעבן זײַנע פֿיס. ער האָט געפּיפּקעט דאָס ליולקעלע און געקוקט אַרום זיך. רעכטס לויפֿט דער שאָסיי, ווי אַ ווײַסע טאַשמע אין די טונקלענישן פֿון דער נאַכט. אַ וואָגן ציט דאָרטן. דאָס אָנגעהאָנגענע לעמפּל בײַ די הינטערשטע רעדער בלינצלט שוואַרצלעך, פֿאַרקאָפּטשעט. דאָס געקלאַפּ פֿון די פֿערדישע פּאָדקאָוועס, פֿון די אײַזערנע רעדער אָן שטיינערנעם ברוק, קאָליערט זיך דורך די נאַכטיקע שטילקייטן אהער, צום געהער פֿון אים, פֿון הונט, וואָס האָט גיך אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אויפֿגעשטעלט די אויערן, געהאָרכט, גע־שנאָפּט: ווער ציט דאָס דאָרטן אַזוי שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן?

וולאַדוש האָט געהאַלטן זײַן בליק פֿאָרויס, אַריבער דער סאַזשלקע. אויף דער אַנדערער זײַט לאָנקע, צו דער צוים, וואָס גרענעצט אָפּ צירע־

ב. דעמבלין

לעם הויף. פינצטער דאָרטן. די לאָדן זענען אַלע פאַרמאַכט. ער האָט אַרויסגענומען ס'ליולקעלע פון מויל, א שפּיי געטאָן: פע, פּאַסקודנער טאַ־באַק! ער האָט געטראַכט פון אינדערפרי: צירוליאַ איז פּרעכטיק! זי האָט אַ פּנים פון אַ מאַדאָנאַ, אוואַל, בלייך, מיט אַ הויך פון ראָז אויף אירע באַקן. ער וועט פּרווון צייכענען איר געזיכט. אפשר מאָלן פון איר אַ פּאָרטרעט? ווי זים ס'איז געווען איר קושן!

סוקאַ האָט זיך פּלוצעם געטאָן אַ שטעל אויף און אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ אין דער נאַכט אַרײַן. פריער פון אים האָט דער הונט דערזען און נאָך מער דערהערט די ווייך פּליושענע טריט פון אַ שאָטן, וואָס האָט זיך באַוויזן לענגוים צוים און באַלד זיך פאַרנומען אין אַ האַלבקרייז אַרום דער סאַזשלקע.

וואָס נענטער דער שאָטן איז געקומען, אַלץ שטאַרקער האָט זײַן האַרץ גענומען קלאַפּן. אַלץ שאַרפער איז געוואָרן דער באַגער, דער אומרו צו נעמען לויפן צירעלען אַנטקעגן. מיט אַלע כּוחות האָט ער זיך צוריק־געהאַלטן, זיך געדריקט צום בוים, אַרויסגענומען דאָס אויסגעלאָשענע ליולקעלע פון מויל און עס צוריק אַרײַנגעזעצט צווישן די ציין. ניין, ער וועט זיך דאָס נישט נאָכגעבן! דער מינדסטער שאָטן פון אַ קוסט קען איצט געזען ווערן דורכן פענצטער פון עקאָנאָמס הויז, פון דאָקטאָר ראַיעוווסקיס הויז.

— דאָברי וויעטשור, (גוטן אָוונט) האָט צירעלע געזאָגט שטיל און געבליבן שטיין אויף היפּשע עטלעכע טריט אָפּגערוקט, עפּעס ווי דער צווייפל פון אַ גאַנצן טאָג, דאָס אומאויפהערלעכע זיך שלאָגן מיט דער דעה: יאָ גיין, צי נישט גיין? וואָלט זי נאָך אַלץ געהאַלטן.

— צירוליאַ, האָט ער זיך געטאָן אַ ריס און געבליבן שטיין, ווי אַ וואַנט וואָלט געווען צווישן אים און איר. — צירוליאַ, האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט: — האָסט זיך אײַנגעבאַבעט, איך דערקען דאָך דיך נישט. ס'איז דיר קאַלט? ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. נישט דאָס האָט ער דאָך איר געוואָלט זאָגן! גייענדיק אַהער איז ער געווען זיכער, ווי נאָר ער דערזעט זי, כאַפּט ער זי אין זײַנע אָרעמס און טראָגט זי טיפער אין וואַלד אַרײַן און דאָ גאָר שטייט ער און וואַגט זי אַפילו נישט אָנ־צורירן:

— צירוליאַ, ביסט אַזוי סמוטנע.

צירעלע האָט געשוויגן. זי האָט געציטערט אין אירע טיפסטע טי־פענישן, אָבער זי איז געשטאַנען און געשוויגן. אויפן וועג אַהער איז זי געווען זיכער, אַז זי גייט זיך בלויז געזעגענען מיט אים, זאָגן אים: וואָ־דוש, צו וואָס פאַרגרעסערן די לײַדן? עס קען צווישן אונדז גאָרנישט זײַן. דו ביסט דעם ראַדצעס זון, אַ כראַביע, דערצו נאָך אַ קאַטאָליק און

צ י ר ע ל ע

איך? אַ ייִדיש מיידל, אַ דראַשקאַרס טאָכטער! צום סוף שטייט זי ווי גע־לײמט, ווערט צעריסן פֿון די ווידעראַנאַנדן. וויל צוריקלויפֿן אַהיים און די בלוטן אין איר נאָגן, ציען, רײַסן זיך צו אים, ווידער אײַנגעקלאַמערט צו ווערן אין זײַנע אָרעמס, ווידער איבערצולעבן דאָס זיס פּײַנלעכע גע־פֿיל פֿון אינדערפֿרי, אין דער זעלבער צײַט צאַפּלט זיך דאָס סאַמע וועזן אירס, שרומפּט אײַן אין שרעק, וויל אַנטלויפֿן, אַנטרינען פֿון עפּעס, וואָס זי ווייסט נישט וואָס דאָס איז, אָבער זי אַנט, אַז דאָס וועט צעשטערן איר יונג לעבן.

ער האָט אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף איר אַקסל. זי האָט אונטער־געהויבן און אים אַנטקעגן געטראָגן איר מויל מיט גאַרנדיקע ליפּן, הונ־געריקע, אונטערטעניקע מיט יענער אוראַלטער, ווײַבלעכער אונטערטעני־קייט פֿון דער זי אין די אָרעמס פֿון באַגערטן ער.

— קום, טײַערע, האָט ער גענומען איר האַנט הינטער דעם אַרומגע־באַבעטן טוך.

זי האָט געדריקט זײַן אָרעם צו זיך, געגאַנגען מיט אים אַ ציטער־דיקע טיפֿער אין וואַלד אַריין און זיך געבעטן:

— וואָלאָדוש, טײַערער, איך וויל גיין אַהיים.

— דו ציטערסט, צירוליאַ, ס'איז דיר קאַלט?

— אויך דו ציטערסט, הערסט ווי דײַנע ציין קלאַפּן?

ער איז געבליבן שטיין מיט איר צווישן דיביימער. ווי אין דער פֿרי האָט ער אויך איצט פֿאַוואָליע צוגעצויגן איר מויל צו זײַנעם און זיך אײַנגעגעבן אין אירע ליפּן לאַנג, ביז ס'האָט זיי פֿאַרפֿעלט אָטעם און בײ־דע זענען געפֿאַלן אין אוממאַכט אויף דעם ווייך אויסגעבעטן טעפּעך פֿון מאָך און סאָסנע־נאָדלען.

— וואָלאָדוש, האָט זי אים געביסן אין האַלדז, אין אַקסל, — טייע־רער, איך בעט דיך, טו מיר גאָרנישט...

— ניין, צירוליאַ, בלויז דיך ליב האָבן, ליב האָבן, צירוליאַ...

זי האָט זיך געקורטשעט אונטער אים, אײַנגעשרומפּן אין זיך אַרײַן, זיך נאָכגעגעבן און באַלד זיך צוריק אײַנגעצויגן מיט אויפֿגעשטעלטע קני ווי שפּיציקע עלנבויגנס: — ניין, וואָלאָדוש, נישט הײַנט!

— צירוליאַ טײַערע, האָב נישט מורא, איך וועל דיר גאָרנישט טאָן, גאָרנישט, בלויז ליב האָבן, ליב האָבן, צירוליאַ, דײַן אָטעם שמעקט בע־סער פֿון יאַשמין, פֿון בעז, צירוליאַ!

זי האָט אים געקושט, געדריקט זײַנע ליפּן צו די וואָרצלען פֿון אירע בריסט, געריסן אים די האָר מיט אירע צעפֿינגערטע הענט, ניין, ניין, וואָלאָ־דוש!...

אַ וואָלקנבראָך האָט אויפֿגעריסן. דער מאַרך הינטער זייערע שטערן

ב. דעמבלין

איז צערונען, פֿאַרגאַסן זיי די ראיה, דערנאָך — שטיל, באַרויִקט, די זים שטילע רויִקייט פֿון אַ מיט־זומערטאָג, ווען די זון קומט צוריק אַרויס נאָך אַ פֿינצטער שטורמיש געוויטער.

ג.

עס איז געווען פֿאַר שבועות נאָך די זון האָט געגליט ווי פֿאַר תשעה־באָב און ביי אים, ביי וועלוולען אויפֿן געמיט, איז טאַקע געווען תשעה־באָב. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט אַן אַקסל אָן דער דראָשקע, געקוקט אויפֿן מאַרק, וואָס האָט גערוישט מיט זעלנער, מיט ווייַבער, מיט ייִדן, מיט אָנגעפּאָרענע סאַדאָווניקעס, וואָס האָבן אָנגעבראַנגט אַ שפּע ווייַנשלען און קאַרשן, אַגרעסן און ווייַנפּערלעך, וואָס אַלע, אויסגעלייג־טע אין בערג גאַנצע אויף די פֿלאַכע אַפּאַלקעס, געפֿלאָכטענע פֿון צווייַגן, צעשטעלטע אויף די מאַרקטישלעך, האָבן גערייצט דאָס אויג און געוואָ־סערט דעם גומען, נאָר אים, וועלוולען, איז מיט די אַלע רייצענישן געווען ביטער אין מויל און פֿינצטער פֿאַר די אויגן.

ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אַז איצט, נאָך איבער דריַי יאָר, וועט דער שייגעץ פּלוצלינג ווידער קאַפּויער קומען? צירעלע מיינט אוודאי אַז ער זעט נישט, אַז ער ווייסט נישט ווּהין זי פֿאַרשווינדט נאַכט־איין, נאַכט־אויס. ער אָבער, דער טאַטע, ווייסט שוין גאָר! ער זעט גאַנץ גוט זייַן בראָך! טאָמער האָט זיך געהאַט איַינגעשטילט דאָס באַרעדן זי, דאָס אויסטראַכטן אויף איר וואָס אין דער קאָרט, וועט זיך איצט אַלץ אָנהייבן פֿון דאָס נייַ. מילא פֿריִער האָט מ׳נאָך געקענט פֿאַרשטאָפּן מענטשנס מיַילער: ווייס איך וואָס! צוויי קינדער מאַכן זיך נאַריש. איצט אָבער איז צירעלע אין זעכצנטן יאָר און דער שייגעץ איז שוין איבער אַכצן!

וואָס זאָל ער טאָן? וואָסער עצה קען ער זיך געבן? שלאָגן? ס׳וועט דען העלפֿן? פֿאַרקערט, ס׳קען נאָך ערגער מאַכן. ס׳אַנדערע, דער שייגעץ דרייט זיך שטענדיק אַרום מיט אַ ביקס. חוץ דעם, ווי קען ער זי פּלוצעם נעמען שלאָגן אַז ער האָט קיין מאָל נישט אויפֿגעהויבן קעגן איר קיין פֿינגער. אַפֿילו קיין הויכן געשריי האָט ער נאָך אויף איר נישט געטאָן. אויף אַ פּראָסטער מויד וואָלט ער געקענט נישט נאָר אָנשריַיען, אָנשרעקן זי, נאָר אַפֿילו געבן איר אַ זעץ, אַ טליס. אָבער צירעלען? אַן איידל קינד, אַ געלערנט מיידל ווי זי? ער קען דאָך אַפֿילו רעכט זיך נישט אויסטענהן מיט איר.

וואָלט מינדל געלעבט, וואָלט עס אים נישט געווען אַזאַ קויל אין קאָפּ! אַ מאַמע זעט באַלד ווי זי האַלט אין דער וועלט. די מאַמע וואָלט געקענט מיט איר רעדן אָפֿן: צירל, דו מאַכסט זיך אומגליקלעך! וולאַדעקל

צ י ר ע ל ע

וועט דיר פֿאַסטאַרען אַ בײַכל און דערנאָך דיך אוועקוואַרפֿן ווי אַ געפּגרטע קאַץ! ער אָבער, אַ טאַטע, ווי קען ער רעדן אַזויִנע רייד מיט צירעלען? ווידער שווײַגן? ווי קען ער? אײדער ער קוקט זיך אַרום וועט דאָס מיידל זײַן פֿאַראומגליקט! וואָלט דאָס געווען אַ ייִדיש ייִנגל, נעמט מען און מ'שטעלט אַ חופּה און אַ סוף אַן עק! איז ער דאָך אָבער דעם ראָדצעס זינדל, אַ קאַטאָליק! ער קען זי נאָך, חלילה פֿירן צום שמד אויך!

די האָר אויפֿן קאָפּ האָבן געשטאָכן, דער שווייס איז אים גערונען פֿון שטערן אין דער באָרד אַרײַן און אים געביסן, אַז כאַטש נעם און רײַס פֿון זיך שטיקער. וואָס טוט ער? וואָס פֿאַר אַן עצה זאָל ער זיך געבן?

דאָס פֿערד האָט געשמיסן מיטן וויידל, געטריבן פֿון זיך די פֿליגן און דערווײַל אויך אים געטראָפֿן מיט אַ שמיץ אין פּנים אַרײַן. ער האָט זיך אומגעקוקט. אים איז אײַנגעפֿאַלן אַז דעם פֿערד איז וווילער ווי אים. אָט שטייט עס מיט דער מאָרדע אין דער אָנגעהאָנגענער טאָרבע, קײַעט דעם אבראָק, פֿאַרגרעסערט כסדר דאָס בערגעלע אָפּפֿאַל. וואָס גייט דעם סוס אָן, צי ער פֿאַרדינט יאָ אויף האָבער, צי ער פֿאַרדינט נישט, צי ער שלאָפֿט יאָ רויִק די נאַכט, צי ער דרייט זיך אויפֿן געלעגער ווי אַן איבער־געהאַקטע שלאַנג.

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ סאָדע־שטעלכל, זיך געהייסן אָנצאַפּן אַ גלאָז סאָדע־וואַסער, געטרונקען, געקוויקט דעם גומען און זיך צוריק אוועקגע־שטעלט לעבן דער דראָשקע, גלאָצן אין מאַרק אַרײַן, אויסקוקן אַ גילדן פּרנסה. ער האָט געטריבן פֿו זיך די טראַכטעניש, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפֿן, דער מוח האָט געפֿיבערט:

אפֿשר זי חתונה מאַכן? צודעקן איר דעם קאָפּ און אַראָפּ פֿון מאַרק! איז אָבער, ערשטנס, וואָס טוט ער, אַז צירעלע וועט זאָגן ניין? אַז זי איז אַזוי פֿאַרקאָכעט אין שייגעץ, וועט זי וועלן חתונה האָבן מיט עפּעס דאָרטן אַ בחור, וואָס נישט זי קען אים און נישט זי ווייסט אים? הײַנטיקע צײַטן, בפֿרט נאָך בײַ די אויפֿגעקלערטע, דירט מען זיך דאָך נישט אָן אַ ליובאָוו!

נאָר קריקגעשמועסט, ווען צירעלע זאָל שוין יאָ וועלן, טוט זיך דאָס אַזוי גיך? וועלכע טאַטע־מאַמע גיבן דאָס אויס אַ זון אַזוי כאַפּ־לאַפּ, איינס און צוויי? פֿריִער הייבן זיך דאָך אָן די זעעכצן. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק לאָזט זיך אַראָפּ אַ נײַע כאַפּטע ווײַבער, מומעס, מחותּנת־טעס, די מאַמע זאָל געזונט זײַן אַליין, און אַלע נעמען „באַשויען" די כּלה. און אַז זײַן ליבער נאָמען העלפֿט, די כּלה איז געפֿעלן, מאַכט מען דאָך צום ערשט אַ וואָרט, שפּעטער קומען תּנאָים, ערשט נאָך דעם שטעלט

אַ רעפּיודזשי אין ניי־ענגלאַנד

מען אַפּ אַ זמן חתונה. אַרום און אַרום איז דאָס אַן איי אויף מיטוואָך! און צוואַילן וועט דאָ נישט טויגן. פאַרקערט, דאָס יאָגן קען נאָך מאַכן די מחותּנים זאָלן אָפּלאָזן דעם שידוך. אַז דער כּלהס טאַטע אײַלט זיך, איז נישט גלאַטיק! מסתּמא אַ בייכל. ביי אים איצט קען, נאָך אַזאַ שלעפּעניש, זײַן נישט אײַן בײַכל, נאָר צוויי ממזרים!

די דראָשקע האָט זיך אַ וואָזשל געטאָן. ער האָט געכאַפּט אַ קוק איבערן אַקסל. אַ זעלנער האָט געהאַט אַרויפגעשטעלט דעם טריט אויפן שטאַפּל און זיך אַ זעץ געטאָן אין ווייכן, שוואַרצן, מיט לעדער איבערגעצויגענעם געזעס אַרײַן:

— פּאַדאַוואַי נאַ סטאַראַיע מיעסטאָ! (פאָר אויף דער אַלטער פאַרשטאָט) האָט דער שטאַרק־בגילופנדיקער פּאַניע אים אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

וועלוול דראָשקאַר איז אַרויף אויפן קאָזשאָל. אוודאי איז אים ליבער צו פירן פאַרשווינען אין פּעסטונג אַרײַן, צו דער באַנסטאַציע איידער זיך צו שלעפּן מיט אַ זעלנער אויף דער אַלטער פאַרשטאָט, צום נפקה־בית. וואָס, אָבער, זאָל ער טאָן? דאָס איז דאָך אַ טייל פון זײַן פּרנסה! בפרט אַז דער אָ איז נישט קיין פּראָסטער איוואַן, נאָר אַ דריי־בענדלדיקער. אַזאַ איינער, אַז דער אייבערשטער העלפט און ער ווערט צעיאַכמערט, רוקט ער אונטער דעם דראָשקאַר אַ האַלב קערבל, שטאָט אַ גילדן און אַ מאָל אַפילו אַ גאַנץ קערבל! ער האָט אַ שמיץ געטאָן דעם פערד, מער אין דער לופט ווי איבערן רוקן:

— וויאָ!

געוויינלעך, אַז ער ברענגט צו פירן אַ פּאַניע צום נפקה־בית, באַצאָלט יענער און ער קערט זיך אום צוריק אין שטאָט אַרײַן. דער אונטעראָפיציר אָבער האָט אים נישט באַצאָלט נאָר געהייסן אים וואַרטן, ווײַל ער וויל אויף צוריק פאָרן מיט אים אין פּעסטונג אַרײַן. אַזאַ יאַזדע, אַז דער אייבערשטער העלפט נאָר און זי קומט אונטער, איז אַלע מאָל אַ גוטער ביסן. האָט ער געוואַרט.

ער איז געזעסן אויף דער קעלניע און געגאַפיעט דאָ צום שאָסיי, וואָס זעלטן אַ וואָגן זאָל דורכציִען, דאָ צו די קאַרטאָפל־פעלדער, וואָס גויעס, אין פאַרביקע קאָפּטיכלעך קריכן אײַנגעהויקערטע צווישן די בייטן און יעטן די ערד, רײַסן די ווילדע גראָזן, און דאָ אַרום זיך, אויף די צעוואַקסענע קאַשטאַנביימער, אויף די ווײַסע בעריאָזעס, אויף די הויכע טאָפּאָלן, וואָס אַלע שטייען זיי אַרום דעם נפקה־בית, ווי שומרים אַרום פלויט, אַ געדיכט צונויפגערוקטער ברעט־צו־ברעט, אָן איין שפּאַרונקעלע, צו קענען אַרײַנקוקן און זען וואָס אינעווייניק טוט זיך. כאָטש צו וואָס איז נייטיק דאָס אַרײַנקוקן? אַז די ווילדע קולות, די אויסגעלאַסענע געלעכטערן און קוויי־

צירעלע

טשערײַען פֿון די נקבֿות, פֿון די אָנגעשיכורטע זעלנער פֿאַרהילכן די לופֿט, לאָזן נישט טראַכטן פֿון עפּעס אַנדערע ווי נאָר וואָס אינעווייניק דאָרטן גייט אָן!

צו פֿאַרטרייבן דעם אומרו, דאָס ציִעניש און גלוסטעניש צו טאָן אָן עפּן די פֿורטקע און אַליין אויך אַרײַנגיין אינעווייניק, איז ער אַראָפּ פֿון קאָזשאָל און זיך בכּיוון גענומען פּאָרען, זיך פֿאַרטאָן. אַז אַ מענטש טוט עפּעס, איז אים דער קאָפּ פֿאַרנומען, קריכן נישט אַהין קיין פּוסטע געדאַנקען.

צום ערשט האָט ער דעם פֿערד אויף ס'נײַ אָנגעהאָנגען די טאָרבע מיט אָבראָק אונטער דער מאָרדע. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פֿון אונטערן געזעם די באַרשט, וואָס שטאָט האָר, זיצן דאָרטן דינע דרעטלעך און מיט איר גענומען באַרשטן ס'פֿערד, די גריווע, דעם ווײדל. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפֿן. נישט בלויז די פֿאַרשײַטע געלעכטערן, ער האָט שוין איצט געזען אין דמיון די נאַקעטע נקבֿות מיט די זעלנער אויף די קאַ־נאַפּקעלעך, אין די בעטן. עפּעס ווי דער יצר־הרע וואָלט זיך מיט אים גערייצט. וואָס מער וועלוול האָט אים, דעם יצר־הרע, געטריבן, אַלץ מער איז זײַן שליטה געוואַקסן איבער אים און אַלץ קלאָרער האָט ער געזען ווי די נקבֿות ווינקען צו אים, מאַניען אים מיט זיסע ריידעלעך, רופֿן אים: קום אַרײַן, וועלוול, קיינער זעט נישט...

ער האָט אויפֿגעקנעפּלט דאָס כאַלאַטל, אויפֿגעלאָזט דעם קאָלנער פֿון העמד: הו, אַ היץ ס'איז! ער האָט זיך דערווײַטערט פֿון פּאַרקאַן, גע־גאַנגען אויף און אָפּ דעם זאַמדיקן סטעזשקעלע, לענג־אויס די קאַרטאָפּל־פֿעלדער. אוי, רבונו של עולם, האָסטו באַשאַפֿן אַ וועלט! פֿון איין זײַט אַ יצר־הרע מיט אַזוי פֿיל שיינע נקבֿות, פֿון דער אַנדערער זײַט האָסטו אַרײַנגעטאָן אין מענטשלעכן האַרץ אַ גלוסטעניש צו זיי און דו ווילסט איך זאָל זײַן אַ גבור, דיר גובֿר זײַן דעם יצר־הרע?

ער איז צוגעקומען צום שאָסיי. אפֿשר גאָר איבערלאָזן דעם איוואַן מיטן פֿאַרדינסט, כאַפּן די דראָשקע און לויפֿן קריק אין שטאָט אַרײַן? אָבער וואָס וועט זײַן אין שטאָט? דאָרטן איז דען דער יצר־הרע נישטאָ? אַוודאי, ווען ער איז אַ ליידיקגייער, אַ מאַרק־סוחרל, שלעפּט ער גלײַך דעם יצר־הרע אין בית־המדרש אַרײַן. אין אַ מקום־קדוש, זאָגט מען, האָט דער שמאַדאַלניק נישט קיין שליטה. איז ער דאָך אָבער פֿאַרקויפֿט צו דער דראָשקע. אַ פֿערד ווייסט נישט קיין חכמות. אויסגעליידיקט די טאָרבע, דאַרף ער זי באַלד ווידער אָנפֿילן. נאָר אפֿשר, אַז ער קען נישט איצט גיין אין אַ מקום־קדוש, זאָל ער כאָטש טראַכטן פֿון הייליקייטן, אַ שטייגער פֿון ר' אַהרלען? איי אַ הייליקער ייִד, אַ כּשרע נשמה! אַ קבצן

נעבעך אין זיבן פּאָלעס, האָט פון מלומדות קוים וואַסער אויף קאַשע, אָבער פאַרן לערנען מיט חברה תּהילים אַ פּרשה חומש, פאַרטייטשן פאַר זיי אַ קאַפּיטל תּהילים, פאַר דעם וועט ער נישט נעמען אַ גראָשן. און ער, וועלוול, כאָטש אַ דראָשקאַר, אָבער אַ ייִדיש וואָרט האָט ער ליב צו הערן. אַ גאַנצע וואָך איז מען טאַקע פאַריאָגט, פאַרפלאָגט, אָבער אַז דער אייבער־שטער העלפט, ס׳קומט דער הייליקער שבת, מעג אין דרויסן ברענען דער פראָסט אַז די דעבער קנאַקן, שטייט ער אויף יעדן פרייטיק צו נאַכטס גלייך נאָכן ערשטן שלאָף, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער און גייט אַוועק אין שטיבל, צו חברה תּהילים, וואָס איבערן בית־המדרש, איבערן רבּס דירה. דאָרטן איז דער אויוון געהייצט אַז מ׳קען די ליבע וואַרעמקייט אָנטאַפּן מיט די הענט. דער גרויסער בליצלאָמפּ הענגט אַראָפּ פון סופיט איבערן טיש, אַ לאַנגער. אַ שבתדיק איבערגעדעקטער מיט אַ ווייס טישטעך. ווי פרי ער זאָל נישט קומען, זיצן שוין דאָרטן, פון ביידע זייטן טיש, ייִדן אָנגעפּראָפּט, און אַרום זיי שטייט מען אָנגעהאָנגען, איינער אויפן אַנדערן, איינעמס באָרד אויפן אַנדערנס אַקסל. און אויבן אָן, אין שבתדיקן שטריימל, אַן אַלט, אויסגעקראָכן, פוטערן קאָלפּעקל מיט אַ כאַמעטן וועדך, זיצט ר׳ אַהרעלע, אַן אויסגעדאַרט ייִדעלע מיט אַ קליין, גרוילעך, ציגנבערדעלע. דער קנאָפּ, אַ שאַרפער אין אויסגעדאַרטן העלדזל, לויפט ביי אים אַראָפּ און אַרויף און פון זיין מויל שיטן זיך פּערל, ממש גאָלדענע פייגעלעך פליִען אים, פון די לעפצן.

— העי, איזוואָשטשיק! פּאַדאַוויי וו־קרעפּאָסט! (דראָשקאַר, אין פעסטונג אַריין!)

ווי אַרויסגעריסן פון אַ וווּנדערלעכן חלום, האָט וועלוול אַ היפּשע ווייל געגאַפיעט אַריבערן שטעגל, צום נפקה־בית. דער זעלנער, טויט שיכּור, האָט זיך וואַקלענדיק דערנענטערט צו דער דראָשקע.

ד.

יענע נאַכט האָט וועלוול דראָשקאַר נישט געקענט איינשלאָפן. דער כּוח־הדם האָט געטראָגן, געהויבן אים פון בעט אַרויס. ווי נאָר ער האָט איינגעדרימלט איז די בלאָנדע זאָשע אויסגעוואַקסן לעבן אים. אים האָט זיך כּסדר געדאַכט, אַז זי ליגט אין קעגנאיבערדיקן בעט. ער האָט געהאַט פאַרגעסן אַז אין דער מוטערס בעט שלאָפט איצט צירעלע. אירע צוויי אָרעמס, צעשפּרייטע אויפן איבערבעט, נאַקעטע, פולע, האָבן געלויכטן אין האַלב טונקל, אים געלאָקט, געמאַניעט...

אין דער פרי איז ער געווען אויסגעווייקט אין שווייס, דער קאָפּ איז אים צוריקגעפאַלן אויפן קישן, ווי ער וואָלט געווען אַ שווער קראַנקער, אַן איינגעפאַלענער מענטש.

ב. דעמבלין

אין יענעם אין דער פֿרי איז ער שוין נישט אַרויסגעפֿאָרן אויף דער סטאַיקע, ווי שטענדיק. אַז דער ימח־שמו האָט שוין איבער אים אַזאַ שליטה, האַלט אים כּסדר די בלאָנדע זאָשקע פֿאַר די אויגן, טאָר ער מער נישט וואַרטן!

איין גאָט ווייסט אַז ער האָט זיך געגרייט איבערצוּוואַרטן דאָס יאָר, שטעלן פֿריִער מינדלען אַ מצבֿה, ווי זי האָט דאָס כּשר פֿאַרדינט. אמת, ווי נאָר די שלושים זענען אַריבער, האָבן שדכנים אים גענומען אָפּרײַסן די טיר. וואָס וועסטו זיצן? ווערלוול! אַ יינגערמאַן ווי דו, ביסט דאָך ערשט זעקס און דרײַסיק יאָר אַלט, אַ יאָ? ווערלוול? טאָרסט עס גאָרנישט אויך, ווערלוול! אַ ייִד, בפֿרט אין דײַן עלטער, טאָר גאָר נישט זײַן אָן קיין ווײַב!

וועמען האָבן זיי דען אים נישט געברענגט? יונגע אלמנות, גרושות, אַפֿילו אַ בתולה, אָן עלטער מיידל מיט אַ שיינעם נדן. אַלע האָבן אים געוואָלט, געחלשט. און פֿאַר וואָס דען נישט? אַ שיינער מאַנצפּאַרשוין איז ער, אַ הויז מיט אַן אָפּיצינע, מיט שטאַלן, מיט אַ גרויסן הויף, האָט ער, דערצו שיין פּרנסה. ער אָבער האָט כּסדר געענטפֿערט: דערווײַל אײַלט ער זיך נישט. ער וועט איבערוואַרטן ס'יאָר, ער וועט אפֿשר פֿריִער טאָן אַ שידוך מיט צירעלען. ער ווייסט אַז אַן אונטערגעוואַקסענע טאָכטער מיט אַ שטיפֿמאַמע זענען נישט קיין פּאָר. צו וואָס די שטיפֿמאַמע וועט זיך צורירן, וועט עס צירעלען פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפש, דערמאָנען זי אַז אַ פֿרעמדע ייִדענע ירשענט איר מאַמען. ער וועט אויך פֿריִער באַזאָרגן שמואלז אויף אַ ליטיש אָרט, מיט עסן און שלאָפֿן. אַ בחור פֿון פֿערצן יאָר איז אויך גלײַכער, אַז ער איז נישט אין דער היים מיט אַ שטיפֿמאַמען. די קליינע גיטעלע, אַ קינד פֿון נײַן יאָר, זי קען ער דאָך אין ערגעץ נישט באַשטאַטן. זי וועט שוין מוזן זיין אין דער היים. אַזוי אָבער, אַז פֿון איין זײַט איז נעבעך צירעלע אין אַ גרויסער סכּנה, פֿון דער אַנדערער זײַט האָט זיך לילית אַזוי אָנגעזעצט אויף אים, טאָר ער נישט וואַרטן, אַפֿילו נישט איין טאָג מער! אוודאי וועלן לײַט רעדן, וואָרטשען: זיך געיאָגט, וואָס האָט ער זיך אַזוי געיאָגט? נישט געקענט אויסוואַרטן ס'יאָר אַפֿילו? איז זאָלן זיי רעדן, ווען רעדן זיי נישט?

ער האָט גיך אָפּגעדאַוונט, זיך געוואַשן, געמורמלט דעם „שאו ידיכם" אָן חשק. צירעלע האָט געשטעלט צום טיש הירזש אין דער מילך, געלייגט אַ האַלב ברויט, געשטעלט אַ זאַלצמעסטל מיט זאַלץ. צירעלען איז נעבעך גאָרנישט אײַנגעפֿאַלן, זי האָט געמיינט ער אײַלט זיך, ווי יעדן אינדערפֿרי, אַרויסצופֿאָרן אין מאַרק אַרײַן אויף דער סטאַיקע. ער אָבער האָט בעסער געוווּסט. ער האָט אָפּגעבענטשט, אַ קוש געטאָן די מזוזה, אײַנגעשפּאַנט

ב. דעמבלין

דאָס פערד און אוועקגעפּאַטשט אויף דער דראָשקע קיין באַראַנאָוו. קודם מוז ער צודעקן צירעלען דעם קאָפּ. אַז זי וועט האָבן אַ מאַן, וועט איר נישט ליגן אין קאָפּ קיין שייגעץ! ווער ווייסט אָבער ווי עס האַלט שוין דאָרטן? צי ס'איז שוין נישט, חלילה, צו שפּעט... ער האָט שוין איצט מורא געהאַט וועגן דעם מער צו טראַכטן.

— וויאָ! האָט ער פּאָכע געטאָן מיט דער בײַטש אין דער לופט. לויט זײַן חשבון האָט שוין איצט דער חיים־קלמן געדאַרפט זײַן אַ יאָר פיר־פינף און צוואַנציק. איז וואָס אַזאַ מעלעיער אַז דער חתן איז מיט עטלעכע יאָר עלטער פון דער כלה? פאַרקערט, ס'איז גאָר אַ מעלה. בפרט אַז דער בחור איז אַן אייגענער, אַ קרוב אים פון דער מאַמעס צד, דער מומעס אַ לײַבלעכער שוועסטערן־זון. מ'זאָגט אַפילו ער איז אויסגעוואַקסן אַ מרוק, מ'זאָגט אויך אַז ער האָט אַ שטיקל פאַרך. אָבער מאַלע וואָס מ'זאָגט אַלץ. מענטשלעכע מײַלער קען מען קיין מאָל נישט פאַרמאַכן. טאָמער איז איינער אַ שטילער מענטש, גייט זיך זײַן וועג, איז ער שוין אַ מרוק. האָט ער נישט אַזאַ שיינעם קענדזשער האָר, איז ער שוין אַ פאַרך!

— העי, פגירה! קריכסט דאָך אין ראָוו אַרײַן! ער האָט אַ צי געטאָן די לייצעס, אַ שמיר געטאָן מיט דער בײַטש איבערן פערדס רוקן: — אַ באָליערע דיר אין דיביינער! טאָמער לאָזט ער אויף אַ מינוט נאָך די לייצעס איז שוין! ער גייט שוין אין אַלדע שוואַרצע יאָר!

אויף אַ ווײַל האָבן די טראַכטענישן זיך איבערגעריסן. ס'פערד איז איצט, נאָכן דערשפּירן די בייטש, ווידער געלאָפן איבערן שאָסיי גיך, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַרויס פון שטאַל. וועלוול איז געזעסן אויף דער קעלניע, געקוקט אויף די פעלדער, פון בײַדע זײַטן שאָסיי. דער האָבער, דער קאָרן, די גריקע, זענען שוין געשטאַנען הויך. ס'עט הײַ־יאָר, אַ דאַנק זײַן ליבן נאָמען, זײַן אַ גרויס געראַטעניש!

אַ פּויעריש פערד און וועגעלע איז אים אַקעגנגעקומען. געוויינלעך רוט נישט דער שאָסיי. איצט אָבער, זומערצײַט, ווען דער פּויער איז פאַרטאָן אין פעלד איבערן קאָפּ, איז שטיל אויפן וועג, די פייגעלעך צוויט־שערן, זינגען שירה צום רבונו־של־עולם. ער האָט אַ הייב געטאָן דאָס היטל, געגריסט דעם פּויער אויפן וואָגן:

— „שטשענזש באָזשע"! (גאָט העלף).

— „בוג־זאַפּלאַטש! (זאָל דיר גאָט באַצאָלן) האָט דאָס פּויערל אים צוריקגעגרוסט, אַראָפּציִענדיק דעם קאַפּעליוש, אַ שטרויענער, מיט אַ ברייטן ראַנד און ווײַטער געפּיפּקעט דאָס ליולקעלע.

ווידער געוואָרן שטיל. די זון איבערן קאָפּ האָט געגליט, די הייסע לופט האָט געשווינדלט פאַר די אויגן. ווידער איז דער דמיון זיינער

געלאָפֿן אַהיים. אַוודאי וואָלט צירעלע געדאַרפֿט טאָן אַ לײַטישן שידוך, אַ בחור אירם גלײַכן, זי זאָל האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. ער זאָל קענען פֿאַרקומען צווישן מענטשן, ווי זי. דאָס וואָלט אַלץ גערעדט געווען, ווען ער זאָל נישט דאַרפֿן כאַפּ־לאַפּ! כאָטש קריק געשמועסט, אַזאַ איינער, אַ היינט־וועלטישער, איז גאָרנישט קיין מציאה! ערשטנס האָבן אַזוינע חבֿרה־לייט פֿליגן אין דער נאָז. צווייטנס, ווער ווייסט וואָס פֿון אַזאַ איינעם ווערט שפּעטער? די ערשט צײַט, באַלד נאָך דער חתונה, איז טאַקע קוצעניו־מוצעניו, מ'עסט זיך פֿון די פּיסקעלעך, שפּעטער אָבער, אַז זײַן ליבער־נאָמען העלפֿט, ס'קומט איין קינד, נאָך אַ קינד, הייבט אַזאַ איינער אָן ווידער צו קעמען די פּאָלקע און נאָכלויפֿן ווײַבער, ליגן אין קנײַפּעס, שפּילן אין קאָרטן. און אפֿשר גאָר איז אַזאַ איינער פֿון די סטרײַקערס, וואָס ווילן נאָך אַלץ אַראָפּוואַרפֿן דעם קיסר און דערווײַל ווערן זיי פֿאַרפֿוילט אין די תּפֿיסות, אין סיביר און די ווײַבער מיט די קינדער אין דער היים זדאָכניען פֿאַר אַ שטיקל ברויט. דער חיים־קלמן אָבער וועט וויסן איין גאָט און איין ווײַב! קאַ גראָבער יונג, ווי ער הערט, איז ער אויך נישט. פֿאַרפֿעלט נישט קיין דאַוונען, זאָגט אַ יום תּהילים, קוקט אַ מאָל אַרײַן אין אַ ספֿרל אויך. אלא ר'איז אַ יתום? איז דאָך צירעלע, נעבעך, אויך שוין אַ יתומה. דעריבער טאַקע וועט ער דאָך מיט דעם יונג גלײַך קענען מושווה ווערן. ס'וועלן זיך דאָך נישט אָנהייבן די זעעכצער, מיט די אַפּלײַגעכצער! אַן אָרעמער יונג, ער וועט דאָך דאַנקען גאָט וואָס ער, וועלוול, ייִיל אים פֿאַר אַן איידעם.

אין דער אמתן, ווי לאַנג קען זיך אַזאַ יונג וואַלגערן בײַ יענעם? שלעפּן זיך אויף פֿרעמדע פֿערד און וועגן? אָן אַ ווײַב, אָן אַ לײַטיש געלעגער, אָן אַ רעכט מאָלצײַט! וואָסער תּכלית איז דאָס? בײַ אים אָבער, ווערט ער דאָך אַ מענטש מיט מענטשן צו גלײַך! חוץ די טויזנט גילדן נדן, וואָס ער האָט שוין לאַנג אַוועקגעלייגט פֿאַר צירעלען, וועט ער אים אויך אָפּ־ שרײַבן די אָפּיצינע מיט אַ שטאַל, מיט אַ שטיקל פּלאַץ אויפֿן הויף. דער יונג וועט אַפֿילו נישט דאַרפֿן קויפֿן צירעלען קיין כּלה־מתּנות. ער וועט איר אַוועקגעבן דער מוטערס גאָלדענע קייט מיטן זייגערל, וואָס ער, וועלוול, האָט איר געקויפט צו די תּנאָים. פֿאַר וואָס זאָל אַזאַ פֿאַרמעג אַרײַנפֿאַלן צו אַ שטיפֿמאַמען? ער וועט אויך דעם חיים־קלמנען, באַלד נאָך דער חתונה, קויפֿן אַ געשפּאַן, אַ פֿערד מיט אַ לײַטישער דראָשקע. אַן אַנדערן וואָלטן טאַקע די דראָשקאַרעס נישט צוגעלאָזט צו דער סטאָיקע. זײַן איידעם אָבער, וועט קיינער נישט האָבן די העזה צו זאָגן ניין. ער האָט אַ שמייכל געטאָן דאָס פֿערד: וויאָ, פּאַדלע!

אַ ביסל זיכערער מיט זיך, איז וועלוול אַרײַנגעפֿאָרן קיין באַראַנאָוו.

ב. דעמבלין

ה.

ביז שבועות האָט וועלוול נישט געלאָזט פאַלן קיין איין וואָרט פאַר צירעלען, אַז ער האָט געטאָן מיט איר אַ שידוך. די לעצטע עטלעכע וואָכן האָבן עפּעסביידע, טאַטע און טאָכטער, נישט געקענט איינער דער אַנדערער קוקן אין די אויגן.

זינט יענער נאַכט אין וואַלד, ווען דאָס איז מיט איר געשען, האָט זי אויסגעמיטן דעם פאָטערס בליק. זי איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב שטיל ווי אַ שאָטן. זי האָט געקאָכט, געראַמט, געוואַשן, געזען דער טאַטוש זאָל האָבן זיין מאַלצייט, שמואל זאָל נישט אַוועקגיין צום מײַנסטער אומגעגעסן, גיטעלע זאָל זײַן אויסגעצוואָגן, זי זאָל גיין שלאָפן אין צײַט, אָבער זי אַליין איז דאָ נישט געווען, נישט געלעבט דאָ. אָנגעהויבן האָט זיך איר לעבן ערשט אין אָוונט, ווען דער טאַטוש, נאָך זײַן מיטנטאָג־שלאָף, האָט אָפּגעדאַוונט מנחה־מעריב, אָפּגעגעסן וועטשערע און איז מיט דער דראָשקע אַוועק אויף דער נאַכטיקער סטאַיקע. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן איר לעבן. זי איז אַוועק צו וולאַדושן אין וואַלד. דאָרטן האָט זי געלאַכט, געוויינט, געווען טרויעריק, זיך געפרייט.

די ערשטע עטלעכע טעג האָט וועלוול נישט באַמערקט קיין שינוי, קיין שום ענדערונג אין צירעלען. וואָס האָט ער געזאָלט באַמערקן? אַ טאַטע קוקט זיך דען אײַן אין אַן אייגענער טאָכטער? און אַז זי איז בלאַס? און אַז זי איז סמוטנע? וואָס קען ער וויסן וואָס אין אַ מיידל גייט אָן? אפשר די צייט? אפשר וואָס, ווען.

ערשט נאָך דעם ווי ר׳האָט זיך דערוווּסט אַז דער שייגעץ האָט זיך ווידער אַראָפּגעיאַוועט, אַז שוין עטלעכע טעג ווי ר׳איז אויפן פּאָלוואַרק, האָט ער באַמערקט צירעלעס סמוטנעקייט. איז אָבער, איידער ער האָט געפונען די געלעגנהייט מיט איר צו רעדן, זי צו פרעגן וואָס עפּעס ווערט זי נאַכט נאָך נאַכט פאַרלוירן פון שטוב אַרויס, איז אונטערגעקומען די יאַזדע מיטן פאָניע צום נפקה־בית און יענע שלאָפלאָזע נאַכט נאָך דעם. נאָך יענער מעשה האָט שוין אויך ער אויסגעמיטן צו קוקן איר אין די אויגן, בפרט אַז ער איז באַלד אויף צומאָרגנס אַוועק קיין באַראַנאָוו טאָן מיט איר דעם שידוך, האָט ער שוין איצט פּשוט מורא געהאַט זיך אָנצוגעגענען מיט איר בליק, ווער ווייסט וואָס זי קען אים דאָ אויפשפּילן. לאָדי, וואָס ער האָט זי פאַרקנסט הינטער די אויגן, וואָס זי ווייסט אפילו נישט מיט וועמען, האָט ער נאָך אָפּגעשטעלט די חתונה אויף אַזוי גיך, נישט קיין גאַנצע דרײַ וואָכן נאָך שבועות.

מילא, דעם חיים־קלמענען האָט ער ווי עס איז פאַררעדט די צײַן.

ב. דעמבלין

דער יונג האָט זיך אַפּילו געחידושט, נישט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס אַזאַ איילעניש, אַזאַ ברען? זאָל כאָטש זיין די חתונה שבת־נחמו, האָט ער זיך געבעטן. ער וועלוול, האָט דאָך אים נישט געקענט דערציילן אַז שבת־נחמו קען שוין דאָס אומגליק שטעכן די אויגן. אויב ס׳איז טאַקע געשען, קען דאָך שוין דערנאָך די מויד זיין אין פערטן חודש. אַזוי אָבער, אַז די חתונה וועט מיט מזל פאַרקומען דאַנערשטיק, פרשה בהעלותך, איז עס, ערשטנס, נאָך פאַר די דריי־וואָכן, צווייטנס וועט דאָס אומגליק דורך דער צייט נישט אַרויסקומען, עס וועט אַפּילו פאַרדעקט זיין פאַר אים אַליין, פאַר חיים־קלמענען. פשוט, ער איז דער טאַטע!

געזאָגט דעם יונג האָט ער דעם אַנדערן תירוץ, וואָס איז אמת אויך. ער, חיים־קלמן, ווייסט דאָך אַז ער איז, נישט פאַר קיין ייִדן געדאַכט, געוואָרן אַן אַלמן. שוין דריי חדשים אַז מינדל ע״ה, איז געשטאָרבן. פאַרשטייט ער דאָך אַליין, חיים־קלמן, אַז פאַר אַ מאַנצביל צו לעבן אָן אַ ווייב איז נישט קיין לעבן. אָט אַ שטייגער ער אַליין, אַ בחור, ווייסט ער עפּעס פון אַ לעבן? אָן אַ היים, אָן אַ ווייב, אַ באַלעבאָסטע ביי זיך אין שטוב, וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס? אמת, ער, וועלוול, האָט זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן. צירעלע אָוווּרט אים ווי אַ קיסר. קאָכט, באַקט, רוימט, טוט אַלץ וואָס אַ באַלעבאָסטע טוט אין איר שטוב, אָבער ס׳איז פאָרט נישט דאָס! פאַרשטייסט, חיים־קלמן? ס׳איז נישט דאָס! דו ווייסט נעבעך נישט וואָס דאָס איז, אַז האָסט נאָך נישט פאַרזוכט דעם טעם פון האָבן אַ ווייב, פון האָבן מיט וועמען אַן אייגן וואָרט אויסצורעדן, פאַר וועמען זיך צו פאַרטרויען. פאַר אַ פרעמדן מענטש קענסטו דאָס נישט, אויך נישט פאַר אַן אייגן קינד. דעסגלייכן אַ ווייב, אויך זי וויל האָבן אין וועמען זיך צו פאַרטרויען. האָסט דאָך געלערנט חומש! גע־דענקסט נאָך וואָס דאָרטן שטייט? יעזב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו והיו לבשר אחד (דער מאַן זאָל פאַרלאָזן זיין פאָטער און מוטער און זאָל זיך באַהעפטן מיט זיין ווייב און זיי זאָלן זיין איין לייב). פאַר־שטייסט? די תורה זאָגט: בשר אחד, איין לייב, איין נשמה.

איז ער, וועלוול, טאַקע איצט מיט אַ צעריסענער נשמה און אָן אַ לייב. וויל ער אַליין איצט אַ שידוך טאָן. קען ער דאָך אָבער נישט פאַר צירעלען. ערשטנס, וואָס וועלן מענטשן זאָגן? ס׳אַנדערע, ס׳עט גאָרנישט טויגן אויך. ווי צירעלע איז אַ שטיק גאָלד, גוט ווי דער טאָג, וועט עס איר פאַר־שאַפן עגמת־נפש צו זען ווי אַ פרעמדע ייִדענע פאַרנעמט איר מאַמעס אָרט, ווערט די גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב, שלאָפט אין דער מאַמעס בעט, נוצט דער מאַמעס כלים, דער מאַמעס סידור און תחינה און טייטש־חומש. קען ער, דער טאַטע, איר אָנטאָן אַזאַ האַרצווייטיק? דאָס מיידל וועט

פ. דעמבלין

חלילה קראַנק ווערן, זי וועט אַזוינס נישט איבערהאַלטן. איצט, חיים־קלמן, פּאַרשטייסטו שוין, פאַר וואָס איך וויל נישט וואַרטן?

דער יונג האָט זיך אַפּילו געקראַצט, געשיבערט, אָבער ער האָט מסכּים געווען. וועט אָבער צירעלע מסכּים זײַן? איר קען ער דאָך נישט אָנגעבן דעם תּירוץ, בפּרט אַז עס איז גאָרנישט קיין תּירוץ אויך. קען ער איר זאָגן אַז ס׳איז נישט גלײַך פאַר אַ טאַטן צו זײַן מיט אַ דערוואַקסן מיידל אין איין שטוב? קיין צוויי חדרים איז דאָך אין דער דירה נישטאָ. און זי שלאָפט דאָך אין קעגנאיבערדיקן בעט. וויפל מ׳זאָל זיך נישט היטן, איז דאָך פאַרט זומער, אָט קאָפּעט מען אין שלאָף פון זיך ס׳לײַלעך. ווען אַפילו ער זאָל פרעגן דעם רבֿ, וואָלט ער אים אויך געזאָגט: טוסט גאַנץ גלײַך, וועלוול. מאַך חתונה די טאָכטער און דו שטעל תּיכּף אַ חופּה. אַ ייִד טאָר נישט זײַן אָן אַ ווײַב!

און ער קען דאָך דאָס טאָקע באַלד טאָן. די דבֿורהלע, אַ יונג ווײַבל, קוים איבער די דרײַסיק, אַן אַלמנה ווי ער אַן אַלמן, מיט בלויז איין קינד, אַ מיידעלע, ייִנגער אַ ביסל פון זײַן גיטעלען, זי איז גרייט צו גיין מיט אים אונטער דער חופּה אַפילו מאָרגן. און זי איז אַ שיין ווײַבל אויך, קומט אַרויס פון יחוס, דערצו נאָך ברענגט זי מיט זיך שיינע עטלעכע הונדערט גילדן נדן.

אָבער קען ער וועגן דעם רעדן מיט צירעלען? וואָס וועט זי זאָגן אויף דעם? אויב בײַ איר מיטן שיינעץ איז גאָרנישט געשען, האָט ער דאָך זי אומזיסט חושד געווען, וועט זי דאָך זײַן גערעכט אים אויסצורײַסן די אויגן! ווידער אָנגעבן איר אין נדן די אַנדערע סיבה פון געאײַל? זײַן ווילן אַרײַננעמען וואָס גיכער אַן אַנדער ווײַב אין שטוב אַרײַן? וואָס וועט זי טראַכטן וועגן אים? און ווי קען ער גאָר וועגן אַזוינס רעדן מיט אַ דערוואַקסענער טאָכטער, וואָס קלאָגט נאָך אויף דער מאַמעס טויט. וואָס זשע וועט פאָרט זײַן? ער מוז דאָך רעדן מיט איר, דער זמן־חתונה דערנענטערט זיך דאָך!

ער איז געשטאַנען אין שטיבל אײַנגעהילט אין טלית, דאָס שבֿועותדיקע מחזור אָפן אין האַנט, ייִדן האָבן געזונגען אַקדמות נאָר בײַ אים איז רעכט געווען אַז מ׳זאָגט איצט הלל.

אין מיטן דאַוונען האָט ער אָוועקרופן אין אַ זײַט דעם אַלטן ישׂראל־שנײַדער, אַ ייִד מיט אַ בלאַס, צעקנייטשט פּנים, מיט אַ גרוי ציגנבערדל, אַ חבֿרה־תּהילימניק צוגלײַך מיט אים:

— ר׳ ישׂראל, גיט מיר אָפּ מזל־טובֿ. כ׳האָב פאַרקנסט מײַן צירעלען. וויל איך, באַלד מוצאי יום־טובֿ, מ׳זאָל עס נאָר דערלעבן, זאָלט איר זיך נעמען אויפנייען איר וויפּראַווע!

צ י ר ע ל ע

דער ייִד האָט צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט, אַ שמאָל, דאַרט, שנײַדעריש בלײַך הענטל:

— נו, זאָל דיר זײַן מיט מזל. ווען איז די חתונה?

װעלװל האָט זיך אַפֿילו געקװענקלט, זיך געשעמט מיט אַזאַ געאײַל, פֿונדעסטװעגן האָט ער זיך געמאַכט קוראַזש און אַרױסגעזאָגט, גלײַך גאָרנישט:

— דאָנערשטיק, פּרשה בהעלותך.

— אַזױ גיך? אַפֿילו נישט קײן דרײַ װאָכן. כ'על זיך דאָך נישט קענען צומאָל אויסדרייען.

— װאָס דאַרף מ'דען? ס'חופּה־קלײד און אַ קלײדל צו גײן דעם ערשטן שבת אין שול־אַרײַן. די רעשט האָט איר צײַט דעם גאַנצן זומער.

דער ייִד האָט זיך געקראַצט אונטערן בערדל, אַרױפֿגעשלעפּט דעם אַראָפּגעגליטשטן טלית צוריק אױף די אַקסלען. װעלװל האָט אים דערװײַל געפּאָרשט, געקוקט אים זײַטיקלעך אין די אױגן. כאַפּט זיך דער אַלטער אױף דער סיבה פֿון זײַן אײַלעניש? בעסער אים שױן פֿאַרלױפֿן דעם װעג:

— איר פֿאַרשטײט, ר' ישׂראל, איך קלער אַלײן אין גיכן צו טאָן אַ שידוך, פּאַסט דאָך עס נישט פֿאַר דער טאָכטער.

— יאָ, כ'פֿאַרשטײ, האָט דער אַלטער ישׂראל שנײַדער אַ זאָג געטאָן, אַ זאָג, װאָס איז גיכער געװען אַ זיפֿץ, אַ באַדױער אױף דעם טאַטן װאָס װיל גבעך פֿאַרדעקן דעם װײטיק אין האַרץ. מ'װײסט דען נישט? דעם ראַדצעס זינדל איז דאָך שױן װידער דאָ. און צירעלעס ליובענישן מיט אים געדענקען דאָך אַפֿילו די פֿײגעלעך אױף די דעכער. אָבער זאָגן װעלװלען אַז ער איז מבֿין? חלילה! האָט ער אָנגענומען זײַן תירוץ, װאָס איז דאָך אַן אמת. ער שטײט דאָך טאַקע אין שידוכים, װעלװל.

— אוודאי פֿאַרשטײ איך. נישטאָ קײן עצה. יאַק יצר־הרע נאַפּאַדניע, טאָ האַנט־תקיעת־כּף ניע פּאָמאָזשע! אַ יונגערמאַן אין דײַן עלטער קען נישט זײַן אָן אַ װײַב.

איז ער דאָס איצט געגאַנגען אַהײם, װעלװל, פֿון דאַװענען. ער האָט, דאַכט זיך; גאָרנישט געזען אַז דאָס ייִנגל, שמואל, גײט לעבן אים, נישקשה, ער װעט שױן זען אָן אירע באַקן װי די צײן קנאַקן.

צירעלע האָט געהאַט געמאַכט יום־טובֿ װי די מאַמע, איר צו לאַנגע יאָר. אין שטוב האָט געשמעקט די רײנקײט. די בלומענטעפּ, אױף די פֿענצטער, אָפֿן צעפּראַלטע, פֿאַרהאָנגענע מיט פֿריש געפּרעסטע פֿױערהאַנגען, זענען געװען צעבליט, צעװאַקסן, מיט אַ שפּע בלימעלך אַראָפּגעהאָנגענע אין בײדע זײַטן פֿון די פֿענצטער. בינען האָבן דאָרטן אַרומגעזשומט, און פֿאַרביקע פֿלאַטערלעך, נחתדיקע פֿאַרן אױג, האָבן אַרומגעהאַ־

וועט. אויף די שויבן האָבן געקלעפּט שבֿועותדיקע רייזעלעך, וואָס שמואל האָט שוין לאַנג צוריק געמאַכט. איינס, ווי משה־רבֿינו שפּאַלט דעם ים־סוף, אַן אַנדערס, אהרן הכהן מיטן חושן ואפֿוד אויף דער ברוסט, אַ דריטס — אבֿרהם אבֿינו ברענגט אויף יצחקן אויף דער עקדה.

ווי יעדן שבֿועות איז אויך הײַנט די שטוב געווען אויסגעצירט מיט גרינס. ווײַסע צווײַגלעך פֿון דער יונגער בעריאָזע, געדיכט מיט העל גרינע, פֿריש זאַפֿטיקע בלעטלעך, זענען געהאָנגען איבערן שפּיגל, איבער דעם סרעדניץ, אויפֿן לאָמפּ איבערן טיש. און דיקע, זאַפֿטיקע ווייעס, רויטלעך בײַ די אָפּגעשניטענע עקן, ווי פֿרישער רובארב, זענען געווען צעלייגט איז די ווינקלען שטוב, אויף די בעטן, אויף די קינדערס שלאָפֿבענק.

ער האָט זיך געוואַשן, געזעצט צום טיש מיט שמואלן בײַ זײַן רעכטער האַנט און גיטעלען בײַ דער לינקער. צירעלע האָט דערלאַנגט פֿיש אין זיס־און־זויערן, קרעפּלעך געפּילט מיט קעז, דורכגעמישט מיט ראָזשינקעס, מיט צוקער און צימרינג. צוגעברוינטע בלינצעס, וואָס סײַ די קרעפּלעך און סיי די בלינצעס זענען געווען געטונקען אין סמעטענע און צו דעם גלעזער ציקאָריע מיט שמאַנט.

וועלוול האָט צופֿרידן געשמייכלט, געזאָגט דער טאָכטער אַז זי איז אַ בריה, און זי האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז דאָס איז נאָר אויף איבערצוכאַפּן, ווי שטענדיק, די שבֿועותדיק מילכדיקע סעודה, אַז אויף שפּעטער האָט זי אָנגעגרייט אַ פֿליישיקע סעודה, פּונקט ווי די מאַמעשי פֿלעגט עס טאָן, געוויינלעכע פֿיש מיט געגליווערטע פֿישויך, הינערשע יויך מיט מאַנדלעך. עוף און קאַרשן־קאָמפּאָט.

די גאַנצע צײַט וואָס צירעלע האָט דערלאַנגט צום טיש, געזעסן אַנט־קעגן אים בײַם עסן, האָט ער נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פֿון איר. די בלאַסקייט אירע האָט אים געשראָקן. קיין מאָל פֿריִער איז זי נישט גע־ווען אַזוי בלאַס, די בלויע אויגן — נישט אַזוי מאַט און קיין מאָל פֿריִער איז זי נישט געווען אַזוי טרויעריק אײַנגעשוויגן אין זיך, ווען ער מאַכט איר נישט דעם קאָמפּלימענט איבער דער צוגעגרייטער סעודה, וואָלט ער אין גאַנצן איר קול נישט געהערט. דאָס איז אַ שלעכטער סימן! די בראָך זײַנע איז גרויס! ער וועט זען וואָס זי וועט דאָ זאָגן: בײַם אוועקשטעלן לעבן אים דעם טעלער קרעפּלעך, האָט ער אַרויפֿגעלייגט זײַן זוניק פֿאַר־ברוינטע האַנט, אַ שווערע, אַ שוואַרץ באַוואַקסענע האַנט אויף איר ווײַס, קינדיש נאָך, צאַרט הענטל:

— ווייסט, צירעלע, ס'קומט דיר אַ מזל־טובֿ. ביסט מיט מזל אַ כּלה געוואָרן.

צירעלע איז געשטאַנען אַ היבשע ווײַלע מיט איר הענטל אונטער

צ י ר ע ל ע

זײַן האַנט, ווי אַ געבאַפּטער, דערשראָקענער פֿויגל. אַפֿילו דער ברודער, שמואל, איז געבליבן ווי דערשראָקן, מיט אַ האַלב קרעפּל אויפֿן גאָפּל לעבן אָפֿענעם מויל. אירע אויגן זענען געוואָרן אויסטערליש גרויס, אַרויס־געזעצט, ווי זיי וואָלטן זיך געריסן פֿון די לעכער. אירע מוילווינקלען האָבן געציטערט, געצוקט, אָט־אָט און זי ברעכט אויס אין אַ געוויין.

— וואָס איז דער מער, צירעלע? ביסט חלילה קראַנק? ביסט כּסדר אַזוי בלאַס. ער האָט איר געגלעט דאָס הענטל: — זעסט צירעלע, הײַנט בײַם דאַווענען האָב איך איבערגעשמועסט מיט ישׂראל שנײַדער, ער זאָל פֿאַר דיר נייען די וויפּראַווע. ער האָט נאָך געוואָלט איר זאָגן אַז גלייך נאָך יום־טוב גייט ער מיט איר צו לייבל עלים אָפּקלײַבן זײַדנס, סאַמעט, אַ שטיקל וועב אויף וועש, נאָר צירעלע האָט געטאָן אַ צי אַרויס די האַנט פֿון אונטער זײַנער:

— איך וויל נישט קיין וויפּראַוועס און איך דאַרף נישט דער טאַ־טעשי זאָל מיך חתונה מאַכן.

— זײַ נישט קיין קינד, צירעלע, און מאַך נישט קיין לײַטיש גע־לעכטער.

צירעלע האָט שוין אָבער דאָס נישט געהערט. זי איז אַרויס אין דרויסן. געוואָלט האָט זי לויפֿן צו וואָלאָדושן. זי איז אָבער געבליבן שטיין בײַ דער צוים, אויף זייער זײַט הויף.

די צוים! ווען זי אַ מאָל טאַקע אַריבער די צוים? זי האָט אָנגע־שפּאַרט אירע עלנבויגנס אויפֿן דרענגל. די זון האָט געבלענדט מיט ליכט. די לאָנקע אויף יענער זײַט אָטעמט מיט אַזאַ זיסער רו, וואָס אויף דער זײַט, בײַ זיי, איז עס גאָרנישט געמאָלט. די קי ליגן דאָרטן איצט אין די גראָזן, מעלה־גרהן. דער באָטשאַן, אַ פֿאַרטראַכטער אין זומפּיקן גע־מויזעכץ, שטייט אויף איין פֿוס, אַ הויכער, אַ דינער און אַ רויטער, ער פֿוילט זיך אַפֿילו צו זוכן מיטן שנוב אַ וואָרעם. אויף דער סאַזשלקע שווימען ווילדע גענדז און קאַטשקעס. אַלע מאָל טוען זיי זיך אַ הייב אין דער לופֿט, צעפֿלי̈ען זיך אין צוויי באַזונדערע טשאַטעס, טראָגן זיך אונטער די בלויע הויכקייטן, ווי צוויי צעעפֿנטע פֿליגל פֿון איין ריזיקן פֿויגל. און אַנטקעגן, ווייט־ווייט, שטייט דער שלאָס מיט די צוויי טורעמס און אָפּגעשלאָסענער, אַ פֿאַרמאַכטער פֿאַר איר... אַלץ, אַלץ האָט איצט געציטערט אין איר פֿאַרטרערטן בליק, ווי זי וואָלט אויף דעם אַלעם גע־קוקט דורך אַ פֿאַררעגנטער שויב.

ב. דעמבלין

ז.

ביז דער חתונה האָט צירעלע איר געמאָל נישט געהאַט געזען און עס האָט זי נישט געאַרט אויך. זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ טראַנס, באַרוישט, צעטראָגן. ביי טאָג האָבן זיך אין שטוב געפּאַרעט מומעס, ייייבער, מ'האָט איינגעקויפט, זיך געגרייט. ישראל שניידער איז גע־קומען מיט אַ געזעלן, געפּאַסט אויף איר פ' חופּה־קליד, דאָס צומאַרגנס־קליד, אַ קלייד אין שול אַריין, אַ פּליושענע ראָטאַנדע אויפן ווינטער, אַ זיידן קאָסטיומל אויפן זומער, אָבער ווי נאָר ס'איז צוגעפּאַלן דער אָוונט און דער טאַטוש איז אַרויסגעפאָרן אויף דער סטאַיקע, איז זי אַוועק אין וועלדל. צומאָל איז איר גאָר פאָרגעקומען אַז דאָס פאַרעט מען זיך צו איר שליוב מיט וולאַדושן.

— טייערער, נעם מיך אַרום פעסטער, שטאַרקער, איך האָב מורא. אָבער און ווידער האָט זי זיך צעוויינט אין זיינע אָרעמס: — וולאַדוש, איך טראָג! וואָס וועט זיין? דער טאַטוש וועט מיך דערהרגענען.

ער האָט זי געקלאַמערט אין די אָרעמס, זי געקושט, באַרויקט זי:

— דו האָב נישט מורא. פאַר דיין חופּה וועל איך קומען מיט צוויי פאַראָבקעס אויף פערד, וועל דיך אַרויסגנבֿענען און מיט דיר אַוועק קיין קראָקע. מיין מאַמושאַ, די גאָט־זעליקע, האָט מיר אָפּגעשריבן איר דאָר־טיקן גוט, אַ גרויסער, מיט אַ סך מאָרגעס פעלד. מיר וועלן דאָרטן זיין און דאָרטן נעמען שליוב.

— און איך וועל מיך שמדן? ניין, איך וויל מיך נישט שמדן!

ערשט אונטער דער חופּה, דורך אַ שפּעלטל פון דעקטוך, האָט זי גע־כאַפּט אַ בליק אויפן חתן. פינצטער איז איר געוואָרן אין די אויגן. זי האָט געמאָן אַ קוויטש: מאַמע! אַז דער גאַנצער עולם איז פאַרציטערט געוואָרן. באַלד אָבער איז דער עולם געקומען צו זיך, וויטער געטאַנצט, ווידער געהאָפּקעט: ווייסעך דאָרטן, אַ יתומה נעבעך, האָט זי זיך דער־מאָנט אָן דער געשטאָרבענער מאַמען.

צירעלע האָט אונטערן דעק־טוך געקלאָגט, וואָס וולאַדוש האָט נישט געהאַלטן קיין וואָרט, וואָס ער איז נישט געקומען זי אַרויסגנבֿענען און מיט איר אַנטלויפן. די ווייבער אָבער האָבן געמיינט, אַז דאָס וויינט זי, וואָס די מאַמע אירע האָט נישט דערלעבט דאָס נחת:

— וויין, וויין כּלהשי, האָבן זיי זי געגלעט, באַרויקט, — נאָך אַ מאַמע דאַרף מען וויינען, בפרט נאָך אין חופּה־טאָג.

זי האָט זיך געריסן, געוואָלט לויפן צו דער ווייסל זיך טרענקען. וואָס טויג איר שוין איצט דאָס לעבן? איז זי אָבער געווען אַרומגע־רינגלט מיט ווייבער, וואָס האָבן איר צעפּלאָכטן די צעפּ און מיט גרויס

ב. דעמבלין

פֿרייד אָפּגעשוירן די זשמעניעס ליכטיק בלאָנדע האר פֿון איר קאָפּ. דער־נאָך האָט מען מיט איר געטאַנצט דאָס מיצווה־טענצל און באַלד אַזוי שלוי, אַזוי גנבֿיש־זײַטיקלעך, מיט איר אַרויסגעטאַנצט פֿון חתונה־קלומ־פּער און זי אַרײַנגעפֿירט אין אַן אָפּגעזונדערט חדרל, אַ האַלב פֿינצטערס, מיט אַ גרייט געבעט בעט און מאוימדיקע שאָטנס, וואָס האָבן גענומען קריכן אויף איר פֿון אַלע ווינקלען.

גערעדט אין שטאָט האָט מען אַז נישט אין דער חופּה־נאַכט און נישט שפּעטער האָט צירעלע דעם כּאַבע דע קאַלבען צו זיך נישט צוגע־לאָזט, דערבײַ האָבן אַפֿילו פֿרומע ווײַבער איר געגעבן גערעכט:

— וועלכעס מיידל וואָלט יאָ צוגעלאָזט צו זיך אַזאַ מנוול? נישט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, ס'שטינקט דאָך פֿון אים דער פֿאַרך! קליינער־הייט האָט ער, זעט אויס, יאָ געמוזט זײַן אַ שיין קינד, איז ער אָבער, נעבעך, פֿאַרוואָרלאָזט געוואָרן. און ס'איז דען אַ וווּנדער? אַ יתום, אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען!

— אַ וווּנדער איז יאָ אויף וועלוועלען. וואָס איז אויף אים געווען אַזאַ אײַלעניש?

— ס'הייסט וואָס? ר'האָט דאָך איר געמוזט צורעקן דעם קאָפּ! ס'איז לײַכט צו האָבן אַ מכּה ביי יענעם אונטערן אָרעם...

— און יעדן זאָג ענק, אַז ס'איז גאַרנישט דאָס! וועלוועלע האָט געוואָלט אַ ווײַב! ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן אַפֿילו ס'יאָר. אַ סימן, צוויי וואָכן נאָך צירעלעס חתונה האָט ער געשטעלט אַ חופּה מיט דבורהלען.

— אַוודאי! ווען ער אײַלט זיך נישט, וואָלטן דאָך אונטערגעקומען די דרײַ וואָכן און ער וואָלט געמוזט וואַרטן ביז שבת־נחמו.

— ניי? נעמט מען און מ'באַגראַבט אַזוי אַ מיידל? ווי קומט צירעלע צו אים? זי איז דאָך אַ שאָנקייט! אַ מלכותדיקע צורה! און ער? כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד! ס'כּאַפּט דאָך אָן אַ מיגל צו קוקן אויף אים. אַפֿילו קיין לייטיש שטיקל באָרד האָט ער דאָך נישט. די בינטלעך האָר זענען אים צעוואָרפֿן אויף די באַקן, אויף דער גאָמבע, ווי אָפּגעזונדערטע בערגעלעך מאָך אויף אַ זאַמדפּליך.

— מילאַ, דאָס אַלץ וואָלט שוין יאַקאָש געווען צו דערלײַדן. אָבער דער פֿאַרך? רבונו־של־עולם! ווי נעמט דאָס אַ יונגערמאַן און טוט זיך אָן אַזאַ פֿאַרך אויפֿן קאָפּ?

צירעלע וואָלט אַוודאי דעם כּאַבע דע קאַלבען צו זיך נישט געווען צוגעלאָזט, האָט אָבער די שרעק, טאָמער ווערט מען געוווּיער, אַז זי האָט זיך פֿאַרהורט און טראָגט פֿון וולאַדושן, גובֿר געווען אין איר דעם עקל און זי האָט כּאַבע דע קאַלבען יאָ צוגעלאָזט צו זיך, סײַ אין

דער חופּה־נאַכט און סײַ שפּעטער. האָט ער אָבער אָנגעהויבן צו וואָרטשן זי געדופּן חצופּה, איר אויפגעוואָרפן, אַז זי איז נישט קיין ערלעכע ייִדישע טאָכטער, אַז זי איז נישט געווען קיין בתולה צו דער חתונה. דאָס האָט זי שוין נישט געקענט פאַרטראָגן. ער רעדט נאָך? דענצמאָל האָט זי אים געטאָן אַ שלײַדער פון זיך:

— אַוועק פון מיר, מנוול!

כאַבע דע קאַלבע האָט איר אַפילו געסטראַשעט: ער וועט גיין צום רב דערציילן, אַז זי איז אים נישט קיין ווײַב, אַז זי טראָגט פון שייגעץ. גע־גאַנגען אָבער איז ער נישט. זײַן דאַליע אין שטאָט דאָ איז אַזוי אויך אַז אָך און אַז ווי. ווער עס האָט אַ האַנט און אַ פּוס טרײַבט פון אים ליצנות, מאַכט פון אים אַ דידענע־אַהפּויק. אַפילו דעם נאָמען האָט מען דאָך אים דאָ פאַרדרייט, אַז פאַרדרייט זאָלן זיי ווערן די מײַלער אויף הינטן! ווי נאָר די היגע דראַשקאַר־יונגען האָבן אים דערזען, אַזוי האָבן זיי גלײַך פון זײַן נאָמען חיים־קלמן געמאַכט כאַבע דע קאַלבע. אַ ליאַדע סמאַרק דאָ טוט אים אין דער לעבער אַרײַן, רײַסט אים די קאַפּאָטע, ציט אים בײַ אַן אויער און לאָבוזעס צאָיען זיך כּסדר הינטער אים, אַראָפּצו־וואַרפן אים ס'היטל פון קאָפּ. רבונו־של־עולם! פאַר וואָס האָבן מענטשן אַזאַ הנאה פון פאַרשעמען יענעם? פון אויפדעקן יענעמס חרפּה? אַפילו אַזוי, אין גוטן מוט, כאַטש ר'האָט נאָך נישט געלאָזט פאַלן קיין וואָרט, וואָס בײַ אים אין שטוב טוט זיך, רוקט זיך אַלע מאָל אונטער צו אים אַן אַנדער דראַשקאַר־יונג מיטן זעלבן פראַגעלע: — כאַבע דע קאַלבע, צירעלע לאָזט דיך כאַטש אַרײַן אין בעט? וואָס וועט שוין זײַן, אַז ער וועט נאָך אַליין אויפרויען זײַן אומגליק? ער וועט דאָך דאַרפן אין גרויס חרפּה אַנטלויפן פון שטאָט, אָדער גאָר, חלילה, זיך אַ מעשה אָנטאָן! און ער קען זיך דאָך דאָס אַלץ פאַרשפּאָרן. צירעלע קען זיך דאָך נאָך איבערקלערן. זי איז דאָך אַ יונגע קאָזע. זי קען נאָך ווערן מיט לײַטן גלײַך. און זי טראָגט דאָך, אפשר טראָגט זי פון אים?

האָט גאָט געהאָלפן און דאָס קינד, אַ ייִנגעלע, איז אין גאַנצן אַרײַנ־געראָטן אין אים, חיים־קלמענען. האָט עס ווידער געוועקט אין אים האָפע־נונגען: צירעלע וועט זיך דאָך סטאַטקעווען, ווערן אים אַ ווײַב, ווי גאָט האָט געבאָטן, זי איז דאָך אַזוי שיין! אַז גאָט וועט אים העלפן, איר האַרץ וועט איבערגעקערט ווערן צום גוטן, וועט ער דאָך זײַן אויפן זיבעטן הימל. אַפילו אַ מאָנאַרך וועט דאָך אים מקנא זײַן מיט איר, אַזאַ ליכטיקע צורה!

און וועלוול, דער טאַטע, כאָטש פון איין זײַט איז גאָר קיין שיעור נישט געווען צו זײַן גליק, צו זײַן פרייד, איז אויסגעהיט געוואָרן פון פאַרשעמונג!

צירעלע

כ'האָט אָבער אין דער זעלבער צײַט געגומען נאָגן דער אַלטער וואָרעם פֿון צוויפֿל, וואָס איצט האָט ער געקענט נישט בלויז נאָגן, נאָר רײַסן און פֿאַסעווען זײַן לײַב: אומזיסט נעבעך חושד געווען צירעלען! אָן שום גרונט זיך געאײַלט מיט איר, אַזוי זי אומגליקלעך געמאַכט, ער האָט דאָך געקענט מיט איר טאָן אַ לײַטישן שידוך, מיט אירס גלײַכן!

די ווײַבער אָבער, וואָס שטענדיק האַלטן זיי יענעם אויפֿן קאָפּ, זיי זענען נישט אַזוי גיך מושווה געוואָרן מיט דעם ענלעכקייט־געשעעניש. נאָך דעם גאַנצן אויסקוקן, נאָך דעם לאַנגן וואַרטן צו האָבן וועגן וואָס צו רעדן, צו קענען זאָגן איינע דער אַנדערער, — ני? ווער ס'איז שיין, יעך בין קלוג! די ווײַבער האָט איצט גאָרנישט געשמעקט אַזוי צו זײַן אָנ־טוישט, האָבן זיי זיך געאַמפּערט איינע מיט דער אַנדערער:

— אמת טאַקע, ס'נפֿשל איז טונקלהויטיק, ווי כאַבע דע קאַלבע, אָבער די אויגן? פֿון וואַנען נעמען זיך צו דעם קינד אַזעלכע בלויע שליפֿיעס? ס'איז דאָך אין גאַנצן דער שייגעץ! איז מעגלעך אַ קינד זאָל האָבן צוויי טאַטעס?

— וואָס הייסט פֿון וואַנען? צירעלע האָט דאָך בלויע אויגן. אַ קינד מעג דאָך עפּעס ירשענען פֿון דער מאַמען!

אָבער וואָס הערט זיך מיט דער צייט? ס'איז דאָך נישט קיין נײַן חדשים נאָך דער חתונה!

די ווײַבער האָבן גערעכנט, געחשבונט, געציילט אויף די פֿינגער:

— די חתונה איז געווען פּרשה בהעלותך, דאָס איז אויסגעפֿאַלן האַלב כיון, ס'קינד איז געבוירן געוואָרן... אוי, יעך נעם מיר ס'לעבן! אָט איז דאָך די בראָך אויבן אויף!

— וואָ'דען האָט עס געמיינט? צירעלע איז אַ נאַר? זי האָט מיט כאַבע דע קאַלבען פֿאַרדעקט די מעשים פֿון שייגעץ!

— ווי איז אַזוינס מעגלעך? ס'קינד גערעאָט דאָך פֿאָרט אַרײַן אין כאַבע דע קאַלבען!

— אפֿשר איז עס טאַקע אַ זיבעלע? די הייוון זאָגט דאָך אַזוי!

אויך צירעלע האָט שטיל, בײַ זיך אין האַרץ, גערעכנט און געחשבונט. אויך בײַ איר האָט דאָ עפּעס נישט געשטימט. זי זעט איצט אײַן אַז זי האָט זיך דענצמאָל אומזיסט געשראָקן. דער רויטער גאַסט האָט זיך דאָן, ווייזט אויס, בלויז פֿאַרהאַלטן. אַנדערש וואָלט דאָך ס'קינד נישט אַרײַנ־געראָטן אין דעם מנוול! אָ, ווען זי ווייסט דאָס דעמאָלט!

די ערשטע טעג פֿון דער גראַטשקע, גיין שוועד צו קינד, האָבן, אַ ברית, האָט זיך קיינער רעכט נישט אומגעקוקט צו זען אַז עפּעס איז דער מער מיטן קינד. אָבער וואָס אַ טאָג ווײַטער און דער עיקר אויפֿן פּדיון־הבן,

האָט מען באַמערקט, אַז דאָס יינגעלע איז אַ קריפּל. ס'קעפּל ליגט אים כּסדר, ווי צוגעוואַקסן, צום לינקן אַקסעלע. ס'מײַלעכל איז אָפֿן און פֿאַרקרומט, די אייגעלעך — פֿאַרדרייט, ווינקלדיק פֿאַרשפּיצט אַרויף, אַזוי אויך די הענטלעך און די פֿיסלעך — פֿאַרדרייט צו די זײַטלעך.

ווי צירעלע האָט פֿון דער ערשטער מינוט, גלײַך ווי זי האָט געזען, אַז דאָס קינד געראָט אַרײַן אין כאַבע דע קאַלבען, געהאַט אַ ווידערווילן, אַפֿילו געפֿילט אַן איבל צו דעם נפֿשל, האָט עס איר דאָך געטאָן אַ שטאָך אין האַרץ, בײַם דערזען אויף קלאָר אַז דאָס יינגעלע איז אַ פֿאַרזעעניש. זי האָט געפּרוּווט אונטערהייבן דעם קינדס קעפּל, עס איז דאָך נישט צו־געוואַקסן, פֿאַר וואָס זשע פֿאַלט עס נאָר אויפֿן לינקן אַקסעלע? און זע נאָר, ווי אַלץ אין דעם פּנימל איז קרום, פֿאַרדרייט. גאָט! איז דאָס די שטראָף?

זי איז געלאָפֿן צו איין דאָקטאָר, צו אַ צווייטן, גענומען דאָס קינד קיין וואַרשע, אָבער קען מען אויסגלײַכן אַ פֿאַרקרימטן בוים? צומאָל, בײַם זייגן עס, איז זי באַהערשט געוואָרן פֿון אַ דראַנג צו דריקן די בריסט אויפֿן קינדס נעזל, שטאַרק, שטאַרק! צו פֿאַרכלינען אים מיט דעם מילכשטראָם און אַזוי אַרום אים דערשטיקן. איז אָבער גלײַך ווי זי האָט דאָס אָנגע־הויבן צו טאָן, האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ רחמנות און ס'האַרץ האָט איר פֿאַרקלעמט: וואָס איז דאָס נפֿשל שולדיק. באַלד האָט זיך דאָס רחמנות צום קינד פֿאַרוואַנדלט אין איר האַרץ אין אַ טיפֿן האַס, אַ האַס קודם צו דעם מנוּוול: דורך אים איז דאָס קינד געקומען אויף דער וועלט, דורך אים איז עס געבוירן אַ קריפּל. אָבער נאָך אַ גרעסערער האַס איז אין איר האַרץ אָנגעשטאַנען צום טאַטוש! ער איז דער שולדיקער! ער האָט זיך אַפֿשר גאָרנישט אַזוי געשראָקן איבער איר גוטן נאָמען, ווי ער האָט זיך געיאָגט צו קענען זיך נעמען אַ נײַ ווײַב! דאָס האָט ער זי דערפֿירט צו דעם אומגליק. ער האָט איר אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ!

ז

וואָס עלטער זי ווערט, צירעלע, אַלץ מער באַנעמט זי דעם זין פֿון דער צוים. קליינערהייט האָט זי נישט געקענט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס יידישע קינדער זאָלן נישט אַריבער אַהין און קריסטלעכע נישט — אַהער?

דאַכט זיך וואָס? עטלעכע סלופּעקלעך אין דער ערד און צוויי דרענג־לעך צוגעשלאָגן צו זיי לענג־אויס דעם הויף. איין דרענגל אַפֿשר אַ פֿערטל אייל פֿון באָדן און דאָס צווייטע — וואָסערע דרײַ פֿערטל אייל העכער, אַרום און אַרום — פּונקט די הייך אויף צו פֿאַרצוימען די קריסטלעכע בהמות אַהער און די יידישע פֿערד אַהין!

צירעלע

איז זי נישט קיין פֿערד און איז יאָ אריבער.

אַן אומרויִקע, מיט גרויסע, בלויע, נײַגעריקע אויגן, האָט עס זי שטענ־דיק, פֿון קליינווײַז אויף געמאַניעט אַהין, אַריבערן צוים, צו יענעם פּריצישן שלאָס, אַזאַ שיינער, אַזאַ אינטריגירנדיק פֿאַרהוילענער צווישן די צעוואַק־סענע קרוינען פֿון ביימער, און צום ווערדל דאָרטן, וואָס טונקלט זיך אַזוי סודותדיק בלוי, און צו די לאָנקעס מיט דער סאַזשלקע, וואָס שטענדיק בליאַסקעט זי פֿון גרינעם פֿעלד אַרויס, ווי אַ ווינקענדיק, זילבערן אויג.

אַ פֿאַרטראָגענע, פֿלעגט זי אין די זומערן אַריבערגאַפֿיען אַהין, צום ווײַסן באַטשאַן, וואָס שטייט אַ פֿאַרטראַכטער אויף איינעם פֿון זײַנע צוויי הויכע, דינע, רויטע פֿיס אין גרינעם געמויזעכץ, זי פֿלעגט ליב האָבן נאָכצוקוקן די שווימענדיקע קאַטשקעס און גענדז, אויף דער סאַזשלקע דאָרט, פֿיל פֿון זיי ווילדע, וואָס אַלע ווײַל טוען זיי זיך אַ צעפּלי אין צוויי זײַטן, ווי אַ פּאָר צעעפֿנטע פֿליגל אונטערן בלויען הימל.

ווי זי אַהין, אַזוי פֿלעגט וולאַדוש אַריבערגאַפֿיען אַהער, אין ייִדישן הויף אַרײַן. זי איז דענצמאָל געווען אַ יאָר זיבן און ער אפֿשר ניין. ער האָט נאָך דענצמאָל געהאַט לאַנגע האָר, ביז די אַקסלען און געגאַנגען איז ער קורצע הויזקעס ביז די קני. זי האָט געצויגן צו אים, צו זײַן גרויסן באַלעם, אַ פֿאַרביק געקעסטלטער.

איז זי אַריבער צו אים, געגאַנגען מיט אים אין איין שקאָלע. וואָס זאָל זי איצט טאָן? לעבן אַן וולאַדושן וועט זי שוין נישט קענען! די חתונה, דאָס טראָגן און האָבן דאָס פֿאַרזעעניש, דאָס איז אַלץ אַ וויסטער חלום, אַ ווילדער קאָשמאַר! זי איז געווען אַ יונגע קאָזע האָט זי זיך געלאָזט כאַפּן בײַ די הערנער און אַרײַנפּלאָנטערן אין אַזאַ גרויליקער נעץ. איצט פֿאַרשטייט זי בעסער. אין דעם איינעם יאָר איז זי עלטער געוואָרן אויף צען. זי איז טאַקע ערשט זיבעצן, אָבער איר, דאַכט זיך, זי איז שוין הונדערט יאָר אַלט! קיינער וועט זי נישט נייטן צו זײַן כאַבע דע קאַלבעס ווײַב. זי וויל זיך גטן. וויל ער אָבער נישט געבן איר קיין גט. זי וואָלט אפֿשר געדאַרפֿט אַנטלויפֿן, אָבער ווי קען זי אַוועק, אַז דאָ, אַריבערן צוים, איז וולאַדוש! אַ גאַנצן ווינטער איז ער טאַקע ווײַט פֿון דאַנען, אין די שקאָלעס, אין קראָקע אַזש, אָבער פֿאַר שבֿועות קומט ער און איז דאָ אַ גאַנצן זומער, ביז פֿאַר די יום־טובֿים.

זי האָט געקוקט אויף דעם פֿאַרזעעניש, אין ווינגל. קיין מאָל הערט מען נישט פֿון אים קיין וויין. ליגט מיט אָפֿענעם, פֿאַרדרייטן מויל, די בלויע אויגן שפּיגלדיקע, שאַרפֿע, זייטיקלעך פֿאַרשפּיצטע אַרויף, גייען איר נאָך, קוקן אויף איר דאַכט זיך מיט הכנעה, מיט געבעט.

גלײַך נאָכן ברית, ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס קינד איז אַ

קריפּל, איז זי אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ שוידער. זי האָט געפּלאַטערט, געוויינט, געלאָפן אויף דער מאַמעס קבֿר, געטראָגן אים צו דאָקטוירים, געטראַכט אים צו דערשטיקן מיט דער אייגענער ברוסט, איצט, נישט זי וויל אים דערשטיקן, נישט זי וויינט, זי איז אין גאַנצן גלײַכגילטיק צו אים, אַפילו דאָס ביסל רחמנות צו דעם נפֿשל איז פון איר אויסגערונען. אָפּטמאָל קומט איר פאָר אַז כאַבע דע קאַלבע האָט דאָ אוועקגעלייגט זײַנס אַ קריפּל, ליגט ער אַזוי שטיל, אָן אַ פּישטש, ווי דאָס וואָלט געוווּסט, אַז עס איז אין דער פרעמד, אַז ער קען זיך נישט נאָכלאָזן מיט קיין געוויינען, מיט קיין געפּיעשטשערײַ.

אין דער פרי, ווען כאַבע דע קאַלבע קומט אַהיים מיט דער דראָשקע פון דער נאַכטיקער סטאָיקע, מאַכט ער דעם נפֿשל אַ מאַמקעלע, וואַשט אים, באָדט אים, טוט אים איבער אַ ריין העמדל און לייגט אים קריק שלאָפן. ער אַליין, כאָטש ער האַלט זיך דאָ אויף, איז ער אויך דאָ אַ פרעמדער. פריִער האָט זי נאָך געהאַט צו אים אַ באַציִונג. זי האָט אים געהאַסט, דורכגעשפּיזט אים מיט אויגן פון פאַראַכטונג. איצט גייט ער זי לגמרי נישט אָן, אַפילו קיין גלײַכגילט צו אים האָט זי נישט, ווי ער וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געווען. ער צו איר? אָ, ער איז שוין גאָרנישט גלײַכגילטיק, אָבער ער וועט נישט וואַגן זיך צוצורירן צו איר. ער קוקט אויף איר מיט הכנעה, מיט הינטיש געבעט אין די אויגן. זײַן בעט אַנטקעגן אירס, שטייט פאַרבעט פון זינט דער ערשטער וואָך נאָך דער חתונה. אַ גאַנצן זומער שלאָפט ער אין שטאַל, אויפן היי־בוידעם. אַז ס'האָט אָנגעהויבן ווערן קאַלט אין דרויסן, בעט ער זיך אויס אַ געלעגערל אויפן דיל, בײַ דער פּליטע, לעבן דעם קינדס וויגל.

ער ברענגט פּרנסה אין שטוב אַרײַן. זי קאָכט אויך פאַר אים, אָבער ער באַדינט זיך אַליין, פּונקט ווי ער קאָרמעט אָן דעם קריפּל. זי האָט נישט מער צו אים קיין האַס, האַס האָט זי בלויז צום טאַטן. דער האַס צו אים שטײַגט אין איר כּסדר, ברענט אין איר מיט טויטלעכער שׂנאה. צו איר אין שטוב טאָר ער זיך נישט אַרײַנווייזן. זי ווייסט ווי ער חלשט אַרויפֿצוקומען זען דעם אייניק זײַנעם; זי זעט דורכן פענצטער, ווי ער שטייט אָפּט פון ווײַטנס און קוקט צו די טרעפּ אַקוראַט ווי אַ געשלאָגענער הונט, וואָס די באַלעבאָסטע האָט אים פאַרטריבן פון שטוב. אוועקגיין קען ער נישט, אַרײַנקומען וואַגט ער נישט. ער האָט זי אַרויסגעפּטרט פון שטוב ווײַל ער האָט געדאַרפט אַ ווײַב, זאָל ער דאָרט פוילן מיט איר. זי וויל זיי מער ניט קענען! אַ רחמנות איז איר אויפן ברודער. אַ יִנגל קוים פערצן יאָר, האָט ער צוליב דער שטיפמאַמע געמוזט אוועק קיין וואַרשע, זיך וואַלגערן אין דער פרעמד. אַ ווײַטיק איז איר אויך אויפן

שוועסטערל, אויף גיטעלען, ווערט אויסגעריסן בײַם קלײנעם ממזר, וואָס די שטיפֿמאַמע האָט שוין געהאַט.

די זומערדיקע וואָכן, נאָך דער חתונה, האָט זי זיך פֿאַר וולאַדושן נישט געווויזן. נישט אַזוי צוליבן פֿאַרדרוס, צוליב דעם ווייטיק, וואָס ער האָט נישט געהאַלטן קײן וואָרט, וואָס ער איז נישט געקומען מיט זײַנע פֿאַראָבקעס אויף די פֿערד זי אַרויסצוגנבֿענען און אַוועק מיט איר קײן קראָקע, ווי ער האָט עס איר צוגעזאָגט. זי זעט איצט אײַן ווי נאַריש עס איז געווען זײַן צוזאָגן און ווי קינדיש — איר גלייבן. ווי אַזוי וואָלט ער זי געקענט אַרויסגנבֿענען פֿון אונטער דער חופּה, פֿון צווישן אַזוי פֿיל מענטשן אַרוים? און ווען יאָ? וווּהין וואָלט ער מיט איר געלאָפֿן? אין זיין שלאָס דאָ, טאָר ער זיך מיט איר נישט ווײַזן. קײן קראָקע? אַזוי לײַכט לויפֿט מען אויף אַ פֿערד קײן קראָקע?

איר נישט ווײַזן זיך פֿאַר אים איז גיכער געווען צוליב דער בושה, וואָס מ׳האָט איר אָנגעטאָן מיטן אָפּשערן איר די האָר, די קרוין פֿון איר קאָפּ און איר אָנטאָן אַ שײַטל, וואָס האָט זי מיט איין מאָל געמאַכט אויף צען יאָר עלטער, דערצו נאָך העסלעך און אויך קאָמיש, — אַ קינדיש פּנים, שטיפֿערישע, בלויע אויגן — און אַ שײַטל!

זי אים, וולאַדושן, האָט גראָד יאָ עטלעכע מאָל געזען דורך דער צײַט, עטלעכע מאָל פֿאַר זײַן צוריקפֿאָרן אין די שקאָלעס אַרײַן, פֿלעגט ער זיך אָנטראָגן אויף זײַן גרויען מיט שוואַרץ געשפּרענקלטן אָגער. איבער דער לאָנקע האָט ער געלאָפּירט נאָר פֿאַר דער צוים האָט ער אײַנגעהאַלטן די לייצעס און דער אָגער האָט מיט אים פּאַוואָליע פֿאַרבײַגעטריטלט לענג־אויס דעם הויף. זי האָט דאָס געזען זײַטיקלעך דורך אירע פֿענצטער, אַ באַהאַלטענע הינטער די פֿויערהאַנגען. זי האָט געוווּסט אַז ער זוכט זי, ווײַל זי זען פֿאַרן אַוועקפֿאָרן. אָבער שוין נישט לאַנג. אָט איז ווידער נאָך פּסח! נאָך אַ וואָך, נאָך אַ וואָך און ער וועט ווידער קומען!

⁂

ס׳איז געווען פֿרימאָרגן, זוניק, וואַרעם. אַ יונגע פֿליג האָט שטיפֿעריש געזשומעט איבער דער שטוב. זי איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, אַ לאַנגער צווישן ביידע בעטן, געשטאַנען אַ ווײַל, אַ נאָך נישט אָנגעטוענע, אין בלויזן אונטערקליידל מיטן ליענושעק איבער די בריסט. זי האָט געקוקט אויף איר האַלדז, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אויף אירע אָרעמס, פֿולע, אָבער נישט דיק, אויף איר נאַקעטער פּלייצע, אַלבאַסטער ווײַס. זי האָט געהאַט אַ קינד? קײנער וואָלט דאָס נישט געגלייבט. נישטאָ קײן בויך און די טאַליע איז איר, דאַכט זיך, דינער נאָך ווי פֿריִער.

ב. דעמבלין

זי האָט געגומען די קאַם. איר פּנים אין שפּיגל האָט אויפגעזוניקט. זי זעט נישט אויס מער ווי אַ יינגל, וואָס אַ שליאָבעוואַטע מאַמע האָט אים אָפּגעשוירן די האָר און געלאָזט מיט אַ קאָפּ שטעכיקע, קרומע בייטן. אירע האָר, זוניק בלאָנד ווי פריִער, זענען שוין אויסגעוואַקסן, פאַלן שוין ווייך איבערן שטערן, גרייכן שוין אריבער די אויגן. אוודאי ווייסט זי אַז ווייבער וואָרטשען און קרעכצן: וויי־וויי! וואָס זיי האָבן דערלעבט — צירעלע האָט אראָפּגעוואָרפן ס'שיטל פון קאָפּ! קימפּעטאָרינס וועלן חלילה שטאַרבן אין קימפּעט צוליב איר. זי לאַכט אין שפּיגל אַריין, צירעלע. זאָלן זיי רעדן, זאָל די גאַנצע שטאָט וואָרטשען. איר גייען זיי נישט אָן!

זי האָט אָנגעטאָן אַ ווייס, פריש געפּרעסט בליוזקעלע, פאַרקנעפּלט די פּערלמוטערנע קנעפּלעך, אריבערגעוואָרפן אַ בלוי סטודניטשקעלע איבערן קאָפּ, איינגעצויגן ס'טאַליעלע מיט אַ ברייטן, ליאַקירענעם פּאַסעק: די אייגענע צירעלע!

ח

— ווּלאַדוש! אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג! זי האָט היסטעריש געהעשעט, געוויינט, זיך געטוליעט אין אים, ווי אַן אויסגעבענקט קינד אין דער צו־ריקגעקומענער מאַמע.

ש ש ש, האָט ער זי באַרויִקט און אין די אָרעמס זי געטראָגן טיפער אין וואַלד, דערביי איר געקושט די אויגן, דעם האַלדז, די הענט, — צירוליאַ, טייערע, באַרויִק זיך, אָט בין איך דאָך דאָ און איך וועל זיין לאַנג מיט דיר, זייער לאַנג.

אַרומגענומען, איינגעטוליעטע איינע אין אַנדערן, זענען זיי דערנאָך געלעגן אויף איר וואָלן טוך, אַן אויסגעשפּרייטס אויף די ווייך אונטער־געבעטע סאָסנע־נאָדלען, איינגעשטילטע, באַרויִקטע, ווי קליינע, נאָר וואָס אַנגעהאָדעוועטע קינדער.

ס'איז געוואָרן האַלבע נאַכט. דאָס קוואַקען פון די יונגע, אָנהייב זומערדיקע זשאַבעס האָט זיך געהאַט איינגעשטילט, אַזוי אויך דאָס זשומען פון די קאָמאַרן, דאָס בלינצלען פון די פייער־פליגעלעך. שטיל, מ'הערט דאָס אַראָפּפאַלן פון אַ שישקע, שיעור נישט דאָס אַראָפּפאַלן פון אַ נאָדל. איינגעשלאָפן דער פּאַלוואַרק, די שטאָט, די נאַכט. אויבן, אין די צערי־סענע שטיקלעך הימל, צווישן דיביימער, פלאַקערן שטערן, גרויסע, גרינ־לעך ווייסע און דאָ, אין וואַלד, איז פינצטער מיט אַ געדיכטער פינצטערניש. זי גלאַנצט אריבער זיין אַקסל. יעדער אויסגעקרימטער בוים איז איצט אַ מאָוימדיק באַשעפעניש. זי נעמט אַרום זיין קאָפּ, קוקט אים דורך דער

פינצטער אין די אויגן. זי זעט, אויך ער איז וואך, אויך ער גלאָצט אין דער נאַכט אַרײַן, נאָר ראַכט זיך ווײַט, אַריבער איר. וואָס טראַכט ער?

— וולאַדוש!

ער ברענגט צוריק זײַן בליק פֿון די ווײַטקייטן און שטעלט אים אָן אין אירן:

— וואָס, טײַערע?

— גיב מיר דײַן באַטערקע.

— צו וואָס?

— איך וויל דיך זען. איך ווייס דאָך נישט ווי דו זעסט אויס. שטענ־דיק טרעפֿן מיר זיך נאָר בײַ נאַכט, אין דער פֿינצטער, און נאָר אין וואַלד.

— קעצעלע. ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך, זי געקושט מיט באַנײַטן ברען: — טײַערע, עמעץ קען נאָך באַמערקן דאָס ליכט. דו זעסט דאָך, איך רייכער אַפֿילו נישט מײַן ליולקע.

— דו פֿלעגסט אַלע מאָל יאָ רויכערן. וואָס עפּעס היטסטו זיך הײַנט מער ווי שטענדיק? ס'אַנדערע, מיך אַרט נישט אַז מ'וועט זען דאָס ליכט. איך וויל מ'זאָל אונדז זען, איך וויל מער נישט לעבן באַהאַלטן!

ער האָט געשוויגן, ער ווייסט וואָהין זי שטופּט אים און גראָד אַהין, אויף יענעם סטעזשקעלע, וויל ער נישט גיין, אינסטינקטיוו האָט ער מורא עס צו באַטרעטן. ס'איז דאָך איינפֿאַך. אַז זי וויל געזען ווערן אַזוי צוזאַמען, האָט זי דאָך שוין איבערגעריסן מיט די אירע, מיט איר מאַן און ער וויל אַפֿילו נישט טראַכטן וועגן דעם, אין צווייען נישט! ערשטנס שווידערט ער אויף פֿון געדאַנק אַז אַן אַנדער מאַן באַרירט זי, אין דער זעלביקער צײַט האָט ער אָבער מורא צו טראַכטן אַז זי איז פֿרײַ, אַז זי וואַרט אויף אים.

— מיך אַרט אויך נישט, האָט ער געזאָגט אַ ליגן. — איך וואָלט אויך געוואָלט דיך זען בײַ טאָג, אַ שיין אָנגעטוענע, פֿאָרן מיט דיר אין אונדזער קאָטש שפּאַצירן.

זײַנע רייד האָבן זי געהײַטערט און דאָס פּיעשטשעדיקע מיידעלע אין איר האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, געוואָלט זיך מיט אים רייצן:

— פֿאַר וואָס זשע, טײַערער, אַז דו ווילסט מיך אַזוי זען אָנגעטאָן, נעמסטו מיך אויסטאָן, ווי נאָר מיר קומען זיך צזאַמען? — דערבײַ האָט זי אים אַרומגענומען און, אויף ס'נײַ אַן אָנגעצונדענע, זיך אײַנגעביסן אין זײַנע ליפּן ביז ווייטיק, ביז פֿאַרגעסן.

ניין, זיי האָבן זיך בײַ טאָג נישט געזען, מיט אים אין קאָטש שפּאַצירן נישט געפֿאָרן. בלויז אין די נעכט און בלויז אין וואַלד האָט זי אים געזען און זי האָט שוין דאָס מאָל נישט געוויינט, ווען שפּעטער אין זומער־

ב. דעמבלין

האָט זי אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דער רויטער גאַסט איז ווידער צו איר נישט געקומען:

— וואָלאַדוש, — האָט זי אים דאָס מאָל געקושט מיט מער צערטלעכקייט, מיט מילד לאַשטשעדיקער פרייד, — איך וועל דיר האָבן אַ זונעלע, אַ בלאָנד יינגעלע ווי דו.

ער איז געווען שטיל, טרויעריק שטיל. עפּעס אין אים האָט אים נישט געלאָזט רעדן וועגן דעם, נישט געלאָזט אים זי דערמאָנען אַז אויך פאַר אַ יאָרן האָט זי אים אָנגעזאָגט אַזאַ בשורה. וואָס זשע איז פון יענעם געוואָרן? האָט זי טאַקע געבוירן? איז עס פון אים? אפשר גאָר פון איר מאַן? און די נשמה קורטשעט זיך אין אים ביים בלויזן טראַכטן, אַז זי האָט גאָר אַ מאַן!

— ביסט אַ קעצעלע, האָט ער נאָך אַ לאַנג שווייגן זי געצערטלט און זי געטוליעט צו זיך, אַראָפּצופירן זי פון דעם געשפּרעך.

זי איז אָבער שוין גאָרנישט געווען קיין קעצעלע. ביי זיין איצטיק אַוועקפאָרן האָט מען טאַקע נאָך נישט געזען, אָבער זי האָט גוט געוווּסט ווי זי האַלט אין דער ייִעלט. און דאָס איצטיקע שוואַנגערן האָט זי שוין גאָרנישט דערדריקט, שוין גאָרנישט זי געשראָקן. פאַרקערט, מיט יעדן טאָג איז די פרייד אין איר געשטיגן, נישט ווייל לפנים האָט זי אַ מאַן און איז אויסנגעהיט קעגן־די געמיינע מיילער, קעגן ווערן באַרעדט, אדרבה, זי וואָלט איצט געוואָלט יעדער זאָל ווויסן, אַז נישט פון דעם מנוול, נאָר פון וואָלאַדושן טראָגט זי. און אַז כאַבע דע קאַלבע, זעענדיק ווי דער בויך וואַקסט ביי איר, איז געוואָרן ווילד און זי ווידער געסטראַשעט מיטן גיין צום רב דערציילן, אַז זי האָט זיך פאַרהורט מיטן שייגעץ, איז זי נישט געוואָרן אויפגערעגט, נישט געשריגן: אַוועק פון מיר מנוול! נאָר צו־פרידן געשמייכלט:

— אדרבה! גיי, דאָס וויל איך טאַקע!

און געזאָגט האָט זי דאָס נישט, ווייל זי האָט געוווּסט אַז כאַבע דע קאַלבע וועט דאָס נישט טאָן, אַז ער האָט נישט קיין כוח אויף דעם, פאַר־קערט, זי האָט מיט אירע רייד געוואָלט אים אויפרייצן ער זאָל יאָ דערציילן, זאָל דער בלאָטער אויפגעשטאָכן ווערן! אַליין האָט זי דאָך אַזוינס נישט געקענט טאָן. ס׳וואָלט געמיינט זי איז משוגע, אין בעסטן פאַל — אַ משוגענע באַרימערין, — זי שוואַנגערט גאָר פון יונגן פאַן קראַשינסקי!

און כאַבע דע קאַלבע האָט טאַקע געשוויגן. די דראָשקאַרעס אין מאַרק האָבן זיך צו אים אויף ס׳ניי גענומען:

— אַזוי גאָר? כאַבע דע קאַלבע! וואָס שווייגסטו? כ׳הער דאָך, אַז דו מאַכסט שוין ווידער אַ ברית? אַבי לייט רעדן, אַז צירעלע לאָזט דיך נישט אַריין אין בעט!

צירעלע

ס'בלוט איז אין אים געזעצט געוואָרן, אָבער כאַבע דע קאַלבע האָט געשוויגן. מיט דעם אַליין דערציילן, מיט דעם אַליין זיך אָנטאָן אַ שאַנד אין פּנים, וועט ער זיך דען לײַכטער מאַכן דעם ווייטיק אין האַרץ? ער וועט בלויז אַליין עפֿענען די מײַלער ביי די לאָבוזעס אים צו כאָכאָטשען אין פּנים אַרײַן: — אַזוי גאָר? כאַבע דע קאַלבע! דאַרפֿסט טאַקע דעם שייגעץ פֿאַר אַ העלפֿער?

די צײַט איז געגאַנגען, ס'איז געקומען דער ברית און כאַבע האָט געשוויגן. שטיל, אין האַרץ, האָט ער זיך געוווּנדערט: צו וואָס דאַרף זי דעם ברית? צו וואָס נאָך ייִדישן דעם ממזר? און ס'איז דאָך אַ ממזר! אָבער פֿאַר וואָס שווײַגט ער נאָך אַלץ? ער וועט דאָך ברענען אין גיהינום פֿאַר דעם שווײַגן. ער האָט געריסן פֿון זיך די הויט: גרױסער גאָט, גיב מיר כּוח כאָטש אַרויסצושרײַען די פּײַן! אָבער ער האָט געשוויגן!

און די שטאָטישע ווײַבער האָבן דאָס מאָל אויך געשוויגן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין סיבה צו שניפֿן און שמעקן. צירעלע לעבט מיט אַ מאַן ווי גאָט האָט געבאָטן. אמת די טיקערן פֿון מיקווה זאָגט, אַז צירעלע גייט נישט קיין טבֿילה. נו, איז וואָס? זי איז דען דאָס איינציקע יונגע ווײַבל אין שטאָט וואָס גייט נישט קיין טבֿילה? זיי האָבן בלויז געקרעכצט: יאָ, יאָ, שיינע צײַטן זיך דערלעבט! איז אַ וווּנדער וואָס אַזוי פֿיל קימפּעטאָרינס גייען יונגערהייט פֿון דער וועלט?

שפּעטער, אַז דאָס יינגעלע איז אַ ביסעלע עלטער געוואָרן, האָבן די ווײַבער יאָ אָנגעהויבן צו וואָרטשען:

— ס'קינד געראָט דאָך גאָרנישט אַרײַן אין כאַבע דע קאַלבען!

אַנדערע ווײַבער האָבן צירעלען פֿאַרענטפֿערט:

— אַלע קינדער מוזן דאָס אַרײַנגעראָטן אין טאַטן? גערעט דאָס יינגעלע אַרײַן אין איר, בלאָנד, ווי די מאַמע!

— און דאָס נעזל? אַ בלינדער זעט דאָך, אַז דאָס איז דעם שייגעצס ניאָניע!

— מ'קען נאָך גאָרנישט וויסן. ביז דאָס קינד וועט אונטערוואַקסן קען נאָך פֿון דעם פֿאַרריסענעם נעזל ווערן כאַבע דע קאַלבעס שופֿר!

צירעלען האָט דאָס ווײַבערישע וואָרטשען נישט געאַרט. זי איז געווען פֿאַרטאָן אין זיך, געציילט די טעג, נאָך אַ חודש, נאָך אַ וואָך, וולאַדוש וועט קומען, אוי וועט ער זיך פֿרייען מיטן קינד! אָבער ווי אַזוי וועט ער זיך קענען פֿרייען? ער וועט דאָך אַפֿילו נישט קענען זען זײַן קינד? אַהער אין שטוב וועט ער נישט קומען, צו אים — אין זייער שלאָס, טאָר זי נישט קומען, ברענגען ס'קינד צו אים אין וואַלד אַרײַן? נישט זי וועט און נישט זי קען. וואָס זשע וועט זײַן? וואָס וועט פֿון דעם וואַלדלעבן ווערן?

ב. דעמבלין

וואָס אַ טאָג נענטער צו זײַן קומען, אַלץ מער האָבן די געדאַנקען געפּײַניקט: און אַז ער וועט שוין האָבן געזען דאָס קינד, וואָס וועט זי טאָן, טאָמער האָט ער טענות, וואָס זי האָט געלאָזט דאָס קינד מל זײַן? ער איז דאָך אַ קאַטאָליק. און וואָס וועט זײַן טאָמער וואַרפט ער זיך אין גאַנצן אָפּ פון קינד? ער האָט דאָך אַזוי פאַרביסן געשוויגן ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. ס'איז אָבער געגנוג געווען, זי זאָל כאַפּן אַ קוק אין וויגל און זען דאָס בלאָנד ליכטיקע יינגעלע מיט די צוויי בלויע אויגן אַז אַלע אירע פינצטערע טראַכטענישן זאָלן צערינען ווי רויך. פון אַזאַ בריליאַנט וועט ער זיך אָפּוואַרפן?

זי האָט אַרויסגענומען דאָס יינגעלע פון וויגל, צוגעגאַנגען מיט אים צום שפּיגל און אים געהאַלטן לעבן איר פּנים: איז דאָס קינד גאָרנישט ענלעך צו איר? אין גאַנצן אַריינגעראָטן אין וולאַדזשן?

ווי נאָר אָבער זי האָט צוריקגעלייגט דאָס יינגעלע אין וויגל, זענען די זאָרגן און טראַכטענישן זי ווידער באַפאַלן: גוט, ער וועט זיך טאַקע נישט אָפּזאָגן פון קינד. וואָס אָבער וועט זי טאָן, טאָמער וויל ער זי זאָל זיך שמדן? איז זי גרייט אויף דעם? פאַר וואָס עפּעס זאָל זי זיך שמדן? פאַר וואָס זאָל ער זיך נישט מגייר זײַן?

זי האָט זיך צעלאַכט, וואָס איר קען אַלץ אײַנפאַלן! וולאַדזש וועט זיך מגייר זײַן, דער יונגער וולאַדיסלאַוו קראַשינסקי וועט ווערן אַ ייִד!

צוויי וואָכן פאַר שבֿועות איז ענדלעך וולאַדזש געקומען.

אַ גאַנצן טאָג, פאַר איר גיין אין וואַלד אַרײַן זיך באַגעגענען מיט אים, איז זי געווען נערוועז, צעטראָגן. נישט נאָר די אַמאָליקע צעטראָגנקייט פון יונג־מיידלשער אומגעדולד, פון דעם גאָרן וואָס גיכער צו זײַן אין זײַנע אָרעמס, צו זעטיקן די אויסגעהונגערטקייט נאָך ליבע, די נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך זײַן נאָענטקייט. דאָס אַלץ איז אויך הײַנט אין איר געווען. ס'איז אָבער געווען נאָך עפּעס. איבער די אַלע געפילן און דראַנגען, איז אין איר אָנגעשטאַנען אַ געפיל פון ווידערווילן, אַ טיפע בושה און באַליידיקונג, וואָס אויך הײַנט, ווען ער איז שוין דער פאָטער פון איר קינד, דאַרף זי נאָך אַלץ גיין אים זען געהיים, לעבן מיט אים אין וואַלד, בגנבֿה, אויף דער ערד, אין נאַכטיקער פינצטערניש.

און ער, וולאַדזש, האָט דעם ווידערווילן אין איר באַלד אָפּגעפילט.

— טײַערער מײַנער, איך וויל דאָס נישט מער! איך וויל נישט די טרעפענישן אין וואַלד, איך בין נישט קיין גנבֿ און וויל נישט גנבֿענען מײַן ליבע!

— אָבער קעצעלע, טײַערע, וואָס דען זאָלן מיר טאָן?

— לאָמיר אַוועקפאָרן!

— אָבער וווּהין?

צירעלע

— קיין קראָקע, אין דײַן גוט אַרײַן.

— צירוליאַ, טײַערע, דאָס גוט איז נאָך נישט מײַנס. מײַן מאַמושאַ, די גאָטזעליקע, האָט אַרײַנגעשריבן אין איר צוואה איך זאָל דאָס גוט ערשט קענען איבערנעמען, ווען איך וועל זײַן פֿולע פֿינף און צוואַנציק יאָר אַלט.

— וואָס זשע דען זאָלן מיר טאָן?

— מיר מוזן וואַרטן.

— איך האָב נישט קיין כּוח מער צו וואַרטן. מיר האָבן איצט אַ קינד!

אָט, פֿון דעם זאָג אירן, „מיר האָבן איצט אַ קינד", האָט ער געוואָלט אײַנשרומפּן, אַנטלויפֿן פֿון זיך אַליין! ער האָט שוין אַ קינד? באָזשע מאָי! געזאָגט אָבער האָט ער: — קעצעלע, מוזט האָבן געדולד. — דערבײַ האָט ער זי ווידער גענומען אין די אָרעמס, זי געצערטלט, געקושט: — צירוליאַ, דו ביסט דאָך אַ קלוג מיידל, אַ באַלעזענע, נישט ווי די דאָרפֿישע כלאָפּקעס. ווייסטו דאָך, אַז וואָס מ'קען נישט, קען מען נישט!

האָט זי געוואַרט, אָבער אַ וואָרעם האָט גענאָגט, געטאָטשעט איר האַרץ: פֿאַר וואָס האָט ער זיך נישט געפֿרעגט אויפֿן קינד? נישט געזאָגט אַפֿילו, אַז ער וואָלט עס וועלן זען!

ער איז אַוועקגעפֿאָרן און ווידער איז געקומען אַ ווינטער, אַ קאַלטער, פֿײַנלעך לאַנגווײַליקער ווינטער. דערצו נאָך האָט כאָבע דע קאַלבע אָנגעהויבן ווערן פֿרעך און צודרינגלעך צו איר. פֿאַרן האָבן דאָס איצטיקע קינד, פֿון זינט זי האָט זיך אים אָפּגעזאָגט צו זײַן אַ ווײַב, האָט עס אים בלויז נאָך מער דערשלאָגן ווי ער איז געוויינלעך געווען פֿאַר זײַן חתונה מיט איר. ס'האָט אים נאָר טיפֿער נאָך געזונקען אין זײַן שטענדיקער הכנעה. ער האָט געקוקט צו איר מיט טרויעריק בעטנדיקע דערשלאָגענע אויגן פֿון אַ הונט, וואָס קען נישט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס זײַן פֿאַרגעטערטע האַרין האָט אים פֿאַרטריבן פֿון זיך. זינט אָבער ער האָט דערזען זי טראָגן און האָבן און נישט פֿון אים, האָט זיך דערוועקט אין אים אַ תּאווה שוין נישט בלויז ווי צו אַ ווײַב, אַזאַ יונג און שיין ווײַב! דאָס איז שוין געווען די תּאווה וואָס איז געמישט מיט הפֿקר, אַ תּאווה וואָס עס רופֿן צו זיך שטענדיק אַרום יענע פֿרויען, ווען אַ מאַן דערוווּסט זיך, אַז זיי גיבן זיך אָפּ צו אַן אַנדערן, אויסער זייער אייגענעם מאַן.

אין איינעם פֿון יענע ווינטערדיקע פֿרײַטיק־צו־נאַכטסן, ווען אַ ייִד פֿאָרט נישט אַרום מיט אַ דראָשקע און, צוליב די קעלטן, האָט ער געמוזט שלאָפֿן אין שטוב, אויף זײַן אויסגעבעט געלעגערל, אויף דער פּאָדלאָגע, איז ער אין מיטן דער נאַכט אַרײַן צו איר אין בעט. ערשטנס איז זי זיינע לויטן דין און לויטן קיסרס זאַקאָן און עס קומט אים זײַן רעכט! צווייטנס

אַ רעפּיודזשי אין ניו־ענגלאַנד

איז זי אַן אויסגעלאָסענע נקבֿה, ווײַל ער זיך מיט גאָרנישט מער רעכנען! איבער געוואָלט האָט ער פֿון איר אַראָפּגעריסן דאָס איבערבעט, דאָס נאַכט־העמד, און אַז איר ווײַס לײַב האָט אים, דורך דער טונקל, אַ בליאַסק געטאָן אין די אויגן, איז ער געוואָרן ווילד, ווי אַ צערייצטער טיגער.

צום ערשט האָט צירעלע געפּרוּווט אים באַרויִקן, אָוועקנעמען מיט גוטן זײַנע הענט פֿון איר, אָבער אַז ער איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף איר, האָט זי מיטן גאַנצן כּוח אים געטאָן אַ שטויס פֿון זיך אַז ער איז אַזש געפֿאַלן אויפֿן דיל, מיטן קאָפּ אָן וואַנט, אַ צעקלאַפּטער, אַ צעשלאָגענער. לאַנג איז ער נאָך דעם געלעגן אײַנגעקורטשעט אין זיך, געריטשעט אין טיפֿן ווייטיק, אין טויטלעכער באַליידיקונג, זיך געשלאָגן מיט די פֿויסטן אין קאָפּ אַרײַן: — פֿאַרוואָס קומט דאָס מיר? גאָט, פֿאַר וואָס?

זי האָט זיך קוים דערוואַרט אויפֿן פֿרילינג, געציילט די טעג, ווי אַ פֿרומער ייִד ציילט ספֿירה. אָט הײַנט, אָט מאָרגן קומט ער שוין. איז גאָר, פֿאַר שבֿועות, שטאָט אים, געקומען אַ בריוול אויף פּאָסטרעסטאַנט, אַז ער האָט געמוזט פֿאָרן קיין פּאַריז אויפֿצונעמען קורסן אין פֿראַנצויזיש. ער וועט דעריבער ערשט קומען אין מיטן מאַרץ און בלײַבן אין דער היים איבער „באָזשע־נאַראָדזעניע” און נײַיאָר. דערווײַל שיקט ער איר אין דעם בריוו אַן אָנווײַזונג אויף צוויי הונדערט רובל. ער שיקט אויך אַרויס פֿון קראָקע אַ פּעקל אַנטועכץ און שפּילעכלעך פֿאַרן קינד, זײַדענע אונ־טערוועש פֿאַר איר.

זי האָט נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל געלייענט דעם בריוו. טרערן זענען איר גערונען פֿון די אויגן, טרערן פֿון אַנטוישונג, וואָס ער קומט נישט, אָבער אויך טרערן פֿון פֿרייד. ניין, וולאַדוש וואַרפֿט זיך נישט אָפּ פֿון איר, נישט פֿון קינד. ער פֿילט זיך שוין אַ פֿאָטער, זאָל ער נאָר קומען, אַלץ וועט נאָך זײַן גוט! זי וועט זיך נישט מוזן שמדן. ער וועט דאָס גאָרנישט פֿאַרלאַנגען פֿון איר, ער איז אַן אויפֿגעקלערטער מענטש. ער ווייסט דאָך, אַז זי קען דאָס נישט טאָן, דער מאַמעשי צוליב קען זי דאָס נישט! ער דאַרף זיך אויך נישט מגייר זײַן, זי פֿאַרלאַנגט דאָס גאָרנישט פֿון אים. אין אויסלאַנד וועלן זיי קענען לעבן אַזוי, ער וועט זיך בלײַבן אַ קריסט און זי — ייִדיש.

ווי זי איז געווען פֿול מיט אַנטוישונג האָט דאָך פֿון איר אַרויסגעזונגען די פֿרייד: ווי לאַנג איז דען צו „באָזשע־נאַראָדזעניע”? איידער מ׳קוקט זיך אום לויפֿט אַריבער דער זומער, האַרבסט מיטן שטיקל ווינטער וועט אויך נישט געדויערן אייביק און באַלד זענען די חגאות.

צו פֿאַרטרײַבן די צײַט, דעם עסנדיקן לאַנגווײַל, האָט זי אַרויסגענומען

פֿון דער פּוילישער ביבליאָטעק מער ביכער צום לייענען. זי רעדט טאַקע פּויליש ווי אַ פּאָליאַטשקע און רוסיש קען זי אויך גאַנץ גוט, אָבער מע־ ווי די פֿאָלקשול האָט זי דאָך נישט דורכגעמאַכט. וולאַדוש אָבער גייט אין אוניווערסיטעט, איצט איז ער נאָך געפֿאָרן קיין פּאַריז לערנען אין דער סאָרבאָן פֿראַנצויזיש. ער ווערט אַ הויך געבילדעטער מענטש, און זי? אַזוי אומוויסנד!

צוויי מאָל אין וואָך, מאָנטיק און דאָנערשטיק, האָט די שטאָט זי געזען דורכגיין די גאַס אַן אויסגעצירטע, די צוויי בלאָנדע צעפּ ווידער שוין ביז דער טאַליע, שטענדיק אין איידעלע ליאַקירענע לעטשלעך מיט הויכע אָפּ־ צאַסן, ווינטער אין הויכע גומענע באָטעס און שטענדיק מיט אַ ביכל אונטערן אָרעם, ווי אַ יונגע שילערין, אַן אויסגעפּוצט גביריש טעכטערל.

ווייבער און מיידלעך, הינטער די פֿויערהאַנגען פֿון זייערע פֿענצטער, ־אָבן איר נאָכגעקוקט מיט קנאה:

— אַזאַ שאָנקייט! איז אַ ווונדער וואָס דעם ראַדצעס זינדל נעמט איין פֿאַר איר אַ מיתה־משונה? אַ חידוש איז נאָר, וואָס זי האַלט זיך מיט דעם כאַבע דע קאַלבע!

ט

ניין, וולאַדוש איז אויף „באָזשע־נאַראָדזעניע” נישט געקומען. בלויז ווידער געשיקט איר אַ בריוו מיט אַן אָנווייַז אויף הונדערט רובל, דאָס מאָל פֿון פּאַריז, און ווידער אַ פּעקל מיט שפּילצייג פֿאַרן קינד, שמאָכטעס פֿאַר איר, פּערפֿום, אַ באָמבאָניערע מיט געפֿילטע שאָקאָלאַדן.

דאָס מאָל איז שוין צירעלעס אַנטוישונג געווען טיף, פֿול מיט גע־ אַנטער שרעק, מיט פּאַניק. ווי ווויל זי איז ערשט נייַנצן יאָר, איז זי שוין אָבער פֿיל געפּרוּווט. נישט נאָר דער שׂכל, אַלע אירע חושים זענען שוין פֿאַרשאַרפֿט אין איר, פֿאַרשפּיצט, שפּירעוודיק ביז ווייטיק. זי האָט זיך אַפֿילו געפּרוּווט אויסרעדן: אפֿשר איז זי צו פֿיל איבערקלערעריש? זי דאַרף אײַנזען! אין גאַנצן איז ער דאָך ערשט איין און צוואָנציק יאָר אַלט. אוודאי אין אָרעמען שטאַנד איז מען צו איין און צוואָנציק שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, אַ טאַטע שוין, מיט זאָרג פֿאַר פּרנסה. ביי פּריצים אָבער איז דאָך אַנדערש, בייַ זיי איז אַזאַ איינער נאָך אַ יִינגל וואָס גייט אין די שקאָלעס און וולאַדזש איז דאָך טאַקע אַ סטודענט! חוץ דעם, ווי ווייַט איז דען פֿון נייַיאָר צו שבֿועות? ער וועט קומען אויפֿן זומער און דערנאָך וועט ער זי נעמען מיטן קינד צו זיך קיין קראָקע אויפֿן גוט.

איז ער אָבער אויך דעם זומער נישט געקומען אויף די קאַניקולן. בריוו צו איר האָט ער דווקא יאָ געשריבן, הייסע בריוו, פֿול מיט ליבשאַפֿט, אויך

ב. דעמבלין

זאכן פֿארן קינד און שמאַכטעס פֿאַר איר האָט ער געשיקט, אָבער עפּעס האָט דאָס אַלץ זי נישט געפֿרייט. פֿאַרקערט, מיט דער אַנטוישונג איז אין איר אַנגעשטאַנען נישט נאָר אַ פֿאַרדרוס, אַ ווייטיק, נאָר אויך אַ טיפֿע באַליידיקונג. ער שרײַבט נישט, אַז ער בענקט נאָך איר, צו זען זי, צו רעדן מיט איר, צו זען ס'קינד, נאָר ער גאַרט נאָך די טרעפֿענישן מיט איר אין וואַלד, ביי נאַכט, וואָס זענען אַזוי פּאַטעטיש, אונטער אַ בלויען הימל מיט גלײַיקע שטערן. ס'הייסט, נישט זי, דער מענטש אין איר, אינטערע־סירט אים, נאָר ער בענקט בלויז נאָך דער פֿרוי אין איר, נאָך דעם ליגן מיט איר אין וואַלד. כאָטש ערגעץ ווו האָט דאָס געהײַטערט די ווײַבלעכקייט אין איר, וואָס מיט די אַלע פֿרויען, וואָס ער האָט זיי געווים גענוג אין קראָקע און איצט אין פּאַריז, בענקט ער דאָך נאָך איר, פֿונדעסטוועגן איז זי דאָך, דער מענטש אין איר, געווען צעווייטיקט, פֿאַרווּנדיקט ביז אין אירע טיפֿסטע טיפֿענישן.

דערווייל איז דאָס קינד געוואַקסן, געווען שוין אַ ייִנגעלע איבער דרײַ יאָר. ווי זי קליינערהייט, אַזוי האָט אויך ער פֿאַרקלונגען די שטוב מיט זײַנע קינדישע שטיפֿערייען, מיט זיין פֿריידיק טומלען און לאַכן. דאָס יִנגעלע, נישט ווייסנדיק גאָרנישט, האָט כאַבע דע קאַלבען גערופֿן טאַטוש, געקראָכן צו אים אויפֿן שויס. ווי דאָס איז איר געווען דערווידער, האָט זי דאָך נישט געהאַט קיין האַרץ צוצונעמען ביי דעם קינד די אילוזיע פֿון האָבן אַרום זיך אַ טאַטן, אים אוועקנעמען פֿון דעם מנוול. אַזוי אויך מיט דעם פֿאַרזעעניש. צום ערשט האָט יוזשעקל זיך געשראָקן פֿאַר אים. פֿון יעדן בליק מיט די בלויע, קרומע אויגן, האָט דאָס קינד אויפֿגעצאַפּלט און באַהאַלטן ס'פּנימל אין איר בוזעם. שפּעטער אָבער, אַז דאָס קינד איז עלטער געוואָרן, האָט ער זיך ביסלעכווײַז צוגעוווינט צו דעם פֿאַרקריפּלטן האַלב־ברודערל און אַפֿילו אים געגעבן זײַנע שפּילעכלעך צוזאַמען זיך צו שפּילן מיט זיי.

ווי וויל זי האָט, צוליב דעם פֿאַרזעעניש, יוזשעקלען נישט געקליידט אין די טײַערע, אויסלענדישע אַנטועכצער, וואָס דער פֿאָטער האָט פֿאַר אים געשיקט, זענען דאָך די צוויי קינדער געווען אָפּגעטיילט איינס פֿון אַנדערן מיט אַ טיפֿן תהום. אַזוי אויך איז די גאַנצע שטוב געווען גע־שפּאָלן אין צוויי העלפֿטן. פֿון איין זײַט — כאַבע דע קאַלבע מיטן קוליאַס, ביידע טונקלהויטיק, ציגײַנעריש, בײַדע פֿאַרוואָרלאָזט, אָפּגעריסן. פֿון דער אַנדערער זייט — זי מיט יוזשעקלען, ביידע בלאָנד, ביידע ציכטיק אָנגעטאָן, דערצו נאָך איז יוזשעקל ארומגעלאָפן, געווען פֿול אומעטום מיט זײַן געפּילדער, בעת דער קריפּל איז דעם גאַנצן ווינטער אָפּגעזעסן אַ

צ י ר ע ל ע

שטילער לעבן דער פּליטע, דאָס צעקרימטע פּלייצקעלע אָנגעשפּאַרט אָן די וואַרעמע, געקאַלכטע ציגל.

דאָך האָט, מער נאָך ווי כאַבע דע קאַלבע, דער קריפּל איר פאַרפינצ־טערט די טעג. זי צו אים, ווייסט זי, איז גלײַכגילטיק, באמת זיך נישט צו קוקן אין זײַן זײַט אַרײַן. ער אָבער פאַרשטייט נישט, אַז ער דאַרף זײַן גלייכגילטיק צו איר. כּל־זמן ער איז געווען אַן עופעלע, האָט ער בכלל גאָרנישט פאַרשטאַנען. ווי נאָר אָבער ער האָט אָנגעהויבן אונטערוואַקסן, האָט זיך אין זײַן מוחל עפּעס געריִרט און די בלויע, קרום פאַרשפּיצטע אויגן האָבן אָנגעהויבן איר נאָכגיין אויף איר יעדן קער און ריר. און עפּעס גליִען די אויגן אויף איר מיט אַ בליק, וואָס שטעכט זי דורך. לויט זײַן אָפּן מויל, פאַרדרייט אויף לינקס, וואָס לאַכט שטענדיק, קען זיך דוכטן אַז ער איז אַן אידיאָט. ער איז דאָס אָבער נישט, פּונקט ווי דער טאַטע זײַנער, כאַבע דע קאַלבע איז דאָס נישט. פון דעם קליינעמס בלויע, פאַרקרומטע אויגן קוקט אַרויס אַ שלויקייט, נישט ווי בײַ אַ קינד אין פינפטן יאָר, נאָר ווי בײַ אַן אַלטן, האַרט געפּרוּווטן מענטשן. און כאָטש געוויינלעך זענען זײַנע אויגן לאַכעדיק, פול מיט גוטסקייט, קוקט ער אָבער אויף איר, דאַכט זיך, פול מיט האַס. ווי זי מיט זיך נישט פון זיי צו אַנטרינען, גייען איר די אויגן שפּיציק, שטומערהייט נאָך. ער רעדט נישט, אָבער זי וואָלט געשווירן, אַז ער פאַרשטייט אַלץ, וואָס אין שטוב גייט אָן, אַלץ וואָס קומט פאָר צווישן איר און זײַן טאַטן. און וואָלט ער גע־קענט זיך אָננעמען, וואָלט ער, דאַכט זיך איר, זי דערשטיקט מיט אָט די קרומע הענטלעך זײַנע. אָפט מאָל פילט זי, אַז זי ווערט משוגע פון אָט דעם שפּיציק נאָכגייענדיקן בליק און אָט־אָט הענגט זי זיך אויפן האָקן פון לאָמפּ. איר איינציקע טרייסט אין דער ביטערער פאַרצווייפלונג איז דאָס, וואָס די צײַט שטייט נישט אויף אַן אָרט, וואָס אָט איז שוין ווידער פּסח און, לויטן לעצטן בריוו, קומט וולאַדוש דעם פאַר־שבֿועות באַשטימט.

און ער איז טאַקע דאָס מאָל געקומען. אָבער ווי אַזוי וועט ער זי אויפנעמען? נאָך קנאַפּע דרײַ יאָר נישט האָבן זי געזען! און ווי אַזוי זאָל זי זיך צו אים האַלטן? זאָל זי אַרויס מיט טענות? מיט אויפוואַר־פעניש? זייערע פאַרהעלטענישן איצט זענען דאָך פאָרט נישט ווי פריִער. איצט איז ער דאָך דער פאָטער פון איר קינד. האָט אָבער די פרוי אין איר זי געוואָרנט, איר אונטערגעזאָגט אַז האָבן טענות וועט נישט טויגן. וואָס צווישן איר און אים איז געשען איז דאָך געווען מיט איר ווילן. דאָס איז זי צו אים געגאַנגען אין וואַלד אַרײַן. ווי זשע מעג זי איצט האָבן טענות? וואָס טוט זי ווען ער לאָזט זי מיטן קינד און ווײַזט זיך

ב. דעמבלין

אפילו נישט אראפ אויף די קאניקולן? אבער גאט, ווי קען זי דאס? ווי קען זי ווידער אנהייבן גיין צו אים אין וואלד אריין?

פריער, איידער יוזשעקל איז געקומען, פלעגט זי גארנישט פילן די טיפע באליידיקונג פון ליגן מיט אים אין וואלד. איצט ווערט זי דער־דריקט פון אן אינערלעכער בושה, א געפאלנקייט. זי פילט זיך ווי זי וואלט געווען א הור, געפאלענער נאך פון דער בלאנדער זאשקע. יענע נעמט כאטש אויף אירע מענער אונטער א דאך, צווישן פיר ווענט. זי אבער איז ווי די געשטופלטע, אויסגעדינטע הור, וואס דער בארדעלניק האט זי שוין ארויסגעווארפן און איצט נעמט זי אויף דעם זעלנער אויף א פעלד, צווישן דער תבואה, אדער אין וואלד, טאקע ווי זי.

פונדעסטוועגן, אז ס'איז צוגעפאלן די נאכט, האט זי געזען אז זי האט נישט קיין ברירה. וולאדוש ווארט! וואלט זי כאטש געקענט מיט־נעמען דאס קינד.

זי איז נעגאנגען, אבער ווי ווייל זי איז געווען פול מיט בענקשאפט, מיט דראנג און פארלאנג נאך ליבע, נאך מאן, האט דאך איר סאמע וועזן זיך געקורטשעט אין ווידערווילן קעגן דעם, וואס דא וועט באלד מיט איר געשען. מיט יעדן טראט נעגטער צו אים, איז אלץ שארפער געווארן אין איר דער פארדרוס, די קרענקונג. זי איז דאך איצט נישט עפעס א מיידל, וואס ער ליבט זיך מיט איר געהיים אין וואלד. זי איז דאך איצט זיין ווייב, די מאמע פון זיין זון און מיט א ווייב ליגט מען נישט אין קיין וואלד ווי א זעלנער מיט א קורווע!

— צירוליא! האט ער שטיל, פון צווישן דיביימער אין עק וועלדל, געטאן א רוף פול מיט פרייד און שוין זי געכאפט אין די ארעמס.

ווי אויסטערליש! דעם גאנצן וועג, טרעטנדיק אין די טיפע, פייכטע גראזן, ארומגענומען מיט נאכט, מיט פעלד און וואלד, איז דער דערוויי־דער אין איר כסדר געשטיגן. אבער ווי נאר זי האט אים דערזען ווי א שאטן צווישן די ביימער און דערהערט זיין שטיל וווייכן רוף: צירוליא, איז די גאנצע בושה און דערנידריקטקייט פון איר אויסגערונען און זי האט געטאן א פלי און א הענג זיך אן אויף זיין האלדז:

— וולאדוש! ענדלעך, ענדלעך!

אין דער פינצטערקייט פון וואלד און נאך מער פון זיין ארומנעם, האט זי דערפילט די ענדערונג, וואס איז דורך דער צייט אין אים פאר־געקומען. ניין, ס'איז נישט מער יענער וולאדוש, דאס דינע, צארטע יינגל. זי איז איצט אין די ארעמס פון א מאן, א מאן מיט א בארד, מיט א קאפ האר ווי עס טראגן קינסטלער, סטרייקער:

— וואס איז געשען? האט זי, א פארוואונדערטע, געקוקט דורך דער

פּינצטער אים אין די אויגן. — זעסט דאָך אויס ווי אַ הייליקער. שפּרייט אויס די אָרעמס און ביסט ווי יעזוס אויפֿן קרייץ!

— ריכטיק, צירוליא, האָט ער איר אַ קוש געטאָן אויפֿן שטערן. — האָסט ריכטיק פאַרגליכן. אַלע פאַרגלייכן מיך אַזוי.

— נישט נאָר יעזוס, ביסט אויך אַ טאַטע, קושסט מיך אויפֿן שטערן ווי אַן אַלטער טאַטוש. וואָס איז מיט דיר געשען?

בכיוון האָט זי דאָס געצויגן מיט אים דעם שמועס. פֿון איין זייט — דער ווילן אין איר, אָפּצושטופּן דאָס לייגן זיך אויף וואָס שפּעטער, דער עיקר אָבער ציט זי דעם שמועס ווייל זי וויל זען צי געדענקט ער צו פֿרעגן אויפֿן קינד. וולאַדושן אָבער איז דאָס גאָרנישט איינגעפֿאַלן. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טוך פֿון אירע אַקסלען און זיך דערמיט אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, אויסצושפּרייטן עס אויף די סאָסנע־נאָדלען, צווישן די ביימער.

אַ קעלט איז צירעלען אַריבער איבערן לייב, נישט צוליב דער קיל־קייט פֿון אָוונט. קיין מאָל פֿריִער איז איר דאָס לייגן זיך מיט אים אויף דער ערד נישט געווען אַזוי אויפֿפֿאַלנדיק ווי איצט. ווי אויסגעהונגערט זי איז צו זיין מיט אים, צו ליגן אין זיינע אָרעמס, האָט זי דאָך געוואָלט פֿריִער זיצן מיט אים ביי אַ טיש, אין אַ ליכטיקער שטוב, שמועסן מיט אים, זיך אויספֿרעגן ווי עס גייט אים דאָרטן אין קראָקע און איצט אין פּאַריז. אַזוי אויך וואָלט זי וועלן ער זאָל זי אויספֿרעגן ווי איר דערגייט דאָ, אָן אים, ווי דאָס קינד זעט אויס. נאָר אפשר זאָל זי אים אַרויספֿירן אויף דעם? אַ סך מענער דאַרף מען דערמאָנען אַז זיי זענען טאַטעס, אַז זיי האָבן קינדער:

— וולאַדוש, פֿרעגסט זיך גאָרנישט אויף דיין זונעלע?

אויף די קני, אין מיטן אויסגלייכן דאָס טוך, האָט ער אונטערגע־הויבן דעם קאָפּ צו איר און, מיט איינגעהאַלטענעם געבייזער, אַ זאָג געטאָן:

— איַיל זיך נישט! די נאַכט איז לאַנג.

איצט, אַז דאָס טוך איז געווען אויסגעשפּרייט, האָט ער זיך אַוועק־געזעצט און געקוקט אַרויף צו איר, זי זאָל זיך זעצן לעבן אים. צירעלע איז אָבער געשטאַנען. אַ קעלט האָט זי אַרומגענומען. קיין מאָל פֿריִער איז ביי זיי נישט פֿאָרגעקומען אַזאַ באַלעבאַטיש אויסלייגן דאָס טוך און אַזאַ באַזונדערדיק אַוועקזעצן זיך דערויף. אַלע מאָל איז דאָס אַרומכאַפּן זיך און דער ערשטער קוש געווען אַזוי אָטעם פֿאַרכאַפּנדיק, אַז ביידע זענען זיי באַהאַפֿטענערהייט געפֿאַלן אויף דער ערד, אין אוממאַכט.

עפּעס האָט זי זיך איצט שטאַרק געשעמט זיך אַראָפּצוזעצן לעבן אים. גאָר עפּעס אַנדערש איז דאָס אַוועקפֿאַלן אין באַהאַפֿטענעם עקסטאַז, און

ב. דעמבלין

גאָר, גאָר אַנדערש דאָס באַלעבאַטיש אַוועקזעצן זיך ווי דער ערשטער שריט צום לייגן זיך.

— וואָס שטייסטו, צירוליאַ? — צוליב איר שטיין, האָט אויך ער זיך אָנגעהויבן פילן נאַריש, פאַרלוירן.

צירעלע האָט דאָס גלייך דערפילט. די פרוי אין איר האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז אַזוי וועט נישט טויגן. צופירן דאָס ערשטע טרעפן זיך נאָך אַזאַ לאַנגער צייט צו אַזאַ שטיין, איז געפערלעך. איבער געוואָלט האָט זי אַראָפּגוואַרפן פון זיך די אָנגעשטאַנענע שטייפקייט, ווי דאָס וואָלט געווען אַן אַרויסגעצויגענע שאַל, אַן אָנגעטוענער פאַנצער, און אַזוי ווייבעריש שפּילעוודיק, הינטן־אַרום, געטאָן אים׳ אַ צי אויס אויף דער קאָלדרע און אַרויפגעפאַלן אויף אים מיט אַ קינדיש פריידיק געלעכטער.

ווי וויל וולאַדוש איז גלייך אָנגעצונדן געוואָרן און אויך זי געשלעפּט אין דעם לײדנשאַפטלעכן עקסטאַז אַריין, איז דאָך צירעלע טיף אין איר וועזן געבליבן קיל און איר מוח וואַך. זי האָט געזען, נישט נאָר געפילט, אַז וולאַדוש איז היינט אַנדערש, נישט מער דאָס צעטומלטע, שעמעוודיקע יינגל, וואָס ער פלעגט זיי ביי זייערע פריערדיקע באַהעפטונגען. אַ ראַפינירטער, דערפאַרענער מאַן איז איצט איבער איר. זי האָט אויפגעשווידערט: ווער ווייסט מיט וויפל ווייבער ער האָט זיך דורך דער צייט אויסגעוואַלגערט אין קראָקע, אין פּאַריז?

— וולאַדושו, טייערער, האָסט דאָך מיך, צו וואָס נאָך מער מיך אויסטאָן?

— קעצעלע, ס׳איז בעסער. אונדזערע פּוילישע מיידלעך ווייסן דאָך גאָרנישט ווי אַזוי זיך צו ליבן. אַלע דאַרפט איר דאָך פאָרן זיך לערנען ביי אַיין פּאַריזשאַנקע!

צירעלע האָט דערפילט אַ שניט אין האַרץ. איין זאַך איז חושד זיין, עפּעס אַנדערש אָבער איז הערן פון דיין געליבטן, אַז מיט דער פּאַריזשאַנקע איז זיך גוט צו ליבן, און דאָס, ווען דו אַליין ווערסט אויסגעצערט אין בענקעניש נאָך זיינס אַ לאַסקע, אַן אַרומנעם. עס וועט אָבער נישט טויגן זיך צו פאַרהערן מיט אים וועגן פּאַריזשאַנקעס, בפרט איצט, ווען זי האָט אים אפילו נישט אונטער קיין דאַך.

ערשט שפּעטער, אַ געזעטיקטער שוין, אַ באַרויִקטער, האָט ער זיך צוריק צוגערוקט צו איר, זי אַרומגענומען:

— און איצט דערצייל מיר עפּעס פון דיין יינגעלע.

— וולאַדוש! ער איז נישט בלויז מיין יינגעלע. ער איז אין גאַנצן ווי דו, אַ קליין וולאַדושעקל.

— און ווי הייסט ער?

צירעלע

— יוזשעק.

— אזוי טאַקע האָסטו אים אַ נאָמען געגעבן?

— ניין, בלויז איך רוף אים יוזשעק. אַ נאָמען האָט מען אים גע־געבן יוסף.

— יאָסעק? אַזאַ זשידאָווסקע נאָמען?

— וולאַדוש! ווי אַזוי רעדסטו? דו ווייסט דאָך, ווען אַ ייִנגל ווערט ביי אונדז געבוירן, ייִדישט מען אים און מ'גיט אים אַ נאָמען. איך האָב אויסגעקליבן יוסף, ווייל אַ ייִער גאָט, יעזוס, האָט דאָך געהייסן פריִער יוסף.

— געייִדישט? האָט ער זיך פאַרקרימט. דאָס גאַנצע פאַרגיטיקן אירס מיט יעזוסן איז אים שוין ניט באַקומען. דאָס וואָרט געייִדישט האָט אים געטאָן אַ שניט אין לייב אַז פון ווייטיק האָט ער זיך געטאָן אַ ריס פון אירע אָרעמס און אויפגעשפרונגען ווי אַן אָפגעבריטער: — ווער האָט דיר דערלויבט אים צו ייִדישן? דו זאָגסט דאָך, ער איז מיין זון, איז ער דאָך אַ קריסטלעך קינד!

— טייַערער, האָט זי אים צוריקגעהאַלטן, אים באַרויִקט, — דו ביסט דאָך דאָ נישט געווען און קיינער ווייסט דאָך נישט, אַז דו ביסט זיין פאָטער. קיינער ווייסט אַפילו נישט אַז מיר טרעפן זיך דאָ אין וואַלד.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן אָבער אין אים האָט גערוישט און גע־ברויזט מיט פאַרוואָרף, מיט טראַכטעניש. דאָס, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט אַזוי עקשנותדיק געטריבן פון זיך, נישט געוואָלט טראַכטן דערפון, איז איצט איבער געוואָלט אַרויסגעקומען, זיך אַרויסגעריסן פון אים קעגן זיין ווילן:

— לעבסט מיט צוויי מענער, האַ? צירוליאַ! פון וואַנען זשע ווייסטו אַז דאָס איז מיין קינד?

אַרויסגעוואָרפן פון זיך אָט דעם זאַג, וואָס האָט אים אַלע מאָל גע־וואָרגן אין האַלדז, האָט ער זיך געטאָן אַ שטעל אויף שוין צו אַנטלויפן, צירעלע אָבער האָט אים געטאָן אַ כאַפּ אַרום די לענדן און איידער ער האָט זיך גערירט איז זי שוין געהאַנגען אויף אים מיט די אָרעמס אַרום זיין האַלדז:

— וולאַדוש, טייַערער, דו ווייסט דאָך גאָרנישט! עס איז נישט אַזוי!

פון ראַנגלעניש זענען דערווייל ביידע צוריק אומגעפאַלן אויף דער דעקע. זי האָט אים געטוליעט צו זיך, געגלעט אים ס'פנים:

— וולאַדושו, טייַערער, איך לעב נישט מיט מיין מאַן. פון זינט דער חתונה האָט ער זיך נאָך צו מיר נישט צוגערירט. ער שלאָפט אַפילו ניט

ב. דעמבלין

אין קיין בעט, נאָר אויסגעבעט אויף דער פּאָדלאָגע. זומער שלאָפט ער אין גאַנצן נישט אין שטוב, נאָר אין שטאַל, אויפן היי־בוידעם.

— פאַר וואָס זשע ווינסטו מיט אים?

— איך וואַרט דאָך אויף דיר, וולאַדושו טײַערער, איך האָב דאָך באַלד געוואָלט מיט דיר אַוועק, פון אַלעמען דאָ! האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט מיך צו נעמען אויף דײַן גוט, אין קראָקע!

ער האָט געשוויגן, בייז און פאַרדראָסיק איצט געשוויגן, זיך אויפגעוואָרפן דאָס איצטיקע יינגלשע אויפּרעגן זיך און נאָך מער דאָס אַמאָליקע פלאַפּלען און צוזאָגענישן. צו וואָס האָט ער געפּלאַפּלט? צו וואָס האָט ער איר דערציילט וועגן קראָקע?

די גאַנצע צײַט וואָס ער האָט געשוויגן האָט צירעלע דורך דער פּינצטער נישט אַראָפּגענומען איר בליק פון זײַנעם. ער האָט פּלומרשט אַריבערגעקוקט איבער איר, אָבער זי האָט גוט געזען וואָס אין אים גייט אָן. ווי שטענדיק פרויען, ווען זיי אַנען אַז עפּעס ברעכט זיך אין זייער לעבן מיטן געליבטן מאַן, האָט צירעלע גיך זיך צוגערוקט צו אים, געטוליעט זײַן קאָפּ אין אירע בריסט. דער גאַנצער הײַנטיקער דערווידער פון זײַן מיט אים אין וואַלד איז דאָ אויף איין מאָל פון איר אויסגערונען:

— יינגעלע מײַנער, האָט זי געזוכט אים אַראָפּצופירן פון דעם איצטיקן געשפּרעך, — דו ביסט אַזוי מיד, נישט אויסגערוט נאָך אַזאַ לאַנג פאָרן. ווען ביסטו אָנגעקומען? האָט זי גענומען זיך אויספרעגן, גלײַך גאָרנישט וואָלט דאָ געווען געשען צווישן זיי. — ווי לאַנג איז דער צוג געגאַנגען? קומסט איצט פון קראָקע? צי פון פּאַריז?

אוודאי האָט זי געגאַרט אים צו זאָגן ווי זי חלשט מיט אים צוזאַמען צו מאַכן אַזאַ רײַזע. דער ווײַבערישער אינסטינקט איז אָבער כּסדר געשטאַנען אויף דער וואַך און נישט געלאָזט זי רעדן וועגן איר וועלן זײַן מיט אים צוזאַמען. ניין, ניט איצט!

— יאָ, האָט ער געזאָגט מיט אַ שוואַך, איינגעמידיקט קול. — איך בין טאַקע מיד. ס'איז שוין שפּעט, מ'דאַרף גיין.

בײַם צום שוין, בײַם געזעגענען זיך, אַ קאַלט און מיד געזעגענען, האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקער ווילן ער זאָל איצט, ווען כאָטש דעם קאַלבע איז נישטאָ, אַרויפגיין מיט איר אין שטוב און כאָטש איין קוק טאָן אויפן קינד, אָבער אויך דאָס האָט זי איצט נישט געוואַגט אים אָנצושלאָגן. אין דער אָנגעשטויסנקייט, אין זײַן קאַלטן שווײַגן בײַם צעגיין זיך, האָט זי אַפילו מורא געהאַט צו וואַרטן ביז ער וועט זי פרעגן ווען זיי טרעפן זיך ווידער, נאָר זי, מיט איר גאַנצן דערווידער קעגן די טרעפענישן אין וואַלד, האָט דאָס געדאַרפט אַליין אים פרעגן.

צירעלע

ו

זי איז יענע נאכט נישט געשלאָפן. וויפל זי האָט זיך נישט געמיט אויסצורערן, האָט זי דאָך געפילט אז דאָס קליינע שטיקעלע ערד, אויף וועלכן זי שטייט מיט וולאַדושן אין מיטן די ברוזיקע וואַסערן, וואָס שטראָמען ארום זיי פון בײדע זײַטן צוים, אָט דאָס פיצעלע ערד האָט זיך אויך געשפאָלטן אונטער זייערע פיס, די צוויי באַזונדערע טײלן דער־ווײַטערן זיך איינס פון אנדערן און מיט יעדער רגע ווערט דער תהום צווישן זיי ביידן אַלץ טיפער, אַלץ ברייטער.

אָט דער געדאַנק האָט זי געהויבן פון געלעגער. זײַן הײַנטיק אַפּלייגן דאָס ווידערזען זיך מיט איר אויף אַ גאַנצער וואָך איז אַ שלעכטער סימן. דאָס קען נישט זײַן צוליב מידקייט פון וועג, אויך נישט צוליב זײַן האָבן צו פיל זיך ארומגעוואַלגערט מיט ווײַבער פאַרן קומען. איז ער שוין מיד פון איר? האָט ער זיך איצט דערשראָקן פאַר זײַן אַמאָליקן צוזאָג צו נעמען זי אויפן גוט אין קראָקע? אָ, ווען זי זאָל נאָר קענען אים צונויפברענגען מיטן קינד. ער וואָלט אין גאַנצע אנדערש געוואָרן, אין גאַנצן אַנדערש געטראַכט.

ווי וויל זי, צירעלע, איז געווען אַ שטאָלצע און איר זענען געווען פרעמד און דערווידער די געפאַלנקייט פון ווײַבער, זייערע גענגעלעך פון באַהאַלטן זיך הינטער די שמאָלע פלייצקעלעך פון אַ קינד, כּדי מיטן קינדס כּוח אַנצוהאַלטן די ליבע פון מאַן, האָט זי דאָך איצט געטראַכט פון דעם און געזוכט אַ פאָרטל ווי אַזוי אַליין דעם דאָזיקן כּוח אויסצו־נוצן. זאָל זי נאָר צונויפברענגען וולאַדושן מיט זײַן זונעלע! אויבן אויף האָט זי זיך געוואָלט אײַנרעדן, אַז דאָס איז בלויז דער ווילן פון דער מאַמע אין איר, זיך ארויסצושטעלן, צו באַווײַזן זיך מיט דער שיינקייט פון איר קינד, טיף אָבער אין זיך, האָט זי געוווּסט, אַז דאָס איז אַן אויסרייד, אַז אין דער אמתן איז אויך זי, צירעלע, גרייט צו פאַרבייגן איר שטאָלץ, אפילו אָנווענדן דאָס ווײַבערישע מיטל, אבי דערהאַלטן וולאַדושן.

פול מיט אומרו האָט זי זיך קוים דערוואַרט אויף זייער איצטיקן טרעפן זיך און פול מיט ציטער איז זי יענעם אָוונט געגאַנגען צו אים איבער דעם פינצטערן פעלד. ווי אַזוי וועט ער זי הײַנט אויפנעמען? זי האָט הײַנט גאָרנישט געפילט איר פריִערדיקן דערווידער פון גיין ליגן מיט אים אין וואַלד. געגאַנגט איר האַרץ האָט הײַנט גאָר דער וואָרעם: צי וועט ער זי נאָך וועלן? וועט ער זי נישט אין גאַנצן פאַרשטויסן?

שוין אין בלויזן גריסן זיך האָט זי געזען ווי זי האַלט מיט אים. ער איז איר איצט נישט אַנטקעגנגעלאָפן פון וועלדל ארויס מיט דעם יינגלש

ב. דעמבלין

פֿריידיקן אויסרוף: צירוליא! און דער קוש פֿון אים איז אויך געווען קאַלט, אַן מינדסטן ציטער, אָן יעדן סימן פֿון גאַרן צו איר. ער איז געזעסן אויפֿן אויסגעשפּרייטן טוך, לעבן איר און נישט געמאַכט קיין פּרוּוו זי אַרומצונעמען, צו ווענדן זיין מיט איר נאָענט. איז דאָס צוליב דער שרעק וואָס ער האָט זיך דערוווּסט אויף זיכער, אַז ער האָט שוין אַ קינד? צוליב זיין מורא פֿאַר דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט? אָדער גאָר איז ער שוין מיד פֿון איר? אָבער ווי איז דאָס מעגלעך? ערשט מיט איין וואָך צוריק האָט זי דאָך אים קוים געקענט אַנזעטיקן מיט איר ליבע. יעדער אבר אין אים האָט דאָך געגאַשט איר לייב. די אויגן, די הענט, דער אָטעם, דאָס מויל, מיט אַלע זיינע חושים איז ער דאָך געווען אויף איר און אין איר! ניין, דאָס איז נישט קיין פּלוצעמדיקע מידקייט. דאָ איז עפּעס אַנדערש. זי וועט דאָס דאַרפֿן אויסגעפֿינען. פֿריִער אָבער מוז זי אים צונויפֿברענגען מיטן קינד.

זי האָט זיך צוגערוקט נענטער צו אים, זיך געשפּילט מיט זיין שיין, יונג בערדל, מיט די צעפּאַטלטע האָר אויף זיין קאָפּ:

— וולאַדוש, אפֿשר קומען מיט דיין זונעלע צו אייך אין שלאָס?

— „זוואַריאַוואַלאַש?” (ביזט אראָפּ פֿון זינען?) ער האָט איר געגעבן דעם שניט אָפּ מיט אַזאַ כּעס און אַזוי פֿיל שרעק אין די אויגן, גלייך מיט דעם דאָזיקן שריט אירן עקט זיך זיין גאַנץ לעבן!

— ווי דען וועט קומען די קאָזע צום וועגעלע? יוזשעק איז שוין דריי יאָר אַלט און ער קען נאָך אַלץ נישט זיין טאַטן.

זי גראָד האָט גערעדט צו אים לייכט, שטיפֿעריש, גלייך אין איר וואָלט נישט געווען קיין שפּור פֿון אומרו, כאָטש אין דער אמתן האָט איר גאַנץ ווען זיך געקורטשעט און געצאַפּלט אין הילפֿלאָזער פֿאַר־צווייפֿלונג.

ער האָט געשוויגן, פֿינצטער געשוויגן. ס'איז אים איצט געווען דערווי־דער איר שפּילן זיך מיט זיינע האָר, איר גלעטן אים די הענט, דאָס ווײַ־בעריש פּרווון אים אַריינצציִען אין אויפֿגעלייגטקייט, אין יובינישן. אָבער נאָך ערגער איז אים געווען וואָס ער האָט נישט געהאַט דעם כּוח זיך אָפּצורוקן פֿון איר, איבערצוהאַקן אירע לאַסקעס און זאָגן איר, וואָס ער דאַרף און וואָס ער וויל איר זאָגן. ערשט נאָך אַ לאַנגער ווײַלע שווייגן האָט ער גענומען רעדן צו איר:

— הער צירוליא, דעם קומענדיקן זונטיק, נעם דעם איינס־אַזייגער־צוג קיין פּולאַוו. וועסט אָנקומען אַהין צוויי אַ זייגער. איך וועל אַהין קומען אין אונדזער בריטשקע און דיך אָפּוואַרטן אויפֿן פּעראָן.

זי האָט פײַנלעך געהערט, אַז ער האָט נישט דערמאָנט ס'קינד. ווײַל ער נישט זי זאָל קומען מיט יוזשעקלען?

— מיטברענגען ס'קינד? האָט זי געפרעגט שטיל, נישט דרייסט, ווי זי וואָלט בלינדערהייט געטאַפּט אַ שטעג אין פינצטערן וואַלד.

— ווי דו ווילסט, האָט ער איר געענטפערט און דערבײַ אַ הייב געטאָן די אַקסלען, אַ קלאָרער סימן, אַז ס'איז אים גאַנץ עגאַל צי זי וועט קומען אַליין אָדער מיטן יינגעלע.

צירעלע האָט אַ ווײַל געשוויגן, געביסן די ליפּן און באַלד ווידער אַ טאַפּ געטאָן צו זען ווו זי האַלט מיט אים:

— וועסט קומען אַליין, צי מיטן סטאַנגרעט?

זי האָט געוווּסט וואָס ער וועט איר אויף דעם ענטפערן. אויך דאָס פּראַגעלע, ווי דער פריערדיקער פאַר־אַרויס אירער „אפשר קומען מיטן קינד אין שלאָם" איז בײַ איר געווען געשטעלט בכיוון, מיט איין ציל אין געדאַנק: דערמאָנען אים, אַז די צײַט איז געקומען ער זאָל זיך ווײַזן מיט איר פאַר עמעצן פון זײַן הויף, ער זאָל אָנהייבן לעגאַליזירן זײַנע פאַרהעלטעניש מיט איר!

— זוואַריאָוואַלאַש?

נאָך אַ מאָל האָט ער איר געענטפערט מיט דעם „ביסט אַראָפּ פון זינען?" דערצו איז דער איצטיקער „זוואַריאָוואַלאַש" געווען מיט ניכפּה, מיט רוגזה, וואָס האָבן אים דערמעגלעכט איבערצוהאַקן דאָס געבן אים אירע לאַסקעס, אַרויסצונעמען זײַנע הענט פון אירע גלעטענדיקע, נערוועזע הענטלעך.

— איך וועל אַליין אָנטרײַבן, האָט ער צוגעלייגט און זיך אויפגעשטעלט צו גיין.

אויך הײַנט האָט ער זי צוגעפירט ביזן צוים פון זייער הויף, ער איז אָבער אַוועק אָן צו געבן איר אפילו איין קוש, בלויז מיט אַ טרוקענער: גוטע נאַכט.

זי איז אַרויף אין שטוב. ס'איז שוין געווען נאָך צוויי פאַר טאָג. דער קוליאַס, אויפן גלעגערל אויף דער פּאָדלאָגע, האָט געשנאָרכט דורכן אָפענעם מויל, יוזשעקל איז רויק געשלאָפן אין וויגל. אַ שאָטן האָט געציטערט און זיך געוויגט קרומלעך איבער זײַן פאַררויטיקט פּנימל. ס'נאָפּטלעמפּל אויף דער וואַנט איז געווען אַרײַנגעדרייט. אַרום קאַרגן ביסעלע ליכט האָבן באַבעלעך און מאָטיקלעך אַרומגעהאַוועט, זיך אָפּגעבריט אָן הייסן גלעזל, אַוועקגעפלויגן און באַלד קריקגעקומען, פּונקט ווי זי. אויך איר לעמפּל איז דאָך אַרײַנגעדרייט, ס'ביסעלע פײַער צאַנקט קוים, צאַנקט. וועט זי זיך בלויז אָפּבריען? וועט זי פאַרברענט ווערן?

זי האָט זיך אויסגעטאָן און געלייגט אין בעט, אָבער נישט צוגעטאָן קיין אויג. דער מוח ביי איר האָט געפֿיבערט: אָפּגעוועזן מיט אים אַ האַלבע נאַכט אין וואַלד, און ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין דראַנג מער צו זיין מיט איר, זי צו האָבן. איז דאָס דער סוף, האָט ער זי די גאַנצע צייט גענאַרט? זי גאָרנישט ליב געהאַט? איז דאָס געווען ביי אים בלויז אַ יִנגלשע ליבע? און היינט, אַז ער איז עלטער געוואָרן, זעט ער אין דער ליבע אַן אומזין? דעם אומזין פֿון אַ כראַביע מיט אַ פּשוט מיידל? דערצו נאָך אַ ייִדישע. פֿאַר וואָס זשע הייסט ער זי קומען קיין פּולאַווו? האָט ער אויך דאָרטן אַ גוט און ער וויל זי נעמען אַהין? און אפֿשר נעמט ער זי קיין פּולאַווו כּדי דאָרטן צו מאַכן אַ סוף מיט איר, ווייל ער האָט שוין אַן אַנדערע, אַ יונגע כראַבינע מיט גרויסע מאַיאָנטקעס, און ער גרייט זיך צו טאָן וואָס זיין טאַטע, דער אַלטער ראַדצע האָט אַמאָל געטאָן: גענומען אַ ווייב, טאַקע אַ מיאוסע גויע, דערפֿאַר אָבער רייכער נאָך פֿון אים, מיט גרעסערע גיטער ווי זיינע.

ניין, זי וועט שוין היינט נישט שלאָפֿן. זי איז אויפֿגעשטאַנען פֿון בעט, אָנגעטאָן דעם שלאָפֿראָק און אַרויס אויפֿן גאַניק.

ס'איז געווען אַ ווייס זילבערנע נאַכט. דער גאַנצער אַרום איז אָפּגעגאָסן מיט לבֿנה־שיין. שאָטנס, לאַנג אויסגעצויגענע, ציִען זיך פֿון די ביימער, פֿון די דערנער, פֿון טאַטנס אויסגעשפּאַנטער דראָשקע מיט די צוויי לאַנג אויסגעשטרעקטע האָלאָביעס. פֿון זיין הויז אַנטקעגן. די לאָדנס זענען דאָרטן פֿאַרמאַכט. ער ליגט איצט דאָרטן מיטן נייעם ווייב, דער טאַטע. איין ממזר האָט זי אים שוין געהאַט. וויפֿל נאָך ממזרים וועט זי אים אָנהאָבן? מאַמע, מאַמע! דו פֿוילסט אין דער ערד!

מיט האַס האָט זי אָפּגעקערט דעם קאָפּ אַריבערן צוים, צו דער לאָנקע. די לבֿנה, אַ פֿולע, אַ רונדע, שפּיגלט זיך דאָרט אין דער סאַזשלקע. דער שלאָס, מיט דער פּליִצע צום וואַלד, שטייט אַן איינגעשלאָפֿענער. פֿון די צוויי טורעמס, פֿון די גאַניקלעך און באַלקאָנען, פֿאַלן קרומלעכע שאָטנס אין די גראָזן אַריין. פֿינצטער דאָרטן. שלאָפֿט ער איצט וולאַדוש? אָדער ער זיצט דאָרטן ביי אַן אויסגעלאָשן פֿענצטער און קוקט אַהער צו איר ווי זי — אַהין צו אים?

יא

די גאַנצע וואָך האָט צירעלע געפֿיבערט, געטראַכט: פֿאָרן קיין פּולאַווו מוז זי, מיטנעמען יוזשעקלען — אויך, אָבער ווי אַזוי זאָל זי דאָרטן וולאַדושן אויפֿנעמען? זאָל זי אַרויס מיט טענות? אויפֿשפּילן אים די ווייבערישע שטיק? וויינען? ספּאַזמירן? לויפֿן זיך טרענקען? ערשטנס

צירעלע

איז עס אונטער איר ווירדע, מיט ליבע ווארפט מען זיך נישט אָן! צווייטנס, ס'וועט דען העלפן? זי זעט דאָך קלאָר: פון קינד ווארפט ער זיך אָפּ! זי קען נאָר נישט פארשטיין: אויב ער ווארפט זיך טאַקע אָפּ פון יוזשעקלען, פאר וואָס זשע האָט ער אַזוי גוט געדענקט צו שיקן אים אַנטועכץ, שפּילעכלעך, איז עס בלויז ווייל ער האָט אָן אָפּענע האַנט? אַ סך געלט אין דער האַנט? זאָל עס הייסן ער האָט בלויז געוואָלט זיין אַ קאַוואַליער? מיטן קינד האָט ער טאַקע קיין שייכות נישט, נאָר אַזוי ווי די מאַמע איז זיין געליבטע, שיקט ער אויך מתנות פאר איר קינד? קען שוין דאָס גוט זיין?

וואָס זשע בלייבט איר איצט צו טאָן? ווערן אויף אַן אמת כאַבע דע קאַלבעס וויב? אפשר נאָך מאַכן דעם אַנשטעל, אַז יוזשעקל איז זיין קינד? ווידער אַנטלויפן? וווהין? ס'אַנדערע, קען מען דען אַנטלויפן פון זיך אַליין? סיידן אין דער ווייסל אַריין! איז דאָס טאַקע וווהין איר אַרי־בערגיין דעם צוים האָט זי דערפירט?

זי איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב און זיך געביסן די נעגל פון די פינגער, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ, די הויט פון פנים, די טעג אָבער שטייען נישט, דער זונטיק יאָגט אָן! וואָס זשע וועט אַרויסקומען פון דעם קלערן און טראַכטן? פאָרן מוז זי דאָך! דאַרף זי דאָך זיך צו־גרייטן. דאָס וועט דאָך זיין דאָס ערשטע מאָל, אַז ער וועט זען יוזשעקלען און אויך זי אַליין. ער האָט זי דאָך קיין מאָל נאָך נישט געזען אין קיין לייטיש קלייד. פון יענעם זונטיק אָן, איבער פינף יאָר שוין, ווען זי איז צופעליק געגאַנגען מיט דער קאָזע איבער די פריצישע לאַנקעס און ער איז אומגעריכט אָנגעריטן אויף זיין אַגער, האָט ער זי דאָך ביי טאָג, אין דער ליכטיקער שיין, נאָך נישט געזען, נאָר שטענדיק ביי נאַכט און שטענ־דיק אין די וואַלדיקע פינצטערנישן!

האָט זי זיך אויסגעפּוצט קיין פולאַוו אין איר געלבלעך, טשעסטשוואָרן קאָסטיומל, אין ברייטן שטרויהוט, אַ פארפּוצטער מיט קלומפּן ווייַנשלען און קאַרשן, מיט אַ בלויען וואַל פאָרן פנים, אַ וואָלקע פּונקט גענוג אויף צו פארשאָטענען אַ ביסל אירע אומרויִקע, צעטראָגענע אויגן. און בלוי ווי דער וואַל זענען אויך געווען די לעטשלעך אויף אירע פיס, די שיטער געשטריקטע הענטשקעלעך אויף די הענט, דאָס שירעמעל און דער זיידערנער האַנטטאַש. אויך יוזשעקלען האָט זי אָנגעטאָן הערלעך: ווי אַ קליין, ווייס מאַטראָסל מיט אַ בלויען, ברייטן קאָלנער איבערן פּלייצקעלע און אַ בלוי זיידענער פּאָמפּאָן אויפן רונדן מאַטראָזן־היטעלע.

די באַן איז געלאָפן, די רעדער אונטער איר האָבן געקלאַפּט, געהאַ־מערט, נאָר שטאַרקער פון די רעדער און גיכער פון דער באַן האָט גע־

ב. דעמבלין

זעצט און איז געלאָפֿן איר האַרץ: וווּהין פֿאָרט זי? וואָס איז דאָס? אַ פֿאָרשפּיל צו איר חתונה מיט וולאַדושן, אָדער דער אָנהייב פֿון איר לוויה?

ווי זי איז אין וואָגאָן, אַזוי האָט אויך וולאַדוש אין דער אָפֿענער בריטשקע, אַ שוואַרץ יאַקירטע, מיט צוויי הויכע גומע־רעדער, נישט געוווּסט נאָך וואָס ער פֿאָרט און וואָס פֿון דעם פֿאָרן וועט אַרויסקומען. ער ווייסט נאָר וווּהין צירעלע שטופּט אים. אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך! ווי קען ער נעמען שליוב מיט איר? וואָס וועט די פֿאַמיליע זאָגן? אַ דראָזשקאַרזשס אַ טאָכטער און נאָך אַ זשידוווקע דערצו! ווען אַפֿילו זי זאָל באַשטיין זיך צו שמדן, וועט אויך קיינער אין זײַן פֿאַמיליע אויף דעם נישט אײַנגיין. ער איז אַ קראַשינסקי, פֿון דער מוטערס צד שטאַמט ער פֿון די קאָצעבוס, נאָנט פֿאַרוואַנדט מיט די קאַזשמיערסקים. אַלע וועלן זיך דאָך שטעלן קעגן! און דער טאַטוש וועט אים נישט לאָזן קיין איין מאָרגע פֿעלד פֿון אַלע זײַנע מאַיאָנטקעס. ער קען אַפֿילו פֿאַרלירן דער מוטערס ירושה, דעם גוט אַרום קראָקע. זאָלן נאָר די צוויי אָפּיעקונעס, דער מוטערס ברידערלעך, זיך דערוויסן, וואָס ער קלייבט זיך צו טאָן, געפֿינען זיי געגנוג ווענן אים צו באַזײַטיקן פֿון גוט. זיי קענען אים אַפֿילו דערקלערן פֿאַר משוגע אויך!

וואָס זשע זאָל ער טאָן? אָפּוואַרפֿן זיך פֿון צירעלען? נישט קומען צום טאַטוש אויפֿן מאַיאָנטעק אין די זומערן און אַזוי אַרום נישט ווײַזן זיך מער פֿאַר איר? וועלכער האָנאָראָווער שליאַכטשיץ וואָלט אַזוינס געקענט טאָן? און ער וויל דאָך דאָס גאָרנישט אויך. ער האָט דאָך צירוליאַן ליב! גאָט איז זײַן עדות ווי ליב ער האָט זי, פֿון קינדווײַז אויף האָט ער זי דאָך ליב. ער וועט טאַקע מוזן לעגאַל חתונה האָבן מיט אַן אַנדער מיידל, אָבער ליב וועט ער שטענדיק האָבן זי, צירוליאַן! ער וואָלט זי געקענט גליקלעך מאַכן. און דאָס וואָלט דאָך קיינער אים נישט געקענט שטערן. און קיינער וואָלט דאָס נישט געדאַרפֿט וויסן אויך. האָט דען נישט דער טאַטוש אַ לעגיטימע קאָכאַנקע? אַלע ווייסן דאָך אַז זי וווינט אין וואַרשע, אַפֿילו די מאַמושאַ האָט דאָך דאָס געוווּסט, אַפֿילו אַז ער האָט צוויי אומלעגאַלע טעכטער מיט איר. נאָך הײַנט, אַ מאַן שוין איבער די פֿופֿציק, פֿאָרט ער נאָך צו איר צוויי, דריי מאָל אַ חודש און בלײַבט דאָרטן אַ מאָל אויף אַ גאַנצער וואָך!

אָבער וועט דאָס צירעלע וועלן? אפֿשר ווען דער קליינער בענקאַרט וואָלט ניט אַזוי גיך געווען געקומען, וואָלט זיכער אַזוי געווען. ער וואָלט צירוליאַן באַזעצט אין קראָקע, נישט ווײַט פֿון זײַן גוט. זיי וואָלטן שטענדיק געווען נאָענט, איינער לעבן אַנדערן. איז אָבער דער קליינער בענקאַרט יאָ געקומען. שטענדיק אַזוי, פֿאַרפֿירסט אַ ליבע מיט אַ מיידל, ביסט

צירעלע

גליקלעך מיט איר יעדער מינוט, מישן זיך באַלד אַרײַן די בענקאַרטעס! ער לייקנט נישט. צירוליא זאָגט אמת. יוזשעקל איז טאַקע זײַן קינד, אָבער צו וואָס האָט ער אים שוין געדאַרפֿט? דערצו נאָך האָט זי אים באַשניטן! געמאַכט אים פֿאַר אַ קליין זשידעקל! ווי קען ער אַרײַננעמען אַ זשידעקל אין זײַן פֿאַמיליע? אוי וועט זי הײַנט וויינען! אוי וועט זי ספּזאַמירן!

ער האָט זיך אויפֿגעזעצט, אויסגעגלײַכט אַ ביסל דעם רוקן פֿון דער אײַנגעזעסנקייט אין דעם צו וויכן געזעס, זיך אַרומגעקוקט: ווי שטיל עס איז אויף די וועגן פֿון פּוילן פֿאַר שניט; נישט קיין וואָגן, נישט קיין פֿערד, נישט קיין מענטש! און די זון גליט דעם קאָפּ דורכן פּאַנאַמאַ־הוט. די אָנגעהיצטע לופֿט, אַ בלויע, ציטערט און שווינדלט פֿאַר די אויגן. זשוקעס, ווי הייַשעריקן די גרויס, שפּרינגען פֿון די שטויביקע ראָזעס אין דער בריטשקע אַרײַן און בינען זשומען, פֿאַררווישן די אויערן, טראָגן זיך פֿון קוסט צום פֿעלדבלימל, צו זאַנג און צווײַג. און איבער אַלעס פֿלאַטערלעך! וווּנדערלעך פֿאַרביקע פֿלאַטערלעך, יעדער אַ באַזונדערע האַרמאָניע פֿון קאָלירן. זיי שוועבן דיר פֿאַרן געזיכט, פֿלאַטערן קעגן דער זון און אָט, פּלוצעם, טוט עס זיך אַ שטעל דיר אויפֿן אַקסל, אויפֿן לאַץ, אויף דער האַנט.

ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון וועסטל־קעשענע דאָס זייגערל, אַ ריין גאָלדנס, אַ דינס. ער האָט צוריק אָפּגעלאָזט די לייצעס, אַרײַנגעשטעלט דעם שפּיצרוט אין האַלטער. ווען אַפֿילו דער אָגער זאָל אײַנדרימלען נייענדיק, וועט ער אים אויך ברענגען צו דער פּולאַווער באַנסטאַציע אויף אַ גוטער האַלבע שעה פֿאַרן אָנקומען פֿון צוג.

ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם ראַנד פֿון פּאַנאַמע־הוט טיפֿער איבער די אויגן. דער אָגער וועט שוין טרעפֿן דעם וועג. ער האָט ווידער געטראַכט, אַז ס'איז געווען אַ גוטער אײַנפֿאַל זײַנס, דאָס אָפּרעדן מיט צירעלען זיך צו טרעפֿן אין פּולאַוו. ווו דען וואָלט ער געקענט דאָס אַלץ מיט איר אױ־בעררעדן? אין זייער וועלדל שפּעט בײַ נאַכט? דער גאַנצער פֿאָלוואַרק וואָלט איך דאָך צונויפֿגעלאָפֿן אויף אירע געוויינען, אויף די היסטערי־קעס. אין פּולאַוו אָבער קען אים קיינער נישט און זי — אוודאי נישט. ווער ווייסט דאָרטן, אַז ער איז דער יונגער וולאַדיסלאַוו קראַשינסקי? וועט ער מיט איר פֿאַרפֿאָרן אין בריסטאָל, נעמען דאָרטן אַ צימער. צווישן פֿיר ווענט, וועט זיי קיינער נישט זען, קיינער נישט הערן און קיינער וועט נישט קומען אָנצולויפֿן. ער וועט זי לאָזן זיך גוט אויסוויינען. אַז אַ פֿרוי וויינט זיך אויס, ווערט איר לײַכטער אויפֿן האַרץ און קלאָרער אין קאָפּ, זעט זי אַלץ רעאַל. און צירעלע האָט דאָך אַ קלאָרן קאָפּ, וועט זי גיך אײַנזען, אַז אַזוי איז בעסער. צו וואָס ווערן פֿאַרטריבן פֿון איי־

ב. דעמבלין

גענע? ווערן פֿאַרעמט, כאָטש נעמט צוזאַמען און טוט זיך ביידע אָן שטריק אויף די העלדזער! אַזוי וועט זי דאָך האָבן ביי אים אַלץ אין דער וועלט! זיי וועלן קענען שטענדיק זיין לעבן זיך. וועט זי נישט הייסן פּאַני קראַשינסקאַ, איז וואָס?

⁂

איידער נאָך די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט שוין צירעלע, דורכן פֿענצטער, געזען אים, וולאַדושן, ווי ער שטייט אויף דער פּלאַטפֿאָרם מיטן פּנים געווענדט צום אַנלויפֿנדיקן צוג. אויך ער איז געווען זומערדיק אָנגעטאָן, אין אַ געל - ווייסן, טשעסטשוּאַרענעם קאָסטיום, אין אַ ווייכן פּאַנאַמאַ־הוט און לופֿטיק אָפֿענע סאַנדאַלן אויף די פֿיס. זי האָט אויך גלייך באַמערקט אויפֿן קנעפּל פֿון זיין רעקל, אַן אָנגעהאַנגענע רויטע, שיטערע שאַטקע מיט אַ גרויסן באַלעם, אַ פֿאַרביקן, אינעווייניק. גלייך האָט די געשפּאַנטקייט אין איר אַ ביסעלע נאָכגעלאָזט: ער האָט געדענקט צו ברענגען אַ מתנה פֿאַרן קינד!

ער האָט זי דערזען און גלייך צוגעלאָפֿן צו דער טיר, קאַוואַליער־מעסיק אויסגעשטרעקט די האַנט און איר געהאָלפֿן אַראָפּגיין די וואַגאָנטרעפּלעך, אַזוי אויך האָט ער גענומען דעם יינגעלעס הענטל און אים געהאָלפֿן אויסשטייגן.

זיין קאַלטלעכע העפֿלעכקייט האָט צוריק אָנגעיאָגט אין איר די זאָרג, דעם אומרו. ער האָט נישט געכאַפּט דאָס קינד אין די אָרעמס, ווי זי האָט געהאָפֿט, אויך זי האָט ער נישט אַרומגענומען, זיך נישט געקושט מיט איר. נאָר בלויז זיך פֿאַרנייגט, קאַוואַליער־מעסיק, פֿרעמדלעך זיך פֿאַרנייגט און קוים באַרירט מיט די ליפּן דעם געלענק פֿון איר אויסגעשטרעקט הענטל:

— דו זעסט אויס הערלעך, האָט ער איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט.

— דזשענקויען, (אַ דאַנק), האָט זי אים צוריק געשענקט אַ שמייכל, כאָטש איר גאַנץ וועזן האָט זיך געקורטשעט אין אַנטוישונג, אין געוויין. מיטן גאַנצן פֿיבער פֿון איר נשמה האָט זי געזוכט אין זיינע אויגן יענעם ציטער צו איר פֿון אַמאָל, זיין שטענדיקע גאַרונג נאָך איר, איר וולאַדושן האָט זי געזוכט, נישט דעם העפֿלעכן מאַן מיט דעם רויטלעך־בלאָנדן בערדל, וואָס שטייט דאָ פֿאַר איר אַזוי רעזערווירט, קאַוואַליער־מעסיק.

— און דו זעסט אויס ווי אַ קינסטלער, אַ פּאָעט, אַ...

ער האָט איר גיך איבערגעשלאָגן דאָס קאָמפּלימענטירן אים:

— שרעק זיך נישט, איך בין נאָך נישט קיין מאַטעיקאָ, קיין שאָפּען, אויך נישט קיין סלאָוואַצקי, דערביי האָט ער אָפּגעקנעפּלט די שאַטקע מיטן באַלעם און עס דערלאַנגט דעם יינגעלע לעבן איר.

צירעלע

— יוזשו, זאָג אַ דאַנק, דאָס איז דאָן דײַן טאַטוש, האָט זי אַראָפּגע־רעדט צום קינד, וואָס האָט סײַ געקוקט און קינדיש געפּאָרשט דעם פרעמדן מאַן און סײַ באַהאַלטן דאָס פּנימל אין די פאַלדן פון איר קלייד.

— דזשענקויען, (אַ דאַנק), האָט דאָס יינגעלע, אַ ליכטיקס, מיט פולע, אָנגעראָטיקטע בעקלעך, מיט אַ קאָפּ בלאָנדע קרייזן פון אונטערן פלאַכן, מאַטראָסן־היטעלע, שעמעוודיק אַרויסגעשטאַמלט און גלײַך אויסגעשטרעקט בײַדע הענטלעך נאָכן באַלעם.

ווידער האָט זי דערפילט אַ שטאָך אין האַרץ: זי איז געווען זיכער, אַז איצט וועט ער אַ כאַפּ טאָן דאָס קינד, אים אויפהייבן צו זיך, אים אַ קוש טאָן, ווי טאַטעס טוען צו זייערע קינדער, בפרט צו אַ קינד, וואָס ער זעט אים איצט צום ערשטן מאָל!

— גייען מיר? — האָט ער העפלעך איר געגעבן דעם אָרעם און דערבײַ, מיט דער אַנדערער האַנט, געוויזן צו דער בריטשקע, אויף דער צווייטער זײַט פון וואָקזאַל.

אָן אַ וואָרט האָט זי גענומען זײַן אָרעם, געגאַנגען מיט אים איבערן האַלצערנעם פּלאַטפאָרם, דעם קינדס הענטל אין איר האַנט.

ס'איז געווען פּופצן מינוט נאָך צוויי. די זון האָט געבלענדט מיט ליכט. מענטשן, מיט וואַליזקעלעך אין די הענט, האָבן געאײַלט פון און צום צוג, אַ פרײלעכקייט פון קומען און גיין האָט געפלאַטערט אין דער לופטן, אין איר האַרץ אָבער האָט געפלאַטערט דער טרויער און אין מוח האָט גענאָגט אַ וואָרעם, געטאָטשעט: צו וואָס האָט ער זי געברענגט אַהער? וואָס וועט דאָ געשען?

זיי זענען אײַנגעזעסן אין דער בריטשקע. די ווײַכקייט פון די גומענע רעדער, דאָס ריטמישע געקלאַפּערײַ פון די פערדישע פּאָדקאָוועס אָן ברוק, אַלץ האָט דערטערט דאָס געמיט, וועקט האָפענונגען, פאַרלאַנגען, אָבער דער לײַדיקער שאָסיי, די געקאַלכטע מײַלשטיינער, די צעגרינטע קאַרטאָפל־פעלדער אין בײַדע זײַטן וועג, אַלץ לויפט אויף צוריק, אַנטלויפט הינטער איר און דער אָגער יאָגט פאָרויס, פאָרויס! וווּהין לויפט ער? און פאַר וואָס שווײַגט אַזוי וולאַדוש? האַלט די לייצעס אין איין האַנט, דעם שפּיצרוט אין דער אַנדערער און שווײַגט — אַ שווער, אַ פינצטער שווײַגן.

בײַם אַרײַנקומען אין שטאָט, האָט וולאַדוש פאַרקערעוועט אַראָפּ פון שאָסיי און געבליבן שטיין מיט דער בריטשקע פאַרן בריסטאָל, אַ רויט ציגל־געבײַ, מיט איין שטאָק איבערן פּאַרטער.

וולאַדוש איז אַראָפּגעשפּרונגען פון קעטשל און איר געגעבן די האַנט צו העלפן איר אַראָפּשטייגן, אַזוי אויך האָט ער אַראָפּגעשטעלט דעם קליינעם יוזשעק אויף דער ערד.

ב. דעמבלין

אויף די טרעפּ צו דער וועראַנדע, איז זיי אַקעגנגעקומען דער מאַן פון הינטערן לאַדנטיש, אַ נידעריקער גוי אין אַ צעשפּיליעט העמד, אַ רויט שיכּורלעך פּנים און שווערע, ברוין פאַרטאַבעקטע וואָנצעס אונטער דער געשטופּלטער נאָז. ער האָט זיך הכנעהדיק פאַרנייגט פאַר די געקומענע הערשאַפטן, זיי באַגריסט מיט אַ זיסלעכן גאָט־העלף, וואָס האָט על־דינער טראָגן שטענדיק אַנטקעגן זייערע געסט, און זיי אַרויפגעפירט אין אַ צימער אויפן אייבערשטן גאָרן. ס'זענען דאָ געשטאַנען צוויי בעטן מיט הויכע, ניקלענע קעפּ־שטיק, אַ רויטע פּליושענע קאַנאַפּע צווישן די פענצטער מיט אַ לאַנגן שפּיגל איבער איר. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ טיש מיט פיר שטולן און ביי דער טיר — אַן אייזערנער דרייפוס מיט אַ ווייס עמאַלירטער שיסל אויבן, אַ קרוג מיט וואַסער אויפן מיטלסטן שטאַפּל און אַן איבערגעקערטער נאַכטטאָפּ — אונטן.

— צירוליאַ, האָט ער סיי געפרעגט און סיי געזאָגט, — מיר וועלן דאָ עסן מיטאָג, מ'וועט זיך אַ ביסל אָפּרוען, דערביי האָט ער אויסגעטאָן דעם פּאַנאַמאַ־הוט, דאָס רעקל מיטן וועסט, אַלץ אַוועקגעלייגט אויף אַ בעט, און שוין אַ דריק געטאָן דאָס עלעקטרישע גלעקל ביי דער טיר.

צירעלע האָט אים נישט געענטפערט. זי איז געווען פאַרנומען מיטן קינד, אים צעשפּיליעט דאָס בלוזקעלע, אָפּגעווישט אים דעם שווייס פון פּנימל. אין דער זעלביקער צייט האָט זיך אַ באַרוועס שיקסל, מיט אַ ווייס פאַרטעכל אַרום בויך אַריינגעשטעלט, געבליבן מיט דער פּלייצע אויף דער טיר און שטיל געפרעגט:

— וואָס ווינטשן די הערשאַפטן?

ער האָט זי נאָך אַ מאָל איבערגעפרעגט:

— צירוליאַ, מיר וועלן דאָ עסן מיטאָג?

— אַ דאַנק, האָט זי אים געזאָגט, אַהין, צום פענצטער, וווּ ער איז געשטאַנען אַ נישט־דרייסטער, אַ פאַרלווירענער. — איך בין נישט הונגעריק, אויך יוזשעק האָט געגעסן פאַרן אַרויספאָרן.

— דריי פּאָרציעס ליאַדעס, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום שיקסל, וואָס איז שטיל פאַרשווונדן און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ ניקלנער טאַץ אין די הענט, אַ פול אָנגעשטעלטע מיט טעלערס און טעלערלעך, ווייסע סערוועטן און לעפלעך. אין יעדן פון די דריי טיפערע טעלערלעך איז געלעגן אַ גרויסע קויל פון געלבלעך ווייסע ליאַדעס! זי האָט געדעקט דעם טיש מיט אַ ווייס טישטעך, צעשטעלט די טעלערס לעבן דריי שטולן, אויסגעלייגט די סערוועטן מיט די לעפלעך און שטילינקערהייט זיך אַרויסגעטראָגן פון צימער.

אין אַ וואָרט האָבן זיי זיך געזעצט צום טיש. ווען נישט דעם קינדס

צירעלע

פלאפלען, זײַן קלינגען מיטן לעפעלע בײַם עסן די ליאדעס, וואלט מען דא קײן שארך נישט געהערט. צירעלען האט דאס שווײַגעניש געשטיקט. זי מוז דאס איבעררײַסן! זי האט זיך אויסגעדרייט צום ייִנגעלע, אראפ־גענומען דאס מאטראסן־היטעלע פון זײַן קעפל, אויפגערויעט די צוגע־פלעטשטע קרויזן און, אונטערהייבנדיק זײַן פנימל, א ליכטיקס מיט פולע. רויטלעכע בעקלעך און גרויסע, בלויע. לאכעדיקע אויגן צום פאטער, האט זי אים פראוואצירנדיק א פרעג געטאן:

— וולאדוש, ווי געפעלט דיר דײַן זונעלע?

נישט־ווילנדיק האט ער אומגעדרייט דעם קאפ צום קינד. די וואנסעס זײַנע, רויטלעך בלאנדע, זענען אים געווען נאס. מיט ביסעלעך נאך נישט צעגאנגען געפרווירנם אויף זייערע הארשפיצן. „עס הייבט זיך אן", האט אים א בליץ געטאן אין מוח, דאך האט ער רויק געגעסן די ליאדעס, געקוקט אויפן ייִנגעלע זײַטיקלעך, מיט די אויגן־ווינקלען: איז דאס טאקע זײַן קינד?

— ער זעט אין גאנצן אוים ווי זײַן מאמע, נאר שענער פון איר.

צירעלען האט דער זאג זײַנער אי געהײַטערט אי זי געבריט. ער מאכט איר א קאמפלימענט מיט איר שיינקייט, אבער פון קינד ווארפט ער זיך אפ! ער איז, הייסט עס, גארנישט זײַנס. דער ווייטיק אין איר האט גענומען שטײַגן, אין דער זעלבער צײַט האט דער מוח זי געווארנט: נאר נישט קיין סצענעס, נאר זיך נישט פארלירן! אויף דער באנפלאט־פארם, ווען זי האט דערזען, אז ער האט א מתנה פארן קינד, האט זי שוין געמיינט אז אלע כמארעס צערינען. איצט זעט זי אויף אן אמת ווו זי האלט! זי האט אוועקגעלייגט דאס לעפעלע, אפגערוקט פון זיך דאס טעלערל מיט ליאדעס: וואס נוצט דאס דרייען זיך אויפן קארעק? דאס מאכן אן אנשטעל? ס'איז נישט אין איר טבע זיך צו באהאלטן, צו אנטלויפן פון עפעס וואס מוז סײַ ווי געשען:

— ווען נעמסטו איבער דאס גוט אין קראקע?

ער האט געשוויגן, געהאלטן די אויגן אין טעלערל, מעכאניש געטראגן דאס לעפעלע צום מויל, פון מויל און געשוויגן. וואס זאל ער איר ענט־פערן? ווי אזוי זאל ער איר איבערגעבן אלץ וואס ער טראכט, וואס ער האט אין זינען און דאך אויסמײַדן סצענעס, אײַנשפארן איר די געוויינען, דאס ספאזמירן?

— נישט אזוי גיך, האט ער געזאגט שטיל, פלומרשט רויק און ווײַטער געגעסן דאס ווייך געווארענע, שיטערלעכע געפרוירנס.

— דאך? ווען? האט זי נישט אפגעלאזט.

ב. דעמבלין

אויך ער האָט שוין איצט אָפּגערוקט דאָס טעלערל און אוועקגעלייגט דאָס לעפּעלע מיטן סערוועט: עס וועט דאָך נישט העלפֿן. וואָס עס מוז געשען, לאָזט זיך נישט פֿאַרמיַידן און צוליב דעם איז ער דאָך אַהער־געקומען:

— נישט איידער איך וועל חתונה האָבן.

זי האָט גוט געהערט דעם זאָג, צירעלע. ער זאָגט נישט איידער „מיר" וועלן חתונה האָבן. זאָל זי נאָך מער פֿרעגן? אַלץ איז איר שוין קלאָר! דאָך, מיט איר גאַנצן ווילן נישט צו מאַכן קיין היסטערישע סצענעס, טריַיבט עס זי אים ווי צו טאָן, נישט אײַנצושפּאָרן אים קיין בויך־גרימע־ניש, פּונקט ווי ער שפּאָרט עס איר נישט איַין. ער שעמט זיך נעבעך איר צו קוקן אין די אויגן, זי אָבער האָט כּוח! זאָל זי כאָטש זען מיט וועמען זי האָט געהאַט צו טאָן, און וועמען זי האָט זיך איַינגעליבט, אַזוי זיך אין אים אָנגעפֿאַרטרויט! רויִק, כּלומרשט מיט פֿרייד, ווי זי וואָלט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען וווּהין ער צילט, וואָס זיַין זאָג מיינט, האָט זי אים געענטפֿערט:

— פֿון מיַין זיַיט איז נישטאָ קיין אָפּהאַלט. מיר קענען אַפֿילו שוין מאָרגן נעמען שליוב.

— צירוליאַ, האָט ער גערעדט צו איר שטיל, שיעור נישט מיט געבעט אין קול, — דו ווייסט דאָך, אַז דאָס איז נישט מעגלעך!

— פֿאַר וואָס נישט מעגלעך? האָט זי זיך געמאַכט תּמעוואַטע.

— דו ביזט דאָך אַ ייִדישקע! דו וועסט זיך דען שמדן?

ווי וווּל זי איז נאָך מיט זיך נישט פֿאַרטיק געוווען אויף דעם שריט, בפֿרט ווען זי זעט קלאָר, אַז דאָס איז ביַי אים אַן אויסרייד בלויז, איז זי דאָך ווייטער אָנגעגאַנגען מיט נעמען אים אויפֿן פֿאַרהער.

— פֿאַר וואָס נישט?

— דו האָסט מיר קיין מאָל נישט געזאָגט, אַז דו ביסט גרייט אויף דעם, האָט ער פֿאַרחידושט געהויבן די אַקסלען, ווי דאָס וואָלט טאַקע געווען ביַי אים די גאַנצע מניעה, דער איינציקער אָפּהאַלט.

— דו האָסט מיך קיין מאָל נישט געפֿרעגט, האָט זי, כּלומרשט פּונקט אַזוי איבעראַשט, אים געענטפֿערט.

אַ רויטקייט, אַ געמיש פֿון פּלוצעם אָנגעשטאַנענער פֿאַרלוירנקייט און בושה, האָט באַשלאָגן זיין פּנים. מיט איין מאָל האָט דאָ צירעלע אוועק־געגומען פֿון אונטער אים דעם איינציקן אָנהאַלט זיַינעם. אַפֿילו שמדן איז זי זיך גרייט פֿאַר אים? ער האָט געשוויגן, געהאַלטן די עלנבויגנס אויפֿן טיש, דאָס פֿאַרשעמטע פּנים מיטן בערדל אין די הענטפֿלאַכן און געשוויגן. וואָס זאָל ער איר זאָגן אויף דעם? עפּלעך האָט ער מיך אָפּגעזיפֿצט:

עס וואָלט סיי ווי נישט געטויגט.

צירעלע

צירעלע האָט זיך צוגערוקט נענטער צו אים. די פרוי אין איר האָט זי געטריבן, געוואָרנט נישט צו זײַן האַסטיק, צו פּרוּוון מיט גוטן, אפשר? זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זײַן אַקסל, צערטלעך, ווי אַ מאַמע:

— וולאַדושו, זאָג מיר, פאַר וואָס וואָלט נישט געטויגט?

— דו ווייסט פאַר וואָס, צירוליאַ, פאַר וואָס פּײַניקסטו מיך? — האָט ער זיך בײַ איר געבעטן מיט הילפלאָזיקייט אין קול.

— ניין, וולאַדוש, איך ווייס נישט, איך וויל זאָלסט עס מיר זאָגן: פאַר וואָס וואָלט עס נישט געטויגט? מיט אַלע אירע כּוחות האָט זי זיך געהאַלטן פון נישט צוזאַמענברעכן און, אין דער זעלבער צײַט, נישט לאָזן אים זיך אַרויסדרייען פון ענטפערן איר קלאָר פאַר וואָס עס וואָלט נישט געטויגט. איז דאָ איר ייִדישקייט דער שטער? איז עס איר אָרעמער שטאַנד?

— איז עס טאַקע צוליב דעם? שעם דיך נישט, האָט זי אים אונ־טערגעהויבן דעם קאָפ און אים געקוקט גלײַך און שאַרף אין זײַנע אויגן.

— ענטפער מיר, וולאַדוש, דו ווערסט מיך נישט באַליידיקן, ענטפער מיר! זײַן שווײַגן האָט זי נאָך מער גערעגט, זי אַרויסגעוואָרפן פון דער אַליין אויף זיך אַרויפגעצוווּנגענער רו. די היסטעריע האָט שוין איצט פון איר ווילד געװעוועט: — זאָג, איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן ביז דו וועסט נישט זאָגן פאַר וואָס אונדזער צוזאַמענלעבן וועט נישט טויגן!

— צו וואָס זיך אויפרעגן? צירוליאַ! האָט ער זי געבעטן שטיל, פאַרשולדיקט, — דו ווייסט דאָך אַליין, אַז דאָס איז נישט מעגלעך.

— אָבער פאַר וואָס נישט? האָט זי שוין איצט היסטעריש געשריגן, געוויינט, אים געטרייסלט, זאָג! פאַר וואָס איז נישט מעגלעך? ווײַל איך בין דיר נישט קיין גרעפין? ווײַל איך האָב נישט פאַר דיר קיין גיטער? ווי דײַן מאַמושאַ האָט געהאַט פאַר דײַן פאָטער?

— באַרויִק זיך, צירוליאַ, האָט ער זי געפּרוּווט נעמען אין די אָרעמס.

— אוועק פון מיר — האָט זי אים אַ שלײַדער געטאָן פון זיך אַז ער איז אַזש געפאַלן אויפן קאָפּשטיק פון בעט. — אוועק זאָלסטו גיין! ביסט אַ ליגנער! דו האָסט מיך גענאַרט, האָסט מיך קיין מאָל נישט ליב געהאַט.

— אָבער ניין, צירוליאַ, האָט ער אַז זיך געבעטן בײַ איר, אַז מיט כּוח זי גענומען אין זײַנע אָרעמס אַרײַן. — ס'איז נישט אמת. איך האָב דיך שטענדיק ליב געהאַט און איצט נאָך מער ווי אַלע מאָל. איך וויל דיך נישט פאַרלאָזן, ווי גאָט איז מיר ליב ווי איך וויל דאָס נישט.

— פאַר וואָס זשע ווילסטו נישט האַלטן דײַן וואָרט? האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט!

ב. דעמבלין

— דאָס איז נישט מעגלעך, צירוליא טײַערע! איך בין דאָך אַ קאַטאָליק! אַפילו זאָלסט זיך שמדן, וועט מען מיך פאַרטרײַבן פון אַלע גיטער ווי מען פאַרטרײַבט אַ הונט פון לעצטן ביין. קיינער פון מײַן פאַמיליע וועט מיך נישט וועלן זען, נישט וועלן האָבן מיט מיר צו טאָן.

צירעלע איז אַ ביסל ווײַקער געוואָרן. זײַן געבראָכענע שטים, די טרערן אין זײַנע אויגן, די אויסגעשטרעקטע הענט, בעטנדיקע צו איר, אין אַלעם דעם האָט זי געזען, אַז ער האָט זי נאָך אַלץ ליב, אַז ער האָט זי נישט גענאַרט, אַז דאָס איז בלויז די צוים, די פאַרשאָלטענע צוים, וואָס מענטשן האָבן אוועקגעשטעלט צווישן זיי ביידן, אָט די צוים טײַלט זיי אַזוי אָן רחמנותדיק פונאַנדער, נישט ער אַהער, און נישט זי — אַהין!

— ייִנגעלע, מײַנער, האָט זי אים אַרומגענומען מיט רחמנות, ווי אַ מאַמע אַ קראַנק קינד, — נישט ווײַל ביזט אַ כראַביע האָב איך זיך פאַרליבט אין דיר. איך וויל דיך אַזוי ווי די ביסט, אָן דײַנע גיטער, אָן דײַנע רײַכקייטן! לאָמיר אוועקפאָרן קיין וואַרשע און לעבן ווי אַלע פּראָסטע מענטשן.

ער האָט געשמייכלט, מער אויס הילפלאָזיקייט, ווי אויף איר נאַיִוויטעט:

— צירוליא, טראַכט זיך נאָר אַרײַן. אָט זענען מיר שוין אין וואַרשע? פון וואָס וועלן מיר לעבן? ער האָט זי געקושט אין די אויגן, אין האָלדז, אין די הענט, אַ פאַרצווייפלט, אַ פאַרטערערט קושן איז דאָס געווען: — פאַרשטיי, צירוליא, אונדזערס אַ מענטש, אַז ער האָט נישט מער זײַנע מאַיאָנטקעס, איז ער אויס מענטש, ווערט ער אַ פּוּאַק, אַ שיכור. פרעג איך דיך, צירוליא, וואָס וועט פון דיר ווערן, אַז איך וועל אָנהייבן שיכורן?

— וואָס דען זאָלן מיר טאָן? וולאַדוש טײַערער, האָט זי אוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זײַן אַקסל: — איך גיי דאָך אַראָפּ פון זינען.

ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן ברעג בעט און זי גענומען אויף זײַן שויס, זי געטוליעט צום האַרץ:

— ניין קעצעלע, איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן, דו ביסט מײַנע, אויף שטענדיק מײַנע! איך וועל דיך באַזעצן אין אַ פּאַלאַץ אין קראָקע, וועסט דאָרטן וווינען מיט אונדזער ייִנגעלע. צו וואָס דער שליוב? איך וועל דאָך זיין מיט דיר, שטענדיק מיט דיר!

זי איז געזעסן אויף זײַן שויס, געקוקט אים שטאַר אין די אויגן, אַזעלכע פאַרטרויערטע אויגן בײַ אים איצט, זיך שטום אײַנגעהערט אין זײַנע הייסע, האַסטיקע רייד און איר האַרץ האָט געקלאַגט, אין צווייען געקלאָגט: אויף איר יונג, צעבראָכן לעבן און אויף זײַן שוואַכקייט, אויף זײַן אַזוי געבונדן זײַן דורך זײַנע גיטער, דורך זײַן שטאַנד, דורך זײַן

צירעלע

גלויבן, וואָס אַלע צוזאַמען זענען זיי אַזוי האַרט, אַזוי אומרחמנותדיק האַרט!

פֿון צירעלעס שווייַגן האָט וולאַדוש געמיינט, אַז זי האָט זיך שוין באַרויִקט, אַז זי האָט שוין שלום געמאַכט מיט דער אומגעלעכקייט ער זאָל מיט איר חתונה האָבן:

— צירוליאַ, האָט ער זי גענומען וועקן פֿון דעם טראַנס, פֿון דער צעטראָגנקייט, — זאָל איך אָנקלינגען מ׳זאָל אַרויפֿברענגען מיטאָג?

זי האָט נישט באַלד געענטפֿערט, נאָך אַלץ געקוקט אויף אים מיט די שטאַרע אויגן. עפּעס האָט זיך איר אויסגעוויזן, דורך דעם פֿאַרטרערטן בליק, אַז וולאַדוש שוועבט אין דער לופֿטן, מיט יעדער רגע דערווייַטערט ער זיך פֿון איר אַלץ ווייַטער, ווייַטער, ביז ער פֿאַר פֿאַרשווינדט איר אין גאַנצן פֿון אויג.

— צירוליאַ! האָט ער זי שטאַרקער אַ טרייסל געטאָן, — איך פֿרעג דאָך דיך!

— וואָס? האָט זי זיך געוווּנדערט, נישט געוווּסט גאָר אַז ער האָט גערעדט צו איר.

— זאָל איך אַרויפֿבאַשטעלן מיטאָג?

— ניין, טייַערער, נישט פֿאַר מיר.

זי איז אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין שויס אַ שלאַבעריקע, אַפּאַטיש, ווי פֿון אַ שווערער שלאָפֿקייט אַרויס.

אין זייער זייַן אַזוי פֿאַרטאָן מיט זיך, האָבן זיי דערווייַל נישט געזען ווי דאָס קליינע יוזשעקל האָט בייַם טיש גענומען דאָס טעלערל צעגאַנגענע ליאָדעס צו די ליפּעלעך און זיך אייַנגעריכט ס׳נעזל, ס׳פּנימל און זיך אָפּגעגאָסן ווי גרוים ער איז.

אַן אַנדערש מאָל וואָלט צירעלע, אין גאַנצן געלעכטער איבער זייַן קאָמיש אויסזען, אים געגעבן אַ פּעטשל איבערן הענטל, איצט אָבער איז איר אָפּילו נישט געלעגן אין זין צו שמייכלען איבער דעם קינדס חכמה. זי איז געשטאַנען לעבן קינד ווי אַ פֿאַרשלאָפֿענע, אים אַרומגעווישט מיט די סערוועטן, אים אָנגעטאָן, זיך אָנגעטאָן, גרייט צום גיין!

אויך ער, וולאַדוש, האָט זיך צורעכט געמאַכט ס׳אָנטועכץ, אָנגעטאָן דעם פּאַנאַמאַ־הוט. זיי זענען צוריק אייַנגעשטיגן אין דער בריטשקע. זיבן דרייַסיק גייט אָפּ אַ צוג צוריק אַהיים.

ווידער האָט דאָס ריטמישע געקלאַפּ פֿון די פֿערדישע פּאָדקאָוועס זיך נעטראָגן צו אירע אויערן. דאָס ווינטעלע אין פּנים איז איצט געווען אַ קילס, אַ פֿאַרנאַכטיקס. זיי זענען פֿאַרבייַגעפֿאָרן דראָשקעס, פּויערישע וועגן. זי האָט געקוקט אַרום זיך, אויף דער פּריצישער בריטשקע, אויף

ב. דעמבלין

וולאַדושן, וואָס זיצט אַ דערשלאָגענער, אַ שווײַגנדיקער, מיט די לײַצעס אין איין האַנט און דעם שפּיצרוט אין דער אַנדערער. זי האָט דערפֿילט אַ קניפּ אין האַרץ, אַ טעמפּן שניט אַזאַ; דאָס איז דאָך דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל, אַז זיי פֿאָרן אַלע דרײַ צוזאַמען. גאָט! ווי זי וואָלט איצט וועלן דאָס פֿאָרן זאָל זיך קיין מאָל נישט ענדיקן, קיין מאָל נישט! זי האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ צו וולאַדושן:

—טײַערער, איך וואָלט זייער נישט וועלן פֿאָרן אַהיים אין דער באַן. ברענג מיך אָפּ אין דײַן בריטשקע.

ער האָט איר איצט נישט געזאָגט „זוואַריאַוואַלאַש", (ביזט אַראָפּ פֿון זינען), איר וואָלט אָבער ליבער געווען דער אָפּשניט איידער צו זען דאָס געבעט, דעם נעבעכדיקן אויסדרוק אויף זײַן דערשראָקן פּנים:

— קעצעלע, טײַערע, דו ווייסט דאָך אַז דאָס איז נישט מעגלעך. גישט נאָר די גאַנצע שטאָט, דער גאַנצער פֿאָלוואַרק אונדזערער וועט דאָך באַלד אַלץ וויסן.

זי האָט געשוויגן, אָבער איר גאַנץ וועזן האָט געוויינט, ביטער געוויינט: אַפֿילו איין מאָל זיך ווײַזן מיט איר האָט ער מורא!

זיי זענען צוגעקומען צום וואָקזאַל. ווײַט, הינטערן וואַלד, האָט די זון זיך געטרונקען אין אַ ים פֿון פֿײַער. אַנטקעגן איז געשוווּמען די לבֿנה, אַ בלייכער, שמאָלער זילבער־האָרן. באַן לעמפּלעך האָבן געבלינצלט בײַ די שינעס, בײַ וואַגאָנטירן. די לופֿט איז געווען פֿול מיט רויך, מיט סאַזשע. דער שטייענדיקער לאָקאָמאָטיוו האָט געסאָפּעט, געזעצט מיט פּאַרע. ער האָט איר ווידער געהאָלפֿן אויסשטײַגן פֿון דער בריטשקע, אַראָפּגענומען דאָס קינד. ס'ערשטע מאָל ערשט, אַז ער האָט אים אַ ווײַל געהאַלטן אין די אָרעמס, זיך אײַנגעקוקט אין זײַן פּנימל. איז דאָס זײַן זון? ער האָט שוין אַ זון? אַ באַשניטענעם זון? באָזשע מאָי! (גאָט מײַנער!) ס'ערשטע מאָל איצט, אַז ער האָט דערפֿילט אַ ריס אין זײַן האַרץ. פֿון איין זײַט האָט ער געוואָלט האַלטן דאָס קינד אין זײַנע אָרעמס וואָס לענגער דריקן אים צו זיך, פֿון דער אַנדערער זײַט האָט עס אים געטריבן, וואָס גיכער אַראָפּצושטעלן דאָס יִינגעלע, וואָס שנעלער זיך אָפּשיידן פֿון אים!

ער איז צו צו דער קאַסע, געקויפֿט פֿאַר איר אַ בילעט און, צוזאַמען מיטן באַנקאַרטעלע, געוואָלט איר אַרײַנשטופּן אין האַנט עטלעכע געלט־אַסיגנאַציעס.

— אַ דאַנק, האָט זי אים געזאָגט און גענומען בלויז דעם בילעט,
— איך האָב גענוג געלט! ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז נישט אמת. די לעצטע הונדערט רובל זענען איר שוין זיכער אויסגעגאַנגען. ער וועט

זיך אָבער איצט נישט נעמען אַמפּערן מיט איר. און ער וועט זי דאָך אין גיכן זען!

ער האָט איר געהאָלפֿן אַרײַן אין צוג, פֿאַרנומען אַן אָרט בײַ אַ פֿענצטער. אוועקגעזעצט דאָס קינד לעבן איר. זי האָט איצט נישט דערמאָנט יוזשעקלען, אַז דאָס איז זײַן טאַטוש און ער דאַרף זיך געזעגענען מיט אים. אַז ער האָט זיך צוגעבויגן, האָט זי אים אונטערגעטראָגן אירע ליפּן, וואָס האָבן קוים באַרירט זײַנע. נישט דרייסט האָט ער געשטאַמלט:

— זען מיר זיך מאָרגן?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס האָט געקענט מײנען: יאָ. ס׳האָט אָבער אויך געקענט מיינען אַ שאָקל פֿון באַדויער. באַדויער אויף דעם טרויעריקן סוף פֿון איר ליבע, פֿון איר יונג, צעבראָכן לעבן.

ער האָט צוגעלייגט די ליפּן צום יינגעלעס שטערנדל:

— דאָווידזעניאַ, (צום ווידערזען), יוזשו. אויך צו איר האָט ער געצויגן דעם הוט: — דאָווידזעניאַ, צירוליאַ. זי אָבער האָט אים נישט געענטפֿערט דאָווידזעניאַ, צום ווידערזען, נאָר בלויז:

— אַ גוטע נאַכט...

יג

ריז פֿיר יאָר האָט זיך דער קריפּל נישט יעקענט שטעלן אויף די פֿיסלעך. עפּעס זענען די אונטערשטע ליפּקעס אים געווען לויז אין די קניעלעך. אַז ער האָט זיך אין פֿינפֿטן יאָר שוין יאָ אויפֿגעשטעלט, האָט ער ערשט נישט געקענט גיין, ווי עס גייען געוויינלעך קינדער. ער האָט געמוזט צום ערשט אויפֿהייבן דאָס רעכטע פֿיסל, עס אַ שאַר טאָן אין אַ האַלבן קרײַז און עס אַוועקשטעלן פֿאַרויס, דערנאָך האָט ער מיטן לינקן געדאַרפֿט טאָן דאָס אייגענע.

באַלד נאָך זײַן געבורט, ווי גרויס דער יוידערוויילז צו כאַבע דע קאַלבעס קינד איז אין איר נישט געווען, איז דאָך צירעלע געגאַנגען מיט אים צו דאָקטוירים, געפֿאָרן מיט אים קיין וואַרשע אין שפּיטאָל אַרײַן. זי האָט עס אָבער גלײַך אויפֿגעהערט. צו וואָס? אַז סײַ ווי העלפֿט עס נישט! מענטשן האָבן גערעדט אַז דאָס גיין צו דאָקטוירים האָט נישט געקענט האָבן קיין פּעולה, ווייל איר האַרץ איז נישט געווען דערבײַ און דאָרט, ווו ס׳האַרץ איז נישטאָ, קען גאָרנישט העלפֿן!

אין חדר האָט דאָס ייִנגל נישט געקענט גיין, האָט דער טאַטע אים אויסגעלערנט אים נאָכזאָגן יעדן אינדערפֿרי „מודה־אני", מאַכן אַ ברכה פֿאַרן עסן, אַ „בורא־נפֿשות" נאָכן עסן. אין די ווינטערטעג פֿלעגט ער זיצן בײַ דער פּליטע און גלאָצן מיט די קרומע, בלוי גלײַזקע אויגן אַרויף

ב. דעמבלין

צום סופֿיט, כאָטש געהייסן האָט עס אַז ער קוקט צום טאַטן, וואָס רעדט צו אים, גיט אים עסן אין אַפּענעם, קרומען מויל אַרײַן.

צירעלע האָט טאַקע געקאָכט אויך פֿאַר אים, אָבער אָפּגעגעבן זיך מיטן קריפּל האָט דער טאַטע, ער האָט אים געצוואָגן, געקאָרמעט, געלייגט אים שלאָפֿן און, ווען נאָר ער האָט געקענט, געוויזן אים אין סידור אַ צורה פֿון אַן אַלף.

כּל־זמן דער קריפּל איז געווען דאָס איינציקע קינד, האָט נאָך די שטוב, ווען אַפֿילו אויבנאויפֿיק, אויסגעזען גאַנץ, ווי אין אַלע שטובן: — אַ מאַן, אַ ווײַב, אַ קינד. ווי נאָר אָבער זי האָט געבוירן דאָס צווייטע ייִנגעלע, דאָס בלאָנדע, בלויאויגיקע יוזשעקל, איז די שטוב ווי איבערגעהאַקט געוואָרן אויף צוויי באַזונדערע העלפֿטן. אין איין העלפֿט — זי מיט יוזשעקלען, ביידע בלאָנד, ציכטיק, געגעסן גוט, אין דער אַנדערער העלפֿט — ער מיטן קאַליקע, ביידע ציגײַנעריש טונקל, ביידע אָפּגעריסן, פֿאַר־וואָרלאָזט, ווי בעטלער אין אַ הקדש.

אין די נעכט, אויפֿן אויסגעבעטן געלעגערל, אויף דער פּאָדלאָגע, טוליענדיק דאָס פֿאַרקריפּלטע ייִנגל צו זיך, האָט חיים־קלמן אויסגעוויינט דאָס קישעלע מיט זײַנע טרערן. פֿאַר וואָס קומט דאָס אים? פֿון קינדווײַז אויף, זינט ער געדענקט זיך, רק לײַדן, שטענדיק פּײַן, באַליידיקונג, פֿאַר־שעמונג. גרויסער גאָט! איז דאָס רעכט אַזוי? חבוט־הקבֿר איז דאָך אָנגעגרייט ערשט אויף יענער וועלט, פֿאַר וואָס מוז ער דאָס שוין אָפּקומען דאָ? און אויב דאָס איז אים באַשערט? וואָס זשע איז דאָ זײַן קינד שולדיק? פֿאַר וואָס איז זײַן מזל שוין פֿאַרפֿינצטערט? ער איז דאָך אַ כּשר קינד! דאָס אַנדערע איז דאָך דער ממזר! ער ווייסט דאָך מיט וועמען זי האָט זיך פֿאַרהורט! „ווּ זשע איז יאַנדעס? רבונו־של־עולם ביסט דאָך פֿאָרט אַן אל־רחום־וחנון!"

ווי דער קריפּל פֿלעגט אין דיווינטערן זיצן אין שטוב און טוליען דאָס צעקרומטע פּלייצעלע צו דער וואַרעמער פּליטע, אַזוי איז ער אין די זומערן אָפּגעזעסן די טעג דרויסן, אויפֿן הויף. ווי נאָר די נאָכפּסחדיקע זון האָט אָנגעהויבן צו וואַרעמען, פֿלעגט ער באַגין שוין אַרויסרוקן זיך אויפֿן געזעסל צו די טרעפּ און פּאַוואָליע, פֿון איינער צו דער אַנדערער, אַראָפּגעטראָגן דאָס פֿאַרקריפּלטע גופֿל אונטן, זיך צוגערוקט צו אַ וואַנט און פֿאַרהייבן דאָס אויסגעקרומטע פּנימל אַרויף, צו דער ליבער, וואַ־רעמער זון.

געדאַכט האָט זיך, אַז גאַרנישט זעט ער, זײַנע אויגן זענען דאָך גע־ווענדעט אַרויף, צום הימל. אין דער אמתן אָבער האָט ער מיט די אויגן־ווינקלען, זײַטיקלעך געזען אַלץ וואָס אַרום אים טוט זיך. ער האָט אַזוי

צירעלע

אַרום נאָכגעפֿאָלגט די שפּילערײַען פֿון די קינדער אויפֿן הויף, זייער אַרומשפּרינגען איבער די זאַמדבערגלעך, זייער וואַרפֿן די פּילקעס, און גליקלעך איז ער געווען ווען אַזאַ באַלעמל האָט זיך פֿאַרקאָלערט צו אים און ער האָט עס געקענט אַ כאַפּ טאָן און עס צוריקשלײַדערן מיט זײַן אַרונטערגעדרייט, פֿאַרקרומט הענטל.

ווי ווײַל די מערסטע קינדער פֿלעגן אים פּייניקן, זיך אונטערגעגנבֿעט אים אַ ריס צו טאָן די האָר, אַן אויער, אַרײַנשיטן אים זאַמד אין זײַן אָפֿענעם, פֿאַרקרומטן מויל, האָט מען דאָך קיין מאָל נישט באַמערקט אין זײַנע ליכטיק שײַנענדיקע, בלויע אויגן, קיין סימן פֿון כּעס, פֿון אַ פֿאַרקרימען זיך צו וויינען. מענטשן האָבן צוליב דעם געמיינט, אַז ער איז אַן אידיאָט. ווי דען אַנדערש? ווען בײַ אַ קינד איז שטענדיק אָפֿן דאָס מויל אין אַן אידיאָטיש געלעכטער! עס איז אָבער נישט געווען אמת. זײַנע אויגן זענען פּשוט געווען פֿול מיט גוטסקייט, מיט קינדערישער חכמה. ווי אָרעם ער איז נישט געווען אין די קינדישע שפּילצײַג, אַ שטיינדל, אַ שטעקל, אַ קנעפּל, וואָס אַנדערע קינדער האָבן זיך אַזוי לײַכט געקענט איינשאַפֿן, האָט ער דאָך גערן געקענט אָפּטרעטן צו אַן אַנדער קינד אַליץ, וואָס ער האָט געהאַט, אפילו אַ מעשענעם קנאָפּ מיטן קיסרס קרוין, דער גרעסטער באַזיץ פֿון אַ קינד!

ערשט אויפֿן פֿינפֿטן יאָר האָט ער זיך דערוואַרט דער טאַטע זאָל פֿון אים אַראָפּנעמען די לויזע אַנטועכצער, אַזעלכע יאַקעס, און אים מלבושערומים זײַן אין אַ פּאָר ייִנגלשע מײַטקעס, מיטן העמד־עקל אַרויסגעשטעקט אין אָפֿענעם סטאָן, ווי דאָס ווײדעלע בײַ אַ הון. אין דעם „אובֿיאָר” האָט ער שוין געוואַגט זיך אַרויסצורירן פֿון הויף, אַ שמעק צו טאָן אין מאַרק, אַ מין ערשטער אַרויספֿאָר אויף אייגענעם באַראָט אין דער אָפֿענער וועלט אַרײַן!

די גאַנצע צײַט, וואָס ער האָט זיך גערוקט אויפֿן געזעסל, איז קיינעם נישט אײַנגעפֿאַלן אַז ער זעט, אָדער פֿאַרשטייט וואָס אין שטוב גייט אָן. אין דער אמתן האָט ער אויף זײַן קינדישן שטייגער גוט געזען און נאָך מער געפֿילט די צעשיידונג, דעם תּהום, וואָס אין שטוב איז דאָ צווישן אים מיטן טאַטן פֿון איין זײַט און די מאַמע מיט איר בלאָנד ייִנגעלע פֿון דער צווייטער זײַט. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס, אָבער געזען האָט ער אַז די מאַמע שלאָפֿט אין אַ בעט, דאָס בלאָנדע ברודערל שלאָפֿט אין וויגל, בײַדע עסן זיי ווײַסע זעמעלעך, טרינקען מילך, אַפֿילו קאַקאַאָ, בעת ער מיטן טאַטן שלאָפֿן אויף דער פּאָדלאָגע. עסן שוואַרץ ברויט מיט גריץ, מיט באָרשט, און זומער שלאָפֿט דער טאַטע אַפֿילו נישט אויף דער פּאָדלאָגע אין שטוב, נאָר אויפֿן שטאַלבוידעם, איבערן פֿערד.

ב. דעמבלין

איידער נאָך ער האָט רעכט געוווּסט וואָס עס איז אַזוינס דער מאַרק, האָט עס אים שוין געצויגן אַהין. אין הויף, זיצנדיק מיטן פּליִיצקעלע צו דער וואַנט, האָט ער שוין באַנומען דעם גערויש פון זומערדיקן מאַרק. די מחיה פון די אָנגעפּאַרענע פערד און וועגן פון די סאַדאָווניקעס, פון די פּויערים, פון די זעלנער און אָפיצירן און פּריצטעם פון אַרומיקע פּאָל־ ווארקן. ער האָט געהערט דאָס זים נאָגנדיקע גרימפּלען פון קאַטערינקעס אויף זײַן קאַטערינקע, און איצט, אַז ער האָט שוין דערלעבט אַהין אַרויס־ צוקומען און דערזען דעם גרינעם פויגל מיטן רויטן קעפּל און פליגל, ווי ער שלעפּט מיטן שנאָבל צעטעלעך פון קאַטערינאַזשס אַ שופלעדל און גיט זיי צו די זעלנער אין די הענט אַרײַן, איז ער געווען פריטשמיעליעט און פּונקט אַזוי איז ער געווען באַרוישט פון דער אָנגעברענגטער שפע פון אויבסטן, קאַרשן און ווײַנשלעך, פּעשן און מאַרעלן, און שפּעטער אין זומער — די עפּל און בארן, די אַלערליי פּלוימען, וואָס די שטעלכלעך און טישלעך, לענג־אויס דעם שאָסיי, האָבן זיך געבראָכן אונטער זיי.

זײַנע פאַרקרומטע אויגן האָבן, דאַכט זיך, געקוקט אַרויף צום הימל, אָבער האָבן געזען אַלץ, וואָס אויף דער ערד טוט זיך, אַפילו ווי דער זנוידאַק ציט פון אַ טישל אַ זעמל, אַ שטריצל, אַ בארנע, אַ טעווועלע שאָ־ קאָלאַד. ער האָט געוווּסט אַז ווי ער זאָל נישט וועלן, וואָלט ער דאָס נישט געקענט טאָן. זײַנע הענט זענען אויסגעקרומט מיט די עלנבויגנס צו די באַקעס און די הענטפּלאַכן — אַהינטער. דערפאַר אָבער, בעטן אַ נדבה, ווי דאָס טוען די דזשאַדעס, אויך פאַרקריפּלטע, וואָס זיצן מיט אויסגעשטרעקטע הענט אין די ראָוועס, דאָס קען ער יאָ. וועט ער נישט דאַרפן גנבענען, ווי דער זנוידאַק, און דאָך האָבן געלט זיך צו קויפן די אַלע גוטע זאַכן.

די ערשטע טעג האָט מען אים געשטערט אין דעם בעטלען, אויך נישט די מאַמע, זי האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף זײַן פאַרלוירן ווערן פון הויף אַראָפּ. דער זיידע וועלוול אָבער, וואָס איז געשטאַנען מיט זײַן דראָשקע אויף דער סטאָיִקע אין ראָג מאַרק, ער האָט אים גלײַך דערזען און שוין צוגעקומען צו איט מיט אַ דראָענדיקן פינגער איבער זײַנע קרומע אויגן:

— שוין זאָלסטו מיר גיין אַהיים! דײַן פּרצוף זאָל יעך דאָ נישט זען מער!

דער קוליאַס אָבער האָט זיך נישט דערשראָקן און זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט געלאַכט דעם זיידן אין פּנים אַרײַן מיט זײַנע קרומע אויגן, מיט זײַן פאַרדרייט אָפן מויל און בלאַנקענדיק ווײַסע ציין. דער זיידע האָט זיך געקורטשעט פון זײַן לאַכן, אָבער טאָן וועט ער אים גאָרנישט.

צ י ר ע ל ע

ער ווייסט, דער קאַליקע, קיינער, אויך נישט דער זיידע וועט נישט אונטערשטעלן זיך צו שלאָגן אים, אַ קריפּל!

גראָד דער טאַטע האָט אים נישט אַהיים געטריבן. ווי וויל אים איז נישט געווען ניחא דעם יינגלס בעטלען. פלעגט ער דאָך פרייַ און אָפן צוקומען צום קוליאַס, אים אויסדרייען דעם דאַשעק פון קאַשקעט, וואָס האָט רק זיך אים פאַררוקט א ויפן רעכטן אויער, פאַרקנעפּלען אים ס'העמדל, וואָס, צוליב זייַן קרום שאָרן מיט די פּיס אין צוויי באַזונדערע האַלבקרייזן, האָט עס זיך כסדר אויף אים אויפגעקנעפּלט. דאָס איז געווען אַ מין שטיל געבן זיין הסכמה. אַליין האָט ער נישט קיין כוח אויפצודעקן זייַן בראָך, וועט ער דאָס טאָן דורכן קוליאַס. זאָל אַ וועלט זען וואָס בייַ אים אין שטוב טוט זיך! צווייערליי קינדער! יענעם, דעם ממזר אירן, וויקלט צירעלע אין זייַד און אין סאַמעט, פּאַשעט אים מיט אַלעם גוטן, אָבער אים, דעם אומגליקלעכן קאַליקע, כאָטש אַ כשר קינד, לאָזט זי אים אויף הפקר, הונגעריק און פאַרוואָרלאָזט!

טאָמער האָבן נאָך שטאָטלייַט פריִער געמיינט. אַז דער קוליאַס איז צו אַלע זייַנע אומגליקן אויך אַן אידיאָט, אַ נאַר, האָבן זיי איצט איַינגעזען זייער טעות. יצחקל האָט זיך נישט אַרויסגעלאָזט אין מאַרק בעטלען גראָשנס הייַ געוועלבניקעס, בייַ פּויערים, אָדער אַפילו קאָפּיקעס בייַ וועלכן זעלנער. מיט זייַנע קרומע אויגן האָט ער נאָר אַרומגעזוכט וויכטיקע, אָנגעזעענע לייַט, וואָס גיבן שטענדיק אַ גרעסערע מטבע. ווי נאָר אַן אָפּיצער, אַ פּריציטע, אַ רייַכער פּריץ פון אַ פאָלוואַרק, דאָרט איז ער באַלד אויפגעוואַקסן מיט זייַן קרום, פאַרדרייט הענטל אויסגעשטעלט פאָרויס.

איין מאָל האָט ער דורך די קרומע אויגן־ווינקלען געזען אַז אַ אָפּיצער אַרויסגיין פון לייבל־עלים טוך־און זייד־געשעפט. גיך האָט ער גענומען שאָרן זייַנע ווייך־שלאָבעריקע פּיס אין האַלבקרייַזן אַהין, צום אָפּיצער. לויט יענעמס בלאָנדער, שיין צעפעכערטער באָרד, לויט זיינע בלישטשענדיק־זילבערנע שליפעס מיט שטערנדלעך, האָט דאָס קוליאַסל אָפּגעפּאַסט בייַ זיך, אַז דאָ האָט ער געפּאַקט אַ גרויסן העכט, אַ פאָלקאָווניק, אַ יעדנעראַל!

די ערשטע רעאַקציע בייַם דערזען די קאַליקע מיט דעם אויסגעשטרעקטן, צעקרומטן הענטל לעבן זיך, איז בייַ דעם אָפּיצער געווען אַן אינסטינקטיווער צאַפּל, אַ וועלן איַינשרומפּן און אָפּרוקן זיך פון דעם פאַרזעעניש. באַלד אָבער איז דאָס צאַפּל־געפּיל אָפּגעטרעטן און ס'איז אָנגעשטאַנען אין אים דער מענטשלעכער נייַגיר, באַגלייט פון רחמנות. מיט געצוווּנגענער רויִקייט האָט דער אָפּיצער זיך גענומען נענטער איינקוקן אין דעם פאַרקריפּלטן קינד. דערבייַ, פון געוווינהייט, האָבן די פינגער

זײַנע געזוכט אין שיין געפּאַסטן, זומערדיק ווײַסן מונדיר אַ מטבע פאַר דעם יינגל.

איידער דער אָפיצער איז געקומען צו זיך, האָט דערוויַיל דער מאַרק באַמערקט די אויסטערלישע סצענע. פון איין זײַט אַ רוסישער קניאַז, אַ הויכער מיליטערמאַן מיט אַ זײַדיק בלאָנדער באָרד, וואָס פון זײַן פּאַראַדנעם היטל, ביז די זילבערנע שפּאָרן פון זײַנע געפּוצטע שטיוועלעך, שמעקט פון אים מיט פּריצישקייט, מיט פּערפומ און טײַערע זייפן און, פון דער אַנדערער זײַט, כאַבע דע קאַלבעס קוליאַסל אין אַ פּאָר מײַטקעלעך מיטן העמד־עקל ווי אַ ווײַדעלע אין דרויסן, דערצו פאַרברודיקט פון זײַן היטל מיטן פאַרדרייטן דאַשעק, פון די ווײַס־גאַווערנדיקע מוילווינקלען, ביז די שוואַרץ פאַרבלאָטיקטע פינגער פון זײַנע צעקרומטע, באָרוועסע פיס.

אַזוי האָט בלויז דאָס אַרומשטייענדיקע קרענצל מענטשן געזען דעם קוליאַס. דער אָפיצער אָבער איז געווען פאַרבליפט פון דעם יינגלס שײַנקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעזען אין דער גאַנצער, העסלעכער צעקרומטקייט זײַנער. וואָס פאַר אַ הערלעך־בלויע אויגן אין דעם טונקל, ציגײַנעריש־פּנימל! וואָס פאַר אַ ווײַסע ציין עס ליכטן אַרויס פון דעם אָפענעם, צעקרומטן מויל. ער האָט ענדלעך געהאַט אַרויסגעגראַבלט אַ מטבע און זי געגעבן דעם יינגל אין אויסגעקרומטן הענטל אַרײַן.

ווי וויל דער קוליאַס האָט אויף דער מטבע קיין קוק נישט געטאָן, האָט ער דאָך, לויטן באַריר, געוווּסט, אַז דאָס איז אַ האַלבער רובל, אַ זילבערן האַלב קערבל. דער טאַטע זיינער דאַרף דרײַ מאָל זיך שלעפּן מיט דער דראָשקע צו דער באַן אָדער אין פעסטונג אַרײַן, איידער ער פאַרדינט אַ האַלבן רובל!

— ספּאַסיבאָ, (אַ דאַנק), — האָט ער, קוקנדיק מיט די אויגן־ווינקלען צום אָפיצער, אַרויסגעברומט דורך דעם צופרידן לאַכנדיקן, צעקרומט אָפענעם מויל.

— ווי הייסטו?

— איסאַק.

— לאַדנאָ (פײַן). און ווו וווינסטו?

איידער דער קאַליקע האָט באַוויזן נאָך אַ מאָל אויפצוהייבן דאָס קרומע הענטל צו ווײַזן ווו ער וווינט, האָבן דערווײַל די אַרומשטייער געגומען ענטפער, אויסמשלען. צו וואָס זאָל נעבעך די קאַליקע זיך מאַטערן? און פאַר וואָס זאָל אַ שררה מיט אַזאַ גאָלדן האַרץ דאָס אויסשטיין? זענען דאָך אָבער פּריצים צעפּיעשטשעט און זיי האָבן שטענ־

דיק מאָדנע משוגעתן. האָט דעו אָפּיצער בייז אַ געשריי געטאָן צו די ארומשטייער:

— זאָל קיינער זיך נישט אָנרופן! און צוריק מיט ווייכקייט אין קול זיך געווענדט צום קאַליקע: — וווּ וווינסטו?

— ט... ט... טאַם! האָט דער קאַליקע מיט גרויס אָנשטרענגונג אַרויסגעבריטט, ווייזנדיק מיטן הענטל אַרויף שטאָט, צו אַ הויף נאָך דער קאַנצעליאַר.

נישט אומזיסט האָט דער אָפּיצער אַזוי געדולדיק אויסגעפֿרעגט דעם קאַליקע און דערבײַ נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פֿון אים, נאָר געגני אָבסערווירט ווי אַזוי זײַנע אויגן שפּילן זיך אין די לעכער, ווי אַזוי ער באַוועגט מיט די ליפּן בײַם אויסרעדן אַ וואָרט, ווי אַזוי דער אָרעם זײַנער שטרענגט זיך אָן בײַם אויסשטרעקן זיך, די האַנטפּלאַך זאָל אים זײַן אַרויף, צו קענען נעמען, וואָס מ׳גיט אים.

— גו, לאַדנאַ, — האָט דער אָפּיצער אַרויסגעלייגט זײַן ווייס באַהענ־טשיקטע האַנט אויף דעם יינגלס אַקסעלע, גענומען דאָס צעקרומטע הענטל.
— קום, ווײַז מיר וווּ דו וווינסט!

דאָס קרענצל אַרומשטייער, שווייגנדיק־געפּלעפֿטע, האָבן גענומען נאָכ־גיין. קיין מאָל פֿריער איז נאָך אַזעלכעס נישט געשען. נישט נאָר וואַרפֿט זיך אַ פּריץ מיט האַלבע קערבלעך, נאָר ר׳איז נאָך אַ סבֿלן מיטצוגיין מיט דעם קאַליקע זען וווּ ער וווינט.

— אַ משוגענער גוי, — האָט אַ מאַרק־סוחר, מיט אַ שטרוי אין מויל, אַ זאָג געטאָן.

— פֿאַר וואָס אַ משוגענער? אפֿשר איז דאָס אליהו הנביא? האָט זיך אַרײַנגעמישט אַן אַנדער לײדיקגייער.

— וואָס בעבעט עץ דאָרטן? האָט מיט געבייזער זיך אַרײַנגעמישט דער הויכער מייער, אַ ייִד מיט אַ לאַנגער, ברוינלעכער באָרד. אַליין אַ מיליטער־שניידער, איז ער אויסגעקאָכט אין פֿעסטונג, קען אַלע אָפּיצערן, האָט ער גיך געטאָן אַ שניט אָפּ די סוחרימלעך מיט די שטרויעלעך אין די מײַלער. — דאָס איז דאָך פּאָלקאָווניק כאַזאַנאָף, דער סטאַרשי־וראַטש, (הויפּטדאָקטאָר) אין פֿעסטונג־שפּיטאָל. מסתמא זעט ער אַ הילף פֿאַר דעם קאַליקע.

— בין איך דאָך אוודאי גערעכט! — האָט דאָס סוחרל מיטן שטרויעלע אין מוילווינקל אַלץ נישט אָפּגעלאָזט. — וואָס איז מיר די נפֿקא־מינה צי אליהו הנביא פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ פּראָסט גויעצל אין מאַרק, צי ער קומט אין געשטאַלט פֿון אַן אָפּיציר, אַבי ער קומט!

— אמת, אמת, האָט זיך ווידער אַרײַנגעמישט דאָס אַנדערע סוחרל.

ב. דעמבלין

— דער קאַליקע דאַרף נעבעך אַ סיעתא־דשמיא, (אַ הילף פֿון הימל) קומט אליהו הנביא אין געשטאַלט פֿון סטאַרשי־וואַטש אין פֿעסטונג. דער עיקר ער זאָל אים נעמען אין שפּיטאָל אַריַין און אים מאַכן פֿאַר אַ שטיקל לייַט!

יד

געפֿאָרן קיין פּולאַוו איז צירעלע אַן אויפֿגעהייטערטע, מיט די ליב־טיקסטע האָפֿענונגען אין איר האַרץ. צוריקגעקומען איז זי אַ דערשלאָגע־נע, אַן אויסגעלאָשענע, מיט דער פֿינצטערקייט פֿון טיפֿע אָפּגרונטן פֿאַר אירע אויגן.

זי האָט געגעבן יוזשעקלען עסן, געלייגט אים שלאָפֿן, געגרייט וועט־שערע פֿאַרן קריפּל, פֿאַר כאַבע דע קאַלבע, אָבער דאָס גאַנצע טועכץ איז געווען שלאַבעריק, אָן כּוח, אָן ווילן. די אַפּאַטיע, וואָס איז נעכטן גע־האָט אָנגעשטאַנען אין איר, אין דעם האָטעל־צימער, אין פּולאַוו, איז שוין פֿון איר נישט אַוועק. זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שלאָפֿע, וואָס יעדער ביסל לעבן איז פֿון איר אויסגערונען. די הענט זענען געליימט, די פֿיס — אונטערגעהאַקט, דער קאָפּ טוט וויי, און די שלייפֿן האַקן: צו וואָס האָט ער איר געהייסן קומען קיין פּולאַוו? וואָלט זי כאָטש געזען, אַז ער האָט זי געגאַרט און איצט איז ער שוין מיד פֿון איר, וואָלט זי נאָך אפֿשר געהאַט כּוח זיך אָפּצושאָקלען פֿון אים און זיך צוריקשטעלן אויף די פֿיס. איז עס דאָך אָבער נישט אַזוי! זי זעט דאָך, אַז ער האָט זי יאָ ליב, שטאַרק ליב! אָבער וואָס קומט איר פֿון דעם אַרויס? וואָסער ליבע איז דאָס? זיַין אים אַ מעטרעסע! דערצו נאָך אַ פֿאַרבאָרגענע מעטרעסע, וואָס קיינער וועט נישט טאָרן וויסן פֿון איר! אפֿילו אַהיימברענגען זי אין זייער בריטשקע האָט ער מורא געהאַט, טאָמער דערוויסט מען זיך אין שלאָס, אַז ער האָט צו טאָן מיט איר, אַ פּראָסט מיידל, דערצו נאָך אַ „זשידוווקאַ", אַ יידישקע! און ער וויל נאָך דאָס אָנהאַלטן, זי באַזעצן אין אַ הויז, ווי אַ קאַנאַריקל אין אַ שטיַיג, און קומען זיך שפּילן מיט איר, ווען נאָר ס'וועט זיך אים גלוסטן.

שוין איבער זעקס יאָר אַז זי לעבט מיט אים. וואָס ווייסט זי וועגן אים? וועגן זיַין לעבן? זי ווייסט אַז ער מאָלט, האָט ער איר אַ מאָל גע־וויזן זיַינס אַ צייכענונג? און ער — וועגן איר? ווייסט ער עפּעס? קען ער זי? אַרן אים אירע חלומות? אירע האָפֿענונגען? און אַזוי אַרום וויל ער וויַיטער מיט איר לעבן? וועט זי דאָס קענען? און ווי לאַנג וועט דאָס אָנהאַלטן? אַזוי לאַנג ווי זי איז שיין און ער וועט גלוסטן צו איר, ניין! נישט צו איר! בלויז צו איר שיין לייַב! און דערנאָך? דערנאָך וועט ער זיך געפֿינען אַן אַנדער מעטרעסע, אַ יונגערע פֿון איר!

צירעלע

זי זיצט אויפֿן גאַניק. אַט איז שוין ווידער אַ טאָג אַוועק! אונטן שפּילן זיך קינדער, די זון שײַנט, דער הימל איז בלוי, נאָר איר געמיט איז פֿאַרפֿינצטערט. זי קוקט וולאַדושן שטאַר אין די אויגן, ווי נעכטן בײַ אים אויפֿן שוים. כאָטש זײַן איז ער איצט ווו? נישט זי ווייסט און נישט זי מעג אַפֿילו זיך דערנענטערן צום שלאָס דאָס אויסצוגעפֿינען. כאָטש וואָס נאָך האָט זי מיט אים אײַנצוטענהן? אַלץ איז איר שוין איצט קלאָר. אַ טיפֿער תהום, אַ פֿינצטערער אָפּגרונט איז צווישן זיי ביידן.

וואָס פֿאַר אַ טומל איז דאָרטן? זי האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צום הויפֿאײַנפֿאָר. עפּעס אַ וויכט אָנגעלויף טראָגט זיך אַהער. פֿאָרויס גייט אַן אָפּיצער מיט אַ בלאָנדער באָרד. אין זײַן ווײַס באַהענטשקטע האַנט פֿירט ער נאָך זיך דעם קוליאַס. דער אָפּיצער שטעלט אַ טראָט און וואַרט געדולדיק ביז דער קריפּל הייבט אויף דאָס רעכטע פיסל, טוט עם אַ שאַר אין אַ האַלבקרײַז פֿאָרויס, דערנאָך, אַז דער קוליאַס האָט מיטן לינקן פֿיסל געטאָן אַ ווייטערדיקן שאַר איבער דער ערד, שטעלט ער אַליין אַ ווײַטערדיקן טראָט און אַלץ אַזוי פּאַוואָליע, געדולדיק און הינטער זיי ציט נאָך אַ קרענצל ליידיקגייער און קינדער, וואָס צו יעדער צײַט זענען זיי אין מאַרק און בײַ יעדן אָנגעלויף זענען זיי די ערשטע אונטערצושטעלן אַן אויער, אַרײַנצושטעקן זייערע נעז.

אינסטינקטיוו איז זי אויפֿגעשפּרונגען פֿון בענקל. וואָס זאָל דאָס זײַן? וואָס האָט דאָס קוליאַסל דאָרטן אָפּגעטאָן? געקראָכן מיטן פֿאַרקרומטן הענטל צום אָפּיצער אין קעשענע? אַז ער בעטלט, ווייסט זי, אָבער וועגן דעם זאָל זיך כאַבע דע קאַלבע זאָרגן — זײַן זון, זאָל ער אים היטן! אָבער גנבֿענען? מיט יעדער רגע איז די געשפּאַנטקייט אין איר געשטיגן, ביז, ענדלעך, איז דאָס אָנגעלויף געקומען נאָענט און דער קוליאַס האָט מיט גרויס מי אויסגעשטרעקט דאָס פֿאַרקרומטע הענטל און געוויזן אַרויף, צום גאַניק, ווו זי איז געשטאַנען:

— זדיעם (דאָ).

— לאַדנאָ, (פֿיין), — האָט דער אָפּיצער פֿאַרהויבן דעם בליק און דערבײַ געגלעט דעם ייִנגלס אַקסעלע, אַ פֿאַרגיטיקונג פֿאַר דעם קאַליקעס אָנשטרענג. — און ווו איז דײַן מאַמע? האָט ער ווידער זיך אָנגעבויגן צום קריפּל. אין זײַן פּריציש אָפּיצערסקע קאָפּ האָט זיך עפּעס נישט פּאַטאָפּיעט, אַז די יונגע באַרישניע אויפֿן גאַניקל דאָרטן, אַזאַ שיינהייט, מיט צוויי בלאָנדע צעפּ ביז איר דין, מיידלש טאַליעלע, זאָל זײַן די מאַמע פון דעם ברודיק־פֿאַרוואָרלאָזטן ייִנגל.

— אָנאַ (זי), איז זײַן מאַמע, האָט דער קוליאַס מיטן פֿאַרלייגטן

ב. דעמבלין

קעפּל אויפֿן לינקל אַקסעלע, אַרויפֿגעלאַכט צום אַפּיציר מיט זײַן קרום, אָפֿן מויל און ווײַס בלאַנקענדיקע ציין.

דער אַפּיצער האָט געפֿינטלט מיט די אויגן. איינמאָל און נאָך אַ מאָל האָט ער געקוקט דאָ אויף דעם פֿאַרוואָרלאָזטן קריפּל און דאָ אַרויף צו דער יונגער שיינהייט, וואָס אין זײַנע אויגן איז זי נישט עלטער פֿון צוואָנציק יאָר. ער האָט אויך געכאַפּט אַ קוק אויף דעם הויף אַרום, אויף דער אויסגעשפּאַנטער דראָשקע, אויף דער האַלב אײַנגעפֿאַלענעם שטאַל. ווי האָט אַזאַ פּרעכטיקע רויז געקענט אויסוואַקסן אויף אַזאַ מיסטקאַסטן? ווי איז מעגלעך אַזאַ שיין, אויסגעאיידלט ווען אין מיטן פֿון אַזאַ ווילדער אָפּגעלאָזנקייט?

— זדראַסטווויטיע, (זײַט געגריסט), האָט ער ריטערלעך זיך פֿאַר־נייגט און ליבלעך אַרויפֿגעשמייכלט צו איר: — דאָס זענט איר זײַן מוטער?

צירעלע, אַ בלאַסע, אַ פֿאַרטרויערטע, האָט געקוקט אַראָפּ צום אַפּי־צער, צו דעם וויסטן אָנגעלויף. נישט איר געמיט איז איצט צו שפּילן די דאַמע, צוריק צו שמייכלען צו אַזאַ וויכטיקער פּערזאָן און נאָך ווי־ניקער איז איר צום האַרץ דאָס אָנערקענען זיך אַלס מאַמע פֿון דעם קוליאַס:

— דאַ, — יאָ, האָט זי, נאָך אַ ווײַל שווײַגן, דאָך אַ נייג געטאָן דעם קאָפּ.

— דערלויבט מיר צו אײַך אַרויפֿצוקומען.

— פּאָזשאַלויסטאַ, (ביטע זייער), — האָט זי, דאַמען־מעסיק, אויס־געשטרעקט איר שיין, גוט אָפּגעהיט הענטל און אים געוויזן צום גע־לענדער מיט טרעפּ.

— אידי (גיי), האָט דער אַפּיצער פֿריִער געשיקט דעם קאַליקע און אַליין איז ער געשטאַנען און זייער פּאַראינטערעסירט נאָכגעפֿאָלגט דאָס קינד מיט זײַנע אויגן, צו זען גענוי ווי אַזוי די קאַליקע פֿאַרהייבט די אויסגעקרומטע פֿיסלעך און טראָגט דאָס פֿאַרקריפּלטע גופֿל פֿון איין טרעפּ אויף דער אַנדערער, ביז, ענדלעך, ער האָט געגרייכט דאָס גאַ־ניקל, וווּ די מוטער זײַנע שטייט. ערשט איצט איז ער אַליין אַרויפֿגע־גאַנגען.

מער נאָך ווי אונטן איז דער אַפּיצער געבליבן אַ געפּלעפֿטער בײַם אַרײַנקומען אין שטוב. וואָס פֿאַר אַ פֿאָלק די יידן זענען! דרויסן טרעט מען אויף פּערדנמיסט, הינער דאָסן דיר אויף די שטיוול, און דאָ, אין שטוב, אַזאַ זויבערדיק לופֿטיקע ריינקייט! די פּאָדלאָגע, רויט פּוטערירט, בלאַנקט ווי אַ שפּיגל. און וואָסער מעבל דאָ שטייט! די קליידערשאַנק,

צירעלע

דער קרעדענץ, די הויכע קעפּשטיק פֿון די בעטן, די אָנלענען פֿון די זעקס שטולן ארום טיש, אַלע זענען זיי פֿון איין טאָקערהאַנט געטאָקט און געצירט מיט ליבנקעפּ און גאַלקעס און פֿייגל. ערשט דאָס טישטעך אויפֿן טיש! מ׳דאַרף האָבן אַ גוטן געשמאַק אויסצושטריקן אַ טישטעך מיט אַזאַ צונויפֿשפּיל פֿון פֿארבן, מיט אַזאַ הערלעך אויסגעשטריקטן קאָרב מיט בלומען אין מיטן! ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו צי־רעלען:

— דאָס טישטעך איז אַ קונסטשטיק!

— אַ דאַנק, — האָט צירעלע שמייכלענדיק אַ שאָקל געטאָן צו אים מיט איר קאָפּ. — אַליין דאָס אויסגעשטריקט. דערבײַ האָט זי אַרויסגערוקט פֿאַר אים די אויבנאָנדיקע פֿאָטערשטול: — ביטע, זיצט.

— ספּאַסיבאָ, (אַ דאַנק), האָט ער זיך פֿארנייגט פֿאַר איר און אַרויסגערוקט פֿאַר איר די שטול דערנעבן.

איצט ערשט האָט ער אויסגעטאָן דאָס היטל, אַראָפּגעצויגן די ווײַסע הענטשקעס פֿון די הענט און זיך געזעצט לעבן איר.

דורך דער צײַט האָט צירעלע אים, פּונקט ווי פֿריִער ער — זי, אָפּ־געמאָסטן פֿון קאָפּ ביז זײַנע געפּוצטע, ליאַקירטע שטיוועלעך אויף די פּיס. אין גערדאַנק האָט זי אַראָפּגענומען אים די באָרד פֿון זײַן פּנים און געזען פֿאַר זיך אַ יונגן, שלאַנקן מאַן קוים אַריבער די דרײַסיק. אָבער וואָס וויל ער דאָ? נאָך וואָס איז ער אַהערגעקומען?

— איר זענט אַזאַ יונגינקע, אַזאַ קראַסאַוויצע...

— אַ דאַנק, האָט זי אים גיך איבערגעריסן דאָס קאָמפּלימענטירן זי, — איך בין נישט מער אַזוי יונג, איך בין שוין געוואָרן צוויי און צוואָנציק יאָר!

ער האָט געשמייכלט:

— צוויי און צוואָנציק יאָר איז בײַ אײַך נישט יונג? בין איך דאָך שוין אַ „סטאַריק” (אַן אַלטיטשקער), איך ווער שוין באַלד פֿינף און דרײַסיק! — ער האָט אַרויסגענומען אַ גאָלדענע פּאַפּיראָסן־פּושקע, אַרײַנ־געזעצט אַ ציגאַרעט אין אַ בורשטינענעם ציגאַרנשפּיץ און זיך געווענדט צו איר: — מעג איך פֿאַררייכערן?

— ביטע זייער, האָט זי העפֿלעך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

ער האָט פֿאַררייכערט, געבלאָזן קרײַזן רויך דורך דער נאָז, דערבײַ האָט ער איר געגלעט די האַנט, וואָס זי האָט געהאַלטן לעבן זיך אויפֿן טיש:

— מילינקיע רוטשקי, (אָנגענעמע הענטלעך) בײַ אײַך, אַזעלכע ווײַ־סינקע.

ב. דעמבלין

נישט ווילנדיק האָט זי ווידער געמוזט שמייכלען און ווידער אים דאַנקען, כאָטש געפֿילט האָט זי גאָר אײַנצושרומפּן, צו אַנטלויפֿן פֿון זײַן דורכדרינגענדיקן בליק. ווי העסלעך ער קוקט אויף איר! זײַן בליק ציט פֿון איר אַראָפּ יעדער פּיצל אָנטועכץ. זי זעט ווי זײַנע אויגן עסן תּאווהדיק אירע בריסט, איר גאַנצן גוף. וואָס וויל ער? נאָך וואָס איז ער דאָ געקומען?

פּאָלקאָווניק כאַזאַנאָוו האָט דערפֿילט איר קורטשען זיך, האָט ער גיך אָפּגעווענדט זײַן בליק פֿון איר און אים אריבערגעפֿירט צום קאָליקע, וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען מיט אַן אָפֿן, לאַכעדיק מויל אויף דער שוועל, ס'צעקרומטע פּליצקעלע אָנגעשפּאַרט אָן דער טירראַם און נישט אַראָפּגענומען פֿון זיי די אויגן זײַנע, די בלוי־שפּיגלדיקע, וואָס געקוקט האָבן זיי גאָר אַרויף, צום סופֿית.

— איר זענט אַזאַ יונגינקע, האָט ער איר ווידער געמאַכט אַ קאָמפּלימענט און דערבײַ געטאָן אַ צי אין ציגאַרנשפּיץ, — אַזאַ יונגינקע און איר האָט שוין אַזאַ גרויס יינגל.

— איך האָב נאָך אַ יינגעלע, האָט זי אַ זאָג געטאָן בכּיוונדיק, כּדי, דורך איר פֿולער מוטערלעכקייט, אָפּצוטעמפּן זײַן דורכדרינגען זי, זײַן קוקן אויף איר אַזוי פֿרעך, דערבײַ האָט זי געקוקט אַרום זיך מיט באַדויער, וואָס יוזשעקל איז נישטאָ און זי קען זיך נישט אַרויסשטעלן מיט אים, ווײַזן אַז איר קינד איז אייגנטלעך דאָס בלאָנדע, שיינע יינגעלע, נישט דער העסלעכער קריפּל.

— ווי אַלט איז ער? האָט דער אָפֿיצער געוויזן מיט ציגאַרנשפּיץ אויפֿן קאָליקע, ווי ער וואָלט איר געלאָזט וויסן, אַז ער איז נישט פֿאַראינטערעסירט אין אַנדערע קינדער.

— שוין באַלד זעקס יאָר, — און גלײַך האָט זי צוגעגעבן: — בײַ זײַן געבורט בין איך נאָך קיין גאַנצע זיבעצן יאָר נישט געווען.

— ער איז אַזוי געבוירן געוואָרן? אָדער עפּעס איז מיט אים שפּעטער געשען?

צירעלע האָט געשוויגן. ווער איז דער מענטש? און וואָס גייט דאָס אָן אים אָן? זי האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין חשק זיך אַרײַנצולאָזן מיט עמעצן אין שמועסן וועגן דעם קוליאַס און נאָך ווייניקער וויל זי דאָס איצט, ווען זי ווייסט נישט וואָס מיט איר טוט זיך, ווען איר איז אַזוי פֿינצטער ס'געמיט, אַזוי פּאַראַליזירט דער ווילן. דערצו נאָך גיי, רעד מיט עפּעס אַן אָפֿיצער וועגן דײַנע אינטימע אומגליקן!

פּאָלקאָווניק כאַזאַנאָוו האָט געררייכערט און נישט אַראָפּגענומען קיין

צירעלע

אויג פֿון איר. לויט דעם שווײַגן, איר אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ, האָט ער פֿאַרשטאַנען וואָס זי טראַכט:

— איר דאַרפֿט זיך נישט זשענירן, האָט ער זי באַרויִקט, גלעטנדיק איר הענטל, — איך בין אַ דאָקטאָר, סטאַרשי־וראַטש אין פֿעסטונג־שפּיטאָל.

— איך בין שוין געווען מיט אים בײַ אַ סך דאָקטוירים, אַפֿילו אין וואַרשע, האָט צירעלע געזוכט גיך צו מאַכן צו נישט דעם אָפּיצערס גוטסקייט, זײַן וועלן איר העלפֿן דאָ, בעת אַ הילף דאַרף זי גאָר ערגעץ אַנדערש.

— דאָס איז גאָרנישט! האָט דער דאָקטאָר אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט איר אומווילן. יענע דאָקטוירים האָבן אים געזען, ווען ער איז געווען אַ קלײנינקער. איך זע איצט אַז מ'קען דעם ייִנגל העלפֿן, אים פֿאַרלײַכטערן דאָס גיין און אפֿשר אויך אויסגלײַכן אים אַ ביסל דעם קאָפּ, דערבײַ האָט ער איר כּסדר געגלעט דאָס הענטל, דאָס מאָל כּלומרשט פֿאָטערלעך, זי זאָל נישט זײַן אַזוי אײַנגעשפּאַרט, זי זאָל לאָזן פֿאַרלײַכטערן דאָס אומגליק, אירס און דעם ייִנגלס. — קומט מיט אים צו מיר מאָרגן אין דער פֿרי, אַכט אַ זייגער, נישט אין שפּיטאָל, נאָר צו מיר אַהיים. אָט איז מײַן אַדרעס, האָט ער איר דערלאַנגט אַ וויזיט־קאַרטל, — קומט אײדער איך פֿאָר אין שפּיטאָל אַרײַן, האָט ער נאָך אַלץ אַזוי לאַשטשענדיק געגלעט איר הענטל: — מילינקיע רוטשקי! און איר געקוקט אין די אויגן מיט אַזאַ באַגערנדיקן בליק...

בעת דער שמועס צווישן צירעלען מיטן אָפּיצער איז אָנגעגאַנגען אויבן, איז דערווײַל דער אָנגעלויף געשטיגן אונטן און דאָס גערעדערײַ און געטומל האָט אויפֿגעוועקט כאַבע דע קאַלבען פֿון זײַן געשנאָרך אויפֿן היי־בוידעם, וווּ ער איז איצט, ווי יעדן מיטן טאָג, געשלאָפֿן נאָך זײַן נאַכטיקן אַרומפֿאָרן מיט דער דראָשקע זוכן אַ גילדן פּרנסה. אַ האַלב פֿאַרשלאָפֿענער האָט ער אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פֿון באַרג היי, געקוקט אַרום זיך, אין דעם האַלב טונקעלן בוידעם, וווּ די אַרײַנגעפֿאַלענע זונשטראַלן האָבן זיך געקרייצט ווי פֿײַערשפּיזן, איבערגעהאַקט איינע די אַנדערע און זשומענדיקע פֿליגן האָבן פֿריידיק געהאַוועט אין זייער ביסל ליכטיקייט.

אַ קורצע ווײַל איז ער אַזוי געלעגן מיטן קאָפּ אונטערגעהויבן און געהאָרכט מיט די וואָך אָנגעשטעלטע אויערן ווי אַן איבערגעשראָקן בעל־חי. וואָס טוט זיך אונטן? פֿון וואַנען אַזאַ געדיכט גערעדערײַ? ער איז געטאָן אַ שפּרונג אויף און מיט איין צי זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון בוידעם. אין דער אָפֿענער שטאַלטיר איז ער געבליבן שטיין מיט דער

ב. דעמבלין

האנט ווי א דעכעלע איבער די אויגן. ער האט געזשמורעט אין בלענ־דיקן דרויסן ארויס, צו דעם קרענצל מענטשן ארום: וואס איז אזא אנגעלויף? און וואס האלטן אלע אזוי אנגעשפיצט זייערע אויערן ארויף, צו זיינע אפענע פענצטער?

— וואס שטייסטו ווי א בהמה? כאבע דע קאלבע! האט אים א דראשקאר געטאן א קיצל מיטן עק פון בייטשל. — גיי נאר זע, וואס ביי דיר אין שטוב טוט זיך!

— יא, יא, כאבע דע קאלבע, האט א שכנה פאטאקעוועט דעם דראשקארזשס רייד. — אליהו הנביא איז געקומען צו דיר, גיי ארויף ׳עסטו זען.

כאבע דע קאלבע האט געקערעוועט די שווארצע אויגן זיינע פון איי־נעם צום אנדערן ווי ער וואלט געווען מבולבל. וואס רעדן זיי? דערביי האט ער זיך געשיבערט, געקראצט זיך אונטערן קאשקעט: יא ארויפגיין? צי נישט ארויפגיין? ווי ווייל דער שווער האט אים אפגעשריבן דאס שטיבל ווי זיין נדן, גייט ער דאך נישט ארויף אהער, ווי עס גייען מענטשן צו זיך אין שטוב אריין. וויפל ער זאל זיך נישט בארשטן, אראפקלייבן יעדער הייעלע פון שפענצער, פון היטל, רייניקן און רייבן די זוילן פון די שטיוול אן כאדניקל ביי דער טיר, שרייט אלץ צירעלע, אז ער טראגט איר אן ס׳מיסט פון שטאל אין שטוב אריין. ווידער נישט ארויפגיין? איז דאך אים א בושה פאר די ארומשטייענדיקע מענטשן. איין גאט ווייסט ווי ער היט, ווי ער באהאלט זיין חרפה, דאס אומגליק זיינס פון פרעמדע אויגן, מענטשן זאלן נישט וויסן וואס ביי אים טוט זיך.

ער האט איינגעצוינן דעם פאסעק ארום גארטל, א מין צוגעבן זיך קוראזש צו דעם וואס ער גייט דא טאן, אפגעשארט פון זיך דעם שטויב און פאוואליע, מיט צעגער אין זיינע טריט, גענומען ארויפגיין דעם גע־לענדער טרעפ אין שטוב אריין. אויף דער שוועל איז ער געבליבן שטיין לעבן קוליאסל פול מיט הכנעה, די שטענדיקע און איצט נאך גרעסערע הכנעה, צוליב דעם אפיצער, וואס ער האט דערזען זיצן ביים טיש, לעבן צירעלען.

אין ערשטן בליק, ביים דערזען דעם פארשוין, האט פאלקאווניק כא־זאנאוו געמיינט, אז א בעטלער האט זיך געשטעלטווארטן אויף א נדבה. באלד אבער האט זיין דורכדרינגענדיק אויג געכאפט די ענלעכקייט צווישן די צוויי, דעם טונקלהויטיקן מאן מיט דעם צעקריפלטן יינגל:

— וואש מוזש? (אייער מאן?) האט ער שטיל, מיט שטוינונג אין קול, געפרעגט צירעלען.

צירעלע האט נישט געענטפערט. פון איין זייט — בושה. אזא מנוול פאר א מאן. פון דער אנדערער זייט דאס נישט וועלן וועקן אין דעם

צ י ר ע ל ע

אָפּיצער פֿאַלשע האָפֿענונגען. אַ ווײַבעלע. וואָס האָט אַזאַ מאַן וועט געוויס קומען צו אים אַהיים ווערן זײַן מעטרעסע...

פֿאָלקאָווניק כאַזאַנאָוו האָט גיך אוועקגענומען זײַן האַנט פֿון צירעלעס הענטל. עפּעס האָט ער ווי פֿאַרלוירן ס׳לשון. די גאַנצע שפּילעוודיקייט זײַנע, דאָס אויפֿגעהײַטערטקייט פֿון דעם אומגעריכטן פלירטעווען מיט אַזאַ שיין, יונג דאַמעלע, איז עפּעס מיט איין מאָל פֿון אים אויסגערונען. אַ נערוועזער האָט ער געפּויקט מיטן פֿינגער אין טיש און זײַטיקלעך געפֿירט דעם בליק פֿון צירעלען אויף דעם מאַן צו דער טיר און באַלד צוריק. ווער, צום טײַוול, האָט דאָס צונויפֿגעפֿירט אַזאַ יונגע שיינהייט מיט אָט דעם העסלעכן פֿאַרשוין?

ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון טיש, אָנגעטאָן ס׳היטל, גענומען די הענטשקעס אין דער לינקער האַנט און די רעכטע אויסגעשטרעקט צו צירעלען:

— דאָסווידאַניאַ וואָס, (צום ווידערזען אײַך).

צירעלע איז אויך אויפֿגעשטאַנען, אים דערלאַנגט איר הענטל שווײַגנדיק, מיט ווידערווילן.

— נו, זעען מיר זיך מאָרגן? — האָט ער סײַ געזאָגט, סײַ געפֿרעגט זי און גלײַך זיך געווענדט צו כאַבע דע קאַלבען בײַ דער טיר: — איך דאַרף אַ איזוואָשטשיק (דראָשקאַר) אין פֿעסטונג אַרײַן. קענט איר מיר קריגן?

— איך בין אַן איזוואָשטשיק, האָט כאַבע דע קאַלבע זיך פֿאַרנייגט פֿאַר אים.

— דאָס איז אויסגעצייכנט, האָט ער צופֿרידן אַ זאָג געטאָן און דערבײַ געגלעט דעם קריפּל איבערן בעקל, — קען מ׳שוין פֿאָרן?

— איין מינוטקעלע, אָט לויף איך שוין איינשפּאַנען, האָט כאַבע דע קאַלבע מיט הכנעה געשמייכלט און גלײַך זיך פֿאַרנומען אַראָפּ די טרעפּ.

ערשט איצט האָט דער אָפּיצער זיך אויף ס׳נײַ אויסגעדרייט צו צירעלען, ווידער מיט איר אַ פֿלירטעווע טאָן:

— איר רעדט אויסגעצייכנט רוסיש.

— אַ דאַנק, האָט זי טרויעריק געשמייכלט, — איך בין געגאַנגען אין שול, דערבײַ האָט זי געטראַכט: הלוואי וואָלט די מאַמעשי זי נישט געווען געשיקט אין דער שקאָלע. זי, וואָלט נישט געווען גאַנצע טעג מיט וואָלאָדושן און אפֿשר צו איר גאַנץ אומגליק נישט געווען געקומען.

זי האָט אַרויסבאַגלייט דעם אָפּיצער אויפֿן באַלקאָן. ער מיטן קוליאַס זענען אַראָפּ אונטן און זי איז געבליבן שטיין אויפֿן גאַניק.

כאַבע דע קאַלבע איז צוגעפֿאָרן מיט דער דראָשקע, דער אָפּיצער איז אײַנגעזעסן און געהאָלפֿן דעם קוליאַס אַרויפֿקריכן און זיך זעצן לעבן אים. די דראָשקע האָט גערירט. דער אָפּיצער האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים מיט

ב. דעמבלין

דער בלאַנדער זײַדענער באָרד צו איר, צוגעלייגט די ווײַס באהענטשיקטע האנט צום שווארץ ליאַקירענעם דאשיקל:

— דאַסווידאַניאַ! אויף ווידערזען, מאָרגן אכט אין דער פרי!

כאַבע דע קאַלבע האָט געטאָן אַ פּאָך מיט דער בײַטש: — וויאָ! דאָס פערד האָט גענומען האָצקען, איז אַרויס פון הויף און דאָס קרענצל מענטשן איז מיטגעגאַנגען, ווי אַ לוויה נאָך אַן אָרון.

ערשט איצט, אַז דאָס אַנגעלויף איז אוועק און די שטענדיקע שטיל־קייט האָט צוריק אַנגעהויערט, האָט גענומען אויפגיין אין איר אַ טיפע באַליידיקונג, אַ ביטערע דערנידערונג, וואָס איז שוין סײַ ווי געווען אין איר נאָך נעכטן, אין דעם האָטעל־צימער מיט וואָלאָדושן, און איצט איז זי, די באַליידיקונג, העכער נאָך געשטיגן אין איר. איז דאָס איר גורל? צו זײַן אַ מעטרעסע? וואָלאָדוש וויל זי פאַר אַ מעטרעסע און אָט איז געקו־מען אַן אָפיצער היילן דעם קוליאַס, זי געזען ס׳ערשטע מאָל, וויל ער זי שוין אויך פאַר אַ מעטרעסע! האָט די חוצפה צו הייסן זי קומען צו זיך אַהיים, כאָטש ס׳איז דאָך קלאָר: אויב ער איז בלויז פאַראינטערעסירט אין היילן ס׳קאַליקעלע, דאַרף זי דאָך מיט אים קומען אין שפּיטאָל אַרײַן.

די טרערן זענען איר גערונען איבערן פּנים, אַרײַן אין האַלדז: „מי־לינקיע רוטשקי״, אַנגענעמע הענטלעך, זאָגט ער איר, האָט זי. האָט אויך דער אָפיצער, פּונקט ווי וואָלאָדוש, פאַרפעלט צו זען דעם מענטש אין איר? איז דאָס איר גורל? קען טאַקע קיין מאַן גאָרנישט זען אין איר אויסער די פרוי? נאָר איר לײַב? זי האָט אײַנגעגראָבן ס׳געזיכט אין די אָרעמס, אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן צוים פון גאַניק: „מאַמע, מאַמע״ — האָט זי גע־קלאָגט אין זיך אַרײַן. — צו דעם האָסטו זיך געשפּיגלט אין מיר? מיך גע־צערטלט? געשיקט מיך אין דער פּוילישער שקאָלע? כ׳זאָל ווערן אויסגע־איידלט, אַ פּאַניענקע! אַלץ צוליב וואָס? כּדי צירעלע, דײַן אויג אין קאָפּ, זאָל נישט בלײַבן פאַרגרעבט, זאָל קענען קומען צווישן מענטשן, זאָלסט קענען מיט איר טאָן אַ לײַטישן שידוך. איז דאָס דער סוף?״

— מאַמושאַ! מאַמושאַ! האָט יוזשעקל, אַן אָפּגעיאָגטער, אַ פאַרשוויצ־טער זי געריסן, געוועקט זי, — מאַמושאַ. איך וויל עסן!

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געקוקט אויף דער יינגעלע דורך די פאַרוויינטע אויגן: — אָרעם קינד מײַנס, האָט זי אים געדריקט צו זיך, — וואָס וועט פון דיר ווערן? כאַבע דע קאַלבע ווייסט, אַז דו ביזט נישט זײַ־נער און וואָלאָדוש, דער טאַטוש דײַנער, וואַרפט זיך אָפּ פון דיר. קינד מײַנס, צו וואָס האָב איך דיך געבראַנגט אויף דער וועלט?

— מאַמושאַ, האָט דאָס קינד, דערשראָקן, איר געקוקט אין די אויגן: די מאַמושאַ וויינט?

צ י ר ע ל ע

זי איז אויפגעשטאנען פון שטול, אריין אין שטוב, געגעבן דעם קינד א פענעץ ברויט מיט פוטער, א בארנדל און אים ארויסגעשיקט צוריק אויפן הויף, זיך שפילן מיט די קינדער, אליין האט זי זיך צוריקגעזעצט אין דער שטול, אויפן גאניקל שטאר און שטום. זי איז איצט געווען אויסגע־הוילט פון יעדן באגער, פון מינדסטן לעבנס־ווילן. פוסט האט זי געגלאצט אריבערן צוים, צום שלאס מיט די צוויי הויכע טורעמס אין זיינע בײדע זייטן, צום וועלדל, וואס אין בלענדעניש פון דער זון איז עס בלוי, ווי אירע חלומות זענען געווען בלוי. זי האט געקוקט אריבערן צוים, צו דער לאנקע, וואס אירע גראזן זענען טיפע, ווייכע און לאקנדיקע. דארט, אין יענע גראזן, ליגט איר לעבן. אהין, אריבער דעם צוים, האט זי עס אוועק־געטראגן, דאס לעבן אירס, צוריק וועט זי עס שוין נישט קענען ברענגען!

אבער און ווידער האט זיך איר בליק אנגעהעפט אן דער סאזשלקע, וואס אירע וואסערן בלאנקען ארויס פון ארומיקן לאנקע־גרין, ווי צעגא־סענער זילבער, ווי א לענגלעכדיק, גרויס, ווינקנדיק אויג. פאר וואס האט וולאדוש זי שטענדיק געווארנט קעגן דער סאזשלקע? שטענדיק האט ער זי דערמאנט אז מען טאר נישט צוגיין נאנט צו אירע ברעגעס, ווייל זיי זע־נען ווייך און זומפיק טיף. אז מ׳שטעלט דארט אריין א פוס, וועט מען אים שוין נישט ארויסציען, דער אנדערער וועט זינקען נאך טיפער! האט ער שוין דענצמאל געפילט, אז די סאזשלקע קען האבן א שייכות צו זייער ליבע? קענען מענטשן פריער אנען, וואס שפעטער וועט זיין?

ס׳איז געווארן טונקל. א וואלקן האט זיך גערוקט אויף דער זון. זיין שאטן, א שווארצער, א געדיכטער איז געקראכן אויף איר, געקראכן, גע־קראכן און זי פארשלונגען.

ט ן

כאבע דע קאלבע איז היינט געקומען באגין פון דער נאכטיקער סטאיקע. די האפנונג, וואס דער פאלקאווניק כאזאנאוו האט נעכטן אין אים אנגע־צונדן, האט אין אים א גאנצע נאכט געברויזט, געטריבן אין אים דעם אומרו. אפשר דאך? פריער גאט, דערנאך ער, דער דאקטאר, וועט יצחקל האבן א רפואה שלימה!

ער האט געלאזט דאס פערד געשפאנט אין דער בריטשקע און אליין איז ער ארויפגעקומען אין שטוב. קודם האט ער אפגעלייגט טלית און תפילין, צוגעשטעלט א ביסל הירזש אין דער מילך אויף אנבייסן. דערנאך האט ער ארומגעוואשן דעם קאליקע, אים אנגעטאן, געגעבן אים אפצועסן, אלץ הייסט עס צוגעגרייט צו נעמען אים מיט צירעלען צום דאקטאר, אין פעסטונג אריין. צירעלע אבער איז נישט אויפגעשטאנען. זי איז געלעגן

ב. דעמבלין

אין בעט, מיטן פּנים צו דער וואַנט, געטוליעט צו זיך יוזשעקלען, דאָס ממזרל אירס, און זיך אַפילו נישט אומגעקוקט, גלײַך ער וואָלט גאָר אין שטוב נישט געווען. אומרויִק האָט ער אַלע ווייל געכאַפּט אַ קוק אויפֿן ציי־בעלע־זייגער, פֿון וועסטל־קעשענע אַרויס, און געוואַרט, געזעסן אויפֿן שפּיץ טאַבורעט ווי אויף שפּילקעס, דער קוליאַס לעבן אים, און געוואַרט. ענדלעך האָט ער געוואָגט אַ ברום צו טאָן אין דער שטיל:

— ס'ווערט דאָך שפּעט!

— פֿאָר אַליין מיט אים, — האָט זי שטיל און אַפּאַטיש געזאָגט, כאָטש גערעדט האָט זי גאָר אין דער וואַנט אַרײַן.

— דער פֿאַלקאָווניק האָט דאָך אָבער געהייסן דיר קומען.

צירעלע האָט נישט געענטפֿערט. אַ הילפֿלאָזער האָט ער אַ רגע נאָך געקוקט צום בעט, געטאָן אַ הייב מיט די אַקסלען און געזאָגט צום קאַליקע:

— קום!

צוריק אַהיימגעקומען מיטן יִנגל איז ער שפּעט נאָך ווארעמעס. כאָטש הונגעריק און שלעפֿעריק נאָך אַ גאַנצע נאַכט זיך אַרומשלעפּן מיט פֿערד און וועגעלע, איז ער דאָך געווען אין אַ גוטער שטימונג. דער פֿאַלקאָווניק כאַזאַנאָוו איז גאָרנישט קיין דאָקטאָר נאָר אַ מלאך פֿון הימל, צוגעשיקט פֿון גאָט ברוך־הוא אַליין! ווי דער דאָקטאָר איז נישט געווען בייז, וואָס צירעלע איז נישט געקומען, האָט ער אים דאָך באַלד אַרײַנגעלאָזט צו זיך אין קאַבינעט. וואָס רעדט ער אַ קאַבינעט? ער געדענקט שוין גאָרנישט דורך וויפֿל סאַליעס דער דענשטשיק (זעלנערישער באַדינער) האָט אים דורכגעפֿירט. ערשט נאָך דעם האָט דער פֿאַלקאָווניק זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן קאַטש און ער מיטן קוליאַס זענען אים נאָכגעפֿאָרן אין דער דראָשקע אין שפּיטאָל אַרײַן. דאָרטן האָבן זיי דעם קוליאַס אויסגעטאָן ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, אים אָוועקגעלייגט אויפֿן שפּיטאָלטיש און אַ קאָנסוליע פֿון אפֿשר צען דאָקטוירים האָבן זיך אַרומגעשטעלט אין זייערע ווייסע כאַ־לאַטן באַטראַכטן דאָס יִנגל. וואָס האָבן זיי דאָרטן נישט מיט אים צעטאָן? אים געבויגן, געמאָסטן, געפּרוּווט אים אויסדרייען די הענטלעך, די פֿיס־לעך. אָבער ווו איז צירעלע?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין שטוב. זי פֿירט זיך טאַקע נישט אויף ווי ס'דאַרף צו זײַן, אָבער אַ מאַמע צום יִנגל איז זי דאָך, מעג זי דאָך כאָטש וויסן וואָס דאָקטאָר כאַזאַנאָוו זאָגט! אָבער ווו קען זי זײַן? די בעטן זענען פֿאַרבעט, די שטוב איז צוגערוימט, בלויז אויפֿן טיש שטייט אַ נישט־אויסגעוואַשן גלאָז מיט אַ ביסל נישט־אויסגעטרונקענע מילך. מסתּמא האָט דאָס קליינע כּפּרהלע דאָס אָוועקגעשטעלט און געלאָפֿן זיך שפּילן מיט די קינדער ערגעץ ווו הינטערן הויז. אויפֿן קראַנקן יצחקל קוקט זי זיך נישט אום, אָבער איר ממזרל גיט זי פֿון אַלעם גוטן!

צירעלע

ער האָט געלאָזט דעם קאַליקע אין שטוב און אַליין איז ער אַראָפּ אויפֿן הויף, אפֿשר וועט ער עפּעס דערגיין בײַ איר יינגעלע, אויב נאָר זי האָט אים נישט גענומען מיט זיך.

געפֿונען האָט ער דעם קליינעם אין שטאַל, אַן אויסגעגראָבטן אין פֿערדנמיסט. דאָס געקרויזטע, בלאָנדע קעפּל איז געווען פֿול מיט שטרויע־לעך און הייעלעך. צירעלע וואָלט אים איצט באַדאַרפֿט זען. זי לאָזט דאָך אים נישט אַרײַנשמעקן אין שטאַל. איצט אָבער איז דער קליינער דאָ גע־ווען פֿרײַ און אויסגעהזירט ווי אַ קיסר! ער איז אים אַקעגנגעלאָפֿן מיט אַן איי, וואָס ער האָט דאָ ערגעץ אין אַ ווינקל דערביוועט:

— זע וואָס איך האָב געפֿונען, האָט ער אים אַקעגנגעשריגן אויף פּויליש און פֿריידיק אים אונטערגעטראָגן דאָס הענטעלע מיטן איי.

קודם האָט כאַבע דע קאַלבע צוגענומען בײַ אים דאָס איי, זאָל ער עס דערווײַל נישט צעברעכן. ערשט איצט האָט ער אים גענומען אויס־פֿרעגן אויף ייִדיש:

— ווו איז די מאַמושאַ?

— ניעוויעם, (כ׳וויים נישט) האָט דאָס קינד געהויבן די אַקסעלעך און שוין אַוועקגעלאָפֿן אין פֿעלד אַרײַן, הינטערן הויז, זיך שפּילן מיט די קינדער.

שלעפֿעריק איז כאַבע דע קאַלבע געווען, הונגעריק — אויך, און אַזוי אויך דאָס פֿערד און, להבֿדיל, די קאַליקע. וואָס זשע וועט ער זיך אַרומ־דרייען? אַ נאָווינע בײַ צירעלען אַוועקצוגיין פֿון שטוב אויף גאַנצע טעג? נישקשה, ס׳חפֿיץ וועט זיך ווידער אָפּזוכן. מסתּמא איז זי אַוועק אין דער, ווי רופֿט זי דאָס, „בליאָטעיק” טוישן אַ ביכל. אַז נאָר זי לעזט די בי־כער! ער וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסן וואָס אין די ביכער שטייט? טייל מאָל, אַז זי איז נישטאָ אין שטוב, קוקט ער אַרײַן אין אַזאַ ביכל. איז עס אָבער גוייִשע אותיות, פּויליש, צי גאָר רוסיש, קוקט ער אַ ווײַל אין די בלעטלעך ווי אַ האָן אין בני־אָדם און לייגט עס אַוועק.

ער האָט אויסגעשפּאַנט ס׳פֿערד, עס געפּענטעט. אַ שטומע צונג נעבעך, שוין לאַנג געדאַרפֿט זײַן אויף דער פּאַשע. אָפּגעפּאָרעט זיך מיטן פֿערד איז ער אַרויף אין שטוב, געגעבן דעם קאַליקע אַ ביסל זויערע מילך מיט אַ שטיקל ברויט. אַ זאַטער שוין איז די קאַליקע אַראָפּ די טרעפּ און זיך געזעצט אונטן, בײַ אַ וואַנט, זיך וואַרעמען אין דער זון. ער אַליין, אויך שוין אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט, איז אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן שטאַלבוידעמל זיך לייגן אין היי אַרײַן שלאָפֿן.

אין אָוונט, ווען ער איז אויפֿגעשטאַנען ווידער אַרויסצופֿאָרן אויף דער סטאַיקע, איז צירעלע נאָך אַלץ אין דער היים נישט געווען. וואָס טוט ער

ב. דעמבלין

איצט? די צוויי קינדער דרייען זיך אַרום אין דער פֿינצטער ווי צוויי בלאָנדזשענדיקע שאָף, ביידע הונגעריק, שלעפֿעריק!

ער האָט אָנגעצונדן דאָס נאַפּטלעמפּל אויף דער וואַנט, גיך צוגעשטעלט אַ ביסל רייז, אַרויפֿגעגאָסן קאַלטע מילך און געגעבן די קינדער וועטשערע, דערנאָך האָט ער זיי אויסגעטאָן, אַרומגעוואַשן און זיי געלייגט שלאָפֿן. ערשט איצט האָט ער איינגעשפּאַנט ס'פֿערד און אַרויסגעפֿאָרן מיט דער דראָשקע אויף דער נאַכטיקער סטאַיקע, זוכן אַ גילדן פּרנסה.

צומאָרגנס, אַז צירעלע האָט זיך נאָך אַלץ נישט געהאַט אָפּגעזוכט, איז שוין געוואָרן אַ טרעוואָגע. פֿון באַגין אָן האָבן אויפֿן הויף זיך געקליבן קופּקעלעך מענטשן. מ'האָט זיך געסודעט, געשושקעט אין די אויערן. און וועלוול דראָשקאַר, צירעלעס טאַטע, איז שוין נישט אַרויסגעפֿאָרן אויף דער פּרימאָרגנדיקער סטאַיקע. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אויפֿן הויף שטום און שוואַרץ ווי קויל, מיט פֿינצטערע רייפֿן אַרום די אויגן. ער האָט זיך גוט דערלעבט! ביז איצט האָט ער זיך נישט אונטערגעשטעלט אַרויפֿצוקומען צו דער טאַכטער אין שטוב אַריין. איצט איז ער שוין פֿריי געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ די טרעפּ. די מוראדיקע שטילקייט האָט אים געטריבן פֿון שטוב און דאָס צאַפּלעניש אין האַרץ האָט אים באַלד צוריקגעטריבן אין דער שטוב אַריין. דאַכט זיך אַלצדינג איז דאָ ווי געווען, יעדער זאַך שטייט אויפֿן געהעריקן אָרט, גאָרנישט איז גערירט און דאָך הויערט דאָ אַ שרעק, אַ דריקנדיקע אימה ווערגט די קעל!

אָבער און ווידער האָט ער אויסגעפֿרעגט דעם איידעם און ביידע צוזאַמען האָבן געפֿאָרשט דאָס בלאָנדע יוזשעקל, אָבער קליגער זענען זיי נישט געוואָרן.

אָן אומרו, אַ פּחד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטאָט. די דראָשקאַרעס, אַלע וועלוולס קומעס, האָבן זיך שוין איצט נישט געחכמהט אויף כאַבע דע קאַלבעס חשבון. ניט געטריבן מער קיין הלצהלעך וועגן צירעלען. אומרויִקע זענען זיי אַרומגעלאָפֿן אויף זייערע דראָשקעס, גענישטערט הינטער דער שטאָט, אַרום דער באַן, אַרום פֿעסטונג. פֿאַראַן אַזוי פֿיל זעלנער אויף די וועגן, ווער ווייסט? אפֿשר, גייענדיק מיט אירע ביכלעך פֿון דער "בליאַטעיק" האָט זי וועלכער פּאָניע פֿאַרשלעפּט אין אַ קאָרנפֿעלד, אין וואַלד אַריין! ס'האָט דאָך שוין אַזוינס געטראָפֿן! מיט עטלעכע יאָר צוריק איז דאָך דעם אַקציזניקס טאָכטער, אַ שיקסל פֿון צוואַנציק יאָר, שיין ווי גאָלד, אַזוי פֿאַרשלעפּט געוואָרן אין אַ פֿעלד אַריין. נאָך דעם האָט מען זי געפֿונען אַ דערוואָרגענע מיט איר אייגן טיכל אַרום האַלדז!

מיט דעם אומרו זענען אין שטאָט אָנגעשטאַנען אַלערליי שמועות:

— אפֿשר איז זי אַנטלאָפֿן מיטן ליובאַווניק?

— אפֿשר איז זי שוין אין וועלכן קלויסטער צו בײַטן ס'רענדל?

צירעלע

— וואָלט זי איבערגעלאָזט דאָס יינגעלע אויף הפקר? ער איז דאָך איר אויג אין קאָפּ! ס׳אַנדערע, אויב שמדן, וואָלט דאָך דער ליובאָווניק געווען מיט איר און ער איז דאָך גאָר אין פּאָלוואַרק. ערשט נעכטן איז ער דאָך געפאָרן אין זײַן אָפּענער בריטשקע מיט עפּעס אַ פּאַניענקע לעבן זיך. מ׳זאָגט יאַקאָש אַז ער קלײַבט זיך כאַסלערע צו האָבן.

— אוי אַ בראָך, האָט אַ מאַרקזיצערקע געטאָן אַ פּאַטש מיט די הענט.

— הלוואי כ׳זאָל מײַן מויל צו קיין בייז נישט ברענגען! אַז דער ליובאָווניק קלײַבט זיך כאַסלערע צו האָבן, האָט זיך צירעלע אַ מעשה אָנגעטאָן!

אין דער זוכעניש, אין דער אָנגעשטאָנענער פּאַניק, איז אויך די קאַנצעליאַר נישט געשלאָפן. די פּאָליציי פון הי, אויך פון פּאָוויאַט אין פולאַוו, זענען אַראָפּגעקומען מיט שפּירהינט. זיי האָבן געשניפּט, געפאָרשט, גע־גראַבלט מיט דרענגער בײַ די ברעגעס פון וויעפּרזש, פון דער ווײַסל, אָבער ווי אַ שטיין אין וואַסער אַרײַן, נישטאָ צירעלע!

ערשט אויפן פערטן טאָג איז פּלוצעם געוואָרן אין שטאָט אַ געלויפעריי צום ראַדצעס לאָנקעס. אָט נאָר וואָס איז פון די טיפענישן אין דער סאַזשלקע געהאַט אַרויסגעשוווּמען דער געשוואָלענער גוף פון אַ פרוי.

— אזא סוף! האָבן מענטשן געשאָקלט מיט די קעפּ.

ערשט איצט האָט די שטאָט אָנגעהויבן זוכן זכותים אויף צירעלען. גראָד יענע, וואָס האָבן זי צום מערסטן באַרעדט, האָבן איצט געוויינט אויף איר אומגליק:

— ס׳איז דען איר שולד? אַ כשר קינד געווען!

— אוודאי, אַז אַ מאַמע שטאַרבט ווערט אַ תּל פון דער שטוב, פון די קינדער. דאָס האָט ער, וועלוועלע, איר אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, נישט געקענט וואַרטן, געדאַרפט אַ ווײַב!

— אײַ, וואָס רעדט עץ! ער האָט נעבעך געמוזט איר צודעקן דעם קאָפּ. מ׳האָט דאָך געשמועסט, דער שייגעץ...

— זעט עץ דעך ווי עס איז דער שייגעץ! דער קוליאַס געראָט אין גאַנצן אַרײַן אין כאַבע דע קאַלבען.

— און איך זאָג, אַז דאָס גאַנצע אומגליק נעמט זיך פון די שקאָלעס! אַז מ׳שיקט אַ ייִדיש קינד אין אַ שקאָלע צווישן גויים, קען שוין נישט גוט זײַן. מינדל, צירעלעס מאַמע, אַ ליכטיק גן־עדן זאָל זי דאָרטן האָבן, האָט נאָר געוואָלט האָבן צירעלען אין די שקאָלעס! האָט זי שוין איצט שקאָלעס. ווען נישט די שקאָלע, ווען צירעלע וואָלט אויפגעוואַקסן ווי אַלע ייִדישע מיידלעך אין שטאָט, וואָלט זי נישט געהאַט צו טאָן מיטן ראַדצעס שייגעץ און עס וואָלט נישט געקומען צום גאַנצן אומגליק!

סײַ ווי, אַ לוויה האָט צירעלע געהאַט, וואָס נאָך אזא האָט די שטאָט פריִער און אויך שפּעטער קיין מאָל נישט געזען. ס׳איז געווען שוואַרץ

ב. דעמבלין

אין די גאסן. אלע געוועלבער זענען געווען פארמאכט און קינד און קייט זענען מיטגעגאנגען אויפן גוטן אָרט. ערשט הינטער אלעמען איז נאָכגע־פאָרן אן איינזאמע, שווארצע קאָטש, געשפּאַנט צו צוויי שווארצע פערד. אין דער קאָטש, איינער אליין אויף דעם ברייטן געזעס, הינטערן סטאנגרעט אויף דער הויכער קעלניע, איז געזעסן אין ווינקעלע וולאדוש, א הארטער, שווארצער הוט אויפן קאָפּ און א באנד פון שווארצן קרעפּ ארום לינקן אָרעם.

אויפן בית־עולם איז די קאָטש נישט ארויף, אויך ער אליין האָט נישט געוואגט אהין ארויפצוגיין. פּײַערלעך, גלײַך, איז ער געשטאנען פון דער דרויסנדיקער זײַט צוים.

אזוי ווי קובר געווען צירעלען האָט מען בײַם פּלויט, ווי ס'געהער אזא איינע, א מאבדת עצמה לדעת, האָט ער דורך די ברייטע פארקאן־שפּאלטן זיך צוגעזען ווי מען לאָזט צירעלען, א ווײַס אײַנגעהילטע, אָן אן אָרון, אראָפּ אין קבר. אינסטינקטיוו האָט ער זיך איבערגעצלמט און זיך אראָפּ־געלאָזט אויף די קני.

געזאָגט קדיש בײַם אָפענעם קבר האָט וועלוול. אזוי האָט נאָך קיין פּאָטער נישט געקלאָגט אויפן טויט פון זײַן קינד. אין מיטן קדיש איז ער אראָפּגעפאלן אויפן בארג ערד:

— צירעלע! איך בין דײַן מלאך־המות! מיט מײַנע הענט האָב איך דיך אומגעברענגט!

טרעגער

אַלע מאָל, ווען ס׳קומט אָן אַ וועגעלע מעל אין שטאָט אַרײַן און חבֿרה טרעגערס רינגלען עם אַרום און נעמען הייבן די שווערע, אָנגעפּילטע זעק אויף די אַקסלען אַרויף מיט אַזאַ לײַכטקייט, ווי דאָס וואָלטן ליכטיקע, שפּילעוודיקע קינדער געווען, — בלײַבט אַהרון ריקער שטיין אָן אַ זײַט אַ שטילער, בײַסט דעם שפּיץ פֿון זײַן שוואַרץ גרויליעכער באָרד און טראַכט ווידער, אַז דער איינציקער פּלאַן פֿאַר אים וואָלט דאָך געווען אַ שטריק...

נאָר בעת ער טראַכט, ווערט דערווײַל דאָס וועגעלע אַזוי שפּילעוודיק, זאַק נאָך זאַק, אויסגעליידיקט. חבֿרה טרעגער, פֿאַרסאַפּעטע, מיט פֿאַרווײַסטע היטלען, פּאַרמעליקטע בערד, קלײַבן זיך צונויף אַרום געלן הלל, אויך אַ פֿאַרמעליקטער פֿון קאָפּ ביז די שטיוול, מען צעטיילט זיך מיטן פֿאַרדינסט, דערנאָך גייט מען אַלע אַרײַן אין שענקל, אין ראָג, מ׳נעמט צו גלעזעלעך, לחיים! מ׳פֿאַרבײַסט מיט שטיקלעך הערינג און מ׳שטעלט זיך ווידער אויס אין אַ קופּקעלע, פּונקט ווי הינער בעת אַ רעגן, וואַרטן אַז אַ נײַ־אָנגעלאָדן וועגעלע זאָל זיך באַווײַזן.

מיט דעם איז ער שוין נישט מסכּים, אַהרון ריקער! ייִדן באַדאַרפֿן נישט גיין, ווי די שכּורים, אין שענק אַרײַן. אַ ייִד, אַז דער אייבערשטער העלפֿט אים, באַדאַרף ער גיין אַ היים און זאָגן: „נאַ, מײַן ווײַב, דער אייבערשטער האָט געהאָלפֿן, קאָך וועטשערע!...

פֿון דעסטוועגן, וואָס זאָל ער לייקענען, אַהרון ריקער, ער איז זיי מקנא, די אויסגעמעליקטע ייִדן, מיט די שטריק אַרום די גאַרטלען. קנאה באַדאַרף אַפֿילו נישט זײַן קיין ייִדישע מידה. נאָר וואָס קאָן ער זיך העלפֿן? ער איז זיי פֿאָרט מקנא! אָט שטייען זיי, אַלע ייִדן מיט בערד און טרײַבן הלצהלעך פּונקט ווי חדר־ייִנגלעך. ווען נישט דער געלער הלל וואָלטן זיי זיך געקײַקלט אין ראָוו פֿון געלעכטער. וואָס איז דער ווונדער? אַז זינט זיי האָבן געמאַכט יד־אחת, ווי זיי רופֿן דאָס, דעם פֿאַראיין, קרינט מען זיך נישט מער, מע רײַסט זיך נישט. פֿאַרקערט, ס׳איז שלום! טאַקע ווי אין פּסוק שטייט: שלום על ישראל... און אַז גאָט שיקט צו אַ וועגעלע

סחורה, טוט מען עס א צעטראָג איינס און צוויי, מ׳צעטיילט זיך מיט־פּאַרדינסט און מ׳זאָגט ווידער: „ברוך ד׳ יום יום״...

ווען עס ווענדט זיך אָן אים וואָלט ער שוין אָנגעטאָן דעם שטריק, זיך אוועקגעשטעלט דאָ, אונטערן דעבל, און זאָל זיין וואָס עס וויל... ער וואָלט אפילו מקבל־באהבה געווען דעם בזיון וואָס שלמה כּאַכאָל וועט אים געווים אָנטאָן... אפילו צוויי פּעטש וואָלט ער פּאַר ליב גענומען. נאָר וואָס וועט ס׳ווייב זאָגן? און אַ שטאָט מענטשן? — אהרון ריקער, דער שיינער ייִד! דער קאָצקער חסיד, — אַ טרעגער גאָר?... איי, עס גייט שבת און ער ווייסט נישט ווי אַזוי וועט ער דעם הייליקן שבת אין שטוב אַריינפירן? דאָס ווייסט דאָך נישט די שטאָט! מ׳זעט גיין אהרון ריקער שבת, אין דער אַטלעסענער קאַפּאָטע, מיטן טלית אונטערן אָרעם, מיינט מען גאָט ווייסט וואָסער טשאָלנט אויף אים וואַרט דאָרטן אין שטוב...

ס׳וואָלט גאָר אפשר געווען אַ סברה, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, זיך אַריינצוכאַפּן צום רבֿ נאָך אַ שטיקעלע עצה. פּאַרט דער נאָענטסטער ידיד זיינער אין שטיבל. אַ חבֿר נאָך פון די בחור־יאָרן אין בית־מדרש. אגבֿ איז ער אויך נישט קיין שונא פון יגיע־כּפּו...

⁂

נעגאַנגען, פון דעסטוועגן, צום רבֿ איז ער נישט. וואָרעם וואָס אַ שטייגער וועט דען זיין אַז דער רבֿ וועט אים זאָגן: ניין, אהרון, איך היים נישט! קאָן ער אים דען פאָלגן? ער האָט דען אַ ברירה? ער האָט דאָך שוין טאַקע געדינט כּל „עבֿודה־זרית״. פון אַ שטעלכל מיט לעקעכלעך, ביז שמירעכצן צו רייניקן מלבושים... און דער דלות איז אַלץ פלינקער פון אים!... זעט ער דאָך באַשיינפּערלעך אַז עס איז ממה־נפשך, אָדער חס־וחלילה אַ שטריק אויפן האַלדז, אָדער אַ שטריק אויף די לענדן... און אפשר וויל מען טאַקע דאָרטן, אויבן, אויף אים מקיים זיין דעם פּסוק „בזעת אפיך״... טאָ זאָל זיין ווי עס וויל!...

ער האָט באַקומען קוראַזש, אהרון ריקער. גלייך ער וואָלט שוין גע־טראָגן אַ שווערן זאַק אויפן אַקסל, אַזוי געזונט, כּוחדיק האָט ער פלוצעם גענומען שטעלן זיינע שווערע, באַשטימטע טריט. ער האָט אייגנטלעך גענומען גיין אַהיים, נאָר ביז וואָס־ווען, האָט ער זיך דערווייל אַריינגע־כאַפּט אין בית־מדרש צו מנחה־מעריבֿ. ס׳דאַוונען איז אפילו געווען אַ כאַפּנדיקס, גאַרנישט ווי זיין שטייגער. דער מוח האָט געטראַכט פון קאָלערן פעסער נאַפט, פעסער הערינג, טראָגן זעק זאַלץ, זעק מעל, נאָר דערווייל האָט ס׳מויל געמורמלט די „קרבנות״. כּדי פּטור צו ווערן פון די זעק און די פעסער און צוריק לויטער מאַכן די מחשבה ער זאָל וויסן וואָס ער דאַוונט, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט ביים גרויסן קאַכלנעם אויוון,

צירעלע

אוועקגעלייגט די צוויי הענט און גענומען זיך אַרײַנשאָקלען אין אויוון אַרײַן, גלײַך ער וואָלט אין אים אַרײַנגעטענהט: „נו, דו זעסט דאָך, אויוון, אַז יאָ... אַז, כּיצד שלש מאות ושישים, ו־ש־י־ש־י־ם״...

די מחשבֿה אָבער האָט, ווײַזט אויס, נישט געוואָלט לויטער ווערן. אַנשטאָט די פּעסער מיט די זעק, האָט זי זיך גאָר פֿאַרטשעפּעט אָן די שלש מאות ושישים. דאַכט זיך אַ פּאָר ווערטער בלויז, נאָר בײַ אהרון ריקער אין קאָפּ האָבן זיי באַקומען אַ זין! פֿון שלש מאות ושישים אין סידור איז געוואָרן דרײַ הונדערט מיט זעכציק. טאַקע בפּועל ממש, אַזאַ עשירות!

אײַ, ווען ער האָט כאָטש אַ העלפֿט?... ער וואָלט שוין גאָרנישט געזאָרגט! ער וואָלט געלאָזט ס'עלטערע מיידל, די שנײַדערקע, וואָס דרייט זיך אַרומעט שלינג און שלאַנג, אָן אַ שטאָך, ער וואָלט זי שוין געלאָזט, זאָל זי פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל! אַפֿילו אין עק וועלט וואָלט ער זי געלאָזט פֿאָרן!... אײַ ווײַ, טאַטע פֿאָטער, „שלש מאות ושישים״...

⁂

— ס'וועט נישט גוט זײַן אהרון, דו הערסט? אהרון!

דאָס האָט אים ס'ווײַב זײַנס, ס'קליינע, אײַנגעדאַרטע רעבעלע געגעבן אַזאַ ברוך־הבאָ, גלײַך ווי ער האָט נאָר אַריבערגעטראָטן די שוועל.

זי איז געזעסן אין ווינקעלע, די אישה זײַנע, לעבן דער אויסגעלאָשענער פּליטע, אויף אַ פּוסנבענקעלע און עפּעס געטאָן מיט די קליינע הענטעלעך איבער אַ גרויסן, שוואַרצן טאָפּ. ווען נישט ס'קול אירס, וואָלט ער זי גאָרנישט געוועזן דערזען.

— דו הערסט אהרון, ס'וועט נישט גוט זײַן!...

נאָר ער, אַנשטאָט איר ענטפֿערן, איז גאָר צוגעגאַנגען, זיך איבערגע־בויגן איבער איר און אַרויסגעדרייט ס'פֿאַרקאָפּטשעטע לעמפּל.

— ס'איז דאָך נישט קיין קעלער דאָ! דערנאָך, שוין אַוועקגייענדיק, האָט ער געברומט אין דער אייגענער באָרד אַרײַן: — הע, ס'וועט ע ר ש ט נישט גוט זײַן?...

רעבעלע האָט דערווײַל אונטערגעהויבן ס'פֿאַרוויקלטע קעפּל אין גרויס חידוש. זי האָט עפּעס נישט פֿאַרשטאַנען דעם מאַן אירן. וואָס דרייט ער זיך אַזוי אַרום איבער דער שטוב די הענט פֿאַרלייגט אויפֿן הינטן? נאָך מער האָט זי זיך געוווּנדערט: וואָס עפּעס לייגט ער זיך פּלוצעם אויס איבערן גרינעם קופּערט און נישטערט דאָרטן צווישן קופּערט און וואַנט?... און צו וואָס שלעפּט ער אַרויס אַ גרויסן, גראָבן שטריק?...

— אוודאי איז נישט גוט! וואָס דען ס'איז גוט?... האָט ער, אויס־גלײַכנדיק זיך, מיטן שטריק אין ביידע הענט, פּלוצעם זיך דערמאָנט איר צו ענטפֿערן.

טרעגער

דאָס קליינע יידינקעלע האָט, פֿון ווינקעלע אַרויס, נעבעך געבלינצלט מיט די צעשראָקענע אויגן. אין אָנבליק פֿון שטריק האָט זי ממש פֿאַרלוירן ס׳לשון, דאָס מעסער, מיט וועלכן זי האָט עפּעס געטאָן איבערן טאָפּ, איז איר אַרויסגעפֿאַלן פֿון צעשראָקענעם הענטל. און אַז זי האָט דערזען ווי ער שטעלט זיך אַרויף מיט בײַדע פֿיס אויפֿן שטריק און נעמט מיט די הענט אים ציען, צו זען אויב דער שטריק איז גענוג שטאַרק... איז איר ערשט ס׳האַרץ אויף אַן אמת אַנטפֿאַלן. גאָט ווייסט מיט וואָסערע מחשבֿות דער ייִד טראָגט זיך אַרום! וואָס זשע פּײַניקט זי אים נאָך מיט: „וואָס וועט זײַן, און וואָס וועט זײַן?...

אהרון ריקער האָט אָבער נישט געוווּסט פֿון וואָס רעבעלע טראַכט. ער האָט גאָר גוט אַרומגעטאַפּט דעם שטריק, אים צונויפֿגעוויקלט אין אַ קלומ־פּער ווי די טרעגערס טוען, אים אויפֿגעהאָנגען אויפֿן הוק איבער דער אָפֿענער אַלקער־טיר און איז אַן אַ וואָרט אַרויס פֿון שטוב.

איצט אַז ער האָט שוין אַ שטריק, האָט ער זיך געפֿילט ווי איינער פֿון זיי, אהרון ריקער. האָט עס אים געצויגן אַהין, אין דער נאַפּטקראָם אַרײַן, אין ראָג גאַס, וווּ זיי קומען זיך אַלע צונויף אין די לאַנגע, האַרבסטיקע נעכט, איידער מ׳גייט אַהיים צו וועטשערע, און מ׳שמועסט. נאָר וואָס אַ שטייגער קאָנען אַזעלכע ייִדן שמועסן? ביטערע אָמעראַצים נעבעך, שמועסט מען אוודאי פֿון זאַק און פֿאַס. איז אוודאי גוט ער זאָל דאָרטן זײַן. זאָל מען אים זען. זאָל ער נישט זײַן קיין פֿרעמדער.

ער איז אָבער דאָרטן יאָ געווען אַ פֿרעמדער. שוין בײַם אַרײַנקום האָט ער דאָס דערפֿילט. קיינעם פֿון די טרעגער פֿרעגט זי נישט, דעם נאַפֿטערס טאָכטער, די מויד אין גלאַנציקן, פֿאַרפֿעצטן קאַפּטאַן, פֿון וועמען עס פֿילט זיך אַפֿילו שבת דער נאַפּט און דער הערינג, קיינעם פֿרעגט זי נישט: — וואָס פֿאַרלאַנגט איר? נאָר אים האָט זי גלײַך אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס זאָגט איר עפּעס גוטס, ר׳ אהרון?

וואָס זאָל ער טאָקע זאָגן? — געוואָלט האָט ער איר זאָגן: וואָס איז דײַן עסק? אָט אַזוי, גאָרנישט, — ייִדן שמועסן, איז ער אויך אַרײַנ־געקומען.

נאָר אַז ער האָט דערזען ווי אַלע, אַפֿילו דער געלער הלל, האָבן אויס־געדרייט די פֿאַרמעליקטע קעפּ און מיט פֿרעגנדיקע בערד גלאָצן זיי אויף אים, האָט ער זיך פֿאַרלוירן און — גאָר געבעטן אַ פּעקל טיטון...

⁂

צוריק אַרײַנגעקומען אין שטוב איז אהרון ריקער עפּעס גאָר אַ דער־שלאָגענער. טאָמער האָט זי, רעבעלע, פֿריִער נאָך געהאַט אַ ספֿק צו וואָס ער האָט זיך פֿאַרגרייט דעם שטריק, זעט זי דאָס איצט באַשײַנפּערלעך...

און ס'איז דען אַ ווונדער? אַז לא־עלינו! צו וואָס מע נעמט זיך ווערט בלאָטע. — און דאָ הערט מען אַזעלכע מאוימדיקע זאַכן: יידן שפּרינגען גאָר פֿון די פֿענצטער, — מ'פֿאַרציט זיך גאַרטלען אויף די העלדזער, — פּפו, פּפו, רחמנא־ליצלן!

בגנבה האָט זי געטאָן אַ בליק אויפֿן פֿאַרשלאָסענעם קופֿערט, ווו זי האָט אויף גיך באַהאַלטן דעם שטריק. דערבײַ האָט זי געטאָן אַ נדר מער פֿאַר אים זיך נישט צו קלאָגן. אדרבה, זי וועט אים ווײַזן אַ פֿריילעך פּנים. — וואָסי, די וועלט גייט חלילה אונטער? גאָט וועט העלפֿן!... דער עיקר ער זאָל גאָרנישט וויסן אַז זי האַלט אַן אויג אויף אים.

אהרון ריקער האָט דערווײַל געכאַפּט אַ קוק איבער דער טיר און דערזען אַז דער שטריק הענגט נישט. אַ קליין, אײַנגעהאַלטן שמייכעלע האָט זיך אים פֿאַרגנבעט אויפֿן שוואַרצן, באַוואַקסענעם פּנים.

איצט האָט ער פֿאַרשטאַנען וואָס רעבעלע שטייט אַזוי עקשנותדיק צו אים מיט דער פּלייצע און שווײַגט. — פֿון איין זײַט האָט זיך אים געגלוסט צו לאַכן: „וואָס אַ יידענע קאָן אַלץ אײַנפֿאַלן"! ס'איז אים אָבער געווען אַ גרויס רחמנות אויף איר. ממש אַ צער־בעלי־חיים. אומזיסט און אומ־נישט האָט ער נעבעך געפּײַניקט אַ מענטש! אַלץ כּדי וואָס? כּדי צו האַלטן דעם סוד? זי וועט דאָך סיי ווי דערגיין דעם סוד! זאָל ער איר כאָטש פֿאַרשפּאָרן דאָס צאַפּלען זיך.

— וואָס האָסטו עפּעס אַראָפּגענומען דעם שטריק, רעבעלע? האָט ער גוטמוטיק אַרויפֿגעלייגט זײַן האַנט אויף איר אײַנגעהילטן אַקסעלע. — מיינסט חס־ושלום...

רעבעלע האָט אויסגעקערעוועט ס'אַרומגעוויקלטע קעפּל פֿון פֿינצטערן קוימען אין דער ליכטיקײַט אַרײַן. איר פּנים, אַרומגעראַמט מיט אַ שוואַרץ פֿאַטשיילקעלע, האָט אַזוי בלאַס געקוקט אויף אים. כאָטש זי האָט גע־שמייכלט, האָט אַפֿילו אהרון ריקער געקענט זען, אַז דאָס איז אַ געבאָרגט שמייכעלע, אויף גיך אַרויפֿגעכאַפּט.

— כ'וויים? האָט זי אַזוי פֿאַרלוירן געהויבן די אַקסעלעך, — אַ מענטש שטעלט זיך אין מיטן דרינען אַוועק מיט אַ שטריק... כ'וויים? כ'וויל נאָר מײַן מויל צו קיין בייז נישט ברענגען...

— נו גיי שוין גיי! ביסט דאָך גאָר אַ יידענע, רעבל! פֿאַר אַזאַ כּופֿר האַלסטו מיך?

ער האָט זיך פּלוצעם געטאָן אַ דרײַ אויס, גענומען גיין איבערן קליינעם שטיבל, דערנאָך איז ער אַרײַן אין פֿינצטערן אַלקער, ווו אַרום די ווענט, זענען געשטאַנען בעטן און בעטלעך, אַרויסגעבלייכטע פֿון דער פֿינצטער אַרויס און געוואַרט אויף דעם קליינוואַרג און גרויסוואַרג, וואָס

ב. דעמבלין

וועט זיך דאָ באַלד טאָן אַ צעליוג, ווי אין אַ קליין שפּיטעלעכל. פֿון פֿינצטערן אַלקער אַרויס, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין, אָדער אפשר נאָר צו אַ גאַנצער עדה ייִדן, וואָס טוען אָפּ אַזעלכע גרוילִיקע זאַכן:

— אהרון ריקער האָט נאָך, ב״ה, דעם ביטחון נישט פֿאַרלוירן! אהרון ריקער האָט נאָך אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט! און אַ שטריק, מײַן ווײַב, — איז ער צוריק אַרײַנגעקומען צו איר מיט אימפּעט. — אַ שטריק איז נישט באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַר קיין האַלדז! — אַ שטריק, רעבעלע, האָט גאָט געגעבן, כדי דער מענטש זאָל מיט אים אַראָפּרײַבן אַ זאַק מעל פֿון אַ וואָגן. און דאָס גיי איך טאָקע טאָן! מאָרגן, מירצעשעם, מיטן ערשטן בלִיאַסקן אויף טאָג וועל איך אָפּדאַוונען, אַרומוויקלען דעם שטריק אַרום גאַרטל און זיך אַוועקשטעלן אין מאַרק צוגלײַך מיט אַלע טרעגער. ווי גאָט וועט פֿירן, אַזוי וועט זײַן!

כאָטש זי וואָלט דאָך געדאַרפֿט זײַן צופֿרידן פֿונעם מאַנס התנצלות, דאָך האָט זיך רעבעלע עפּעס דערפֿילט געפּלעפֿט. זי איז מיט איין מאָל געטאָן אַ פֿאַל אַראָפּ פֿון אַ ריזיקער הייך אין אַ טיפֿן גרוב אַרײַן. — אָט נאָר וואָס האָט זי געהאַלטן דעם מאַנס לעבן אין אירע הענט, טאַקע ממש אים באַדאַרפֿט היטן יעדן טריט, — און דער שטריק דאַרטן אין פֿאַרשלאָסע־נעם קופֿערט איז נאָר וואָס געווען עפּעס אַ מאַוומדיקע זאַך, עפּעס אַזוינס וואָס גרווילט אין האַנט צו נעמען, און דאָ, נאָ דיר נאָר! אַ טרעגער...

— ווײ איז מיר נישט, אהרון! מיט די אויסגעמאַרעטע פּלייצעס וועסטו שלעפּן זעק?

— זאָרג נישט, רעבעלע, גאָט גיט כּוח. אַ ייִדן אויף פּרנסה גיט גאָט כּוח!

— און זיי וועלן דיר שווײַגן? שלמה כאַכאַל וועט דאָס צולאָזן?

— וועסט זען, רעבעלע, ייִדן זענען נישט קיין גזלנים! דער עיקר לאָמיך נאָר נישט ווערן אין כּעס. פֿאַרשטייסט, כּעס איז אַ מיאוסע מידה. כּעס ברענגט צו אכזריות און אכזריות צו רציחה. — נאָר נישט אין כּעס! די הערסט, רעבעלע?

⁂

אין דער פֿרי, מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג, איז אהרון ריקער אויפֿ־געשטאַנען, גענומען דעם טלית אונטערן אָרעם און גאַנץ שטיל אַוועק דאַוונען.

אין דרויסן איז געווען כמורנע, אַ חשוונדיק רעגנדל האָט זיך געקליבן צו נעמען פֿאַלן און פֿאַלן און דורכווייקן דעכער און אויפֿווייקן די ערד און אײַנעסן זיך אין מענטשלעכן לײַב אויף לאַנגע, לאַנגע חדשים.

אהרון ריקער האָט שוין דערפֿילט אַ קעלט אין די ביינער. אַדורכגייענ־

טרעגער

דיק דעם מאַרק, ווו די טרעגערס שטייען, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער דויטער וואַנט און געטראַכט, די ייִדן פֿאַרדינען נעבעך גאַנץ כּשר זייער שטיקל ברויט. אָפּשטיין אין אַזאַ רעגן אָדער אין אַ פֿראָסט אַ גאַנצן טאָג ביז מען דערלעבט צו זען אַ וועגעלע סחורה, איז אַ גאַנץ ביטערער מאַכל, — און דאָ קומט ער נאָך און גייט זיי משיג־גבֿול זײַן. — נאָר מסתּמא איז דאָך גאָטס ווילן דערבײַ.

צוריקקומענדיק אין שטוב אַרײַן איז שוין רעבעלע געווען אויף. זי איז געשטאַנען בײַם פֿאַס וואַסער מיט אַ גרויסער, קופּערנער קוואָרט אין קליינעם הענטל און זיך אָפּגעגאָסן די נעגל. אין דער צווייטער שטוב, אין אַלקער, זענען נאָך די לאָדן געווען פֿאַרמאַכט און ס׳קליינוואַרג און אַפֿילו די גרויסע מויד, זענען נאָך געשלאָפֿן.

אהרון ריקער האָט אויסגעטאָן די לאַנגע קאַפּאָטע, דעם שטענדיקן הולך זײַנעם, און אַרויפֿגעשלעפּט עפּעס אַ קורץ וואַטעווקעלע, וואָס רעבל האָט עס קיין מאָל נישט געזען און זי ווייסט אַפֿילו נישט פֿון וואַנען ער האָט עס זיך פֿאַרגרייט. גאַנץ זאָרגעוודיק, נישט ווי ער טוט מיט דעם שוואַרצן גאַרטל, וואָס הענגט אים לויז נאָך בײַם דאַווענען, פֿאַרקערט, ער האָט זיך איצט גאַנץ ענג אַרומגעוויקלט די לענדן מיטן גראָבן שטריק און גענומען גיין. רעבעלע האָט אים אויף גיך פֿאַרשטעלט דעם וועג:

— לאָמיך דיר כאָטש אָנווינטשן צו דער נײַער פּרנסה.

ער האָט זיך אָבער געאיילט אהרון ריקער. ער האָט געוואָלט זײַן דאָרט וואָס פֿריער, איידער זיי קומען צו. נישט חלילה צוליב מורא, נאָר פּשוט, ער האָט געפֿילט אַז ער וועט שוין שטיין דאָרט און זיי וועלן צוקומען, וועט עס זײַן עפּעס אַנדערש. ער וועט כאָטש נישט דאַרפֿן זיי קוקן אין די אויגן אַרײַן, זאָגן: גוט־מאָרגן.

רעבעלע האָט אים נאָכגעקוקט דורך דער גלעזערנער טיר און אים נאָכגעזיפֿצט: „וואָס אויף איר איז נעבעך געקומען”.

נאָר אהרון ריקער האָט זי נישט געזען און נישט געהערט. ער איז געגאַנגען איבערן פֿאַרשלאָפֿענעם, כמורנעם מאַרק. כאָטש ער האָט זיך נישט געפֿילט געפֿאַלן, האָט אים דאָך דער נײַער הולך עפּעס געאַרט, — ס׳האָט זיך אים נאָר געדאַכט אַז די קני זענען אים נאַקעט און די כאַליעוועס פֿון די שטיוול פּלוצעם אָפּגעדעקטע לצעווען אים אין פּנים אַרײַן. ער איז געווען צופֿרידן וואָס דער מאַרק איז נאָך ליידיק און קיינער באַמערקט אים כאָטש נישט. דאָ און דאָרט האָט זיך אַפֿילו געעפֿנט אַ געוועלב. אַן אײַזערנער פּרענט האָט געטאָן אַ פֿאַל אויפֿן שטיינערנעם ברוק מיט אַ קלונג. אַ ייִד האָט פֿון אַ שטוב אַרויס געטאָן אַ שטופּ דעם לאָדן און אַרויסגעשטעקט אַ פֿאַרפֿעדערטן קאָפּ מיט אַ ברייטן גענעץ. ווײַטער איז געווען שטיל און פֿאַרשלאָפֿן.

ב. דעמבליז

ער איז צוגעקומען צו דעם רויטן מויער, איז ראג, אנגעשפארט אן אקסל און זיך געשטעלט קוקן אויף דעם ברייטן, צעפארענעם מארק, מיט די האלב איינגעפאלענע שטעלעכלעך, וואס בייגן אזוי הכנעהדיק זייערע דעכלעך אונטער דעם שטעכיקן רעגנדל.

דערווייל האט ער גאר נישט באמערקט ווי פון דער זייט איז אנגעקומען דער געלער הלל.

יענער האט נאך מיט די שארפע, שטאלענע אויגן אפגעמאסטן דעם נייעם אורח פון הינטן. עפעס איז אים גאך פון ווייטנס אויסגעקומען, אז דאס איז א פרעמד וואטעווקעלע, עפעס גארנישט פארמעליקט און דער שטריק אזא נייער. — ער האט, אזוי חידושדיק אפגעפארשט די פלייצע און דערזעענדק, זייטיק נאך, אהרון ריקערס שווארץ גרוילעכע בארד, האט ער געטאן א לאז ארויס אזא אויסגעצויגענעם:

— וו א א א ס ?... אהרון, דו ?...

אהרון ריקער האט זיך דערשראקן. דער „וואס" איז אים געקומען גלייך אין אויער אריין און נאך דערצו אזוי אומגעריכט! ער האט געטאן א דריי דעם קאפ, באלד אים צוריקגעכאפט און אראפגעלאזט די אויגן אויף הללס פארמעליקטע שטיוול ארויף, אן איין ווארט.

באלד, נאך איידער ער האט זיך ארומגעקוקט, איז דא אנגעשטאנען א טומל. פון אלע זייטן זענען אויסגעוואקסן טרעגער און יעדער, דערזעענדיק דעם נייעם עסער, האט גענומען אויף ס'ניי געוואלדעווען:

— וואס איז דאס, אמאליקע יארן ? טרעגעריי איז נישט קיין מלומדת... ר' הלל! מ'אמער א פאראיין צי נישט?...

אנדערע האבן אפילו געהויבן פויסטן און זיך געריסן צו אהרונען. ווייכהארציקע יידן, מיט די טליתים אונטער די ארעמס, און קרעמער פון די קראמבריקלעך אראפ, האבן זיך אריינגעמישט:

— א רציחה! א חרפה און א בושה! שלאגן גייט מען גאר ? אזא ייד? ר' אהרון ריקער! טרעגערס דארפן זיך שעצן גליקלעך, וואס אזא ייד וויל גאר אין זייער גבול שטיין.

דאס האט שוין דער געלער הלל נישט געקענט פארטראגן. ער האט אנגעשטעלט זיינע שארפע אויגן אויף דעם שיינעם ייד, וואס מוסרט אזוי זי' טרעגער:

— און עץ, האט ער אים געזאגט, מיינענדיק די אלע וואס שטייען דא ארום אויפן בייז ווונדער, — עץ מעגט זעך גאנץ רויק גיין. קיינער וועט דא נישט שלאגן. טרעגער זענען מער נישט קיין שלעגער. אונדזער פאראיין וועט שוין אלץ אויסגלייכן.

אהרון ריקער איז נאך אלץ געשטאנען ווי א צוגעוואקסענער מיט דער פלייצע צום מויער און זיך נישט אנגערופן מיט א ווארט. גאר אז אין

ט ר ע ג ע ר

מיטן קרענצל האט זיך, ווי א גזלן, געטאן א ריים אריין שלמה כאכאל, האט ער דערפילט ווי עפעס רייסט זיך אים אפ ביים הארץ. ער וואלט שוין פאר ליבער גענומען ווען הלל האלט אים נישט איין, דעם שלמהן. זאל ער אים שוין בעסער געבן מיט דער פויסט איידער אים אזוי זידלען. כאטש צוריק געשמועסט איז ער דאך נעבעך גערעכט, דער שלמה. טאקע א ביטערער עם־הארץ, אבער אן ערלעכער יונג איז ער דאך! און איך גיי דאך אויף זיין ברויט! — נאר אפשר דארף דאס זידלען זיין אן אפקומעניש, אן עונש?

ביסלעכווייז האט זיך איינגעשטילט דער טומל. ידן זענען זיך צעגאנגען, ווער צוריק אויף די קראמטרעפלעך און ווער מיט די טליתים אין בית־המדרש אריין. געבליבן איז דא בלויז חברה טרעגער און אהרון ריקער אין מיטן. מ׳האט נישט מער גערעדט, נישט געשריען. בלויז אלע ווײַלע האט זיך אן אנדערער דערמאט צו טאן א וואָרטשע, א ברום. און טאמער האט ווער געוואלט ארויספארן אויף ס׳ניי, האט באלד הלל אים געטאן א שטיל איין:

— גענוג שוין, האב איך געזאגט! ביים גרינעם טיש, אין פאראיין, עט מען זיך שוין אויסגלייכן.

פלוצעם, פונקט ווי א קינד, וואס האט זיך קוים איינגעשטילט נאך א גרוים געוויין, טוט א בוך ארוים אויף ס׳ניי, אזוי האט שלמה כאכאל זיך ווידער דערמאנט:

— הע, א טרעגער גאר געווארן, דער שיינער ייד! חברה, איך זאג ענק, דעם שטריק וועט ער מעגן גיין, געזונטערהייט, נאר א זאק פון א וואגן אראפ וועט ער ביי מיר נישט רירן!

⁂

אנגעכמורעטע, ווי דער דרויסן ארום, איז געשטאנען דאס בינטל טרעגער. קיינער האט זיך נישט אוועקגערירט פון דעם מויער, ווי מ׳וואלט מורא געהאט, אז טאמער וועט מען זיין אוועק, וועלן זיך דא, דערווייל, צוכאפן נאך עסערס. איז מען געשטאנען איינגעגראבן אין זיך אליין, געקוקט מיט פייכטע, פארעגנטע בערד אין דער וועלט אריין, וואס הערט נישט אויף צו זייען דאס דריבנע, שטעכיקע רעגנדל. נאר דא, אין מיטן דעם שווייגעניש, האט אין פוסטן מארק זיך באוויזן א נאס, גלאנציק פערד מיט אן איבערגעדעקטן וואגן. באלד נאך איינער אזא. פון ביידע אפגעמאטערטע פערד האט זיך געטראגן א דינע פארע. חברה טרעגער, פון געוווינהייט, האט זיך געטאן א ריס און גענומען לויפן, איינער נאכן אנדערן, צו די וועגן. כאטש ס׳גייט נישט מער אין קיין כאפעלעך, און די וועגן פארן אהער צו זיי, קאן מען זיי נישט אפגעוווינען פון באפאלן א

ב. דעמבלין

װאָגן, װי די הײשעריקן. געבליבן איז בלױז דער געלער הלל און אהרון ריקער. באַלד האָט אויך הלל גענומען זיך דערנענטערן צו די װעגן.

אהרון ריקער האָט נישט געװוּסט װאָס ער זאָל טאָן, יאָ צוגײן אָדער נישט צוגײן. נאָר װאָס װעט זײַן פֿון שטײן דאָ?

דערװײַל זענען די װעגן צוגעפֿאָרן צום גרױסן מעלסקלאַד. אהרון ריקער האָט גענומען גײן אַהין. װאָס עס דאַרף זײַן, מוז דאָך זײַן!

בעת די באַלעגאַלעס האָבן איבערגעדעקט די נאַסע, צעפּאַרעטע פֿערד מיט טרוקענע דעקעס און אַרײַנגעפּאַקט די פֿערדישע מאָרדעס אין די מאָרבעס מיט האָבער, האָבן דערװײַל די טרעגער אָפּגעדעקט דעם אונ־טערשטן שפּיץ װאָגן און גענומען אױף גיך טראָגן די זעק מעל.

צום ערשט איז אהרון ריקער געשטאַנען אָן אַ זײַט און זיך צוגעקוקט װי געשיקט די זעק פֿליִען אַרױף אױף די אַקסלען און װי נאָך געשיקטער זײ גליטשן זיך אַראָפּ דאָרטן, אינעװײניק, און װי גלײַך עס װאַקסט דאָרטן אױס אַ שטױס זעק, געקײַטלט אײנער אין אַנדערן, אײנער אין אַנדערן, ביזן סופֿיט.

פֿון דעם שטײן אָן אַ זײַט, האָט ער געטראַכט, װעט גאָרנישט װערן. ער איז צוגעגאַנגען, אַזױ נישט זיכער, פּונקט װי אַ פֿרעמדער האָן, װאָס װיל צוגײן צו אַ שיסעלע קערנער און שרעקט זיך אַז אָט, אָט לאָזט יענער האָן אָפּ די הון און װעט אים דורסן. נאָר אַז ער האָט געזען װי געװאַלטיק פֿאַרטאָן זײ אַלע זענען אין שלעפּן די זעק, איז ער פּאַװאָליע צוגעגאַנגען צום צװײטן װאָגן, אױפֿגעהױבן אַ שפּיץ ברעזענט און אָפּגעשלעפּט אַ זאַק מעל. ער האָט אָנגעבױגן דעם אַקסל צום זאַק. דאָ איז געטאָן אַ פֿלי אונטער שלמה כאַכאַל, געטאָן אַ גליטש צוריק דעם זאַק אױפֿן װאָגן און אים האָט ער געטאָן אַ שטופּ אַװעק.

איך האָב געזאָגט, איר װעט קײן זע...

אהרון ריקער האָט זיך געטאָן אַ גליטש און אַ פאַל מיט דער נאָז אויפֿן ראָד. אַ רױט שטראָמעלע בלוט האָט זיך געטאָן אַ גאָס איבער ר׳ אהרונס שװאַרץ מיט גרױ דורכגעזילבערטע באָרד און זיך געצױגן װי אַ רױט שלענגעלע אױפֿן פֿאַרבלאָטיקטן ראָד אַרױף. שלמה כאַכאַל האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. ער האָט זיך אָנגעבױגן, אָנגענומען ר׳ אהרונען אונ־טער בײדע אָרעמס.

באַלד זענען צוגעקומען נאָך טרעגערס. מ׳האָט אים אױפֿגעשטעלט. דער געלער הלל איז צוגעקומען. נאָך אײדער ער האָט באַװיזן עפּעס צו זאָגן, האָט שױן דער באַלעבאָס פֿון מעלסקלאַד פֿון דער טיר אַרױסגעשריִען:

— גזלנים זענט עץ, נישט קײַן ייִדן!

דער געלער הלל האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק װאָס דער מעל־סוחר

שרײַט דאָרטן. שאַרף און דורכדרינגענדיק האָט ער געקוקט מיט זײַנע בלױ שטאָלענע אױגן אױפֿן כאַכאָל.

יענער, כאָטש צװײ מאָל אַזױ ריזיק װי דער געלער הלל, איז געװען פֿאַרלױרן װי אַ גרױס יינגל. עפּעס האָט ער געשטאַמלט מיט דער שװאַרצער באָרד זײַנער:

— זײַט מיר מוחל ר׳ אהרן. כ׳האָב גאָרנישט געמײנט. װי איך בין אַ ייִד, גאָרנישט געמײנט...

נאָר אהרון ריקער האָט גאָרנישט געהערט. אַ פֿאַרשעמטער איז ער געשטאַנען אױסגעדרײט מיטן פּנים צום װאָגן און זיך געװישט די פֿאַרבלוטיקטע נאָז מיטן שװאַרצן אַרבל פֿון װאַטױוקעלע, װאָס האָט נאָך אַפֿילו נישט באַװיזן אױסגעמעליקט צו װערן.

פּײַנלעך שטיל איז געבליבן דאָס רעדל קנאַכיקע ייִדן, מיט די אײַזערנע הענט אַראָפּגעלאָזט, װי געלײמט. פֿאַרלױרענע, זענען זײ געשטאַנען אונטערן שפּיזלדיקן רעגנדל און נישט געװוּסט װאָס אָנהײבן צו טאָן. ערשט אַז דער מעל־סוחר האָט זיך פֿון דער טיר אַרױס צעשריִען: — גזלנים! ס׳מעל װערט דאָך מיר פֿאַרנעצט!

ערשט איצט האָט זיך דער געלער הלל געכאַפּט אַז װאָס אײגנטלעך שטײט מען טאָקע? נאָך אַלעמען איז ער דאָך דער פֿאָרזיצער פֿון פֿאַראײן. און אַז שלומה כאַכאָל האָט שױן יאָ אָפּגעטאָן אַזאַ מעשה...

ער איז צוגעגאַנגען צו אַהרון ריקער און אַזױ שטיל, װי ער װאָלט שולדיק געװען אין דעם, װאָס „זײַן מענטש", שלמה כאַכאָל, האָט נאָר װאָס אָפּגעטאָן, האָט ער אים אין דער פּלײצע אַרײַן אַרײַנגערעדט:

— אַהרון, נעם אַ זאַק! אַז דער כאַכאָל האָט נישט געװאָלט װאַרטן ביז דער פֿאַראײן װעט פּסקענען, דאַרף מען נישט װאַרטן. נעם אַ זאַק, ביסט פֿון איצט אָן גלײַך מיט אַלע...

— גערעכט, ר׳ הלל, גערעכט! — האָבן זיך אָנגערופֿן די אַרומשטײענדיקע טרעגער. זײ האָבן דערפֿילט אַז מיט דעם אומגעריכטן פּסק־דין האָט דער געלער הלל אַראָפּגענומען פֿון זײ עפּעס אַ גרױסע שולד, אַ גרױסע עבֿירה, װאָס איז דאָ נאָו׳ װאָס באַגאַנגען געװאָרן קעגן אַן אײדעלן ייִדן, אַן אָרעמאַן. מיט אײן מאָל איז אַװעק די פֿאַרלױרנקײט. די געלײמטע הענט זענען צוריק בײגעװודיק געװאָרן. זעק מעל האָבן גענומען װידער פֿליִען אױף אױסגעבױגענע אַקסלען אַרױף. און אינעװײניק, אין סקלאַד, איז שױן נאָך אַ שטױס זעק געװאַקסן אַרױף צום סופֿיט.

אױך אַהרון ריקער האָט גענומען שלעפּן די זעק. צום ערשט אַ ביסל פֿאַרשעמט, באַלד אָבער איז זר אױך אַרײַן אין אַמביציע און גענומען זיך יאָגן מיט די אַנדערע טרעגער. ער האָט אַפֿילו נישט געמאַכט זיך פֿון הללס װאָרענען:

ב. דעמבלין

— פאוואָליע אהרון, ס'בריפל איז גליטשיק.

עפּעס איז אים נישט אָנגעשטאַנען, אַז ער זאָל טראָגן ווייניקער זעס און קריגן אַ גלייַכן חלק.

דערפאַר שפּעטער, ווען מ'איז אַרייַנגעגאַנגען נעמען „צוביסלעך", ווען שלמה כאָכאָל איז צו אים צוגעקומען, די רעכטע האַנט אויסגעשטרעקט און אין דער לינקער דעם פולן קעלישעק, און מיט בעטנדיקע אויגן אים געזאָגט:

— מוחל, שלמה, מוחל במחילה גמורה...

הארץ. עפּעס איז אים אַ צער באַפאַלן, אַ צער אויף דעם וואָס ער האָט
נעבעך געבראַכט דעם שלמהן צו אַ גרויסער עבירה, צו שפיכות־דמים.

פאַר בושה האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט אים אויסגע־

— זייט מיר מוחל ר' אהרון, לחיים! האָט ער דערפילט אַ וויטיק אין
שטרעקט די האַנט און מיטן גאַנצן האַרץ אים געענטפערט:

יאָסל פלײשער

זלמנען

יאָסל פֿלײשער איז אויף ס'נײַ צוגעגאַנגען צום פֿענצטער. די לעכער פֿון די צעטרײסלטע און אַרויסגעפֿאַלענע שויבן זענען געװען פֿאַרשטעקט מיט שמאַטעס, פֿאַרקלעפּט מיט אַלטע צײַטונגען, װאָס דער װינט האָט געריסן מיט אַ מוראַדיקן געפּלאַטערײַ. דורך אַ געבליבן װינקעלע פֿון אַ געפּלאַצטער און אַרויסגעפֿאַלענער שויב האָט ער שוין צום װיפֿלטן מאָל געקוקט אויף דעם חורבן אין הויף, אויף דער אײַנגעפֿאַלענער אָפּיצינע, אויף די שטיקער װענט און הורבעס ציגל, אויף דעם געפּלאַצטן גלאָז און צעבױגענעם אײַזן, דורכגעװאַלגערט מיט צעדריקטע מעבלשטיק און צע־בראָכענע שטובזאַכן אין איין ריזיקער קופּע. עפּעס אַזאַ גרינלעך־גרוי, אומהיימלעך ליכט האָט זיך דורכגעריסן דורך דעם אויפֿגעבראָכענעם װינקל פֿון דעם שטענדיק פֿאַרמאַכטן הויף אַז יאָסלען האָט זיך אויסגעװיזן, אַז נישט דער הויף נאָר דער הימל אַליין איז דאָ אויפֿגעריסן געװאָרן.

יאָסל פֿלײשער האָט איצט געגאַרט זיך אַרויסצוכאַפּן אין דער אָפֿענער װעלט. קודם — אַ לעק װאַסער! װי די קעלט אין דעם האַלב חרובן, אָנ־שױבנדיקן שטיבל האָט נישט געפּײניקט, װי דער הונגער האָט נישט געצױגן דעם קליי פֿון די ביינער, האָט אָבער דער דורשט נאָך מער געטריבן, ממש נישט געגעבן קיין רו. חוץ דעם, די אומבאַשטימטקײַט, דאָס נישט װיסן װאָס ד־רויסן געשעט: עפֿענען זיך די געװעלבער? קריגט מען עפּעס צום דער־האַלטן די נשמה?

— גײ נישט, יאָסלשי, איך בעט דיך, גײ נישט! האָט לאה, פֿון חרובֿן בעט אַראָפּ, אין האַלב דרימל און האַלב צעטראָגנקײט, אויף ס'נײַ אים געבעטן.

אָט די דאָזיקע געבעטרייד האָט לאה אַזוי איבערגעחזרט װען נאָר איר האָט זיך אויסגעװיזן אַז יאָסל, דער מאַן אירער, פֿאַרנעמט זיך אַרויסצו־גיין פֿון שטוב. נאָר יאָסל האָט גאָרנישט געהערט לאהס רייד. זײַנע אַלע חושים, זײַן גאַנץ װעזן איז געװען אָנגעשפּיצט צום דרויסן. װי בײַ אַ חיה, װאָס שפּירט אַרום זיך דעם יעגער, איז זײַן געהער געװען װאַך צו

ב. דעמבלין

יעדן שאָרך אויף די טרעפּ, צו דער באַנומענער שטילקייט אויפֿן הויף און, דער עיקר, צו דער אָפּגעשטאָרבענער גאַס.

יאָסל האָט זיך אָוועקגעדרייט פֿון פֿענצטער. זײַנע מידע, דערשלאָגענע אויגן האָבן געוואַנדערט איבער דעם האַלב טונקעלן, חרובן שטיבל, די הײם זײַנע, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם. צוליב דער באָמבע וואָס האָט געטראָפֿן די אָפֿיצינע, איז די אויפֿטרייסלונג אין גאַנצן הויף געווען אַזוי שטאַרק אַז קיין איין זאַך איז דאָ, אין שטוב נישט געבליבן גאַנץ. דער טיש, אין סאַמע מיטן, איז געלעגן אײַנגעפֿאַלן ווי אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש, בײַ וועמען מען האָט אונטערגעבראָכן די פֿיר פֿיס. אויך ס׳בעט מיטן ברייטן קאָפּשטיק איז צוזאַמענגעפֿאַלן, אַפֿילו די ווענט האָבן נאָכגעגעבן, און טיפֿע שפּאַלטן, ווי אויפֿגעלאָפֿענע אָדערן, האָבן זיך באַוויזן פֿון דער פּאָדלאָגע ביז אַרויף צום סופֿיט.

ער האָט עפּעס געזוכט, יאָסל. דורך די לאַנגע וואָכן וואָס וואַרשע איז געווען באַלאַגערט איז אין שטוב אַלץ אויסגעגאַנגען. נישט קיין קערנדל שפּײַז, נישט קיין ליכט, נישט קיין הייצונג און נישט קיין וואַסער. בײַם אויסברוך פֿון אומגליק האָט עמעץ אָנגעוויזן היטלערס פֿליער דעם קוואַל פֿון וואַרשעס וואַסער און זיי האָבן געטראָפֿן און אויפֿגעריסן די נעץ פֿון רערן וואָס האָט זיך געצויגן אונטער דער ברייט און לענג פֿון שטאָט. נאָר אין יענע טעג, ווען וואַרשע האָט זיך נאָך קעגנגעשטעלט, האָט זיך יאָסל אַן עצה געטאָן. אין רעכטן מיטן פֿון דער בהלה, אונטער דעם פֿאַרטויבנדיקן געקראַך פֿון פֿאַלנדיקע מויערן, אונטער דעם האַגל פֿון אויפֿרײַסנדיקע באָמבעס, איז ער דאָך געלאָפֿן מיט אַ טשײַניק און אַ טאָפּ און געבראַ׳ענגט וואַסער אין שטוב אַרײַן. אַ מאָל איז דאָס געווען פֿון אַ פֿאַרלאָזענעם פּלומפּ, וואָס האָט זיך אויפֿגעהיט אין אַן אַלטן אָפּגעלעגענעם הויף און אַ מאָל, ווען עס איז שוין געווען צו געפֿערלעך, האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט צו דער ווײַסל. כאָטש דאָס ווײַסל־וואַסער איז געווען אומרײן. מיט שטיקער קויט, האָט עס דאָך געלאָשן דעם דורשט. אַפֿילו אַ ביסל שפּײַז האָט ער אין יענע בהלה־טעג באַוויזן צו ברענגען אין שטוב אַרײַן. אויב נישט די געוויינלעכע, שטענדיק־צוגעוווינטע שפּײַז, איז כאָטש אַ פּאַס פֿון אַ געפֿאַלן פֿערד... וואָס אַן אמת, לאָהן האָט ער געזאָגט אַז דאָס איז בהמה־פֿלייש. ער אָבער האָט געוווּסט אַז דאָס האָט ער, צוגלײַך מיט אַנדערע מענטשן, באַפֿאַלן אין מיטן גאַס אַ נאָר וואָס געהרגעט פֿערד און אָפּגעשניטן דערפֿון אַ שטיק פֿון ווו נאָר ער האָט געקענט. אים, דעם פֿליישער, האָט דאָס אַפֿילו געקאָסט געזונט. שנײַדן פֿאַסן מיט דער פֿעל? וואָלט מען כאָטש געווען געקאָנט דאָס געפֿאַלענע פֿערד אָפּשינדן און עס פֿערטלען אויף אַ לײַטישן שטייגער.

יאָסל פּליישער

יאָסל איז צוגעגאַנגען צום האַלב אײַנגעפֿאַלענעם בעט, וווּ לאה איז געלעגן אין אָנטועכץ, אַ צעשויבערטע מיט אַ פֿאַרחושכט פּנים. איר הויכער בויך האָט זיך געהויבן און אַלע ווײַלע אויפֿגעצאַפּלט. דאָס נפֿשל, וואָס האָט זיך דאָרטן געצײַטיקט אין אירע זאַפּטן, איז קאָנטיק געווען אומרויִק. עס האָט געשטויסן די ווענט פֿון בויך. נאָך אַ וואָך, נאָך אַ וואָך און עס וועט פֿאַלן אויף דער וועלט. גאָט איינער! אין וואָסער וועלט אַרײַן גייט ער דאָס ברענגען דאָס דאָזיקע קינד? וווּ וועט ער עס אַהינטאָן? און זי, די מאַמע? אינסטינקטיוו האָט ער אַ הייב געטאָן די אויגן צום סופֿיט: וועלן נישט די שפּאַלטן אין די ווענט גרייכן די סטעליע? וועט ער נישט, צו דעם גאַנצן אומגליק, אויך דאַרפֿן גיין זוכן אַ ווינקל וווּ דעם קאָפּ אַוועקצולייגן?

שטיל ווי אַ גנב האָט זיך יאָסל צוגעשאַרט צו לאהס צוקאָפּנס און פֿון דאָרטן אָפּערגעצויגן אַ פֿאַרוויקלט, ברודיק טאָרבעלע. ער האָט פֿאָרזיכטיק אויפֿגעוויקלט דאָס זעקעלע, אַרײַנגערוקט די צוויי פֿינגער ווי נאָך אַ שמעק טאַבאַק, אַרויסגענומען עטלעכע שטויבעלעך זאַלץ און זיי פֿאָרזיכטיק אַרויפֿגעטאָן אויף דער צונג.

יעדער מאָל אַזוי! ממש אַ פֿאַרכּישופֿטער קרײַז. וואָס מער דער דורשט פּײַניקט, וואָס מער די צונג אין מויל טריקנט אײַן ווי אַ האַרט שטיק פּאָדעשווע, אַלץ מער ציט אים צום טאָרבעלע זאַלץ, דאָס איינציק געבליבענע ביסל שפּײַז־פֿאַרמעגן אין שטוב. כאָטש ער ווייסט אַז נאָך אַזאַ נאַש וועט אים נאָך מער דורשטן קאָן ער זיך דאָך נישט אײַנהאַלטן. דאָס צעגייענדיקע זאַלץ מאַכט אים פּײַכט די צונג און גיט אים ס׳געפֿיל ווי ער וואָלט עפּעס געקראָגן אויפֿן גומען אַרויף. לאָזט אָבער נישט לאה אויפֿנאַשן דאָס ביסל זאַלץ. אַפֿילו פֿאַר געלט קאָן מען איצט קיין אַנדערס נישט קריגן. חוץ דעם, די פּראַקטישע פֿרוי ווייסט, אַז דאָס איז מער נישט ווי אָפּנאַרערײַ. דעו׳ עיקר אָבער האָט זי מורא אַז דער לעק זאַלץ וועט אים טרײַבן פֿון שטוב. דער דורשט וועט אים יאָגן נאָך וואַסער און פֿאַר דעם שרעקט זי זיך ווי פֿאַרן טויט.

לאה האָט געעפֿנט די אויגן. זי האָט זיך געוואָלט אויפֿהייבן און נישט געקאָנט. דאָס לויפֿן מיטן פֿולן לײַב, וואָך אײַן און וואָך אויס, פֿון הויכן שטאָק אַראָפּ אין שוצקעלער אַרײַן, האָט זי פּשוט אַוועקגעלייגט. די פֿיס זענען איר געוואָרן ווי קלעצער, פֿרעמדע, שווערע קלעצער אָנגעהאַנגען אין נאָך שווערערן גוף.

— שוין ווידער, יאָסל? האָט זי מיט אַ שוואַך קול געזאָגט און בײַ אים צוגענומען דאָס טאָרבעלע מיטן ביסל זאַלץ...

ב. דעמבלין

⁂

שוין דער דריטער טאָג ווי די באַלאַגערונג האָט אויפֿגעהערט. פּונקט ווי אין די לאַנגע מהומה־וואָכן איז וואַרשע פֿאַרטויבט געוואָרן פֿון געשרייען, פֿון געוויינען, פֿון געקראַכערייַ פֿון פֿאַלנדיקע הײַזער, פֿון אויפֿגעריסענע שראַפּנעלן, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער די קעפּ מיט אַ מאָוימדיקן גע־סווישטשערייַ, אַזוי איז איצט די שטאָט פֿאַרטויבט געווען פֿון אַ פּחדימדיקער שטילקייַט. דאָס איז געווען אַן אַנדער מין פֿאַרטויבונג, אַ דינע, שפּילקע־דיקע, אַזאַ וואָס האָט נישט געהאַמערט אין די אויערן, נישט געשלאָגן איבערן קאָפּ, נאָר געשטאָכן דאָס סאַמע ווען. אַ ליאַדע גיי איבער די טרעפּ, אַ ליאַדע קוויטש אין גאַס האָט אַ בריי געטאָן אין סאַמע האַרץ, אַ ברי וואָס האָט געמאַכט זיך איינקורטשען, אײַנשרומפּן, ווי דאָס ווען וואָלט געוואָלט אַרײַנזינקען אין אַן אַנדער וועלט אַרײַן.

דורך צוויי לאַנגע טעג שוין האָבן איבער די חרובע וואַרשעווער גאַסן, צווישן ברענענדיקע הײַזער וואָס קיינער האָט זיי נישט געלאָשן, פֿאַרבײַ פֿאַלנדיקע מויערן און צעריסענע, הענגענדיקע ווענט, וואָס קיינער האָט זײַ נישט אונטערגעשפּאַרט, געצויגן די אַרײַנדרינגענדיקע היטלער־זעלנער, באַ־וואָפֿנטע מיט מאַשין־געווער אויף די פּלייצעס, מיט ביקסן אויף די אַקסלען און האַנטגראַנאַטן אַרום די גאַרטלען. זייערע קעפּ און זייערע פּנימער האָט מען נישט געקאָנט זען נאָר בלויז די גרינלעך גרויע, שטאָלענע העל־מען, ווי שווערע, איבערגעקערטע שיסלען. אויך זייער גיין איז נישט געווען ווי מענטשן גייען, נאָר אַ מין שטעלן לאַנגע, גלייך געמאָסטענע שפּרײַזן פֿון שווער געקאָוועטע שטיוול, אַ שפּרײַזן וואָס האָט אָפּגעקלאַפּט אָן האַרטן, שטיינערנעם ברוק מיט אַ מאָוימדיקער ריטמישקייַט, אַ ריט־מישקייַט וואָס האָט געשלאָגן איבערן קאָפּ ווי דינע, שטאָלענע העמערלעך.

אַזוי דאָס ערשטן טאָג און אַזוי דעם צווייטן. ערשט אויפֿן דריטן טאָג האָבן זיך געוויזן אויך מענטשן אין די גאַסן. נאָר דאָס זענען געווען דער עיקר באַיאָרטע פֿרויען וואָס האָבן געלאָזן די פֿאַרהונגערטע משפּחות אין די צעטרייסלטע שטיבער און אַליין זיך אַרויסגעלאָזן איבער דער האַלב אָפּגעשטאָרבענער שטאָט זוכן אַ ביסל שפּײַז, אַ טראָפּן וואַסער. די דאָזיקע פֿרויען זענען נישט געגאַנגען, נאָר זיך געשלײַכט ווי שאָטנס האַרט בײַ די ווענט. צו מאָל האָבן זיי געטאָן אַ לויף און אַ היפּ אַריבער אַ גאַס ווי זיי וואָלטן געלאָפֿן פֿון אומגעזעענעם טויט, כאָטש קיין סכנה איבערגעפֿאָרן צו ווערן איז נישט געווען. קיין טראַמווײַען זענען נישט געגאַנגען. אויסער די איינצעלנע איבערגעקערטע וואַגאָנען, וואָס זענען געלעגן ווי אומגעבראַכ־טע באַשעפֿענישן אין מיטן גאַס, האָט מען דאָס מין אין גאַנצן נישט געזען. אויך קיין וועגן און אויטאָס האָט מען נישט געזען

יאָסל פלײשער

שפּעטער, אין האַלבן טאָג, האָבן זיך אויף אַראָפּגעוויזן אין די גאַסן אַרײַן ייִנגלעך, קריסטלעכע ייִנגלעך. זײַ האָבן שוין יאָ געוואַגט צו וואַרפן נײַגעריקע בליקן צו די מאַרשירנדיקע היטלער־זעלנער. טייל פון די ייִנגלעך האָבן אַפילו געשלאָסן ברודערשאַפט מיט די נאַציס. פאַר אַ שטיקל ברויט, פאַר אַ האַלב־אויסגערויכערטן פּאַפּיראָס, פאַר אַ שטיקל זיסוואַרג האָבן די נאַצי־יונגען, מיט די שוואַרצע האַקנקרייצן אויף די אָרעמס, דערנענטערט צו זיך די אויסגעהונגערטע, אָפּגעמאָרעטע, האַלב נאַקעטע קינדער, וואָס האָבן מיט ייִנגלשער פרייד זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי טשאַטעסווײַז און גאַנצע ערן אָנגעוויזן אין וועלכע הויף עס וווינען ייִדן. גאָר אָפט האָט אַזאַ ייִנגל געטאָן אַ שטעק אויס אַ ברודיק, דאַר הענטל, מיטן צײַגפינגער צו אַ גיך שוועבנריקער פרוי:

— אָט לויפט אַ זשירוווקע? אָט דאָרט איז אַ זשיד!

און עס איז באַלד געוואָרן פרײַלעך אויף די וואַרשעווער גאַסן, אַ שפּיל אין באַהעלטעלעך און כאַפּעלעך איז אָנגעשטאַנען. און די פּוילישע ייִנגלעך איז שטאַרק געפעלן געוואָרן די פרײַלעכקייט, אָט דאָס שפּיל פון כאַפּן ייִדן, וואָס די היטלערלײַט האָבן אַזוי שיין אויפגעשפּילט. זיי האָבן שטאַרק הנאה געהאַט צו זען ווי אָט שטעקט אַ ייִד אַרויס דעם קאָפּ פון אַ טויער. ער קוקט זיך פאָרזיכטיק אַרום אין אַלע זײַטן. ער טוט אַ לויף ווי אַן איבערגעשראָקענער האָן. נאָר דאָ טוט פּלוצעם אַ שפּרונג אַרויס פון; באַהעלטעניש אַ נאַצי־זעלנער און טוט אים אַ פּאַק ביים קאַרק, צו גאָר ביים אָרעם, אָדער ביי אַ פּאָלע פון דער לאַנגער, זשידאָווסקער קאַפּאָטע, און שוין צאַפּלט זיך דער ייִד אין זײַנע הענט, ווי אַ געכאַפּטע פליג צווישן צוויי האַרטע פינגער.

⁂

יאָסל פלײשער האָט ענדלעך געפּועלט. לאה האָט געמוזט אײַנזען, אַז פון זיצן אויסבאַהאַלטן אין שטוב וועט גאָרנישט זײַן. עס איז פאָרט נישט אַ מאָל, ווען אַ מענטש האָט געהאַט דעם קאָפּ אַרײַנצושמעקן צו אַ שכן, הערן וואָס מען מאַכט, אפשר אַ געפעליקײַט, אפשר אַ טובה? הײַנט איז דאָך יעדער מיט זיך פאַרנומען. וועסט נישט גיין נאָכן טעפּל וואַסער, וועסטו חלילה אויסגיין פון דורשט. וועסט נישט אויסשנאַפּן ווו ערגעץ מען קאָן קריגן אַ קריש ברויט, וועלן זיך דיר די געדערים איבערקערן פון הונגער. און זי, לאה, קאָן דאָך נישט מיטן גרויסן בויך זיך לאָזן צו דער ווײַסל אָדער גאָר אַהין צום פּלומפּ און אַוודאי נישט אַוועקשטעלן זיך אין אַ רײַ, בײַ אַ קראָם, מ׳זאָל איר חלילה אַרויסזעצן ס׳קינד פון בויך.

— אַוודאי, יאָסל, מוזסטו גיין, — האָט לאה שטיל, ווי מיט אַ האַלבן

ב. דעמבלין

מויל געזאָגט און זיך גיך אוועקגעדרייט צו דער אוונט, יאָסל זאָל נישט זען די טרערן וואָס האָבן איר אַ שטראָם געטאָן פון די אויגן.

שטיל, מיט אַ טיפן זיפץ, האָט יאָסל פליישער גענומען דעם פאַרקאָפּ־טשעטן טשײַניק פון דער פליטע אַראָפּ אין איין האַנט אַרײַן און אַ בלוי פענדל אין דער אַנדערער און איז גיך אַרויס פון שטוב.

עס איז נאָך געווען פרי. אַ גרויער אָנהייב ווינטער־מאָרגן. די שמאָלע, שיפע, שיליצער געסלעך זענען געווען פוסט, זעלטן אַ מענטש צו זען. ווו נאָר אַ קער — חרובע, צעשאָסענע הײַזער. פון טייל שטיין גע־בליבענע שטיקער מויער האָבן ווי פאַרשעמטע אַראָפּגעקוקט פיל קאָלירענע קוואַדראַטן, די שאַרף אָפּגעצייכנטע ווענט פון געוועזענע שטובן. זיי האָבן איצט אויסגעזען ווי מיאוסע, פירעקיקע לאַטעס, יעדע לאַטע אַ זכר לחורבן, אַ סימן פון אַ שטוב, אַ צייכן פון אַ נאָר וואָס געוועזענער, וואַרעמער, מענטשלעכער היים. דאָ און דאָרט, אויף די לאַטע־ווענט, אין פוסטן דרויסן אַרויס, איז נאָך געהאָנגען אַ פאַמיליען־פאָטאָגראַפיע, אַ בילדל פון פרידלעכע שניטערינס אין מיטן פון אַ זאַט, שפעדיק פעלד, אַ שטיין־געבליבענער זייגער מיט טויטע, נאָכהענגענדיקע וואָגעס. און קאַלט איז געווען, און דער ווינט האָט מאָוימדיק געריסן די לויז־געוואָרענע שטיקער טאַפּעטן, און איינזאַמע, האַלב אָפּגעריסענע, נאָכהענגענדיקע טירן האָבן זיך הפקרדיק געוויגט הין און צוריק, הין און צוריק.

יאָסל פליישער האָט פון אחד אײַנגעצויגן דעם שווערן קאָפּ אין די ברייטע אַקסלען אַרײַן, ער האָט אויפגעשטעלט דאָס באַראַנקאַווע קעלנערל פון קורצן, אויסגעפּעצטן וואַטוּוקעלע און גענומען שטעלן גיכע טריט.

געצויגן האָט ער איצט נישט צום פלומפּ, כאָטש דאָס לויטערע פלומפּ־וואַסער האָט אים שטאַרק געלאָקט. אהין איז אַ ווײַטער מהלך. דערצו איז דאָרטן זיכער קאָפּ אויף קאָפּ און די נאַצים לויערן דאָרטן געוויס. ער האָט זיך דעריבער פאַרנומען זייטיקלעך אַראָפּ צו דער ווײַסל. ווי אַ שיליצער תושב, אַ פליישער אין דאָרטיקן שעכטהויז, איז אים יעדער קערעווע און בייג פון אַ געסל געווען באַקאַנט און היימיש, האָט ער איצט, אָן אָפּשטעל, גיך געצויגן באַרג־אַראָפּ איבער די גערדרייטע, מיט שפּיציקע שטיינער, ברוקירטע געסלעך און באַלד האָט אים טאַקע די ווײַסל געטאָן אַ בלאַסק אין די אויגן. אַ רויקע, אַ האַלב אײַנגעפרוירענע שוין, איז זי געלעגן אומבאַוועגלעך אין דער פרימאָרגנדיקער גרויקײַט. אַ טויטע, דריי־קנדיקע שטילקײַט האָט פון איר געווייעט. אויך אַנטקעגן, דער פּראַגער ברעג, וואָס האָט תמיד געקאָכט און געזשומעט מיט לויפנדיקע באַנען און קאַלייקעס, שווער סאָפּענדיקע מיט וואָלקנס רויך, איז איצט געלעגן שטיל, קיין ראָד האָט זיך נישט געדרייט, קיין קוימען האָט נישט געאָטעמט, ממש

יאָסל פּליישער

אויסגעשטאָרבן! און דאָ, אויף דער וואַרשעווער זײַט איז דער לאַגער, טראַטואַר־געדעקטער ברעג געווען לײדיק, די רײען אַפּרובענק אונטער די יונגע, שוין נאַקעטע ביימלעך — פּוסט, פאַרלאָזן. אַנטרונען זענען די יונגע פּאָרלעך, וואָס פּלעגן אין די אויסגעשטערנטע נעכט קומען אַהער, צום שטילן ווײַסלברעג אויסחלומען זייערע יונגע, בלויע חלומות. פּוסט איז דאָ געוואָרן און אין דער פּוסטקייט, ווי אַ מעכטיק געשפּענסט, הענגט די אויפגעריסענע בריק. אַך, וואַרשע, וואַרשע!

— העי, יודע!

יאָסל פּליישער האָט אַ ציטער געטאָן. זײַן קורצער, געפּאַקטער גוף איז ווי נאָך קירצער געוואָרן. ער האָט זיך אומגעקוקט. דרײַ נאַצי־זעלנער אין גרין גרויער כאַקי מיט שטאָלענע העלמען אויף די קעפּ, די ביקסן מיט בלאַנקעדיקע באַגנעטן פאָרויס, האָבן גיך געצויגן הינטער אים:

— האַלט, יודע!

פון יאָסלס הענט האָבן מיט אַ הילך אויפן ברוק אַ פאַל געטאָן דאָס פּענדל מיטן טשײַניק. לײדיקע, ציטערדיקע, די צעעפנטע פינגער ווי אין קאָנוווּלסיע, האָבן זיך די הענט זײַנע געצויגן אינסטינקטיוו אַרויף, הויך איבערן קאָפּ. און די נאַצי־זעלנער, אָפּגעסאָפּעטע, האַלטנדיק כּסדר די ביקסן מיט די באַגנעטן פאָרויס, האָבן גיך געטאָן אַ לויף אָן און אַ רינגל אים אַרום. רציחהדיק האָט איינער אים אַ זעץ געטאָן מיט דער ביקס און די אַנדערע האָבן אים גלײַך גענומען באַטאַפּן און אים איבערקערן די קעשענעס:

— מאַרש, יודע! — האָט דער עלטסטער פון די דרײַ נאַצים אַ געשריי געטאָן. און שוין האָט איבער די פאַרלאָזענע, חרובע שיליצער געסלעך גענומען ציען אַן אומהיימלעכע פּראָצעסיע. יאָסל פּליישער מיט אויפגעהויי־ בענע הענט איבערן קאָפּ — פאָרויס, און דרײַ נאַצי־זעלנער מיט זייערע באַגנעטן שיער נישט אין זײַן פּלייצע — הינטער אים. פּאַוואָליע האָט די פּראָצעסיע געצויגן באַרג־אַרויף, באַרג־אַרויף צו דער נײַער וועלט, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַ הירזשענדיק לאַכן אויסגעמישט מיט אָפּגעריסענע, אויף טויט דערשראָקענע געשרייען, עפּעס ווי דאָרטן וואָלט אָנגעגאַנגען אַ ווילד געיעג, ווי אין אַ ווילדן וואַלד.

אַרויסקומענדיק פון די שמאָלע, שיליצער געסלעך אין דער נײַער וועלט אַרײַן, האָט יאָסל פּליישער דערזען אַ דערדריקנדיק בילד. אין מיטן דער ברייטער, רחבותדיקער גאַס זענען, ווי פּי אויף אַ מאַרק, געווען צונויפּ־ געטריבן ייִדן אין די הונדערטער. זיי זענען געשטאַנען צונויפגעטוליעטע, בלאַסע, מיט טויט־פּחד אין די אויגן, מיט שטומער שװײַגעניש אויף די בלויע, פאַרטריקנטע ליפּן. און אַרום זיי האָבן אַרומגעהאַוועט נאַצי־

ב. דעמבלין

יונגען מיט סוואסטיקאס אויף די לינקע ארבל, מיט שווערע פיסטוילן אין די גארטלען און בליי באשלאגענע ראפניקעס אין די הענט. און אויף די טראטוארן, פון ביידע זייטן גאס, ווי לוסטיקע צוקוקער, זענען געשטאנען קריסטן אין גרויסע געזעמלען. טייל האבן געווארפן א שטילן, צארנדיקן בליק אויף דעם ספעקטאקל, געטאן א קריץ מיט די ציין און טרויעריקע אוועק. אנדערע אבער זענען דא געבליבן שטיין. כאטש דער האס צו די נאציס האט אין זיי געגליט, האט דאך די גלוסטונג הנאה צו האבן פון יידנס ליידן, גובר געווען און זיי דא געהאלטן צוגעשמידט צו דעם נאצישן אויפ־שפיל איבער די געכאפטע יידן.

און די פוילישע יינגלעך האבן גאר אנגעקוואלן. האלב פארהונגערטע, געפרוירענע האבן זיי אפגעחוזקט פון די צונויפגעטריבענע יידן, געווארפן אויף זיי שטיקער בלאטע, פערדנמיסט, נאכגעקרימט ס'יידישע לשון: „טאַ־טעלע, מאמעלע, איי וויי!" אויף וואס די נאצי־יונגען האבן אפגעענטפערט מיט א הירזשנדיק לאכן און מיט א לוסטיקן צי מיט א ראפניק איבער די צונויפגעדרענגטע יידישע קעפ.

⁂

פאטער יאן סקרזשיפא, א בלאסע,ר א הויכער, א דארער, מיט אן אס־קעטיש פנים, ווי א הייליקער פון על־גרעקאס געמעלן, איז געגאנגען אראפ די ברייטע, מאסיווע טרעפ פון דער קירך „הייליק־הארץ". ער איז געווען טיף פארזונקען אין צער, פאטער יאן סקרזשיפא. ער האט ווי נישט באַ־מערקט די אנטקעגנקומענדיקע מתפללים, פרויען און קינדער און מענער, וואס האבן פאר אים אפגעדעקט די קעפ און אנידערגעקניט און פארהאלטן זיין גאנג, געקושט אים די בלייכע הענט, באריררט לייכט מיט טיפער הכנעה דעם זוים פון זיין לאנגן, שווארצן, גלחשן בגד.

יעדן טאג, זינט היטלערס מחבלים האבן אנגעמאכט דעם חורבן אין דער קירך „הייליק־הארץ", איז אזוי פאטער יאן סקרזשיפא געקומען און געגאנגען און יעדער מאל איז ער אויף ס'ניי ווי פארשטיינערט געבליבן און זיינע דינע, בלייכע ליפן האבן כסדר געפרעפלט: „יעזוס מאריא! דעם גאנצן אויבנאן מיטן אלטער האבן זיי צעשטערט. עפעס ווי דער שטן וואלט מיט א ריזיק מעטער איבערגעשניטן די קירך אין צווייען; דעם מזרח מיט אלע הייליקייטן אומגעבראכט און דעם הינטערשטן טייל מיט די מאסיווע טרעפ געלאזן גאנץ. הייליקע מוטער, דערבארעם זיך אויף אונדז!"

פאוואליע און מיט שטילע טריט, פארהוילענע הינטער דער לאנגער, גלחשער מאנטילא, איז איצט פאטער יאן סקרזשיפא געגאנגען לענג אויס די נייע וועלט. טיפע און שווערע רעיונות האבן געפלאגט זיין געמיט. מארד און רציחה שרייען פון יעדן ווינקל אין איבערגעפאלענעם פוילן.

יאָסל פליישער

די נאָבלסטע משפּחות ווערן אויסגעראָטן. אין דער פינצטערניש פון די נעכט ווערן טאַטעס און זין פאַרשלעפּט פון זייערע היימען, און קיינער ווייסט נישט ווו זיי קומען אהין. דער פּויער אין דאָרף ווערט פאַרקאַטעוועט צום טויט. פּוילישע טעכטער ווערן אַרײַנגעוואָרפן אין זעלנערישע שאַנד־הייזער. „הייליקע מאַריע, דערבאַרעם זיך!"

די פּאַרזונקענע מחשבות פון פּאָטער יאַן סקרזשיפּאַ זענען פּלוצעם איבערגעריסן געוואָרן: „אײַ ייײַ, טאַטעלע, מאַמעלע!"

דער בלאַסער, הויכער, אין זיך פאַרטיפטער גלח האָט אויפגעצאַפּלט. ער האָט פאַרהאַלטן זײַן טראָט. ווי מבולבל האָט ער געקוקט אויף דעם אומגעווייןלעכן בילד, דאָ אויף די צונויפגעטריבענע יידן אין מיטן גאַס, דאָ צו די נאַצי־יונגען, וואָס האָבן זיך איבער זיי לוסטיק געמאַכט, און באַלד צו די אַרומשטייענדיקע פּאָליאַקן וואָס האָבן מיטגעהירזשעט.

א לאַנגע ווײַלע איז פּאָטער יאַן סקרזשיפּאַ אזוי געשטאַנען ווי פאַר־שטיינט. פּלוצעם האָט ער געטאָן א שפּאַן אַרײַן אין מיטן הינגעריסענעם געזעמל פּאָליאַקן און גענומען פאָכען מיט די בלאַסע, ביינעריקע הענט פון די ברייטע שוואַרצע אַרבל אַרויס, עפּעס ווי נישט קיין מענטש נאָר א גע־פאַנגענער, א געפּײַניקטער גײַסט וואָלט זיך דאָ געראַנגלט מיט אַן אומ־געזעענער קראַפט:

— פּאָליאַקן, קאַטאָליקן, האָט ער געשריגן, איר לעסטערט גאָט! קריסטן דאַרפן האָבן רחמנות אויך אויף יידן, און איר העלפט דעם פּײַניקער, דעם שוואָב, פּוילנס שונא! אהיים גייט, אין די קירכן לויפט, זייט מתפּלל פאַר די געפּייניקטע, פאַר פּוילן!

א מהומה איז אַנגעשטאַנען. טייל פון די אַרומשטייענדיקע פּאָליאַקן האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און אין טיפער בושה זיך אַרויסגעגנבעט פון געזעמל. נאָר דאָ זענען געטאָן א שפּרונג אָן עטלעכע נאַצים. זיי האָבן א כאַפּ געטאָן דעם אַלטן גלח פאַר די צעשפּרייטע אָרעמס און מיט א זעץ איבערן קאָפּ אים פאַרמאַכט ס׳מויל:

— פאַרפלוכטער יודען־קנעכט!

אין דער מהומה האָט זיך דערווײַל געיאָוועט א ציווילער פאַרשוין מיט אַן עכט פּוילישער, בלאָער „מאַטשעיווקע" אויפן קאָפּ. דער גלאַנציקער דאַשיק איז אים געווען טיף איבער די אויגן. בעת די נאַצי־יונגען האָבן פאַרשלעפּט דעם אַלטן גלח פון דער נײַער וועלט אין א זײַטיק געסעלע אַרײַן, האָט ער זיך דאָ אַרויפגעכאַפּט אויף א באַרג ציגל פון א חרוב הויז און גענומען דונערן מיט א מעכטיקער שטים:

— פּאָליאַקן! דאָס איז נישט קיין גלח! א זשידאָווסקי פּאַכאָלעק, א יידישער קנעכט איז ער!

ב. דעמבלין

דאָס שטיין צונויפגעטריבן שעהען נאָך אַנאַנד און נישט טאָרן זיך אָנשפּאַרן, נישט איינער אָן אַנדערן און אויך נישט אַראָפּלאָזן זיך אויף דער ערד, האָט די ייִדן גאָר פאַרפּייניקט. שוואַכע האָבן נישט אויסגעהאַלטן. זייערע אָנגעשוואָלענע פיס האָבן זיך איינגעבויגן און האַלב זיצנדיק האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט צום נאַסן, קאַלטן ברוק. כאָטש די שטאַרקערע האָבן זיי געזוכט צו פאַרשטעלן מיט די אייגענע קערפּערס האָבן דאָך די נאַצי־יונגען, פּונקט ווי שפּירהינט, גלייך דערשמעקט און מיט רציחה זיך אַריינגעריסן אין צונויפגעדרענגטן געזעמל מיט ווילדע געשרייען: „פאַרפלוכטע יודען"! און דערביי געשניטן מיט די בליי געשמידטע ראַפּניקעס איבער די קעפּ, איבער די פּלייצעס, איבער פּנימער, אַלעמען, די וואָס האָבן געפּרוּווט פאַרשטעלן פּונקט ווי יענע וואָס האָבן געוואַגט נאָכצוגעבן זייערע מידע, אָנגעדראָלענע פיס און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

נאָר די ייִדן האָבן אַראָפּגעבויגן די קעפּ. מיט פאַרשטשעמעטע ליפּן און פאַרשלאָסענע ציין האָבן זיי אַרונטערגעשלונגען דעם ווייטיק און די בושה. נישט דער פּייניקער און נישט די לוסטיקע אַרומשטייער זאָלן הערן דעם קרעכץ און דעם וויוגעשריי פון זייער פאַרפּייניקטער קעל. און כאָטש ס'בלוט אין זייערע לייבער האָט געגליווערט איבער דער אומבאַשטימטקייט פון זייער גורל, צי וועלן נאָר די משפּחות וויסן ווו זייער געכאַפּט געביין איז אַהיינגעקומען, האָבן זיי דאָך איינער דעם אַנדערן זיך געטרייסט און שטילערהייט זיך געמוטיקט:

— ייִדן, נאָר בטחון!

— אַכטונג! האָט פּלוצעם אַ נאַצי מיט אַ רויט אָנגעפּרעסענער מאָרדע אַ געשריי געטאָן מיט אַזאַ רציחה, אַזש אַ גרויל איז אַריבער איבער די ייִדנס לייבער — רעכטס, לינקס, רעכטס, לינקס! האָט ער געקאָמאַנדעוועט מיט די ייִדן ווי מיט זעלנער.

אַ לוסטיק געלעכטער האָט אויסגעבראָכן ביי די קריסטלעכע צוקוקער וואָס אַרום אויף די טראָטואַרן. אויך ביי די נאַצים האָט זיך די רציחה פאַרוואַנדלט אין אַ חוזקדיק אָפּשפּאָטן איבער דער אומגעלומפּערטקייט פון די צונויפגעטריבענע ייִדן, וואָס די מערסטע פון זיי זענען געווען עלטערע לייט מיט גרויע בערד, אין לאַנגע קאַפּאָטעס, אַ סך פון זיי מיט טלית און תפילין אונטער די אָרעמס, אַנדערע גאָר מיט פאַרשידענע קיך־כלים, מיטגענומענע אויף אַהיים צו ברענגען אַ ביסל וואַסער צו שטילן דעם דורשט ביי גאַנצע משפּחות. די ייִדן, נישט זייענדיק געוווינט צו שטעלן מיליטערישע טריט, האָבן נעבעך, אונטער די נאַצישע קוויטשע־

יאָסל פּליישער

רייען „לינקס, רעכטס", אונטערגעשפּרונגען, ווי לאָמע עופות ועמען אַן אכזריותדיקע האַנט טרײַבט אַזוי הארצלאָז ארום.

ביסלעכווײַז האָבן די נאַצים אויספּאַרמירט קאָמישע רייען פון די ייִדן. עפּעס ווי זיי וואָלטן ספּעציעל צונויפגעפּאַרט פּלערליי ייִדן, הויכע און נידעריקע, אין קאַפּעליושן און אין קליינע, רונדע וואַרשעווער היטלעך. אַ נידעריק באַלײַבטן ייִדן מיט אַ רחבותדיק געלער באָרד לעבן אַ הויכן ייִדן מיט אַ גרוי ציגן בערדעלע. אַ געגאָלטן ייִד אין אַ שטײַפן קאַפּעליוש מיט פּענסנע איבער דער נאָז לעבן אַן איינגעהויקערטן רבֿ אין אַ ברייטער רבנישער זשופּעצע. נאָר דעם גרעסטן חוזק בײַ די אָפּשפּעטער האָט ארויסגערופן אַ קליין ייִדעלע, אַ דינס, אין אַ צעדריוולטער אַטלעסענער קאַפּאָטע מיט נאָכהענגענדיקע וואַטע־צוויטן און אַ ברייטן רבנישן, פּליוּשענעם קאַפּעליוש, וואָס האָט אים פּאַרדעקט, אַז מען האָט גאָר קיין פּנים בײַ אים נישט געזען. דערצו נאָך האָט ער געטראָגן אַ גרויסן טונקל בלויען טלית־זאַק מיט אַן אויסגעהאָפּטענעם, גילדערנעם מגן־דוד אונטערן קורצן אָרעם, און בײַ יעדן אונטערשפּרונג, וואָס ער טוט מיטצוהאַלטן אין די צו גרויסע שפּרײַזן פון זײַנע שכנים אין די רײַען, ווערט אַ הירזשנדיק געלעכטער אויף די טראָטוארן. און די נאַצי־יונגען, צו פּאַרשאַפן וואָס מער הנאה זיך און די „ארישע" צוקוקער, שמײַסן מיט די בלײַ־געשמידטע ראַפּניקעס איבער דעם ייִדעלעס פּיס און קאָמאַנדעווען:

— איינס, צוויי, רעכטס! איינס, צוויי, לינקס!

ווי יאָסל פּליישערס דמיון איז נישט געווען פּאַרטראָגן, דאָ צו דעם אומבאַשטימטן וואָס מיט אים גייט פּאָרקומען, דאָ צו לאָהן, וואָס וואַרט דאַרטן ער זאָל ברענגען אַ טראָפּן וואַסער אין שטוב אַרײַן, האָט ער דאָך כּסדר געזען דאָס ייִדעלע, אַ רבֿ מסתּמא, אין דער ריי פאַר אים, וואָס בלײַבט נעבעך אַלע ווײַלע הינטערשטעליק מיט זײַנע דראָבנע טריטעלעך און מאַכט אַזוי ארום אַז אויך ער, יאָסל, זאָל דאַרפן פּאַרהאַלטן דעם גאַנג און שטערן יענע, וואָס הינטער אים. אַ גרויס רחמנות האָט יאָסלען ארומגענומען. ווען ער קאָן, ווען די נאַצים לאָזן אים, וואָלט ער גענומען דאָס רבֿילע אויף די הענט און אים מיטגעטראָגן, ווי מען טראָגט מיט אַ קינד, וואָס קאָן נעבעך אַליין נישט מיטמאַכן דעם שווערן, האַרטן וועג.

אין מיטן די רעיונות האָט פּאַר יאָסל פּליישערס אויגן אַ בלענד געטאָן אַ קליין ווײַס הענטל און — דעם רבֿילעס קאַפּעליוש מיט דער פּאַרפּעדערטער יאַרמלקע האָט אַ פּאַל געטאָן צום ברוק.

דאָס ייִדעלע האָט אויפגעזאַפּלט. גיך האָט ער מיט דער רעכטער האַנט פּאַרדעקט דעם אָפּגעדעקטן קאָפּ און מיט דער לינקער, האַלטנדיק שטײַף

ב. דעמבלין

דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם, האָט ער זיך געשטערקט צו דער ערד צו דערכאַפּן דעם אַראָפּגעוואָרפענעם הוט.

דאָס איז געשען אַזוי גיך און אַזוי אומגעריכט אַז די הינטערשטע רייען האָבן נישט באַוויזן אײַנצוהאַלטן זייערע טריט און יאָסל פּליישער איז געפאַלן איבער דעם אײַנגעבויגענעם ייִדן און עטלעכע פון די הינטערשטע רייען — איבער אים, יאָסלען. נאָר איידער נאָך די רייען האָבן זיך אויס־געגלײַכט און דאָס הירזשענדיקע געלעכטער פון די נאַציס און די אָרומ־שטייער האָט אויפגעהערט, האָט דאָס הענטל ווידער זיך אַ שטרעק געטאָן און ווידער אַראָפּגעשליידערט דעם ייִדנס הוט.

ווידער האָט זיך איבערגעחזרט די פריִערדיקע סצענע פון אָנשלאָגן זיך און פאַלן איינער איבערן אַנדערן און ווידער האָט דאָס ייִדעלע גיך צוריק אַרויפגעכאַפּט דעם הוט און אַ האַצקע אונטער געטאָן אָנצוויאָגן די אָפּגעגאַנגענע רייען. נאָר איצט, צו פאַרהיטן דאָס שפּיל זאָל זיך נישט ווידער איבערחזרן, האָט שוין דאָס ייִדעלע מיט דער רעכטער האַנט צו־געהאַלטן דעם קאַפּעליוש, אַ שטייגער ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ.

ערשט איצט האָט דער אַרומשטייענדיקער עולם קריסטן געהירזשעט. זיי האָבן שטאַרק הנאה געהאַט צו זען ווי דאָס קליינע ייִדעלע האַצקעט אַזוי קאָמיש אונטערהאַלטנדיק איין האַנט פאַרריסן צום קאָפּ און אונטער דער אַנדערער אַ זאַק מיט זשידאָווסקע הייליקייטן ווי אַ בארג די גרויס. אַזוי האָבן מסתמא די אַמאָליקע רוימער אָפּגעלאַכט פון יעזוסן בעת ער האָט זיך געשלעפּט מיט דעם קרײַץ איבער דעם לאַנגן גלגתאָ־וועג. איז אָבער איינעם פון די נאַצי־יונגען דאָס בילד נישט געפעלן: „ווי אַזוי גייט דאָס דער יודע״? און ער האָט געטאָן אַ לויף אָן מיט דעם בליי־געשמידטן ראַפּניק און געטאָן אַ צי איבער דעם ייִדנס קליינער, ווײַסער האַנט, וואָס האָט אַזוי מסירת־נפשדיק געהיט ער זאָל חלילה נישט נאָך אַ מאָל גע־שטרויכלט ווערן מיט דער עבֿירה פון „גילוי ראש״.

— גלײַך גיין, יודע!

פון דעם ייִדנס האַנט און קאָפּ האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ רויט לוזשקעלע בלוט. אַ שטילער קרעכץ האָט זיך געהערט, אַ קרעכץ וואָס האָט יאָסל פּליישער אַ וואָרג געטאָן אין קעל. דער קצבֿ־יונג, וואָס האָט קיין מאָל נישט געוווּסט פון אַראָפּבייגן דעם קאָפּ, פון אַראָפּשלינגען אַן עוולה, האָט איצט געפילט ווי ער גייט ממש אויס פון הילפלאָזן כּעס.

נאָר אָט האָט זיך דער נאַצי צוריקגערוקט צו דער הינטערשטער ריי און שוין האָט זיך ווידער אַ ווײַז געטאָן דאָס שייגעצל מיטן אויסגעשטרעקטן הענטל. אַ לאַכעדיקס, מיט אַ פאַרריסן נעזל, נאַסלעך פון דער קעלט, צופרידן

יאָסל פּליישער

פון דעם ייִדעלעס בייגן זיך און אונטערהאַצקען, האָט דאָס שייגעצל ווידער געטאָן אַ שטרעק דאָס הענטל צום ייִדנס הוט.

יאָסל פּליישער האָט איצט גאָרנישט געטראַכט. ער האָט נישט געדענקט אָן קיין סכּנה. מיטן גאַנצן כּוח און האַס וואָס ער האָט איצט אין זיך געהאַט האָט ער אַ זעץ געטאָן איבער דעם אויסגעשטרעקטן הענטל.

וואָס נאָך דעם איז געווען געדענקט ער נישט. ער געדענקט נאָר ווי היים בלייַ האָט גענומען רעגנען איבער זייַן קאָפּ. ער געדענקט אויך ווי דאָס רבּילע איז געטאָן אַ פֿאַל אַרויף אויף אים מיט אַ ביטער געוויין: — „צו וואָס האָסטו מפקיר געווען דאָס נפש" ?

⁂

יאָסל פּליישער איז געלעגן אין דער פינצטערער קאַמער, אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, איינגעקנוילט, די קני אין מויל — אַ צונויפֿגעוויקלט פּעקל. ער האָט בשום אופן זיך נישט געקאָנט דערמאָנען וואָס מיט אים איז פֿאָרגעקומען. אים איז אויך נישט קלאָר געווען צי עס איז טאָג צי נאַכט און ווו ער געפֿינט זיך. עטלעכע מאָל, נאָך לאַנגע הפסקות, האָט זיך פּלוצעם, אין דער פינצטערניש, געוויזן אַ פּאָס רויט עלעקטריש ליכט. אין דעם ליכט האָט זיך געזען אַ הויכע געשטאַלט. אַ האַנט האָט זיך געטאָן אַ שטרעק אויס: „הייל היטלער" ! און ווידער פינצטער.

עטלעכע טעג איז יאָסל פּליישער אַזוי געלעגן אין הינערפּלעט. צו מאָל פֿלעגט אים ליכטיק ווערן אין מוח. ווי אויף אַ פֿילם-לענטע, פֿלעגט ער זיך דערזען, ווי עס וואָלט נישט געווען ער אַליין, נאָר עפּעס אַ צווייטער מענטש וועמען ער קאָן זייער גוט. אָט לויפֿט ער דאָרטן, דער קליינער יאָסל, מיט נאָך שיליצער ייִנגלעך איבער אַלטע, אָפּגעלעגענע הייף. ער טוט אַ צי דעם גלאָק ביי אַ טויער און באַהאַלט זיך. פֿון באַהעלטעניש קוועלט ער אָן ווי דער סטרוזש מיטן גרויסן בעזעם לויפֿט אָן, מיינענדיק אַז דער „רעוויראָווע" רופֿט אים דאָס. און אָט פּאַדעט ער גאָר אַרום שעכטהויז. ער גלעט די קי און אָקסן וואָס שטייען מיט הכנעהדיק געבויגענע קעפּ, אין טויט-מורא פֿאַר דעם געאַנטן חלף. די מאַמע, אַ הוסטנדיקע, שרייַט דורכן קליינעם פֿענצטערל: „יאָסל ! י אָ ס ל ! " נאָר ער איז שוין גאָר ביי דער ייַיסל. אָן אויסגעטועגער שטייט ער מיט נאָך אַ גאַנצער כאַפּטע ייִנגלעך, איינער הינטערן אַנדערן. ער טוט אַ שפּרונג: האָפּ! אַ נורעק! דאָס וואַסער איז קיל, מחיהדיק קיל! ער גרייכט דעם באָדן, גאָלדיק געלער זאַמד. בלאַנקע שטיינדעלעך. אַ פֿישעלע שווימט אָן. ער שטרעקט אויס די האַנט: כאַפּ! עס ווערט אַ געשלעג, שקצים אַנטלויפֿן מיטן אָנטועכץ, און — שוין ! ווידער פינצטער אין מוח, ווידער אָפּגעריסענע קלאַנגען. ער עפֿנט די אויגן: אין אַנטקעגנדיקן ווינקל וויגט

זיך א נידעריק געשטאַלט. אין פֿינצטערן חלל בלאַנקען די ווײַסע שטרײַפֿן פֿון א טלית. א געבראָכן, וויינענדיק קול קלאָגט אזוי זיס, אַט ווי דער טאַטע זײַנער א מאָל אין די פֿאַרטאָגן פֿון תּהילימל ארוים: „הושיענו וגושעה כּי תּהלתנו אתה". און פֿאַוואָליע, פֿאַוואָליע בייגט זיך די געשטאַלט איבער אים. ער הערט באַשײַנפֿערלעך ווי ער רעדט צו אים: „זון מײַנער, א ייִד טאָר נישט מפֿקיר זײַן ס'נפֿש"!

— יאָסל?

— לאה?

אָט איז זי דאָך, לאה! עס איז שבת אין דער פֿרי, שבֿועות־צייט. אין פּראַגער וועלדל איז קיל. זונפֿלעקן, ווי גאָלדענע פֿלאַטערלעך, טאַנצן דורך די שיטערע ביימעלעך אַרום אויף דער ערד. דאָס יונגע גראָז איז נידעריק און פֿײַכט. פֿרישע טויטראָפּנס, ווי בלענדנדיקע פּערל, בלאַנקען פֿון די גרעזעלעך אַראָפּ. ער שפּרייט אויס זײַן רעקל. לאה, אין איר העל בלוי קלייד, זעצט זיך. ער — לעבן איר. ער לייגט זײַן קאָפּ אין איר שויס. זי גלעט אים דאָס פּנים, שפּילט זיך מיט זײַנע האָר. זי קוקט אַוועק ווײַט, ווײַט און מורמלט אים שטיל אין אויער אַרײַן: „יאָסל, מײַנער, מײַנער". ער נעמט זי אַרום, טוט איר א קוש: „לאה, טײַערע, מײַנע, מײַנע אויף אייביק"!

א האַנט האָט אים צאַרט באַרירט: — זון מײַנער.

יאָסל האָט זיך אומגעקוקט. ער האָט געפֿילט די ווייכקייט פֿון טלית אויף זײַן צעוווּנדיקט געזיכט. אויך דאָס קול האָט זיך אים פֿאַרהעקלט אין מוח. ער האָט שוין, דאַכט זיך, דאָס קול ווו געהערט? ער האָט אָבער נישט געענטפֿערט. עפּעס ווי ער וואָלט געווען פֿאַראַליזירט, ווי יעדער ווילן וואָלט בײַ אים געווען אָפּגענומען. ער האָט אויך איצט קלאָרער באַנומען דעם פּאַס רויטן ליכט, וואָס האָט פֿון דער געעפֿנטער טיר א פֿאַל געטאָן איבער דער פֿינצטערער קאַמער. און כאָטש ער האָט בולט געזען דעם הויכן זעלנער מיטן שײַנוואַרפֿערל זיך דערנענטערן צו אים און עפּעס אַראָפּליגן לעבן אים אויפֿן דיל און אויך קלאָר געהערט ווי ער רעדט אַראָפּ אויף זײַן קאָפּ אַראָפּ: „אָרעמער, אָרעמער קערל! דו וועסט הענגען", האָט דאָס אים, יאָסלען, לחלוטין נישט באַרירט ווי עס וואָלט מיט אים גאָר קיין שײַכות נישט געהאַט, נאָר עפּעס מיט אַן אַנדער יאָסל פֿליישער, וואָס אַט גייט ער דאַרטן מיט א קלומיקל אונטערן אָרעם. לעבן אים גייט לאה. עס איז איר שווער צו גיין מיטן הויכן בויך. זי טוליעט זיך צו אים. איבער די קעפּ טראָגן זיך די נאַציִשע עראָפּלאַנען. עס פֿאַלן באָמבעס. הײַזער רײַסן אויף. שׂרפֿות גליִען. עס שטייט א טומל, א מהומה! מאַנצביל אײַלן, זיי ציִען אָפּ פֿון דער ברענענדיקער שטאָט. פֿון הינטן בלײַבן די מאַמעס און ווײַבער. זיי שטייען און קוקן

יאָסל פליישער

נאָך מיט פאַרוויינטע אויגן ווי זייערע מענער און זין דערוויַיטערן זיך, פאַרשווינדן, און זי, לאה, דריקט אים צו זיך, האַלט אים צו און מורמלט: „גיי נישט, יאָסלשי, גיי נישט״!

— זון מײַנער, — האָט די האַנט אים ווידער אַ טרייסל געטאָן, — ענטפער מיר כאָטש.

יאָסל האָט ברייט געעפנט די אויגן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער שטאָק־פינצטערניש, פונקט ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שווערן קאָשמאַר!

— האַ, וואָס?

— געלויבט איז השי״ת, האָט דער ייִד, מיט פאַרהויבענע הענט צום סופיט, געזאָגט.

— ווו בין איך? האָט יאָסל דערשראָקן געפרעגט און געפרווט זיך אויפזעצן.

— מיר זענען אַלע ביַים רבונו־של־עולם אין די הענט, האָט דער ייִד געקרעכצט.

— ווער זענט איר?

— דערקאָנסט מיך גאָרנישט? ווײ, ווײ! איך בין דאָך נעבעך דער גורם דײַנער.

אין יאָסל פליישערס טומאַנעם מוח האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, ליכטיקער ווערן. ער האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען וואָס מיט אים איז געשען. פאַר זײַנע אויגן האָט דאָ, אין פינצטערן חלל, זיך ווידער אַ וויַיז געטאָן דעם שייגעצלס קליין, אויסגעשטרעקט הענטל, אינסטינקטיו האָט ער אַ הייב געטאָן זײַן האַנט און מיט אַלע כּוחות איבער דעם אַ זעץ געטאָן!

ערשט איצט האָט יאָסל פליישער דערפילט די שאַרפע ווייטאָגן אין זײַן צעוווּנדיקט לײַב. און די וואַכקייט צו די פיזישע ווייטאָגן האָט שוין וואָך געמאַכט זײַן מוח צו די פריִער געהערטע רייד פון דעם הויכן זעלנער: „ווּעסט הענגען, אָרעמער קערל״!

יאָסל פליישער האָט אויפגעשווידערט. די דאָזיקע ווערטער זענען איצט אויפגעגאַנגען נישט נאָר אין זײַן מוח. פאַר זײַנע אויגן האָבן זיי געטאָן אַ גלי אויף אין אַ מאָוימדיקער גרייס. און פונקט ווי די גליִיִקע ווערטער זענען פאַר זײַנע אויגן געשטיגן, גרעסער, גרעסער, אַזוי האָט ער אַליין געשרומפּן: קלענער, קלענער און אַ טויטלעכע קעלט האָט אים אײַנגעקלאַמערט, עפּעס ווי דאָס האַרץ זײַנס וואָלט אים אײַנגעפרוירן געוואָרן און זיך אָפּגעשטעלט און פון זיך אַליין האָט אַלץ אין אים אָנגעהויבן צו ווײנען שטיל, נישט ווי ער, נאָר דאָס קאַלט געוואָרענע, אײַנגעשרומפּענע ווּעזן זײַנס וואָלט פון אים אַרויסגעקלאָגט: „לאה, לאה״!

ב. דעמבלין

— דו וויינסט? האָט דער ייִד אין טלית אים געפרעגט און זיך גענע־טער צו אים צוגערוקט און, אויפהייבנדיק די אויגן צום פֿינצטערן חלל, האָט ער אַרויסגעזיפֿצט: — „רבונו־של־עולם, האָט שוין חלילה דער שׂטן די גאַנצן שליטה"?

יאָסל פֿליישערס שטיל, שלוכצנדיק געוויין האָט גורם געווען אַן אויפֿ־רודער אין דער פֿינצטערער קאַמער. די אַרייַנגעוואָרפֿענע מענטשן, גע־כאַפּטע אין אַלע גאַסן פֿון וואַרשע, צעקייַלטע, אַ סך פֿון זיי באַוווּסטלאָזע האָבן אין דעם שלוכצן ווי אויפֿגעטייַעט. די אייגענע לעבנס, פֿאַרחלשטע, פֿאַרפּייַניקטע, האָבן אָנגעהויבן קומען צו זיך, זיך צורוקן איינער צום אַנדערן. און שאַרפֿער איז געוואָרן דאָס קרעכצן און צוזאַמען מיט דעם ייִדישן קרעכצן איז פֿון דער פֿינצטער אויך אויפֿגעגאַנגען אַ ווייטיקדיק פּרעפּלען אויף פּויליש: „הייליקע מאַריִע, דערבאַרעם זיך"!

יאָסלען איז אַ פּחד באַפֿאַלן. עפּעס האָט דאָס רוקן זיך פֿון אומגע־זעענע מענטשן איבערן דיל פֿון דער פֿינצטערער קאַמער אים געגעבן דאָס געפֿיל ווי ער וואָלט זיך געפֿינען אַרייַנגעוואָרפֿן אין אַ הייל ווו מאָוימדיקע ווערעם קריכן איינער איבערן אַנדערן און אָט, אָט, קריכן זיי אויף אים. אינסטינקטיוו האָט ער זיך אַ רוק געטאָן צו דעם ייִדן אין טלית, עפּעס ווי אַ הילפֿלאָז קינד וואָס זוכט שוץ בייַ אַ פֿאָטער. אין גרויס שרעק האָט ער גאָרנישט געהערט ווי דער ייִד האָט שטיל אין איב אַרייַנגעמורמלט:

— זאָג מיר נאָך, זון מייַנער: אָשמנו, בגדנו, גזלנו.

יאָסל פֿליישער האָט געשוויגן. ער איז איצט גאָר געווען פֿאַרטראָגן אין אַן אייגענעם חשבון־הנפֿש. דאָס יונגע לעבן זייַנס, וואָס האָט זיך איצט געקורטשעט אין פּחד פֿון געאַנטן סוף, האָט אים געשטופּט אַ זשאַ־ווערנדיקע חרטה אין דער סאַמע קעל אַרייַן, אַ חרטה דערשטיקט צו ווערן: לאָה, דאָס נישט געבוירענע קינד. צו וואָס האָט ער באַדאַרפֿט זיך אָננעמען יענעמס קריוודע? פֿון דער אַנדערער זייַט האָט אָבער דאָס געפֿיל פֿאַר־גערעכטיקייט אים געלאַשטשעט, געקילט דעם ברענענדיקן פֿאַרדרוס, אים נעגעבן גערעכט: יאָ, אַזוי האָסטו באַדאַרפֿט טאָן, יאָסל! אַזוי באַדאַרף אַ מענטש טאָן!

— זון מייַנער, האָט דער ייִד אין טלית אים ווידער אַ ריר געטאָן בייַ אַן אָרעם, אַ ייִד באַדאַרף שטאַרבן מיט ווידוי. ריין באַדאַרף מען קומען פֿאַרן רבונו־של־עולם! ריין, אָן אַ פֿלעקעלע פֿון זינד.

אין יאָסל פֿליישער האָט אויפֿגעגליט דער צאָרן. זייַן אייַנגעבוירן געפֿיל פֿאַר גערעכטיקייט האָט אַ שטייג געטאָן:

— יעך בין נישט זינדיק!

— זון מייַנער, עס שטייט בפּירוש, „המאביד עצמו לדעת"!...

יאָסל פליישער

— יעך פאַרשטיי דאָס ניִשט!

— ווי מיר, נעבעך אַן אמתער צדיק־תמים. האָסט נעבעך גאָרנישט געלערנט? ווייסט גאָרנישט, אַז ס'איז אַ זינד מפקיר צו זײַן ס'נפש?

— יעך האָב נישט געזינדיקט! יעך וואָלט איצט ווידער געטאָן דאָס אייגענע!

— אַ ייִד טאָר אָבער אַזוי נישט טאָן! צו פיל און צו שטאַרק זענען אונדזערע שונאים. אַ ייִד מוז נעבעך אַראָפּבייגן דעם קאָפּ און האָבן בטחון אין רבונו־של־עולם;

— און זיך לאָזן שפּײַען אין פּנים אַרײַן?

— צו דערהאַלטן ס'נפש? יאָ!!!

— ניין, זאָג יעך, האָט יאָסל פליישער אַ געשריי געטאָן, זאָל מען מיך איצט אַרויסלאָזן על יעך ווידער אײַנשטעלן מײַן לעבן און כאַטש איין פּײַניקער די ריפּן צעברעכן!

ווידער איז געוואָרן שטיל. ווידער האָט זיך שאַרף געהערט דאָס זיפּצן און פּרעפּלען פון די פינצטערע ווינקעלעך אַרום און ווידער איז יאָסל פליישער אַרײַנגעפאַלן אין זײַנע באַנגע מחשבות: „לאָה, וואָס וועט מיט איר זײַן? ווו וועט זי זיך אַהינטאָן מיט אַ פּיצעלע עופהלע אין די הענט”? ער האָט זיך פלוצעם אַ קער געטאָן צום ייִדן אין טלית.

— רבי, איר וועט דאָך זיכער פון דאַנען אַרויס. אייך וועט מען דאָך גאָרנישט טאָן, איר זענט דאָך גאָרנישט שולדיק, בעט יעך אײַך איר זאָלט אָפּזוכן מײַן לאהן און איר זאָגן, אַז יעך האָב אַנדערש נישט געקאָנט! און טאָמער וועט עס זײַן אַ יינגעלע זאָל זי אים אַ נאָמען געבן נאָך מיר, נאָכן טאַטן, יאָסל, יאָסל פליישער.

דער ייִד האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ:

— ווי מײַנע אויערן! בטחון באַדאַרף אַ ייִד האָבן. אין דער לעצטער רגע קאָן דער אייבערשטער טאָן אַ נס. — און ווי צו אַנטלויפן פון דעם שווידערלעכן בילד וואָס דער יאָסל האָט פאַר אים געטאָן אַ רוף אַרויס, האָט ער זיך גיך געטאָן אַ שטעל אויף, געטאָן אַ פאַל צו מיטן פּנים צו דער וואַנט און זיך גענומען וויגן אײַנגעהילטערהייט אין טלית הין און צוריק אין שוואַרצן חלל, פונקט ווי דער אומרו פון אַ זייגער און דערבײַ הויך אויפן קול גענומען קלאָגן: — אוי, לדוד, אליך ד' נפשי אשא: אלהי בך בטחתי, אל אבושה, אל יעלצו, אויבי לי!

⁂

פון יענער זײַט וואַנט האָט זיך אין דער פינצטערער קאַמער אַרײַן אָנגעטראָגן אַ גערודער. עס האָט זיך געעפנט די טיר. דער פאַס עלעקטריש ליכט איז געטאָן אַ פאַל איבער דער גאַנצער ברייט פון קאַמער, אַזש

ביז אויך דער אנטקעגנדיקער וואנט ארויף. פון דעם פלוצעמדיקן ליכט־בלענד האבן די געטראפענע מענטשן זיך פארשטעלט די אויגן. א בינטל נאציס מיט אנגעצונדענע שיינווארפערס אין די הענט האבן זיך געטאן א שטעל אריין אין דער געעפנטער טיר. א בינטל הענט האט זיך געטאן א שטעק אוים:

— הייל היטלער!

די שיינווארפערס, ווי שארפע מעסערס, האבן געשניטן די פינצטערע קאמער, געגישטערט צווישן דעם צונויפגעדרענגטן עולם, וואס האט זיך מיט די הענט פארדעקט די פנימער, נישט אזוי פארן שארפן ליכט ווי פארן טויט־פחד וואס דאס ליכט האט מיט זיך אריינגעבראכט:

—יאן סקרזשיפא! האט איינער פון דעם בינטל נאציס אויסגעשריגן.

א רגע איז געווען שטיל, אזוי שטיל אז מען האט ממש געהערט דעם געפאך פון מלאך־המותס שווארצע פליגל. באלד האט די זעלבע שטים ווידער געטאן א געשריי:

— יוזעף פיינמאן!

אין צוויי ווינקעלעך, באלויכטענע פון די שטעכיקע שיינווארפערס, איז געווארן אן אויפרודער. אין איינעם האט זיך ארויסגעהויבן א הויך געשטאלט אין א לאנגער, שווארצער, גלחשער מאנטילא. אין דעם בלענ־דענדיקן שיין, וואס די אומגעזעענע האנט האט אזוי רציחהדיק געהאלטן אנגעשטעלט אויף זיין בלאס, אויסגעצערט פנים, האבן זיך געזען צוויי לאנגע, טיפע קנייטשן אין זיינע איינגעפאלענע באקן. אויך דריי רויטע וונדן, ווי א בלוטיקער שין, האבן געברענט אויף זיין הויכן טויט בלאסן שטערן.

אין צווייטן ווינקעלע, אין פונקט אזא שארף, שניידנדיק ליכט, האט זיך מיט די לעצטע כוחות אויפגעשטעלט דער נידעריקער, ברייטפלייציקער יאסל פליישער. מיט טראציק פארשלאסענע ליפן, נישט צו פאררעדן צום פייניקער דעם מינדסטן ווייטיק פון זיין צעפאסעוועט לייב, האט ער אן א פינטל מיט אן אויג געקוקט גלייך און דרייסט אין דעם שארפן ליכט אריין, וואס דער נאצי האט מיט אזא סאדיסטישער הנאה געפירט הין און צוריק איבער זיין אויפגעלאפן צעביילטן פנים.

ביידע אויפגערופענע זענען געווען אין גאלע קעפ. ביידנס האר, דעם אלטן גלחס שיטערלעך גרויע האר און דעם יונגן יידנס געדיכטע שווארצע האר, זענען געווען צונויפגעקאלטנט אין הארטע בינטלעך, פארטריקנטע אין דעם אייגענעם פארגליווערטן בלוט. שטיל און מיט טראציקער ווירדע האבן די צוויי מענטשן זיך גענומען דערנענטערן צו די באוואפנטע נאציס. נאר דא האט פלוצעם די טויט פארגליווערטע קאמער אויפגעריסן. מענטשן

וואָס זענען געלעגן אין די פינצטערע ווינקעלעך אומבאַוועגלעך, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, אין טויט־פּחד פאַר דעם אייגענעם לעבן, האָבן זיך געטאָן אַ וואָרף צו דעם גלחס פּיס:

— אָ, הייליקע מוטער, דערבאַרעם דיך!

אויך די יידן האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געיאָמער, אַז די הערצער און בלוטן אַפילו ביי די נאַציס האָבן גענומען גליווערן. בלויז דער אַלטער רבֿ וואָס האָט נישט אויסגעטאָן טלית און תּפילין נאָר זיך כּסדר געלייטערט און געגרייט צום סוף און דאָך אַלץ געהאָפט אויף אַ נס, האָט שטיל געטאָן אַ שוועב אַרויס פון פינצטערן חלל און זיך געטאָן אַ שטעל מיט אַזוי פיל דערהויבענער רויקייט צווישן יאָסל פליישער און די נאַצי־זעלנער. פאַר זיין אייגן לעבן וואָלט ער אוודאי נישט געבעטן, אדרבה, ער וואָלט אָנגענומען גאָטס רצון באהבֿה. אָבער ווי קאָן ער שווייגן ווען דעם יונגן יידנס לעבן איז אין קאָן? און ער איז דאָך נעבעך דער גורם! צוליב אים איז דאָך נעבעך דער יונג אַריינגעשליידערט געוואָרן אַהער. ווי זשע קאָן ער שווייגן ? ווי מעג ער שווייגן? ווי וועט ער גאָר האָבן אַ פּאַרענטפער פאַר גאָט?

— מענטשן! איר זענט דאָך מענטשן! האָט ער געטאָן אַ ברעך אויס אין אַ יאָמער און דערביי אויסגעשטרעקט די הענט אין געבעט צו די נאַצי־זעלנער, וואָס האָבן אים געזען נאָר ער זיי — נישט.

אַ קורצע ווײַלע איז געוואָרן שטיל אין קאַמער. דאָס פּלוצעמדיקע אַרויסשווימען פון שוואַרצן חלל אַרויס פון אַ געשטאַלט, געהילט אין אַ ווייסן טלית מיט שוואַרץ בלישטשענדיקע תּפילין איבערן שטערן און זיין יאָמערנדיק געבעט, האָט ביי אַלעמען אָפּגענומען די אָטעמס. באַלד אָבער האָט זיך פון דעם בינטל נאַציס אַרויס דערהערט אַ שאַרף חוזקדיק געלעכטער און שוין האָט אַ האַנט פון דעם זעלביקן בינטל געטאָן אַ שטויס דעם אַלטן רבֿ מיט אַזאַ כּוח אַז ער איז מיט אַ הילך געפאַלן הינטער זיך, אויף יאָסל פליישערס פיס אַרויף, און שוין, אַוועק איז די הייליקע, די פאָרכטיקע שטילקייט און ווידער איז אַנגעשטאַנען אַ גליווערנדיק מענטשלעך געיאָמער, דאָס געיאָמער פון הילפלאָזע אין אָנבליק פון דער תּליה.

— שטאַרקט זיך קינדער, האָט פאָטער יאַן סקרזשיפּאַ מיט צאַרטקייט אין קול געבעטן די קניענדיקע אַרום אים. מיט פאָטערלעכער ליבע האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע ווייסע הענט אויף זייערע געזונקענע קעפּ: — קינדער, אַ פּאָליאַק דאַרף שטאַרבן ווי פּאָליאַקן האָבן אַלע מאָל געקאָנט שטאַרבן.

אויך יאָסל פליישער איז צו זיך געקומען פון דער פּלוצעמדיקער צערודערונג וואָס די דערשיינונג פון אַלטן רבֿ פון דער פינצטער אַרויס, האָט אויף אים געלאָזן. ער האָט זיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן דעם

ב. דעמבלין

אומגעוואָרפֿענעם ייִדן פֿון פֿאַר זײַנע פֿיס און הויך און מיט ווירדע אַ זאָג געטאָן:

— שטייט אויף, זיידע! אַ ייִד באַדאַרף נישט נאָר קאָנען לעבן, ער באַדאַרף אויך קאָנען שטאַרבן!

די טראַציקע רויִקייט פֿון די צוויי פֿאַראורטיילטע האָט די נאַצי־יונגען פֿאַרפּלעפֿט. כדי זיי אַרויסצושלאָגן פֿון דער ווירדיקייט האָבן די נאַציס גענומען שנײַדן און שטעכן מיט די שאַרפֿע ליכטער פֿון זייערע שיינוואָר־פֿערס אין די פֿאַראורטיילטע, בלאַסע געזיכטער. נאָר זעענדיק ווי נישט דער אַלטער גייסטלעכער און נישט דער יונגער ייִד טוען אַפֿילו נישט קיין פּינטל מיט אַן אויג, זענען זיי אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ ברענענדיקער רציחה. ווי געשפּענסטער פֿון דער פֿינצטערניש אַרויס, האָבן זייערע הענט זיך אַ שטרעק געטאָן צו די צוויי רויִקע, טראַציק שטייענדיקע מענטשן און זיי גענומען טרייסלען און זעצן איבער זייערע קעפּ מיט פֿויסטן און מיט קענטלעך פֿון שווערע רעוואָלווערן.

ערשט איצט האָט אין קאַמער אויסגעבראָכן אַ מוראדיק געשריי. און מיטן געשריי איז געוואַקסן די הריגה און מיט דער הריגה — דאָס סאָפּען און פּראַכען פֿון די שלעגער. ענדלעך זענען זיי דאָך מיד געוואָרן:

— אופּשטיין! האָט אַ שווער־פּראַכענדיק קול פֿון בינטל אַרויס אַ געשריי געטאָן.

מיט די לעצטע כּוחות האָבן יאָסל פּליישער און דער אַלטער גלח זיך געשטעלט אויף זייערע פֿיס. ווידער האָבן די שיינוואַרפֿערס זיי אַרומ־געלעקט. און פֿון זיי האָט איין פּאַס ליכט פֿון אַ שיינוואַרפֿער זיך פֿאַר־טשעפּעט אָן דעם אַלטן רבֿ, וואָס איז געשטאַנען אין טלית און תּפֿילין מיט פּונקט אַזוי פֿיל ווירדע און פּונקט אַזוי עקשנותדיק שטיל ווי יאָסל פּליישער און ווי פּאַטער יאַן סקרזשיפּאַ.

לאַנג האָט דער זײַל ליכט אַרומגעלעקט דעם ייִדן. פּלוצעם האָט אַ קול געטאָן אַ שאָס אויס:

— „כאַ, כאַ, כאַ! דיזער פּאָלנישער גײַסטלעכער ווינטשט איין העלדנ־טאָט, ער וועט דאַן הענגען ווי איין יודע, ווי איין יודען־קנעכט!"

פּאַמעלעך, מיט דער רויִקייט פֿון אַ חיה וואָס האָלט פֿעסט און זי־כער איר קרבן צווישן די ציין, איז דער נאַצי צוגעגאַנגען צו דעם רויִק־שטייענדיקן רבֿ, געטאָן אַ שלעפּ אַראָפּ דעם טלית פֿון זײַנע אַקסלען און אים אַרויפֿגעוואָרפֿן און מיט אים אַרומגעהילט דעם אַלטן קאַטוילישן גײַסטלעכן.

— „דאָס איז דאָך הערלעך!" — האָט אַ צווייטער נאַצי אויסגע־שריגן און זיך אַזש באַלעקט פֿון דעם אײַנפֿאַל: — „איין קאַטוילישער גײַסטלעכער אין איין יודישעם רעליגיאָנס־טוך!"

יאָסל פּלײשער

— „מאַרש!" — האָט דער נאַצי אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

יאָסל פּלײשער האָט גענומען גײן. נאָך אים, מיט די לעצטע כּוחות, אײַנגעװיקלט אין װײַס־בלויען טלית פֿון אַ װאַרשעװער רבֿ, איז געגאַנגען דער פּאָטער סקרזשיפּאַ, דער אַלטער גלח פֿון דער קאַטױלישער קירך „דאָס הײליקע האַרץ".

די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט. דער פּאַס רויט, עלעקטריש ליכט איז אויסגעגאַנגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין יענעם כמורנעם באַגין איז װאַרשע באַנײַט געװאָרן מיט אַ פֿריש אויפֿגעשטעלטער תּליה, די ערשטע תּליה אין דער באַפֿאַלענער, פֿאַרפּײניקטער שטאָט. אויף דער תּליה, מיט געלע, שמײכלענדיקע געזיכטער, װיגנדיק זיך אין װינט, הין און צוריק, אײנער צום אַנדערן, זענען געהאַנגען צװײ זין פֿון פּױלן, יאָסל פּלײשער, אַ יונגער שיליצער ייִד און פּאָטער יאַן סקרזשיפּאַ, אַן אַלטער פּױלישער גלח. יאָסל פּלײשער — אין זײַן קורצן, גלאַנציקן, קצבֿישן װאַטװוקעלע, און דער גלח אין זײַן לאַנגער, שװאַרצע מאַנטילאַ, מיטן זילבערנעם צלם אויף דער ברוסט און אַ װײַס־בלויען טלית פֿון אַ װאַרשעװער רבֿ איבער די אַקסלען.

דער צלם האָט זיך געבאַמבלט, דער טלית האָט געפֿלאַטערט. פֿאַרבײַגײענדיקע קריסטן האָבן בגנבֿה אַנידערגעקניט... ייִדן האָבן טראַציק געשװיגן.

אינהאַלט:

אַ רעפּיודזשי אין טיי־ענגלאַנד (ראָמאַן) — — — — — — — 7
אין די שפּעטע יאָרן — — — — — — — — — — — — — — — 209
דער טאַטע איז געקומען — — — — — — — — — — — — — 257
צירעלע — — — — — — — — — — — — — — — — 293
דער טרעגער — — — — — — — — — — — — — — — 379
יאָסל פלײשער — — — — — — — — — — — — — — — 391

ביכער פון זעלבן מחבר:

אויפן שוועל — פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע, 1933.

וועסט־סאַיד — מאַקס נ. מייזעל, ניו־יאָרק, 1938.

צוויי און אַ דריטער — פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1943.

ערב נאַכט — פאַרלאַג „דעת" תל אביב־ניו־יאָרק, 1954.

וועסט־סאַיד (עברית) — פאַרלאַג „דעת" תל אביב־ניו־יאָרק, 1954.

צאַנקענדיקע ליכט — ציקאָ־ביכער־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1958.

אויף אייגענעם באַראָט — שמואל זמזון בע"ם, תל אביב־ניו־יאָרק, 1961.

DEMBLIN

DE TRES CONTINENTES

EDICION DEL FONDO MENDELSON
DE LA SOCIEDAD PRO CULTURA Y AYUDA,
A. C.

AMSTERDAM 180-502
MEXICO 11, D. F.

Se terminó de imprimir este Libro, el 30 de mayo de 1963 en los Talleres de Imprenta Moderna —Manuel Pintel— Calle del Dr. Garciadiego No. 28, México 7, D. F.

Número de Ejemplares: 1.000

Printed in Mexico

Impreso en México